STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09015

DER VILNER BALEBESL

Saul Saphire

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

ווילנער באַלעבעסל

אריגינעלער היסטארישער ראמאן פון 19טען יארהונדערט

פון

שאול ספיר

בוך איינס

DER VILNER BALEBESL

Historical Novel

By SAUL SAPHIRE

געווידמעט דעם אנדענק פון
מיין געבורטסשטאדט ווילנע
און אירע קדושים.

Copyright 1947
By SAUL SAPHIRE

קאַפּיטעל איינס

ערב פּסח אין ווילנע

פּטור געוואָרען פון דעם שווערען ווינטער מיט די שנייען, קעלטען און זאַווערוכעס, וואָס האָבען זיך שוין איינגעגעסען אין די ביינער, אראָפּגעוואָרפען פון זיך די שווערע בגדים מיט די לאַנגע שטיוועל און וואַליקעס, ווערען די שטימונגען אזוי געהויבען, די געמיטער אזוי לייכט ביי די ווילנער אידען.

דער ליעבער פריהלינג איז געקומען. דער הימעל לויטער און קלאָר, די זון וואַרעמט, א מחיה. די לופט איז ריין און פריש... די לוזשעס און ריטשקעלאך וואסער ווערען אויסגעטריקענט. דאָס און דאָרט קאָן מען מערקען א קופּקעלע בלאָטע מיט ווייסע פלעקען, סימנים פון דעם צעגאַנגענעם שניי...

דער פריהמאָרגען איז יונג... מיט דעם טלית זעקעל און תפילין אונטער די אָרעמס, איילען זיך אידען אהיים פון שוהל פון בתי מדרשים... א גאַנץ יאָהר געהען אידען פון שוהל מיט לאַנגזאַמע טריט... ווייזען דעם רבונו של עולם ווי שווער עס איז זיך צו שיידען פון שוהל און פון בית המדרש. אָבער איצט איז ערב פּסח. מען דאַרף אריינברענגען דעם ליעבען, טייערען יום טוב, איילט מען זיך, ארבייט איז פאַראַן גענוג. ערשטענס דאַרף מען ארויסנעמען די טאָפּעלטע פענסטער וואָס זיינען אריינגעשטעלט געוואָרען אין שטוב גלייך נאָך סוכות און ארומגעקלאַפּט געוואָרען מיט וואַטע און שמאַטעס עס זאָל ניט בלייבען קיין שפּאַרונקע דורך וואַנען די לופט זאָל אריינדרינגען. דאַן דאַרף מען געהן אין פּאָדריאַד באַקען מצות... דאָס געדויערט א גאַנצען טאָג. מען קאָן ניט אָפּטרעטען פון דער בעקעריי אויף א מינוט. מען דאַרף היטען עס זאָל חלילה ניט קומען צו קיין חשש חמץ...

אין אָוונט ווערען די צוויי פוד מצה פאַרטיג. לייגט מען זיי אריין אין א גרויסען קויש וואָס ווערט פאַרדעקט מיט א פּאָר ווייסע ליילעכער און זרח, דער טרעגער, בינט עס ארום מיט א שטריק און מען העלפט איהם עס ארויפצולייגען אויף זיינע פּלייצעס מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט, די מצות זאָלען זיך ניט צעברעכען.

דאָס קעמערל וואו די מצה ווערט געהאַלטען איז שוין פּסח'דיג. אלע חמצ'דיגע זאַכען זיינען פון דאָרט ארויסגענומען. די קינדער ווייסען, אז זיי טאָרען אהין ניט אריינגעהן ביז נאָך ביעור חמץ.

די זארג פון מצה איז אראפ, נעמט מען זיך איצט רייניגען דאס הויז... די מאמע נעסט ארויס אלע קופערנע פענדלאך און טעפ וואס זי וועט דארפען נוצען אויף פסח און מען טראגט זיי אוועק צו ר׳ ברוך דעם בלעכער צו ״ווייסען״ זיי און מאכען זיי פסח׳דיג.

דאן נעמט מען ארויסטראגען אין דרויסען די טישען, די בענקלאך, די קאמאדען און די אלמערס. די יונגע חברה לויפען אלע ווילע צום פלומפ און מען פומפעט אן אן עמער אדער א קרוג וואסער, מען גיסט דאס וואסער אויף די טישען און מען שייערט זיי, מען סקראבעט אפ די פארטריקענטע חמץ וואס האט זיך אנגעזאמעלט דורכ׳ן יאהר. מען מאכט אלץ פסח׳דיג. די טישען, די בענקלאך און די אנדערע מעבעל בלאנקען. פונדעסטוועגען איז דער טאטע דערמיט ניט יוצא. ער קלאפט צוזאמען לאנגע ברעטער צו פארדעקען דעם טיש, ווייל עס קאן דאך אמאל פאסירען, אז א קינד זאל אפדעקען דעם טישטוך און קומען אין באריהרונג מיט׳ן חמצ׳דיגען טיש...

איצט, אז דאס מעבעל איז אין דרויסען און טריקענט זיך אויף דער זון, גרייט דער טאטע צו די צעבערען מיט ווייסען קאלך, מיט פענזלאך מיט לאנגע שטעקענס און ער אליין פאנגט אן צו קאלכען דאס הויז. דאס פארבליבענע מעבעל איז הויז ווערט ארומגעדעקט מיט שמאטעס. די שפיגלען און דאס בילד פון ווילנער גאון מיט דעם בילד פון בית המקדש, וואו עס איז אויסגעמאלען מיט קאלירען אלע אפטיילונגען פון בית המקדש, מיט דער גאלדענער מנורה, דעם מזבח און כלים, מיט שלמה המלך׳ס טראהן און די איין און זיבעציג שטולען מיט די סנהדרין וואס זיצען ארום איהם אין א האלבען צירקעל, און צוויי פרויען שטעהען נעבען שלמה׳ן און א איד מיט א געדיכטע שווארצע בארד האלט א קליין נאקעט קינד אין איין האנט און אין זיין צווייטער האנט א שווערד גרייט צוצעשניידען דאס קינד אין צוויי טייל...

אויף דעם בילד פון בית המקדש איז מען קיינמאל ניט מיעד צו קוקען, כאטש די גלאז און די ראם פון בילד איז געווען באשפרינקעלט מיט פינטעלעך פון פליגען און שפינוועבס, האט מען דאך געקאנט קריגען א באגריף פון דעם בית המקדש און אלץ וואס איז דארט פארגעקומען, מיט די כהנים און לויים און די בגדי כהונה.

זעהר פארזיכטיג איז דער טאטע געווען מיט אט דעם דאזיגען בילד. ווען ער פלעגט דערצעהלען פאר די קינדער די מעשיות פון ערשטען בית המקדש פלעגט ער צושטעלען א בענקעל צו דער וואנט וואו דאס בילד איז געשטאנען און די קינדער האבען זיך אוועקגעשטעלט, און ער פלעגט זיי אנצייגען מיט׳ן פינגער יעדע זאך וואו און וואס עס איז געווען...

איצט, אז מען דארף קאלכען די וואנט און דער טאטע האט דאס בילד ארונטערגענומען, האבען זיך חברה א לאז געטאן, געוואלט עס גע־נויער באטראכטען פאר דעם ליכט פון פענסטער. בייזוערט זיך דער טאטע אן און טרייבט ארויס די קינדער. ער האט מורא צו געטרויען דאס בילד.

ער טונקט איין א שמאטע אין עסיג און רייניגט דאס גלאז און די ראם פון די פליגען פלעקען. וויקעלט דאס בילד ארום און לייגט עס אריין אין אלמער. ערשט דאן נעמט ער זיך צו קאלכען דאס צימער. פריהער נעמט ער קאלכען דעם סופיט און נאכהער די ווענט. אמת, עס קומט ניט ארויס אזוי גערעטען. ער איז ניט קיין געניטער מאלער און דער סופיט קוקט אויס ווי עטוואס פארוואלקענט, דערפאר אבער ווען עס טריקענט אויס ווערט אלץ ווייס און עס ווערט ליכטיגער אין צימער. דער טאטע קוקט מיט שטאלץ אויף זיין ארבייט...

די מאמע האט נאכהער אן ארבייט צו וואשען די פאדלאגע און אפסקראבען די קאלך פלעקען און די איינגעדארטע בלאטע, אבער די קינדער העלפען איהר. זיי טוען אן די צעפליקטע הויזקעס וואס וועלען דארפען באלד פארוואנדעלט ווערען אין שמאטעס, ברייגנען אריין א צעבער וואסער מיט זייף און מען נעמט זיך צו דער פאדלאגע. מען סקראבעט אפ די איינגעדארטע בלאטע און מען רייבט און סקראבעט אזוי לאנג ביז וואנען עס פאנגט זיך אן צו באווייזען די הילצערנע פאדלאגע. אז מען ווערט פארטיג דערמיט ווערט דאס צימער ווי אפגעפרישט. די פענסטער זיינען אפען. די זון שיינט אריין. די מאמע ברענגט א קערבעל מיט פאלעווינעס און באשיט די פאדלאגע. מען טראגט אריין פון דרויסען דעם לאנגען טיש און די בענקלאך. דער טאטע לייגט די ברעטער אויף דעם טיש און דאס צימער איז פסח'דיג...

די קיך איז שוין אויך פסח'דיג. די מאמע און די קינדער באשעפטיגען זיך מיט ארונטערצונעמען פון דעם אויווען די קאשיקעס וואו עס ליגען די כוסות, די פלעשלאך, די גראפינען פאר וויין, די טעלער, שיסלען, פאלומישאקען און אנדערע פסח'דיגע כלים וואס ליגען א גאנץ יאהר איינגעוויקעלט אין שטרוי און אין היי. מען ווישט אפ דעם שטויב און נאכהער לייגט די מאמע אריין די כוסות און די געפעס אין זודיגע וואסער און מען ווישט זיי אויס מיט פסח'דיגע האנטוכער.

דער טיש ווערט באדעקט מיט א לאנגען ווייסען טישטוך. די מעשענע פיער לייכטער שטעהען אויפ'ן טיש אויסגעשייערטע, זיי בלאנקען ווי גאלד... די אויסגעוואשענע, אויסגעריייניגטע כוסות מיט די פלעשער רויטען וויין שטעהען אלס עדות, אז מארגען ביינאכט וועט זיין דער ערשטער סדר.

פון קיך דערטראגט זיך א געפילדער און א קוואטשען פון הינער און הענער. די מאמע האט געהייסען די קינדער אנכאפען צוויי הינער און צוויי הענער צו ברייגנען זיי אין שחיטה שטיבעל צום שוחט. דאס עלטערע איינגעל מיט א ברענענדע ליכטעל אין האנט, קריכט אריין אין קאטוד וואס איז אונטער דעם גרויסען אויווען, וואו עס געפינען זיך די הינער. ער כאפט אן א הון און גיט איבער דער מאמען. זי בינדט צונויף די פיסלאך. די הוהן מאכט א געפילדער, צאפעלט זיך און קוואקטשעט.

די מאַמע לייגט אַוועק די הוהן אויפֿן פּאָדלאָגע און נעמט זיך צו דער צוויי־טער און דער דריטער.

זי שיקט די קינדער מיט די עופות צום שחיטה שטיבעל. זי גיט זיי מיט עטליכע גראַשען צו באַצאָהלען דעם שוחט.

— זאָמט זיך ניט לאַנג, — זאָגט אַן די מאַמע. באַלד קומט ר׳נ׳ר טאַטע פון שוהל און ער וועט מבער חמץ זיין...

די קינדער כאַפּען די געבונדענע הינער און לויפען העגדום פּענדום צום שוחט.

דאָס שחיטה שטיבעל איז געפּאַקט... ווייבער, אידען און קינדער, יעדער האַלט זיינע עופות אין די הענט. דער גערפילדער איז גרויס, די הינער ליאַרמען און שרייען... דאַ און דאָרט הערט זיך אַ קרעהען פון אַ האָן, דאָס טוט ער זיין לעצטען קרעה...

דער טומעל און רעש איז גרויס... די ווייבער איילען זיך, זיי בעטען זיך ביים שוחט ער זאָל שוין קוילענען זייערע עופות... עס איז דאָך ערב יום־טוב, זיי קאָנען דאַ ניט אָפּשטעהען אַ גאַנצע נאַכט... מען שטופּט זיך... יעדער וויל זיין וואָס נעהענטער צום שוחט... עס ווערט אַ קריגעריי און אַ זידלעריי צווישען די ווייבער... דער שוחט האַלט דעם חלף צווישען די ציינער, נעמט די עטליכע גראַשען פון דער אידענע וואָס שטעהט נעבען איהם, ער טוט שנעל אַ כאַפּ דעם עוף פון איהר האַנט, גיט אַ דרעה דאָס קעפּעל פון עוף, צופּט אויס עטליכע פּעדערען פון דער וואַליע, נעמט אַרויס דעם חלף פון צווישען די ציינער, גיט אַ שניט און אַ וואָרף דעם עוף צו דער איינגענטימערין. זי ווערט באַשפּריצט מיט בלוט. זי כאַפּט אַן דעם עוף און הענגט איהם אויף פאַר די פיסלאַך אויף אַ הוק וואָס איז איבער אַ רינע וואוהין דאָס בלוט פון די געשחטענע עופות פליסט אַריין...

צו געהן אין שחיטה שטיבעל איז פאַר די קינדער אַ באַזונדערער יום טוב. אָבער פאַרשפּעטיגען דעם ביעור חמץ ווילט זיך אויך ניט... שטופּען זיי זיך דורך... זיי מאַכען זיך ניט הערענדיג וואָס ווייבער שרייען אויף זיי.

"זעה נאַר, זעה, זיי האָבען אויך קיין צייט ניט!"

טאַמער כאַפּט אַן אַ אידענע איינעם פאַרן קאָלנער און וויל איהם ניט לאָזען זיך דורכשפּאַרען, גיט ער זיך אַ בויג אַרונטער צום באָדען און אַט איז ער שוין נעבען שוחט...

אָפּגעפּאַרטיגט מיט דער שחיטה לויפט מען אַהן אַטעם אַהיים, אין דרויסען איז שוין נאַכט, אָבער אַ פרעכטיגע לבנה שוועבט אין דעם בלויע לויטערען הימעל... זיי קומען אַריין אין שטוב לייגען אַוועק די עופות אין אַ מולטער... און ווילען אַריין אין צימער וואו דער טאַטע גרייט זיך צום ביעור חמץ.

— וואָשט פריהער אָפּ דאָס בלוט פון די הענט! — זאָגט די מאַמע און שעפּט אַן אַ בלעכענע פּסחדיגע קענדעל מיט וואַסער. די קינדער האַלטען די הענט איבער דער פּאַמוויניצע און די מאַמע גיסט זיי אָפּ מיט וואַסער און זיי ווישען זיך אָפּ מיט אַ ריינעם האַנטוך.

דער טאטע קומ אריין אין קיך. אין זיין האנט האלט ער א הילצערנע לעפעל און א ברענענדע וואקסענע ליכטעל. ער גיט איבער דעם הילצער־נעם לעפעל צו איין אינגעל און דאס ליכטעל צו א צווייטען און אליין רייסט ער אויס א לאנגעס פעדער פון דעם עוף.

דאן געהט ער אריין אין א צווייטען צימער. די שטיקלאך חמץ האט ער אליין אויסגעלייגט אין פארבארגענע פלעצער א ווילע פריהער כדי נאכהער צו געפינען דעם חמץ, עס זאל ניט זיין קיין "ברכה לבטלה". ער קומט ווידער צו אין א ווינקעל אונטער דעם קאמאד.

— המ... נו, אי א — טוט דער טאטע א ברום און צייגט אן מיט זיין פינגער, אז דאס אינגעל זאל צולייכטען בעסער ער זאל זעהן וואו דער חמץ געפינט זיך. נאך דער ברכה טאר מען ניט מפסיק זיין, רעדט דער טאטע אויפן וואונק... אין צימער הערשט א שטילקייט, קיינער טאר ניט ריידען.

ווען ער ווערט פארטיג מיט דעם ביעור חמץ און די חמצ'דיגע ברעק־לאך ליגען שוין אין הילצערנעם לעפעל, פארלעשט דער טאטע דאס ליכ־טעל, לייגט צו די פעדער און ליכטעל צום לעפעל, וויקעלט ארום מיט א ווייסע טיכעל און בינדט עס ארום מיט א שטריקעל און לייגט עס אוועק אין פלאץ ביז מארגען אין דער פריה, ווען מען וועט פארברענען חמץ.

אויף מארגען שטעהען אלע אויף זעהר פריה, מען געהט מיטן טאטען דאווענען דעם ערשטען מנין כדי מען זאל נאך האבען צייט צו עסען דעם לעצטען חמץ, וואס באשטעהט פון עטליכע קוכעלאך און מילך... דאן ראמט מען אלץ אויף און מען טראגט ארונטער דעם חמצדיגען מולטער און די אנדערע פארבליבענע חמצדיגע כלים אין קעלער. אין הויף ברענט א פייער און אהיןווארפען די קינדער אריין דאס פארוויקעלטע לעפעל מיט חמץ... זייווארטען ביז וואנען עס ווערט פארברענט און לויפען צוריק אין שטוב.

די שטוב איז שוין איצט אינגאנצען פסחדיג. יעדער ווינקעל איז אויסגעוואשען, אויסגעקאלכט, ריין און ציכטיג. די מאמע עפענט אויף דעם טאפ געגנזען שמאלץ וואס איז נאך געווען אנגעגרייט פון חנוכה ווען מען האט געקוילעט די פעטע גענז צו האבען שמאלץ אויף פסח. זי צע־שלאגט די אייער אין א נייער ליימענער שיסעל... איבערן גאנצען הויז צעטראגט זיך דער ריח פון געפילטע פיש, פון פסח'דיגע קניידלאך. דע־טאטע רייבט די כריין און מאכט צערעכט דעם מרור... נאכדעם נעמט ער זיך צו דעם חרוסת... ער צעקלאפט וועלישע ניס, נעמט ארויס די יאדרעס, מישט זיי צוזאמען מיט צימרינג מיט עפעל און צעקלאפט עס אלץ מיט א האק־מעסער. דאן באגיסט ער מיט וויין און די חרוסת איז פארטיג.

עס איז שוין נאך האלבען טאג. די מאמע האט שוין צוגעגרייט די ווייסע העמדער און דעם טאטען'ס אויסגערייניגטע יום טוב'דיגע קאפאטע. די נייע גארניטערלאך פאר די אינגלאך און די קליידלאך פאר די מיידלאך. אלע זיינען שוין ארומגעוואשען און ארומגעצוואגען און אנגעטאן די נייע גארניטלעך. די קעשענעס זיינען אנגעפילט מיט ניס, וועלישע און טערקישע

וואָס די מאַמע האָט געגעבען די קינדער פאַר דעם וואָס זיי האָבען אַרויס־געהאָלפען אין דער אַרבייט...

דער ריח פון די געשמאַקע פסח'דיגע מאכלים צעטראָגט זיך איבער'ן גאַנצען שטוב. דער אַפּעטיט ווערט צערייצט, די קינדער ווערען הונגעריג... דאָס חיות געהט אויס, מען וויל עסען. ווענען עסען חמץ איז דאָך אָפּגע־רעדט. קיין מצה טאָר מען אויך ניט עסען ביז ביינאַכט צום סדר. די מאַמע אָבער ווייסט, אַז די קינדער וועלען זיין הונגעריג און זי האָט דע־ריבער צוגעשטעלט קאָכען בולבעס און יעדער קריגט בולבע קאַשע מיט שמאַלץ...

כאָטש די אינגלאַך זיינען שוין אָנגעטאָן אין זייערע נייע גאַרניטער־לאַך און די היטעלאַך און וואַרטען שוין מיט גרויס אומגעדולד אויף דעם אָוונט, ווען זיי וועלען געהן אין שוהל מיט'ן טאַטען און קאָנען זיך אויס־פיינען מיט זייערע נייע בגדים'לאַך און מיט די פולע קעשענעס ניס. זיינען די מיידלאַך נאָך פאַרנומען אין קיך מיט דער מאַמען. זיי העלפען דער מאַמען מיט אַלץ וואָס עס איז נויטיג און ערשט ווען אַלץ ווערט פאַרטיג נעמען זיי זיך פאַרקאַמען און אָנטאָן די נייע קליידלאַך וואָס די מאַמע האָט פאַר זיי אויפגענייט.

קאַפּיטעל צוויי

ביים סדר

דאָס הויז און די משפּחה וואָס מיר האָבען באַשריבען האָט געקענט זיין יעדע דורכשניטליכע אָרימע משפּחה אין ווילנא, און כמעט צו יעדער צייט. מיר האָבען אָבער אין זינען געהאַט דאָס הויז פון ר' יהושע זעליג דעם סטאָליאַר, וואָס איז געווען אין סטראַשון'ס הויף אויף דער דייטשער גאַס, ניט ווייט פון שוהל־הויף, אין דעם יאָהר 1829.

ר' יהושע זעליג איז געווען אַן עהרליכער פרומער איד, ער האָט אָפּ־געהיט אידישקייט מיט אַלע פּרטים. ער איז געווען אַ מטופל מיט פינף קינדער, צוויי אינגלעך און דריי מיידלעך. דאָס איינגסטע איז געווען אַ מיידעלע פון דריי יאָהר, און דאָס עלטסטע, מירעלע, איז שוין געווען באַלד פערצעהן יאָהר אַלט, אַ שעהנע מיידעל מיט צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ און מיט צוויי גליהענדע קאַרשען אויגען.

אַ גאַנץ יאָהר איז די פּרנסה ניט געווען אַזוי געהויבען. צופיעל אַר־בייט איז ניט געווען, אָבער ר' יהושע זעליג האָט חלילה צו צדקה ניט באַדאַרפט אָנקומען. מען איז ווי עס איז דורכגעקומען.

זיין פרוי זלאַטע איז געווען אַן אשת חיל, זי האָט געקענט צוגרייטען אַ גוטען געריכט פון כמעט גאָרניט, איהר טשאָלענט און קוגעל האָט גע־שמ'ט איבער'ן גאַנצען הויף, און אַז זי פלעגט מאַכען אַ צימעס אָדער אַ רעטשיסניק האָבען עס מלכים געמעגט עסען.

מירעלע פלעגט אַרויסהעלפען דער מאַמען אין קיך, און די שכנות

פלעגען אויף איהר זאָגען, אז זי איז א בריה און זי וועט זיין א זעלטענע גוטע באַלעבאָסטע.

די צוויי אינגלעך, בערעלע, ניין יאָהר אלט, און לייבעלע, עלף יאָהר, זיינען געווען גוטע קינדער.ביידע האָבען שוין געלערנט גמרא, און אויף דעם אינגערען האָט דער רבי געזאָגט, אז ער וואקסט א "כלי". פונדעסט־וועגען האָט עס זיין רבי'ן ניט אָפּגעהאַלטען איהם צו דערלאַנגען פּעטש און בוכטשעס, ווייל ער איז געווען א לוסטיג אינגעל און האָט ליעב געהאַט א שטיף צו טאָן.

די עטליכע וואָכען פאַר פּסח האָט ר' יהושע זעליג געהאַט געגוג אר־בייט. און געלויבט איז השם יתברך, הלואי אויף איבער־א־יאָהר ניט ער־גער... עס האָט גאָרניט געפעהלט... מצה, שמאַלץ, אייער, וויין, גאָרניטור־לעך און קליידעלעך פאַר די קינדער און אפילו פאַר זלאַטע'ן האָט ר' יהושע זעליג געקויפט א שעהנע שווארצע שאַל מיט שפּיצען, א מתנה פאַר איהר אויף יום טוב.

ר' יהושע זעליג האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיגט דאָס שטויסען די מצה אין דעם גרויסען רונדען הילצערנעם שטויסעל. דאַן האָט ער אוועק־געלייגט א זיפּ אויף א קלאָרען ווייסען ליילעך און גענומען שאָקלען די זיפּ און דורכזיפּען די מצה. איז דאָס וואָס איז געפאַלען אויף דעם ליילעך איז געווען דאָס מצה־מעהל און דאָס וואָס איז פאַרבליבען אין זיפּ איז געווען מצה־פאַרפעל.

פאַרטיג געוואָרען מיט אלע זיינע אַרבייטען האָט ער זיך גענומען איבערטאָן אין זיינע יום־טוב'דיגע בגדים. די קינדער זיינען שוין פון לאַנג געווען גרייט.

ר' יהושע זעליג איז אוועק מיט זיינע צוויי אינגלעך, בערעלע און לייבעלע, אין דער גרויסער שוהל. קיין "שטאָדט" אין דער גרויסער שוהל האָט ר' יהושע זעליג ניט געהאַט, אָבער ער האָט געוואָלט הערען דעם חזן לכבוד יום טוב, האָט ער שוין פאַר זיך געפונען א פּלאַץ פון הינטען. זיינע אינגלעך האָט ער געגעבען א סידור און זיי אָנגעזאָגט צו דאַווענען אין פּאָליש.

א פרעהליכע יום־טוב'דיגע שטימונג הערשט אין שוהל. באַלעבאַ־טישע אידען אָנגעטאָן אין יום־טוב'דיגע ריינע בגדים קומען זיך צונויף אין שוהל. עס איז נאָך פריה, איז א האַלבע שעה אַרום וועט מען זיך שטעלען דאַווענען. דערווייל כאַפּען אידען א שמועס וועגען פּאָליטיק. מען רעדט וועגען דעם קיסר, דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען, און וועגען זיינע גזרות אויף אידען. וועגען די "כאַפּערס" וועלכע כאַפּען יונגע אידישע קינדער און מען גיט זיי אָפּ פאַר סאָלדאַטען וועלכע דינען דעם צאַר גאַנצע פינף און צוואַנציג יאָהר. מען רעדט וועגען די מלחמות און אויך וועגען קהל'שע ענינים. יעדער איז אויפגעלעגט און איז פרעהליך געשטימט.

אָבער פרעהליכער און גליקליכער פון אַלעמען זיינען די אינגלעך. יעדער איז אָנגעטאָן מיט א שעהנעם גאָרניטורעל, די קעשענעס אָנגעפילט

מיט ניס. יעדער איינער באַרימט זיך מיט זיין גאַרניטורעל, מיט זיינע ניס.
ליבעלע און בערעל זיינען געשטאַנען אין פּאָליש, די הענט אין די קעשענעס מאַכענדיג אַ געראַוש פון די ניס. ניט ווייט פון זיי איז געשטאַנען אַן אָרים אינגעל פון אַ יאָהר צוועלף־דרייצעהן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַלטען בגד'ל, מיט אַ קליין צעריסען היטעלע. ער איז געשטאַנען איינער אַליין אין אַ ווינקעל. אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטען אַ קליין סדור'ל, זיין פּנים איז געווען בלייך און זיינע אויגען צעשראָקען.
אַ קוק טוענדיג אויף איהם האָט זיך דערוועקט אין ליבעלע'ס האַרץ אַ שטאַרקער רחמנות אויף דעם אָרימען אינגעל... ער האָט אַ נייעם מלבוש, זיינע קעשענעס זיינען פול מיט ניס און דאָס אָרימע אינגעלע געהט אָנגעטאָן אין אַן אַלטען מלבוש, ער איז בלאַס און דערשלאָגען.
ליבעלע איז צו איהם צוגעגאַנגען און ער האָט זיך צו איהם אָנגערופען:
— ווי רופט מען דיך?
— יואל דוד, ענטפערט איהם דאָס אינגעל.
— אפשר ווילסטו אַ פּאָר ניס?
— ניין, איך וויל ניט.
— איך האָב צוויי קעשענעס פול מיט ניס, — רופט זיך אָן ליבעלע, אַרויסנעמענדיג אַ הויפען מיט עטליכע ניס און דערלאַנגט איהם, — שעהם זיך ניט, נעמס זיי, דו וועסט מיט זיי קענען שפּילען און וועסט נאָך געווינען אַ סך ניס.
יואל דוד האָט גענומען פון איהם די ניס און אַ דאַנקבאַרער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיין פּנים.
— וואו איז דיין טאַטע? — פרעגט איהם ליבעלע.
— איך האָב ניט קיין טאַטען, איך בין אַ יתום, איך האָב ניט קיין טאַטען און ניט קיין מאַמען.
טרערען האָבען זיך גענומען באַווייזען אין ליבעלע'ס אויגען.
— און וואו וואוינסטו?
— ביי מיין מומע. זי איז זעהר אָרים און זי האָט קוים גענוג פאַר זיך און פאַר מיין אינגערען ברודערל, וועלכער איז פינף יאָהר אַלט. האָט זי מיך געשיקט אין שוהל. זי האָט מיר געהייסען צוגעהן צום שמש און איהם בעטען ער זאָל פאַר מיר באַשטעלען אַ באַלעבאָס וואו צו עסען פּסח.
— נו, האָסטו שוין גערעדט מיט'ן שמש?
— ניין, איך שעהם זיך.
— וואַרט דאָ צו אַ ווײַלע, — רופט זיך אָן ליבעלע און ווענדענדיג זיך צו זיין אינגערען ברודערל, בערעלע, זאָגט ער:
— דו שטעה דאָ אַ ווײַלע מיט יואל דוד'ן. איך דאַרף עפּעס רייי־דען מיט'ן טאַטען.
אין אַ ווײַלע אַרום איז ליבעלע צוריקגעקומען מיט שטראַלענדע אויגען און זיך געווענדעט צום יתום:

— דו וועסט זיין ביי אונז אויף פּסח, דו וועסט גייהן מיט אונז צום סדר.

— ניין, איך וועל ניט גייהן, — האָט יואל דוד געזאָגט.

— פאַרוואָס ניט? — פרעגט איהם לייבעלע מיט זאָרג.

— מיין מומע האָט מיר געזאָגט איך זאָל זיך היטען ניט אריינצו־פאַלען אין א רייכע הויז, ווייל עס זיינען פאַראַן א סך רייכע וועלכע זוכען אויסצוקויפען זייערע זיהן פון מיליטער מיט דעם וואָס זיי גיבען איבער צו די כאַפּערס אן אָרימען יתום.

— אָבער מיר זיינען ניט קיין רייכע, — האָט לייבעלע געזאָגט, — דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר אונז. מיין פאָטער איז א בעל־מלאכה, א סטאָליאר. וועסטו גייהן מיט אונז?

יואל דוד האָט שמייכלענדיג א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

לייבעלע האָט איהם שוין ניט אָפּגעלאָזט, און באַלד נאָכ'ן דאַוונען איז ער מיט איהם צוגעגאַנגען צו זיין טאַטען און ער האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס איז דער יתום.

— גוט יום טוב! — האָט יואל דוד א זאָג געטאָן.

— גוט יום טוב! גוט יום טוב — האָט ר' יהושע זעליג געענטפערט און איהם באַטראַכט, — קום, דו וועסט זיין מיט אונז אויף די סדרים.

זיי זיינען אַלע געגאַנגען אַהיים. יואל דוד איז נאָכגעגאַנגען. אריינ־קומענדיג אין הויז האָט מען זיי באַגריסט מיט א "גוט יום טוב". אין עס־צימער איז געווען ליכטיג, א "בליץ־לאָמפּ" וואָס האָט אראָפּגעהאַנגען פון סופיט האָט באַלויכטען דעם צימער. דער סדר טיש איז געווען גרייט. די מצות באַדעקט מיט א סערוועטקע מיט אותיות "כשר לפסח" וואָס מירעלע האָט אַליין אויסגענעהט. דער וויין האָט געפינקעלט. די כוסות האָבען געוואונקען.

מירעדע האָט געבראַכט נאָך א בענקעל פון קיך און עס צוגעשטעלט צום טיש. מען האָט זיך געזעצט צום טיש. ר' יהושע זעליג האָט זיך געזעצט אויף דעם הסיבה־בעט וואָס איז געווען צוגעגרייט מיט צוויי גרויסע קישענס, פאַרצויגען מיט ווייסע ציכעלעך. איינע אויף צו זיצען און א צווייטע זיך אָנצולעהנען.

— קום אריין, שעהם זיך ניט, — האָט זיך זלאַטע געווענדעט צו יואל דוד'ן וועלכער איז געשטאַנען ביי דער טיר.

— מיר האָבען אַן אורח צום סדר, — האָט ר' יהושע זעליג א זאָג געטאָן, און באַלד עפּעס אריינגעשושקעט זלאַטע'ן אין אויער.

דער געשמאַקער ריח פון די פּסח'דיגע מאכלים האָט זיך צעטראָגען איבער'ן גאַנצען צימער. עס האָט געררייצט די אַפּעטיטען. מען וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויף דעם טאַטען ער זאָל מאַכען קידוש.

ר' יהושע זעליג האָט אָנגעפילט אַלע כוסות מיט וויין. ער האָט זיך

אויפגעשטעלט פון זיין הסיבה־בעט און ער האָט געמאַכט קידוש. נאָך איהם האָט געמאַכט קידוש לייבעלע און דערנאָך בערעלע.
— אויב דו קענסט ניט מאַכען קידוש קענסטו בלויז מאַכען די ברכה "בורא פּרי הגפן" — האָט זיך ר' יהושע זעליג געווענדעט צו דעם יתום.
— איך קען! — האָט יואל דוד געזאָגט:
— נו, גוט, לאָמיר הערען.
יואל דוד האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ, ער האָט אויפגע־הויבען דעם כוס וויין און ער האָט גענומען זינגען דעם קידוש.
אַלעמענס מיילער האָבען זיך צעעפענט. די אויערען זיינען געוואָרען אָנגעשפּיצט. דער יתום האָט געזונגען דעם קידוש אַזוי שעהן, אַזוי זיס, אַז די נשמה איז צעגאַנגען פון חיות. אַזא וואונדער־שעהנע שטימע האָ־בען זיי נאָך ניט געהערט. אַלע זיינען געבליבען זיצען ווי פאַר'כשופ'ט.
יואל דוד זינגט: "את יום חג המצות הזה, זמן חרותנו"...
מירעלע האָט אויף איהם געקוקט מיט בליקען פון ערשטוינונג און באוואונדערונג. איהר האָט זיך געדוכט, אַז אַ מלאך פון הימעל האָט גאָט אַרונטערגעשיקט צו מאַכען קידוש.
דער טאַטע האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ... אַזא זיסקייט, אַזא נעימות'־דיגע שטימע.
די מאַמע האָט געווישט איהרע אויגען... וואָס ווייטער האָט זיין שטימע געקלונגען אַלץ שעהנער און העכער.
— דאָס איז אַ שטימע! — האָט ר' יהושע זעליג זיך מעהר ניט געקענט באַהערשען און זיך געווענדעט צו זלאַטע'ן.
— אַזא טייער קינד, נעביך אַ יתום, — האָט זלאַטע געזוכט זיך באַהערשען זי זאָל זיך ניט פאַנאַנדערוויינען.
יואל דוד האָט געענדיגט זיין קידוש און ער האָט אויסגעטרונקען אַ האַלבען כוס וויין.
דער כשוף וואָס יואל דוד'ס זינגען האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב, האָט נאָך געהערשט עטליכע מינוט נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט זיין קידוש. אַלע זיינען געבליבען זיצען שטיל ווי צוגעשמידט צו זייערע פּלעצער.
באַלד האָט ר' יהושע זעליג אויסגערופען:
"ורחץ"
מירעלע האָט געבראַכט אַ האַנדטוך מיט אַ קריגעל וואַסער און אַ שיסעל. זי האָט צוגעטראָגען צום טאַטען, וועלכער האָט געהאַלטען זיינע הענט איבער דער שיסעל. מרים האָט געגאָסען וואַסער אויף זיינע הענט. און ווען ער האָט זיך אָפּגעווישט, איז זי צוגעקומען מיט דעם קריגעל וואַ־סער און שיסעל צו דעם יתום. איהרע באַקען האָבען געפלאַמט, איהרע אויגען האָבען געלויכטען ווי צוויי פונקען פייער ווען זי האָט געגאָסען דאָס וואַסער אויף זיינע הענט און איהם דערנאָך דערלאַנגט דעם האַנדטוך.
די מאַמע האָט זיך דערווייל באַשעפטיגט אין קיך. זי האָט אַרויס־

גענומען די קניידלעך פון גרויסן טאָפּ זופּ, כדי זיי נאָכדעם אַריינצו־שטעלן אין אַ פאַן זיי זאָלן זיך צוברוינען.

— אוי וועה איז מיר! — וועה איז מיר! — האָט זלאַטע פּלוצלונג אויסגעשריען.

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און מיט שרעק אויסגערופן:

— וואָס איז געשעהן?

די מאַמע איז אַריינגעקומען אַ דערשראָקענע און דערשלאָגענע. אין איהר האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קאָכלעפעל און צוגעהענדיג צו איהר מאַן, האָט זי אויסגערופן מיט אַ ציטערענדע שטימע:

— איך האָב געפונען אַ גערשט אין זופּ!

— אַ גערשט?! — האָט ר' יהושע זעליג אויסגערופן, — עס איז דאָך חמץ!

— איך ווייס ניט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט! — האָט די מאַמע געבראָכען די הענט — איך בין געווען אַזוי פאָרזיכטיג, און דאָ פּלוצלינג אַ גערשט. ווי קומט עס! חמץ אין טאָפּ!

— אוי חמץ! — האָט מירעלע אויסגערופן, — וואָס וועט איצט זיין?

ר' יהושע זעליג'ס פּנים איז געוואָרען בלאַס. זלאַטע איז געשטאַנען נעבען איהם מיט דעם קאָכלעפעל אין האַנט. זי האָט געקוקט אויף דעם גערשט וואָס איז אַרומגעשוואומען אין דעם פעטען זופּ. איהרע אויגען זיינען געווען אָנגעפילט מיט טרערען. וואָס וועט איצט זיין?

דער טאַטע, אָנגעטאָן אין זיין ווייסען קיטעל און די ווייסע יאַרמולקע, איז אַ ווייל געבליבען שטעהן אין אַ פאַרלעגענהייט. די קינדער האָבען געקוקט אויף איהם מיט צעשראָקענע בליקען... די יונגינקע הערצעלעך האָבען געקלאַפּט... ווי זיי וואָלטען פאַראויסגעזעהן אַן אומגליק.

— מען וועט דאַרפען געהן צום רב פרעגען אַ שאלה — האָט ר' יהושע זעליג אויסגערופן.

—אַ שאלה! — האָט זלאַטע ווידערהאָלט — אוי, וועה איז מיר... הלואי זאָלען נאָר די כלים ניט חמצ'דיג ווערען!

זלאַטע האָט זיך דערמאָנט אַז מיט יאָהרען צוריק איז פאָרגעקומען אַזאַ געשיכטע ביי אַ שכנ'טע, מען האָט געפונען אַ גערשט אין די זופּ און די גאַנצע שפּייז מיט די פסח'דיגע כלים זיינען חמצ'דיג געוואָרען... זי געדענקט ווי אַלע שכנים פון הויף האָבען אַריינגעבראַכט שפּייז, יעדער וואָס ער האָט געקאָנט. גאָט ווייסט אויב עס זאָל איצט מיט זיי דאָס זעלבע פּאַסירען...

מיט אַ ציטערענדער האַנט האָט ר' יהושע זעליג גענומען די קאָכ־לעפעל מיט דעם ביסעל זופּ וואו דער גערשט איז אַרומגעשוואומען און ער האָט עס אַריינגעגאָסען אין אַ גלאָז.

— לייבעלע, געה אַריבער צו דעם רב ר' שלמה און פרעג איהם אַ

שאלה! — האָט ער איהם דערלאַנגט די גלאָז מיט'ן גערשט, — פרעג איהם וואָס מען זאָל טאָן מיט אַלע כלים.

— וועה איז מיר! — האָט זלאַטע אויסגערופען, — מיט דעם זעל־בען קאַכלעפעל וואָס איך האָב געמישט די זופּ האָב איך אויך געמישט אין פאַן פון די פיש...

— יאָ, דאָס זאָלסטו איהם אויך זאָגען, און פרעג איהם אויב מען מעג עסען די פיש און די אַנדערע שפּייזען מיט וואָס דער חמצ'דיגער לעפעל איז געקומען אין באַריהרונג. זעה מאַך עס שנעל. אָבער זיי פאַר־זיכטיג ניט אויסצוגיסען די זופּ מיט'ן גערשט.

ליבעלע האָט גענומען די גלאָז מיט'ן גערשט און ער איז אַרויס פון הויז. ער איז מיט שנעלע טריט געגאַנגען צו דעם דריטען הויף, וואו דער רב ר' שלמה האָט געוואוינט.

דער רב איז געזעסען אויף זיין הסיבה בעט נעבען טיש, אַרומגע־רינגעלט פון זיין משפּחה, ווען ליבעלע איז אַריין אין הויז. די רביצין האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש און געפרעגט ליבעלען וואָס ער פאַר־לאַנגט.

— איך בין געקומען פרעגען אַ שאלה — האָט ליבעלע געזאָגט.

— אַ שאלה? אנו, קום נאָר אהער — האָט ר' שלמה זיך אָנגערופען צו איהם.

ליבעלע איז צוגעקומען נאָהענט צום רב.

— וועמעס איינגעל ביזטו?

— איך בין ר' יהושע זעליג דעם סטאָליאַר'ס איינגעל — ענטפערט ליבעלע אַ דערשראָקענער.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— מיין מאַמע האָט געפונען אַ גערשט אין דעם טאָפּ זופּ.

— אַ גערשט!

— יאָ, אַ גערשט! — האָט ליבעלע איהם געוויזען די גלאָז.

— זיי פאַרזיכטיג! — האָט דער אַלטער רב אויסגערופען, — עס איז דאָך חמץ. דו קאָנסט גאָר אַ שפּריץ טאָן אויפ'ן טיש. האַלט די גלאָז און לאָמיר אַ קוק טאָן.

ליבעלע'ס הענט האָבען זיך געטרייסעלט פון שרעק. דער רב האָט אַריינגעקוקט אין גלאָז און באַטראַכט דעם גערשט שאָקלענדיג מיט זיין קאָפּ.

— עס איז חמץ! עס איז אסור בהנאה! געה זאָג דיין טאַטען אַז די שפּייז וואו דער גערשט איז געפונען געוואָרען איז חמצ'דיג און די כלים וואו דער גערשט איז געווען זיינען חמצ'דיג.

— רבי, — האָט ליבעלע זיך אָנגערופען און זיין שטים האָט גע־ציטערט, — די מאַמע האָט די זעלבע קאַכלעפעל פון זופּ אויך אַריינגע־טאָן אין פאַן פון די פיש.

— דאָס איז אויך חמץ! דו הערסט! אַלע כלים מיט וואָס די קאַכ־

לעפעל איז געקומען אין באריהרונג זיינען חמצ׳דיג און מען טאר זיי ניט באנוצען פאר פסח!

לייבעלע איז געבליבען שטעהן א ווילע אויף זיין פלאץ. ער האט געקוקט אויף דער גערשט און איהם האט זיך געדוכט אז דאס איז א שונא וועלכער איז געקומען זיי אלעמען שלעכטעס טאן.

— נו, וואס שטעהסטו? געה שנעל אהיים און זאג דיין טאטען וואס איך האב דיר געזאגט.

מיט וואקלדע טריט איז לייבעלע ארוים פון רב און ער איז אוועק אהיים. ער איז אריינגעקומען אין שטוב, אלע האבען זיך אויפגעשטעלט פון די פלעצער.

— נו, וואס האט דיר דער רב געזאגט? — איז די מאמע געווען די ערשטע איהם צו פרעגען.

לייבעלע האט געשוויגען.

— וואס האט דיר דער רב געזאגט? — האט שוין דער טאטע מיט א שטרענגער שטימע איהם געפרעגט.

— חמץ! — האט לייבעלע אויסגערופען.

אלעס איז חמצ׳דיג? — פרעגט דער טאטע.

— יא, אלעס, אפילו פיש. די פאן פון די פיש, די הוהן, די זופ, די קניידלער, אלעס איז חמצ׳דיג! עס איז אסור בהנאה!

— וועה און ווינד איז מיר! — האט זיך זלאטע צעכליפעט, — וואס וועט איצט זיין?

— נו, מען טאר ניט וויינען. עס איז דאך יום טוב! — רופט זיך אן ר׳ יהושע זעליג.

— אבער וואס וועלען מיר טאן? די גאנצע שפייז איז חמצ׳דיג. די כלים, די טעלער, די שיסעל און פאלומישאס. איך האב דאך אלעס אנגעריהרט מיט דעם חמצ׳דיגען קאכלעפעל... וועה איז מיר! מיין גאנצע פראצע, אזוי פיעל געלט, אלעס ארויסגעווארפען...

— נו, וואס קאנען מיר טאן? — האט ר׳ יהושע זעליג אויסגערופען, — מען דארף די חמצ׳דיג געווארענע שפייז ארויסווארפען און די כלים ארויסטראגען פון הויז. מען דארף זעהן, אז די איבעריגע שפייז זאל אקראשט ניט קומען אין באריהרונג מיט די חמצ׳דיגע כלים.

— איבעריגע שפייז! וואס פאר אן איבעריגע שפייז האבען מיר, אז די זופ, די הוהן, די קניידלעך זיינען חמצ׳דיג, און די פיש אויך חמצ׳דיג, טא וואס בלייבט אונז איבער?

— מיר קאנען זיך אבער ניט העלפען. מיר וועלען דאך ניט עסען קיין חמץ אום פסח, — האט דער טאטע א זיפץ געטאן.

די מאמע האט געווארפען א טרויעריגען בליק אין דער ריכטונג וואו יואל דוד איז געזעסען און דערנאך האט זי אין דער שטיל א שושקע געטאן איהר מאן אין אויער.

— דער יתום נעביך... וואס איז ער שולדיג? ער וואלט דאך נעקאנט זיצען ביי א סדר און הנאה האבען. אזא טייער קינד!

מירעלע האט א קוק געטאן אויף דער מאמען און זי האט פארשטא־נען וועגען וואס זי שושקעט זיך מיט'ן טאטען. דאס הארץ האט איהר אויך פארקוועטשט... דער ארימער יתום נעביך, מיט זיין גאלדענער, זיסער שטימע, ער וועט דארפען ליידען הונגער צוזאמען מיט זיי...

— מאמע, איך בין הונגעריג, איך וויל עסען! — האט זיך בערעלע צעוויינט. אויף איהם קוקענדיג האבען זיך די אנדערע קינדער צעכליפעט.

— א פארשטערטער סדר! — האט די מאמע זיך ארויסגערעדט,

— אזוי פיעל געהארעוועט, אזוי פיעל געזונט און געלט אריינגעלייגט. וואס וועט איצט זיין?

— וואס זאל זיין? — האט ר' יהושע זעליג א זאג געטאן, — די ערשטע זאך וואס דו דארפסט טאן איז ארויסווארפען דעם חמץ.

— זאל איך עס איבערגעבען סטאשעק'ן דעם סטרוזש? — פרעגט זלאטע.

— דו האסט דאך געהערט, אז עס איז אסור בהנאה! — האט ר' יהושע זעליג אויסגערופען, — מען טאר פון דעם קיין הנאה ניט האבען.. מען טאר אפילו ניט קיין הנאה האבען פון דעם דאנק וואס מען קאן דורך דעם באקומען פון גוי... מען דארף אלעס ארויסווארפען.

— און וואס וועלען מיר טאן... די קינדער זיינען דאך הונגעריג, קוים זיך דערוואַרט אויף'ן סדר... מירעלע האט אפילו קיין בולבע קאשע ניט געוואלט עסען. זי האט אזוי פיעל געהארעוועט. זי איז דאך אזוי הונגעריג, און מיר האבען דאך אן אורח...

— זלאטע, — האט ר' יהושע זעליג איהר אין דער שטיל געזאגט, — געה ארויף צו ר' מרדכי סטראשון אין שטוב און דערצעהל איהם אלעס וואס עס האט פאסירט. דערצעהל איהם אויך וועגען אונזער קליינעם אורח דעם יתום... מילא פאר אונז ווי פאר אונז, אבער פאר דעם יתום...

זלאטע האט איינגעהילט איהר קאפ און זי האט גענומען געהן צו דער טיר.

— מאמע, וואס ווילסטו טאן? — האט זי זיך צו איהר אנגערופען אין דער שטיל.

— דער טאטע הייסט מיר געהן צו ר' מרדכי סטראשון, אונזער בעל הבית. וואס קאנען מיר זיך העלפען? עס האט פאסירט אן אומגליק... דער יתום נעביך איז דאך געווים ניט שולדיג!

— ניין, ניין, ניין! — האט זיך מירעלע צעכליפעט, — געה ניט מאמע!

— וואס רעדסטו, טאכטער? מיר האבען דאך קיין אנדער ברירה ניט. מילא מיר וועלען זיך שוין אן עצה געבען, מיר וועלען עסען ראסעל מיט מצה. אבער מיר קאנען דאך ניט פארלאנגען אז דער יתום וועמען דער טאטע האט גענומען צו אונז פאר די סדרים זאל אויך ליידען הונגער...

פארוואס זאל ער לײדען צוליב אונז? ביים גביר וועט איהם שוין גארניט פעהלען... ער איז נעבעך אזוי הונגעריג, אזוי בלאס...

— וואס קומט דארט פאר? — האט דער טאטע זיך א בייזער געטאן.

— מירעלע, קום אהער.

מירעלע איז א וויינענדיגע צוריקגעגאנגען צום טיש און זלאטע איז ארויס פון שטוב...

קאפיטעל דריי

דעם גביר'ס מזל

אויף דער צווייטער זייט הויף פונקט געגענאיבער ר' יהושע זעליג'ס וואוינונג אויף דעם צווייטען שטאק, איז געווען דאס הויז פון ר' מרדכי סטראשון, וועלכער איז געווען דער בעל הבית פון הויף. ר' מרדכי איז געווען א איד א גביר, ער האט געהאט א גרויסען שניט געשעפט אויף דייטשער גאס. ער האט געהאט צוויי טעכטער. די עלטערע חנה'לע איז געווען א יאהר פופצעהן, א שעהן מיידעל מיט צוויי לאנגע, שווארצע צעפ. און די אינגערע שוועסטער לאה'לע, עלף יאהר אלט. זיין פרוי, ריינקע, איז געווען א דיקליכע אידענע פול מיט לעבען און ענערגיע.

ר' מרדכי איז געווען א למדן א איד און זעהר פרום. ער איז געווען איינער פון די גבאים פון שטאדט שוהל.

עס איז דעריבער פארשטענדליך, אז אריינברייננגען דעם פסח איז סטראשון'ס שטוב איז ניט אנגעקומען אזוי שווער ווי אין ר' יהושע זעליג'ס שטוב.

ריינקע, ר' מרדכי'ס פרוי האט געהאלטען א דינסט און א קעכין. זייער הויז איז א גאנץ יאהר געווען ריין און ציכטיג. זי האט געהאט איבער גענוג פסח'דיגע כלים און ניט געדארפט אנקומען צום בלעכער זיי צו "ווייסען".

אין הויז איז געווען מכל טוב די בעסטע פסח'דיגע וויין און שנאפס, די טייערסטע פרוכטען און אלע אנדערע פסח'דיגע מאכלים. אויפ'ן טיש זיינען געשטאנען פיער זילבערנע לייכטער. א שעהנער הענג לאמפ איז ארונטערגעהאנגען פון סופיט, ארום די קולבע פון לאמפ זיינען געהאנגען שטיקלעך געשליפענע גלאז פון וועלכע עס האבען ארויסגעשלאגען פאר־שידענע קאלירען.

זיי זיינען געזעסען ארום טיש צום סדר. ר' מרדכי אויף זיין הסיבה בעט אנגעלעהנט אויף צוויי קישענס וואס זיינען געווען באצויגען מיט זיידענע ציכלעך. נעבען איהם לינקס איז געזעסען דער אורח נפתלי, א משולח פון א ישיבה וועלכער האט שוין געהאט א חזקה יעדען יאהר איינ־צושטעהן פסח ביי דעם גביר ר' מרדכי סטראשון.

ריינקע און איהרע צוויי טעכטער זיינען געזעסען אויף דער צווייטער זייט פון טיש. נאך איידער זיי האבען אנגעפאנגען צו פראוועון דעם סדר,

האָט זיך דורך דעם פענסטער צו זיי דערטראָגען דאָס קידוש מאַכען פון ר' יהושע זעליג'ס הויז. און דאַן האָבען זיי געהערט די שעהנע זיסע שטימע פון דעם יתום יואל דוד. דאָס וואונדערבאַרע זינגען האָט זיי אַלעמען אַזוי באַצויבערט אַז ר' מרדכי סטראַשון האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין הסיבה בעט און איז צוגעגאַנגען צו דעם אָפענעם פענסטער וואו זיין פרוי און זיינע צוויי טעכטער זיינען שוין געשטאַנען ווי צוגעשמידטע.

אפילו דער אורח ר' נפתלי, האָט אויך אָנגעשפּיצט זיינע אויערען. און ווען דאָס קידוש מאַכען פון יתום, דאָרט אונטען, אין ר' יהושע זע־ליג'ס הויז, איז פאַרענדיגט געוואָרען זיינען זיי אַלע געבליבען שטעהן ווי פאַרגאַפטע.

— ווער איז דאָס? — האָט ר' מרדכי געפרעגט.

— איך ווייס ניט! — ענטפערט איהם ריינקע.

— זיי זיינען מיט איהם געקומען פון שוהל, — האָט חנה'לע גע־זאָגט. — איך האָב אַרויסגעקוקט פון פענסטער און געזעהן ווי ר' יהושע זעליג איז געקומען פון שוהל מיט זיינע אייגענע צוויי איינגלעך און מיט נאָך אַ פרעמדען איינגעל.

— המ... אַן אָרימער איינגעל! — האָט ר' מרדכי געזאָגט, אָבער מיט אַזאַ רייכע שטימע. אַזאַ טייערע כלי.

— אַזאַ שטימע, אַזאַ האַרציגע זיסע שטימעלע!... איך וואָלט ניט מיעד געוואָרען צו הערען איהם זינגען טאָג און נאַכט... וואו האָט ער עס געקראָגען אַזאַ טייערען אורח'ל אויף פסח... — האָט ר' מרדכי'ס פרוי געזאָגט. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגען אָבער זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זייער אורח ר' נפתלי'ן און זי האָט זיך צוריק געזעצט צום טיש.

ר' מרדכי האָט געמאַכט קידוש און נאָך איהם דער משולח וועלכער האָט אָפּגעזאָגט דעם קידוש אַזוי שנעל ווי ער האָט אויסגעזופּט דעם וויין.

די דינסט האָט אַריינגעבראַכט אַ קריגעל וואַסער מיט אַ שיסעל און האַנטוכער. ר' מרדכי האָט געוואַשען די הענט. דאַן האָט דער אורח זיך געוואַשען און נאָכהער ריינקע און איהרע צוויי טעכטער וועלכע זיינען געווען אויסגעפּוצט לכבוד יום טוב אין שעהנע זיידענע קליידלעך מיט ווייסע שפּיצען.

פּלוצלינג איז די קעכין אַריינגעקומען פון קיך און זי האָט זיך אָנ־גערופען צו ריינקען:

— מאַדאַם, זלאַטע ר' יהושע זעליג'ס פרוי איז געקומען. זי וויל עפּעס רעדען מיט אייך.

ריינקע האָט זיך אויפגעשטעלט פון איהר פּלאַץ און געוואָלט אַריינ־געהן אין קיך. אָבער ר' מרדכי האָט זיך אָנגערופען:

— זאָל זי אַריינקומען אַהער. אפשר דאַרפען זיי עפּעס האָבען.

— שיק זי אַריין, — האָט ריינקע אַ זאָג געטאָן צו דער קעכין.

זלאַטע איז אַריין אין דעם גרויסען, שעהנעם עס צימער וואָס איז געווען באַלויכטען פון די לאָמפּען און ליכט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף

דעם שעהנעם סדר טיש מיט די זילבערנע לייכטער און די טייערע געשיר. זי האָט געזעהן די רוהיגקייט און די זיכערקייט וואָס איז אויסגעגאָסען אין אַט דעם רייכען הויז. און דערמאָנענדיג זיך וואָס עס קומט פאָר אין איהר אייגענע הויז, האָבען זיך אין איהרע אויגען געשטעלט טרערען. איהר פּנים איז געווען טויט בלאַס ווען זי האָט מיט אַ נידעריגער הכנעה׳דיגער שטימע אַ זאָג געטאָן:

— גוט יום טוב.

— אַ גוט יום טוב, זלאַטע, — ענטפערט איהר ריינקע.

— המ... איך בין געקומען צו אייך, ביי אונז האָט אַן אומגליק פּאַסירט.

— אַן אומגליק? — האָט זיך שוין ר׳ מרדכי אויפגעשטעלט פון זיין הסיבה בעט...

— אַה, איך האָב זיך אויסגערעדט אַן אומגליק, — האָט זיך זלאַטע פאַרכאַפּט און אַרויפגעצוואונגען אַ שמייכעל — זאָל גאָט אויסהיטען! עס איז ניט קיין אומגליק. נאָר איך האָב געפונען אין אונזער זופּ אַ גערשט און דער רב האָט געזאָגט אַז אַלעס איז חמצ׳דיג. די הוהן, די זופּ, די קניידלעך און אפילו די פיש, ווייל איך האָב זיך באַנוצט מיט דעם זעלבען לעפעל... יאָ, אַלעס איז חמצ׳דיג געוואָרען... מילא מיר וואָלטען זיך שוין אַן עצה געגעבען אָבער מיין מאַן האָט געבראַכט פון שוהל אַ יתום צו די סדרים, אַ וואויל קינד, און איצט וועט ער אפילו ניט קריגען וואָס צו עסען ווי געהעריג.

— איז דאָס דער אינגעל וועלכער האָט אַזוי שעהן געזונגען דעם קידוש? — האָט ריינקע געפרעגט.

— יאָ, ער האָט אַזאַ שעהנע זיסע שטימעלע... מיר האָבען אַנגעקוואָלען פון איהם.

— זאָל ער אַרויפקומען צו אונז, — האָט ריינקע געזאָגט, — ער וועט זיין ביי אונז אַן אַנגעלעגטער גאַסט.

— אַ דאַנק! — האָט זלאַטע זיך אָנגערופען און איז אַרויס פון דאָרט.

ווען זי איז אַריין צו זיך האָט זי זיך גלייך געווענדעט צום יתום:

— יואל דוד, דו זעהסט דאָך וואָס עס האָט פּאַסירט ביי אונז. ווער האָט זיך אויף דעם געקענט ריכטען. נו, מסתמא איז אַזוי באַשערט. איך בין נאָר וואָס געווען ביי דעם בעל הבית פון הויף ר׳ מרדכי סטראַשון, ער איז אַ גביר אַ איד און ער האָט דיך איינגעלאַדען צו זיך... דיין זינגען איז זיי אַלעמען געפעלען. זיי האָבען עס געהערט דורך די אָפענע פענסטער. קום איך וועל מיט דיר אַהין אַרויפגעהן.

— ניין, ניין, איך בעט אייך! — האָט יואל דוד אויסגערופען, — איך וויל ניט געהן צו אַ גביר אין הויז... מיין מומע האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל אויסמיידען צו עסען אין רייכע הייזער, ווייל ביי זיי איז רעכט

איבערצוגעבען א יתום צו די "כאפערס" כדי דערמיט צו באפרייען זייערע אייגענע זיהן פון מיליטער.

— פאר דעם דארפסטו קיין מורא ניט האבען, — האט זלאטע געזאגט, — ר' מרדכי סטראשון האט ניט קיין זיהן. בלויז צוויי טעכטער.

— מאמע, — האט זיך מירעל א שטעל געטאן, — איך בין זיכער אז ער וועט זיין צופרידען צו זיין מיט אונז. מיר וועלען אלע עסען מצה מיט ראסעל.

—קיינער פרעגט דיך ניט! — האט זיך דער טאטע א בייזער געטאן אויף איהר. מיר טארען ניט פארלאנגען, אז ער זאל בלייבען מיט אונז און הונגערען. עס איז אזוי באשערט, זאל דער ארימער יתום הנאה האבען פון סדר.

יואל דוד האט זיך געפיהלט זעהר ניט באקוועם. איהם איז שווער געווען צו פארלאזען די שטוב וואו ער האט זיך שוין אנגעהויבען פיהלען אזוי היימיש. אלע האבען איהם ארויסגעוויזען אזוי פיעל פריינדליכקייט. איבערהויפט מירעלע, ער האט געפיהלט איהרע ווארימע בליקען. ער האט באמערקט ווי איהרע באקען רויטלען זיך ווען ער האט אויף איהר א קוק געטאן. ער וואלט זעהר געוואלט בלייבען דא צווישען די איינפאכע, ארימע אבער זעהר פריינדליכע מענשען. אבער ער זעהט דאך, אז איצט וועלען זיי אליין ניט האבען וואס צו עסען. ווי קאן ער זיך אנבאטען צו בלייבען?

אהן חשק האט זיך יואל דוד אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און ער איז נאכגעגאנגען זלאטע'ן, וועלכע האט איהם ארויפגעפיהרט אויף די טרעפ און אנגעוויזען אויף דער טיר.

— נו, געה אריין, שעהם זיך ניט! — האט זלאטע זיך צו איהם געווענדעט און זי האט צוגעווארט. זי האט מורא געהאט ער זאל איינגאנצען ניט אנטלויפען פון דארט. — עפען אויף די טיר. זיי ערווארטען דאך דיך.

יואל דוד איז געבליבען שטעהן, א ווייلע געצעגערט, דאן האט ער לאנגזאם געעפענט די טיר און ער איז אריין אינעווייניג. זלאטע האט זיך צוריקגעקעהרט צו איהר הויז.

— דעם גביר'ס מזל! — האט זלאטע א זאג געטאן ווען זי איז שוין געזעסען ביים טיש. — אזא טייער קינד. ער וועט נאך מעהר באשיינען זייער סדר מיט זיין זיסער שעהנער שטימעלע... איך האב געמיינט אז זיי וועלען מיר אנבאטען אביסעל פסח'דיגע שפייז. זיי האבען דאך פון אלעם אזוי פיעל. זיי האבען דאך געדארפט פארשטעהן. וואס קען מען זיך העלפען אז עס האט אזא זאך פאסירט? שטעל זיך פאר ווען ביים גביר פאסירט אזא זאך און די גאנצע שפייז וואס זיי האבען אנגעגרייט צו די סדרים איז חמצ'דיג געווארען, וואלטען מיר זיך דען ניט געטיילט דעם ביסען מיט זיי?

— דער גביר האָט אָבער מזל! — האָט מירעלע אַ ברוגז'ע אַ זאָג געטאָן.

— זיי האָבען אַ דינסט און אַ קעכין און זיי האָבען מעהר צייט אַכ־טונג צו געבען, אַז אַלעס זאָל זיין ווי געוואונשען, — האָט זיך זלאַטע ווי פאַרענטפערט.

— נו, גענוג, מיר דאַרפען אָפּריכטען דעם סדר! — האָט ר' יהושע זעליג געזאָגט, — דאַנקען גאָט פאַר אַלעס.

זיי האָבען זיך אַלע געזעצט אויף זייערע פּלעצער. מירעלע'ס בליקען זיינען געפאַלען אויף דעם ליידיגען בענקל וואו אַ וויילע פריהער איז גע־זעסען דער יתום מיט דער גאָלדענער שטימע.

— כרפּס! — האָט ר' יהושע זעליג אויסגערופען און איינגעטונקט ציבעלע אין זאַלץ וואַסער און עס געגעבען יעדען איינעם און געמאַכט די ברכה "בורא פּרי אדמה".

"יחץ" — האָט ער באַלד נאָכדעם געזאָגט און ער האָט אַרויסגענומען די מיטעלסטע מצה און זי צעבראָכען אויף צוויי העלפט. איין העלפט האָט ער איבערגעלאָזען אין טעלער און די צווייטע העלפט האָט ער באַ־האַלטען אונטער'ן קישען פאַר'ן אפיקומן.

באַלד האָט זיך טיר געעפענט און אין הויז האָבען זיך באַוויזען ר' מרדכי'ס טאָכטער חנה'לע מיט אַ פּאַלומיסאַק פּיש. נאָך איהר זיינען אַריינגעקומען די דינסט מיט אַ טאָפּ זופּ און הוהן און די קעכין מיט אַ גרויסער שיסעל קניידלער, טעלער, גאָפּעל און לעפעל.

— גוט יום טוב! — האָבען ביידע, די דינסט און די קעכין, מיט אַמאָל אַ זאָג געטאָן. — די באַלעבאָסטע האָט עס אייך געשיקט. זאָל גאָט געבען אַז איהר זאָלט קיין מאָל פון קיין צער ניט וויסען, — האָט די קעכין אַ זאָג געטאָן, — איך קאָן זיך פאַרשטעלען וויפיל עגמת נפש איהר האָט דערפון. אָבער אַבי איהר האָט זיך געכאַפּט אין צייט און ניט נכשל גע־וואָרען מיט עסען חמץ.

— אַ שעהנעם דאַנק! אַ שעהנעם דאַנק, — האָט זלאַטע זיך אָנ־גערופען, — זעהר פיין פון אייך.

— אַ גוטען יום טוב! — האָט חנה'לע געזאָגט, — עסט געזונטער־הייט.

ווען זיי זיינען אַרויס פון הויז, האָט ר' יהושע זעליג געזאָגט צו זלאַטע'ן:

— נו, איצט זעהסטו שוין, אַז מען טאָר קיין שלעכטעס ניט ריידען אויף אַ אידען. גאָט צו דאַנקען מיר וועלען האָבען גענוג פאַר ביידע סדרים.

— אָבער פאַרוואָס האָבען זיי אונז גלייך ניט געקאָנט דאָס געבען? וואָלט דאָך דער יתום אויך געקאָנט בלייבען מיט אונז! — האָט זלאַטע זיך אָנגערופען, — ער זינגט אַזוי שעהן. מיר וואָלטען געהאַט אַזאַ פרעה־ליכען סדר!

— זיי האבען פריהער געוואלט זיין זיכער, אז דער יתום וועט זיין ביי זיי און אז ער איז שוין געזעסען ביי זייער טיש, האבען זיי ערשט דאן ארונטערגעשיקט די שפייז. איך וועל עס ניט עסען, — האט מירעלע אויס־געדרופען און די טרערען האבען איהר געשטיקט אין האלז, — איך וועל ניט עסען פון זייער צדקה!

— נו, זאל זיין גענוג! — האט דער טאטע אויף איהר אנגעשריען,
— עס איז ניט קיין צדקה! אזא זאך קאן פאסירען אויך ביים גביר. עס איז היינט פסח און אז עס האט זיך געמאכט, אז אונזערע מאכלים זיינען חמצ'דיג געווארען, איז א איך מחויב זיך צו טיילען מיט זיין לעצטען ביסען. וואס איז דאס פאר א רייד?!

ווען לייבעלע אליין וואלט ניט געפיהלט שלעכט וואס דער יתום, וועמען ער האט ענטדעקט, איז פון זייער שטוב אוועק צום גביר, וואלט ער זיך שוין א רייץ געטאן מיט זיין שוועסטער, אז זי האט זיך פארליבט אין דעם יתום און דערפאר פראוועט זי אזעלכע שטיק. אבער ער האט איצט געשוויגען. איהם האט אויך שטארק פארדראסען וואס יואל דוד איז אוועק פון זיי. ער איז געוועזן הונגעריג און געווארט שוין מיט אומגעדולד מען זאל אנהויבען עסען.

בערעלע האט געפרעגט די פיער קשיות און זיי האבען אנגעהויבען זאגען די הגדה.

ווען זיי האבען געהאלטען אין מיטען דער הגדה, האט זיך צו זיי אין הויז דערטראגען יואל דוד'ס שעהנע שטימע וואס עס איז איצט געקומען פון דעם גביר'ס הויז. ער האט געזונגען "לפיכך אנחנו חיבים"... ר' יהושע זעליג האט זיך אפגעשטעלט אין מיטען זאגען די הגדה און אין צימער איז פלוצלונג שטיל געווארען. אלע האבען זיך צוגעהערט צו זיין שעהנעם זיסען זינגען... ווען ער האט געענדיגט האט זלאטע צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און אויסגערופען:

— אזא אורח! אזא טייער קינד, דעם גביר'ס מזל...

קאפיטעל פיער

רייניקע באשליסט...

ווען יואל דוד איז אריין צום גביר אין שטוב האבען זיינע אויגען גענומען שווינדלען פון דער ליכטיגקייט און פון די טייערע שעהנע מעבעל. ער האט נאך קיינמאל אזא רייכע הויז ניט געזעהן. ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער א פארגאפטער.

— גוט יום טוב! — האט רייניקע, די בעל הבית'טע א זאג געטאן און זי האט זיך אויפגעהויבען פון איהר פלאץ און צוגעקומען נעהענטער צו איהם.

— גוט יום טוב! — האט יואל דוד א מורמעל געטאן. און ביי זיך געטראכט: אה, ווען איך קאן איצט אנטלויפען פון דאנען.

— קום אהער, זעץ זיך, — האָט איהם ריינקע אָנגעוויזען אויף א שטוהל מיט א פּלושענעם געזעס, — דו דארפסט זיך גאָרניט שעהמען. מיר זיינען זעהר צופרידען דיך צו האָבען אלס אונזער גאסט.

מיט לאנגזאמע טריט איז יואל דוד צוגעגאנגען און האָט זיך געזעצט אויף א האלבען שטוהל.

— איך האָב געהערט, אז דו האָסט שוין געמאכט קידוש, — האָט ר׳ מרדכי זיך אָנגערופען צו איהם. — דו האָסט שוין דעם ערשטען כוס פון די ארבע כוסות געטרונקען.

יואל דוד האָט א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ.

— און מיר האָבען שוין אויך געטרונקען דעם ערשטען כוס, — האָט ריינקע געזאָגט.

— ווי איז דיין נאָמען? — פרעגט איהם ר׳ מרדכי זוכענדיג איהם צו מאכען היימישער.

—יואל דוד, — ענטפערט ער.

— נו, גוט, יואל דוד, דו ביזט געקומען אין צייט צו די פיער קשיות. אזוי ווי איך האָב קיין זוהן ניט, פרעגען מיינע טעכטער די פיער קשיות. היינט אָבער וועסטו זיי פרעגען. פון דיין זינגען דעם קידוש פארשטעה איך, אז דו ביזט ניט קיין עם הארץ. אָט איז די הגדה.

יואל דוד האָט גענומען פיהלען קאלט אוןווארעם. ער האָט זיך דערמאָנט, אז ערשט מיט א צוויי יאָהר צוריק האָט ער געפרעגט די פיער קשיות זיין אייגענעם טאטען. ער האָט זיך געוואָלט ענטזאגען. אָבער ער האָט ניט געקאָנט אויסריידען קיין וואָרט.

— ער איז דאך נאר וואָס געקומען זאָל ער זיך צוגעוואוינען! — האָט ריינקע זיך אָנגערופען, — מאָרגען אם ירצה השם וועט ער פרעגען. היינט זאָל פרעגען לאה׳לע.

יואל דוד איז געווען זעהר דאנקבאר צו דער בעל הבית׳טע וואָס זי האָט איהם ארויסגענומען פון א גרויסער פארלעגענהייט.

לאה׳לע האָט געפרעגט די פיער קשיות און זיי האָבען אָנגעהויבען זאָגען די הגדה.

יואל דוד האָט זיך אויך גענומען צו דער הגדה און ווען עס איז געקומען צו דעם "לפיכך", האָט ער עפּעס א זינג געטאָן.

ר׳ מרדכי האָט זיך אָפּגעשטעלט און ער האָט איהם געבעטען זינגען דעם "לפיכך".

יואל דוד האָט זיך לאנג ניט געלאָזען בעטען. זינגען איז געווען א טייל פון זיין נשמה און ווען מען פלעגט איהם בעטען זינגען איז ער געווען גליקליך. ער האָט זיך אזוי שעהן צעזונגען, אז זיי האָבען ניט געגלויבט זייערע אויערען, אָט דער בלאסער דארער אינגעל זאָל באזיצען אזא געט־ליכע שטימע.

אין ריינקע׳ס אויגען האָבען זיך באוויזען טרערען און חנה׳לע, איהר עלטערע טאָכטער, וועלכע האָט פון אָנפאנג אויסגעזעהן אז זי איז גלייכ־

גילטיג צו איהם, ווי דער יונגער אורח געהט איהר ניט אָן, איז איצט גע־בליבען זיצען ווי צוגעשמידט צו איהר פּלאַץ... אין איהר מוח האָבען זיך גענומען זאַמלען געדאַנקען... ווי גליקליך זי וואָלט געווען ווען ער בלייבט אין זייער הויז אויף שטענדיג...

דער אורח ר׳ נפתלי האָט אויך צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און זיך פּאַסמאַקעוועט, כאָטש אין הארצען האָט ער זיך מתקנא געווען אָן איהם, דעם יונגען אורח, וועלכער האָט געצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער משפּחה.

די דינסט האָט געבראַכט וואַסער און יעדער האָט זיך געוואַשען צום עסען. אַזעלכע וואונדערליכע געשמאַקע מאכלים האָט יואל דוד אפילו אין חלום ניט געזעהן. ער איז געווען זעהר הונגעריג און ער האָט זיך קוים צוגעכאַפּט...

יואל דוד האָט געזונגען "אדיר הוא", "אחד מי יודע" און "חד גדיא" און מיט יעדען מאָל זינגען איז די באַגייסטערונג געוואַקסען. ר׳ מרדכי סטראַשון האָט אויף איהם געקוקט מיט גרויס ערשטוינונג. און ריינקע האָט יעדע רגע אַ קוק געטאָן אויף איהם און אויף איהר טאָכטער חנה׳לע און אין איהר הארצען האָט זי שוין געמאַכט דעם באשלוס: "אָט דער יתום וועט מוזען ווערען איהר איידים"... גאָט האָט איהם פון הימעל צו זיי אַראָפּגעשיקט... אַזאַ טייערער אוצר! אַזאַ גאָלדענע שטימע, אַזאַ איידעלער פּנים...

— חנה׳לע, — האָט די מאַמע אַריינגעשושקעט איהר טאָכטער אין אויער, — דו וועסט היינט שלאָפען מיט לאה׳לע אין איהר צימער און יואל דוד וועט שלאָפען אין דיין צימער, דו געה און מאַך צורעכט דאָס בעט פאַר איהם.

חנה׳לעס הארץ האָט גענומען קלאַפּען העפטיגער. איהר פּנים האָט זיך גערויטעלט... זי איז געווען אַזוי דאַנקבאַר צו אהר מאַמען. זי אַליין האָט אויך געהאַט די זעלבע געדאַנקען... זי וואָלט איהם אָפּגעגעבען איהר צימער, איהר בעט, אפילו איהר לעבען וואָלט זי אָט דעם וואונדערבאַרען איינגעל אָפּגעגעבען... איהר ליעבע מאַמע האָט געמוזט לייענען איהרע געדאַנקען.

חנה׳לע האָט זיך גלייך אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ און זי איז אַריין אין איהר צימער. איהר בעט איז שוין געווען אויסגעבעטעט, ריינע, ווייסע ציכלעך און אַ שניי ווייסען ליילעך, אַ וואַרעמע קאָלדרע באַצויגען מיט אַ זיידענעם צודעק. חנה׳לע האָט אויסגעגליכען די קישעלעך. אויפגע־הויבען די קאָלדרע און אַריינגעבראַכט אַ פלאַש וואַסער און אַ גלאָז און עס אוועקגעשטעלט אויף איהר טישעל נעבען בעט. זי האָט זיך צוריקגעקעהרט צו דעם עס צימער.

זיי זיינען אַלע געווען מיעד און שכור׳ליך פון די ארבע כוסות.

— חנה׳לע, וועיז יואל דוד׳ן דעם צימער, וואו ער וועט שלאָפען היינט ביינאַכט, — האָט די מאַמע זיך אָנגערופען, — און איהר ר׳ נפתלי וועט

שלאָפן אויף דער קאנאפּע אין גאסט צימער, — האָט זי זיך צו איהם געווענדעט.

חנה'לע האָט אויף איהם א קוק געטאָן און א צניעות'דיג שמייכעלע האָט זיך באוויזען אויף איהר פלאמענדען פּנים. און ווען יואל דוד איז געבליבען שטעהן באוועגלאָז אויף זיין פּלאַץ, האָט זי זיך אָנגערופען:

— קום, יואל דוד, איך וועל דיר ווייזען דיין צימער.

יואל דוד איז אויטאמאטיש איהר נאכגעגאנגען. ער איז אריינגעקומען אין צימער און זיינע בליקען זיינען געפאלען אויף דעם באקוועמען אויס־געפּוצטען בעט, מיט די שניי ווייסע ציכלעך און לייַלעך, מיט די זיידענע קאָלדרע און ער האָט זיינע אויגען ניט געגלויבט.

— א גוטע נאכט! — האָט חנה'לע געזאָגט און איז ארויס פון צימער און צוגעמאכט די טיר.

א ווייַלע אז יואל דוד געשטאנען אין דעם שעהנעם צימער וואָס א קליין קעראָסין לעמפּעל האָט באלויכטען. ער איז געווען צעטומעלט, אביסעל שיכור'לעך און אָנגעגעסען צו זאָט. זיינע אויגען האָבען זיך גע־קלעפּט, אבער ער האָט מורא געהאט זיך צוצוריהרען צו אָט דעם בעט מיט די שניי ווייסען קישענס און די זיידענע קאָלדרע... ער האָט ביי דער וואנט באמערקט הענגענדיג א גרויסען שפּיגעל. ער האָט אהין אריינגעקוקט. ער האָט געזעהן זיינע אלטע פארלאטעטע בגדים, זיין צעפליקט היטעל און זיין ניט אויסגעוואשען העמד... ווי אזוי וועט ער זיך קאָנען אריינ־לייגען אין אָט דעם בעט... אפשר זאָל ער גאָר פון דאנען אנטלויפען צוריק צו זיין מומען. אבער ער איז געווען צו מיעד פאר דעם... ער איז אזוי שלעפעריג!

באלד האָט זיך געהערט א לייכטער קלאַפּען אין טיר. יואל דוד האָט זיך דערשראָקען.

דו שלאָפסט שוין? — הערט ער חנה'לעס שטימע.

— ניין, איך שלאָף נאָך ניט.

די טיר האָט זיך עטוואָס געעפענט. חנה'לע האָט א קוק געטאָן און דערזעהענדיג אז דער יתום שטעהט נאָך אַלץ אויף דעם זעלבען פּלאַץ ווי זי האָט איהם געלאָזען האָט זי זיך אָנגערופען:

— דו וועסט מיר אנטשולדיגען, יואל דוד, איך האָב גאָר פארגעסען. אָט האָב איך דיר געבראכט א נאכט־העמד... עס וועט זיין אביסעלע צו גרויס, אבער דו ווייסט דאך אז קיינע ברידער האָב איך ניט. וועסטו זיך דארפען היינטיגס מאָל באנוגענען מיט מיין פאָטער'ס נאכט־העמד. געה אבער גלייך שלאָפען, דו זעהסט אויס אזוי מיעד. א גוטע נאכט!

יואל דוד האָט באטראכט דאָס נאכט־העמד. ער זעהט צום ערשטען מאָל אזא זאך. ער האָט זיך גענומען אויסטאָן און אָנגעטאָן דאָס נאכט־העמד וואָס איז געווען פאר איהם צו גרויס און צו ברייט. און אזוי שנעל ווי ער האָט זיך אריינגעלעגט אן בעט איז ער איינגעשלאָפען...

ווען ר׳ מרדכי און ריינקע זיין פרוי, זיינען פארבליבען אליין, האט זי זיך צו איהם אנגערופען אין דער שטיל:

— דו ווייסט, מרדכי, אט דער דאזיגער יתום וועט זיין אונזער איידים!

— וואס הייסט? — פון וואנען ביזטו אזוי זיכער? — האט ער זי אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— ווי נאר איך האב געהערט איהם זינגענדיג, איז עס מיר גלייך געקומען אויפ׳ן געדאנק. איך האב געכאפט א קוק אויף אונזער חנה׳לען און איך האב ביי זיך אין הארצען גלייך געפאסט אט דעם דאזיגען באשלום.

— יא, ער שיינט צו זיין א וואויל קינד מיט א גאלדענער שטימע, אבער ווער ווייסט פון וואנען ער שטאמט, ווער זיינע עלטערען זיינען געווען

— האט ר׳ מרדכי א זאג געטאן.

— ווען זיינע עלטערען וואלטען ניט געווען קיינע עהרליכע פרומע אידען, וואלט ער ניט געווען אזוי געלערענט.

— דו ביזט גערעכט, ריינקע. ער איז שוין גאר קיין עם הארץ ניט!

— מארגען, אם ירצה השם, וועסטו איהם מיטנעהמען אין שוהל צום דאווענען.

— אבער האסטו געזעהן זיין הילוך? זיין בגד איז פארלאטעט... ווען מיר וואלטען איהם געטראפען פאר יום־טוב וואלטען מיר פאר איהם געקאנט קריגען א נייעם אנצוג, א ניי היטעל און שיך... אבער איצט...

—ווארט, איך האב א געדאנק. איך וועל שיקען צו מיין שוועסטער חוה׳ן. זי האט דאך פאר יאנקלען געלאזט מאכען א גארניטור פאר פסח, און זיין שבת׳דיגער גארניטור איז נאך אויך זעהר גוט. עס וועט זיין פונקט זיין מאס... אם ירצה השם נאך יום טוב וועלען מיר טארביידען מאכען צוויי גארניטורען... יא, איך וועל שיקען די דינסט.

— איצט, אזוי שפעט?

— איך בין זיכער, אז זיי שלאפען נאך ניט. זיי האבען נאר וואס געענדיגט דעם סדר.

— מען וועט איהר דארפען אלעם ערקלערען! זיי וועלען זיך וואונדערען...

— ווייסטו גאר וואס? — האט ריינקע געזאגט, — איך וועל מיט־שיקען חנה׳לען מיט דער דינסט. זי וועט שוין ערקלעהרען.

די מוטער האט צוגערופען חנה׳לען און איהר ערקלעהרט וועגען וואס עם האנדעלט זיך.

— פארשטעהסט, יאנקעלע׳ס שבת׳דיגער גארניטור וועט זיין פונקט ווי אנגעמאסטען פאר דעם יתום. זיין היטעלע, זיינע שיך און אפילו זיין אונטערוועש... נישקשה, ער האט געגונג אויף יום טוב און נאך פסח, אם ירצה השם, וועל איך אויסקלייבען די בעסטע סחורה פון אונזער קראם און באשטעלען אונזער שניידער צו נעהען פאר ביידען נייע בגדים, זאג מיר, חנה׳לע, פוילסטו זיך ניט צו געהן?

— ניין, מאמע. ווי ווייט איז דאס? נאר טאמער שלאפען זיי שוין?

— איך בין זיכער אז זיי שלאָפען נאָך ניט. נאָר טאָמער יאָ, וועסטו אנקלאפען אין טיר. נישקשה, דיין פעטער און מומע וועלען אויף דיר קיין פאראיבעל ניט האָבען. דו ביזט דאָך געקומען טאָן א מצוה... א יתום נעבעך... דו וועסט קאָנען זאָגען יאנקלען אין מיין נאָמען, אז ער וועט זיך שוין ניט נארען.

חנה'לע איז אוועק מיט דער דינסט צו איהר מומע חוה'ן. זיי האָבען נאָר וואס געהאט פארענדיגט זינגען "חד גדיא".

— גוט יום טוב! — האָט חנה'לע אויסגערופען ווען זי איז אריין צו איהר מומען אין הויז.

— חנה'לע! איז עפּעס געשעהן? — האָט איהר די מומע א פרעג געטאָן מיט שרעק.

— ניין מומע, גאָרניט איז געשעהן. פארשטעהסטו, מיר האָבען גענומען נאָך אַן אורח צו די סדרים, א יתום, זעהר א וואויל אינגעל — האָט זי שנעל גערעדט און איהרע באַקען האָבען זיך צעפלאַמט. — ער האָט א וואונדערבארע שטימע און דער טאטע וויל איהם מאָרגען מיטנעהמען אין שוהל. אָבער ער געהט אָנגעטאָן זעהר אָרים. האָט די מאַמע מיך געשיקט דיך צו בעטען דו זאָלסט איהם געבען יאנקעלע'ס שבת'דיגען בגד... עס וועט זיין פּונקט זיין מאָס און נאָך יום טוב אם ירצה השם וועט זי באַשטעלען דערפאר א נייעם גארניטור פאר יאנקעלען. עס איז א גרויסע מצוה...

די מומע חוה האָט דורכגעדרונגען חנה'לען מיט איהרע בליקען. א שמייכעלע האָט זיך באוויזען אויף איהר פּנים.

— זעהר פיין פון דיר, חנה'לע, — האָט חוה געזאָגט, — אָט וואַרט צו א ווײַלע און איך וועל ארויסטראָגען יאנקעלע'ס בגד.

זי איז אריין אין א צווייטען צימער און פון דאָרט ארויסגעטראָגען א גאַנץ פיינעם גארניטור וואָס איז נאָך געווען כמעט ניי, ווייל יאנקעלע פלעגט איהם טראָגען בלויז שבת.

— מומע, אפשר האָסטו אויך יאנקעלע'ס אלטע היטעלע און שיך?

— אַ, געוויס! — האָט חוה געזאָגט און זי האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט מיט א היטעל, שיך און אונטערוועש און זי האָט עס איבערגעגעבען דער דינסט.

חנה'לע האָט געזאָגט "א גוטען יום טוב" און זי איז אוועק מיט דער דינסט אהיים.

— דו האָסט פארדינט א גרויסע מצוה, מיין טאָכטער! — האָט ריינקע א קוש געטאָן חנה'לען באטראכטענדיג דעם גארניטור. — פּונקט ווי אָנגעמאָסטען פאר איהם... נו, איצט געה שלאָפען, מיין טאָכטער, דו ביזט מיעד.

ריינקע האָט גענומען די זאכען און איז צוגעקומען צום צימער וואו יואל דוד איז געשלאָפען. זי האָט פּאמעליך אויפגעעפענט די טיר און זיך א ווײַלע איינגעהארכט. זי האָט געהערט ווי ער שלאָפט גאַנץ געשמאַק,

איז זי אויף די טשיפּקעס אריין אינווייניג אין צימער. זי האָט אוועקגע־נומען דעם יתום׳ס אלטע בגדים, זיינע שיך, איבערלאָזענדיג דאָרט בלויז זיין אַרבע כנפות, און אויף זייער פּלאַץ האָט זי אוועקגעלעגט די אנדערע בגדים, און זי איז ארויס פון צימער.

ריינקע איז אריין מיט דעם יתום׳ס בגדים אין זייער שלאָפצימער און זי האָט זיי געוויזען איהר מאַן.

— גיב נאָר א קוק וואָס פאַר א בגד ער האָט נעבעך געטראָגען, — האָט זי זיך אַנגערופען, דו זעהסט? א לאַטע אויף א לאַטע! אַ, וואָס פאַר א רחמנות אויף איהם! אזא דימענט זאָל זיך דאַרפען וואַלגערען אין בלאָטע! נו, איך האָף, אם ירצה השם, אז עס האָט גענומען א סוף צו זיינע ליידען... ער וועט שוין בלייבען מיט אונז.

ר׳ מרדכי האָט א שמייכעל געטאָן.

— איך מוז דיר זאָגען, מיין טייערע ריינקעלע, אז דו האָסט גאָר א וויטען בליק... מיר איז בעת מעשה אפילו גאָרניט איינגעפאַלען...

— נאָך איידער איך האָב זיין פּנים געזעהן, ווען איך האָב בלויז געהערט זיין שטימע ווען ער האָט געמאַכט קידוש אין ר׳ יהושע זעליג׳ס שטוב, האָב איך שוין גענומען טראַכטען פון דעם, אז אזא אינגעל מיט אזא שטימע וואָלט געווען א גוטער זיווג פאַר אונזער חנה׳לען... און זעהסט דאָך, אז גאָט האָט אזוי געמאַכט, אז ער זאָל גאָר אומגעריכטערהייט קומען צו אונז... און אזוי שנעל ווי איך האָב דערזעהן זיין פּנים און איהם גע־הערט אויסזינגען דעם "לפיכך", האָב איך באשלאָסען אז ער מוז זיין אונזער איידעם.

— פונדעסטוועגען איז ניט רעכט אזוי צו ריידען, ריינקע. נאָך אלע־מען קאָן קיינער ניט זאָגען אזא זאַך מיט זיכערקייט... ווער ווייסט, אפשר איז עס גאָר ניט באַשערט...

— זעהסטו דען ניט, אז עס איז באַשערט פון גאָט... גאָט האָט איהם צוגעשיקט צו אונז אויף א גאָר וואונדערבאַרען אופן... געפונען אין שוהל האָט איהם גאָר ר׳ יהושע זעליג דער סטאָליאַר... פּאַסירט, אז צוליב א גערשט אין זופּ בריינגט מען איהם צו אונז, איצט שטעל זיך פאַר, וועל איך איהם שוין אָפּלאָזען?

— איך מיין, אז מען קאָן ניט זיין זיכער אין אזעלכע זאַכען... אפשר וועלען זיך געפינען שטערונגען...

— מיט גאָט׳ס הילף וועל איך זעהן, אז קיינע שטערונגען זאָלען ניט זיין, — האָט ריינקע געזאָגט, — גיב נאָר א קוק, מרדכי, איך האָב געפונען אין זיין קעשענע דריי וועלישע ניס... אָרימער יתום נעבעך... נו, מאָרגען וועלען איהם שוין קיין ניס ניט פעהלען.

— ער איז נאָך גאָר א קינד, — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט, — ווי אלט גלויבסטו איז ער?

— ער איז אפשר א יאָהר איינגער פון חנה׳לען... צוליב זיין בלאַסען איידעלען פּנים קוקט ער אויס צו זיין איינגער.

אויף מארגנן אין דער פריה איז שוין דער סאמאוואר געשטאנען אויף דעם טיש אויף א ברייטען טאץ און א פארע האט פון איהם געזעצט. ר' מרדכי און זיין פרוי זיינען שוין געווען אנגעטאן. זיי האבען זיך גע־גרייט צו טרינקען טהעע... דער אורח ר' נפתלי איז אויך געזעסען און געטרונקען טהעע מיט זיי צוזאמען.

— עס איז שוין האלב אכט אזייגער... אין שוהל וועט מען זיך שטעלען דאווענען פופצעהן מינוט נאך אכט... דער יתום שלאפט נאך. איך גלויב, אז איך וועל איהם געהן אויפוועקען.

—ווארט נאך צו א ווײלע, עס איז נאך פאראן צייט, — זאגט רייזקע,

— ער איז נעבעך געווען אזוי מיעד.

— קיין סך צייט איז שוין ניטא, — האט ר' מרדכי געזאגט און זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ.

ער איז אריין אין צימער און ער האט געזעהן ווי יואל דוד שלאפט נאך גאנץ געשמאק. ער האט איהם לייכט אנגעריהרט און מיט א נידע־ריגער שטימע זיך אנגערופען:

— יואל דוד, שטעה אויף, מען דארף שוין באלד געהן אין שוהל...

יואל דוד האט שנעל א הויב געטאן זיין קאפ, ווי ער וואלט זיך פאר עפעס דערשראקען.

— נו, דו האסט זיך אויסגעשלאפען? — האט ר' מרדכי א שמייכעל געטאן. — טהו זי אן און וואש זיך ארום, מיר וועלען באלד געהן אין שוהל.

יואל דוד האט געריבען זיינע אויגען. די זון האט אריינגעשיינט דורך זיין פענסטער. א ווײלע איז ער געווען ווי צעטומעלט. ער האט זיך ניט געקאנט דערמאנען ווי ער קומט אהער. באלד אבער איז ער צו זיך גע־קומען. ר' מרדכי איז ארויס פון צימער און יואל דוד איז ארויס פון בעט. ער האט פריהער אפגעגאסען נעגעל וואסער מיט א קליין בלעכענע קענדעל וואס ער האט געפונען אנגעגרייט אויפ'ן טישעל נעבען דעם קריי־געל און שיסעל. ער האט געזאגט "מודה אני" און ער איז צוגעקומען צום שטוהל וואו זיינע בגדים זיינען געלעגען... ער גיט א קוק און איז געבליבען שטעהן ערשטוינט: דאס זיינען ניט זיינע בגדים... ער נעהמט די הויזען — ניט זיינע... דעם רעקעל, די שיך, די אונטערוועש — ניט זיינע... וואס קאן דאס זיין? וועמעס בגדים זיינען דאס? ער האט גענומען זוכען זיינע הויזען — ניטא... זיין רעקעל, זיינע שיך... בלויז זיין ארבע כנפות האט ער געפונען. ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן... ער האט פארשטאנען, אז דאס האבען זיי איבערגעלאזען פאר איהם א גארניטור...

ער האט קיין ברירה ניט געהאט און ער האט אנגעטאן די פרישע וועש און די הויזען. דאן האט ער זיך ארומגעוואשען און אנגעטאן דאס רע־קעל און די שיך און דאס היטעל... ער האט זיך באטראכט אין שפיגעל און האט זיך אליין ניט דערקאנט... דער גארניטור האט איהם געפאסט... ער האט אזא שעהנעם בגד נאך קיינמאל ניט געהאט... אזעלכע וואילע

מענשען... זיי זיינען צו איהם אזוי גוט... מען האָט איהם אָפּגעגעבען אַזא שעהנעם צימער, אזא בעט און אַזעלכע בעטגעוואַנט...

ווען ער איז שוין געווען אָנגעטאָן איז ער ארויס פון צימער און ער האָט געטראָפען די בעל הבית'טע אָנגעטאָן אין א זיידענע מאָרגען קלייד.

— גוט מאָרגען, יואל דוד, — האָט זי איהם באַגריסט מיט א פריינד־ליכען שמייכעל, — דו ביזט שוין אָנגעטאָן? גוט, קום אריין אין עס־צימער, דו וועסט טרינקען טהעע און דו וועסט געהן אין שוהל מיט אונז.

יואל דוד איז אריין אין עס־צימער. ער האָט געטראָפען דעם בעל הבית זיצענדיג ביים טיש, א גלאָז הייסע טהעע איז געווען נעבען איהם און ער אליין האָט אריינגעקוקט אין א ספר. דער אורח ר' נפתלי איז געזעסען נעבען איהם.

— זעץ זיך אַט דאָ! — האָט ר' מרדכי זיך צו איהם אָנגערופען און אָנגעגאָסען פאר איהם א גלאָז טהעע. מיר וועלען באלד געהן אין שוהל.

יואל דוד האָט געמאכט די ברכה "שהכל" און ער האָט געטרונקען טהעע.

ר' מרדכי האָט אָנגעטאָן זיין אויבער בגד און גענומען דעם טלית און דעם מחזור און זיך געווענדעט צו זיין פרוי:

— ביזט שוין פארטיג?

— איהר געהט געזונטערהייט, איך וועל צוקומען א ווייל שפּעטער, — האָט זי זיך אָנגערופען.

— נו, קום, יואל דוד, — האָט ר' מרדכי געזאָגט שטעהענדיג ביי דער טיר. ר' נפתלי וואַרט שוין אויף אונז.

ר"מרדכי, ר' נפתלי און יואל דוד זיינען אוועק אין דער גרויסער שוהל. די שוהל איז נאָך געווען כמעט ליידיג. בלויז עטליכע מנינים מענשען זיינען געווען און האָבען געדאַווענט פון "פאָרענט".

— דו זיץ דאָ נעבען מיר — האָט ר' מרדכי א זאָג געטאָן צו יואל דוד'ן, — מיר וועלען דאַווענען פון איין מחזור.

ריינקע איז אריין אין צימער וואו איהרע צוויי טעכטער האָבען גע־שלאָפען. זי האָט זיי שוין געפונען וואַך.

— א גוטער מאָרגען מיינע קינדער, — האָט ריינקע פרעהליך א זאָג געטאָן, — דער טאַטע און יואל דוד זיינען שוין אוועק אין שוהל. אויב דו ווילסט, חנה'לע, וועל איך וואַרטען אויף דיר און מיר וועלען געהען צוזאַ־מען אין שוהל. היינט וועט דאָך דאַווענען דער שטאָדט חזן.

— איך טהו זיך אָן, — האָט חנה'לע זיך אויפגעהויבען.

— נו. האָסטו באַדאַרפט זעהן, חנה'לע, ווי דער גאַרניטערעל האָט איהם אזוי געקליידעט. גאָר אַן אַנדער איינגעל. איך האָב איהם גאַרניט דערקאַנט. וואָס א בגד קאָן טאָן פאַר א מענשען. נו, מאַך דאָס שנעלער, דו וועסט אויסטרינקען א גלאָז וואַרימע מילך און מיר וועלען געהן, און דו לאה'לע, — האָט זי זיך געווענדעט צו דער איינגערער טאָכטער, — דו קאָנסט נאָך שלאָפען.

חנה'לע האט זיך ארומגעוואשען און ארומגעקאמט. זי האט אנגע־טאן איהר נייע יום טוב'דיגע קלייד און זי איז אוועק מיט דער מאמען אין שוהל. רייזקע האט זיך געשטעלט נעבען קליינעם אפענעם פענסטערעל דורך וואס זי האט געקאנט זעהן איהר מאן און זייער אורח, דעם יתום. מען האט נאך געדאווענט שחרית, פאר'ן "לייענען". באלד האט זיך דערהערט א קלאפ פון דעם שמש און ער האט אויסגערופען:

"צעהן גילדיינו אום כהן", "צוואנציג גילדיינו אום כהן".

ווען עס איז געקומען צום מפטיר, האט דער שמש געווענדעט זיינע אויגען אין דער ריכטונג וואו דער גבאי ר' שמואל סטראשון איז געזעסען.

"פופציג גילדיינו אום מפטיר", "זעכציג גילדיינו, זיבעציג גילדיינו אום מפטיר".

עס האבען זיך געפונען א סך רייכע בעלנים פאר מפטיר און דער פרייז איז מיט יעדער רגע געשטיגען. אט שרייט דער שמש אויס:

"צוויי הונדערט גילדיינו אום מפטיר, צום ערשטען מאל, צום צווייטען מאל און צום דריטען מאל."

דער שמש האט א פאטש געטאן און דער חזן האט אויסגערופען:

"ויהי בנסוע הארון ויאמר משה"...

מען האט זיך געשטעלט לייענען און ווען עס איז געקומען צו מפטיר האט דער שמש אויסגערופען מיט א הויכער געציקעלטער שטימע:

"יעמוד החתן יואל דוד בר' צבי הירש חזק!"

אין שוהל איז געווארען א באוועגונג. אלעמענ'ס בליקען זיינען געווען געווענדעט צו דעם גביר און גבאי ר' מרדכי סטראשון, וועלכער האט אויס־געטאן פון זיך זיין טלית און איהם ארויפגעטאן אויף יואל דוד'ן.

— גיב אונז אוועק א מפטיר אז מען זאל דיך האבען צו געדענקען, — האט ר' מרדכי זיך אנגערופען צו יואל דוד'ן, — שרעק זיך ניט!

יואל דוד איז ארויף אויף דער בימה. די מתפללים האבען איהם דורכ־געמוסטערט מיט זייערע בליקען...

— ווער איז ער דאס? — האבען איינינע געפרעגט. קיינער האט ניט געוואוסט און מען האט געקוועטשט מיט די פלייצעס.

— צוויי הונדערט גילדען באצאהלט פאר זיין מפטיר... מוז זיין זיינער א קרוב...

— צוויי הונדערט גילדען! מען דארף צאהלען בלויז העלפט.

— נו און הונדערט גילדען, עפעס א קלייניגקייט!

— וואס פאר א ווערדע האט ביי א גביר הונדערט גילדען!

באלד האט זיך דערהערט א וואונדער שעהנע שטימעלע מאכענדיג די ברכות. מיט אפענע מיילער האבען די מתפללים געקוקט אויף דער בימה וואו יואל דוד איז געשטאנען אויף א קלעצעל און געזונגען די ברכות פון דער הפטורה... אין שוהל איז געווארען אזוי שטיל אז מען האט געקאנט הערען דעם קלענסטען שארך...

— איי, איי, איי... איז דאס א שטימע! — האבען אידען געשאקעלט מיט די קעפ.

— אזא הימעלשע זיסע שטימע הער איך צום ערשטען מאל! — רופט זיך אן איינער.

— ווער איז ער דאס?

— מסתמא ר' מרדכי סטראשון'ס א קרוב.

— ווער איז אט דער וואונדערבארער אינגעל? — האט א רייכער בעל הבית, וועלכער איז געזעסען נעבען ר' מרדכי'ן, איהם א פרעג געטאן.

— א יתום! — ענטפערט ר' מרדכי.

— אבער ווער איז ער?

— ער שטעהט איין ביי מיר פסח... איך וויים נאך אליין ניט ווער ער איז, — האט ר' מרדכי איהם קורץ אפגעענטפערט.

ווען יואל דוד האט פארענדיגט זינגען זיין מפטיר זיינען אלע אידען געבליבען זיצען ווי צוגעשמידעט צו זייערע פלעצער.

ר' יהושע זעליג, וועלכער איז געזעסען מיט זיינע צוויי אינגלעך גאר פון הינטען, האט געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— נו, וואס זאגסטו, לייבעלע, וואלסטו געקאנט אוועקגעבען אזא מפטיר?

— און וואלסטו געקאנט באצאהלען צוויי הונדערט גילדען פאר אזא מפטיר? — האט לייבעלע געענטפערט.

ר' יהושע זעליג האט געשמייכעלט. זיין זוהן'ס ענטפער איז איהם שטארק געפעלען.

— דו ווייסט, מיין זוהן, אז די מצוה האסטו פארדינט? דו האסט דעם יתום אויפגעזוכט און מיר האבען איהם גענומען צו זיך און דער גביר שעפט איצט נחת פון איהם. נו, זאל איהם וואויל באקומען.

נאכ'ן דאווענען, ווען ר' יהושע זעליג האט זיך אומגעקעהרט אהיים מיט זיינע קינדער, האט ער דערצעהלט פאר זלאטע'ן און פאר מירעלע'ן וואס עס האט פאסירט אין שוהל מיט'ן יתום.

— איי האט ער אוועקגעגעבען א מפטיר! זינט איך לעב האב איך נאך אזוינס ניט געהערט. ר' מרדכי האט פאר איהם געקויפט דעם מפטיר. צוויי הונדערט גילדען האט ער מבטיח געווען.

— מירעלע זאגט אז זי האט איהם היינט אין דער פריה געזעהן ארויס־געהענדיג פון הויף מיט ר' מרדכי'ן. זי זאגט אז ער איז געווען אנגעטאן אין א נייעם גארניטור און א נייע היטעל... איך קאן ניט פארשטעהן ווי אזוי זיי האבען אזוי שנעל געקראגען פאר איהם א נייעם גארניטור.

— ביי א גביר איז אלעס מעגליך! — האט ר' יהושע זעליג זיך אנגע־רופען, — נו, מילא, עס איז דעם יתום באשערט צו האבען אביסעל פרייד. גלויב מיר, אז ווען ער בלייבט מיט אונז וואלט ער עס ניט געהאט.

— איך בין זיכער, אז ער וואלט געווען מעהר צופרידען צו בלייבען ביי אונז... ער וואלט זיך געפיהלט א סך היימישער, — האט מירעלע גע־זאגט און צוגעגאנגען צום פענסטער, — דו זעהסט, מאמע, אט געהען זיי

פון שוהל. ר׳ מרדכי, זיין פרוי, דער אורח, חנה׳לע און דער יתום! זיי איז אלץ ווינציג...

— נו, געה אוועק פון פענסטער, — האט זיך ר׳ יהושע זעליג א בייזער געטאן, — געה און העלף דער מאמען אין קיך... וואס פאר א דבורים! ווען ניט זיי וואלטען מיר דאך ניט געהאט וואס צו עסען די ערשטע טעג.

ווען זיי האבען זיך געזעצט עסען, האט ר׳ יהושע זעליג איבערדערצעהלט לייבעלע׳ס חכמה און די מאמע האט געלאכט און געקליבען נחת.

— ווען איך וועל איהם שפעטער זעהן וועל איך איהם אריינרופען צו אונז אין הויז, — האט לייבעלע געזאגט.

מירעלע האט געווארפען א דאנקבארען בליק צו איהר ברודער. ווען זי וואלט זיך ניט געשעהמט וואלט זי איהם געקושט... זי האט געהאפט, אז איהם וועט געלינגען אריינצוברענגען דעם יתום צו זיי אין הויז פאר א ווייל... זאל חנה׳לע ניט מיינען אז ווייל זי איז רייך קאן זי האבען א דעה איבער איהם.

ווען ר׳ מרדכי און די אנדערע האבען זיך געזעצט ביים טיש עסען, האט ער זיך אנגערופען צו דעם אורח.

— נו, וואס זאגט איהר, ר׳ נפתלי, צו זיין מפטיר?

— טאקע פלאי פלאים! — האט ר׳ נפתלי געשאקעלט מיט׳ן קאפ, — אזא טייערע כלי...

— איך האב באשלאסען אז דו זאלסט מארגען דאוונען מוסף! — האט ר׳ מרדכי זיך אנגערופען צו יואל דוד׳ן, — זאג מיר, דו וועסט עס קאנען באווייזען?

יואל דוד האט א שאקעל געטאן מיט׳ן קאפ אויף יא.

— איך האב זיך נאכ׳ן דאוונען דורכגערעדט מיט׳ן חזן און ער האט מיר געזאגט, אז אויב די אנדערע גבאים וועלען איינשטימען וועט ער ניט זיין דאגעגען.

— נו, און די אנדערע גבאים וועלען איינשטימען? — האט ריינקע געפרעגט.

— א פראגע צי זיי וועלען איינשטימען!... זיי זיינען דאך צעגאנגען געווארען פון פארגעניגען. יא, אויב יואל דוד פיהלט, אז ער וועט קאנען דאוונען מוסף וועט ער קיינע שטערונגען ניט האבען. זאג מיר ווי פיהלסטו, דו וועסט ניט דורכפאלען?

יואל דוד האט א שמייכעל געטאן און געזאגט:

— איך ווייס ניט!

— וואס הייסט דו ווייסט ניט? — פרעגט איהם ר׳ מרדכי סטראשון, — איך האב שוין גערעדט מיט אלעמען וועגען דעם. און דו אליין האסט פריהער צוגעגעבען, אז דו וועסט עס באווייזען...

— איך האף, אז איך וועל קאנען דאוונען מוסף אבער אויב איך וועל אויסנעהמען אדער דורכפאלען קאן איך ניט זאגען.

— א געזונט איהם אין קאָפּ! — האָט זיך ריינקע שוין ניט געקאָנט באהערשען, — איז ער ניט גערעכט? — דאָס באַווייזט, אז ער האָט גע־קראָגען א גוטע ערציהונג, אזא טייער קינד... וואָס דען, דו ווילסט ער זאָל דיר גאַראַנטירען, אז ער וועט ניט דורכפאַלען?

— ביי מיר איז קיין צווייפעל ניטאָ, אז ער וועט אויסנעמען, — האָט ר' מרדכי געזאָגט, — דו זעהסט דאָך, אז איך האָב פאַר איהם געקויפט דעם מפטיר, ווייל איך בין געווען זיכער, אז ער וועט אַלעמען איבערראַשען מיט זיין שעהנעם זינגען.

נאָכ'ן עסען, ווען זיי האָבען שוין אַלע געענדיגט בענשען, האָט זיך חנה'לע פּלוצים אָנגערופען:

— אפשר וואָלט יואל דוד פאַר אונז געזונגען עפּעס פון מאָרגענדיגען מוסף?

— זאָלסט געזונט זיין, חנה'לע, איך האָב עס אויך געהאַט אין זינען. אָבער פאַרוואָס זאָלסטו פאַר אונז ניט זינגען פון פּסח'דיגען מוסף? — האָט ריינקע זיך געווענדעט צום יתום.

— איך וועל זינגען, — האָט יואל דוד איינגעשטימט.

— זעהר גוט, — האָט ר' מרדכי א זאָג געטאָן, — געה חנה'לע נעהם ארויס דעם מחזור פון מיין טלית זעקעל.

— איך קען אויסווייניג אַלע תפילות, — האָט יואל דוד געזאָגט, — וואָס זאָל איך זינגען?

— זינג "ותערב", — רופט זיך אָן ר' נפתלי.

— זינג "ומפני חטאנו", — האָט ר' מרדכי געזאָגט.

— איך וועל ביידע זאַכען זינגען, — האָט יואל דוד געזאָגט, — אָבער אזוי ווי "ומפני חטאנו" קומט פריהער וועל איך דאָס זינגען פריהער.

עס איז געוואָרען זעהר שטיל אין עס־צימער. יואל דוד האָט זיך אויפגעשטעלט פון שטוהל. ער האָט א גלאָץ געטאָן מיט זיינע שעהנע פאַר'חלומ'טע אויגען און גענומען זינגען "ומפני חטאנו".

דאָס זינגען איז געווען אזוי זיס און אזוי באַצויבערט, אז אַלע האָבען מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס געקוקט אויף איהם און געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איז ארויסגעקומען פון זיין האַלז.

ווען ער האָט געענדיגט זינגען האָט זיך חנה'לע מעהר ניט געקאָנט באהערשען. זי האָט זיך אויפגעשטעלט פון איהר פּלאַץ און איז אריינגע־לאָפען צו זיך אין צימער און זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

ריינקע האָט אויך געווישט איהרע אויגען.

לאה'לע איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און דאָן אויסגערופען:

— זעה נאַר, מאַמע, זעה ווי מענשען זיינען זיך אָנגעלאָפען... זעה אָט שטעהען זיי אונטען און הערען זיך איין.

ריינקע איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט פון א זייט געוואָרפען א בליק. זי האָט געזעהן דעם גאַנצען הויף שכנים, מענער, פרויען און קינדער, אַלע אָנגעטאָן אין די יום־טוב'דיגע בגדים... אַלעמענס אויגען זיינען

געוועז געוועגדעט צו איהרע פענסטער. אַט זעהט זי זלאַטע'ן און איהר טאָכטער מירעלע, און איהרע צוויי ברידער.

ריינקע'ס הארץ האָט אָנגעקוואָלעז פון נחת... זי האָט געפיהלט, אז דער טייערער אוצר איז אין איהרע הענט... אלע וועלען איהם גלוסטען, אָבער ביי איהר וועט ער בלייבען...

זי האָט זיך דערמאָנט, אז חנה'לע האָט גלייך נאָך זיין זינגען פארלאָזען דעם צימער. זי איז אריין צו איהר אין צימער און זי געטראָפען זיצענדיג אויף איהר בעט און וויינענדיג.

— פארוואָס וויינסטו, מיין טאָכטער? — האָט ריינקע זיך צו איהר אָנגערופען און גענומען גלעטען איהרע האָר. — זיין זינגען האָט דיך געמאַכט צו וויינען... יאָ, ביי מיר אין די אויגען האָבען זיך אויך געשטעלט טרערען. וואש זיך ארום חנה'לע און קום ארויס... ער וועט באלד זינגען נאָך עפּעס. דו האָסט באדארפט ארונטערקוקען אונטען, דער גאנצער הויף איז שווארץ מיט מענשען. אלע האָבען זיך צוזאמענגעקליבען און קוקען ארויף צו אונז אין שטוב ווי אויף א בייז וואונדער... קאָנסטו זיך פאָר־שטעלען, מיין טאָכטער, וואָס עס וועט זיך מאַרגען טאָן אין שטאָדט שוהל? יאָ, חנה'לע, ער וועט בלייבען ביי אונז און דו דארפסט זיך שעצען גליקליך וואָס עס איז אונז באשערט איהם צו האָבען ביי אונז...

— ווען איך בין מיט דיר פריהער געגאַנגען פון שוהל, — האָט חנה'לע זיך אָנגערופען צו איהר מוטער, — יאָ, ווען מיר זיינען אריין אין הויף האָב איך באמערקט מירעלע זלאַטע'ס שטעהט נעבען איהר פענסטער און קוקט אויף אונז און ווען איך האָב אויף איהר א קוק געטאָן האָט זי אויף מיר געוואָרפען א בייזען בליק...

— נו, וואָס דען? זי איז דיך מקנא, מיין טאָכטער... ער איז דאָך גאָר געקומען צו זיי, אָבער גאָט האָט געוואָלט ער זאָל בלייבען ביי אונז... און ביי אונז וועט ער בלייבען. איך וויל, חנה'לע, אז דו זאָלסט זיך גוט ארומוואשען און פארקאמען דיינע האָר... טו אָן דיין בלויע זיידענע קלייד... און פארוואָס טאקע ניט שפּילען קיין ניס מיט איהם, דו דארפסט זיך ניט שעהמען. עלטערע אינגלעך און מיידלעך שפּילען פסח אין ניס. איך וועל איהם געבען ניס און דיר אויך... און איהר וועט שפּילען. וועט ער דערווייל ניט זוכען קיין אַנדערע שפּילער.

חנה'לע האָט זיך ארומגעוואשען און איהר מוטער האָט איהר פאָר־קאַמט און פארפלאָכטען צוויי לאַנגע צעפּ. זי האָט זיך צוריקגעקעהרט אין צימער וואו ר' מרדכי, ר' נפתלי און יואל דוד זיינען געזעסען און געשמועסט.

— דו ווייסט ,ריינקע, — האָט זיך ר' מרדכי צו איהר געוועגדעט, — איך האָב דאָך געקענט יואל דוד'ס פאָטער עליו השלום.

— יאָ? און ווער איז ער געוועז?

— דו ועסט קיינמאָל ניט טרעפען.

— נו, זאָג מיר שוין, איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען.

— זיין פאָטער עליו השלום איז דאָך געוועז דער ווילנער שטאָדט חזן פאָר א קורצער צייט. ר' צבי הירש לעווענשטיין! מען האָט איהם גערופען דער ליבאווער חזן. נו, איצט קאָנסטו זיך דערמאָנען.

— געוויס, — ענטפערט זי, — געוויס דערמאָן איך זיך.

אין אמת׳ן האָט ריינקע ניט געהאַט קיין אהנונג וועגען דעם. די חזנים אין שטאָדט שוהל פלעגען זיך בייטען זעהר אָפט... די שכירות זיינען געווען גאַנץ קליין... און אז דער חזן איז ניט געווען קיין גוואַלדיגער ערפאָלג האָט מען וועגען איהם זעהר ווינציג גערעדט און ער איז ניט באַריהמט געווען.

ר׳ מרדכי סטראַשון אָבער האָט גראָדע יאָ גוט געדענקט דעם ליבאַווער חזן ר׳ צבי הירש, ווייל ער אליין איז געווען איינער פון די גבאים ביי וועמען ער האָט ניט אויסגענומען און ער האָט א סך גורם געווען צו דעם וואָס מען האָט איהם ענטזאָגט פון זיין שטעלע און אָנגעשטעלט א צווייטען אויף זיין פּלאַץ.

— נו, אויב דיין פאָטער איז געווען דער חזן פון אונזער שוהל, איז שוין מיר פאַרשטענדליך פיעלע זאַכען, — האָט ר׳ מרדכי געגעבען יואל דוד׳ן א פּאַטערליכען קלאַפּ אין פּלייצע, — איך פאַרשטעה איצט, פאַרוואָס דו קענסט דעם גאַנצען דאַוונען אויסוויינינג. און אויך פאַרוואָס דו קענסט אַזוי פיין זינגען. נו, מאָרגען, אם ירצה השם, וועסטו ווייזען אַלעמען וואָס דו קענסט...

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, מרדכי, — האָט ריינקע מיט א צופרידענעם שמייכעל זיך געווענדעט צו איהר מאַן, — ווי נאָר איך האָב צום ערשטען מאָל געהערט זיין זינגען, האָב איך געזאָגט, אז ער שטאַמט פון יחוס... נו, א קלייניגקייט, א זוהן פון ווילנער חזן! זאָג מיר, יואל דוד, ווי לאַנג איז עס אז דיין פאָטער איז טויט?

— זעקס יאָהר. — ענטפערט יואל דוד.

— און אין שוהל איז ער געווען חזן מסתמא ביז זיין לעצטען טאָג...

— ניין, מען האָט איהם ענטזאָגט פון שוהל א צוויי יאָהר פאַר זיין טויט, — האָט יואל דוד זיך אָנגערופען, — מיין מומע זאָגט מיר, אז ער האָט זיך גענומען שטאַרק צום הארצען און ער איז קראַנק געוואָרען...

— מען האָט איהם ענטזאָגט? האָט ריינקע אויסגערופען, — ווער האָט עס געקאָנט טאָן אזא זאַך?!

— נו, פאַרוואָס זאָלען מיר איצט ריידען וועגען דעם, — האָט ר׳ מרדכי געזוכט אָפּצואָווענדען דעם געשפּרעך אויף עפּעס אַנדערש, — זאָג בעסער דאָבע׳ן זי זאָל מאַכען דעם סאַמאָוואַר. מיר וועלען טרינקען טהעע.

— יאָ, און דערווייל וועלען די קינדער שפּילען אין ניס, — האָט ריינקע געזאָגט און איז צוגעגאַנגען צו דער גלעזערנער שאַפע און פון דאָרט אַרויסגענומען א געשליפענע שיסעל פול מיט וועלישע ניס. זי האָט געגעבען יואל דוד׳ן צוויי הויפען ניס. און ווען ער האָט זיך געשעהמט צו נעהמען, — האָט זי געזאָגט:

— דו דאַרפסט זיך ניט שעהמען... עס איז דאָך פּסח... אַלע שפּילען פּסח אין ניס... חנה׳לע, דו וועסט שפּילען אין ניס מיט יואל דוד׳ן און דו אויך לאה׳לע. לאָמיר זעהן ווער עס איז מעהר מזל׳דיג...

יואל דוד האט גענומען די נים און זיי אריינגעלעגט אין זיינע קעשענעס.

חנה'לע און לאה'לע האבען גענומען די נים ביי דער מאמען. חנה'לע האט דאן גענומען א ברעטעל און עס אנגעלעהנט אויף דער וואט משופע'דיג און זי האט די ערשטע ארונטערגעלאזען פון ברעטעל א נוס.

— איצט געה דו, יואל דוד — האט זי געזאגט און זיך גענומען רויטלען.

יואל דוד האט ארויסגענומען א נוס און האט איהם ארונטערגעלאזען אויף'ן ברעטעל. זיין נוס האט אנגעשלאגען חנה'לעס נוס, וואס איז געלעגען אויף דעם דיל און חנה'לע האט מיט פרייד אויסגערופען: ער האט געוואונען דעם ערשטען נוס!

די מאמע וועלכע איז געשטאנען עטוואס אפגערוקט האט אויסגערופען:

— נו, ער האט דאך טאקע מזל! זאל שוין פון היינט אז דיין מזל לויכטען אויף שטענדיג!

דאס זינגען פון יואל דוד'ן אין דעם גביר'ס הויז האט ארויסגערופען אלע אידען פון זייערע שטיבער. עס איז שוין געווען נאכמיטאג, אייניגע האבען שוין אנגעפאנגען צו דרימלען. אנדערע האבען אריינגעקוקט אין ספרים. חברה יונגווארג האבען געשפילט נים און אנגעמאכט א טומעל.

אין ר' יהושע זעליג'ס הויז איז די שמחה פון יום טוב אביסעל צעשטערט געווארען צוליב דעם וואס מען האט געוואוסט, אז דאס עסען איז ניט זייערס נאר דעם גביר'ס... זייער עסען פאר די ערשטע צוויי טעג איז חמצ'דיג געווארען... און ר' מרדכי סטראשון, זייער בעל הבית, האט מיט זיי א גרויס חסד געטאן וואס ער האט אריינגעשיקט גענוג שפייז פאר זיי פאר די ערשטע צוויי טעג.

מירעלע, ר' יהושע זעליג'ס טאכטער, האט זיך געפיהלט אומעטיג און דערשלאגען מעהר פון אלעמען... פאר איין שעה צייט האט זי געפיהלט אזוי גליקליך. דאס איז געווען די שעה וואס דער יתום איז אפגעווען אין זייער הויז. און ווען ער איז פלוצים אוועקגענומען געווארען פון זייער הויז צו דעם גביר אין הויז, האט זי זיך געפיהלט ווי מען וואלט פון איהר אוועקגענומען איהר גאנצע פרייד, איהר גאנצען גליק... זי האט פארשטאנען אז זיי וועלען איהם שוין אזוי גיך ניט אפלאזען.

און איצט שטעהענדיג אין הויף צוזאמען מיט די אנדערע שכנים, און צוהערענדיג זיך צו זיין וואונדער שעהנעם זינגען וואס האט זיך צו זיי אלעמען דערטראגען פון דעם גביר'ס שטוב, האט איהר דאס הארץ גענומען נאך מעהר נאגען און וועהטאגען.

זלאטע האט א קוק געטאן אויף איהר טאכטער און זי האט באלד פארשטאנען פארוואס זי איז אזוי אומעטיג... ווען יואל דוד וואלט אמווייניגסטען אריינגעקומען אויף א וויל. נאך אלעמען איז ער דאך געווען איינגעלאדען צו זיי און נים צום גביר... אבער זי פארשטעהט שוין, אז דער גביר וועט איהם שוין אזוי שנעל ניט ארויסלאזען פון זיין הויז... אט דאס

וואס ער האט געקויפט פאר איהם מפטיר פאר צוויי הונדערט גילדען, איז א באוויז, אז ער האט געוואָרפען אויף איהם אן אויג...

— הער זיך איין, יהושע זעליג, — האט זלאטע א זאג געטאן צו איהם אין דער שטיל — פארוואס מיינסטו האט ר' מרדכי היינט געקויפט מפטיר פאר איהם אין שוהל?...

— פארוואס? ער האט גענוג געלד קאן ער קויפען, — האט ר' יהושע זעליג געענטפערט.

—איך פארשטעה ניט, פארוואס דו זאלסט עס ניט אלעס פארשטעהן, — האט זלאטע איהם פארגעוואָרפען, — א בלינדער קאן עס זעהן... ער וויל איהם שוין פארהאלטען פאר חנה'לען. דו האסט באדארפט זעהן, ווי חנה'לע האט זיך עס אויסגעפוצט... עס איז א וועהטאג אין הארצען צו וויסען, אז מיר האבען זיי מיט די הענט איבערגעגעבען אזא אוצר... מירעלע פיהלט זיך אזוי דערשלאגען...

— וואס פאלט דיר איין! מירעלע... דער יתום... זיי זיינען נאך ביידע גאר קינדער...

— און חנה'לע? איז זי ניט קיין קינד... אזא פארזעהעניש!

— א פארזעהעניש? — האט ר' יהושע זעליג איהר אנגעקוקט, — חנה'לע איז גארניט אזא פארזעהעניש... זי איז א גאנץ שעהנע און וואוילע מיידעל.

— אבער געגען אונזער מירעלע'ן איז זי א פארזעהעניש, — קאנסטו זי פארגלייכען צו מירעלע?... אזא בריליאנטען קינד, שעהן ווי די ליכטיגע זון... נאר אז דער מזל איז פינסטער העלפען קיינע טענות ניט...

— איי, זלאטע, זלאטע, דו רעדסט נארישקייטען! ווייס איך וואס...אז איינפאל ביי איהר... דעם גביר איז געפעלען זיין זינגען האט ער פאר איהם געקויפט מפטיר אין שוהל... קיין געלט פעהלט איהם ניט... נו, איז וואס...

— הער זיך איין, איך ווייס בעסער, — האט זלאטע א זאג געטאן, — דו וועסט זעהן אויב איך בין ניט גערעכט... זיי וועלען איהם שוין ניט אפ־לאזען פון זיך. ער וועט ווערען זייער איידים.

— נו, מילא, עס וועט ניט זיין קיין עולה, אז אזא ארימער יתום נעבעך זאל אריינפאלען אין א רייכער משפחה.

— אזא אינגעל מיט אזא זעלטענער שטימע וועט שוין זיין באזארגט מיט פרנסה און ער וועט ניט דארפען אנקומען צום גביר ער זאל איהם אויסהאלטען... ווען דו וואלסט אנגעפאנגען צו טראכטען וועגען א תכלית פאר אונזער מירעלע'ן, וואלסטו אויך עפעס געזעהן צו טאן.

— א אשה בלייבט א אשה, — האט ר' יהושע זעליג זיך אנגערופען צו איהר — וואס אזוינס א שטייגער האב איך געקאנט טאן? איך האב געקאנט פארהאלטען דעם יתום ביי אונז איבער די סדרים. און וואלט איך דען געקאנט קויפען פאר איהם מפטיר... גלאט דו רעדסט...

— דערפאר זאג איך דאך, אז דער גביר האט צו אלעס מזל... ער וואוינט אין אזא שעהן הויז און עס קאסט איהם קיין דירה געלט ניט, און

מיר וואוינען אין א קאלטער נאסער שטוב און מיר דארפען איהם נאך צאהלען דירה געלט.

— ע... דו הויבסט שוין אן זינדיגען, — האט ר' יהושע זעליג איהר פאדגעווארפען, — מיר דארפען דאנקען גאט פאר אלעס וואס ער גיט אונז... מיר זיינען געלויבט השם יתברך געזונט, און מיר האבען באוויזען צו באקליידען און באשיכען אונזערע קינדער אויף פסח. אי, עס האט פאסירט א צופאל און אונזער עסען איז חמצ'דיג געווארען... דאס קאן פאסירען ביי יעדען איינעם און לאמיר דיר זאגען, אז ווענען מירעלע'ן איז נאך פאר דיר צו פריה צו זארגען... זי איז קוים פערצעהן יאהר אלט... איהר באשערטער וועט קומען.

זלאטע האט א זיפץ געטאן. זי האט איינגעזעהן, אז איהר מאן איז גערעכט... וואס עס איז באשערט קומט אן... אפשר איז באשערט, אז דער יתום זאל זיין דארט.

— מאמע! — האט זיך לייבעלע אנגערופען, — איך וויל ארויפגעהן צום גביר אין הויז און פרעגען דעם יתום אויב ער וויל שפילען מיט מיר אין ניס.

— פארוואס זאלסטו געהן אהין? ווארט, אפשר וועט ער אליין ארונ־טערקומען אויף א ווילע, וועסטו מיט איהם דאן ריידען.

— זאל ער געהן, מאמע, — האט מירעלע געזאגט, — נישקשה ער האט זיך ניט וואס צו שעהמען. ווען ניט ער וואלט דאך דער יתום איג־גאנצען דא ניט געווען...

— יא, נעכטען בייגאכט האב איך איהם אין שוהל פאר'ן דאווגען געגעבען דריי וועלישע ניס און איך האב מיט איהם אפגערעדט צו שפילען. איך וועל ארויפגעהן איהם פרעגען.

— נו, אויב דו ווילסט געהן, — האט זלאטע א זאג געטאן, — אבער מיין הארץ זאגט מיר, אז דיין געהן איז אומזיסט, — זיי וועלען איהם ניט לאזען ער זאל ארונטערגעהן אין הויף.

— זיי זיינען ניט זיינע עלטערען. זיי קאנען איהם ניט פארהאלטען... אויב ער וויל ארונטערגעהן וועט ער געהן, — האט לייבעלע געזאגט.

— יא, יא, מיין קינד, — האט די מאמע א לייכטען זיפץ געטאן, — געה ארויף אויב דו ווילסט. איך וועל דיך ניט פארהאלטען.

לייבעלע האט אויסגעגליכט זיין היטעלע און ער איז ארויף אויף די טרעפ וואס האבען געפיהרט צו ר' מרדכי סטראשון'ס דירה.

ער האט אנגעקלאפט אין טיר. די דינסט האט געעפענט. ער איז גלייך אריין אין קיך און האט געפרעגט:

— וואו איז יואל דוד?

— א, יואל דוד?... דו ביזט געקומען אין צייט. ער שפילט אין ניס מיט חנה'לען און לאה'לען.

באלד האט זיך געעפענט די טיר און ריינקע האט זיך באוויזען.

— גוט יום טוב, — זאגט לייבעלע.

—אה, דו ביזט דאך דעם סטאליאר'ס אינגעלע, הא? גוט יום טוב, וואס ווילסטו זאגען גוטס?

— איך בין געקומען פרעגען אויב יואל דוד וויל שפילען מיט מיר אין ניס. איך האב איהם נעכטען אין שוהל געגעבען דריי וועלישע ניס און ער האט מיט צוגעזאגט צו שפילען מיט מיר.

— אויב אזוי קאן איך דיר זאגען, אז דו ביזט געקומען אין צייט. ער שפילט איצט אין ניס מיט מיינע צוויי טעכטער, אויב דו ווילסט קאנסטו אויך מיט זיי מיטשפילען.

— ניין, איך האב געמיינט, אז מיר וועלען שפילען אין הויף.

— אין דרויסען? ניין, קינד, אין דרויסען איז קיהל און יואל דוד קאן זיך נאך פארקיהלען, דו פארשטעהסט, מארגען וועט יואל דוד דאווענען מוסף אין שטאדט שוהל און ער דארף זיין זעהר פארזיכטיג זיך ניט צו פארקיהלען... אז מען שפילט אין ניס ווערט מען צעהיצט און פארשוויצט און מען קיהלט זיך שנעל צו. קום אריין, איהר וועט אלע שפילען דארט אין צימער.

לייבעלע איז אריינגעקומען. ער האט א זאג געטאן: "גוט יום טוב".

— גוט יום טוב, — ענטפערט איהם יואל דוד מיט א פרעהליכען פנים — איך קום דיר דריי ניס, אט זיינען זיי. קום, לאמיר אלע שפילען...

לייבעלע האט א קוק געטאן אויף דער אויסגעפוצטער חנה'לען און אויף איהר אינגערער שוועסטער לאה'לע. ער האט זיך געפיהלט זעהר אומבאקוועם...

— ניין, איך וועל ניט שפילען דא. עס ווארטען אויף מיר אונטען עטליכע אינגלעך... זיי ווילען שפילען אין ניס... א גוטען יום טוב.

לייבעלע איז ארויס פון גביר'ס הויז און איז פלינק ארונטערגעלאפען פון די טרעפ און אריינגעלאפען צו זיך אין הויז.

— דו הערסט טאטע! — האט ער אויסגערופען קוים אפכאפענדיג זיין אטעם, — מארגען וועט יואל דוד דאווענען מוסף אין שטאדט שוהל.

— וואס, מוסף? פון וואנען ווייסטו?

— מיר האט די גביר'טע געזאגט, זי האט מיר געזאגט, אז יואל דוד קאן ניט ארונטערגעהן שפילען אין ניס אין דרויסען, ווייל זי האט מורא ער זאל זיך ניט צוקיהלען. ער וועט זיך צעהיצען און פארקיהלען און דאס מוז מען פארהיטען ווייל מארגען וועט ער דאווענען מוסף אין שטאדט שוהל.

— נו, וואס זאגסטו אויף דעם? — האט זלאטע געשאקעלט מיט'ן קאפ. — איך בין אן אשה, איך בין א בהמה, איך האב גאר ניט קיין פארשטאנד.

— אזוי נאר, וועט אט דער יתום דאווענען מארגען מוסף אין שטאדט שוהל, נו, געוויס וועט מסתמא זיין וואס צו הערען. אזא גאלדענע שטימעלע. — האט ר' יהושע זעליג געזאגט. — עס איז ניט קיין עולה. דער יתום האט טאקע מזל. ווען ער בלייבט מיט אונז וואלט איך פאר איהם קיינמאל ניט

געקאנט אזוי פיעל אויפטאן אין איין טאג דאס וואס דער גביר האט יא געקאנט... איך וואלט פאר איהם קיין מפטיר ניט געקאנט קויפען און קהל וואלט קיינמאל קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו הערען זיין שטימע... אבער ר׳ מרדכי סטראשון האט עס געקאנט באווייזען, בפרט ווען ער איז נאך א גבאי אין שוהל... פאר איהם איז קיין זאך ניט צו שווער צו טאן. און לאמיר דיר זאגען זלאטע, אז מיר טוט באמת הנאה וואס עס האט זיך אזוי געמאכט... שטעל זיך פאר וואס פון דעם יתום וואלט געווארען... א קיי־לעכדיגער יתום, נעבאך אהן א טאטען און אהן א מאמען. האלט זיך אויף ביי אן ארימער מומען, וועלכע האט אפילו ניט געהאט גענוג געלט צו מאכען פסח... און זי האט איהם אוועקגעשיקט אין שוהל צו געפינען א בעל הבית ביי וועמען ער זאל קאנען עסען יום טוב...

זלאטע האט באמערקט די טרערען וואס האבען זיך געשטעלט אין מירעלע׳ס אויגן און זי האט א וואונק געטאן צו איהר מאן ער זאל מעהר ניט ריידען.

— זאג מיר לייבעלע, זי האט דיר אפילו צו איהם ניט צוגעלאזען? — האט זלאטע איהם געפרעגט.

— איך האב איהם געזעהן. ער האט געשפילט אין ניס מיט חנה׳לען און לאה׳לען. ער האט געהאט צוויי פולע קעשענעס מיט ניס. ער האט מיר אפגעגעבען די דריי ניס וואס איך האב איהם נעכטען געגעבען און ער האט מיך געבעטען מיטצושפילען מיט זיי אבער איך האב ניט געוואלט.

— און פארוואס ניט? — האט די מאמע געזאגט, — אזוי לאנג ווי מען האט דיך איינגעלאדען צו שפילען, האסטו באדארפט אננעמען די איינ־לאדונג.

— ניין, איך וויל ניט שפילען אין ניס מיט מיידלעך, — האט ער גע־זאגט, — חנה׳לע האט זיך אויסגעפוצט ווי א פרינצעסין און געשפילט אין ניס... זאל ער שפילען מיט איהר... איך וועל בעסער שפילען אין הויף מיט די אנדערע אינגלעך.

— א פיינער חזן וועט ער זיין, — האט זיך דער ניין־יאהריגער בערעלע צעלאכט. היינט שפילט ער ניס מיט מיידלעך און מארגען וועט ער דאווענען אין שטאדט שוהל!

— שווייג דו קליינער פיזיק! — האט די מאמע שמייכלענדיג א קלייר־נעם בייזער געטאן אויף איהם — קוק איהם נאר אן ער רעדט אויך!

— דו זעהסט לייבעלע, ער איז דאך כמעט אין איין עלטער מיט דיר. אפשר צוויי יאהר עלטער פון דיר. וואלסטו עס געקאנט באווייזען צו שטע־לען זיך דאווענען אין ווילנער שטאדט שוהל, פאר אזא עדה אידען, כן ירבו...

— נו, ער איז דאך שוין בר מצוה געווארען, — מעג ער דאווענען פאר׳ן עמוד.

— און אז דו וואלסט געמעגט וואלסטו דען געקאנט? ווען עס קומט צו פיוט מאכסטו נאך איצט אויך גרייזען... כאטש דו ביזט א גמרא בחור.

— נו, לאז איהם צורוה, — האט זלאטע זיך אנגערופען, — פארוואס

זאָלסטו זיך מיט איהם רייצען. וואָס מיינסטו, ווען דער יתום וואָלט ניט געהאַט אזא שטימע וואָלט ער אויך ניט געדאַווענט פאַר'ן עמוד.

קאַפּיטעל פינף

יואל דוד דאַווענט מוסף

די נייעס, אַז מאָרגען, דעם צווייטען טאָג פּסח, וועט אין שטאָדט שוהל דאַווענען מוסף אַ יתום פון אַ יאָהר דרייצעהן, האָט זיך שנעל צעטראָגען איבער גאַנץ ווילנע און שוין גאַנץ פריה איז די שוהל געווען געפּאַקט, מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. אויך די ווייבערשע שוהל איז געווען געפּאַקט...

ר' מרדכי סטראַשון און יואל דוד זיינען געזעסען אויבען אָן. דער שמש האָט שוין באַזאָרגט יואל דוד'ן מיט אַ קליינעם טלית און אַ יאַרמולקע און נאָכ'ן לייענען האָט דער שמש אַ קלאַפּ געטאָן און ער האָט מודיע געווען דעם עולם, אַז מיט דעם הסכם פון אַלע גבאים און מיט דעם הסכם פון שטאָדט חזן וועט דאַווענען מוסף היינט דער אינגעל יואל דוד וועלכער באַזיצט אַ גאָלדענע שטימע.

אין שוהל איז געוואָרען שטיל. מען האָט געקאָנט הערען דעם מינדעסטען שאָרך. דער שמש האָט צוגעטראָגען צום עמוד אַ רונדע קלעצער אויף וואָס יואל דוד האָט זיך געשטעלט. מיט קלאַפּענדע הערצער האָט מען געוואַרט ווען ער וועט אָנהויבען.

צווישען די פרויען אין ווייבערשער שוהל האָט זיך אויך געפונען זלאַטע און מירעלע. זיי זיינען געשטאַנען כמעט נעבען טיר. אָבער זיי האָבען גוט געקענט זעהן די גביר'טע ריינקע מיט איהרע צוויי טעכטער, חנה'לע און לאה'לע. ריינקע איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ זיידענע שוואַרצע קלייד, אויף איהר האַלז האָט זי געטראָגען אַ שנירעל פּערעל, אויף איהרע פינגער האָבען געפינקעלט בריליאַנטען און די דימענטענע אוירינגלעך האָבען זיך ארויסגעזעהן פון איהר שעהנער זיידענער שאַל. חנה'לע איז אויך געווען אויסגעפּוצט און זלאַטע האָט געקאָנט פון ווייטען מערקען ווי זייערע פּנים'ער לייכטען, ווי זייערע אויגען שיינען. זיי פיהלען זיך ווי אמת'ע מחותנת'טעס צו דער שמחה.

באַלד האָבען זיך דערהערט 3 קלעפּ און אין אַ ווייל'ע איז די שטילקייט נאָך מעהר אָנגעשטרענגט געוואָרען. אַלע האָבען געהויבען זייערע קעפּ און געווענדעט די בליקען צו דעם עמוד. יעדער האָט געוואָלט כאַפּען בלויז איין בליק.

עס האָט זיך באַלד דערהערט די שטימע זינגען דעם אתה בחרתנו. חזרת הש"ץ. און ווען ער האָט גענומען זינגען מיט זיין זיסער שטימע, זיינען די מתפּללים געבליבען שטעהן ווי פאַר'כשופ'טע. זייערע מיילער אָפען און די אויערען אָנגעשפּיצט און ווען ער האָט פאַרענדיגט די תפלה

און דער עולם האָט באַדאַרפט נעמען זאָגן, זיינען כמעט אַלע געבליבן שטעהן.

אַט האָט יואל דוד גענומען אויסזינגען דעם "ומפני חטאינו" און האָט זיך צעלאָזען אויף די העכערע טענער און גענומען זיך אויס׳טענה׳ן מיט׳ן רבונו של עולם, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט א געוויין וואס האָט זיך דער־טראָגען פון דער ווייבערשער שוהל... און די מענער האָבען אויך קוים געקאָנט איינהאַלטען די טרערען. עפּעס ווי א געטליכע שטימע האָט זיין קול אָפּגעהילכט איבער דער גרויסער שוהל. זיינע זיסע נגונים האָבען גע־קאָנט ריהרען א שטיין.

ווען ער האָט געענדיגט דאַווענען האָט מען איהם אַרומגערינגעלט און געטראָגען אויף די הענט.

דער שטאָדט חזן אליין, וועלכער איז געשטאַנען נעבען עמוד אין פאַל דער קליינער חזן זאָל אין עפּעס געשטרויכעלט ווערען, איז צו איהם צו־געגאַנגען און האָט איהם א קוש געטאָן אין באַק.

— יואל דוד, — האָט ער זיך צו איהם אָנגערופען און די טרערען האָבען איהם געשטיקט אין האַלז, — יואל דוד, זאָל דיר גאָט בענשען, דו ביזט א וואונדער קינד. נאָכדעם ווי איך האָב געהערט דיין דאַווענען פיהל איך, אַז איך בין ניט מעהר ראוי צו זיין דער שטאָדט חזן פון ווילנע. דער דאָזיגער הייליגער אמט באַלאַנגט צו דיר. און כאָטש דו ביזט נאָך צו יונג, האָף איך פונדעסטוועגען, אַז קהל וועט דיר געבען א כתב חזנות...

ר׳ מרדכי סטראַשון, וועלכער איז געשטאַנען ניט ווייט פון איהם האָט געהערט דעם חזן׳ס רייד. זיינע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרערען...

— זאָל ער דאַווענען אויך די אַנדערע טעג, — האָט דער שטאָדט חזן זיך געווענדעט צו ר׳ מרדכי׳ן.

— ניין, ניין! — האָט ר׳ מרדכי זיך אָנגערופען. ער איז נאָך צו יונג און טאָר זיך ניט אָנשטרענגען צופיעל.

ר׳ מרדכי האָט גערעדט מיט אזא טאָן ווי ער וואָלט שוין געוועזן זיין אייגעטום און ווי ער וואָלט געהאַט די גאַנצע דעה איבער איהם.

א היבשע צייט נאָכ׳ן דאַווענען זיינען די אידען פאַרבליבען אין שוהל. קיינעם האָט זיך ניט געגלוסט צו פאַרלאָזען די שוהל אַזוי לאַנג ווי דער יונגער חזנ׳דעל איז דאָרט נאָך פאַרבליבען. עס איז אונמעגליך געוועזן צו פאַרלאָזען די שוהל און אפילו די וועלכע זיינען שוין אַרויס פון שוהל זיינען געבליבען שטעהן אין שוהל הויף מיט דער האָפנונג צו קאָנען כאַפּען א בליק אויף דעם וואונדערליכען חזן וועלכער האָט אַלעמען באַצויבערט מיט זיין דאַווענען.

ניט אַזוי גיך אָבער האָט זיך יואל דוד באַוויזען, וויל אין שוהל האָ־בען איהם אַרומגערינגעלט די רייכסטע בעלי בתים, די גבאים און די רבנים און יעדער האָט געזוכט מיט איהם צו ריידען.

— זאג מיר ווֶעמענס זוהן ביזטו, — האט דער שטאדט חזן זיך צו איהם אנגערופען.

— מיין פאטער איז אמאל געווען שטאדט חזן אין ווילנא, — האט יואל דוד זיך אנגערופען, — זיין נאמען איז געווען ר׳ צבי הירש לעווענ־שטיין. מען פלעגט איהם רופען ר׳ הירש ליבאווער.

— א, זיין פאטער איז עס געווען דער שטאדט חזן ר׳ הירש ליבאווער

— האט איינער פון די גבאים אויסגערופען, — נו, שטעלט זיך איצט פאר, ר׳ מרדכי סטראשון, אז איצט זאל ביי אייך איינשטעהן זיין זוהן... גראד ביי אייך וויל איהר זיין דאך געווען...

— נו, גענוג צו ריידען! — האט ר׳ מרדכי איהם אונטערבראכען. מיר דארפען געהן אהיים. ער האט זיך גענוג אנגעהארעוועט. קום, יואל דוד, לאמיר געהן!

ליבעלע ר׳ יהושע זעליג׳ס האט באוויזען זיך דורכצושטופען דעם גע־דיכטען עולם און ער איז שוין געשטאנען נעבען עמוד, ניט ווייט פון יואל דוד׳ן, ער האט געמיינט, אז יואל דוד וועט איהם באמערקען און אמווייניגס־טען מיט איהם אויסריידען א ווארט, אבער יואל דוד איז גאר געווען אין אן אנדער וועלט. ער האט קיינעם ניט געזעהן ארום זיך. ער איז געווען גליק־ליך, ווייל ער האט געוואוסט, אז ער האט אויסגענומען ביים עולם... די ווערטער פון שטאדט חזן האבען איהם אפגעקלונגען אין זיינע אויערען... ער האט איהם געזאגט, אז כאטש ער איז נאך צו יונג, האפט ער אז קהל וועט איהם געבען א כתב חזנות... יא, פון היינט אן וועט נעמען א סוף צו זיינע צרות. ער וועט שוין ניט דאפען זארגען וועגען עסען, וועגען א היים... ער וועט נאך האבען גענוג געלט צו קאנען שטיצען זיין ארימער מומען און זיין קליינעם ברודער...

אט די געדאנקען האט יואל דוד געהאט אין זיין מח, ווען ר׳ מרדכי סטראשון האט איהם אנגענומען פאר׳ן האנט און מיט איהם גענומען געהן אין דער ריכטונג פון ארויסגאנג, דער שטאדט חזן איז אויך מיט זיי געגאנ־גען.

ליבעלע איז געבליבען שטעהן דארט צווישען די פארבליבענע בעלי בתים און גבאים. אלס אינגעל האט קיינער איהם ניט געשאנקען קיין אויפ־מערקזאמקייט און ער האט געקאנט הערען וואס זיי ריידען.

— אזא גאלדענע שטימע איז נאך ניט געהערט געווארען, — הערט ליבעלע ווי איין גבאי רופט זיך אן, — עס איז ממש געווען א טעם גן עדן צו הערען איהם זאגען דעם "ומפני חטאינו". ער איז איינער אין א דור.

— איינער אין א דור! — רופט זיך אן א צווייטער, — ער איז איינער אין הונדערט דורות... א קליינינקייט אזא שטימע... אזא אויסגוס פון דער נשמה... די שטיינערנע ווענט האבען דאך מיטגעוויינט... איהר האט דאך געהערט וואס דער שטאדט חזן אליין האט געזאגט!... אזא טייערע כלי!

— איך האב געהערט ווי דער שטאדט חזן האט איהם געזאגט, אז נאכדעם ווי ער האט געהערט זיין דאווגען, פיהלט ער אז ער איז ניט ראוי

צו זיין דער שטאָדט חזן. און ער האָט אויסגעדריקט זיין האָפנונג, אַז קהל וועט אַזאַ אוצר ניט אַפּלאָזען און איהם מאַכען פאַר שטאָדט חזן.

— עט... נארישקייטען, — האָט זיך אַן עלטערער בעל הבית אַנגערו־פען, — ער איז דאָך נאָך גאָר אַ אינגעל! ווי קאָן אַ אינגעל זיין אַ שליח צבור?... — אַ אינגעל נאָך בר מצוה איז פאַררעכענט ווי אַ איד, זאָגט אַ צווייטער, — און עס וואָלט ווירקליך געווען אַ גרויסער שאָדען ווען קהל כאַפּט איהם ניט אויס... עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אַז אַנדערע שוהלען וועלען זיך אַנשטרענגען און איהם געבען אַ כתב חזנות.

— דאַרף דאָך פריהער ר' מרדכי סטראַשון דערלאָזען, — זאָגט אַ דריי־טער.

— וואָס פאַר אַ דעה האָט ר' מרדכי סטראַשון איבער דעם יתום?

— דו זעהסט דאָך! ער האָט געהאַנדעלט פּונקט ווי ער וואָלט געווען זיין אייגענטום, ווי ער וואָלט געווען זיינער אַ זוהן.

— ער וועט שוין זעהן, אַז יואל דוד זאָל בלייבען זיין איידעם.

— נו, פאַרשטעהט זיך, ער האָט שוין געוואוסט, אַז דער יתום באַזיצט אַ הימלישע שטימע, האָט ער פאַר איהם געקויפט מפטיר און ער האָט שוין געזעהן, אַז ער זאָל דאַווענען מוסף. און איצט קומט אויס, אַז ער איז דער בעל הבית איבער איהם... ער איז שוין קיין נאַר ניט!

— איין זאַך קאָן איך ניט פאַרשטעהן: ווי אַזוי דער יתום קומט צו איהם, איך בין געווען דערביי ווי ער איז געגאַנגען פון שוהל אַהיים צום ערשטען סדר. ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט ר' נפתלי'ן, דעם משולח, און אויף מאָרגען אין דער פריה קומט ער שוין מיט'ן יתום און קויפט פאַר איהם מפטיר.

— איך וועל אייך זאָגען ווי אַזוי יואל דוד קומט צום גביר, — האָט זיך לייבעלע אַנגערופען.

די עטליכע בעלי בתים און גבאים האָבען אויף איהם אַ קוק געטאָן.

— פון וואַנען ווייסטו? — האָט איהם איין גבאי אַ פרעג געטאָן און אָפּגעמאָסטען מיט זיינע בליקען.

— איך וויים, ווייל איך האָב געבעטען מיין טאַטען ער זאָל יואל דוד'ן נעמען צו אונז אַהיים פאַר די סדרים.

— און ווער איז דיין טאַטע?

— מיין טאַטע איז ר' יהושע זעליג.

— ר' יהושע זעליג, — האָט דער גבאי געצוקט מיט זיינע שולטער, איך וויים ניט ווער ער איז.

— ר' יהושע זעליג דער סטאָליאַר! ער איז מיין טאַטע, — האָט לייבעלע געזאָגט, — איך האָב די נאַכט פאַר דעם ערשטען סדר געטראָפען איהם אין פּאַליש, ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ יתום און האָט ניט וואָס צו עסען. בין איך צוגעגאַנגען צו מיין טאַטען און איהם דערצעהלט וועגען איהם, האָט ער איהם איינגעלאַדען צו אונז אין הויז... יאָ, איך האָב איהם געפונען!

— טו ווי קומט ער צו ר' מרדכי סטראַשון ? — פרעגט איהם אַ צווייטער.
— ער איז געזעסען ביי אונזער טיש און געמאַכט קידוש צום ערשטען כוס און גלייך נאָכדעם האָט מיין מאַמע געפונען אַ געַרשט אין אונזער זופּ און דער טאַטע האָט מיך געשיקט פרעגען אַ שאלה. דער רב האָט געזאָגט, אַז אונזער שפּייז איז חמצ'דיג. אַלעס איז חמצ'דיג געוואָרען. מיר האָבען ניט געהאַט וואָס צו עסען — האָט מיין מאַמע געזאָגט וואָס איז נעבעך דער יתום שולדיג. איז זי אַרויפגעגאַנגען צו ר' מרדכי סטראַשון און איהם דער־צעהלט וואָס עס האָט פּאַסירט און געבעטען ער זאָל נעמען דעם יתום צו די סדרים.
—אָבער ווי קומט דיין מאַמע צו בעטען דוקא איהם ?
— ווייל ער איז אונזער בעל הבית, מיר וואוינען אין זיין הויף און מיר צאָהלען איהם דירה געלט.
— נו, אויב אַזוי איז שוין אַלעס רעכט. — רופט אויס דער ערשטער גבאי. ר' מרדכי סטראַשון האָט איהם געוויס געהערט זינגענדיג דעם קידוש און ער איז געווען צופרידען איהם צו נעמען צו זיך צו די סדרים. עס איז טאַקע אַ מאָדנער צופאַל. גראַד דאַרף דער יתום אַריינפאַלען צו איהם, צו ר' מרדכי'ן וועלכער האָט זיין פאָטער אַזוי פיעל דערגאַנגען די יאָהרען.
— און עס קאָן נאָך זיין, אַז ער וועט איהם נאָך נעמען פאַר אַן אייי־דעם !... ר' מרדכי האָט דאָך צוויי טעכטער און זיין עלטערע טאָכטער איז אַ יאָהר פופצעהן, מסתמא האָט ער זי אין זינען... נו, מילא, זאָל איהם וואויל באַקומען. זיין עלטערע טאָכטער איז אַ גאַנץ וואוילע מיידעל... אָבער איהר האָט באַדאַרפט זעהן ווי ער האָט זיך געשראָקען טאַמער וועל איך זיך אויסריידען פאַר'ן יתום, אַז ער איז געווען זיין פאָטער'ס שטאַרקסטער געגנער און אַז ער האָט אַ סך גורם געווען דערצו וואָס ער איז קראַנק גע־וואָרען און נאָכהער יונגערהייט פון דער וועלט געגאַנגען.
— מען טאָר אַזוי ניט ריידען ר' שמעון, — האָט איהם אַ צווייטער גבאי פאַרגעוואָרפען, — פאַרגעסט ניט אַז ר' מרדכי איז ניט געווען זיין איינציגער געגנער, ער האָט אויך געהאַט אַ סך אַנדערע געגנער...
— אָבער ר' מרדכי האָט דאָן געהאַט די פולע מאַכט און איך געדענק נאָך פונקט ווי עס וואָלט ערשט נעכטען געשעהן. מיר האָבען זיך פאַרזאַ־מעלט אין קהל שטיבעל צו פאַרהאַנדלען וועגען שטאָדט חזן און ר' מרדכי האָט זיך געקאָכט און געשטורעמט. ער האָט געסטראַשעט, אַז אויב ר' צבי ליבאַווער וועט פאַרבלייבען שטאָדט חזן, ציהט ער זיך צוריק פון שטאָדט שוהל. נו, פאַרשטעהט זיך, אַז די בעלי בתים האָבען ניט געוואָלט פאַר־לירען אַזאַ חשוב'ען גבאי און מען האָט איהם נאָכגעגעבען.
ליבעלע האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז זיין טאַטע וועט זיך אויף איהם בייזערען פאַרוואָס ער איז פּלוצלונג פאַרשוואונדען געוואָרען און מיט איהם באַלד ניט געגאַנגען אהיים, איז ער אָבער געווען שטאַרק צופרידען וואָס ער איז צוגעקומען אהער און זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך. ער איז

ארויס פון שוהל. אויפ'ן שוהל הויף זיינען נאך געשטאנען רעדלעך מענ־שען און האבען ניט אויפגעהערט צו ריידען פון דעם חזנ'דעל מיט גרויס באגייסטערונג. לייבעלע איז געלאפען אהיים און ווען ער איז אריינגעקומען אין שטוב האט ער שוין געטראפען אלעמען זיצענדיג ארום טיש.

— וואו ביזטו עס געווען? — האט ר' יהושע זעליג מיט א בייזער שטימע זיך אנגערופען.

— אין שוהל, — האט לייבעלע געענטפערט און זיינע באקען האבען געפלאמט.

— אין שוהל? צדיק מיינער, דו האסט דארט געווארט ביז וואנען מען האט צוגעמאכט די שוהל! פארוואס ביזטו פלוצלונג פארשוואונדען געווארען?

— איך בין צוגעגאנגען דארט צום עמוד, איך האב געוואלט זעהן יואל דוד'ן.

—אבער ר' מרדכי איז שוין מיט יואל דוד'ן לאנג געקומען פון שוהל, טא וואס האסטו נאך דארט געטאן?

—איך האב זיך צוגעהערט וואס די גבאים האבען צווישען זיך גע־רעדט.

— קוק איהם נאר אן, זיין עסק וואס די גבאים ריידען צווישען זיך. וואס? דו ווילסט אפשר ווערען א גבאי אין שטאדט שוהל?

זיי האבען גערעדט וועגען יואל דוד'ן און וועגען זיין פאטער.

— און ווער איז געווען זיין פאטער? — האט זיך שוין ר' יהושע זעליג גענומען פאראינטערעסירען.

— זיי זאגען, אז יואל דוד'ס פאטער איז געווען אמאל דער ווילנער שטאדט חזן, מען האט איהם גערופען ר' צבי הירש ליבאוואר.

— יא, איך געדענק אזא חזן, — האט ר' יהושע זעליג אויסגערופען. נו, וואס זשע רעדט מען וועגען איהם.

— נו, דו זעהסט שוין, אז לייבעלע זאל געזונט זיין רעדט ניט פון קאפ — האט זלאטע אויסגערופען און איהרע אויגען האבען זיך צעלויכטען, — אבער זאל ער דערווייל איבערכאפען דאס הארץ, — נעם אביסעל וויין און א שטיקעל מצה. מיר וועלען באלד געהן עסען. די מאמע האט אנגעפילט זיין כוס מיט וויין און ער האט געמאכט די ברכה "בורא פרי הגפן".

— וואס זאגסטו אויף דעם, יואל דוד איז גאר א זוהן פון דעם געוועז־ענעם שטאדט חזן עליו השלום, — געווען א וואזילער חזן, נאר ער האט געהאט א סך געגנער און מען האט איהם אפגעזאגט פון זיין שטעלע.

— אט וועגען דעם האבען זיי טאקע גערעדט, די גבאים... איך האב געהערט ווי זיי האבען דערצעהלט, אז ר' מרדכי סטראשון איז געווען א שונא צו יואל דוד'ס פאטער. און ער האט עס איהם ענטזאגט פון זיין שטעלע צוליב וואס ר' צבי איז קראנק געווארען און נאכהער געשטארבען... ר' שמעון דער גבאי, האט געזאגט, אז צוליב ר' מרדכי'ן איז ר' צבי הירש ליבאוואר געגאנגען יונגערהייד פון דער וועלט...

— נו, שוויַיג, מען טאָר אַזוי ניט רעדען, — האָט ר׳ יהושע זעליג זיך אַנגעבייזערט אויף איהם.

— ער רעדט דען פון קאָפּ, — האָט זלאַטע איהם פאַרענטפערט, — דאָס גיט ער איבער דאָס וואָס ער האָט געהערט.

— אַ אינגעל דאַרף אַזעלכע רייד ניט ווידערהאָלען, — האָט ר׳ יהושע זעליג געזאָגט. ער האָט קיין רעכט ניט געהאַט אפילו זיך צוצוהערען צו אַזעלכע רייד. מאַלע וואָס גבאים רעדען צווישען זיך.

— עס מאַכט ניט אויס, — האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן, — אַז ר׳ שמעון האָט געמעגט אַזוי רעדען, מעג לייבעלע איבערדערציילען.

— און איך וועל עס טאַקע דערציילען יואל דוד׳ן, — האָט לייבעלע פאַרביסען מיט זיינע ליפּען, — זאָל ער וויסען, אַז ר׳ מרדכי איז געווען זיין טאַטען׳ס מלאך המות.

— שווייג דו שנץ! — האָט ר׳ יהושע זעליג איהם נעגעבען אַ פּאַטש — איך וויל מעהר פון דיר ניט הערען אַזעלכע רייד! עס איז ניט דיין עסק. זאָלען איהם אַנדערע דערציילען אויב זיי וועלען עס געפינען פאַר נויטיג. שטענדיג רוקט ער די נאָז וואו מען דאַרף ניט...

לייבעלע האָט זיך גענומען ברוגז׳ן און איז אוועק פון טיש. ער איז אַריין אין קיך און זיך דאָרט אוועקגעזעצט אויף אַ בענקעל. ער איז געווען אין כעס אויף דעם גביר, וואָס ער האָט פון זיי אַוועקגענומען דעם כבוד צו האָבען אַזאַ אורח...

— ער האָט איצט קיין פּאַטש ניט פאַרדינט, — האָט זלאַטע זיך אָנ־גערופען צו איהר מאַן. וואָס האָט ער דאָ אַזוי ״חוטא בעגל״ געווען... אַזאַ יאָהר אויף מיר וואָס פאַר אַ קלוג קינד ער איז. ער האָט גוט געטאָן וואָס ער איז צוגעגאַנגען נאָך׳ן דאַווענען זיך צוהערען וואָס די גבאים רעדען צווישען זיך... אַן עלטערער מענש וואָלט עס ניט געקענט באַווייזען און אַ אינגעל יאָ...

— אַ אינגעל דאַרף וויסען זיין פּלאַץ... וואָס הייסט ער וועט געהן איבער־דערציילען פאַר יואל דוד׳ן וואָס ער האָט געהערט די גבאים רעדענדיג צווישען זיך. וואָס איז דאָס זיינע עסקים... ער וויל זיך אַנפאַנגען מיט׳ן גביר...

— וואָס ציטערסטו אַזוי פאַר דעם גביר? דו האָסט מורא, אַז ער וועט אונז אַרויסזעצען פון דער דירה... וואָסי, ער האַלט אונז אומזיסט? מיר צאָהלען איהם גענוג דירה געלט. און וואָס האָבען מיר, אַ קאַלטע, נאַסע דירה. אַ גאַנצען ווינטער זיינען דאָך די ווענט געווען פייכט. שוין באַלד פינף יאָהר ווי מיר וואוינען ביי איהם אין הויף, האָט ער דען רעמאָנטירט אונזער שטוב אפילו איין מאָל. נאָר ער האָט מורא. נישקשה, פאַר די געלד וואָס דו צאָהלסט איהם פאַר זיין דירה וועסטו קענען קריגען אַן אַנדער דירה און אפשר אַ בעסערע... האָסטו געהערט אַ קלייניגקייט, דער גביר, דער גביר! אימיצער וואָלט געמיינט, אַז ער האַלט אונז אין זיין דירה אומ־זיסט.

— דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם ענין, — רופט אויס ר׳ יהושע זעליג, — ער דאַרף ניט זיין דער יעניגער וואָס זאָל דערצעהלען דעם יתום דאָס וואָס ער האָט געהערט אין שוהל. זאָלען דאָס אנדערע טאָן. רייזקע וועט מיינען, אז מיר ווילען פון איהר אויסכאַפּען דעם יתום.

— גלויב מיר, אז מיר האָבען מעהר רעכט אויף איהם ווי זיי... ווען ניט ליבעלע וואָלט ער דאָך איצט ביי זיי ניט געווען, — האָט זלאַטע געזאָגט, — און מיט וואָס פאַר א רעכט האָט ער גענומען בעל בית׳עווען איבער איהם, נאָכדעם ווי ער איז געווען זיין פאָטער׳ס ביטערסטער שונא.

— יואל דוד וועט שוין אויסגעפינען פון דעם, וואָס ר׳ מרדכי האָט געטאָן צו זיין פאָטער, — האָט מירעלע זיך אָנגערופען.

— זאָל ער אויסגעפינען, אָבער ניט פון אונזער הויז, — האָט ר׳ יהושע זעליג שטרענג א זאָג געטאָן. איך וויל ניט, אז פון דאנען זאָל זיך צו איהם דערטראָגען אָט די דאָזיגע רכילות. ניט אזוי צוליב ר׳ מרדכי׳ן ווי טאַקע צוליב דעם יתום. פאַר וואָס זאָל ער זיך פיהלען אונגליקליך... ער האָט זיך נעבעך געוואוינט אָנגעליטען. איצט, אז דאָס גליק האָט צו איהם א שיין געטאָן, טאַ פאַרוואָס זאָל עס איהם פאַרשטערט ווערען... אויב אימיצער אנדערש וועט איהם דאָס דערצעהלען, קענען מיר זיך דאָך ניט העלפען, אָבער מיר דאַרפען איהם ניט וועה טאָן.

— עס וועט זיין א מצוה איהם צו דערצעהלען. זאָל די גראָבע חנה׳לע ניט מיינען, אז ער באַלאַנגט שוין צו איהר, — האָט מירעלע מיט אויפרעגונג אויסגערופען.

— טאַקע, האָסטו געהערט אזוינס? ווי א געפאַנגענעם האַלטען זיי איהם. זיי לאָזען דאָך איהם ניט ארויס פון הויז, — האָט זלאַטע זיך אָנגערופען, — גלויב מיר, עס וואָלט שוין גאָר ניט געשאַדט ווען מען דערצעהלט דעם יתום, אז זיין איצטיגער בעל טובה׳ניק האָט א גרויסען חלק אין זיין פאָטער׳ס טויט.

— נו, זאָל זיין געזונג! — האָט ר׳ יהושע זעליג אויסגערופען — מיר דאַרפען צוליב דעם ניט פאַרשטערען דעם יום טוב.

— ווער האָט פאַרשטערט דעם יום טוב אויב ניט דו. נעהמסט און דערלאַנגסט א פּאַטש דעם קינד פאַר גאָר ניט!

— פאַר גאָר ניט! ווי קומט א אינגעל פון עלף יאָהר צו רעדען אזעלכע יוערטער! וואָס הייסט ער וועט דערצעהלען יואל דוד׳ן אז ר׳ מרדכי איז געווען זיין טאַטען׳ס מלאך המות . . . פיינע דבורים פון א אינגעל . . .

— אויב עלטערע מענשען האָבען אזוי גערעדט אין שוהל, האָט ער א רעכט דאָס צו ווידערהאָלען . . . אויף מיר די עבירה — האָט זלאַטע געזאָגט — איך וועל איהם באַלד צורופען צום טיש און איך בעט דיך לאָז איהם צורוה.

די מאַמע איז אריין אין קיך און האָט זיך אָנגערופען צו ליבעלע׳ן:

— נו, קום צום טיש, מיר געהען עסען. שפּיעל ניט קיין ברוגז . . . דער

טאטע איז געווען גערעכט. דו האסט ניט געדארפט אזוי רעדן, בפרט ווען די ווייסט אז ביים טיש זיצן אויך קליינע קינדער און זיי קענען נאך זיך ארויספלאפלען. נו, קום!

— איך וויל ניט גיין! — האט ליבעלע א ברום געטאן אונטער'ן נאז.

— זיי ניט קיין עקשן, און קום. דער טאטע האט דיך נאך ניט אוועק־גע'הרג'עט. וואס מאכסטו אזא צימעס דערפון . . . ער האט דיר דערלאנגט א פעטשעל איז וואס? א טאטע מעג. ביז דיין חתונה וועט עס פארהיילט ווערן, האט די מאמע איהם א קוש געטאן אין שטערן. קום שוין, מיין קינד.

דער מאמע'ס קוש האט איז גאנצן געביטן ליבעלע'ס שטימונג, א שמייכעל האט זיך באוויזן אויף זיין פנים און ער איז אריין אין עס־צימער און זיך געזעצט צום טיש.

די מאמע האט דערלאנגט דאס עסן און אלע זיינען געזעסן ביים טיש און געשוויגן.

מירעלע'ס פנים איז געווען פארכמורעט. זי האט געפיהלט אז ליבעלע האט גוט געטאן וואס ער האט אויסגעפונען אזא זאך. און זי האט ביי זיך איין הארצן באשלאסן אז אויב ליבעלע וועט דעם יתום גאר ניט דער־צעהלען וועגן דעם וואס ער האט געהערט אין שוהל, וועט זי שוין איהם אלעס אליין דערצעהלען. נישקשה זי וועט איהם זעהן און רעדן מיט איהם. זאל ער וויסען ווער עס איז שולדיג אין דעם וואס ער איז א יתום. זאלען זיי ניט מיינען, אז ווייל זיי האבען געלד קענען זיי טאן מיט איהם וואס זיי ווילען. ער וועט שוין ניט וועלען בלייבען ביי זיי נאך דעם ווי ער וועט הא־בען אויסגעפונען וואס חנה'לעס טאטע האט געטאן צו זיין טאטען.

קאפיטעל זעקס

די שמחה איז ר' מרדכי'ס הויז איז דעם צווייטען טאג פסח נאך יענעם מוסף געווען אונגעהייער גרויס. ריינקע האט ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט איהם.

— אוי, וואס פאר א שטימעלע, א געזונט זאל איז דיר אריין! אי, יואל דוד'ל, זאל דיך גאט בענשען, וויפיעל פרייד דו האסט היינט פארשאפט, אז עז הרע, אזוי פיל אידען. אויף די קעפ איז מען דאך געשטאנען. אלע האבען געוויינט. ניט אמת, חנה'לע?

חנה'לעס פנים האט זיך גענומען רויטלען. זי האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

— און וואס מיינסטו, בלויז די ווייבער האבען געוויינט?! — האט ר' מרדכי זיך אנגערופען, — די מאנסבילען האבען אויך פארגאסען גענוג טרעהרען אויף יואל דוד'ס "ומפני חטאינו". דו קענסט זיך פארשטעלען אז דער שטאט־חזן אליין האט געוויינט. ער איז געשטאנען נעבען מיר און איך האב געזעהן ווי טרעהרען קייקלען זיך פון זיינע אויגען.

— זאג מיר, מרדכי, איז עס טאקע אמת, אז דער שטאדט־חזן האפט, אז קהל וועט איהם געבען א כתב־חזנות?

— נו, אויב דו גלויבסט מיר ניט, פרעג דעם בעל דבר אליין. אפשר איז דאס ניט אמת, יואל דוד?

יואל דוד איז נאך אלץ געווען ווי פאר׳שכור׳ט. ער איז געווען אין א גאר אנדער וועלט, ער האט זיך קיינמאל ניט געקענט פארשטעלען אז מען וועט פון איהם מאכען אזא וועזען . . . ער האט אפילו ניט געהערט וואס מען רעדט צו איהם. ער האט צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ אויף יעדער פראגע.

— זאג מיר, יואל דוד, — האט ר׳ מרדכי זיך צו איהם געווענדעט, — וואלסטו געוואלט זיין שטאט־חזן, הא?

— איך ווייס ניט, — ענטפערט ער.

— וואס הייסט דו ווייסט ניט, ווער דען זאל ער וויסען? קענען קענסטו, אין דעם צווייפעלט שוין קיינער ניט.

— נו, אז ער קען, טא פאר וואס זאל ער ניט ווען, בפרט אז דער שטאט־חזן אליין וויל זיך צוריקציהען צוליב איהם.

— דאס איז בלויז גערעדט . . . נאך אלעמען קען מען דעם חזן ניט ענטזאגען , — האט ר׳ מרדכי זיך אנגערופען, — וואס מען וועט יא קענען טאן איז צו מאכען איהם פאר חזן שני . . . ער וועט דאווענען שחריתים און סתם שבתים און יואל דוד וועט זיין שטאט־חזן.

— שטאט־חזן! א קלייניגקייט! איך קען זיך גארניט פארשטעלען!

— איז ריינקעס באגייסטערונג געוואקסען. עס איז אזוי פלוצלונג! עס איז דאך טאקע אזוי ווי די געשיכטע פון טויזענט און איין נאכט. קיין בייז אויג זאל איהם נאר ניט שאדען.

די דינסט האט דערלאנגט די געריכטען און איידער זיי זיינען פארטיג געווארען מיט׳ן עסען, האבען אנגעהויבען קומען די געסט. די ערשטע וועלכע זיינען געקומען זיינען געווען ריינקע׳ס שוועסטער חוה, איהר מאן און זוהן יאנקעלע, ביי וועמען זי האט אויסגעבארגט דעם גארניטור פאר׳ן יתום.

— לאמיך איהם אקארש אנקוקען, — האט חוה געזאגט, נאכדעם ווי זי האט אפגעגעבען דעם ברייטען גוט יום טוב און זיך צוקושט מיט איהר שוועסטער, — אוי, אזא יאהר אויף מיר וואס פאר א שעהן אינגעלע ער איז, און א שטימע האט ער, גאט זאל איהם נאר שטארקען . . . איך זאג דיר, ריינקע, אז ווען איך האב געהערט ווי ער דאווענט האב איך געמיינט אז איך געה אויס פון מתיקות . . . ווען חנה׳לע איז נאכ׳ן ערשטען סדר געקומען צו מיר און געזאגט וועגען יתום און געבעטען יאנקעלע׳ס שבת׳דיגען גארניטור, האב איך זיך גארניט געקענט פארשטעלען אז דאס איז פאר אזא טייערען אוצר . . . אי, חנה׳לע, חנה׳לע — האט זי זיך געווענדעט צו חנה׳לען, — דו דארפסט טאקע האבען א גוטען מזל . . . דו האסט דאך אזא דימענטענע הארץ . . . עס איז דאך געווען באלד האלבע נאכט ווען דו ביזט געקומען צו אונז און געבעטען איך זאל דיר געבען

יאנקעלעס גארניטורעל פאר אייער יונגען אורח . . . נו, זאל שוין גאט געבען, ריינקעלע, מיין טייערע שוועסטער, דו זאלסט האבען נחת פון דיין חנה'לען . . . יא, גאר איין גיכען וועלען מיר טאנצען ביי איהר אויף חתונה. הא, ניט אמת, חנה'לע?

— אַה, מוהמע, — האט חנה'לע א זאג געטאן, און איהרע באקען האבען זיך צופלאמט. זי האט שעמעוודיג א קעהר געטאן איהר קאפ.

—א, דו שעמעוודיגע כלה! — האט די מוהמע צוגעלעגט איהר פינ־גער צו איהר נאז, — וועז עס איז באשערט קומט דער באשערטער אין הויז . . . אזא יאהר אויף מיר וואס פאר א טייערע פאר זיי וואלטען ביידע געוועז . . .

ריינקע האט זיך געשמאלצען פון נחת. איהר שוועסטער האט שוין אויסגעטראטען א וועג . . . זי האט שוין געגעבען אנצוהערען אז יואל דוד איז חנה'לעס באשערטער . . . זי האט א קוק געטאן אויף יואל דוד'ן און אנגעקוועלען . . . זי קען זעהן פון זיינע אויגען אז ער איז גליקליך . . . וועז עס ווענדט זיך אן איהר וואלט מען שוין ל״ג בעומר געשטעלט א חופה . . . עס וועט זיין א סך גרינגער פאר איהם צו קריגען א כתב חזנות . . . א פארהייראטער יונגער מאן, א באלעבעסעל, איז שוין גאר עפעס אנדערש.

עס זיינען צוגעקומען נאך געסט, קרובים, פריינד און אזוי חשוב'ע בעלי בתים פון שול, וועלכע זיינען געווען באגייסטערט פון יואל דוד'ס מוסף אז זיי האבען זיך געוואלט דורכריידען מיט ר' מרדכי סטראשון וועגען דעם אז ער זאל אויך דאווענען די אנדערע טעג פסח.

אפילו דער גבאי ר' שמעון וועלכער האט א ווייל פריהער אין שוהל אנגערעדט אויף ר' מרדכי'ן אנוויזענדיג אז ער איז געווען שולדיג אין דעם פריהצייטיגען טויט פון יואל דוד'ס פאטער, דעם געוועזענעם שטאט־חזן, איז איצט אויך געקומען כאפען א שמועס מיט ר' מרדכי'ן און זעהן ווי עס האלט דארט.

ריינקע האט געהייסען דער דינסט מאכען דעם סאמאוואר און אוועק־שטעלען די כבודים אויפ'ן טיש און אליין איז זי אריין מיט איהר שוועס־טער אין אנדער צימער.

— דערצעהל מיר, ריינקע קרויז, ווי אזוי האסטו געפונען אט דעם דאזיגען אוצר . . . ער איז דאך א בריליאנט . . . אוי, גאט זאל איהם נאר געבען געזונט און כח . . . ער האט דאך אין איין שעה צייט אויפגעשטורעמט גאנץ ווילנע . . . עפעס א קלייניגקייט, אזא שטימעלע . . . אויף די קעפ איז מען געשטאנען. זאג מיר, ריינקע טייערע, ווי אזוי האסטו איהם גע־פונען?

— חנה'לע האט דאך דיר שוין דערצעהלט, — האט ריינקע געזאגט. און איהרע אויגען האבען געלויכטען פון גליק, — ווי פון הימעל איז ער צו אונז געשיקט געווארען. איך זאג דיר, חוה'ענקע, ווי נאר ער האט געעפענט זיין מויל און גענומען זינגען ביים סדר, האב איך ביי זיך אין הארצען געטראכט, אז ער וועט זיין מיין איידעם, און איידער איך האב געוואוסט

ווער ער איז, און פון וואנען ער שטאמט האב איך א זאג געטאן צו מרדכי'ן אז דער יתום וועט שוין בלייבן ביי אונז, ער איז חנה'לעס באשערטער.

— אוי, גאטעניו, זאל נאר זיין מיט מזל און מיט גליק, — האט חוה אויסגערופען, — דו האסט זי באדארפט זעהן ווען זי איז געקומען צו מיר פלאמט, איהרע אויגען האבען געלויכטען, און זי האט אויסגעקוקט אזוי שעהן ווי א פרעכטיגע בלום . . . איך האב אויסגעשפיגען דריי מאל עס בעטען יאנקעלע'ס גארניטורעל פאר'ן יתום... איהרע באקען האבען גע־זאל איהר קיין עין הרע ניט שאדען . . . מיין הארץ האט מיך געזאגט אז עפעס וועט געשעהן. און ווען איך האב געהערט אז ער וועט דאווענען מוסף אין שטאט־שוהל, האב איך איבערגעלאזט מיין גאנץ קאכען און געגאנגען אין שוהל. די ווייבערשע שוהל איז געווען געפאקט אז איך האב קוים גע־קענט געפינען א פלאץ נעבען מיהר. און ניט ווייט פון מיר זיינען דוקא גע־זעסען דיין שכנ'טע זלאטע און איהר טאכטער מירעלע. איך האב געזעהן ווי זיי קוקען אויף דיר און אויף חנה'לען און זיי שושקען זיך . . . איך האב פארשטאנען אז זיי זיינען אייך מקנא . . .

— וואס מיינט די קבצ'טע, אז איהר מאן וואלט געקענט טאן פאר'ן יתום דאס וואס מיין מאן האט געטאן?! ווען ער בלייבט ביי זיי וואלט ער דאך אינגאנצען פארלארען געגאנגען. ווען מרדכי האט געהערט וואס פאר א שטימע ער באזיצט, האט ער באשלאסען אז דער עולם אין שוהל זאל זיך פון דעם דערוויסען . . . ער האט אפילו מיר ניט געזאגט אז ער קלייבט זיך צו קויפען מפטיר פאר'ן יתום. ער האט זיך ניט אפגעשטעלט צוליב געלד. ער האט מיר געזאגט אז ווען אפילו מען וואלט אריינגעבאטען טויזענד גילדען וואלט ער פאר איהם געקויפט דעם מפטיר . . . מעהר ווי דאס האט ער ניט באדארפט. דער עולם האט געהערט זיין מפטיר און מענ־שען האבען שוין אליין גענומען רעדען ער זאל דאווענען מוסף אויף מאר־גען . . . נו, זאג אליין, ווער נאך וואלט אזוינס געקענט טאן פאר איהם?

— נו, זיי מיינען אז ווי באלד ער איז געקומען צו זיי צום סדר זיינען זיי שוין אייך מחותנים.

— איך זאג דיר אז עס איז מיר שווער צו פארשטעהן ווי אזוי מענ־שען נעהמען א יתום אהיים צו די סדרים און אליין האבען זיי קוים וואס צו עסען . . . אמת, עס איז גאנץ פיין פון זיי, זיי האבען קיין עין הרע א היבשע משפחה און פון דעסטוועגען נעהמען זיי נאך דערצו אן אורח צו די סדרים, אבער וואס איז נעביך שולדיג דער יתום, ער וואלט ביי זיי געליטען הונגער אפילו ווען די געשיכטע מיט'ן גערשט פאסירט ניט . . . זיי האבען קוים געהאט פאר זיך צו עסען, און גלויב מיר, ווען איך שיק זיי ניט אריין א גאנצען פאלומישאק מיט פיש און א טאפ מיט קנידלעך און זופ און צוויי פעטע היהנער וואלטען זיי אלע געליטען הונגער.

— נו, דערפאר האט דיך טאקע גאט באלוינט און דו האסט אריינגע־קראגען אזא אוצר, — האט חוה געזאגט.

— טא וואס ווילען זיי? זלאטע איז צו אונז אין הויז אריין און גע־

בעטן מיר זאָלן דעם יתום נעהמען צו זיך. איך האָב איהם פון זיי מיט געוואַלד ניט אוועקגענומען . . . עס פאַרשטעהט זיך, אַז ביי אונז וועט ער האָבען אַ בעסערע היים און בעסערע שפּייזען. עס איז געווען אַ רחמנות אַ קוק צו טאָן אויף איהם. ער איז געווען אַזוי הונגעריג... ער איז דאָך אין די קאַרגע צוויי טעג וואָס ער געפינט זיך ביי אונז, געקומען צו זיך אַהן עין הרע . . . פון דעסטוועגען וואָלסטו באַדאַרפט זעהן ווי זיי האָבען גע־וואָלט איהם אַריינקריגען. זיי האָבען אַפילו אַרויפגעשיקט זייער אינגעל איהם אַרונטערצורופען, כלומרשט צו שפּילען ניס אין דרויסען, אָבער איך האָב געוואוסט זייער כוונה... מיך קענען זיי ניט נאַרען . . . איך האָב איהם געזאָגט אַז אויב ער וויל שפּילען אין ניס מיט איהם קען ער עס טאָן ביי אונז אין הויז... איז ער טאַקע אַוועק ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

— יאָ, ריינקעלע טייערע, דו דאַרפסט איהם פון זיך ניט אָפּלאָזען ביז וואַנען דו וועסט שוין זיין זיכער, ווייל אויף איהם וועלען זיך איצט גע־פינען אַ סך בעלנים . . . אַ קליינינגקייט אַזאַ אוצר . . . איך וואָלט דערווייל געזעהן צו מאַכען תנאים און טאַקע באַלד אום חול המועד פּסח . . .

— פאַשטעהסטו מיך, ער איז דאָך אָבער פאָרט נאָך אַ אינגעל. מיין מרדכי, זאָל געזונט זיין, האָט מיר געזאָגט אַז ער פּלאַנעוועט אַריינצונעה־מען פאַר איהם אַ גרויסען למדן וועלכער זאָל מיט איהם דערווייל לערנען. שיקען אין בית המדרש לערנען וויל ער ניט, ווייל ווער ווייסט וואָס דאָרט קען פּאַסירען ?!.. מען קען איהם נאָך איבעררײדען . . . מיר וועלען דאַר־פען די גאַנצע צייט האַלטען אַן אויג אויף איהם. איך דאַרף דיר דען דער־צעהלען ,דו ווייסט דאָך אַז קיינע שונאים פעהלען אונז ניט און אַז אַ קאַץ קען אויך קאַליע מאַכען . . .

— ריכטיג, ריינקע, קרויז, געוויס פעהלען אייך ניט קיינע שונאים . . . בייזע צינגער זיינען פאַראַן גענוג און אויף אַ יונג קינד קאָן אַלעס ווירקען, דערפאַר דאַרפסטו זעהן אַז ער זאָל קיינמאָל ניט בלייבען אליין, אימיצער מוז שטענדיג זיין מיט איהם . . . יאָ, איך האָב פאַרגעסען צו פרעגען ווער איז ער, פון וואַנען קומט ער ?

— אַזאַ יאָהר אויף אונז אַלעמען פון וואָס פאַר אַ שעהנעם יחוס ער שטאַמט, דו וואָלסט עס קיינמאָל ניט געגלויבט... זיין פאָטער איז דאָך מיט אַכט יאָהר צוריק געווען ווילנער שטאָט חזן. מיין מרדכי, זאָל געזונט זיין, האָט איהם גוט געקענט, זיין נאָמען איז געווען ר׳ הירש ליבאָוער... ער איז געווען אַ זיידענער איד, אַ גרויסער צדיק... אמת, איך האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן... אַ מאָדנע זאַך, וויפיל שטאָט חזנים עס זיינען געווען אין שטאָט שוהל, פלעגען זיי גאַנץ אָפט אָפּשטאַטען באַזוכען אין אונזער הויז און גראָד זייז, יואל דוד׳ס פאָטער, עליו השלום, איז ביי אונז אין הויז קיינמאָל ניט געווען.

— נו, דערפאַר האָט דיר גאָט צוגעשיקט זיין זוהן, וועלכער וועט איהם אַריבערשטייגען, און דו וועסט זעהן, ריינקע, די גאַנצע וועלט וועט מיט איהם קלינגען.

— איך האב שוין געהערט וואס מען רעדט אין גאס. אלע ווארטען מיט גרויס אומגעדולד ער זאל דאוונען די אנדערע טעג פסח.

— זאלען זיי ווארטען! — האט ריינקע געזאגט, — מיר אבער האבען באשלאסען איהם מעהר ניט צו לאזען דאוונען, סיידען מען וועט איהם אנשטעלען אלס חזן... און אפילו צו דעם וועלען מיר זיך ניט איילען... זאל ער פריהער קומען צו זיך, ער איז נעבעך אזוי אויסגעמאטערט, זיין פנים איז געווען בלאס... איצט קען מען שוין זעהן אביסעל קאליר אין זיין פנים. דו וואלסט איהם בעדארפט זעהן צום ערשטען סדר, ווען ער איז אריינגעקומען צו אונז.

— וואו האט ער זיך די גאנצע צייט אויפגעהאלטען? — פרעגט חוה.

— ער האט עפעס אן ארימע מוהמע, אין קליין שניפישאק, — האט ער אונז דערצעהלט, — ער האט אויך א קליין ברודערל פון א יאהר פינף־זעקס, דו קענסט זיך פארשטעלען וואס זיין מוהמע מוז זיין אז זי האט געשיקט יואל דוד'ן אין שטאט שוהל כדי ער זאל עפעס קריגען וואו צו עסען.

— נו, א מוהמע איז פארט ניט קיין מאמע! — האט חוה א זיפץ געטאן, — שטעל זיך פאר, וואלט עס א מאמע געטאן? ווי ארים זי זאל ניט זיין וואלט זי ניט אוועקגעשיקט אזא קינד צו זיין פסח צווישען פרעמדע... ניט וויסענדיג ביי וועמען ער וועט אריינפאלען, בפרט נאך ווען זי געפינט זיך אזוי ווייט פון שטאט.

— אם ירצה השם דעם ערשטען טאג חול המועד וועט מרדכי הייסען איינשפאנען די בריטשקע און ער וועט מיט יואל דוד'ן ארופפאהרען צו זיין מוהמע. ער וועט שוין זעהן וואס צו טהאן פאר איהר. ביי אונז אין הויף שטעהט א ליידיגע דירה, אמת, ניט קיין גוטע דירה, אבער אהן געלד איז עס גארניט קיין שלעכטע דירה. מיר וועלען עס לאזען קאלכען און אביסעל מעבעל וועלען מיר אריינקריגען. נו, אז זי וועט שוין ביי אונז אין הויף וועט איהר שוין קיין שפייז ניט פעהלען... און עס קען נאך זיין אז מיר זאלען ארייננעהמען צו אונז יואל דוד'ם אינגערען ברודערל.

— בזכות פון די מצוות וועט גאט געבען אז חנה'לע זאל זיין גליקליך איהר גאנצען לעבען, — האט חוה געזאגט.

— ווי גלויבסטו, חוה, זיין מוהמע האט שוין דארט אין שניפישאק געהערט וועגען דעם אז איר פלימעניק האט געדאווענט מוסף אין שטאט שוהל?

— וואס פאלט דיר איין? ווי קומט זי צו הערען... ווער קען קומען אום יום טוב פון שניפישאק אין שטאט שוהל? מען דארף דאך עפעס אריבערפאהרען די ווילִיע מיט'ן פאראם... דארט אין שניפישאק וועט מען עס ערשט אויסגעפינען חול המועד און דאריבער וועט זיין די בעסטע זאך, אז זיין מוהמע זאל עס אויסגעפונען פון מרדכי'ן. זאל זי וויסען וואס ער האט געטהאן פאר איהר פלימעניק.

— איך וואלט זי שוין געוואלט זעהן! — האט ריינקע געזאגט.

— נו, מילא, דאס איז שוין פון די קליינינקייטען. איך פארזיכער דיך אז זי וועט ניט זיין דאגעגען, זי וועט ניט שטעהן אין וועג פון זיין גליק. נאך אלעמען וועט יעדער איינער צוגעבען אז דאס איז אויך א גליק פאר דעם יתום... א קליינינקייט ווערען ר׳ מרדכי סטראשונ׳ס איידעם און קריגען אזא טייערע בריליאנטענע כלה פון חנה׳לע, זאל געזונט זיין... אזא יאהר אויף מיר וואס פאר א גליק עס איז פאר איהם.

— פונדעסטוועגען וויים איך אז די אנדערע גבירים פון ווילנע וועלכע האבען איהם געהערט דאוונען וועלען שוין האלטען אן אויג אויף איהם, אויב זיי האבען נאר טעכטער... ווען מיר זאלען איהם איצט אפלאזען וואלט מען איהם צעצוקערט... א קליינינקייט...

— נו, דארפסטו פריהער זיין א נאר גאר צו דערלאזען עס זאל קומען צו אזא זאך, — האט חוה אויסגערופען.

— דו האסט געזעהן אז צווישען די געסט געפינט זיך אויך שמעון פרנס... איך וויים אז ער איז אונז ניט קיין צו גוטער פריינט... אבער ער איז געקומען... פארשטעהסט, ער האט א בת יחידה.

— נו, זאל ער האבען צעהן בת יחידות! — האט חוה לאכענדיג גע־זאגט, — יואל דוד איז ביי דיר און ביי דיר וועט ער בלייבען.

— א, מיר האבען זיך דא פארערדט און דארט אין גאסט־צימער זיצען שוין די געסט. לאמיר אריינגעהן.

ריינקע און חוה זיינען אריין אין גרויסען גאסט־צימער, וואו ארום א לאנגען ברייטען טיש זיינען געזעסען די אנגעקומענע געסט. איינינע פון די גבאים פון שטאט שוהל און אנדערע חשוב׳ע בעלי בתים, און איינינע רבנים.

יואל דוד איז געזעסען אויבען אן. אויף זיין קאפ האט ער געטראגען א ווייסע זיידענע יארמעלקע.

דער סאמאוואר איז געשטאנען אויפ׳ן מיטען טיש און האט געזידט. אויף שעהנע זילבערנע טאצען זיינען געווען פארשידענע פסח׳דיגע האניג־טייגלעך און לעקעכלעך. אין גלעזערנע טעצעלעך זיינען געווען פסח׳דיג וואר־רעניע.

די דינסט האט אנגעגאסען די גלעזער טהעע פון סאמאוואר און זיי אוועקגעשטעלט פאר די געסט.

חנה׳לע איז אויך געזעסען ביים טיש נעבען איהר פאטער און כאטש זי האט זיך געמאכט ווי זי קוקט אין אן אנדער ריכטונג, האט זי יעדע ווייל־ע נעווארפען א בליק אויף יואל דוד׳ן, איבערהויפט ווען זי האט געמערקט אז די געסט האבען זיך פארטיעפט אין א געשפרעך... ווען חנה׳לע האט דערזעהן איהר מוטער און מוהמען אריינקומענדיג האט זי זיך אויפגעשטעלט פון איהר פלאץ און געגעבען איהר מוטער איהר שטוהל. זי האט אויך געבראכט א שטוהל פאר איהר מוהמע׳ן און זי האט זיך געזעצט אויף דער זאפא.

— גוט יום טוב, גוט יום טוב! — האט ריינקע באגריסט די געסט ווען זי האט זיך געזעצט ביים טיש. — טרינקט טיי! נעמט אביסעל וואר־רעניע... עס איז אמת׳ע פסח׳דיגע... עס איז ניט קיין חשש חמץ.

— דאס זיינען איבעריגע רייד, מאדאם סטראשון — האט ר׳ שמעון פרנס אויסגערופען מיט א שמייכעל — וואס דען, איהר וועט אוועקשטעלען אויפ׳ן טיש ניט קיין פסח׳דיגע ווארעניע.

— טא פארוואס טאקע טוט איהר ניט אריין די ווארעניע אין אייער טיי, ר׳ שמעון? — האט ריינקע געזאגט.

— נו, אויב איהר פארלאנגט, וועלען מיר אייך צוליב טאן — האט ר׳ שמעון גענומען א לעפעלע און אנגעשעפט א פולען ווערד מיט ווארעניע און עס אריינגעטאן אין זיין טיי.

דער געשפרעך וואס איז אונטערבראכען געוואזען ווען ריינקע און איהר שוועסטער האבען זיך צוגעזעצט ביים טיש, איז ווידער באנייט געווארען. זיי האבען גערעדט וועגען דעם שטאדט חזן ר׳ לייבעלע קאנטאר.

— איך מוז אייך זאגען דעם אמת — האט איינער פון די גבאים זיך אנגערופען — נאכדעם ווי קהל האט געהערט יואל דוד׳ן דאוונען וועט מען שוין ניט מעהר געפינען קיין געשמאק אין ר׳ לייבעלע קאנטאר׳ס דאוונען.

— וואס דארפט איהר מעהר. ער אליין האט עס צוגעגעבען — האט ר׳ שמעון געזאגט — איך בין געשטאנען דערביי ווען ער האט א קוש געטאן יואל דוד׳ן און איהם געזאגט אז נאכדעם ווי ער האט געהערט זיין דאוונען, קען ער שוין מעהר ניט זיין שטאדט חזן...

— נו, דאס איז מעהר ניט ווי געזאגט — זאל מען פרובירען רעדען מיט איהם וועגען דעם, וועט איהר דאן זעהן וואס עס וועט זיך אפטאן. עס איז א קלייניגקייט, אוועקנעהמען די שטאדט חזנות פון איהם.

— אויב מען וועט וועלען וואלט מען געקענט אויסמארקירען אז ער זאל קריגען די זעלבע שכירות... פאר דאוונען שחריתים און סתם שבתים און יואל דוד זאל דאוונען שבת ראש חודש און ימים טובים. איך בין זיכער אז ווי באלד זיין געהאלט וועט ניט געמינערט ווערען וועט ער זיין צופרידען.

— איך ווייס ניט אויב ס׳איז ראטזאם פאר יואל דוד׳ן ער זאל עס איצט טאן. ער איז נאך אזוי יונג, פארוואס זאל ער אויף זיך נעהמען אזא פאראנטווארטליכקייט... זאל ער דערווייל לערנען און מיט נאטעס הילף וועט ער ווערען שטאדט חזן מיט א פאר יאהר שפעטער — האט ר׳ מרדכי סטראשון געזאגט.

— וואס רעדט איהר, ר׳ מרדכי! איהר ווילט באַרויבען די ווילנער אידען פון אזא גייסטיגען פארגעניגען... איהר ווייסט וואס עס טוט זיך אין שטאדט? מענשען ווארטען שוין מיט גרוים אומגעדולד אויף די אנדערע טעג פסח כדי צו הערען יואל דוד׳ן אין שטאדט שוהל. איך וועל אייך זאגען דעם אמת. איך בין גרייט איהם צו געבען א כתב חזנות אפילו מארגען אין דער פריה. און וואס אנבעלאנגט די אנדערע גבאים, האב איך זיי פאררופען צו זיך אין הויז אויף היינט ביינאכט און איך נעהם זיך אונטער צו ווירקען אויף זיי אז זיי זאלען ניט זיין דאגעגען און אם ירצה השם וועלען מיר אנ-

שטעלען יואל דוד'ן פאר ווילנער שטאדט חזן. איך וויל טאקע אז איהר ר' מרדכי זאלט טאקע היינט אין אווענד צוקומען צו מיר אין הויז טאקע מיט יואל דוד'ן און מיר וועלען אויסארבייטען א פלאן און מארגען וועלען מיר איהם געבען א כתב חזנות.

— וואס איז דא אזוי די איילעניש? — האט ר' מרדכי סטראשון גע־זאגט, עס ברענט ניט! ער וועט ניט פארזאמען צו ווערען שטאדט חזן אין א יאהר ארום!

— איהר זאלט עס זאגען, ר' מרדכי — האט ר' שמעון פרנס אויס־געטרופען — ווייסט איהר דען ניט ווי קהל איז ענטציקט פאר איהם... איך האף אז איהר וועט איהם ניט שטערען, אדרבה, וואס זאגסטו יואל דוד אויף דעם — האט ער זיך געווענדעט צו איהם.

יואל דוד, וועלכער איז די גאנצע צייט געזעסען ווי אין אן אנדער וועלט און האט נאך אלץ צו זיך ניט געקענט קומען פון אלעס וואס האט מיט איהם פאסירט, האט א קוק געטאן אויף ר' שמעון און האט א שאקעל געטאן מיט זיין קאפ.

—נו, זעהט איהר שוין אז ער אליין איז מסכים, טו פארוואס זאלט איהר איהם שטעהן אין וועג. פאלגט מיר, זאל ער היינט ביינאכט צוקומען מיט אייך צו מיר אין הויז און מיר וועלען שליכטען דעם גאנצען ענין. איך וועל זעהן אז ער זאל אפילו קריגען די גאנצע שכירות וואס דער איצ־טיגער שטאדט חזן קריגט... נאך אלעמען בין איך דאך דער גבאי ראשון און איך האב א שטיקעל דעה אין שוהל אנגעלעגענהייטען... קיינער וועט ניט זיין דאגעגען. יואל דוד, דו וועסט צוקומען היינט אין אווענט נאך מעריב צו מיר אין הויז? הא, איך מיין צוזאמען מיט ר' מרדכי סטראשון.

יואל דוד האט א קוק געטאן אויף ר' מרדכי'ן צייגענדיג דאמיט אז ער וועט טאן וואס ר' מרדכי וועט איהם הייסען.

— איך בין זיכער אז ר' מרדכי וועט ניט זיין דאגעגען אז דו זאלסט אפשטאטען היינט ביינאכט א באזוך אין מיין הויז — האט ר' שמעון פרנס געזאגט צו יואל דוד'ן.

— גוט, מיר וועלען צוקומען צו אייך! — האט ר' מרדכי זיך אויסגע־רעדט און באלד האט ער דערפילט א טארקע אין פוס פון אונטער'ן טיש. ער האט גלייך א קוק געטאן אויף זיין ווייב. און זי ריינקע, האט איהם געגעבען א וואונק ער זאל איהם ניט צוזאגען צו קומען.

— איך זאג אייך ניט צו, ר' שמעון — האט זיך ר' מרדכי פארכאפט — מיר וועלען זעהן!

— וואס הייסט, איהר זאגט ניט צו, איהר האט דאך נאר וואס מיר צוגעזאגט, ווי אזוי קאנט איהר גלייך חרטה האבען... עס פאסט ניט פאר אייך.

— איך זאג אייך ניט יא, און זאג אייך ניט ניין, מיר וועלען זיך דורכ־ריידען און דאן וועלען מיר זעהן.

— וואס הייסט זיך דורכריידען. יואל דוד איז דאך מסכים, טא אויף

וואס זעהענדיג סאנט איהר זיין דאגעגעז... אז איהר וועט זיין ביי מיר אין הויז און די באדינגונגען וועלען איהם ניט געפעלען ווערען, וועט ער האבען א רעכט זיי ניט אנצונעהמען. אבער עס וועט דאך ניט שאדען אז איהר וועט קומען און מיר וועלען פארהאנדלען.

— יואל דוד איז מיעד און ער וועט זיך בעסער אויסרוהען — האט ריינקע זיך שוין ארייגעמישט.

— ער וועט זיך אויסרוהען א גאנצען טאג — האט ר׳ שמעון געזאגט, און ביי מיר אין הויז וועט ער זיך ניט איבערהארעווען. ווי ווייט איז דאס פון דאנען צו מיר.

— וואס איז דא צו ריידען — האט ריינקע געזאגט — איהר האט דאך געהערט. — יואל דוד וועט ניט געהן צו אייך!

— דאס פארשטעה איך שוין גאר ניט! — האט ר׳ שמעון אויסגערופען מיט אויפרעגונג. — וואס הייסט ער וועט ניט געהן? — איך האב אזא רעכט איהם צו האבען פאר אז אוועגט ביי זיך אין הויז פונקט ווי איהר...

— און איך זאג אז ער וועט ניט קומען! — האט ריינקע אויסגערופען.

— איהר רעדט פונקט ווי ער וואלט שוין באלאנגט אינגאנצען צו אייך — האט ר׳ שמעון זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ — דאס וואס ער האט ביי אייך געגעסען די צוויי סדרים מיינט נאך ניט אז איהר האט איהם דאמיט אפגעקויפט און ער איז אייער אייגענטום!

— אומזיסט וועלען זיין אייערע רייד — האט זיך ריינקע גענומען מעהר כעס׳ן — יואל דוד וועט צו אייך ניט געהן!... עס וועט איהם ביי אונז גאר ניט פעהלען, און ווען מען וועט דארפען עפעס טאן פאר איהם וועט שוין מיין מאן טאן...

— איהר דארפט זיך אזוי ניט קאכען, מאדאם סטראשון! — האט ר׳ שמעון אויסגערופען — ווער ווער, ר׳ מרדכי אליין ווייס אז ער האט א קליינעם חלק אין דער פריהצייטיגען טויט פון ר׳ צבי הירש לעווענשטיין.

— וואס איז דאס פאר א רייד! האט זיך ר׳ מרדכי א שטעל געטאן.

— איהר וועט דען לייקענען אז איהר זייט געווען זיין שטארקסטער געגנער און אז איהר האט געסטראשעט אז איהר וועט אוועק פון שוהל אויב ר׳ צבי הירש לעווענשטיין פארבלייבט שטאדט חזן! אדרבה לייקען עס אפ!

— איהר ווייסט ניט וואס איהר רעדט! — האט ר׳ מרדכי א געשריי געטאן.

— נו, זאל זיין גענוג! — האבען די אנדערע בעלי בתים זיך גענומען ארייגמישען.

— וואס הייסט גענוג! — האט ריינקע זיך צעשריען — וואס מיינט איהר, איך וועל דערלאזען ער זאל מאכען א בלבול אויף אונז!

— עס איז ניט קיין בלבול, מאדאם סטראשון — האט זיך ר׳ שמעון

פרנס אנגערופענ. גאנצ ווילנע ווייסט אז ר׳ מרדכי סטראשון האט גורם געווען מען זאל ענטזאגען ר׳ צבי הירש׳ן, עליו השלום, פון זיין חזנות שטעלע. און גלייך נאכדעם איז ער קראנק געווארען... איך בין געווען איינער פון די וועלכע האבען זיך איינגעשטעלט פאר ר׳ צבי הירש׳ן און איך האב געטאן אלעס וואס איך האב געקענט ער זאל פארבלייבען שטאדט חזן אבער דאן האט ר׳ מרדכי סטראשון געהאט מעהר מאכט פון מיר. ער איז דאן געווען גבאי ראשון און ער האט אויסגעפיהרט.

— וואס שווייגסטו, מרדכי! איז ריינקע געווארען היסטעריש — וואס הייסט דו לאזט איהם אז ער זאל אויף דיר מאכען אזא בלבול! זאג איהם אז ער איז א ליגנער!

— כ׳וויים וואס. ווער וועט שענקען אויפמערקזאמקייט צו זיינע רייד. מען קאן דאך זעהן אז דאס רעדט אין איהם די קנאה. ער איז אזוי מקנא וואס יואל דוד געפינט זיך ביי אונז.

— אנו, אדרבה פרובירט עס אפלייקענען! — האט ר׳ שמעון פרנס אויסגערופען. איהר קענט עס ניט טאן! ווייל די אלע געסט וועלכע זיצען אט דא ארום אייער טיש ווייסען אז עס איז אמת. איהר זייט א סך שולדיג אין דעם וואס יואל דוד איז געווארען א יונגער יתום און איצט ווילט איהר נאך זאגען א דעה איבער איהם, און אפשר ווילט איהר איהם נאך נאך נעהמען פאר אן איידעם!...

— יואל דוד, וועלכער איז די גאנצע צייט געזעסען רוהיג און זיך צוגעהערט ווי מען אמפערט זיך איבער איהם, האט דערהערענדיג ווי מען רעדט וועגען זיין פאטער, ארונטערגעבויגען זיין קאפ. און באלד האט ער זיך פאנאנדערגעכליפעט.

— נו, איהר זעהט וואס איהר האט געטאן! — האט ריינקע זיך צושריען אויף איהרע העכסטע טענער — ווער האט אייך געבעטען קומען אהער! געהט פון דאנען! דער ארימער יתום נעבאך. ער דארף זיצען און זיך צוהערען צו אזעלכע בלבולים. דאס איז דאך אן אונ־ערהערטע חוצפה, צו קומען צו אונז אין הויז אלס גאסט און אזוי ריידען! פארלאזט מיין הויז!

— איהר דארפט מיר ניט טרייבען! — האט ר׳ שמעון אויסגערופען — איך וועל אליין אוועקגעהן. אבער אויב איהר מיינט אז איהר וועט האבען די גאנצע דעה איבער איהם, מאכט איהר א טעות... אזא קינד ווי יואל דוד באלאנגט צו גאנצ ווילנא און אויב קהל וועט איהם וועלען געבען א כתב חזנות און מאכען איהם פאר א שטאדט חזן וועט איהר ניט קענען שטערען! א גוטען יום טוב.

— קום אריין יואל דוד אין צווייטען צימער, איז ריינקע צו איהם צוגעגאנגען און איהם אנגענומען פאר דער האנט — איך וויל מיט דיר עפעס ריידען.

יואל דוד האט אפגעווישט זיינע טרעהרען און זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און איז אריין מיט ריינקען אין צווייטען צימער.

— בארוהיג זיך מיין קינד. נעהם זיך ניט צום הארצען וואס אט דער ר' שמעון האט גערעדט. פארשטעהסטו מיר, איהם פארדריסט וואס דו ביזט ניט ביי איהם. פארשטעה זיך אז ער וואלט געוואלט האבען דעם כבוד צו האבען דיך אין זיין הויז... אזוי נעהמט ער קיין מאל ניט קיין אורח. ער איז אזא קארגער מענש... אבער נאכדעם ווי ער האט געהערט דיך באוואונדערענדיג, וויל ער זעהן דיך אריינצוקריגען צו זיך... איך פארזיכער דיר אז ער וואלט פאר דיר קיין מאל ניט געקויפט א מפטיר. כדי דער עולם זאל האבען א געלעגענהייט צו הערען דיין שטימע. און דאס וואס ער האט גערעדט וועגען דיין פאטער עליו השלום, דארפסטו אליין פארשטעהן אז דאס האט אין איהם די קנאה גערעדט. איך בעט דיך ווייז ניט, קינד מיינס.

— איך וויין ניט! — האט יואל דוד זיך אנגערופען — עפעס איז אריינגעפאלען אין מיין אויג.

— א, פארוואס האסטו מיר ניט געזאגט, יואל דוד? אט וועל איך הייסען חנה'לען אריינברייגגען א ווייסע טיכעלע און זי וועט ארויסנעהמען דאס וואס איז אריינגעפאלען אין דיין אויג.

ריינקע האט אז עפען געטאן די טיר און איוסגערופען:

— חנה'לע, קום אריין אויף א ווייל!

חנה'לע איז אריין אין צימער און די מאמע האט צו איהר א זאג געטאן:

—חנה'לע, עפעס איז אריינגעפאלען אין יואל דוד'ס אויג. נעהם ארויס פון שופלאד א ריינע ווייסע טיכעלע און דו ווייסט דאך ווי אזוי ארויסצונעמען א ברעקעל פון אויג.

חנה'לע איז ארויס און זיך באלד צוריקגעקערט מיט א טיכעלע. ריינקע האט געגעבען א וואונק צו חנה'לען און זי איז צוגעקומען צו יואל דוד'ן און מיט א צארטע שטימע איהם געפרעגט:

— אין וועלכען אויג איז עס אריינגעפאלען?

יואל דוד איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער אין א פארלע־גענהייט. ער האט אנגעוויזען מיט זיין פינגער אויף זיין רעכטער אויג.

מיט פיעל צערטליכקייט האט חנה'לע אויפגעהויבען די ברעם פון זיין אויג און האט א וויש געטאן.

— נו, ווי פיהלסטו איצט, יואל דוד? — האט זי איהם געפרעגט.

— בעסער, יא, איך פיהל בעסער — האט ער אויפגעעפענט די אויג.

— נו, וואס זאגסטו אויף דעם ר' שמעון פרנס — האט ריינקע געזאגט — אזא קארגער חזיר... ער רעדט נאך! א חוצפה צו קומען צו אונז אין הויז אלס גאסט און מאכען בלבולים אויף אונז.

— מאמע, פארוואס זאלען מיר ריידען וועגען דעם! — האט חנה'לע געזאגט — יואל דוד איז ניט קיין נאר, ער פארשטעהט זיינע בייזע כוונות.

— א געזונד צו דיר, חנה'לע. דאס זאג איך דאך אויך... יואל דוד זאל געזונט און שטארק זיין, פארשטעהט אז דער קארגער חזיר איז עפעס

אויסעז דערמיט... ער ווייסט אז ר׳ שמעון פרנס איז אונז מקנא וואס מיר זיינעז געווען די ערשטע ארויסצובריינגען פאר די ווילנער אידען, וואס פאר א וואונדערבארע שטים יואל דוד׳ל באזיצט. איהם פארדריסט שטארק וואס יואל דוד׳ל געפינט זיך ביי אונז... ער האט געמיינט אז ווען ער וועט מאכען דעם בלבול אויף אונז וועט יואל דוד גלייך אריבערגעהן צו איהם... פארוואס ניט. ער האט דאך אזא געראטענע טאכטער... אזא מזל אויף אונזערע שונאים ווי געראטען זי איז. א שווארצע מאזעפע, מיט אן איינ־געהויקערטען נאז... נו, איצט פארשטעהסטו שוין וואס ער האט געמיינט?

דער אומשולדיגער נאאיווער יואל דוד האט עס אבער ניט פארשטא־נען. ער האט ניט באגריפען אז מען האט זיך שוין אנגעפאנגען צו רייסען איבער איהם, כדי איהם צו נעהמען פאר אן איידעם. ער האט געפיהלט א שטארקע דאנקבארקייט צו דער משפחה סטראשון פאר די פריינדליכקייט וואס אלע האבען איהם ארויסגעוויזען. ער איז געווען דאנקבאר צו חנה׳לען פאר איהר צערטליכקייט, פאר דעם וואס זי האט איהם אפגעגעבען איהר צימער און פאר דעם גארניטור וואס זי האט איהם געבראכט... ער איז געווען דאנקבאר צו ר׳ מרדכי סטראשון פאר דעם מפטיר וואס ער האט פאר איהם געקויפט צוליב וואס מען האט פון איהם געמאכט אזא גרויסען ווערט. ער איז געווען דאנקבאר צו ריינקע׳ן, חנה׳לעס מוטער פאר דעם וואס זי האט איהם אזוי צוגעזעהן און איהם ארויסגעוויזען מוטערליכקייט... אבער ער האט דערווייל ניט געטראכט פון דעם אז זיי האבען איין זינען צו דערגרייכען איין ציעל און דאס איז איהם צו נעהמען פאר אן איידים...

פארשידענע געדאנקען האבען זיך גענומען מישען אין זיין יונגען מוח. ער האט זיך גענומען דערמאנען וועגען זיין טאטען וועלכער האט אין די לעצטע יאהרען געליטען אזוי פיל נויט און ארימקייט... ער געדענקט אלעס וואס האט פאסירט אין די לעצטע טעג פון זיין פאטער׳ס לעבען. ער איז דאן געווען ארום אכט יאהר אלט, אבער ער האט שוין געלערענט גמרא ביי דעם בעסטען מלמד. זיין טאטע אליין פלעגט אויך מיט איהם לערנען, און ווען ער פלעגט מאכען די רעפעטיציעס פלעגט ער זיך צוהער־רען מיט גרויס נייגעריגקייט און שפעטער אליין איבערזינגען אלע תפילות. ער געדענקט אז זיין טאטע האט איהם ניט איינמאל געזאגט, אז ער וועט אמאל זיין א גרויסער חזן און ווערט זיין נבואה מקוים. די גבאים פון ווילנער שטאדט־שוהל אמפערען זיך שוין איבער איהם... זיין טאטען האבען זיי אפגעזאגט פון זיין שטעלע אלס שטאדט חזן און איהם ווילען זיי איצט אויפנעמען... ער פיהלט זיך אזוי שטאלץ דערמיט. ערשט מיט א פאר טעג צוריק איז ער געווען אן ארימער יתום אויף וועמען קיינער האט זיך ניט אומגעקוקט און איצט רייסט מען זיך גאר איבער איהם... ווי יונג, אונערפארען ער איז געווען, האט ער פארשטאנען אז ער דארף זיין פארזיכטיג. ער טאר זיך ניט לאזען פארקויפען... ער זעהט אז חנה׳לע

איז איהם אזוי איבערגעבען. זי האָט מיט מיט איהר צאַרטער האַנט אָנגערירט זיין פּנים, ווען זי האָט געמאַכט א פאַרזוך ארויסצונעהמען פון זיין אויג דאָס וואָס איז כּלומרשט אריינגעפאַלען אין זיין אויג. א לייכטער ציטער איז דורך זיין קערפּער ווען ער האָט געפיהלט איהר באַריהרונג... ער האָט זיך דאָ געפיהלט אזוי זיכער און רוהיג. ער האָט גענומען טראַכטען פון זיין אינגערען ברודער'ל מאָטעלע, וועלכער געפינט זיך איצט ביי דער מומען אין שניפּישאָק... אָ, ווי גליקליך זיין מומע וואָלט זיך איצט געפיהלט ווען זי ווייסט אז ער האָט געדאַווענט מוסף אין שטאָדט שוהל און אז מען רעדט שוין וועגען איהם אלס צוקונפטיגער שטאָדט חזן...

— וואָס האָסטו זיך אזוי פאַרטראַכט, יואל דוד'ל? — האָט ריינקע מיט א ליבען שמייכעל זיך צו איהם געווענדעט — דו דאַרפסט גאָר ניט מורא האָבען, מיר וועלען דיר שוין גוט צוזעהן. דיר וועט ביי אונז גאָרניט פעהלען... דו ווייסט, חנה'לע, וואָס איך האָב באַשלאָסען? מיר וועלען ברענגען צו אונז יואל דוד'ס אינגערען ברודער און זיין מומע. מיר האָבען דאָך א ליידיגע דירה אין אונזער הויף... מיר וועלען שוין זעהן אז עס זאָל זיי גאָרניט פעהלען.

יואל דוד האָט אויף ריינקע'ן א בליק געטאָן מיט פאַרוואונדערונג... זי האָט געלייענט זיינע געדאַנקען... ער האָט דאָך טאַקע נאָר וואָס געטראַכט פון זיין מומען און זיין ברודער'ל. ער איז געווען זעהר צופרידען צו הערען אז זיי וועלען אריינגעהמען זיין מומען און ברודער'ל אין זייער הויף.

— מאָרגען איז דער פריה נאָכ'ן דאַווענען וועט מיין מאַן דיך מיטנעהמען אין זיין בריטשקע און ער וועט מיט דיר אוועקפאָהרען קיין שניפּישאָק און ברענגען דיין מומען און ברודער'ל אהער. וואָס זאָגסטו אויף דעם, יואל דוד'ל?

— א דאַנק! — האָט יואל דוד געענטפערט. — איך ווייס ניט וואָס צו זאָגען.

— זיי נאָר געזונט און שטאַרק, קינד מיינס, און אלעס וועט זיין גוט! — האָט ריינקע זיך צו איהם אָנגערופען — איין זאַך וויל איך אז דו זאָלסט וויסען. מיר זיינען אלע אויסען בלויז דיין טובה, און דו זאָלסט זיך ניט צוהערען צו די רייד פון די וועלכע זוכען צו מאַכען בלבולים אויף אונז. זיי זיינען אונזערע שונאים און צו דיר זיינען זיי אויך קיינע פריינד... דו פאַרלאָז זיך אויף אונז און דיר וועט זיין וואויל און גוט. איצט קום אריין צוריק אין גאַסט צימער.

זיי זיינען אלע דריי צוריק אריין אין צימער. דאָרט זיינען נאָך פאַרבליבען אייניגע בעלי בתים און גערעדט.

— דו האָסט נאָך קיין טיי ניט געטרונקען, יואל דוד — האָט ריינקע זיך צו איהם אָנגערופען — אָט דער ר' שמעון, קיין גוטער איד זאָל איהם ניט קענען, ער האָט דאָ אָנגעמאַכט א טומלעניש. ווער האָט נאָך איהם געשיקט?

— נו, זאל זיין געווען גענוג צו ריידען וועגען דעם! — האט ר' מרדכי א זאג געטאן — ווער שענקט עם אויפמערקזאמקייט צו זיינע רייד? יואל דוד פארשטעהט אז מיר זיינען אויסען זיין טובה און ער וועט טאן אלעס וואס מיר ראטען איהם... איך זאג אז דו דארפסט ניט דאווענען די אנדערע טעג פסח, וויים איך וואס איך רייד... די ווילנער אידען האבען שוין גע־זעהן וואס דו קאנסט און דו דארפסט זיי ווייזען אז דו יאגסט זיך ניט נאכ'ן עמוד... דו וועסט שוין אם ירצא השם ווערען ווילנער שטאדט חזן... זיי וועלען שוין דיך ניט אפלאזען... דו דארפסט אבער האבען אימיצען, וועלכער זאל אכטונג געבען אז דו זאלסט ניט געקריוודעט ווערען. און דאנקען גאט, וואס ער האט דיר געשיקט צו אונז... מיר וועלען שוין זארגען פאר דעם אז דו זאלסט קיין שאדען ניט האבען...

די קריגערייען וואס זיינען פארגעקומען אין ר' מרדכי'ס הויז, ווען ר' שמעון פרנס האט זיך צעוועדטעלט מיט זיי, האבען זיך דורך די אפענע פענסטער דערטראגען צו די שכנים פון הויף. אייניגע זיינען ארויס אין דרויסען און זיך געשטעלט גאנץ נאהענט כדי צו קאנען כאפען א פאר ווערטער. מירעלע און איהר ברודער לייבעלע זיינען אויך געשטאנען אין דרויסען און אנגעשפיצט זייערע אויערען זיך צוצוהערען.

— אט געהט שמעון פרנס — האט לייבעלע א זאג געטאן צו מירעלע'ן

— ער האט עס דערצעהלט אין שוהל פאר די אנדערע גבאים, אז ר' מרדכי איז געווען דער מלאך המות פון יואל דוד'ס פאטער.

לייבעלע האט זיך ניט געפוילט און ער איז צוגעגאנגען נאהענט און זיך אנגערופען:

— גוט יום טוב, ר' שמעון!

כאטש ר' שמעון איז געווען אויפגערעגט און אויפגעקאכט, האט ער געווארפען א בליק אויף דעם אינגעל.

— א, דו ביזט דאך דער אינגעל וועלכער האט אונז היינט אין שוהל דערצעהלט אז דו האסט געטראפען יואל דוד'ן אין שוהל און איהם גע־בראכט צו זיך.

— יא, ווען ניט איך וואלט ער איצט ניט געווען ביי ר' מרדכי'ן.

— ווי רופט מען דיך?

— לייבעלע איז מיין נאמען.

— און דיין טאטע ווער איז?

— ר' יהושע זעליג דער סטאליאר. מיר וואוינען אט דא — האט לייבעלע אנגעוויזען.

— קום מיט מיר צו מיין הויז. איך וויל זיך מיט דיר דורכריידען. קום, איך וועל דיר געבען א סך נים...

לייבעלע האט זיך א קראץ געטאן אין פאטילניצע און ער האט זיך אנגערופען:

— איך וועל זאגען מיין שוועסטער אז איך געה מיט אייך, ר' שמעון, ווייל מיין טאטע וועט וועלען וויסען וואוהין איך בין אוועק.

— גוט, זאג איהר און קום מיט מיר! איך וועל ווארטען אויף דירביים טויער.

לייבעלע האט געזאגט מירעלע'ן אז דער גבאי ר' שמעון רופט איהם צו זיך אהיים. זאג דעם טאטען אז איך בין אוועק צו איהם.

— גוט, איך וועל איהם זאגען. אבער זעה רייד ניט צופיל!—האט איהם מירעלע געווארענט.

— לייבעלע איז אוועק מיט ר' שמעון אהיים. דעם גאנצען וועג האט ער צו איהם ניט גערעדט. ווען ער איז אריין אין הויז האט איהם זיין ווייב באלד א פרעג געטאן:

— וואס איז, שמעון?

— גארניט!

— און ווער איז אט דאס אינגעל?

— ער איז ר' יהושע זעליג'ס זוהן, א וואויל אינגעל. איך האב איהם צוגעזאגט צו געבען ניס. געה און ברענג איהם ניס. איך וויל זיך מיט איהם דורכריידען.

ווען זיין ווייב האט פארלאזען דעם צימער, האט זיך ר' שמעון אנגערופען:

— דו זאגסט אז דו האסט יואל דוד'ן געבראכט צו דיין טאטענס הויז צום ערשטען סדר?

— ניין. ניט איך האב איהם געבראכט, נאר מיין טאטע. איך האב איהם געזעהן שטעהענדיג אין פאליש פון שוהל. ער איז געווען אנגעטאן איז אז אלטען בגד און ער איז געווען אזוי אומעטיג, האב איך זיך מיט איהם צערעדט, און ווען ער האט מיר געזאגט אז ער איז א יתום און ער ערווארט אז אימיצער זאל איהם נעהמען צו די סדרים, האב איך איהם געהייסען ווארטען און איך האב עס דערצעהלט מיין טאטען, און ער האט איהם מיטגענומען צו אונז אהיים, און ווען ניט דער גערשט וואס מיין מאמע האט געפונען אין זופ, וואלט ער פארבליבען מיט אונז.

— האסטו מיט איהם גערעדט נאכדעם ווי ר' מרדכי האט איהם צו זיך גענומען?

— יא, איך בין געווען ביי זיי אין הויז. איך האב איהם גערופען שפילען אין ניס אין הויף, אבער ר' מרדכי'ס ווייב האט איהם ניט געלאזען ארונטערגעהן. זי האט געזאגט אז ער קאן זיך נאך צוקיהלען אין דרויסען און ער דארף דאווענען מוסף. בין איך ארונטערגעגאנגען אהן איהם.

— און מעהר האסטו מיט איהם ניט גערעדט?

— ניין.

— איך וויל אז דו זאלסט זיך ווידער מיט איהם זעהן און ריידען מיט איהם. ער איז דאך דיר געוויס דאנקבאר פאר אלעס... איך וויל אז דו זאלסט איהם זאגען אין געהיים אז איך וויל זיך מיט איהם זעהן... ברייננ

איהם צו מיר אין הויז... איך וועל דיר געבען א רובעל אויב דיר וועט געלינגען איהם איבערצורעדען ער זאל מיט דיר קומען צו מיר אין הויז... דו דארפסט אבער זיין זעהר פארזיכטיג. קיינער דארף דערפון ניט וויסען... חוץ המועד וועל איך דיר געבען א רובעל, אויב דו וועסט איהם נאך היינט קאנען ברייגנען צו מיר. און אויב ניט, זאלסטו זעהן איהם ברייגנען מארגען אהער און איך וועל דיר דאן גלייך געבען דעם רובעל. דו פארשטעהסט וואס איך זאג דיר?

— יא, ר' שמעון — האט א ליבעלע א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

— איך זעה אז דו ביזט א קלוגער אינגעל — זאגט ר' שמעון — איצט זאג מיר ביי וועמען לערנסטו?

— ביי ר' פנחס'ן אין חדר.

— געוויס לערנסטו שוין גמרא!

— יא, איך לערן שוין גמרא דעם צווייטען זמן!

— וואס פאר א גמרא לערנסטו?

— בבא בתרא!

— אזוי, בבא בתרא, דו מוזט זיין א גוטער אינגעל...

לייבעלע האט א שמייכעל געטאן.

— און וואו האלסטו אין בבא בתרא?

— איך לערן שוין "חזקת הבתים".

— און ווי אלט ביזטו?

— עלף יאהר!

— א וואויל אינגעל!

— וויפיל ברידער האסטו?

— איך האב נאך צוויי אינגערע ברידער און צוויי שוועסטער. מירעלע איז די, וועלכע איז מיט מיר געשטאנען אין הויף, זי איז די עלטסטע.

— עס קאן זיין אז איך וועל האבען ארבייט פאר דיין טאטען. דו זאג איהם אין מיין נאמען, אז ער זאל צו מיר אריינקומען נאך יום טוב און אויב ער איז א גוטער בעל מלאכה וועט ער ביי מיר קריגען גענוג ארבייט. געדענק אבער וואס איך זאג דיר. אויב דו ווילסט פארדינען דעם רובעל, וואס איך האב דיר צוגעזאגט, זאלסטו זעהן ברייגנען יואל דוד'ן צו מיר אין הויז און דו דארפסט קיינעם ניט דערציילען וועגען דעם, ווייל ווען ר' מרדכי סטראשון וועט אויסגעפינען וועט ער איהם ניט לאזען געהן צו מיר. דו ביזט א קלוגער אינגעל און איך בין זיכער, אז דו וועסט וויסען ווי אזוי עס צו טאן. זאג איהם אז איך האב איהם וואס צו דערצעהלען וועגען זיין פאטער, עליו השלום. ער איז געוועזן מיין פריינד...

אין א ווייל'ע ארום איז אריינגעקומען ר' שמעון'ס ווייב מיט א פולען טעלער ניס און זי האט דעם טעלער אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש.

— נעהם די ניס — האט ר' שמעון איהם געזאגט.

לייבעלע האט זיך געשעהמט.

— קום אהער, דו האסט גרויסע קעשענעס, לעג אריין אלע ניס — האט ר' שמעון אנגעפילט צוויי הויפען ניס און זיי אריינגעטאן אין לייבעלע'ס קעשענע.

לייבעלע האט איהם באדאנקט און געזאגט א גוטען יום טוב און איז גלייך ארוים פון דארט.

— וואס קומט דא פאר? — האט חאשע, ר' שמעון'ס ווייב זיך אנגערופען צו איהר מאן — ווער איז דאס אינגעל?

— איך וועל זיי ווייזען — האט שמעון ארומגעשפרייזט איבער'ן צימער אז אויפגערעגטער און אויפגעברויזטער. — האסט געהערט א חוצפה, ער איז שוין זייערער. געווארען בעלי בתים איבער'ן יתום.

— וואס רעדסטו, שמעון, וואס איז פארגעקומען? — זעה ווי צעטראגען דו ביזט! דערצעהל מיר וואס איז געשעהן?

— איך קום דאס איצט פון ר' מרדכי סטראשון'ס הויז. דו ווייסט דאך, איך בין אהין געגאנגען ריידען מיט איהם וועגען דעם אינגעל, יואל דוד, וועלכער האט היינט געדאווענט מוסף אין שטאדט שוהל — איך דארף דאך דיר ניט זאגען אז גאנץ ווילנע איז ענטציקט פון זיין דאווענען און אלע פארלאנגען אז ער זאל דאווענען אויך די צווייטע טעג פסח... נו, ביז איך געקומען, ריידען מיט איהם אין ר' מרדכי'ס הויז. ווילען זיי ווייזען, אז זיי זיינען זיינע בעלי בתים: זיי האבען די דעה איבער איהם... באשר ער האט ביי זיי געגעסען די צוויי סדרים... האסטו געהערט אזא העזה?... דו האסט באדארפט הערען ווי ריינקע האט זיך צעקאכט. זי וועט ניט לאזען.

— איך האב געבעטען אז ר' מרדכי זאל קומען צו אונז אין אווענט מיט יואל דוד'ן זיך דורכריידען. נו, האט זי מורא איהם ארויסצולאזען פון איהרע הענט... דו פארשטעהסט, זי מיינט, אז ער איז שוין איהרער. ער וועט זיין איהר איידעם. חנה'לע איז אויסגעפוצט ווי א פרינצעסין... ר' מרדכי האט שוין איינגעשטימט צוצוקומען מיט יואל דוד'ן אבער ריינקע האט צו איהם א וואונק געטאן און ער האט באלד חרטה געקראגען. די האסט בעדארפט זעהן ווי זי האט זיך צעקאכט... זי האט מורא איך זאל איהם פון איהר ניט אוועקנעהמען... אבער איך האב זיי אויך ניט געשוויגט... דו פארשטעהסט, ער, ר' מרדכי איז דאך געוועזן דער שטארקסטער נעגנער פון יואל דוד'ס פאטער און טאקע צוליב איהם האט ער פארלוירען זיין שטעלע אלס שטאדט חזן און איז פון עגמת נפש קראנק געווארען, וויל ער איצט ווערען בעל הבית איבער דעם יתום... ער, וועלכער האט א חלק אין זיין פאטער'ס טויט. איך האב דאס איהם געזאגט אין. געגענווארט פון יואל דוד'ן, זאל ער וויסען וואס ר' מרדכי האט געטאן צו זיין פאטער... איך וועל נאך קריגען א געלעגענהייט צו ריידען מיט איהם אליין, און איך וועל איהם דערצעהלען אלע איינצעלהייטען וויפיל זיין פאטער האט זיך אנגעליטען פון ר' מרדכי סטראשון, און איך וועל איהם אויך דערצעהלען, אז איך בין געוועזן זיין פאטער'ס פריינד און געקעמפט פאר איהם, אבער

דאן האט ר׳ מרדכי געהאט מעהר מאכט און אויסגעפיהרט וואס ער האט געוואלט... זאל ער וויסען אז ר׳ מרדכי איז געוועז זיין פאטער׳ס מלאך המות... ער וועט שוין זיין איידעם ניט וועלען זיין... ער וועט פון זיין הויז אנטלויפען...

— איך פארשטעה ניט — האט זיך חאשע אנגערופען. — יואל דוד איז נאך גאר א אינגעל און דו רעדסט שוין פון איהם, אז זיי ווילען איהם נעהמען פאר אן איידעם.

— ווי קומסטו צו פארשטעהן אזעלכע זאכען? — איז שמעון בייז געווארען — די ביטרע רייניקע פארשטעהט עס שוין גאר גוט... א קליי־ניגקייט ער איז דאך אן אוצר. דו ביזט געוועז אין שוהל, האסטו דאך גע־הערט וואס פאר אן איינדרוק זיין דאווענען האט געמאכט... קיינעם האט זיך ניט געגלוסט צו געהן אהיים... דער חזן אליין האט געזאגט, אז יואל דוד דארף ווערען שטאדט חזן, אז זינט ווילנא שטעהט, איז נאך אזוינס ניט געהערט געווארען. קומסטו און זאגסט אז ער איז נאך א אינגעל... ביי דיר איז ער א אינגעל און ביי אלע אידען פון ווילנא איז ער שוין פאררעכענט פאר דעם קומענדען שטאדט חזן... נו, איצט שטעל זיך פאר וואס פאר א גליק עס וואלט געוועז פאר א מיידעל צו קריגען איהם פאר א חתן... איך האף, אז איצט פארשטעהסטו אז איך האב אין זינען אונזער ביילקע׳ן.

חאשע׳ס אויגען האבען אויפגעלויכטען.

— דאס איז מיר גארניט איינגעפאלען... אוי, ווען גאט זאל געבען און דאס זאל קאנען דורכגעפיהרט ווערען.

— וואו איז ביילקע? — פרעגט ר׳ שמעון.

— זי האט אוועקגעשפאצירט מיט איהר חבר׳טע צום באטאנישען גארטען, זי וועט באלד זיין צוריק.

— ווען זי קומט צוריק, זאלסטו זעהן זי זאל זיך אויספוצען. זאל זי אנטאן איהר נייע קלייד, ווייל עס קאן זיין אז יואל דוד וועט זיין ביי אונז נאך היינט אין אווענט אלס גאסט.

— ווי אזוי?

— דו פארלאז זיך אויף מיר, — אט דער אינגעל, וועלכער איז דא נאר וואס געוועז, ער וועט שוין זעהן איהם צוצושטעלען צו מיר. ער האט איהם ענטדעקט אין פאליש פון שוהל... איך האב דאך דיר דערצעהלט די מעשה מיט׳ן גערשט...

— א, אט דאס איז ער?

— איך האב איהם פארשפראכען צו געבען א רובעל און איך זעה אז איך קען זיך אויף איהם פארלאזען — ער וועט מיט איהם שוין צו־קומען צו אונז. און ווי נאר ער וועט זיין ביי אונז וועל איך שוין זעהן, אז ער זאל דא בלייבען... איך וועל שיקען רופען איינעם פון די אנדערע גבאים און מיר וועלען איהם געבען א כתב חזנות... און זאל ר׳ שמעון פרובירען איהם שטערען. איך וועל זיי ווייזען ווי אזוי צו באלעבאטעווען

איבער איהם און זאגען איהם דעות... אונזער ביילקע איז אזוי שעהן און געראטען ווי זיין חנה'לע.

— ווי קאנסטו גאר פארגלייכען ביילקע'ן צו זייער מאלפע חנה'לע... זי איז א פארזעהעניש... א פלאטשיגע נאז און קוקט אויס ווי א שיקסע. זאל ער נאר דערזעהן אונזער ביילקע, זאל געזונט זיין, וועט ער שוין זעהן דעם אונטערשייד...

— דו וועסט דארפען זעהן, אז ביילקע זאל זיין גרייט צו יעדער צייט, ווייל אויב יואל דוד וועט היינט ניט קאנען קומען, וועט ער קומען מארגען.. איך בין זיכער אין דעם.

לייבעלע איז אוועק פון ר' שמוען'ען מיט א קלאפענדען הארץ פון פרייד. א קלייניגקייט, ער וועט איהם געבען א רובל! אין זיין פאנטאזיע האט ער גענומען טראכטען וואס ער וועט טאן מיט'ן רובל... פריהער האט ער באשלאסען קיינעם ניט צו זאגען וועגען דעם, ווייל אז זיין מאמע וועט וויסען וועט זי עס זיכער ביי איהם "בארגען" ווען זי וועט זיך נוי־טיגען, פונקט ווי זי האט עס געטאן מיט זיין רובל חנוכה געלט וואס ער האט געהאט געקראגען פון זיינע פעטערס און מומעס. באלד האט ער אבער געטראכט אז עס וועט ניט זיין עהרליך פון איהם צו פארלייקענען דעם רובעל. ער וועט דארפען דערצעהלען זיין טאטען און מאמען וועגען דעם. דערווייל אבער וועט ער זעהן דורכצופיהרען זיין שליחות. א קלייניגקייט, ר' שמעון פרנס, דער גבאי ראשון פון ווילנער שטאדט שוהל, האט איהם אנפארטרויט אזא וויכטיגע שליחות... ער איז געגאנגען אהיים מיט פולע קעשענעס מיט נים. ער האט גענומען טראכטען פון א וועג ווי אזוי זיך דורכצורעדען מיט יואל דוד'ן. ער זעהט דאך אז די גאנצע צוויי טעג איז יואל דוד ניט ארונטער פון הויז אליין.

ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט צו זייער הויף, איז איהם זיין שוועסטער מירעלע אנטקעגען געקומען.

— וואס האט דיר ר' שמעון געדארפט? — פרעגט זי איהם.

— וואס ארט עס דיר?

— אויב דו ווילסט ניט, דארפסטו מיר ניט דערצעלען.

— איך וועל דיר דערצעהלען, מירעלע, אבער דו וועסט עס דארפען האלטען א סוד. זאגסטו מיר צו?

— יע. דערצעהל מיר... איז עס וועגען יואל דוד'ן?

— יע, וועגען איהם. דו פארשטעהסט, ער איז אוועק פון ר' מרדכי'ס הויז אז אויפגערעגטער. ווי עס ווייזט אויס, האט ער געוואלט אז יואל דוד זאל צו איהם קומען, אבער זיי ווילען איהם פון זיך ניט אפלאזען. האט ער מיר געבעטען איך זאל איהם ברייגנען צו איהם אין הויז; ווייל איך האב אין שוהל פאר איהם און די אנדערע דערצעהלט אז איך האב יואל דוד'ן געבראכט צו איהם. ער האט מיר צוגעזאגט צו געבען א רובעל אויב איך וועל איהם ברייגנען צו איהם. דערצעהל דערווייל קיינעם ניט

פון דעם. א גאנצע רובל וועט ער מיר געבן... איך ווייס אבער ניט ווי אזוי איך קען צוקומען צו איהם.

— איך האב א פלאן — האט מירעלע געזאגט — ביי אונז זיינען פאראן ריינקע'ס עטליכע טעלער און דער פאלומישאק וואס איהר דינסט האט געבראכט צו אונז צום ערשטען סדר. מיר וועלען זאגען דער מאמע'ן אז מיר וועלען ארויפטראגען די געפעס צו דעם גביר אין הויז. דערווייל קאן זיין וועסטו זיך זעהן מיט איהם.

— דאס איז א גוטער פלאן — האט לייבעלע געזאגט — איך וועל זיך נאכפרעגען אויף איהם און דערווייל וועל איך מיט איהם קאנען ריידען. איך וועל פרובירען שפילען מיט איהם אין ניס.

— איך ווייס פארוואס ר' שמעון וויל אז יואל דוד זאל קומען צו איהם אין הויז — האט מירעלע געזאגט — ער וויל איהם פאר זיין טאכטער ביילקע'ן. אבער וואס ארט עס מיר? זאל חנה'לע ניט מיינען אז ער איז שוין איהרער...

אין א ווײלע ארום האט מירעלע גערעדט מיט איהר מאמע'ן וועגען ארויפטראגען די געפעס צו ריינקע'ן, און זלאטע האט געזאגט:

— גוט, טראג ארויף די טעלער און פאלומישאק צום גביר. זיי אבער זעהר פארזיכטיג ניט צו צעברעכען, און פארגעס ניט צו דאנקען איהר פאר אלעס.

— איך וועל געהן מיט לייבעלע'ן. ער וועט מיר העלפען — האט מירעלע געזאגט.

די מאמע האט צורעכט געמאכט מירעלע'ס האר, זי האט ארײנגע־פלאכטען א נייע שטענגע אין איהרע צעפ און דאן האט זי גוט ארומ־געווישט די געפעס און מירעלע האט גענומען די עטליכע טעלער און לייבעלע'ן האט זי געגעבען דעם פאלומישאק און ביידע זיינען ארויפגע־גאנגען צו ר' מרדכי סטראשון אין הויז.

כאטש די דינסט האט ביי זיי צוגענומען די געפעס, איז אבער מירעלע געבליבען שטעהן אין קיך.

— איך וויל דאנקען די מאדאם סטראשון — האט זי געזאגט.

— געה אריין אין גאסט צימער, זיי זיינען דארט פאראן.

מירעלע און לייבעלע זיינען ארײנגעקומען אין יענעם צימער. דארט זיינען געווען ר' מרדכי, זיין פרוי ריינקע, איהר שוועסטער חוה, חנה'לע און יואל דוד. זיי זיינען אלע געזעסען ארום טיש און גערעדט.

— גוט יום טוב! — האט מירעלע געזאגט און באלד האבען אלע א דרעה געטאן זייערע קעפ צו דער טיר.

— א, מירעלע! — האט ריינקע אויסגערופען און זיך אויפגעשטעלט פון איהר פלאץ.

— מיר האבען נאר וואס צוריקגעבראכט אייערע געפעס און די מאמע האט אונז געהייסען אייך באדאנקען.

— נו, זאָל אייך אַלעמען זיין צו געזונט! — האָט ריינקע געזאָגט
— איך האָף אַז איהר האָט געהאַט גענוג שפּייז פאַר די ערשטע צוויי טעג. ווי איך פאַרשטעה איז דאָר ביי אייך כמעט די גאַנצע שפּייז חמץ׳דיג געוואָרען.

— מיר האָבען געהאַט גענוג, אַ דאַנק! — האָט מירעלע געזאָגט.

חנה׳לע איז אויך צוגעקומען און געוואָלט אַרויסווייזען איהר פריינד־ליכקייט, האָט זי זיך אָנגערופען:

— קום, זעץ זיך ביים טיש, מירעלע, מיר וועלען אַ ווײַלע פאַר־ברענגען.

אַ דאַנק! — האָט מירעלע געזאָגט.

— דו האָסט זיך ניט וואָס צו שעהמען, מירעלע. קום זעץ זיך ביים טיש און דו אויך ליבעלע.

ליבעלע האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט זיין קאָפּ און ער איז צוגעגאַנגען צום טיש. מירעלע איז מיט לאַנגזאַמע טריט אויך צוגעגאַנגען צום טיש. חנה׳לע האָט איהר געבעטען זיך צו זעצען נעבען איהר. מירעלע האָט זיך גענומען רויטלען. זי האָט געוואָרפען אַ בליק אויף יואל דוד׳ן, וועלכער איז געזעסען מיט זיין ווייסער יאַרמולקע נעבען ר׳ מרדכי׳ן.

— דו, ליבעלע, זעץ זיך נעבען יואל דוד׳ן — האָט ריינקע געזאָגט, און איהם אָנגעוויזען אויף דעם שטוהל.

— נו, האָסטו געהערט זיין דאַווענען מוסף היינט אין שוהל? — האָט ר׳ מרדכי געפרעגט ליבעלע׳ן נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן שטול.

— יאָ, איך האָב געהערט! — ענטפערט ליבעלע.

— און ווי געפעלט עס דיר?

ליבעלע האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— יואל דוד האָט אונז שוין דערצעהלט ווי אַזוי דו האָסט זיך מיט איהם געטראָפען אין פּאָליש פון שוהל און איהם איינגעלאַדען צו אייך אין הויז — האָט ריינקע אַ שמייכעל געטאָן — איך זעה שוין אַז דו וועסט אויסוואַקסען אַ גוטער און פרומער איד, אַ מכנים אורח.

כאָטש יואל דוד האָט זיך געפיהלט עטוואָס אומבאַקוועם פון זייער פלוצלינגען באַזוך, איז ער אָבער געוועזען זעהר צופרידען... ער האָט זעהר שטאַרק געוואָלט זעהן מירעלע׳ן. ער האָט געפיהלט אַ מין נאָהענטקייט צו איהר. זי איז געווען די ערשטע איהם אַרויסצואווייזען פריינדליכקייט ווען ער איז אַריינגעקומען צו זיי אין שטוב. ביי איהר פאָטער אין הויז האָט ער זיך גענומען פיהלען היימיש שוין די ערשטע האַלבע שעה, און דאָ איז ער שוין באַלד צוויי טעג און ער פיהלט זיך נאָך אַלץ ווי אַ פרעמדער. כאָטש אַלע מיהען זיך איהם אַרויסצוצייגען אַ סך פריינדליכקייט און צערטליכקייט.

ריינקע האָט געוואָלט באַווייזען אַז יואל דוד איז פריי צו טאָן וואָס ער וויל, האָט זי זיך אָנגערופען:

— יואל דוד, דו קאנסט אריין אין יענעם צימער מיט לייבעלע'ן און שפּילען מיט איהם אין נים...

— איך האב א סך נים! — האט לייבעלע געזאגט און זיך אויפ־געשטעלט פון זיין פּלאץ און אנגעוויזען אויף זיינע צוויי פולע קעשענעס.

— וואו האסטו גענומען אזוי פיל נים? — פרעגט איהם ריינקע מיט א שמייכעל.

— איך האב זיי געוואונען פון אנדערע אינגלעך.

— דו מוזט זיין א גוטער שפּילער! — האט ריינקע לאכענדיג א זאג געטאן — נו, געה, יואל דוד'ל, און שפּיל מיט איהם אין נים.

נאר א כוונה האט ריינקע געהאט דאביי. זי האט נים געוואלט אז יואל דוד זאל זיצען ביים זעלבען טיש מיט מירעלע'ן... עס וועט זיין בעסער אזוי. מירעלע איז א גאנץ שעהנע מיידעל... עס קאן זיין אז זי איז מיט א כיוון ארייגעקומען אהער צו זעהן יואל דוד'ן. אויב אזוי, וועט זיין א סך גלייכער אז יואל דוד זאל איצט שפּילען אין נים מיט לייבעלע'ן.

ריינקע האט אוועקגעשטעלט א טעצעל איינגעמאכטס נעבען מירע־לע'ן און זי געבעטען פארזוכען.

מירעלע האט איהר באדאנקט, אבער זי האט נים געגעסען. זי איז א ווילע געזעסען און געשוויגען. חוה האט זיך איבערגעווארפען מיט בלי־קען צו איהר שוועסטער. חנה'לע האט יע געוואלט מיט איהר עפּעס ריידען אבער זי האט נים געוואוסט ווי אנצופאנגען.

לייבעלע איז איצט געווען מיט יואל דוד'ן אין צימער אליין. ער האט גענומען שפּילען מיט איהם אין נים.

— איך קאן זעהר גוט שפּילען אן "אויגעל" — רופט זיך אן לייבעלע.

— וואס איז דאס אן "אויגעל"? — פרעגט איהם יואל דוד.

— איך וועל דיר ווייזען — האט לייבעלע געזאגט און ארויסגענו־מען א ווערעשען נוס פון זיין קעשענע און איהם אוועקגעלעגט אויף דער פּאדלאגע. ער האט דאן צוגעשטעלט זיין פוס צום נוס און צוריקגעטראטען אויף הינטען זעקס טריט און גענומען א צווייטען נוס, איהם געהאלטען נעבען זיין אויג כדי אפצומעסטען די ווייטקייט און דאן האט ער א ווארף געטאן דעם נוס, וועלכער האט זיך אנגעשלאגען אויף דעם נוס וואס איז געלעגען אויפ'ן פּאדלאגע.

— דו זעהסט, איך האב דעם נוס געוואונען. און אויב איך טרעף נים געהערט יעדער נוס צו דיר — האט לייבעלע געזאגט — וויפיל נים איך ווארף און טרעף נים געהערען זיי אלע צו דיר.

— גוט, לאמיר שפּילען אזוי — האט יואל דוד געזאגט און אוועק־געשטעלט א נוס אויף דער פּאדלאגע.

לייבעלע האט געטראפען און צוגענומען דעם נוס.

— איצט וועל איך אוועקלעגען א נוס און דו פּרוביר ווארפען — האט לייבעלע געזאגט, און אוועקגעלעגט א נוס.

יואל דוד האט אפגעמאסטען זעקס טריט אויף צוריק און גענומען

ווארפען די נים. ער האט אבער ניט געטראפען. ערשט צום אכטען נום האט ער אנגעשלאגען אן "אויגעל".

— דו האסט פארשפילט זיבען נים! — האט לייבעלע געזאגט, — אבער ווי איך זעה איז שוין ביי דיר קיין דאגה ניט צו קריגען נים... דו האסט שוין ניט וואס צו זארגען... ווען איך האב מיט דיר גערעדט אין פאליש פון שוהל האב איך ניט געוואוסט אז דו קענסט אזוי פיין זינגען... איך מוז דיר זאגען, אז אלעמען האט פארדראסען וואס ביי אונז האט פאסירט א צופאל מיט'ן גערשט און דאס עסען איז חמץ'דיג געווארען און מיין מאמע האט באדארפט פאר דיר געפינען אן אנדער פלאץ צו עסען. איבערהויפט האט עס פארדראסען מירעלע'ן, מיין עלטערע שוועס־טער. זי האט גלייך געזאגט, אז דו וואקסט א לייט און דו וועסט אמאל נאך זיין א לייט און דו וועסט אמאל נאך זיין א גרויסער מענש... יא, יואל דוד. אלע ריידען פון דיר. אויב דו ווילסט וועל איך דיר ענטדעקען א סוד, אבער דו דארפסט עס פאר קיינעם ניט דערצעהלען. ר' שמעון פרנס, דער ערשטער גבאי פון שטאט־שוהל האט מיך געטראפען אין הויף בעת ער איז ארוים פון דאנען און ער האט מיך געבעטען איך זאל מיט דער אוועקגעהן צו איהם אין הויז. ער האט מיר דיר צו ריידען וועגען זעהר א וויכטיגען ענין.

— איך קען ניט געהן צו איהם, ווייל ער האט זיך היינט געקריגט מיט ר' מרדכי'ן און זיין פרוי.

— ווען דו פאלגסט מיך, יואל דוד, געהסטו יא צו איהם, ווייל איך האב געהערט היינט אין דער פריה אין שוהל נאכ'ן דאווענען, ווי די גבאים האבען צווישען זיך גערעדט און זיי האבען געזאגט אז ר' מרדכי סטראשון... נאר עס איז בעסער אז איך וועל ניט ריידען, — האט ער מיט א נידעריגער שטימע געזאגט.

— איך ווייס וואס דו ווילסט זאגען — רופט זיך אפ יואל דוד, — דו ווילסט זאגען אז זיי האבען גערעדט אז ר' מרדכי איז געווען מיין פאטער'ס שטארקסטער געגנער...

— א, דו ווייסט שוין אליין פון דעם! — האט לייבעלע אויסגערופען. — גערענק, איך האב דאס דיר ניט געזאגט, דו האסט עס אליין אויסגע־פונען און ניט פון מיר...

— אבער די גאנצע זאך איז ניט אמת! — האט יואל דוד געזאגט. — איך האב געהערט ווי די באלעבאטים זאגט אז דאס האט ר' שמעון געוואלט מאכען א בלבול.

— עס איז אמת, יואל דוד, — האט לייבעלע אין דער שטיל געזאגט. — איך האב עס שוין געהערט פון נאך עטליכע בעלי בתים. זיי האבען געזאגט אז ר' מרדכי האט געטראגען א שנאה אויף דיין טאטען, און ער האט פארלאנגט פון קהל אז מען זאל איהם ענטזאגען פון זיין חזנות־שטעלע, און דעריבער האט טאקע ר' שמעון געוואלט מיט דיר זיך דורכ־

ריידען, ווייל ער איז געווען דיין טאטענס א פריינד... ער וויל דיך מאכען פאר דעם ווילנער שטאט־חזן.

יואל דוד האט זיך פארטראכט א ווײלע און דאן האט ער געזאגט:

— ווייסטו וואס, לייבעלע? מארגען, דעם ערשטען טאג חול המועד וועל איך מיט דיר אריבערגעהן צו ר׳ שמעון׳ען. אבער נײן, מארגען וועל איך ניט קענען. ר׳ מרדכי וועט מיט מיר אריבערפאהרען קיין שניפישאק און ברײנגען מײן מוהמען און מײן קליין ברודער׳ל אהער צו זיי אין הויף, זיי וועלען איהר געבען א דירה אומזיסט, זי איז דאך זעהר ארים. איבער־מארגען וועל איך מיט דיר געהן.

— און פאר וואס ניט היינט? — האט לייבעלע געפרעגט, — דו וועסט זאגען אז דו דארפסט ארונטערגעהן אין הויף און איך וועל שוין ווארטען אויף דיר נעבען טויער און דאן וועלען מיר ביידע אוועקגעהן. טאמער וועלען זיי דיך פרעגען, וועסטו זאגען אז דו ביזט געווען אין דרויסען און געשפּילט איז ניס. ר׳ מרדכי איז דאך ניט דיין טאטע, דו דארפסט פאר איהם קיין מורא ניט האבען... נו, איז אפּגערעדט, הא?... וועסטו באלד ארונטערקומען? לאמיר זאגען אין א האלבער שעה ארום און מיר וועלען ביידע געהן.

— אפּגעמאכט! — האט יואל דוד געזאגט, — איך וועל אין א ווײלע ארום ארויסקומען צו דיר.

— געדענק אבער, דו זאלסט קיינעם ניט דערצעהלען אז איך האב דיך געבראכט צו ר׳ שמעון׳ען אין הויז, ווייל ווען מיין טאטע וועט זיך דערוויסען דערפון וועט ער זיך אויף מיר בייזערען.

לייבעלע און יואל דוד זיינען שוין צוריק אריין אין גאסט־צימער און ריינקע האט זיך אנגערופען מיט א שמייכעל:

— אזוי שנעל, ווער האט געוואונען?

— איך! — האט לייבעלע געזאגט.

— אויב דו האסט פארשפּילט אלע ניס וועל איך דיר געבען אנדערע און שפּיל ווייטער מיט איהם, — האט ריינקע זיך געווענדעט צו יואל דוד׳ן.

— איך האב נאך גענוג ניס, — זאגט יואל דוד, — איך וויל מעהר ניט שפּילען.

מירעלע האט זיך אויפגעשטעלט פון איהר פּלאץ און געזאגט א״ גוטען יום טוב״, און איז ארוים צוזאמען מיט לייבעלע׳ן.

— נו, האסטו מיט איהם גערעדט?

— יא, איך האב מיט איהם אפּגעמאכט זיך צו טרעפען אין א האלבע שעה ארום ביים טויער.

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, לייבעלע, אז מיר פארדריסט שוין אויף דעם גאנצען עסק. וואס וועלען מיר האבען פון דעם וואס יואל דוד וועט אוועק פון סטראשון׳ס הויז צו פרנס׳ן?... וואס איז דער אונטערשיד צו מיר ווער עס וועט איהם נעהמען, חנה׳לע צי ביילקע... חנה׳לע איז א גאנץ וואוילע מיידעל, איך האב געמיינט אז זי האלט זיך גרוים ביי זיך,

אבער ווי עס ווייזט אויס, האב איך געמאכט א טעות... זי איז געווען זעהר פריינדליך צו מיר און זי האט מיך געבעטען ארויפקומען צו איהר פאטער, זי האט מיר צוגעזאגט צו לערנען מיך שפילען פיאנא... אפשר זאלסטו איהם אפריידען פון דעם?

— אבער, מירעלע, ער וועט דארפען דארט צוקומען פאר א קליינע ווײלע. ר׳ שמעון האט מיך צוגעזאגט צו געבען דעם טאטען א סך ארבייט, און אויסער דעם וועל איך פאר דעם קריגען א רובעל... איך וועל דיר געבען א האלבען רובעל. אבער דו וועסט קיינעם ניט אויסזאגען.

— האסטו באמערקט, לייבעלע, ווי יואל דוד האט זיך געענדערט אין די צוויי טעג? זיין פנים איז שוין ניט מעהר בלאס, און מיר דוכט זיך, אז ער איז אפילו דיקער געווארען. די גאנצע שטאט קלינגט דאך מיט איהם..

—— האט מירעלע א לייכטען זיפץ געטאן, און זי איז אריין צוריק אין הויז.

— וואס האסטו זיך אזוי לאנג געזאמט? — האט זלאטע זי געפרעגט.

— זיי האבען אונז געבעטען מיר זאלען זיך זעצען צום טיש, און לייבעלע האט געשפילט נים מיט איהם.

— ווער איז דארט נאך געווען? — ווערט שוין די מאמע נייגעריג.

— דארט איז גאסט-צימער איז געווען ר׳ מרדכי, ריינקע און איהר שוועסטער חוה און חנה׳לע.

— ווי האט דיך חנה׳לע באהאנדעלט?

— זעהר פיין. זי האט מיך געבעטען ארויפצוקומען פארברייגען מיט איהר גאנץ אפט.

— נו, זעהסטו שוין וואס פאר א וואוילע מענשען זיי זיינען. זיי זיינען זעהר פריינדליך!

— זיי האבען דאך דורך אונז אריינגעקראגען יואל דוד׳ן... א קלייניגקייט... ווער וואלט זיך ניט געוואונשען צו האבען איהם ביי זיך אין הויז, און מיר האבען איהם געהאט ביי זיך און איבערגעגעבען איהם אין אנדערע הענט.

— נו, מסתמא איז אזוי באשערט, טאכטער מיינע, — האט זלאטע געזאגט, — דאנקען גאט דערפאר, לאמיר נאר אלע זיין געזונט און דער־לעבען איבער־א־יאהר.

קאפיטעל זיבען

כאטש יואל דוד האט געגלויבט ריינקע׳ן אז ר׳ שמעון האט געוואלט מאכען א בלבול אויף ר׳ מרדכי׳ן מיט דעם וואס ער האט איהם פארגעוואר־פען אז ער איז געווען זיין טאטען׳ס געגנער, האבען אבער אויף איהם ליי־בעל׳ס רייד געמאכט א שטארקען איינדרוק... ער האט איהם געזאגט אז דאס איז אמת, אז ער האט געהערט נאך איניגע בעלי בתים ריידען וועגען דעם. ער האט שוין גענומען צווייפלען... ער האט גענומען טראכטען: ר׳ מרדכי סטראשון איז זעהר א גוטהערציגער מענש. וואס האט ער געקענט האבען צו זיין טאטען?! פארוואס האט ער גורם געווען ער זאל פארלירען

זייז שטעלע אלס שטאָט־חזן ?... אָט די דאָזיגע נייגעריגקייט האָט איהם באוואויגעז איינצושטימעז צו געהן מיט לייבעלע'ן אויף א באזוך צו ר' שמעון פרנס.

ער האָט צוגעוואָרט א קליינע ווײַלע און דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז געגאנגען צו דער טיר.

— וואוהין געהסטו, יואל דוד'ל ? — האָט רײַנקע איהם א פרעג געטאָן :

— איך געה ארונטער א ווײַלע אין דרויסען, — האָט יואל דוד געענטפערט.

— דו וועסט זיך ניט זאמען, יואל דוד ! — האָט ר' מרדכי זיך אָנגערופען, — מיר ווילען דאַרפען באלד געהן דאווגען מנחה.

— איך וועל זיך ניט זאמען, — האָט יואל דוד א מורמעל געטאָן, און ער איז ארויס פון הויז.

לייבעלע האָט שויז אויף איהם געוואַרט נעבען טויער. זיי זיינען ביידע געגאנגען ביי דער וואנט, ווײַל איין פענסטער פון ר' מרדכי'ס הויז איז געוועזען צום גאס, און לייבעלע האָט מורא געהאַט טאָמער וועט אימיצער פון זיי ארויסקוקען און זיי באמערקען צוזאמען.

— איז עס ווייט פון דאנען ?

— ניין. עס איז אויפ'ן ראָג ווילנער גאס. ר' שמעון פרנס האָט אויך אַן איינגענעם הויף. ער איז אויך א גביר, אָבער ר' מרדכי איז רײַכער, ווײַל ער האָט א גרויסע מאנופעקטור געשעפט.

— איך ווייס ניט אויב עס איז רעכט פון מיר צו געהן צו ר' שמעונ'ען !

— האָט יואל דוד אויסגערופען, — ערשט מיט א ווײַלע צוריק האָט די מאדאם סטראשון זיך מיט איהם געקריגט, און זי האָט געזאָגט אַז איך וועל צו איהם ניט געהן... וואָס וועל איך טאָן אַז ר' שמעון אליין וועט זיי דערצעהלען אַז איך בין ביי איהם יאָ געוועזען און טאַקע דעם זעלבען טאָג ?!...

— טאָ וואָס האָסטו וואָס מורא צו האָבען, זיי ווילען דיר קיין שלעכטעס ניט טאָן. דו ביזט דאָך ניט זייער אינגעל.

— אָבער זיי זיינען אזוי גוט צו מיר !

— איך וועל דיר זאָגען פארוואָס זיי זיינען אזוי גוט צו דיר, — האָט לייבעלע געזאָגט. — ווײַל זיי ווייסען אַז דו האָסט א וואונדערבאַרע שטימע, און איז שטאָט רעדט מען אַז מען וועט דיך מאכען פאר'ן שטאָט־חזן, ווילען זיי דיך נעהמען פאר אַן איידעם.

— א, דו ווייסט ניט וואָס דו פּלוידערסט, — האָט יואל דוד געזאָגט, — זיי זיינען אלע וואוילע מענשען. ווען ניט ר' מרדכי וואָלט קיינער ניט געוואוסט אַז איך קען זינגען... ניין, איך וועל ניט געהן ! איך וועל זיך אומקעהרען צוריק !

לייבעלע האָט זיך דערמאָנט אַן דעם רובל וואָס ר' שמעון האָט איהם צוגעזאָגט. אָט איז ער געווען ביי איהם אין האנט און איצט וועט ער איהם פארלירען.

— פאלג מיך, יואל, געה אריבער צו איהם, דיך וועט עס ניט פארדריסען. ערשטענס, איז ער דער הויפט גבאי פון שטאט־שוהל און צווייטענס, ביזטו גאר ניט נייגעריג אויסצוגעפינען וועגען דיין טאטען, עליו השלום, ווי אזוי מען האט איהם באהאנדעלט? ר׳ שמעון ווייסט אלעס... וואס וועט דיר שאדען אז דו וועסט שוין ארויפקומען צו איהם אויף א פאר מינוט!.. זיי זיינען אויך וואוילע מענשען... דו ביזט ניט פארקויפט צו זיי... דו ביזט פריי, דו קענסט טאן וואס דו ווילסט.

— אודאי קען איך טאן וואס איך וויל, — האט יואל דוד געזאגט מיט עטוואס שמאלץ, — איך האב ניט קיינע באלעבאטים איבער זיך.

— נו, טא וואס האסטו מורא, קום! זעהסטו, ווען מיין טאטע זאל זיך דערוויסען אז איך האב דיך אוועקגעפיהרט צו ר׳ שמעון, וואלט ער מיך שוין ניט געשאנעוועט... פונדעסטוועגען בין איך ניט קיין פחדן, און דו ציטערסט.

— איך ציטער ניט, נאר איך האב געמיינט אז עס פאסט ניט פאר מיר צו געהן אהין, נאכדעם ווי אין ר׳ מרדכי׳ס הויז האט מען ר׳ שמעונ׳ען געזאגט אז איך וועל צו איהם ניט קומען.

— האסטו עס איהם דען געזאגט?

— ניין, ר׳ מרדכי און זיין פרוי האבען עס איהם געזאגט.

— האבען זיי דען פריהער ביי דיר געפרעגט?

יואל דוד האט א שאקעל געטהאן מיט זיין קאפ אויף ניין.

— טא ווער האט זיי געגעבען א רעכט אזוי צו רייד[ע]ן אהן דיין צושטימונג? ניט אנדערש אז זיי מיינען אז דו באלאנגסט שוין צו זיי און דו האסט קיין רעכט ניט זיך צו באוועגען אהן זייער צושטימונג... אויב דו ווילסט פארבלייבען ביי זיי ווי אן עבד כנעני איז עפעס אנדערש.

— איך בין פריי צו טהאן וואס איך וויל—רופט זיך אן יואל דוד.

— דאס זאגסטו אזוי, אבער האנדלען האנדעלסטו ווי א קענכט... דו האסט מורא ארויסצוגעהן פון זייער הויז... די מאדאם סטראשון האלט דיך געפאנגען ווי א קאנאריקעל אין א שטייג... דו געדענקסט דאך אז איך בין נעכטען ארויפגעקומען צו דיר און געבעטען אז מיר זאלען געהן שפילען אין נים אונטען אין הויף, האט זי דיר ניט געלאזען.

— ווען איך זאל געוועז וועלען וואלט איך געגאנגען.

— און פארוואס האסטו ניט געוואלט ארונטערגעהן? ווייל זי איז ניט געווען צופרידען. דאס איז א באווייז אז דו ביזט ניט פריי, דו דארפסט קריגען די ערלויבניש פון דיינע באלעבאטים.

— איך בין פריי, איך בין פריי! — האט יואל דוד אויסגערופען, — קום, איך וועל געהן מיט דיר.

ווען זיי זיינען שוין צוגעקומען צו פרנס׳עס הויז, זיינען זיי ביידע געבליבען שטעהן א קליינע ווילע ווי זיי וואלטען געצעגערט. דאן האט לייבעלע זיך אנגערופען:

— אט זיינען די טרעפ, קום, לאמיר ארויפגעהן.

יואל דוד איז איהם נאכגעגאנגען מיט א קלאפעדיג הארץ. לייבעלע האט אויפגעפענט די טיר און די דינסט האט איהם געפרעגט וואס ער פארלאנגט.

— איז ר' שמעון אין הויז? — פרעגט לייבעלע.

— צו וואס דארפסטו איהם?

— געה, זאג איהם אז לייבעלע און יואל דוד, וועלכער האט היינט פריה געדאווענט מוסף, זיינען געקומען.

— יואל דוד, דער קליינער חזן'דעל — האט די דינסט א פליאסק געטהאן מיט איהרע הענט —וועה איז מיר, אט דאס איז ער, אוי, וועה, אט לויף איך שוין אריין איהם אנזאגען. איך האב שוין געהערט וואס מען רעדט וועגען דיר. א קליינינקייט... אט געה איך!...

באלד האט זיך באוויזען ר' שמעון אין א שלאף־ראק. ער איז גלייך צוגעגאנגען צו יואל דוד'ן און זיך אנגערופען:

— א גוט יום טוב דיר, אזא טייערער גאסט. קום אריין אין זאל און דו אויך, לייבעלע.

זיי זיינען ביידע אריינגעקומען אין זאל. אויפ'ן טיש האט געזאדטען דער סאמאוואר, נעבען טיש זיינען געזעסען כאשע, ר' שמעון'ס ווייב און זייער טאכטער, ביילקע.

איידער זיי האבען זיך געזעצט, האט ר' שמעון אריינגעשושקעט לייבעלע'ן אין אויער, אז מארגען זאל ער צו איהם קומען וועט ער איהם געבען דעם רובעל וואס ער האט איהם צוגעזאגט. און איצט וועל איך דיך ניט פארהאלטען, דו קענסט געהן אהיים, דו האסט שוין ביי מיר פארדינט א רובעל.

לייבעלע האט געזעהן וואס פאר אן אויפנאהמע יואל דוד האט באַקומען, וואס פאר א שטארקען ווזען זיי האבען פון איהם געמאכט, און אויף איהם קוקט מען זיך אפילו ניט אום, האט ער זיך גענומען פיהלען זעהר ניט באקוועם, און דאריבער איז ער געווען צופרידען וואס ר' שמעון האט איהם געזאגט, אז ער קען געהן אהיים... ער האט זיך ניט געפיהלט באליידיגט... ער האט בלויז געטראכט פון דעם רובעל וואס ער האט פאר־דינט אין עטליכע מינוט. ער איז פון דארט גלייך אוועק אהן א גוטען יום טוב, און איז מיט שנעלע טריט געלאפען צו זיך אין הויז. ער האט געפיהלט אז עס וועט זיין בעסער פאר איהם צו זיין ביי זיך אין הויז, ווייל טאמער וועט מען נעהמען זוכען יואל דוד'ן פון סטראשון'ס הויז, וועט מען דאך געוויס אויך אריינקומען צו זיי אין הויז, וועלען זיי זעהן אז ער, לייבעלע, האט גארניט וואס צו טהאן מיט זיין פלוצלונגען פאר־שווינדען... ווען ער איז אריינגעקומען אין הויז איז ער געווען אינגאנצען פארשוויצט און צוהיצט. זיין טאטע האט איהם גענומען מוסר'ן:

— א גמרא אינגעל זאל זיך ניט שעהמען צו שפילען ניס א גאנצען טאג... וואס וואלט דיר געשאדט ווען דו קוקסט אריין א ווילע אין גמרא... דורכ'ן יום טוב וועסטו פארגעסען אלץ וואס דו האסט געלערנט.

די מאמע איז צוגעקומען צו לייבעלע'ן און האט מיט איהר ווייסען פארטוך ארומגעווישט זיין שוויס.

— נו, זאל ער הוליען די פאר טעג פון יום טוב — האט זי איהם פארטיידיגט — דערפאר וועט ער זיך נעהמען צום לערנען נאך יום טוב.

— אלס א גמרא איינגעל האט ער באדארפט וויסען אז אפילו יום טוב איז חצי להשם וחצי לכם, איין האלבער טאג באלאנגט צו גאט און דער צווייטער האלבער טאג פאר פארגעניגען... ער אבער נעהמט צו דעם גאנצען טאג פאר זיך! — האט ר' יהושע זעליג א שמייכעל געטהאן. — איך האב גאר געהאט אין זינען איהם צו פארהערען אין גמרא, איז ער א גאנצען טאג גאר אין שטוב ניטא.

— דו קאנסט מיך פארהערען איבער דו ווילסט! — האט לייבעלע מיט שטאלץ געזאגט. ער איז געווען זיכער אז זיין טאטע וועט זיין צופרידען ווען ער וועט הערען ווי אזוי ער זאגט א בלאט גמרא.

— אז דו ביזט אזוי פארשוויצט און פאמאטערט פון שפילען ניס, טא ווי קען איך דיך פארהערען איצט? רוה זיך אוים אביסעל, ווייל מיר וועלען באלד דארפען געהן דאווענען מנחה.

—עס איז נאך פריה—האט לייבעלע געזאגט—און איך בין ניט מיד.

ער איז נעגאנגען און ארונטערגענומען פון פאליצע די גמרא "בבא בתרא" און זי אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש נעבען זיין טאטען... ער האט זעהר געוואלט, אז גראד איצט זאל איהם דער טאטע פארהערען. ער האט זיך שטארק געשראקען טאמער וועט זיין טאטע אויסגעפינען וואס ער האט נאר וואס אפגעטהאן און ער וועט איהם באשטראפען. האט ער דערפאר געוואלט ווייזען וואס ער קען.

ר' יהושע זעליג האט צורעכט געמאכט זיין יארמולקע, ער האט אויפגעעפענט די גמרא און ער האט גענומען אריינקוקען. כאטש ער איז געווארען א בעל מלאכה זעהר יונג, צו פערצעהן יאהר, האט ר' יהושע זעליג געהאט א ידיעה אין דער גמרא. ער פלעגט יעדען אוונט נאך מעריב זיך צוהערען צום בלאט גמרא אין קלויז, וואס ר' העשיל פלעגט זאגען. אין דער פריה, נאכ'ן דאווענען פון ערשטען מנין, האט ער באלאנגט צו חברה משניות, וואו איינינגע אידען פלעגען זיך זעצען אין שטיבעל ארום א לאנגען טיש און לערנען משניות. נאך מנחה פלעגט ער זיצען ביי די חברה "עין יעקב". אזוי האט ר' יהושע זעליג, כאטש ניט קיין גרויסער למדן, פארשטאנען א בלאט גמרא און א פרק משניות. פון חומש און רש"י איז דאך אפגערעדט. יעדען פרייטאג נאכמיטאג פלעגט ער מעביר סדרה זיין שנים מקרא ואחד תרגום, און טאקע אריינקוקען אין רש"י און אין אנדערע מפרשים, און אז א פסוק פלעגט איהם ניט זיין פארשטענדליך, פלעגט ער טאקע שבת אין דער פריה נאכ'ן דאווענען א פרעג טהאן ביי ר' העשיל'ן.

איצט, אז לייבעלע האט געבראכט די גמרא, האט ער פריהער אריינגעקוקט און נאכהער האט ער געהייסען איהם זאגען.

ליבעלע האט זיך איבערגעבויגען איבער דער גמרא און ער האט מיט'ן גראבען פינגער געדרעהט, ערקלערענדיג דעם פשט מיט דעם גמרא ניגון.

זלאטע איז געשטאנען נעבען קאמאד און זיך צוגעקוקט ווי איהר טייערער קדיש'ל זינגט אזוי געשמאק די גמרא. זי פארשטעהט ניט וואס ער זאגט, אבער זי שאקעלט צו מיט'ן קאפ, ווי זי וואלט דערמיט געוואלט ווייזען אז זי שטימט צו צו אלץ וואס ער זאגט... אפילו מירעלע, וועלכע איז געשטאנען נעבען איהר מוטער, האט אויך אנגעקוואלען פון איהר ברודער.

די טיר האט זיך באלד געעפענט און ר' מרדכי האט זיך באוויזען. ר' יהושע זעליג און ליבעלע זיינען געווען פארטיפט אין דער גמרא. ליבעלע'ס באקען האבען געפלאמט און זיין שטימע האט געקלונגען נאך העכער און העלער.

— א גוטען יום טוב! — האט ר' מרדכי געזאגט, נאכדעם ווי ער איז געבליבען שטעהן א ווילע נעבען דער טיר.

ליבעלע האט זיך אפגעשטעלט אין מיטען זאגען און אלע האבען א ווענדע געטהאן זייערע קעפ צו דער ריכטונג וואו ר' מרדכי איז געשטאנען.

— איך האב גארניט געוואוסט אז אייער זוהן לערענט שוין גמרא— האט ר' מרדכי געזאגט.

— ער לערענט שוין דעם דריטען זמן גמרא — האט ר' יהושע זעליג מיט שטאלץ געזאגט.

— זעהר פיין! זעהר פיין! — האט ר' מרדכי סטראשון געזאגט.

זלאטע האט גלייך צוגעטראגען א בענקעל און זי האט זיך אנגערופען:

— אזא גאסט! זעצט זיך ר' מרדכי.

— א דאנק. איך בין ארונטערגעקומען פרעגען אויב יואל דוד איז ביי אייך... ער איז ארונטער אין הויף אויף ווילע און עס איז שוין מעהר ווי א שעה און ער איז נאך ניט צוריקגעקומען... מיר זיינען געווארען באזארגט... איך האב געמיינט אז ער האט זיך פארשפילט אין ניס... ליבעלע האט ביי איהם געוואונען עטליכע ניס, האב איך געטראכט אז יואל דוד האט זיי געוואלט צוריקגעווינען. האסטו איהם ניט געזעהן, ליבעלע?

— המ... עה... ניין! — האט ליבעלע אויסגערופען און זיין קליין הערצעל האט גענומען קלאפען ווי מיט האמערס — איך האב איהם ניט געזעהן זינט איך בין ארונטער פון אייער הויז.

— האסטו אפשר א באגריף וואו ער קען זיין? — האט ר' מרדכי זיך צו איהם אנגערופען — עפעס קען איך ניט פארשטעהן ווי אזוי ער זאל פלוצלונג פארשוואונדען ווערען... ער האט אונז געזאגט אז ער קומט באלד צוריק, און מיר קענען ניט פארשטעהן וואס עס האט פאסירט...

ער האט זיך מסתמא פארשפילט מיט אנדערע אינגלעך! — האט זלאטע געזאגט. — ער האט טאקע היינט געדאווענט מוסף אין שטאדט שוהל, אבער ער איז דאך נאך פארט א אינגעל. מסתמא שפילט ער נים ערגעץ וואו.

— ניין, דאָס קען ניט זיין! — האָט ר׳ מרדכי מיט זאָרג געזאָגט — יואל דוד וועט עס ניט טהאָן, בפרט ווען ער האָט אונז געזאָגט אז ער וועט זיך ניט זאמען. הער זיך איין, ליבעלע, אז דו וועסט איהם זעהן, זאָלסטו איהם זאָגען אז מיר זוכען איהם ארום. און ער זאָל זיך גלייך אומקעהרען אהיים. אפשר וואָלסטו טאקע נעגאַנגען איהם א זוך טהאָן? דו וועסט דערפאר קריגען א גאנצען פונט ניס...

— געה, ליבעלע און טהו ווי ר׳ מרדכי פארלאנגט. געה זוך איהם אויף. איך וועל דיך שוין פארהערען א צווייטען מאָל — האָט ר׳ יהושע זעליג אויסגערופען און צוגעמאכט די גמרא. און ליבעלע האָט זיך א לאָז געטהאָן צו דער טיר און איז באלד פארשוואונדען געוואָרען.

— איך קען עס בשום אופן ניט פארשטעהן — האָט ר׳ מרדכי ווייטער גערעדט — דאכט זיך מיר אז מיר האָבען איהם זעהר פיין באהאנדעלט... אז אייגען קינד וואָלט קיין בעסערע באהאנדלונג ניט באקומען...

— איך זאָג אייך, ר׳ מרדכי, אז ער האָט זיך ערגעץ פארשפּילט. ער וועט באלד מסתמא זיין צוריק.

— וואָס קען עס זיין? — האָט ר׳ מרדכי געצוקט מיט זיינע שולטערען — ער זאָל זיך האָבען פארשפּילט... מיר זיינען שוין ארום אין גאס און געזוכט איהם צווישען די אנדערע קינדער... איך בין געווען זיכער אז ער איז ביי אייך... ווייל איך ווייס ווי דאנקבאר ער איז צו אייך אלעמען. ער איז בכלל זעהר א וואויל קינד, א טייערע נשמה... ביי מיין ווייב, זאָל זי געזונט זיין, איז ער ווי די אויגען אין קאָפּ... דורך די צוויי טעג וואָס ער געפינט זיך ביי אונז, איז ער אונז אלעמען איינגעבאקען געוואָרען אין די הערצער... איך בעט אייך, אזוי שנעל ווי איהר וועט איהם זעהן זאָלט איהר ארויפגעהן אונז אַנזאָגען.

— נו, געוויס, ר׳ מרדכי — האָט ר׳ יהושע זעליג געזאָגט — איך בין זיכער אז מיין ליבעלע וועט איהם שוין אויפזוכען, איהר קענט זיך פארלאָזען אויף איהם.

— אז ער וועט איהם צוריקברענגען וועט ער שוין ביי אונז קריגען א פיינע מתנה — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט און איז ארויס פון שטוב.

— נו, וואָס זאָגסטו אויף דעם! — האָט זלאטע זיך אַנגערופען צו איהר מאַן, ווען ר׳ מרדכי איז שוין געווען אויף דער צווייטער זייט טיר — ער איז שוין ביי זיי פארגרעכענט ווי ער וואָלט געווען זייער אייגענער זוהן.

— עס איז ניט קיין עוולה — האָט ר׳ יהושע זעליג געזאָגט — אזא אינגעל ווי יואל דוד איז איינער אין א דור... פאַרוואָס זאָלען זיי ניט זיין באַזאָרגט? ווער ווייסט, אפשר איז ער גאָר אוועק צוריק צו זיין מומען.

—פארוואָס זאָל ער פון זיי וועלען אנטלויפען? וואָס פעהלט איהם ביי זיי?

מירעלע, וועלכע האָט געוואוסט פון דעם סוד, האָט געשוויגען. איהר פנים האָט געברענט. זי האָט פארשטאַנען אז אויב איהר טאטע וואָלט אויסגעפונען אז לייבעלע איז אין דעם שולדיג, וואָלט ער שוין פון איהם

געכאפּט א חלק... זי האָט געזאָגט אז זי נעהט אויך איהם זוכען, און זי איז ארויס פון שטוב.

— האסטו באמערקט ווי מירעלע איז רויט געוואָרען? — האָט זלאטע זיך אָנגערופען — גלויב מיר אז זי פיהלט זיך שטארק דערשלאָגען. יואל דוד וואלט געקענט בלייבען ביי אונז.

— דו רעדסט שוין ווייטער נארישקייטען! — האָט ר׳ יהושע זעליג געזאָגט — דו ווילסט זיך פארגלייכען צום גביר?

ר׳ מרדכי האָט זיך צוריקגעקעהרט אין זיין הויז מעהר באזאָרגט און אומרוהיג.

— נו, וואָס? — איז איהם ריינקע אנטקעגען געקומען.

— גאָרניט! — האָט ר׳ מרדכי א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ — לייבעלע איז גאָר געווען די גאנצע צייט אין שטוב. זיין טאטע האָט איהם פארהערט גמרא.

— אָבער איך זאָג דאך דיר אז איין איינגעל האָט מיר דערצעהלט, אז ער האָט יואל דוד׳ן געזעהן צוזאמען מיט לייבעלע׳ן.

—נו, זעהסטו דאך ווי מען קען זיך פארלאָזען אויף דעם וואָס א איינגעל זאָגט. איך אליין האָב געטראָפען לייבעלע׳ן ביי דער גמרא מיט זיין טאטען.

— איך קען ניט פארשטעהן! — האָט ריינקע ווייטער געזאָגט — יואל דוד זאָל אונז אזוי אָפּטהאָן!

— עס קען זיין אז ער איז ארויס א ווילע אין גאס און איינינע אידען האָבען איהם דערקענט. נו, האָבען זיי איהם ארומגערינגעלט און ריידען מיט איהם... — האָט חוה, ריינקע׳ס שוועסטער געזאָגט.

— איך גלויב אז די מומע איז גערעכט — האָט חנה׳לע אויסגע־רופען — אפשר זיינען זיי מיט איהם אוועק צום שוהל־הויף. אָט וועל איך צוגעהן אהין.

—ניין, טאָכטער, דו בלייב אין דער היים — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט— איך וועל אליין צוגעהן צום שוהל־הויף. פאר דיר פּאסט עס ניט, אין אויב ער וועט דערווייל קומען זאָלט איהר איהם פארהאלטען אין הויז. איך וועל דערווייל דאַווגען דאָרט מנחה און באלד צוריקקומען.

ר׳ מרדכי האָט אָנגעטהאָן זיין אטלעסענע קאפּאָטע און איז אוועק צום שוהל־הויף. וואו נאָר ער האָט געזעהן א רעדעל מענשען איז ער צוגעקומען און איהם געזוכט. וואו נאָר ער האָט געזעהן א קופּקע איינגלעך שפּילען אין ניס, האָט ער דאָרט געגומען זוכען יואל דוד׳ן.

ער איז איז אריין אין גאָון׳ס קלויז און דאָרט געדאַוונט מנחה. נאָכ׳ן דאַוונען האָבען איהם פילע בעלי בתים אָפּגעשטעלט און געוואָלט מיט איהם ריידען. האָט ער זיך ארויסגעדרעהט זאָגענדיג, אז ער איילט זיך צו געהן אהיים... ער האָט זיך ווירקליך געאיילט, ווייל ער האָט געהאָפט, אז יואל דוד האָט זיך דורך דער צייט צוריקגעקעהרט צו איהם אין הויז.

ווען ער איז אבער אריין אין הויז און געזעהן די אומעטיגע פנים'ער פון זיין פרוי און טאכטער, האט ער פארשטאנען, אז ער איז נאך ניטא.

— נו, וואס? — האט ריינקע איהם געפרעגט.

— גארניט! — ענטפערט ער שאקלענדיג מיט'ן קאפ — ער איז ערגעץ ניטא.

— און דו האסט ניט געקראגען קיין שום שפור?

— ווען איך וואלט געהאט א שפור, וואלט איך געוויס געגאנגען נאכ'ן שפור.

— ווי אין וואסער אריין! — האט ריינקע א זיפץ געטהאן — אונזערע שונאים האבען אונז ניט פארגונען!

— דוכט זיך, אז מיר האבען איהם קיין שלעכטס ניט געטהאן! — האט חנה'לע אויסגערופען — פארוואס זאל ער אונז אזוי אפטהאן!

— אט דער ר' שמעון פרנס האט איהם דעם קאפ פארדרעהט מיט זיין בלבול... — האט ריינקע אויסגערופען — זאג מיר, מרדכי, עס איז דאך ניט אמת וואס ר' שמעון האט געזאגט אויף דיר, אז דו ביזט געווען א געגנער פון יואל דוד'ס פאטער.

— איך אליין?! — ער האט געהאט א סך געגנער...

— אבער דו האסט פאראורזאכט, אז מען זאל איהם אנטזאגען פון זיין שטעלע אלס שטאדט חזן. דו ביזט טאקע געווען זיין שונא.

— איך בין ניט געווען זיין שונא. מיר איז ער בלויז ניט געפעלען געווארען אלס שטאדט חזן, אזוי פערזענליך האב איך צו איהם גארניט געהאט... אדרבה, איך האב נאך פארגעשלאגען, אז מען זאל איהם באצאהלען א העלפט פון זיינע שכירות פאר א יאהר צייט. אבער ער האט ניט געוואלט נעהמען... ער איז געווען צו שטאלץ, איז איהם טאקע אויסגעקומען צו ליידען... אבער אין דעם איז ער אליין געווען שולדיג...

— א, פארוואס האסטו עס געדארפט אזוי טהאן? — האט ריינקע געבראכען איהרע הענט.

— וואס רעדסטו נארישקייטען, "פארוואס"? פון וואנען האב איך געזאלט וויסען, אז ער האט אזא זוהן מיט אזא וואונדערבארע שטימע... סתם דו רעדסט!

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז ער גלויבט די רייד פון ר' שמעון. אפשר האט עס איהם נאך אימיצער געזאגט, און אויב אזוי איז עס זעלבסטפארשטענדליך, אז ער זאל ביי אונז מעהר ניט וועלען בלייבען... לויט ר' שמעון'ס רייד, ביזטו א סך פאראנטווארטליך פאר זיין פאטער'ס טויט.

— וואס ר' שמעון זאגט! בין איך דען געווען דער איינציגער געגנער זיינער! ער האט געהאט גענוג געגנער אהן מיר אויך!

— אבער דו ביזט דאן געווען גבאי ראשון פון שטאדט שוהל און דו האסט געהאט די מאכט איהם אנצוהאלטען אויף ווייטער אדער אנטזאגען. און צוליב דיר האט ער פארלארען זיין שטעלע.

— א, אזא טייער און וואוילער אינגעל! — האט חנה׳לע זיך צע־כליפעט — ער וועט שוין מעהר אפילו ניט וועלען אריבערטרעטען אונזער שוועל.

— דאס קינד געהט אוים נאך איהם דאס חיות — האט ריינקע אריינגעשושקעט ר׳ מרדכי׳ן אין אויער.

— ניט געזארגט, איך וועל איהם שוין צוריקברענגען צו אונז אין הויז — האט ר׳ מרדכי אויסגערופען — מיט גאט׳ס הילף וועל איך איהם אויפזוכען און ער וועט בלייבען ביי אונז.

קאפיטעל אכט

אין די ערשטע עטליכע מינוטען האט זיך יואל דוד געפיהלט זעהר אומבאקוועם אין ר׳ שמעון פרנס׳עס הויז. ער האט מיט זיינע אויגען געזוכט לייבעלע׳ן, וועלכער האט איהם אהער געבראכט. ר׳ שמעון האט פארשטאנען וועמען ער זוכט און ער האט זיך אנגערופען:

— לייבעלע איז אוועק אהיים! זעץ זיך צו, מיר וועלען טרינקען טהיי און זיך דורכשמועסען א ווילע.

באלד זיינען אריינגעקומען כאשע, זיין פרוי אוןביילקע, זייער טאכטער.

— דו דערקענסט איהם ביילקע! — האט זיך ר׳ שמעון אנגערופען צו זיין טאכטער — דאס איז דאך יואל דוד, וועלכער האט היינט געדאווענט אין שטאדט שוהל מוסף.

ביילקע האט אויף איהם א קוק געטהאן און האט א שמייכעל געטהאן פאנאנדערפענענדיג א ברייטען מויל מיט גרויסע ווייסע ציינער.

ביילקע איז געווען א מיידעל אין איין עלטער מיט חנה׳לען, ארום פופצעהן יאהר. פון קינדערווייז אויף זיינען ביידע, חנה׳לע און ביילקע געווען חבר׳טעס. ביילקע פלעגט אפט אריינקומען צו חנה׳לען אין הויז. און חנה׳לע פלעגט אויך באזוכען ביילקע׳ס הויז. דעם לעצטען יאהר האבען זיך די ביידע חבר׳טעס איבערגערעדט און זיי האבען אויפגעהערט צו ריידען צווישען זיך.

די מעשה איז אזוי געווען: ר׳ מרדכי האט געקויפט פאר זיין טאכטער א געניצטע פיאנא און ער האט פאר איהר געדונגען א לעהרער, אן עלטערען איד, מיט קודלעוואטע האר און ארומגעשוירען בערדעל. ער פלעגט קומען צו זיי אין הויז יעדען טאג און מיט חנה׳לען לערנען שפילען פיאנא. איינמאל, ווען ער איז אריינגעקומען אין הויז, איז דארט געווען ביילקע, און ווען זי האט דערזעהן דעם לעהרער מיט די קודלעוואטע האר, האט זי זיך שטארק פאנאנדערגעלאכט... ביילקע האט געהאט א נאטור צו לאכען פון יעדער קלייניגקייט... און אז זי פלעגט זיך פאנאנ־דערלאכען, איז געווען אוממעגליך איהר אפצוהאלטען. אט, דוכט זיך, האט זי זיך בארוהיגט און אויפגעהערט צו לאכען, מיט אמאל ברעכט

זי ווידער אוים אין א געלעכטער. ניט איינמאָל האָט זי פאַרשאַפט איהרע עלטערן עגמת נפש מיט איהר לאַכען.

— ווער, ווער, דו אָבער וואָלסט באַדאַרפט לאַכען וואָס ווינציגער — האָט איהר מאַמע זי אויסגעמוסר׳ט — ווען דו פאַנגסט אָן לאַכען און דו פאַרשטשירעסט מיט דיינע גרויסע ציינער, עקעלט אָפּ אויף דיר א קוק צו טאָן.

אָבער איהר מאַמע׳ס רייד האָבען ווינציג געהאָלפען. ביילקע פלעגט לאַכען ביי יעדער קלייניגקייט און דערזעהענדיג חנה׳לעס לעהרער, האָט זי זיך פאַנאַנדערגעלאַכט אויפ׳ן קול. דער לעהרער האָט פון אָנפאַנג ניט געשאַנקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו איהר לאַכען, מאַלע וואָס א ווילדע, צעלאַזענע מיידעל לאַכט — האָט ער ביי זיך געטראַכט, אָבער ווען זי האָט א ווילע אויפגעהערט און נאָכהער ווידער אויסגעבראָכען אין א הילכיגען געלעכטער, האָט ער זי געפרעגט וואָס קוקט איהר אוים צו זיין אַזוי קאָמיש, אַז זי הערט ניט אויף צו לאַכען אַזוי פיעל.

— איך לאַך פון אייך! — האָט ביילקע געענטפערט און זיך ווידער פאַנאַנדערגעלאַכט.

— פון מיר! — האָט דער לעהרער אויסגערופען — וואָס זעהסטו אין מיר וואָס דערוועקט דיר אַזוי שטאַרק צו לאַכען.

— איך לאַך, ווייל אַנשטאַט צו לאָזען אייער באָרד וואַקסען און די האָר פון קאָפּ אַרומשערען, איז ביי אייך פונקט פאַרקערט, די האָר פון קאָפּ לאָזט איהר וואַקסען ווי ביי א פרוי און אייער באָרד שערט איהר אַרום.

— א חוצפה! — האָט דער לעהרער אויסגערופען מיט צאָרן, געכאַפּט זיין מאַנטעל און איז אַרוים פון הויז.

מעהר האָט איהם שוין חנה׳לע ניט געזעהן און דערפאַר טאַקע האָט זי זינט דאַן אויפגעהערט צו ריידען מיט איהר...

איצט, אַז זי האָט געזעהן יואל דוד׳ן ביי זיך אין הויז און איהר טאַטע האָט איהם פאַרגעשטעלט האָט זי דערוויילֹ בלויז א שמייכעל געטאָן... אָבער זי האָט גענומען פיהלען, אַז באַלד קומט איהר אָן דער געלעכטער. זי האָט געוואָלט אַרוים פון צימער, ווייסט זי אָבער, אַז עס פּאַסט ניט, האָט זי זיך דעריבער איינגעהאַלטען מיט איהרע לעצטע כחות ניט צו לאַכען.

יואל דוד האָט זיך געזעצט ביים טיש. די דינסט האָט אַריינגעטראָגען דעם זודיגען סאַמאָוואַר און איהם אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש.

חאַשע האָט אַריינגעבראַכט כבוד וואָס זי האָט געהאַלטען צוגעשלאָסען אין שאַפע, און זי האָט מכבד געווען יואל דוד׳ן.

— א דאַנק, איך בין ניט הונגעריג! — האָט יואל דוד געזאָגט.

דאָ האָט זיך ביילקע שוין ניט מעהר געקאָנט באַהערשען און אויסגעשאָסען אין א געלעכטער. יואל דוד איז רויט געוואָרען. ער איז געווען

זיכער, אז זי לאכט עס פון איהם. ער האט צורעכט געמאכט זיין היטעלע, ער האט נערוויאיש פארדרעהט זיינע פאות'לאך איבער די אויערען און ביילקע הערט נאך אלץ ניט אויף צו לאכען.

— נו, געזונט זאל זיין! — האט ר' שמעון זיך אויף איהר א בייזער געטאן.

ביילקע האט באלד אויפגעהערט און אין צימער איז ווידער געווארען א געמיטליכע שטימונג, אבער ביילקע האט ווידער אנגעהויבען צו לאכען.

— וואס לאכסטו אזוי פיל, ביילקע — האט די מאמע זיך אנגערופען

— און אין דער זעלבער צייט וועלענדיג איהר פארענטפערען האט זי געזאגט: נו, אז די קאץ שפילט זיך מיט א פאדים, דארף מען אזוי לאכען... דאס האט זי געזאגט, ווייל זי האט ניט געוואלט, אז יואל דוד זאל מיינען, אז דאס לאכט זי פון איהם.

ביילקע איז א ווייל א אנטשוויגען געווארען און דאן האט זי ווידער אויסגעשאסען אין א געלעכטער.

— דו וועסט מוזען פארלאזען דעם צימער! — האט שוין ר' שמעון געזאגט — אז דו וועסט זיך גוט אויסלאכען וועסטו קאנען אהער צוריק אריינקומען.

יואל דוד האט זי איצט גוט באטראכט. רייזקע איז טאקע געווען גערעכט, ווען זי האט זי גערופען "מאזעפע". איהר נאז איז איינגעהויקערט און אז זי לאכט פארקאטשעט זי די אויבערשטע ליפ און איהרע גרויסע צייהן באוויזען זיך... ער האט זיך געפיהלט א סך באקוועמער ווען זי איז ארויס פון צימער צוזאמען מיט איהר מאמען.

— וואס האסטו זיך אזוי פאנאנדערגעהירזשעט, דו פערד! — האט די מאמע אויף איהר אנגעשריען, ווען זיי זיינען שוין געווען אין צווייטען צימער.

— איך האב זיך ניט געקאנט העלפען, מאמע! — האט ביילקע זיך פארענטפערט — איך האב זיך געוואלט באהערשען מיט אלע מיינע כחות אבער איך האב עס ניט געקאנט באווייזען.

— אן אומגליק מיט איהר. יעדע מיידעל ווייסט ווי אזוי ארויסצוברייננען פאר אנדערע איהרע חנ'דלאך און זי ברייננט שטענדיג ארויס דאס העסליכסטע וואס איז אין איהר... פאר אלעמען ווייזט זי איהרע פערדישע צייהן... ווען דו וואלסט א קוק געטאן אין שפיגעל און געזעהן ווי דו קוקסט אויס ווען דו לאכסט וואלסטו, דוכט זיך קיינמאל ניט געוואלט לאכען פאר פרעמדע מענשען...

ר' שמעון איז געווען צופרידען וואס זיין פרוי און טאכטער זיינען ארויס פון צימער. ער האט זיך געפיהלט, אז איצט וועט ער קאנען ריידען פרייער מיט יואל דוד'ן.

— וואס זאל איך דיר זאגען, יואל דוד, דיין היינטיגער מוסף דאווענען האט אנגעמאכט א רושם איבער דער גאנצער שטאט ווילנע, דו אליין האסט מסתמא ניט געוואוסט וואס פאר א טייערע "כלי" דו באזיצסט...

אפשר א הונדערט בעלי בתים האָבען מיר היינט באזוכט. זיי פארלאנגען פון מיר איך זאָל דיך אָנשטעלען פאַר דעם שטאָט חזן, וואָס זאָגסטו צו דעם?

יואל דוד׳ס פּנים איז רויט געוואָרען. ער האָט קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט.

עס ווענדט זיך אינגאנצען אָן דיר! — האָט ר׳ שמעון ווייטער געזאָגט — קיינער קאָן דיך ניט צווינגען ניט אָנצונעמען אָט דעם בכבוד׳ן אמט. ווען דו וואָלסט געהאט א פאָטער וואָלט דיין פאָטער איבער דיר געהאט א דעה און וואָס ער וואָלט געוואָלט, אזוי וואָלסטו געטאָן. אָבער איצט ביזטו דיין אייגענער בעל הבית... דו דארפסט וויסען, אז ר׳ מרדכי סטראָשון האָט קיין רעכט ניט זיך צו מישען. קיינער האָט איהם ניט געבעטען ער זאָל זיין דיין אפּוטרופּוס... וואָס זאָגסטו, הא?

— זיי זיינען זעהר ווואילע מענשען! — האָט יואל דוד זיך ארויסגערעדט.

— וואָס מיינסטו מיט דעם, וואָס זיי האָבען דיך גענומען צו זיך צו די סדרים האָבען זיי שוין דיך אָפּגעקויפט. ניין, דו ביזט נאָך אַלץ פריי צו טאָן וואָס דו ווילסט. איך וויים, עס איז ניט קיין עולה, וואָס דו ביזט זיי דאנקבאר פאר אלץ וואָס זיי האָבען פאר דיר געטאָן... ר׳ מרדכי האָט אויסגעפונען, אז דו האָסט זעהר א שעהנע שטימע, נו, האָט ער געקויפט מפטיר פאר דיר כדי דער עולם זאָל האָבען א געלעגענהייט צו הערען דיין שטימע, אָבער דאָס מיינט נאָך ניט, אז ער זאָל דיך דורך דעם האָבען אָפּגעקויפט אינגאנצען און דו דארפסט זיך אונטערוואַרפען זיין ווילען. דו ביזט שוין א זעלבסטשטענדיגער מענש. דו ביזט שוין געוואָרען בר־מצוה. דו ביזט א איד צו גלייך מיט אלע אידען... אמת, דו ביזט נאָך אביסעל יונג, דו וועסט נאָך דארפען לערנען א סך, אָבער ווען דו וועסט ווערען שטאָט חזן פון ווילנער שטאָט שוהל, וועסטו שוין זיין באזאָרגט מיט פּרנסה. דו וועסט האָבען גענוג צייט צו לערנען... איך קאָן ניט פארשטעהן פאר וואָס ר׳ מרדכי איז דאגעגען דו זאָלסט אָננעמען די שטעלע פון שטאָט חזן, בפרט, אז דער איצטיגער שטאָט חזן איז וויליג אָפּצוטרעטען דיר זיין פּלאַץ.

— ער איז דאָך אָבער א בעל משפּחה, ווי אזוי וועט ער קענען בלייבען אָהן חיונה? — האָט יואל דוד געפרעגט, ווערענדיג פאראינטערעסירט אין זיין אָנבאָט.

— וועגען דעם וועסטו ניט דארפען זאָרגען. דעם שטאָדט חזן׳ס שכירות וועט ניט געמינערט ווערען. ער וועט דאווענען שחריתים אויף די ימים נוראים און ימים טובים און ער וועט אויך דאווענען איינפאכע שבתים... ער וועט קריגען דעם זעלבען געהאלט ווי פריהער... וואָס דארפסטו בעסער, ער אליין איז מיט א ווייַלע פריהער געוועזען דאָ ביי מיר און ער האָט מיך שטארק געבעטען, איך זאָל זעהן באאיינפלוסען די אנדערע גבאים מען זאָל דיר אָנשטעלען אלס שטאָט חזן... אלע וועלען זיין איינ־

שטימיג. דער איינציגער געגנער ווייזט אויס איז טאקע ר' מרדכי סטראשון. ער איז געווען א שטארקער געגנער פון דיין פאטער און איצט, ווי מאדנע עס זאל ניט קלינגען, שיינט ער צו זיין דיין געגנער.

— ער מיינט דאך אבער מיין טובה! — האט יואל דוד געזאגט — ער גלויבט, אז איך בין נאך צו יונג צו זיין שטאט חזן.

— און דיין טאטע איז ביי איהם מסתמא געווען צו אלטע צו זיין שטאט חזן, ווייל ער האט זיך דאך געליגט אין דער לייגנג און אין דער ברייט מען זאל דיין טאטען, עליו השלום, ענטזאגען פון זיין שטעלע... איך זאג דיר דעם אמת, איך ווייס ניט ווי אזוי ער קען דיר קוקען גלייך אין די אויגען... מילא, פריהער, איידער ער האט זיך דערוואוסט ווער דו ביזט, איז עפעס אנדערש, אבער איצט האט ער געווים זיך ניט באדארפט מישען.

— ער מישט זיך ניט, ער האט מיר געגעבען צו פארשטעהן, אז עס וועט זיין בעסער, אז איך וועל נאך צוואווארטען — האט יואל דוד געזאגט.

— דו ביזט נאך צו יונג צו פארשטעהן זיינע כונות — האט ר' שמעון געזאגט — אבער וועגען דעם וועלען מיר אפשרריידען אן אנדערש מאל. אלעס וואס איך וויל פון דיר איז, אז דו זאלסט מיר זאגען, אויב דו ביזט גרייט צו דאווענען אחרון של פסח מוסף אין שטאט שוהל. און אז איך וועל האבען דיין צושטימונג, וועל איך עס לאזען וויסען די ווילנער אידען. איך וועל אנקלעפען א מודעה אויפ'ן שול-הויף און דער שמש וועט אויסרופען שבת חול המועד אין שטאט שוהל.

— נו, וואס זאגסטו, וועסטו דאווענען?

— איך ווייס ניט, איך וועל זיך דארפען מיישב זיין מיט ר' מרדכי סטראשון — האט יואל דוד געזאגט.

— ווי איך זעה, האסטו נאך אלץ מורא פאר ר' מרדכי סטראשון... פארוואס קאנסטו אליין ניט באשליסען וועגען דעם? ער קען דיר גארניט טאן.

— איך האב ניט קיין מורא, אבער איך פיהל, אז עס איז מיין פליכט זיך מיט איהם צו בעראטען, איידער איך קען עס צוזאגען.

— דו ביזט א מאדנער איינגעל? — האט ר' שמעון געזאגט — מיט וואס ביזטו צו איהם פארפליכטעט?

— מיט אלעם — האט יואל דוד געענטפערט — אפילו דער גארניטור וואס איך טראג באלאנגט צו זיי... אלע פון זיין משפחה האבען מיר ארויסגעוויזען גרויס פריינדשאפט און ניט יעדער איינער וואלט זיך לאזען קאסטען צוויי הונדערט גילדען, בלויז כדי קהל זאל אויסגעפינען וועגען מיין שטימע.

— ערשטענס וועט עס איהם ניט קאסטען קיין צוויי הונדערט, נאר בלויז הונדערט — האט ר' שמעון געזאגט — דו מעגסט וויסען, אז ווען מען פארקויפט עליות אום שבת און אום יום טוב צאהלט מען בלויז העלפט פון דעם באשטימטען פרייז, כדי עס זאל ניט אויסקומען, אז

מען האנדעלט אום שבת... און צווייטענס, קאָן איך פארזיכערען, אז יעדער איינער, וועלכער וואָלט נאָר געוואוסט וואָס פאר א טייערע שטימע דו באזיצסט, וואָלט עס געטאָן פאר דיר, סאידען יענער וואָלט ניט געוועזן פארמעגליך. איך אליין וואָלט עס אויך געטאָן, און איך בין גרייט צו טאָן איצט פאר דיר אלעס וואָס וועט נויטיג זיין. איך גלויב, אז דו ווייסט, אז איך בין איצט גבאי ראשון און איך וועל קאָנען פאר דיר א סך אויפטאָן, אויב דו וועסט איינשטימען צו דאוונען דעם לעצטען טאָג פסח, וועל איך שוין זעהן, אז מוצאי יום טוב זאָלסטו באקומען א כתב חזנות פון שטאָט שוהל... קאָנסטו זיך ווינשען עפּעס בעסערס? ווען דו באקומסט אָט דעם כתב חזנות, וועסטו צו קיינעם ניט דארפען אָנקומען. דו וועסט ווערען א זעלבסטשטענדיגער באלעבעסעל און דיר וועט זיין וואויל ווי די וועלט... פאָלג מיר, יואל דוד, גיב מיר איצט דיין ענטפער... אויב דו ווילסט, קאָנסטו פארבלייבען ביי מיר. דו קאָנסט דאָ איבערנעכטיגען. איך האָב פאר דיר א באזונדערען צימער. היינט נאָך מעריב וועלען ארויפקומען צו מיר איניגע באלעבאטים און מיר וועלען זיך דורכריידען...

— אבער דאָרטען, ביי די סטראשונס, וועט מען אויף מיר ווארטען — האָט יואל דוד זיך אָנגערופען — זיי וועלען ניט וויסען וואָס איבערצוטראכטען!

— וועל איך אריבערשיקען מיין דינסט צו זיי און זי וועט זיי זאָגען אז דו וועסט נעכטיגען היינטיגע נאכט ביי מיר. וואָס איז דאָ אזוי... צוויי נעכט האסטו גענעכטיגט ביי זיי, וועסטו איין נאכט נעכטיגען אין מיין הויז. מיין ביילקע, וועט דיר צוזעהן אזוי גוט ווי חנה׳לע... דו דארפסט ניט נעהמען פאר אומגוט דאָס וואָס זי האָט געלאכט. זי האָט חלילה ניט אָפּגעלאכט פון דיר. עס איז ביי איהר אזא נאטור... זי איז זעהר א פרעהליכע. און א וואויל מיידעל איז זי ביז גאָר... א דימענטענע הארץ. אָט וועל איך זי אריינרופען און הייסען צוגרייטען פאר דיר א צימער... און דו וועסט ביי מיר איבערנעכטיגען.

— ניין, ניין, ר׳ שמעון, איך קאָן ניט! — האָט זיך יואל דוד אויפגעשטעלט — איך איל זיך צו געהן. איך האָב דאָרט געזאָגט, אז איך געה ארוים אויף א ווײלע און דאָ בין איך שוין איבער א שטונדע.

— איך זעה ניט איין פארוואָס זאָלסט זיך אזוי איילען אהין. ער איז פאָרט געוועזן דיין פאָטער׳ס מלאך המות... מעגליך, אז איך דארף אזוי ניט ריידען צו דיר, יואל דוד, אָבער קיינער וועט ניט אָפּלייקענען, אז דיין טאטע האָט זיך שטארק גענומען צום הארצען דאָס, וואָס ער האָט פארלאָרען זיין שטעלע און פון דעם איז ער קראנק געוואָרען און נאכהער געשטאָרבען. און ווען דו וועסט פרעגען, ווען מען דיר זאָגען, אז ר׳ מרדכי סטראשון האָט זיך אָנגעזעצט אויף איהם. ביז וואנען ער איז געוואָרען אוים שטאָט חזן... איך קאָן דיך בשום אופן ניט פארשטעהן, פארוואָס דיך ציהט אהין.

— איך ווייס ניט וואָס עס איז געווען, אָבער איצט פיהל איך זיך

פארפליכטעט צו זיי — האט יואל דוד געזאגט — איך וועל געהן! איך האב אפשר ניט באדארפט קומען אהער, ווייל זיי האבען היינט אייך געזאגט, אז איך וועל ניט קומען צו אייך.

— ניט אנדערש ווי דו האסט מורא פאר זיי! — האט ר׳ שמעון אויסגערופען — וואס אזוינס געפינסטו ביי זיי, אז עס ציהט דיר אהין? דו מעגסט זיין זיכער, אז רייזקע האט עס געזאגט צו מיר, ווייל זי האט מורא, טאמער וועל איך דיך פון זיי אוועקנעהמען און זי וויל, די זאלסט ווערען איהר איידעם, ווייל אויב דו וועסט ווערען ווילנער שטאט חזן, וועסטו זיין א גוטער שידוך פאר איהר טאכטער...

יואל דוד האט זיך געגומען רויטלען... ער האט שוין געהערט ניט איין מאל אזא אנצוהערעניש און כאטש ער איז געווען נאך גאר יונג, האט ער פארשטאנען אז אויך אט דער ר׳ שמעון וויל איהם אריינקריגען פאר דעם זעלבען צוועק...

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת — האט ר׳ שמעון ווייטער צו איהם גערעדט — איך וואלט געוויס ניט געוועזען דאגענגען, אבער ווען איך טראכט פון דעם, אז דער, וועלכער האט דיין פאטער אזוי פיל שלעכטעס געטאן, זאל ווערען דיין שווער, גיט עס מיר א טיאכקע אין הארצען... דערפאר וויל איך דיר פארזיכערען, אז דו ביזט פריי, דו ביזט איהם גארניט שולדיג און דו קאנסט טאן וואס דו ווילסט... דו דארפסט אפילו ניט נעכטיגען ביי מיר, אויב דו ווילסט ניט, דער איצטיגער שטאט חזן וועט זיך שעצען גליקליך, אויב דו וועסט איינשטעהן ביי איהם. ער אליין איז אזוי פארקאכט אין דיין זינגען, אז ער וואלט געוואלט דו זאלסט זיין שטענדיג נעבען איהם. יע, עס וועט ניט שאדען, אז דו זאלסט זיך דורכריידען מיט׳ן שטאט חזן. ער וועט מיט דיר לערנען פיעלע זאכען וואס דו וועסט דארפען וויסען... אט וועל איך מיט דיר גלייך אריבערגעהן צו איהם.

— ניין, ניין! — האט ר׳ יואל דוד אויסגערופען — עס איז ניט נויטיג, איך וועל מיט איהם ריידען אן אנדערש מאל, איך מוז איצט געהן.

— ווייסטו גאר וואס, ווארט צו א ווייל̇ע און איך וועל שיקען מיין טאכטער רופען דעם חזן. מיר וועלען זיך דאן אלע דריי דורכריידען.ביילקע, קום אריין! — האט ער אויפגעעפענט די טיר.

ביילקע איז אריין אין צימער. זי האט ניט געוואלט קוקען אין דער ריכטונג וואו יואל דוד איז געזעסען, זי האט מורא געהאט, טאמער וועט זיך זיך ווייטער פאנאנדערלאכען.

— הער זיך איין, ביילקע — האט ר׳ שמעון געזאגט — כאפ זיך אריבער צום חזן אין הויז און זאג איהם, אז איך פארלאנג ער זאל שוין צוקומען צו מיר. זאג איהם, אז יואל דוד, דער זוהן פון ר׳ צבי הירש עליו השלום, איז איצט דא ביי מיר אין הויז און אז מיר ווילען זיך מיט איהם דורכריידען. געה שנעל!

ר׳ שמעון האט עס געטאן ווייל ער האט עס גענומען פאר א מיטעל צו פארהאלטען יואל דוד׳ן נאך א ווײלע. זאל ער זיך דורכריידען מיט׳ן חזן און זאל ער אפילו דארטען נעכטיגען. עס וועט אלע זיין בעסער ווי צו דערלאזען ער זאל זיך צוריקקעהרען צו ר׳ מרדכי׳ן.

און איידער יואל דוד האט באוויזען אויסצורײדען א ווארט און זאגען איהם ער זאל ניט שיקען רופען דעם חזן איז שוין ביילע געווען אויף דער צווייטער זייט טיר.

יואל דוד איז געבליבען שטעהן א ווײלע ווי אויף הייסע קוילען. איצט קאן ער דאך ניט אוועקגעהן. דער שטאדט חזן וועט דאך אהער קומען צוליב איהם. ער האט ניט געוואוסט וואס צו׳טאן. ער איז געשטאנען אין מיטען צימער מיט זיינע אויגען געווענדעט צום באדען.

— זעץ זיך צו. — האט ר׳ שמעון זיך צו איהם געווענדעט. — ער וועט באלד ארויפקומען, דער שטאט חזן.

— איך וואלט וועלען געהן פריהער דאווענען מנחה! — האט יואל דוד זיך אנגערופען. — עס וועט ווערען שפעט, און איך וועל קיין מנין ניט קריגען.

— עס איז נאך פאראן גענוג צייט. אין שטיבעל וועסטו קריגען א מנין פאר מנחה אפילו צעהן מינוט פאר מעריב... דו ווייסט גאר וואס, דו קאנסט זיך אוועקשטעלען דערוויל דאווענען מנחה פאר זיך. מעריב וועלען מיר געהן דאווענען אלע צוזאמען, און מיר וועלען אהער צוריקקומען מיט נאך איינינע גבאים מיט וועמען מיר וועלען זיך דורכריידען וועגען דיין דאווענען אחרון של פסח.

— הערט זיך איין ר׳ שמעון. — איז יואל דוד געווארען דרייסטער. אויב איהר ווילט זיך דורכריידען און באשטימען איך זאל דאווענען אחרון של פסח וועט אויך ר׳ מרדכי סטראשון דארפען זיין דאביי.

— איך בין ניט דאגעגען. אויב ער וועט וועלען ארויפקומען צו מיר אין שטוב, וועל איך זיין צופרידען. פארקעהרט, איך וואלט טאקע געוואלט ער זאל דא זיין, ווען דער חזן און די אנדערע גבאים וועלען זיך מיט דיר דורכריידען.

— איך ווייס אבער אז ר׳ מרדכי וועט אהער ניט ארויפקומען.

— פארוואס ניט. — האט ר׳ שמעון א שמייכעל געטאן.

— צוליב דער איבעררייד וואס איהר האט היינט געהאט דארט אין זיין הויז.

— דאס איז גארניט! ער האט אויף מיר קיין פאריבעל ניט. ער ווייסט דאך אז איך האב געזאגט דעם אמת. ער וועט עס ניט קאנען פארלייקענען... אלע ווייסען אז ער איז געווען דיין טאטענס גרעסטער שונא. איך פארזיכער דיר אז אפילו ווען דו וועסט איהם פרעגען, וועט ער דיר זאגען דעם אמת.

— אפשר זאלען מיר אלע אריבערגעהן צו ר׳ מרדכי׳ן אין הויז? — האט יואל דוד געזאגט.

— א, ניין, דאס קיינמאל ניט! — האט ר׳ שמעון אויסגערופען. —

דו ביזט דאך דאבי געווען, ריינקע האט מיך אזוי גוט ווי ארויסגעטריבען פון איהר הויז. אויב אזוי וועל איך שוין זייער שוועל ניט מעהר אריי־בערטרעטען.

— נו, אפשר וואלטען מיר זיך באגעגענט אין חזן'ס הויז. איך וועל געהן צוריק אהיים און איך וועל זאגען ר' מרדכי'ן, אז דער שטאט חזן האט איהם פארבעטען צו זיך אהיים זיך דורכצושמועסען, וועט ער מיט מיר געהן. — האט יואל דוד געזאגט און זיינע בליקען געווענדעט צו דער טיר.

— — איך האב דאך איהם שוין געשיקט רופען. ער וועט באלד קומען. ווארט שוין צו א ווייל. איך קאן ניט פארשטעהן פארוואס דו זאלסט זיך פיהלען אזוי צוגעבונדען צו יענע מענשען, וועלכע האבען דיין טאטען אזוי פיעל שלעכטעס געטאן. פאלג מיר, ווארט צו א ווייל, אט קומט שוין באלד אן דער חזן.

יואל דוד האט זיך געפיהלט ווי א געפאנגענער אין ר' שמעון'ס הויז. איהם האט שוין זעהר שטארק פארדראסען פארוואס ער האט זיך געלאזט איבעררייעדען פון ליבעלען און געהן אהער. ער האט גענומען פיהלען, אז ער איז באגאנגען א גרויסע עוולה נעגען ר' מרדכי'ן און זיין פרוי און טאכטער. ער האט זיי געזאגט ליגען אז ער געהט ארונטער אין הויף אויף א ווייל און איז דער אמת'ן איז ער גאר אוועק צו ר' שמעונ'ען... ווען זיי וועלען דאס אויסגעפינען וועלען זיי אלע אויף איהם זיין אין כעס. איבער־הויפט חנה'לע. זי איז געווען אזוי גוט צו איהם. זי האט איהם איבערגע־געבען איהר שלאפצימער, איהר בעט. זי האט פאר איהר געקראגען א גאר־ניטור. פארפאלען, ער קאן זיך ניט העלפען. זיי וועלען שוין אויסגעפינען אז ער איז געווען ביי ר' שמעונ'ען. וואס פאר א תירוץ וועט ער זיי קאנען געבען?

יואל דוד האט געהאט מורא, אז זיי וועלען זיך שוין מעהר אויף איהם ניט וועלען אומקומען. און גראדע איצט פיהלט ער אז ער נויטיגט זיך אין גוטע פריינד, וועלכע זאלען איהם באשיצען. ווער ווייסט וואס אט דער ר' שמעון פרנס קאן נאך טאן מיט איהם.. ער קאן נאך איהם צווינגען צו ווערען זיין איידים. א שוידער געהט דורך זיין ליב ווען ער טראכט פון דעם. אט די דאזיגע ביילקע וועלכע לאכט אהן אויפהער און באווייזט איהרע גרויסע צייהן. זי מיט איהר פארהויקערטער נאז... ער האט דערפיהלט אז עס איז איהם דא פלוצלינג געווארען זעהר ענג... כאטש ר' שמעון איז דער גבאי ראשון פון שטאט שול און איז זעהר רייך, האט ער צו איהם ניט געהאט קיין צוטרויען. איהם איז איצט אויף זיינע געדאנקען געקומען די רייד פון זיין מומע'ן וועלכע האט איהם אנגעזאגט זיך צו היטען פאר די רייכע לייט וועלכע האבען זיהן ווייל ביי זיי איז רעכט אויסצוקויפען זייערע אייגענע זיהן פון מיליטער מיט דעם וואס זיי וועלען איבערגעבען די כא־פערים א פרעמדען הילפלאזען יתום. ער האט געהערט אז ר' שמעון האט צוויי זיהן, איינער לערענט אין דער ישיבה און איהם דוכט זיך אז אז ער־האט איהם געזעהן היינט אין דער פריה אין שטאט שוהל, ער איז געשטא־

נען נעבען זיין פאטער. וואס וועט ער טאן ווען ער וועט איהם זאגען: "אדער ווער מיין איידעם, אדער דו וועסט געהן דינען דעם צאר".

אט די דאזיגע געדאנקען האבען איהם שטארק געשראקען... ער האט פון א זייט געווארפען א בליק אויף ר' שמעון'ען. ער איז א קרעפטיגער איד, מיט א ברייטע פארקאמטע שווארצע באָרד. מיט שטארקע ברייטע פלייצעס. ער קאן איהם א נעהם טאן און מאכען פון איהם א בארג אש...

— זאג מיר, יואל דוד, פון וואס טראכטסטו? — האט זיך ר' שמעון צו איהם געווענדעט. — דו שיינסט צו זיין אזוי באזארגט. איך זאג דיר אז דו האסט ניט מעהר וואס צו זארגען. גאט האט דיך באשאנקען מיט אזא טייערען אוצר... מיט דיין איינאיינציגען דאוונען מוסף היינט אין שוהל, האסטו געוואונען די הערצער פון אלע אידען פון ווילנע... איצט באלאנגסטו צו אלעמען, דו דארפסט זעהן צו זיי ראוי צו אזא בכבוד'יגען אמט. א קליי־ניגקייט ווילנער שטאדט־חזן... דו דארפסט ניט ערלויבען אז אימיצער זאל דיר שטעהן אין וועג צוליב זיינע אייגענע אינטערעסען...

די טיר האט זיך געעפענט און ביילקע איז אריין אין צימער.

— נו, וואו איז דער חזן? — פרעגט זי ר' שמעון.

— ער קומט באלד צוגעהן. ער האט זיך צוגעלעגט שלאפען פאר א ווײלע און די חזנ'טע האט מיר געזאגט אז זי געהט איהם אויפוועקען און ער וועט באלד צוקומען.

— דו ביזט א וואויל מיידעל! — האט ר' שמעון געזאגט צו זיין טאכ־טער מיט צערטליכקייט. — יואל דוד איז דיר זעהר דאנקבאר פאר דעם.

ביילקע'ס פנים איז רויט געווארען. זי האט א קוק געטאן אויף יואל דוד'ן און זי האט זיך באלד אפגעטראגען פון צימער.

באלד זיינען אנגעקומען אין צימער ר' שמעונ'ס בײדע זיהן: העניך דער עלטערער, ארום זעכצעהן יאהר אלט. און אשר, דער אינגערער, צוועלף יאהר אלט.

— דו ווייסט ווער דאס איז, העניך! — האט ר' שמעון זיך גע־ווענדעט צו איהם.

— געוויס! ער האט דאך היינט געדאווענט מוסף.

— טא פאר וואס גיסטו איהם ניט שלום עליכם?

העניך איז צוגעגאנגען און איהם דערלאנגט די האנט.

יואל דוד האט אנגערירט זיין האנט און זיין הארץ האט געקלאפט פון שרעק. ווער ווייסט וואס ר' שמעון וועט איהם טאן! דער אינגערער זוהן איז געווען געראטען אין גאנצען אין ביילקע'ן. ער האט אויך געהאט א לאכענדיגע נאטור אבער ווי עס ווייזט אוים האט ער געציטערט פאר זיין טאטען.

— וואו ביזטו עס געווען דעם גאנצען טאג? — ווענדעט זיך ר' שמעון צו אשר'ן.

— המ... אין הויף.

— געשפּילט אין ניס, האַ?
אשר שווייגט.
— און מנחה האַסטו געדאַוונט?
— יע, טאַטע! — ענטפערט פאַר איהם דער עלטערער ברודער העניך — ער האט געדאַוונט מיט מיר אין שטיבעל.
— און אז דו וואלסט איהם ניט דערמאַנט אז עס איז צייט צו דאַוונען מנחה וואלט זיך דער שייגעץ אליין דערמאַנט? — האט ר׳ שמעון געזאַגט.
—אז איהם ליגט גאר אין זינען די ניס... עס איז שוין צייט אז דו זאלסט ווערען סטאַטעטשנע. דו האַסט דאך בלויז איין יאהר צו בר־מצוה, האַסטו שוין באַדאַרפט ווערען א מענש. אַט גיב א קוק אויף יואל דוד׳ן, ער איז בלויז איין יאהר עלטער פאר דיר... דו דאַרפסט דאך זיינע שטיוועל פּוצען... דו שייגאַץ איינער. א גאַנצען טאַג זעהט מען איהם ניט פאר די אויגען. דו זעהסט דאך, דיין ברודער העניך, לערענט א גאַנץ יאהר, און אז עס קומט יום טוב געהט ער ווייטער אין בית המדרש לערנען און דו פוילסט זיך א גאַנץ יאהר צו לערנען . . . מיין ניט אז איך ווייס ניט . . . און יום טוב ווילסטו דאך אפילו ניט אריינשמעקען אין בית המדרש. אריינ־געכאַפּט א מנחה און ווייטער געלאַפען שפּילען אין ניס! און אז דו ביזט הונגעריג געווארען האסטו זיך דערמאַנט אריינצוקומען אין הויז. א פיינער בעל תכלית!
אשר האט זיך צוגעהערט צו זיין טאַטענ׳ס מוסר רייד מיט אן איינ־געבויגענעם קאָפּ און ווען ר׳ שמעון האט גענומען ריידען צו יואל דוד׳ן האט ער זיך ארויסגערוקט פון צימער.
— וואס זאגסטו וועגען דעם, מיין זוהן, אז יואל דוד זאל ווערען דער ווילנער שטאט חזן! — האט זיך ר׳ שמעון געווענדעט צו העניד׳ן.
— הע, וואס ווייס איך! — האט העניך געזאגט.
— דו האַסט דאך איהם אויך היינט געהערט, וואס זאגסטו צו זיין דאַוונען?
— זעהר גוט האט ער געדאַוונט. — זאגט העניך. — אבער א שטאַט חזן!
— און פאַרוואס ניט! — האט ר׳ שמעון גוטמוטיג געזאגט, — ער איז דאך שוין א פאַלנער איד... אלעס וואס עס פעהלט איהם איז א פּרוי און ער וועט ווערען א באַלעבעסעל און דאַן וועט ער אפילו קאָנען דאַוונען ימים נוראים. אלע "שטעדט" וועלען פאַרקויפט ווערען. מען וועט צאַהלען גאר הויכע פּרייזען... מען וועט שטעהן אויף די קעפּ. די שוהל וועט אריינ־נעהמען א סך געלט וואס וועט קלעקען צו דעקען אלע הוצאות פון קהל. עפּעס א קלייניגקייט אזא שטימע... וואס דאַרפסטו מעהר מיין זוהן, דער איצטיגער שטאַט חזן אליין באַשטעהט אויף דעם אז קהל זאל איהם געבען א כתב חזנות אין ווילנער שטאַדט שוהל. אלע זיינען באַגייסטערט פון דעם. נאַר דער איינציגער וועלכער שטעהט אין וועג איז ר׳ מרדכי סטראַשון.
— פאַרוואס? — פרעגט איהם העניך.

— דער נוטער יאָהר ווייסט איהם. ער האָט אלע מאָל ליב צו טאָן להכעים. ווען יואל דוד'ס טאטע איז געווען שטאָט־חזן, געדענקסטו ווי ער האָט "איינגעלייגט וועלטען" מען זאָל איהם אָפּזאָגען. וויפיל איך האָב מיט איהם ניט איינגע'טענהנט, האָט ניט געהאָלפען. ער איז געבליבען ביי זיין עקשנות... איך און די אנדערע גבאים האָבען איהם געפרעגט וואָס ער האָט צו דעם שטאָדט־חזן ר' צבי הירש, פארוואָס האָט ער זיך אויף איהם אָנ־געזעצט און וויל איהם נאָר בארויבען פון זיין ברויט. אָבער ער האָט אויסגע־פירט. ער איז דאַן געווען גבאי ראשון... איצט אָבער האָף איך אַז ער וועט ניט אויספירען. יואל דוד וועט ווערען שטאָדט חזן אפילו געגען זיין ווילען...

— ר' מרדכי סטראשון מיינט מיר ניט צו טאָן שלעכטעס דאמיט — רופט זיך אַן יואל דוד — ער מיינט מיין טובה.

— דו הערסט, העניך, ער האָט איהם איינגערעדט, אַז ער מיינט זיין טובה! נו, אַז דו וועסט אביסעל עלטער ווערען וועסטו פארשטעהן... ר' מרדכי מיינט נאָר זיין אייגענע טובה. דו אָבער דארפסט האָבען מעהר שכל און טהאָן וואָס עס איז בעסער פאר דיר!... באלד וועט דאָ אריינקומען דער שטאָדט חזן און מיר וועלען זיך דורכריידען. און וועגען ר' מרדכי'ן זאָלסטו גארניט זאָרגען... ער האָט געקאָנט שלעכטעס טאָן דיין טאטען, אָבער דיר וועט ער גאָרניט קאָנען טאָן!

ווען יואל דוד האָט צום ערשטען מאָל געהערט פון ר' שמעון'ס מויל אַז ר' מרדכי איז געווען זיין טאטענ'ס נעגנער, האָט עס אויף איהם געמאַכט אַ שטארקען איינדרוק. איצט אָבער, ווען ער האָט געהערט ווי ר' שמעון ווידערהאָלט עס עטליכע מאָל און וויל דורכדעם איהם בעאיינפלוסען געגען ר' מרדכי'ן, האָט עס אויף איהם אויפגעהערט צו מאַכען אַן איינדרוק. ער האָט שוין מעהר ניט געוואָלט טראַכטען וועגען דעם. ער האָט איצט געוואָלט געהן צוריק. אָבער ר' שמעון האָט איהם פארהאַלטען, ער וועט שוין מוזען וואַרטען ביז וואַנען דער שטאָדט חזן וועט קומען צו איהם אין הויז.

קאַפּיטעל ניין

ר' מרדכי סטראשון האָט מעהר ניט געקאָנט איינזיצען אין הויז... זיין פרוי און טאָכטער זיינען געשטאַנען פאראומערטע נעבען דעם פענסטער וואָס קוקט ארויס אין גאַס און האָבען געקוקט שווייגענדיג.

— איהר בלייבט אין הויז! — האָט זיך ר' מרדכי צו זיי אָנגערופען

— איך וועל ווידער זיך ארויפכאַפּען אויפ'ן שוהל הויף און איך וועל שוין דאָרט מסתמא פארבלייבען ביז נאָך מעריב. אויב יואל דוד וועט קומען, זאָלט איהר זעהן אַז ער זאָל בלייבען אין הויז. זאָל ער דאַווענען מעריב פאר זיך.

— איך בעט דיך, מרדכי — האָט ריינקע זיך צו איהם אָנגערופען — אויב דו וועסט איהם געפינען פאר מעריב זאָלסטו שיקען אימיצען אונז אָנזאָגען.

— דאס דארפסטו מיר ניט דערמאָנען! — האט ער געזאָגט און איז ארויס פון הויז.

די זון האט זיך שוין א רוק געטאָן צו מערב. ר׳ מרדכי איז אריין אין שוהל הויף, פון דארט איז ער ארויסגעקומען אויף א אידישער גאס נעבען "דורך הויף". דארט האט געשוויבעלט און געגריבעלט פון אידען, אידענעס, אינגלעך און מיידלעך, וועלכע זיינען געווען יום טוב׳דיג געקליידעט. איינינע האבען שפאצירט איבער׳ן גאס, אנדערע האבען זיך געאיילט אין קלויז צו הערען א מגיד, אריינכאפען א פרק משניות אדער צו לערנען "עין יעקב".

ר׳ מרדכי איז ארומגעגאנגען א באזארגטער איבער דער אידישער גאס. ער האט מיט זיינע אויגען באטראכט יעדען אינגעל וואס האט זיך דארט געפונען... ער האט זיך געפיהלט שטארק דערשלאָגען... אזא טייערער אוצר... האט זיך פון זייערע הענט ארויסגעגליטשט... ער קאן איהם גארניט פאר־שטעהן. דוכט זיך, א וואויל, געהארכזאם אינגעל, פארוואס האט ער דאס געטאָן? אפשר האט ער זיך גענומען צום הארצען דאס, וואס ר׳ שמעון האט פאר איהם אין די אויגען גערעדט וועגען דער באהאנדלונג פון זיין טאטען... אבער איהם דוכט זיך אז זיינע רייד האבען אויף איהם ניט געמאכט קיין שטארקען רושם, ווייל נאכדעם ווי ער איז אוועק איז יואל דוד געווען מונ־טער און האט פארבראכט גאנץ פיין... אויב אזוי, וואס האט איהם פלוצלינג באוואויגען אזוי צו האנדלען!

געהענדיג אזוי לאנגזאם, האט ער דערהערט א שטים:

— א גוט יום טוב אייך, ר׳ מרדכי!

ער הא א קעהר געטאָן זיין קאפ און דערזעהן דעם שטאדט חזן.

— גוט יום טוב, חזן! — ענטפערט איהם ר׳ מרדכי.

— איהר געהט עם אודאי צו ר׳ שמעון׳ען! — רופט זיך אן דער חזן — אויב אזוי וועלען מיר געהן צוזאמען.

— צו ר׳ שמעון׳ען! — קוקט איהם אן ר׳ מרדכי — וואס עפעס איצט צו ר׳ שמעון׳ען?

— וואס הייסט, איהר ווייסט גאר ניט? ר׳ שמעון האט געשיקט זיין טאכטער מיך צו רופען. זי האט מיר געזאָגט אז איהר פאטער וויל איך זאל גלייך צו איהם צוקומען, ווייל יואל דוד איז איצט דא ביי איהם און ער וויל אז איך זאל זיך מיט איהם דורכריידען... איצט פארשטעה איך ניט, ווי קומט עס אז איהר ווייסט דערפון ניט! איך בין געווען זיכער אז איהר געהט אויך איצט צו ר׳ שמעון׳ען.

— געוויס געה איך! — האט ר׳ מרדכי געזאָגט — נאך אלעמען בין איך געווען דער, וועלכער האט איהם ענטדעקט... און געזעהן אז קהל זאל וויסען וואס פאר א וואונדערבארע שטימע ער האט. עס איז ניט מעהר ווי רעכט איך זאל האבען וואס צו זאגען וועגען דעם.

— און איך בין געווען אונטער׳ן איינדרוק, אז איהר זייט שוין דארט ביי ר׳ שמעון׳ען אין הויז אוןווארט אויף מיר — האט דער חזן געזאָגט.

— וואס איז דער אונטערשייד, לאמיר געהן! — האט ר׳ מרדכי גע־זאגט.

— איך מוז אייך זאגען, ר׳ מרדכי, אז זינט היינטיגען מוסף איז מיר יואל דוד פון זינגען ניט ארויס... אזא טייערע כלי, א מתנת אלקים... מיט איהם וועט קלינגען די וועלט... איך קאן אייך גאר ניט ארויסגעבען וואס פאר א מתיקות עס איז פאראן אין זיין שטים. ווען אימיצער וואלט געקומען און מיר דאס געזאגט, וואלט איך געטראכט אז יענער איז מגזם... אבער איך האב אליין געהערט איהם דאווענען און זינגען. און איך האב ניט געקאנט איינהאלטען מיינע טרעהרען... איך האב דאן איינגעזעהן ווי נישטיג און אומוויכטיג איך בין, און איך האב באשלאסען צו רעקאמענדירען איהם פאר שטאדט חזן אנשטאט מיר!

— ווען איהר פאלגט מיך, וואלט איהר דערוויילע פון דעם ניט גערעדט!

— האט ר׳ מרדכי געזאגט — ווייל ער איז נאך גאר יונג און מיר דארפען אויף איהם ניט ארויפלייגען אזא פאראנטווארטליכקייט.

— אויב איהר זייט דאגעגען, וועל איך זיך ניט מישען! איך האב געמיינט אז איהר ווילט מיין מיינונג. נו, אט זיינען מיר שוין נעבען זיין הויף.

ווען זיי זיינען ארויף אויף די טרעפ, האט דער חזן אויפגעעפענט די טיר און ער איז אריינגעקומען אין צימער וואו ר׳ שמעון און יואל דוד זיי־נען געזעסען. ר׳ מרדכי איז אריין נאך איהם.

— א גוט יום טוב! — האט דער חזן אויסגערופען.

ר׳ מרדכי איז אריינגעקומען שווייגענדיג. ר׳ שמעון איז געבליבען זי־צען אויף זיין פלאץ באוועגלאז. אויף דעם האט ער זיך ניט געריכט. ר׳ מרדכי זאל צו איהם איצט ארויפקומען, נאכדעם ווי מען האט איהם יואל דוד׳ן ממש ארויסגעריסען פון זיין הויז...

יואל דוד, דערזעהענדיג ר׳ מרדכי׳ן, האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ.

— גוט וואס איהר זייט געקומען, חזן! — האט ר׳ שמעון אויסגערו־פען זוכענדיג צו איגנארירען ר׳ מרדכי׳ן אינגאנצען — איך און יואל דוד האבען זיך געוואלט מיט אייך דורכריידען וועגען זיין דאווענען אחרון של פסח. זעצט זיך!

— מיט פארגעניגען! — האט דער חזן געזאגט — פון מיר איז גאר קיין מניעה ניט. פארקעהרט, איך וועל זיין זעהר שטארק צופרידען פון דעם... עס וועט זיין פאר מיר דער גרעסטער פארגעניגען דיך צו הערען — האט ער זיך געווענדעט צו יואל דוד׳ן נאכדעם ווי ער האט זיך אוועקגעזעצט נעבען טיש.

ר׳ מרדכי׳ן האט ר׳ שמעון ניט געבעטען זיצען, און יואל דוד איז אויך געבליבען שטעהן אויף זיין פלאץ.

— זעץ זיך, יואל דוד! — האט ר׳ שמעון זיך געווענדעט צו איהם — אט וועלען מיר באלד באשליסען וואס צו טאן.

יואל דוד האָט זיך פון אָרט ניט גערירט.

ר׳ מרדכי האָט פאַרשטאַנען אַז ער איז עס געבליבן שטיין צוליב איהם און איז פון דעם געווען צופרידען.

— דו ווילסט דאַווענען מוסף דעם לעצטען טאָג פסח? — האָט ר׳ מרדכי זיך צו איהם געווענדעט.

— ניין — האָט יואל דוד געענטפערט — סיידען איהר וועט עס פון מיר פאַרלאַנגען!

— איך וויל דיר זאָגען, יואל דוד, אַז דו ביזט פריי צו טאָן וואָס דו ווילסט. קיינער וועט דיך ניט צווינגען. אויב דו ביזט ניט צופרידען צו פאַרבלייבען אין מיין הויז און דו ווילסט פאַרבלייבען מיט ר׳ שמעון׳ען, קאָנסטו עס טאָן. ווען דו וואָלסט מיר גלייך עס געזאָגט, וואָלסטו אונז אַלע־מען פאַרשפאָרט אַ סך עגמת נפש, ווייל מיר זיינען געוואָרען שטאַרק באַ־זאָרגט. דו האָסט אונז געזאָגט אַז דו געהסט אַרונטער אויף אַ קליינער ווייַלע און דאָ זיינען שוין פאַריבער אַ פּאָר שטונדען און דו קומסט ניט צוריק. מיר האָבען זיך גענומען שרעקען טאָמער האָט עפּעס מיט דיר פּאַ־סירט. ווען דו זאָגסט אונז אַז דו ווילסט זיך אַריבערכאַפּען צו ר׳ שמעון׳ען און זיך מיט איהם באַראַטען וואָס צו טאָן, וואָלטען מיר געוויס דיך ניט פאַרהאַלטען. איצט זאָג מיר דעם אמת, ווילסטו פאַרבלייבען אָט דאָ אָדער זיך אומקעהרען מיט מיר צו אונזער הויז?

— איך וויל זיך אומקעהרען מיט אייך! — האָט יואל דוד אויס־גערופען.

— אויב אַזוי, לאָמיר גלייך געהן!

די טיר האָט זיך באַלד געעפענט און חאשע, ר׳ שמעון׳ס פרוי, און זייער טאָכטער ביילקע זיינען אַריינגעקומען. ווי עס ווייזט אויס, זיינען זיי געשטאַנען נעבען דער טיר און זיך אונטערגעהערט צו דעם גאַנצען גע־שפּרעך און ווען זי האָט דערהערט אַז יואל דוד וויל אַוועק מיט ר׳ מרדכי׳ן, איז זי אַריינגעקומען און אויסגערופען:

— איהר האָט אַ חוצפּה, ר׳ מרדכי, צו קומען צו אונז אין הויז נאָכ־דעם ווי איהר האָט אַזוי באַהאַנדעלט מיין מאַן... מיר האָבען אַזאַ רעכט צו יואל דוד׳ן ווי איהר.

— געוויס! — ענטפערט ר׳ מרדכי — און דערפאַר טאַקע האָב איך איהם געזאָגט אַז ער איז פריי צו מאַכען זיין באַשלוס, אויב ער וויל קאָן ער בלייבען דאָ ביי אייך, און אויב ער וויל, קאָן ער זיך צוריקקעהרען צו מיר. און ער האָט געענטפערט אַז ער וויל זיך אומקעהרען מיט מיר!

— יואל דוד, פאָלג מיך און בלייב ביי אונז — האָט חאשע זיך צו איהם געווענדעט — דאָ וועסטו האָבען מיט וועמען צו פאַרברייינגען. איך האָב, זאָלען געזונד זיין, צוויי זיהן. מיין עלטערער זוהן, העניך, איז אַ לער־נער. ער וועט מיט דיר לערנען אויב דו וועסט וועלען און אשר׳ל איז כמעט אין דיין עלטער. איהר וועט קאָנען ביידע שלאָפען אין איין צימער. דו וועסט זיך ביי אונז ניט פיהלען איינזאַם ווי ביי ר׳ מרדכי׳ן... דאָרט זיינען

פאראן בלויז צוויי מיידלעך, און דו וועסט זיך ניט פיהלען אזוי באקוועם ווי ביי אונז.

— דו האסט געהערט וואס חאשע האט געזאגט — האט זיך ר׳ מרדכי ווידער געווענדעט צו איהם — האסטו חרטה און ווילסט פיליכט פארט פארבלייבען מיט זיי?

— ניין, איך געה מיט אייך! — האט יואל דוד אויסגערופען.

— אויב אזוי, טו וואס זשע ווארטען מיר? לאמיר געהן! — האט ר׳ מרדכי זיך אנגערופען.

יואל דוד איז צו איהם צוגעגאנגען און זאגענדיג א גוטען יום טוב איז ער מיט ר׳ מרדכי׳ן ארויס פון דארט.

— נו, וואס זאגט איהר אויף דעם! — האט זיך חאשע ניט געקאנט בארוהיגען — געקומען צו מיר אין הויז און איהם פון דאנען אוועקגענומען.

— אבער מאדאם פרנס — האט זיך דער שטאדט חזן אנגערופען — איהר האט דאך אליין געהערט, ער האט איהם ניט געצוואונגען. ער האט איהם געגעבען די ברירה.

— דאס טייער קינד פיהלט זיך שולדיג געגען איהם... איהר האט באמערקט ווא בלאס ער איז געווארען... אזא חוצפה... ער איז שוין זיין גאנצער בעל הבית.

— זארג ניט חאשע! — האט ר׳ שמעון אויסגערופען — ער וועט ביי איהם ניט בלייבען... זאל ער ביי זיי זיין נאך א פאר טעג... אויב איך וועל איהם ניט האבען, וועט ער איהם אויך ניט האבען. איך וועל איהם ווייזען אז איך האב עפעס אויך א שטיקעל דעה...

דעם גאנצען וועג זיינען ביידע, ר׳ מרדכי און יואל דוד, אפגעגאנגען שווייגענדיג... ר׳ מרדכי האט געווארפען אויף איהם א בליק און ער האט באמערקט ווי ער געהט מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ. ער האט איהם געוואלט פרעגען ווי אזוי ער קומט פלוצלינג צו ר׳ שמעונ׳ען, אבער ער האט באשלאסען צו ווארטען מיט דער פראגע... פארוואס זאל ער איהם פלוצלינג שטעלען אין א פארלעגענהייט... ער האט גענומען טראכטען ווי גרויס עס וועט זיין די שמחה ביי איהם אין הויז ווען זיי וועלען איהם דערזעהן מיט יואל דוד׳ן... א גליק וואס ער האט גראד געטראפען דעם חזן און פון איהם אויסגעפונען אז ער איז ביי פרנס׳ן אין הויז. ווען ער קומט ניט אין צייט וואלט שוין אפשר געווען צו שפעט. ער וואלט געוויס געווען געגעבטיגט דארט און דאן ווער ווייסט אויב עס וואלט געלונגען איהם פון דארט אוועקצונעהמען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו זייער גאס, האט ר׳ מרדכי א הויב געטאן זיין קאפ און ארויפגעקוקט צו זיין פענסטער. ער האט דערזעהן ריינקע׳ן און חנה׳לען. זיי האבען זיי באמערקט. ער קאן זיך פארשטעלען וואס פאר א

שמחה עס איז איצט. זיין אינגערע טאָכטער לאה'לע איז שוין זיי אַנטקעגנגעלאָפען און מיט פרייד אויסגערופען:

—אַה, יואל דוד איז דאַ!

— דו זעהסט ווי אַלע זיינען געווען באַזאָרגט וועגען דיר! — שמייכעלט ר' מרדכי — אפילו אַט די קליינע לאה'לע האָט זיך אויך גענומען שטאַרק צום הארצען.

ריינקע אַליין איז געשטאַנען נעבען דער אָפענער טיר און מיט אַ ברייטען שמייכעל אויף איהר פּנים זיך אָנגערופען:

— אַ, אַ געזונט אין דיר, יואל דוד, וואָס האָט פּאַסירט, וואו ביזטו געווען? געלויבט איז גאָט אז מיט דיר האָט גאָרניט פּאַסירט... מיר האָבען זיך אַזוי געשראָקען... ווען דו זאָגסט אונז אז דו וועסט זיך זאַמען, וואָלטען מיר געוואוסט אז מיר דאַרפען ניט זאָרגען. אָבער דו זאָגסט אז דו געהסט אַרונטער אין הויף אויף אַ קליינער ווייל־ע און דאַ געהען אַוועק אַ פּאָר שעה און דו קומסט ניט... נו, חנה'לע, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — האָט זיך ריינקע געווענדעט צו איהר טאָכטער ווען זיי זיינען שוין אַלע געווען אין צימער — דו נאַרעלע דו איינע! זי האָט זיך אַזוי געשראָקען, זי האָט איבערגעקלערט דאָס ערגסטע. זי האָט נאָר מורא געהאַט טאָמער זיינען דיך שקצים באַפאַלען.

חנה'לעס פּנים האָט געגליהט פון רויטקייט. איהרע אויגען האָבען געלויכטען. ווען זי וואָלט זיך ניט געשעהמט וואָלט זי איהם אַרומגענומען און געקושט.

— נו, וואו ביזטו טאַקע געווען? — פרעגט איהם ריינקע.

— איצט וועלען מיר געהן דאַווענען מעריב, שפּעטער וועלען מיר דיר זאָגען! — האָט ר' מרדכי זיך אָנגערופען — איצט לאָמיר געהן, יואל דוד, עס ווערט שוין טונקעל.

— אָבער געווים מוז איהם חלש'ן דאָס הארץ — זאָגט ריינקע — זאָל ער פריהער עפּעס צוביסען.

— איך בין ניט הונגעריג! — האָט יואל דוד געזאָגט.

— מיר וועלען קומען פון מעריב וועלען מיר אַלע עסען. עס וועט לאַנג ניט נעהמען — האָט ר' מרדכי געזאָגט.

— מיר וועלען אריין דאַווענען מעריב אין "שבעה קרואים" — רופט זיך אָן ר' מרדכי צו יואל דוד'ן — דאָרט שטעלט מען זיך באַלד דאַווענען.

ר' מרדכי האָט מיט אַ כיון מיט איהם ניט געוואָלט אריינקומען אין אַ שוהל אָדער אין בית המדרש, כדי ער זאָל זיך ניט אָנטרעפען מיט וועמען עס איז און מען וועט זיי פאַרהאַלטען. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער געהן מיט איהם אהיים.

ווען זיי זיינען געקומען אהיים, איז שוין דער טיש געווען געגרייט. זיי האָבען זיך געוואַשען צום עסען און געזעצט צום טיש. ריינקע האָט שוין נעהאָט געוואוסט אז איהר מאַן האָט יואל דוד'ן געפונען אין ר' שמעון'ס

הויז. ר׳ מרדכי האָט איהר דערצעהלט ווען ער איז א ווײלע געבליבען מיט זיין פרוי אליין. ער האָט איהר אָבער געבעטען אז זי זאָל איהם איצט גאָרניט פרעגען, כדי איהם ניט צו שטעלען אין א פאַרלעגענהייט.

ווי אַזוי ער קומט צו איהם אין הויז איז פאַר מיר אליין דערוויי׳ל א רעטעניש — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט צו ריינקען — איך וועל עס איהם ניט פרעגען... עס וועט זיין בעסער אַזוי.

— איצט זעהסטו שוין וואָס פאַר א שונאים מיר האָבען? איך קאָן זיך פאַרשטעלען ווי אַזוי ר׳ שמעון און חאַשע האָבען דיך אויפגענומען.

— דאָס וועל איך דיר שפּעטער דערצעהלען, נאָכ׳ן עסען — האָט ער איהר געזאָגט און גלייך געגאַנגען עסען.

זיי האָבען גענומען עסען כמעט שווייגענדיג. יואל דוד איז געזעסען אויף זיין פּלאַץ. ער האָט געהאַט אויף זיך אַלעמענס בליקען, אָבער ער האָט זיך געשעהמט אויפצוהויבען זיינע אויגען. ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק שולדיג צוליב דעם וואָס ער האָט זיי אַלעמען פאַראורזאַכט אַזוי פיל זאָרג און אונאַנגענעמליכקייט. אין האַרצען איז ער אָבער געווען צופרידען צו פיהלען, אַז ער איז שוין ניט אַזוי עלענד ווי פריהער, ווען קיינער האָט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט. אפילו זיין מומע פלעגט איהם אויך ניט ארומ־געהן זוכען אויב ער איז פאַרפאַלען געוואָרען פאַר א גאַנצען טאָג... זי פלעגט מסתמא זיין צופרידען, וואָס דערוויי׳ל האָט זי איינגעשפּאָרט א מאָל־צייט... ער ווייסט אַז עס איז ניט איהר שולד. זי איז אַזוי אָרים און זי דאַרף נאָך דערצו אויסהאַלטען זיין קליינעם ברודער׳ל מאָטעלע׳ן. זי האָט אַנדערע זאָרגען... איצט אָבער איז ער זיכער אַז אויך זיין מומע וועט זאָרגען וועגען איהם. אַזוי שנעל ווי זי וועט אויסגעפינען אַז אַלע מאַכען אַזאַ וועזען פון איהם, אַז מען טראַכט גאָר איהם צו געבען א כתב חזנות... יע, ווען זי הערט עס, וואָלט ער אויך ביי איהר טייער געוואָרען. ביז איצט אָבער איז ער געווען אויף איהר א שווערע לאַסט. און ניט איינמאָל האָט זי איהם געזאָגט, אַז ביי לייטען זוכען זיך אַזעלכע איינגלעך אויס א בית מדרש צו לערנען און זיי קריגען ביי פאַרשידענע בעלי בתים צו עסען "טעג"... און טאַקע אויף איהר עצה איז ער געגאַנגען ערב פּסח אין שטאָדט שוהל און געוואַרט אַז אימיצער זאָל איהם פאַרבעטען צו די סדרים...

נאָכ׳ן בענשען, ווען די דינסט האָט אוועקגענומען די געפעס פון טיש, זיינען זיי נאָך אַלץ פאַרבליבען זיצענדיג.

— איהר ווייסט וואו ער איז געווען — רופט זיך אָן ר׳ מרדכי צו זיין פרוי און טאָכטער — איהר וועט קיינמאָל ניט טרעפען!

ריינקע האָט זיך געמאַכט ווי זי ווייסט נאָך דערוויי׳ל אויך ניט און זי האָט פּרובירט "טרעפען".

— מסתמא זיך פאַרשפּילט מיט די אַנדערע אינגלעך אין גוס.

— ניין, ניט געטראָפען. — שמייכעלט ר׳ מרדכי — איך האָב איהם געטראָפען ביי ר׳ שמעון אין הויז.

ביי ר׳ שמעונ׳ען? — האט ריינקע אויסגערופען מיט א געמאכטער איבעראשונג.

— איך געה זיך אזוי אויף דער אידישער גאס, איך דערהער אימיצער רופט מיך. איך גיב א קוק, עס איז דער שטאדט חזן. ער זאגט צו מיר: ״איהר געהט אודאי צו ר׳ שמעון, וועלען מיר געהן צוזאמען״. קוק איך איהם אז און ער דערצעהלט מיר אז ר׳ שמעון פרנס האט געשיקט זיין טאכטער ביילקען איהם צו רופען זיך דורכצוריידען, ווייל יואל דוד געפינט זיך אין זיין הויז. נו, זיינען מיר ביידע געגאנגען.

— וואס האט ר׳ שמעון געוואלט פון דיר? — פרעגט ריינקע יואל דוד׳ן.

— ער האט געוואלט איך זאל איהם פארשפרעכען צו דאווענען אין שטאט שוהל מוסף דעם לעצטען טאג פסח.

— נו, און דו האסט איהם פארשפראכען?

— ניין! — ענטפערט יואל דוד און זיין פנים האט זיך געררויטעלט.

— איך האב איהם געזאגט דארט פאר אלעמען אין די אויגען, אז ער איז פריי צו מאכען זיין באשלום. קיינער צווינגט איהם ניט. ער קען צוריקגעהן מיט מיר אדער בלייבען ביי ר׳ שמעונ׳ען אין הויז. אבער יואל דוד האט געזאגט, אז ער וויל זיך בעסער אומקעהרען צו אונז...

— אוי, א געזונט אויף איהם. ער זעהט דאך ווער עס זיינען זיינע אמת׳ע גוטע פריינד. אזא יאהר אויף אונז אלעמען ווי גוט עס וועט דיר זיין ביי אונז... דו ביזט דאך שוין ביי אונז פאררעכענט ווי אן אייגען קינד. דו וועסט זיך מעגען פארלאזען אויף אונז. מיר וועלען שוין זעהן אז דו זאלסט ניט געקריוודעט ווערען... אט דער פרנס זוכט נאר אויסצונוצען יעדען איינעם פאר זיינע אייגענע נוצען... קיין גוטער איך זאל איהם ניט קענען. איך מוז דיר זאגען, יואל דוד, אז פון איצט אן ביזטו אין מיינע אויגען נאך העכער געשטיגען... דו ביזט א מענש מיט זעלבסט־ווירדע.

— דו האסט באדארפט הערען ווי האשע האט זיך געהיצט און געקאכט — האט ר׳ מרדכי געשמייכעלט — זי האט אנגעווענדעט אלערליי מיטלען איהם צו פארהאלטען. זי האט איהם געזאגט אז ביי אונז וועט ער זיך פיהלען אומעטיג. אז ביי אונז זיינען פאראן בלויז צוויי מיידלעך, אבער זי האט צוויי זיהן... דו האסט געזעהן זיינע צוויי זיהן, יואל דוד?

— יא, זיי זיינען אריינגעקומען אויף א ווייל'ע.

— דער עלטערער העניך איז נאר א ליימענער גולם... ער לערענט שוין אזוי פיעל יאהר און קאן נאך קיין בלאט גמרא ניט לייענען. איך בין זיכער. אז דו, יואל דוד וואלסט איהם פארשטעקט אין גארטעל אין גמרא. האט האשע דיר נאך געזאגט אז העניך וועט מיט דיר לערנען. א טייערער רבי!

— און ווי געפעלט דיר די מויד? — פרעגט שוין ריינקע — דו האסט זי געזעהן, ביילקען?

— יא, איך האב זי געזעהן. — האט יואל דוד געזאגט — אבער אלעס

וואס מען האט געקאנט זעהן איז געווען א ברייט מויל און פערדישע ציינער.

ריינקע און חנה׳לע האבען זיך פאנאנדערגעלאכט.

— און איהר נאז? ווי געפעלט דיר איהר נאז? פונקט ווי א שופר, ניט אמת? זי האט מיט דיר גערעדט אויך?

— זי האט געטאן איין זאך: זי האט געלאכט! — האט יואל דוד גע־זאגט, פיהלענדיג זיך שוין א סך היימישער צווישען זיי אלעמען — ווי זי איז נאר אריין אין צימער האט זי אויסגעשאסען אין א געלעכטער און אז איהר פאטער האט אויף איהר אנגעשריען, איז זי א ווילע איינגעשטילט געווארען און דאן זיך ווידער פאנאנדערגעלאכט ארויסווייזענדיג איהרע גרויסע ציינער. ווען זי האט שכל וואלט זי בעסער געדארפט האלטען איהר מויל צוגעמאכט.

— א לעבען אויף דיר! — האט ריינקע זיך צו איהם אנגערופען, אנ־קוועלענדיג פון זיינע רייד — איך זעה שוין אז דו ביזט א מבין אויף א מענשען.

— צוליב איהר לאכען האב איך דאך אויפגעהערט מיט איהר צו ריידען — האט חנה׳לע געזאגט, — מיר זיינען געווען חבר׳טעס און פילע מאל אז מיר פלעגען קומען צווישען מענשען, פלעגט זי זיך אהן שום סיבות פלוצלינג פאנאנדערלאכען אז איך פלעג זיך שעהמען צו קוקען יענע מענ־שען אין די אויגען...

— דערצעהל איהם חנה׳לע וועגען דיין פיאנא לעהרער ווי אזוי אט די ביילקע האט איהם באליידיגט.

— איך וועל איהם נאך אלץ דערצעהלען! — האט חנה׳לע געזאגט.

— דו וועסט נאך הערען ווי חנה׳לע שפילט פיאנא — האט ריינקע זיך אנגערופען — זי האט געלערענט פיאנא שפילען באלד דריי יאהר צייט... אבער איצט איז די פיאנא עפעס קאליע געווארען. אם ירצה השם נאך יום טוב וועלען מיר זעהן, אז די פיאנא זאל פארריכט ווערען, און דו וועסט הערען איהר שפילען.

— א מאמע, דו ווייסט, אז איך בין א קנאפע שפילערקע — האט חנה׳לע געוואלט ארויסווייזען איהר באשיידענקייט.

— דו האסט זיך ניט וואס צו שעהמען, טאכטער מיינע — האט ריינקע א זאג געטאן, אלץ וואס מען קאן איז גוט. זי קאן אויסשפילען אידישע און אויך רוסישע לידער... דו וועסט שוין הערען... און ווי שעהן עס וועט זיין ווען דו יואל דוד וועסט זינגען מיט דיין זיסער שטימע און חנה׳לע וועט שפילען.

ביז שפעט אין דער נאכט האבען זיי פארבראכט אין ריידען, און ווען ריינקע האט געזעהן, אז יואל דוד גענעצט שוין, האט זי זיך אנגערופען צו חנה׳לען.

— איז שוין זיין בעט אויסגעבעט?

— יע, מאמע! — האט חנה׳לע געזאגט.

— דו וועסט געהן זיך לייגען שלאפען, יואל דוד, — האט ריינקע זיך צו איהם געווענדעט — דו ביזט אזוי מיעד.

— יע, געה רוה זיך אוים. מארגען, דעם ערשטען טאג חול המועד וועלען מיר געהן דאווענען דעם ערשטען מנין. מיר וועלען אפעסען פרישטיק און מיר וועלען אריבערפאהרען קיין שניפישאק און ברייגגען אהער דיין מומע'ן און דיין קליינעם ברודער'ל.

יואל דוד האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט „א גוטע נאכט".

— א גוטע נאכט, שלאף געזונט! — האבען ביידע, ריינקע און חנה'לע מיט אמאל אויסגערופען.

אז יואל דוד איז שוין געווען ביי זיך אין צימער האט זיך ריינקע אנגערופען צו איהר מאן און טאכטער:

— אזא גאלד, אזא אוצר, האט ר' שמעון געוואלט פון אונז אוועק־רויבען!

— מאלע וואס איהם ווילט זיך! יואל דוד וועט בלייבען מיט אונז!

קאפיטעל צעהן

אויף מארגען אין דער פריה, דעם ערשטען טאג חול המועד פסח, נאכ־דעם ווי ר' מרדכי און יואל דוד האבען זיך צוריקגעקערט פון שוהל און אפ־געגעסען פריהשטיק, האט ריינקע מיטגעגעבען יואל דוד'ן א פעקעלע מיט הארטע געקאכטע אייער און אייער־מצות און אנדערע קליינינקייטען.

— נעהם עס מיט יואל דוד — האט זי געזאגט — ר' מרדכי שפאנט איצט אין זיין בריטשקע און ער וועט מיט דיר אריבערפאהרען קיין שניפי־שאק צו דיין מומען, ער וועט זי און דיין קליינעם ברודערל אריבערברענגען אהער. טאמער וועסטו ווערען הונגעריג אויפ'ן וועג, וועסטו איבער־באפען דאס הארץ. צו אייער־מצות דארף מען זיך נישט וואשען. און אט נעהם אויך נים פאר דיין קליינעם ברודערל.

יואל דוד האט געזאגט, א דאנק און עס גענומען.

— איך קאן זיך פארשטעלען ווי גליקליך דיין מומע וועט זיך פיהלען ווען זי וועט אויסגעפינען, אז דו האסט געדאווענט אין שטאט שוהל און אז מען וויל דיך מאכען פאר שטאט חזן.

יואל דוד האט א שמייכעל געטאן. ער האט געקאנט זיין מומען. זי איז ניט פון די, וועלכע ווערען איבערראשט פון אזעלכע זאכען. אבער זי וועט זיין צופרידען ווען מען וועט זי אוועקנעמען פון שניפישאק, פון דער האלב איינגעפאלענער כאלופקע, וואו עס איז די גאנצע צייט געווען אזוי קאלט און נאס.

ער איז ארונטער אונטען אין הויף. ר' מרדכי איז שוין געזעסען אויף דער בריטשקע האלטענדיג די לייצעס אין האנט.

קום ארויף און זעץ זיך אט דא נעבען מיר, האט ער איהם אנגעוויזען אויף א פלאץ לעבען דער בריטשקע. דו וועסט זעהן ווי איך טרייב דעם

פערד. עס שאדט ניט צו וויסען ווי אזוי צו קערעווען א פערד. א מענש דארף אלץ קאנען...

ווען יואל דוד האט זיך געזעצט נעבען איהם האט ער א ציה געטאן מיט די לייצעס און א שמייס געטאן מיט דער בייטש און ער איז ארויס־געפאהרען פון הויף דורכ'ן טויער.

— יע, וואס מען קאן איז גוט... אט, צום ביישפיל, האב איך געלאזט לערנען חנה'לען שפילען פיאנא... און וואס מיינסטו, מענשען האבען ניט גערעדט! זיי האבען געזאגט, אז איך ווער היינט וועלטיג, אז איך פאנג אן צו געהן אין וועג פון די משכילים... זאל גאט אויסהיטען. איך בין דער זעלבער מרדכי סטראשון. איך טענה מיט זיי, וואו שטעהט עס געשריבען, אז עס איז א זינד צו לערנען א טאכטער שפילען פיאנא? דוד המלך האט געשפילט אויפ'ן הארף. און די לויים האבען דען ניט געשפילט... אז דער אויבערשטער העלפט און מען קאן עס באווייזען פארוואס ניט! וואס זאגסטו, יואל דוד?

— יע, פארוואס ניט! — האט יואל דוד צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ — מיין טאטע עליו השלום האט מיך אויך געלערענט שפילען פידעל...

— אזוי גאר, דאס האב איך ניט געוואוסט. אויב אזוי וועל איך דיר שוין קויפען א פידעל... איך האב זעהר ליעב צו הערען ווי מען שפילט פידעל.

דעם איבעריגען וועג זיינען זיי געפאהרען שווייגענדיג. א שעה האט גענומען די רייזע. זיי זיינען אנגעקומען אין קליין שניפּישאק, דער פערד האט זיך געשלעפּט פאמעליך אויפ'ן זאמדיגען בארג.

— דו וועסט מיר אנווייזען וואו דיין מומע וואוינט.

— אט דארט איז דעם לעצטען הייזעל — האט יואל דוד אנגעוויזען אויף א רייהע חורבות, מיט צעפוילטע שטרויענע דעכער.

ר' מרדכי האט אפּגעשטעלט זיין בריטשקע, ער האט די לייצעס ארומ־געוויקעלט ארום א בוים און ער איז ארונטער פון בריטשקע מיט יואל דוד'ן.

אין א רגע האבען זיך א שאט געטאן אידען אהן רעקלאך מיט טליתים קטנים, אידענעס מיט זויג־קינדער און גלאט חברה יונגווארג אין צערי־סענע הויזקעס, אלע האבען זיך פארזאמעלט ווי אויף א גרויס וואונדער.

— וואס קאן עס זיין? יואל דוד'ל איז געקומען צו פאהרען אהער מיט א רייכען מאן, אויף א שעהנע בריטשקע. יעדער איינער האט איהם עפּעס געוואלט פרעגען אבער קיינער האט ניט געוואגט צוצוקומען נעהענטער.

יואל דוד מיט די צוויי פעקלאך אין זיינע הענט איז אריין פאראויס און נאך איהם ר' מרדכי. ער איז געבליבען שטעהן נעבען דער טיר.

די מומע איז געווען פארנומען נעבען דער פליטע וואס האט גערויי־כערט. זי האט דארט צוגעלייגט האלץ. דארט האט זיך געקאכט וועש און די פארע און דער רויך האבען זיך צונויפגעמישט און אין דער האלב איינ־געפאלענער חורבה איז געווען פינסטער און מען האט גארניט געקאנט זעהן.

דער ערשטער וועלכער האָט דערזעהן יואל דוד'ן איז געווען מאַטעלע, זיין זעקס יעהריגער ברודערל.

— מומע, מומע, יואל דוד איז דאָ! — האָט מאַטעלע מיט פרייד אויסגערופען.

— א סקאַצעל קומט! — האָט די מומע א זאָג געטאָן און זיך אפילו ניט א קעהר געטאָן צו געבען א קוק אויף איהם.

יאַכע, אזוי האָט די מומע געהייסען, איז געווען א פאַרביטערטע אידענע. א האַלבען לעבען האָט זי אָפּגעפינסטערט מיט א מאַן א לא יוצלח, זי האָט באַדאַרפט זיין די פאַרדינערקע. פלעגט זי אויפשטעהן יעדען פריה־מאָרגען אָפּקאָכען א טאָפּ באַב און א טאָפּ ארבעס, אריינשיטען זיי אין צוויי קאַשיקעס און נעמען ביידע קאַשיקעס אונטער איהרע אָרעמס און אוועקשלעפּען זיך צום שוהל הויף וואו זי פלעגט אָפּשטעהן א גאַנצען טאָג און שרייען:

— הייסע באַב, הייסע ארבעס! קויפט אידען, קויפט ווייבער, טעם גן עדן!

אַן אַנדערש מאָל פלעגט זי אין א פאַרזשאַווערטען בלעך אָפּקאָכען א רעטשיסניק. עס צושניידען אויף קליינע חלקים און שרייען:

— א פּעים א שטיקעל רעטשיסניק, קויפט ווייבער, עס צוגעהט אין מויל. א פּעים א שטיק גאָלד.

ווינטער אין די פרעסט פלעגט זי פאַרקויפען צעפּוילטע עפּעל וואָס זיינען פאַרפרוירען געוואָרען. זי פלעגט מיטברענגען א פייער טאָפּ וואו זי פלעגט אַלע ווילע צולייגען שפּענדלאַך האָלץ און זיך אָנוואַרימען... און זי פלעגט פאַרדינען עטליכע גראָשען דורכ'ן טאָג, פלעגט זי אויסקאָכען א קרופּניק און עס געבען צו איהר מאַן, וועלכער פלעגט קומען פון בית המדרש און דערביי איהם אריינשיטען א פּאָר טוץ קללות.

איהר מאַן איז געווען א נעבעכעל א חלוש, קורץ געוויקסיג און זי, יאַכע, איז געווען א קרעפטיגע אידענע מיט מאַנסבילישע שטימע. אויפ'ן נאַז האָט זי געהאַט א גרויסע בראָדעוואַקע און עטליכע שיטערע לאַנגע האָר האָבען זיך ביי איהר צעוואַקסען אויף דער מאָרדע.

שלום, אזוי האָט געהייסען איהר מאַן, איז געווען א פּראָסטער איד. לערנען האָט ער ניט געקענט, פלעגט ער זיצען אין בית מדרש און זאָגען תהילים, און דערווייל זיך צוהערען צו אידען וואָסריידען. ער פלעגט אויך העלפען דעם שמש אויסקעהרען דעם בית המדרש און דערפאַר, אז זיין ווייב פלעגט איהם ארויסיאָגען פון שטוב, פלעגט ער איבערנעכטיגען אין בית המדרש אויף דער הארטער באַנק.

און אז יאַכע'ן פלעגט אָפּגעהן דער כעס, פלעגט זי זיך דערמאָנען אַז איהר מאַן און פלעגט אוועקגעהן אין יענעם בית המדרש איהם רופען אהיים.

— קום שלימזל, קום אהיים! — פלעגט זי צוקומען צום אָפענעם פענסטער פון בית המדרש און א זאָג טאָן מיט איהר מאַנסבילישע הארטע שטימע.

שלום פלעגט ציטערען פאר זיין ווייב ווי פאר פייער און אז זי פלעגט קומען איהם רופען, פלעגט ער געהן. פאר די פאר טעג וואס ער פלעגט ניט זיין אין שטוב פלעגט ער אפקומען מיט א שטיקעל פארדארט ברויט און וואסער. זיין ווייב פלעגט איהם דערלאנגען א טעלער געקעכץ און דערביי איהם ניט זשאלעווען קיין קללות.

— נו, כלוינע, ווערג זיך שוין!

שלום פלעגט זיך וואשען צום עסען, מאכען א ברכה און זיך זעצען עסען און יאכע האט דערוויי׳ל אויף איהם אויסגעבייטעלט די גאנצע תוכחה. איהר מויל האט זיך ניט צוגעמאכט.

— נו, אזא פינסטערען מזל... אזא מאן האט מיר ״די הענט ניט גע־וואשענדיג״ צוגעשיקט. א מאן איז דאס, אין דער ערד זאלסטו געהן... ניט קיין חיה, ניט קיין מענש... טפו זאלסטו ווערען!

די עטליכע מינוט וואס פלעגט געדויערען זיין בענשען, פלעגט זי שווייגען. זי איז געווען א פרומע אידענע און זי האט מורא געהאט איהם צו שילטען אין דער צייט ווען ער בענשט...

ווי נאר ער פלעגט ענדיגען בענשען, האבען זיך שוין איהרע קללות אנגעהויבען פון דאס ניי... שלום פלעגט זיצען זיך צוהערען און שווייגען. פון צייט צו צייט פלעגט ער ארויסלאזען א זיפץ...

— אוי, גאטעניו, פארוואס קומט עס מיר! — האט יאכע זיך ווידער צעלאזען. א מאן איז דאס! ניט קיין קינד, ניט קיין רינד... צוואנציג יאהר אפגעלעבט מיט א טויגעניכטס, דאס האט א פאר קעלבערנע אויגען און קוקט. אוי, קוקען זאלסטו שוין דעם מלאך המות אין די אויגען!

ווען יאכע וואלט געוואוסט, אז דער מלאך המות קוקט איהם שוין טאקע אין די אויגען, וואלט זי איהם אפשר אזוי פיל ניט געשאלטען... שלום האט געהאט א שוואך הארץ... און זי, יאכע פלעגט איהם ניט אויפהערען דערגעהן די יאהרען. ביז זי האט באמערקט, אז ער שפייט מיט בלוט... האט זי זיך שוין שטארק דערשראקען.

— אוי, א וועהטאג איז מיר, שלום, וואס איז מיט דיר! ביזט ניט געזונט?

ער האט אויף איהר א קוק געטאן און געשוויגען. און יאכע׳ס שרעק איז נאך שטארקער געווארען. זי האט איהם געהאלפען זיך אריינלייגען אין בעט.

זי איז געלאפען צום פעלדשער און מיט א יאמערליכען געוויין האט זי איהם געבעטען ער זאל קומען זעהן וואס מיט איהר מאן איז.

דער פעלדשער האט איהם באטראכט און האט געשאקעלט מיט׳ן קאפ, און יאכע האט פארשטאנען, אז זי פארלירט איהר מאן. זי האט גענומען קלאגען און וויינען... זי איז געלאפען אין בית המדרש און גע־שטעלט ליכט, געבעטען דעם שמש ער זאל זאגען תהילים, און אליין איז זי צוגעלאפען צום ארון קודש...

— אוי, גאָטעניו, שיק איהם דיין רפואה... ער איז דאָך אזא צדיק, קיין פליג אויפ׳ן וואנט ריהרט ער ניט אָן... ער איז דאָך מיין קרוין, מיין נשמה...

יאכע׳ס תפילות זיינען ניט אָנגענומען געוואָרען. ווען זי איז אריין אין שטוב און איז צוגעקומען נאָהענט צו איהם, האָט זי געזעהן אז ער גוסס׳ט. זי האָט געמאכט א געוואלד, די שכנים און די שכנות זיינען זיך צוזאמען געלאָפען.

— גאָט, גאָט, העלף מיר! נעהם ניט אוועק די ליכט פון מיינע אויגען. פארוואָס קומט עס איהם, ער זאָל געהן אזוי יונג פון דער וועלט. וועמען האָט ער שלעכטעס געטאָן? אזא דימענטענער מענש, אזא צדיק, קיין הויכע ווארט פלעגט מען פון איהם ניט הערען... אידען האָט רחמנות, מיין מאן שטארבט... זאָגט תהילים, בעט גאָט פאר איהם...

זי איז ווידער צוגעגאנגען צו איהר מאן... זי האָט געקוקט אויף איהם און זי האָט געבראָכען מיט די הענט.

— שלום, שלום טייערער, אויף וועמען לאָזטו מיר איבער. אָ, שלום. זיי מיר מוחל.. איך האָב דיך ניט ריכטיג צוגעזעהן, אָבער איין גאָט איז מיין עדות, אז איך האָב געטאָן אלץ וואָס איך האָב געקאָנט...

זי האָט גענומען א פעדער און עס אוועקגעלייגט נעבען זיינע נאָז־לעכער...

— ער שטארבט, מיין טייערער מאן! געהט אוועק אזוי יונג פון דער וועלט! — האָט זי געיאָמערט, און די אנדערע ווייבער האָבען איהר גע־האָלפען יאָמערען און וויינען.

שלום האָט א כאָרכעל געטאָן. די פעדער איז ארונטערגעפאלען און די עטליכע אידען וואָס זיינען דאָרט געווען האָבען ארויסגערופען ״ברוך דיין אמת!״

ערשט דאן האָט זיך יאכע צעיאָמערט. זי האָט געריסען די האָר פון איהר קאָפּ און געוויינט אזוי הויך, אזוי הארצרייסענד, אז די אנדערע ווייבער האָבען געזוכט זי צו בארוהיגען.

פאר די צוואנציג יאָהר וואָס יאכע האָט אָפּגעלעבט מיט שלום׳ען האָט זי איהם באהאנדעלט ערגער ווי א הונט. קיין טאָג איז ניט פאָראיבער וואָס זי פלעגט איהם ניט שילטען און צו קיין שאנדע זאָל עס אָנהר ניט זיין, זי פלעגט איהם גאנץ אָפט אָנברעכען די ביינער. איצט, אָבער, נאָך זיין טויט, איז דער מאן ביי איהר זעהר טייער געוואָרען. ער איז געוואָרען א צדיק און א דימענט און א גאנצען יאָהר האָט זי געקלאָגט און גע־טרויערט אויף זיין טויט. זי האָט גערונגען דעם שמש ער זאָל זאָגען קדיש נאָך איהם און זי פלעגט לויפען צום בית עולם, צופאלען צו זייז קבר און וויינען און יאָמערען. און איצט, אפילו צעהן יאָהר נאָך איהר מאנ׳ס טויט, היט זי אָפּ זיין יאָהרצייט און אז זי דערמאָנט זיין נאָמען גיט זי צו: ״אזא צדיק, אזא טייערער מענש געווען, א מליץ יושר זאָל ער זיין פאר אונז אלעמען...״

האָט זי אמאָל א טראכט געטאָן פון דעם אז זי האָט איהם מקצר די

יאָהרען געוועזן? ווער ווייסט? יעדענפאַלס איז זי געווען צו פאַרנומען צו טראַכטען וועגען דעם. די ערשטע עטליכע יאָהר האָט זי געטרויערט אויף איהר מאַן, וועלכער איז אַזוי יונג אין דער ערד געגאַנגען. און דאַן, מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער, האָט זי פאַרלוירען איהר ברודער, ר' צבי הירש, דער געוועזענער שטאָט חזן, און וועלכער האָט איבערגעלאָזען צוויי יתומים — יואל דוד'ן און דעם עופה'לע מאַטעלע. זייער מאַמע איז מיט אַ קורצער צייט פריהער געשטאָרבען און אַזוי ווי זי איז געווען די איינציגע קרובה, האָט זי די יתומים אַריינגענומען צו זיך. פון די עטליכע רובעל וואָס איהר ברודער האָט איבערגעלאָזען האָט זי געשיקט יואל דוד'ן אין חדר צו דעם זעלבען גוטען מלמד ביי וועמען ער איז געגאַנגען פריהער ווען זיין טאַטע האָט נאָך געלעבט, און זי אַליין פלעגט אוועקלאָזען זיך אויף דער אידישער גאַס מיט צוויי פולע קאָשיקעס הייסע אַרבעס און באָב, אָדער אַנדערע מינים סחורות. זי פלעגט מאַטעל'ען איבערלאָזען ביי אַ שכנה און זי פלעגט זיך אומקערען נאָך האַלבען טאָג און דאַן נעמען אָפּקאָכען אַ געקעכץ. זיינען אָבער אָנגעקומען שווערע יאָהרען. צופיל קאָנקורענץ האָט יאָכע גע-האַט... דער שוהל-הויף איז געווען פאַרפלייצט פון ווייבער מיט קאָשיקעס אַרבעס און באָב און רעטשיסניקעס... פּרנסה איז שווערער געוואָרען און יאָכע האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלען דעם רובל אַ חודש דירה-געלט פאַר דער קאַלטער, נאַסער דירה. האָט זי זיך איבערגעקליבען אויף קליין שניפּישאָק אין אַן אַלטער, האַלב איינגעפאַלענער חורבה, וואו זי האָט ניט געדאַרפט צאָהלען קיין דירה געלט, ווייל דער אייגענטימער פון די הייזער האָט געקענט איהר ברודער און ער האָט עס געטאָן צוליב די יתומים און, צווייטענס, איז טאַקע ניט געווען פאַרוואָס צו צאָלען. די חורבה איז געווען נאַס און קאַלט, דער סופית איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט אַ קלאָץ. קיין קוימען איז ניט געווען און אַז זי פלעגט הייצען די פּליטע איז די גאַנצע חורבה אָנגעפילט געוואָרען מיט רויך.

אויך איצט, אַז יואל דוד איז אַריינגעקומען מיט ר' מרדכי'ן, איז דאָס שטיבעל געווען אָנגעפילט מיט פּאַרע און רויך און יאָכע איז גע-שטאַנען ביי דעם טאָפּ וועש און מיט אַ האָלץ געמישט די וועש אין דער זודיגער וואַסער.

אַז מאַטעלע האָט אויסגערופען: "יואל דוד!" האָט זיך יאָכע ווינציג-וואָס דערפרעהט. מען קאָן ניט זאָגען אַז זי האָט דעם קינד ניט ליב גע-האַט... זי האָט איהם שוין גאָר שטאַרק ליב געהאַט, איבערהויפּט ווען ער פלעגט זיך צוזינגען און זי, יאָכע, פלעגט שטעהן אין דרויסען און באַלע-מוטשען מיט איהר שכנות, פלעגט זי אויסרופען:

— אוי, מיין קאַנאַריקעל, אַ געזונט אין איהם! האָט זיך צוזונגען... ער האָט אַזאַ שעהנע שטימע, פּונקט ווי מיין ברודער, עליו השלום, האָט געהאַט, נאָר זאָל שוין גאָט געבען אַז זיין מזל זאָל זיין אַ בעסערער!

יאָכע האָט געפיהלט אַז אַזאַ קינד ווי יואל דוד דאַרף נאָר אַריינפאַ-לען אין גוטע הענט וואָלט ער אויסגעוואַקסען אַ מענש... און טאַקע דע-

ריבער האָט זי איהם געהייסען ערב פּסח געהן אין שטאָט־שוהל, אפשר וועט ער קענען קריגען א בעל הבית ביי וועמען ער וועט קאָנען עסען די ערשטע צוויי טעג פּסח... ערשטענס, וואָלט עס געווען גרינגער פאר איהר, ווייל די ביסעל מצה און די אנדערע קליינינגקייטען וואָס די "מצות חיטים" געזעלשאַפט האָט איהר געגעבען וואָלט קוים געקלעקט פאר זיי דרייען, און, צווייטענס, וואָלט ער געזעסען ביי די סדרים ווי עס באַדאַרף צו זיין... אין אמת'ן האָט זי געהאָפט אַז יואל דוד וועט פארבלייבען אין שטאָט פאר'ן גאנצען פּסח, נאָר אַז ער איז שוין געקומען צוריק דעם ערשטען טאָג חול המועד, איז פארפאלען, זי וועט שוין זעהן דורצוקומען...

— נו, ביי וועמען האָסטו געגעסען די ערשטע צוויי טעג פּסח? — פרעגט איהם יאַכע. און זי הערט ניט אויף צו מישען מיט דעם האָלץ די וועש אין די זודיגע וואַסער.

— מומע! — איז יואל דוד צוגעגאנגען נעהענטער צו איהר, — מומע, הם... דאָ איז געקומען...

יאַכע האָט זיך אויסגעדרעהט און זי האָט דערזעהן ר' מרדכי'ן נעבען דער טיר.

צוליב דער פארע און רויך וואָס האָט ארויסגעזעצט דורך דער האַלב־צעעפענטער טיר האָט זי דעם פרעמדען אידען ניט גוט געקאַנט באמערקען. זי האָט גלייך אָפּגעווישט איהרע נאַסע הענט אַז איהר פארטוך און אויס־געררופען:

— אוי, א בראָך איז מיר! די כאַפּערס!

—ארויס פון מיין שטוב! — האָט זיך יאַכע צושריען אויף דער העכסטער אָקטאַווע, — איך וועל אייך באַלד אָפּלויכען מיט דעם טאָפּ זודיגע וואַסער! קיין אנדערע איינגלעד צו כאַפּען פאר יונים האָט איהר שוין ניט געפונען נאָר אַן אומגליקליכען יתום!

— מומע, ער איז ניט קיין כאַפּער! — האָט יואל דוד איהר א שלעפּ געטאָן ביים ארבעל, — דאָס איז ר' מרדכי סטראַשון.

— הא, וואָס, ווער, זאָגסטו, איז ער?

— דאָס איז ר' מרדכי. איך בין ביי זיי איינגעשטאַנען די ערשטע טעג פּסח.

— אַזוי, טאָ וואָס־זשע טוט ער דאָ? — האָט יאַכע א וויש געטאָן איהר פארסאַזשעטען פּנים.

ר' מרדכי האָט זיך צוהוסט, דער רויך האָט איהם גענומען שטיקען.

— שרעקט זיך ניט, יאַכע, איך בין ניט קיין כאַפּער. — האָט ר' מרדכי הוסטענדיג א לאַך געטאָן. — איך בין געקומען אהער מיט יואל דוד'ן צו רעדען צו אייך, אָבער דאָ שטיקט דער רויך. קומט ארויס א ווייל'ע אין דרויסען, נעבען טיר, און מיר וועלען רעדען. איך ווייס ניט ווי אַזוי איהר קאָנט דאָ איינשטעהן, איבערהויפּט דאָס קינד... עס איז דאָך א רחמנות אויף איהם, אַזאַ שרעקליכע דירה.

— פאַר די דירה־געלט וואָס איך צאָל פאַר דער דירה, קאָן איך קיין בעסערע ניט קריגען, — האָט יאַכע זיך אָנגערופען און נאָך אַמאָל אַ וויש געטאָן איהר פּנים מיט איהר פאַרטוך.

— אמת, אַ געשאַנקענעם פערד קוקט מען ניט אין די ציינער, — האָט ר' מרדכי אַ זאָג געטאָן, — אָבער אַז איינער שענקט אַוועק אַ פּגירה דאַרף מען עס ניט נעמען!

— וואָס קאָן מען זיך העלפען? — האָט יאַכע אַ זיפץ געטאָן. — איז איך דאַרף אויסהאַלטען צוויי יתומים.

— נו, איצט מעגט איהר דאַנקען גאָט. עס וועט נעמען אַ סוף צו אייערע צרות, — האָט ר' מרדכי געזאָגט. — איך זעה אַז איהר ווייסט נאָך ניט, אָבער יואל דוד האָט נעכטען געדאַווענט מוסף פאַר'ן עמוד אין שטאָט שוהל און האָט אַזוי שטאַרק אויסגענומען אַז מען פּלאַנט איהם צו מאַכען פאַר'ן שטאָט־חזן און געבען איהם אַ כתב חזנות.

יאַכע איז געבליבען שטעהן ווי געפּלעפּט.

— וואָס רעדט איהר? — האָט זי גענומען שטאַמלען.

— הערט זיך איין: יואל דוד האָט ביי מיר געגעסען דעם ערשטען סדר און איך האָב אויסגעפונען אַז ער האָט זעהר אַ שעהנע שטימע. האָב איך אויף מאָרגען פאַר איהם אין שטאָדט־שוהל געקויפט אַ מפטיר און ווען ער האָט געענדיגט זינגען דעם מפטיר, זיינען אַלע געוואָרען ענט־ציקט פאַר זיין וואונדער שטימע. דאַן איז מיר געלונגען צו פועל'ן ביי די אַנדערע גבאים אַז מען זאָל יואל דוד'ן לאָזען דאַוונען מוסף דעם צווייטען טאָג פּסח. נו, האָט ער געדאַווענט און גאַנץ ווילנא איז ווי אויף רעדלעך... איך האָב באַשלאָסען, פאַרשטעהט זיך, מיט יואל דוד'ס צושטימונג, אַז ער זאָל בלייבען ביי אונז און ער זאָל דערווייל פאַרטזעצען לערנען. און איצט בין איך געקומען אייך און זיין קליינעם ברודער'ל אַוועקנעמען פון דאַנען. ביי מיר אין הויף האָב איך פאַר אייך אַ גאַנץ פיינע דירה. איך וועל שוין זעהן אַז איהר זאָלט האָבען אביסעל מעבעל און עסען וועט אייך שוין אויך ניט פעהלען... נעמט אייער פּאַטשיילע און אייער פּלימעניק'ל און קומט זעצט זיך אַוועק אין מיין ברישקע. מיר וועלען פאָהרען צו אונז אהיים.

יאַכע איז נאָך געווען צוטומעלט, זי האָט ניט געקאָנט באַגרייפען וואָס דאָ קומט פאַר...

— יע, מומע, קומט! ר' מרדכי סטראַשון וועט אונז אַלעמען באַ־זאָרגען מיט אַלעם וואָס עס איז נויטיג! קומט!

— וואָס הייסט, קומט! — האָט יאַכע זיך אָנגערופען אָנצייגענדיג מיט איהר פינגער אויף דער פּליטע וואו עס איז געשטאַנען דער זודיגער טאָג מיט די וועש.

— לאָזט עס אַלעם איבער דאָ! — האָט ר' מרדכי אַ זאָג געטאָן.

— איהר וועט קריגען ביי מיר לייוונט און איהר וועט אויפנעהען נייע וועש פאַר אייך און פאַר מאַטעלען. מיר האָבען אַ מאַנופאַקטור געשעפט

און מיין פרוי וועט אייך שוין באַזאָרגען מיט אַלעם וואָס עס וועט נויטיג זיין. קומט, לאָמיר זיך איילען!

— אָבער ווי קאָן מען אַלעם איבערלאָזען? — האָט יאַכע געקוועטשט מיט איהר פּלייצעס, — איך האָב דאָך דאָ פילע נויטיגע זאַכען!

— וואָס איהר וועט קאָנען איינפּאַקען און אוועקלייגען אין מיין ברישקע איז גוט, די איבעריגע זאַכען לאָזט איבער, זאָל אייער בעל-הבית דער אייגענטימער פון אָט דער דאָזיגער דירה הנאה האָבען, — האָט ר' מרדכי, מיט אַ שמייכעל געזאָגט.

יאַכע האָט גענומען צונויפנעמען די עטליכע הילצערנע לעפעל וואָס זי האָט געהאַט געקויפט אויף פּסח, אַ פּאָר גאָפּלען און אַ מעסער. זי האָט אויך גענומען איהר צעריסענעם מאַנטעל און נאָך עטליכע שמאַטעס.

— ווען איהר פאָלגט מיך, לאָזט איהר דאָס אויך איבער פאַר'ן בעל-הבית, — האָט ר' מרדכי געזאָגט. — מיין פרוי וועט אייך אָפּגעבען איהר מאַנטעל און אויך די אַנדערע זאַכען אין וואָס איהר נויטיגט זיך, קומט!

יאַכע האָט גענומען זוכען און ווידער עפּעס אויפגעהויבען, אָבער ר' מרדכי האָט איהר געזאָגט אַז עס וועט ניט זיין קיין פּלאַץ אויף זיין בריטשקע פאַר די דאָזיגע שמאַטעס, און יאַכע האָט עס צוריקגעלייגט אויף דעם פּלאַץ און זי איז אַרוים פון שטיבעל.

אין דרויסען האָט זי דערזעהן איהרע אַלע שכנות און שכנים, וועלכע האָבען אַרומגערינגעלט די בריטשקע און באַטראַכט דעם שעהנעם פערד וועמענס קאָפּ איז געווען "פאַרטיפּט" אין דער טאָרבע האָבען און איז געווען אַריינגעטאָן אין דער אכילה.

ר' מרדכי איז צוגעקומען צו דער בריטשקע. יואל דוד איז געגאַנגען נאָך איהם האַלטענדיג זיין ברודער'ל מאַטעל פאַר דער האַנט. יאַכע איז זיי נאָכגעגאַנגען צו דער בריטשקע.

— וואָס קומט דאָ פאַר, יאַכע, קרוין? — רופט זיך אָן אַ שכנה צו איהר. — וואוהין פאָרט איהר?

— איך ווייס ניט, אָבער איך פאָר אַוועק פון אָט דעם גיהנום, — האָט זי געזאָגט.

— וואָס הייסט, איהר ווייסט ניט, יאַכע. זאָלט איהר מיר געזונט זיין, — רופט זיך אָן צו איהר די בעל-הבית'טע, — איהר קומט דען ניט צוריק?

— ניין, איהר קאָנט צונעמען אַלץ וואָס איז דאָרט פאַרבליבען, די שעניקעס מיט די וואַנצען, די מייז און די אַנדערע טייערע זאַכען.

— זעהט נאָר זעהט! — ווערט די בעל-הבית'טע אין כעס. — זי האָט נאָך טענות! אכט חדשים וואוינט זי דאָ אָהן אַ גראָשען דירה געלט און צאָהל איהר נאָך צו... וואָס האָט איהר געוואָלט, מיין מאַן זאָל פאַר אייך אויפבויען אַ פּאַלאַץ?

— איהר וואָלט דאָרט געמעגט וואוינען איין וואָך צייט, וואָלט איהר געוואוסט וואָס פאַר אַ מציאה דאָס איז! — האָט יאַכע זיך אַ קרים געטאָן

און זי האט געהאלפען מאטלען ארײנצוקריכען אין דער בריטשקע. זי האט זיך אויך ארײנגעזעצט אין דער בריטשקע און ר׳ מרדכי האט אויפ־געבונדען די לייצעס פון בוים און אוועקגענומען די טארבע האבער פון פערד און ער האט זיך אוועקגעזעצט מיט יואל דוד׳ן.

דערווייל איז צוגעלאפען צו יאכע׳ן איינע פון איהרע שכנות וועלכע איז געווען שטארק באפריינדעט מיט איהר.

— וואס קומט דא פאר, יאכע, הארץ, קרוין? — האט די שכנה אויסגערופען.

— אייך קאן איך זאגען, חיה שרה, — האט יאכע אויסגערופען. — מיין יואל דוד ווערט דאך ווילנער שטאדט־חזן. ער האט גערעכטען גערא־ווענט אין שטאדט־שוהל און ער האט ביי אלעמען אזוי שטארק אויסגע־נומען אז מען וויל איהם האבען פאר שטאדט־חזן... יע, איהר קאנט עס אלעמען איבערגעבען. זאלען זיי וויסען וואס פאר א פלימעניק איך האב...

— ווילנער שטאדט־חזן! — האט די שכנה אויסגערופען אין דער הויך, — האט איהר געהערט? יואל דוד ווערט ווילנער שטאדט־חזן!

באלד האבען זי ארומגערינגעלט א גאנצע קאפטע ווייבער און אויך אייניגע מענער וועלכע זיינען געשטאנען עטוואס אפגערוקט, מורא האַ־בענדיג פאר יאכע׳ס מענה לשון...

— וואס זאגט איהר, ווילנער שטאדט־חזן?

— יא, יואל דוד ווערט שטאדט־חזן אין ווילנע, איצט פארשטעהט איהר שוין?

ר׳ מרדכי האט א הויב געטאן דעם בייטש און א שמיץ געטאן דעם פערד. די בריטשקע האט זיך געריהרט פון ארט, איבערלאזענדיג הינטער זיך א געדיכטען שטויב און די ערשטוינענדע בליקען פון די שכנות און שכנים.

קאפיטעל עלף

אין סטראשונ׳ס הויז האט די דינסט צוגעגרייט א מאלצייט און צוגעשטעלט צוויי עקסטרא שטולען צום טיש.

ריינקע איז אוועק עפענען די מאנופאקטור קראם, וואס איז געווען פונקט געגענאיבער דעם סאבאר. און כאטש קונים זיינען געווען א סך, זיינען איהרע געדאנקען געווען פארנומען מיט יואל דוד׳ן. זי האט גע־טראכט וועגען זיין מומען. ווער ווייסט וואס פאר א פרוי זי איז, ווי אזוי זיי וועלען אויסמאכען מיט איהר. זי זאל אקארשט ניט שטערען... די בעסטע זאך וואלט געווען, האט זי געטראכט, ווען מען איילט זיך אונטער און חתונה מאכען יואל דוד׳ן מיט חנה׳לע אום ל״ג בעומר, זאלען זייערע שונאים צעפלאצט ווערען.

איידער זי איז אוועק אין קראם, האט ריינקע געהאלפען חנה׳לען זיך אויספוצען. זי דארף דאך געפעלען ווערען יואל דוד׳ס מומען. זי האט

אַליין פאַרקעמט איהרע האָר און פאַרפלאַכטען איהרע צוויי צעפּ... זי האָט איהר אָנגעזאָגט וואָס צו ריידען און ווי אַזוי זיך צו האַלטען.

לאה'לען האָט זי אָנגעזאָגט, אַז אַזוי שנעל, ווי זיי וועלען אָנקומען, זאָל זי צולויפען אין געשעפט און איהר אָנזאָגען. ריינקע אַליין איז אויך געווען אָנגעטאָן יום טוב'דיג, כאָטש אין קראָם האָט זי געהאַט צו טאָן מיט די פּויערטעס. זי האָט באַדאַרפט אַרונטערשלעפּען שטיקער שטויביגע וואַרע פון די פּאָליצעס, און פאַנאַנדערוויקלען זיי.

אַרום צוויי אַזייגער איז אין קראָם אַריינגעפאַלען לאה'לע, קוים אָפּ־כאַפּענדיג איהר אָטעם און אויסגעריפען:

— מאַמע, זיי זיינען דאָ!

ריינקע האָט געגעבען צו איהר אַ וואונק, אַז זי זאָל ניט ריידען. זי האָט אויסגעטאָן דעם פאַרטוך און אַרויסגענומען פון דער ברייטער קעשענע די געלד, וואָס זי האָט איינגעלייזט. זי האָט אָנגעזאָגט די צוויי מיידלאַך, די קרעמערקעס, וואָס צו טאָן. זי האָט אין טיש קעסטעל איבערגע־לאָזען אַ רובעל אין קליין געלד און זי איז גלייך אַרויס פון דאָרט מיט לאה'לען.

— נו, לאה'לע האָסטו געזעהן יואל דוד'ס מומע? — ווערט די מאַמע נייגעריג.

— יאָ, איך האָב זי געזעהן. זי איז געזעסען אויף דער ברישקע. יואל דוד און זיין ברודער'ל זיינען אַריין אין הויז.

— ווי קוקט זי אויס?

— איך ווייס ניט! — זאָגט לאה'לע.

— וואָס הייסט דו ווייסט ניט! איז זי אַלט, איז זי יונג!

— איך ווייס ניט! איך האָב זי ניט גוט געקענט באַמערקען. זי איז געווען איינגעוויקעלט אין אַ פאַטשיילע.

ריינקע האָט אַ שמייכעל געטאָן און גלאַט אַזוי זיך אַ זאָג געטאָן.

— מיר וועלען באַלד זעהן.

ווען ריינקע איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט זי געטראָפען יואל דוד'ס מומע אין קיך... זי האָט זיך געשעמט אַריינצוקומען אין אַזעלכע קליידער אין רייכען זאַל.

— דאָס זייט איהר, יואל דוד'ס מומע? — האָט ריינקע זיך צו איהר געווענדעט.

— יאָ, — האָט יאַכע געשאָקעלט מיט איהר קאָפּ. — אַ דאַנק, "די הענט ניט געוואַשענדיג", איך בין ניט ווערט צו האָבען אַזאַ פּלימעניק!

— וואָס שטעהט איהר אין קיך? קומט אַריין אין זאַל, מיר וועלען באַלד געהן עסען.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, מאַדאַם סטראַשון, איך מיט מיין הילוך, ווי קאָן איך אַריינקומען אַהין!

— איהר האָט זיך ניט וואָס צו שעמען! יאָ, ווי איז אייער נאָמען?

— יאַכע איז מיין נאָמען.

— איך דאַרף דאָך אייך ניט זאָגן, יאַכע, איהר ווייסט אַליין, אַז אָרימקייט איז קיין שאַנדע ניט... קומט אַריין!

— המ... אפשר וועל איך דאָ בלייבען אין קיך. דאָרט ביי אייך איז אַזוי שעהן, ריין און ציכטיג... און גיט נאָר אַ קוק אויף מיין הילוך!

— אויב אַזוי וואַשט זיך דאָ אָרום. זי וועט אייך געבען זייף, האָט זי אַנגעוויזען אויף דער דינסט און וועל איך אייך אַריינפיהרען צו מיר אין שלאָף צימער. איך האָב פאַר אייך אַ פיינע קלייד... איהר וועט זיך ניט דאַרפען שעהמען!

ריינקע האָט זי איבערגעלאָזען אין קיך און אַריין אין צווייטען צימער, וואו יואל דוד און זיין ברודער'ל, מאָטעלע, זיינען געווען.

— דאָס איז דיין ברודער'ל? — איז ריינקע צוגעקומען צו איהם און איהם אַ קוש געטאָן. — אַזאַ שעהן אינגעלע, געראָטען אין דיר! ניט אמת, חנה'לע! אינגאַנצען געראָטען אין יואל דוד'ן!

— יאָ, איך האָב דאָס איהם אויך געזאָגט! — האָט חנה'לע אויס־גערופען און זיך געדרייטעלט.

— דו ווייסט וואָס, חנה'לע? — האָט ריינקע געזאָגט. — שפּעטער וועסטו זיך איבערכאַפּען אין קראָם און אויסקלייבען אַ שטיקעל גוטע וואַרע און דו וועסט אַליין אויפנעהען אַ גאַרניטערל פאַר מאָטעלען... חנה'לע קאָן גוט נייהען, האָט זי זיך געווענדעט צו יואל דוד'ן. אַלעס, וואָס זי דאַרף, איז מען זאָל צושניידען און זי וועט שוין עס אויפנייהען. איצט געה, חנה'לע, און וואַש איהם אָרום אַביסעל.

חנה'לע האָט גענומען מאָטעלע'ן פאַר דער האַנד און איז מיט איהם אַריין אין קיך. ריינקע איז אויך אַריינגעגאַנגען אַהין און זי האָט אַריינ־גערופען יאַכע'ן צו זיך אין צימער. זי האָט פון אַן אַלמער אַרויסגענומען איינע פון איהרע קליידער און זי האָט עס דערלאַנגט יאַכע'ן.

— טוט עס אָן. עס וועט אייך פּאַסען. איהר דאַרפט זיך גאָר ניט שעהמען... איך וועל אייך אויך געבען וועש...

ריינקע האָט אַרויסגענומען וועש פון שופלאָד און איהר דערלאַנגט.

— איהר וועט זעהן, אַז איהר וועט זיך אָנטאָן און פאַרקאַמען, וועט איהר אויסקוקען אַ גאָר אַנדער מענש.

יאַכע האָט אויסגעקוקט אינגאַנצען אַנדערש. זי איז ניט געווען קיין מיאוס'ע פרוי. די אָרימקייט, די נויט און זאָרג, האָבען איהר פנים פאַר־חושכ'ט. איצט אָבער, אַז זי האָט זיך אָרומגעוואַשען, פאַרקאַמט און אָנ־געטאָן אַ גוטע קלייד, האָט זי זיך אַליין אין שפּיגעל ניט דערקאָנט.

זי איז געשטאַנען אַ היבשע ווייל'ע לעבען שפּיגעל און צוגעשאָקעלט מיט איהר קאָפּ... זי איז געווען שטאַרק צופרידען. וואָס פאַר אַ טייערע מענשען זיי זיינען, האָט זי זיך געטראַכט.

באַלד איז אַריינגעקומען ריינקע און זי האָט איהר עפּעס צורעכט געמאַכט און געזאָגט:

— קומט אַריין, יאַכע, מיר וואַרטען אויף אייך מיט'ן עסען.

יאַכע איז אַריינגעקומען אין עס־צימער.

— מיר האָבען זיך שוין אַלע געוואַשען צום עסען! — האָט ר׳ מרדכי נאָכגעזאָגט. — איצט געהט איהר זיך וואַשען און מיר וועלען אַלע עסען.

יאַכע האָט זיך געוואַשען. זי האָט געמאַכט המוציא אויף מצה און זי האָט זיך געזעצט אויף דעם שטול וואָס איז געווען געשטעלט פאַר איהר.

אַזאַ געשמאַקען מאָלצייט האָט זי שוין לאַנג ניט געגעסען. זי האָט באַטראַכט דעם עס־צימער, די טייערע כלים, די מעבעל, און אין האַרצען האָט זי געטראַכט:

אַז אמת׳ער פּאַלאַץ! אַ דאַנק דיר, אַ לויב דיר, גאָט, פאַר דעם חסד וואָס דו טוסט מיט די צוויי יתומים! דער זכות פון זייער הייליגען טאַטען איז זיי ביינעשטאַנען.

— דו זעהסט די ענדערונג אין דיין מומען! — האָט זיך ריינקע געווענדעט צו יואל דוד׳ן, — קיין עין הרע, אַ שעהנע פרוי בלייבט אַ שעהנע פרוי. אַלעס, וואָס זי דאַרף, איז אַ גוטע קלייד און אַביסעל זייף און וואַסער.

— יאָ, און אַביסעלע מזל! — האָט יאַכע אַ זיפץ געטאָן.

— נו, לאָמיר האָפען צו גאָט אַז אייער מזל וועט זיך אויך ענדערען צום בעסערען — האָט ריינקע געזאָגט.

— הלואי רבונו של עולם, צוליב דעם זכות פון מיין טייערען ברודער און מיין הייליגען מאַן ר׳ שלום זאָלען זיי ביידע זיין גוטע בעטערס פאַר אונז אַלעמען.

אין סטראַשונ׳ס הויז איז געוואָרען פרעהליך. די ערשטע פּאָר שעה איז מאָטעלע געווען צעשראָקען און צעטומעלט פון דער פּלוצלינגער ענדערונג. די שעהנע מעבעל, די גלאַטע פּאָדלאָגע, די גאַרדינען אויף די פענסטער האָבען אויף איהם אָנגעיאָגט אַ מורא... ווען אָבער ער האָט געפיהלט וואָס פאַר אַ ווערזען מען מאַכט פון איהם, ווי יעדער איינער צייגט איהם אַרויס אַזוי פיל צערטליכקייט, מען האַלזט איהם און מען קושט איהם, האָט ער דערפילט זיין וויכטיגקייט. ער האָט גענומען באַטאַפּען און אָנריהרען די מעבעל. ער האָט שוין אָנגעפאַנגען אַרומצולויפען און זיך אַ גלישט טאָן איבער דער גלאַטער פּאָדלאָגע.

חנה׳לע האָט איהם אַרויסגעוויזען באַזונדערע צערטליכקייט. זי האָט איהם יעדע ווייל עפּעס געגעבען, דאָ אַביסעל איינגעמאַכטס, דאָ ניס און פּסח׳דיגע זיסע צוקערקעלעך.

באַלד איז שוין גערופען געוואָרען דער שניידער און ער האָט גענומען אַ מאָס אויף יואל דוד׳ן, און איידער ריינקע איז צוריק אַוועק אין געשעפט האָט זי זיך אָנגערופען צו יואל דוד׳ן:

— קום מיט מיר, יואל דוד, אין קראָם, דו וועסט זיך אויסקלייבען סחורה אויף אַ גאַרניטור. ברוך השם עס איז פאַראַן גענוג סחורה פון וואָס אויסצוקלייבען. איך האָף אַז דער שניידער וועט קענען באַוויזען

אויפצונייהען פאר דיר א גארניטור אויף די אנדערע טעג פסח. ווי דענקט איהר, שניידער?

— איהר מעגט זיך פארלאזען אויף מיר, מאדאם סטראשון, זאל מען נאר באלד ברייגנען די סחורה. איך וועל ארבייטען טאג און נאכט ביז וואנען איך וועל פארטיג ווערען מיט זיין גארניטור... א קלייניגקייט! עס איז דאך א כבוד פאר מיר צו נייהען א גארניטור פאר דעם צוקונפטיגען שטאט־חזן.

— אוי, גוטע מענשען, גאט זאל אייך בענשען! — האט די מומע יאכע זיך אנגערופען ווען זי האט געהערט דעם געשפרעד צווישען ריינקען און דעם שניידער — גאט אין הימעל איז דער פאטער פון יתומים. ער האט צוגעזעהן זייער צער און געשיקט מלאכים זיי צו העלפען.

— איצט וועט איהר אזוי גוט זיין נעהמען א מאס פון מאטעלע'ן, זאל געזונד זיין — האט ריינקע איהם צוגערופען — ער איז דאך אזא שעהן און טייער קינד. איך וועל אייך זאגען וואס איהר וועט טאן. איהר וועט בלויז צושניידען פאר איהם דעם גארניטורעל און מיין חנה'לע וועט עס שוין אויפנייהען. איהר וועט האבען צופיל ארבייט און מיר מוזען אומבאדינגט האבען פאר יואל דוד'ן זיין גארניטור אויף די אנדערע טעג יום טוב. מיין חנה'לע זאל געזונט זיין האט גאלדענע הענט... זי קאן אלעס. איצט זאג מיר וויפיל ארשין סחורה וועט מען דארפען פאר יואל דוד'ן.

— זעקס אדער זיבען ארשין — זאגט דער שניידער — יע, זאל זיין זיבען ארשין, ווייל א אינגעל אין זיינע יאהרען וואקסט גאנץ שנעל, דארף מען מאכען א מלבוש אביסעל גראמער און ברייטער. און פאר זיין ברודער'ל וועט קלעקען פיער ארשין. א קינד, נאר א שטיפערעל דערצו, וועט ער עס אלץ איינם באלד צערייסען.

— לאמיר אייך זאגען אז מאטעלע איז שוין גאר קיין שטיפערעל ניט! — האט די מומע יאכע איהם פארענטפערט — ער איז פונקט ווי א פיינעלע וואס מען האט געהאלטען א היבשע צייט אין שטייג און אז מען לאזט זי ארויס שפרינגט זי, לויפט זי, זי ווייסט ניט וואס צו טאן פון שמחה. פונקט אזוי איז מיט איהם. ער האט געבעדער געהאט א ווינטער אויף אלע אונזערע ווייסטע שונאים געזאגט געווארען. ער האט געליטען הונגער, קעלט, רויד. אייער מאן ר' מרדכי, זאל געזונד זיין, האט געזעהן אין וואס פאר א חורבה מיר האבען געוואוינט — האט זי זיך געווענדעט צו ריינקע'ן — איצט אז ער איז ארויס פון דער פינסטערניש אין אזא ליכ־טיגקייט, איז עס דען א וואונדער אז ער ווייסט ניט וואס צו טאן פון שמחה?

— זאל ער זיין געזונט און שטיפען וויפיל זיין הארץ גלוסט — האט ריינקע געזאגט — אזא קינד ברייגנט אריין פרעהליכקייט אין הויז... נאך יום טוב אם ירצה השם, וועלען מיר איהם שיקען אין חדר. דערווייל זאל ער אריינכאפען און שפילען זיך.

— א גוטען! — האט דער שניידער צוזאמענגענומען זיין מאס און די קרייט — איך וועל זיך נעהמען צו דער ארבייט אזוי שנעל ווי איהר וועט מיר ברייגנען די סחורה.

— נו, לאָמיר טאַקע גלייך געהן! — האָט ריינקע געזאָגט צו יואל דוד'ן — דו וועסט אויסקלייבען וואָס דיר געפעלט אמבעסטען.

— וואָס איהר וועט אויסקלייבען וועט זיין גוט — האָט יואל דוד געזאָגט.

— דו בעסער, קום מיט! — האָט ריינקע געזאָגט — ווייסטו גאָר וואָס, חנה'לע וועט אויך מיטגעהן און זי וועט דיר העלפען אויסקלייבען. זי האָט שוין איינמאָל א גוטען געשמאַק. קום חנה'לע, דו וועסט יואל דוד'ן העלפען אויסקלייבען סחורה פאַר איהם פאַר א גאַרניטור און אויך פאַר מאַטעלע'ן וועסטו שוין אויסקלייבען און טאַקע באַלד צוברייננען צום שניידער.

יואל דוד האָט זיך עטוואָס פאַרשעהמט... געהן מיט חנה'לען און מיט איהר מוטער...

— געה, געה מיין קינד — האָט די מומע יאַכע זיך צו איהם געווענדעט — אזא יאָהר אויף מיר וואָס פאַר א גוטע מענשען זיי זיינען. א דאַנק דיר, א לויב דיר, די הענט ניט געוואַשענדיג, פאַר דעם חסד וואָס דו טוסט מיט אונז.

חנה'לע האָט זיך אַרויפגעטאָן א זיידענע טיכעל אויף איהר קאָפּ און זי איז אַרויסגעגאַנגען מיט יואל דוד'ן און איהר מוטער. און ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורכ'ן הויף זיינען זיי באַגלייט געוואָרען פון פילע נייגעריגע בליקען פון די שכנים.

ר' מרדכי סטראַשון איז דערווייל אַריינגעקומען אין דער ליידיגער דירה וואָס ער האָט געזאָלט אָפּגעבען יאַכע'ן. ער האָט זי באַטראַכט און ער האָט געזעהן אַז מען וועט דאַרפען טאָן א סך רעמאָנט. די פענסטער זיינען צעפוילט, די טיר מאַכט זיך ניט צו און די פּאָדלאָגע איז צעבראָכען. ער האָט באַשלאָסען זיך דורכצורײדען מיט ר' יהושע זעליג דעם סטאָליאַר, וועלכער וואוינט ביי איהם אין הויף. ער איז אַריין צו איהם אין הויז און איהם אַרויסגערופען ער זאָל באַטראַכטען די ליידיגע דירה.

— איך וויל אַז איהר, ר' יהושע זעליג, זאָלט זעהן אַז אַלעס זאָל פאַרריכט ווערען. קומט אַריין און זאָגט מיר אַן ערך וויפיל עס וועט מיר דאַרפען קאָסטען.

ר' יהושע זעליג איז מיט איהם אַריין אין דער דירה וואָס עס איז שוין העכער א יאָהר געשטאַנען ליידיג. ער האָט אַלעס באַטראַכט. ער האָט איהם געזאָגט אַז מען וועט דאַרפען מאַכען צוויי נייע פענסטער און א נייע טיר, ווייל יענע זיינען דורכגעפוילט פון נאַסקייט.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, ר' יהושע זעליג — האָט ר' מרדכי זיך אָנגערופען — איך וועל די דירה ניט פאַרדינגען. איך וויל זי אָפּגעבען אַהן געלט צו אַן אָרימער פרוי... אַט טאַקע צו יואל דוד'ס מומע... איז צופיל געלט אויסגעבען צו רעמאָנטירען די דירה וואָלט איך ניט געוואָלט. נאָר אויב איהר זאָגט אַז מען מוז האָבען נייע פענסטער און א נייע טיר, איז מסתמא ווייסט איהר דאָך בעסער. און יע, וואָס איז מכח דער פּאָדלאָגע?

— דא וועט מען דארפען איניגע נייע ברעטער — זאגט ר׳ יהושע זעליג

— מען וועט דארפען אויך פארשמירען די ווענט און דעם סופיט. ווייסט איהר גאר וואס, ר׳ יהושע זעליג, וואס וועט איהר מיר רעכענען פאר׳ן גאנצען פאדריאד? איך מיין אז איהר זאלט זיך אונטערנעהמען דעם גאנצען רעמאנט, אפילו דאס קאלכען... אויב איהר וועט מיר ניט רע־כענען צופיל וועל איך עס אייך איבערגעבען אינגאנצען.

— פאר די ווענט און דעם סופיט וועט מען דארפען נעהמען א מולער, מען וועט דארפען האבען וואפנע און קאלך.

— וועגען דעם וועט איהר שוין זארגען. זאגט מיר בלויז וויפיל עס וועט מיר דארפען קאסטען אלעס. איך וויל אבער אז איהר זאלט האבען אין זינען אז איך וועל פון אט דער דירה קיין פרוטה ניט ארויסנעמען. אדרבה, איך וועל נאך דארפען זעהן צו קויפען אביסעל געניצטע מעבעל, און עסען איז דאך ניט שייך. גלויבט מיר, אז עס וועט מיר אפקאסטען א היבשע אפותיקי...

— אבער עס וועט זיך לוינען! — האט ר׳ יהושע זעליג געזאגט מיט א שמייכעל — יואל דוד האט עס זיכער פארדינט...

— נו, פארשטעהט זיך! — האט ר׳ מרדכי זיך אנגערופען — זאל נאר גאט געבען אז אלעס זאל זיין ווי געוואונשען. קיין געלט וועל איך ניט זשאלעווען.

ר׳ מרדכי איז געווען צופרידען וואס מען שטויסט זיך אן וואס זיין כונה איז. פארוואס ניט! ער דארף זיך פאר קיינעם ניט שעהמען. וועלכער טאטע וואלט ניט געטאן אלעס וואס איז מעגליך כדי אריינצוקריגען אזא איידעם ווי יואל דוד.

— נו, גוט, זאגט מיר וויפיל וועט עס מיר קאסטען. איך וועל זיך מיט אייך ניט דינגען.

ר׳ יהושע זעליג האט אלעס ווידער באטראכט. ער האט אפגעמאסטען מיט אן ארשין און ער האט זיך אנגערופען:

— עס וועט אייך קאסטען אן ערך פון פינף און צוואנציג רובעל. די מאטעריאל אליין וועט ארייננטרייבען ביז א צעהן רובעל, און וואו איז אן ארבייטער פאר דריי טעג.

— פינף און צוואנציג רובעל? זאל זיין ווי איהר זאגט, איך דינג זיך מיט אייך ניט. אבער איהר וועט דארפען זיך צואיילען. פארשטעהט איהר מיך, איצט זיינען צו אונז צוגעקומען נאך דריי נפשות... מילא מיט עסען וועט שוין מיט גאט׳ס הילף קיין זארג ניט זיין, אבער שלאפען... פאר יואל דוד׳ן מיט זיין ברודערל וועט זיך נאך געפינען א פלאץ, אבער פאר זיין מומען, זי וועט דארפען דערווייל שלאפען אין קיך מיט דער דינסט. זעהט אז עס זאל זיין וואס שנעלער.

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, ר׳ מרדכי, אז איך זוך אויסצור־מיידען צו טאן שווערע ארבייט אום חול המועד סיידען עס איז זעהר

נויטיג... אויב איך קאָן אויסמאַרקירען ניט צו אַרבייטען אום חול המועד ביז איך זעהר צופרידען.

— איך ווייס אַז איהר זייט זעהר אַ פרומער איד, ר׳ יהושע זעליג, און איהר זייט אַ מחמיר, אָבער חול המועד מעג מען אַרבייטען און איהר וועט האָבען אויך אַ מצוה. זאָל זי האָבען אַ פּלאַץ וואו צו לייגען איהר קאָפּ.

ר׳ יהושע זעליג האָט אַ טראַכט געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט אַז דער פּסח האָט אויפגעגעסען אַלע זיינע פאַרדינסטען און באַלד נאָך פּסח וועט ער זיך שטאַרק נויטיגען אין פּרנסה... גאָט וועט איהם מוחל זיין. ער האָט זיך אונטערגענומען צו טאָן די אַרבייט...

— איך גלויב אַז זי וועט זיך קאָנען אַריינקלייבען אהין באַלד נאָך יום טוב — האָט ער געזאָגט.

— אויב אַזוי בין איך צופרידען — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט — איהר וועט זיך נאָך היינט נעהמען צו דער אַרבייט.

— איך וועל דאַרפען האָבען אַביסעל געלט פאַר מאַטעריאַל — האָט ר׳ יהושע זעליג געזאָגט.

— נאָט אייך צעהן רובעל — האָט ר׳ מרדכי אַרויסגענומען אַ פּעקעל אַסיגנאַציעס פון זיין קעשענע און איהם איבערגעצעהלט צעהן רובעל.

— איך נעהם זיך באַלד צו דער אַרבייט — האָט ר׳ יהושע זעליג געזאָגט אַ צופרידענער. און ער איז גלייך אַריין אין הויז און איבערגעגעבען זלאַטע׳ן.

— נו, געלויבט איז גאָט — האָט ר׳ יהושע זעליג זיך אָנגערופען — איך וועל פון דעם פאַדריאַדעל פאַרדינען אַז ערד פּופּצעהן רובעל... דו זעהסט, זלאַטע, מען טאָר ניט זאָרגען. דו האָסט שוין געזאָרגט וואָס וועט מען טאָן נאָך פּסח אַז עס איז שוין כמעט קיין גראָשען ניט געבליבען... נו, זעהסט, אַט האָב איך שוין צעהן רובעל האַנט-געלט. אמת, איך וועל דאַרפען קויפען מאַטעריאַל, אָבער איך גלויב אַז איך האָב גענוג ברעטער פאַר די פענסטער און טיר און די אַנדערע מאַטעריאַלען וועלען קיין סך ניט קאָסטען.

— וואָס זאָגסטו אויף דיין לייבעלע׳ן! — האָט זלאַטע מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויף איהרע ליפּען זיך אָנגערופען — דו ווייסט, ער האָט דאָך היינט פאַרדינט אַ גאַנצען רובעל... ער וואַקסט שוין אַ סוחר.

—אַ רובעל? וואָס מיינסטו? — קוקט איהר אָן ר׳ יהושע זעליג.

— ר׳ שמעון פּרנס האָט איהם געגעבען אַ רובעל!

— פאַר וואָס?

— ווייל ער האָט דורכגעפיהרט פאַר איהם אַ שליחות.

— אַז דו וועסט מיר צוזאָגען אַז דו וועסט איהם ניט שלאָגען און זיך אויף איהם ניט בייזערען, וועל איך דיר דערצעהלען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד! — איז ר׳ יהושע זעליג אומגעדולדיג געוואָרען — וואָס, דו באַהאַלטסט סודות פון מיר?

— איך אַליין האָב עס מיט אַ ווײַלע צוריק אויסגעפונען — האָט

זלאטע געזאגט שמייכלענדיג — איך זעה אז לייבעלע לויפט אריין אין הויז א צעהיצטער און צעשוויצטער... זיינע באקען פלאמען און די אויגען שיינען. פרעג איך איהם: "לייבעלע, וואס איז געשעהן?" נעהמט ער ארויס א רובל־אסיגנאציע פון זיין קעשענע און גיט עס מיר. פרעג איך איהם וואו ער האט עס גענומען. זאגט ער מיר, אז אויב איך וועל ניט דער־צעהלען דעם טאטע'ן וועט ער מיר זאגען. פארשטעהט זיך, אז איך האב איהם דאס ניט צוגעזאגט, און ער האט מיר דערצעהלט אז דעם רובל האט איהם געגעבען ר' שמעון פרנס...

— ר' שמעון פרנס?

— יע, ר' שמעון פרנס האט געוואוסט אז לייבעלע האט געבראכט דערצו אז יואל דוד זאל זיך איצט געפינען אין ר' מרדכי'ס הויז. האט ער איהם געבעטען ער זאל איבעררעדען יואל דוד'ן ער זאל קומען אויף א באזוך צו איהם, און אויב דאס וועט איהם געלינגען, וועט ער איהם דער־פאר געבען א רובל. נו, האט ער איהם געבראכט צו איהם אין הויז און א ווייל פריהער האט ר' שמעון איהם געגעבען דעם רובל.

— א, אט דאס איז עס געווען די געשיכטע וואס ר' מרדכי איז נעכטען ארומגעלאפען איהם זוכען... ער האט עס ניט באדארפט טאן... ווען ר' מרדכי וועט זיך דערפון דערוויסען וועט ער אויף אונז אליין זיין אש להבה! ווען ער ווייסט עס איצט, וואלט ער מיר זיכער ניט געגעבען די ארבייט...

— נו, איצט אבער איז דאך שוין פארפאלען. פון וואנען זאל ער וויסען אז צווישען ר' שמעון פרנס און ר' מרדכי סטראשון קומט פאר א צאנקעריי.. ער האט איהם געבעטען, האט ער עס געטאן.

— עס איז זעהר ניט שעהן! ער איז אריין צו ר' מרדכי'ן אין הויז וואו מען האט איהם אזוי פיין אויפגענומען און ער האט עס אויסגענוצט איבערצוריידען יואל דוד'ן ער זאל אריבערגעהן צו ר' שמעונ'ען. מעהר זאל ער עס ניט טאן.

— ער האט מיר אליין שוין געזאגט אז ער האט חרטה אויף דעם. איך פארזיכער דיר אז ער וועט עס שוין מעהר ניט טאן. אבער ווי געפעלט דיר דאס וואס ער האט זיך ניט געשעהמט און איז געגאנגען צו ר' שמעונ'ען אויפמאנען דעם רובל.

— וואס מיר וואונדערט איז וואס ר' שמעון האט איהם געגעבען דעם רובל — האט ר' יהושע זעליג א שמייכעל געטאן — דאס איז א סימן אז ער ערווארט פון איהם ער זאל נאך אמאל טאן אזעלכע שליחות, און דאס וויל איך ניט... עס איז ניט אונזער עסק וואס צוויי גבירים רייסען זיך צווישען זיך.. וואו איז ער, לייבעלע?

— איך בעט דיר — האט די מאמע זיך צו איהם געווענדעט — הויב ניט קיין האנט אויף איהם. זעה נאר וואס פאר א גוט קינד דאס איז... ער האט מיר גלייך איבערגעגעבען דעם רובל. ער האט אפילו פאר זיך קיין "זעקסער" ניט געבעטען.

— איך וועל איהם דערפאר ניט שלאגען, אבער ער דארף וויסען אז ער זאל עס א צווייטען מאל ניט טאן... רוף איהם אריין אהער.

לייבעלע איז אריינגעקומען אין צימער מיט א געבויגענעם קאפ, ווי א שולדיגער. ער האט זיך געשטעלט נעבען טיש און ניט געקוקט דעם טאטען אין די אויגען.

— איך זעה אז דו ביזט שוין געווארען א גרויסער פארדינער! — האט ר' יהושע זעליג זיך אנגערופען — דו האסט פארדינט א גאנצען רובעל!

— ער האט מיר געגעבען, האב איך גענומען — האט לייבעלע געזאגט.

— דו האסט עס ניט געדארפט טאן. ווען ר' שמעון האט עס פון דיר פארלאנגט האסטו ביי אונז פריהער באדארפט אנפרעגען. אבער מילא, דאס וואס דו האסט געטאן איז שוין פארפאלען. געדענק אבער מעהר אזא זאך ניט צו טאן איידער דו פרעגסט אונז. פארוואס זאלסטו וועלען אז ר' מרדכי זאל אויף אונז ווערען אין כעס... דאן וואלט אונז געקאסט מעהר ווי א רובעל. אט האב איך אנגענומען ביי איהם אביסעל ארבייט און איך בין זיכער אז ווען ער וויסט אז דו האסט עס פאראורזאכט אז יואל דוד זאל געהן באזוכען ר' שמעונ'ען וואלט ער מיר שוין די ארבייט ניט געגעבען, און דורכדעם וואלט איך פארלארען פופצעהן רובעל.

— ר' שמעון האט מיר געזאגט אז ער וועט דיר אויך געבען ארבייט — האט לייבעלע געזאגט.

— איך בין איהם מוחל זיין ארבייט! — האט ר' יהושע זעליג געזאגט — איך האב שוין איינמאל פאר איהם געארבייט. פריהער עסט ער אויף דאס הארץ. ער דינגט זיך אזוי לאנג אז מען קאן קוים ביי איהם פארדינען א רובעל און נאכהער, אז מען ארבייט שוין אפ ביי איהם פאר האלב אומזיסט, געפעלט עס איהם דאן ניט. ער געפינט שוין חסרונות... נייז, זאל ער געפינען אן אנדער סטאליאר פאר זיין ארבייט.

— גוט, לייבעלע וועט שוין עס מעהר ניט טאן! — האט זלאטע א זאג געטאן. ער האט מיר פארשפראכען. ניט אמת, לייבעלע?

— איך וועל עס מעהר ניט טאן! — האט לייבעלע א זאג געטאן.

— און דערפאר וועל איך דיר געבען א צעהנער (פינף קאפיקעס) — האט זלאטע געזאגט — דאס איז פאר דיר, דו וועסט קאנען טאן דערמיט וואס דו ווילסט.

לייבעלע האט גענומען דעם צעהנער און געזאגט א דאנק. ער איז געווען צופרידען וואס ער איז אפגעקומען בלויז מיט א פארוואורף. ער איז ארויס א פרעהליכער פון הויז מיט דעם קופערנעם צעהנער אין זיין האנט.

— ווי עס ווייזט אויס — האט זיך ר' יהושע זעליג אנגערופען צו זיין פרוי, — טראכט שוין מרדכי גאנץ ערנסט פון יואל דוד'ן, וויל ער האט אריינגענומען זיין מומען און זיין קליינעם ברודערל צו זיך, און איצט לאזט ער רעמאנטירען די שטוב פאר איהר.

— נו, וואס דען, ער וועט ארויסלאזען פון די הענט — האט זלאטע געזאגט... עפעס א קליינינקייט אזא בריליאנט... וואו מען געהט און וואו מען שטעהט רעדט מען פון איהם... אלע זאגען, אז ער וועט ווערען שטאט חזן... דאס איז טאקע א מזל! געקומען איז ער צו אונז און אריינגעפאלען איז ער צו זיי אין די הענט.

— עס איז אזוי באשערט! — האט ר׳ יהושע זעליג געזאגט — ווען ער בלייבט מיט אונז פאר די צוויי סדרים, וואלט ער פארבליבען יואל דוד דער יתום, קיינער וואלט פון איהם ניט געהערט, אבער דורכ׳ן גביר איז ער אין איין טאג צייט באריהמט געווארען איבער גאנץ ווילנע. זאל איהם וואויל באקומען. פאר אונזער מירעלע׳ן וועט גאט צושיקען איהר באשערטען... אבער ווי איך פארשטעה, קומט פאר איבער איהם א רייסעריי צווישען צוויי גבירים, צווישען ר׳ שמעון פרנס און ר׳ מרדכי׳ן. נו, זאלען זיי זיך רייסען. מיר טארען אפילו פון דעם ניט טראכטען...

— לאמיר דיר זאגען, יהושע זעליג — האט זלאטע א זאג געטאן — ווען מען זאל געבען יואל דוד׳ן די ברירה און איהם פרעגען ווער עס געפעלט איהם בעסער, מירעלע אדער חנה׳לע, זאל איך אזוי זיין זיכער מיט אל דאס גוטס ווי ער וואלט געזאגט: מירעלע... באשר מען לאזט איהם ניט אפ. ער איז ביי זיי ווי א געפאנגענער, דו ווייסט דאך וואס עס האט זיך נעכטען אין אווענט געטאן ווען יואל דוד האט זיך פארזאמט א פאר שעה... זיי האבען דאך ווען אינגעלייגט... איך האב באמערקט ווי יואל דוד האט א קוק געטאן אויף מירעלע׳ן. מיר דארף מען קיין סך ניט זאגען... שטעל זיך פאר וואס וואלט זיי ביידען געפעהלט... ווען ער ווערט שטאט חזן, וואלט דאך איהם קיין פרנסה געפעהלט... זיי וואלטען זיך געלעבט ווי טייבעלאך...

— וואס פאר א נוצען וועלען איצט ברייגנגען דיינע רייד! — דו זעהסט דאך, אז עס האט זיך אויסגעלאזען אין גאנצען אנדערש. ער וועט שוין פארבלייבען ביי ר׳ מרדכי׳ן און וועט ווערען זייער איידעם.

— גלויב מיר, אז מיר וואלטען באדארפט באקומען שדכנות געלט — האט זלאטע געזאגט האלב אין שפאס און האלב אין ערנסט — ווען ניט מיר וואלט יואל דוד ניט געווען זייערער.

— הרבה שלוחים למקום (גאט האט א סך שלוחים) — האט ר׳ יהושע זעליג געזאגט — און אז עס איז באשערט קומט עס...

קאפיטעל צוועלף

אויב ר׳ מרדכי און ריינקע האבען געמיינט, אז מיט דעם וואס יואל דוד האט בפירוש געזאגט, אז ער וויל געהן בעסער צוריק צו זיי, האט זיך דער קאמף צווישען זיי און ר׳ שמעון׳ען פארענדיגט, האבען זיי געמאכט א גרויסען טעות.

ר׳ שמעון פרנס האט אין דעם זעלבען אווענט פאררופען צו זיך אין

הויז די אנדערע גבאים און נאָך איינינע חשוב'ע בעלי בתים, זאָגענדיג זיי, אז ער מוז זיך דורכריידען מיט זיי וועגען א וויכטיגען און דרינגענדען ענין.

גלייך נאָך מעריב האָבען זיך די גבאים און די אנדערע גענומען פארזאמלען אין זיין הויז.

חאַשע האָט אַלעמען דערלאַנגט טיי מיט צובייסען און ר' שמעון האָט זיך צו זיי אָנגערופען:

— איך ווייס ניט וואָס עס איז אייער מיינונג וועגען יואל דוד'ן, וועלכער האָט היינט אונז אַלעמען איבערראַשט מיט זיין דאַווענען מוסף, אָבער הונדערטע אידען האָבען היינט אָפּגעשלאָגען מיינע טירען און גע־קומען מיר בעטען איך זאָל זעהן, אז יואל דוד זאָל די אַנדערע טעג אויך דאַווענען... זיי האָבען מיר געזאָגט, אז אַלע אידען פון ווילנע פארלאַנגען עס?... נו, פרעג איך אייך, וואָס האָב איך זיי געקאָנט ענטפערען ?

— איך זעה ניט אײן פארוואָס יואל דוד זאָל טאַקע ניט דאַווענען די צווייטע טעג פסח, דער שטאָט חזן אַליין האָט ניט דאַנגעגען...

— דאַנגעגען, זאָגט איהר, פארקעהרט, ער אַליין וויל ער זאָל דאַווענען. ער האָט מיר געזאָגט, אז אזא פארגעניגען האָט ער נאָך אין זיין גאַנצען לעבען ניט געהאַט.

— נו, אויב אַזוי האָבען מיר מעהר ניט וואָס צו ריידען. מיר זיינען אַלע מסכים, אז ער זאָל דאַווענען מוסף שביעי און אחרון של פסח.

— מיר זיינען מסכים! — האָט ר' שמעון א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, יע, ביי אונז האָט מען שוין גע'פועל'ט אָבער ביים צווייטען צד...

— אויב עס וועט זיך האַנדלען וועגען עטליכע רובעל, איז קהל ניט קיין גזלן. מיר וועלען איהם באַצאָהלען פאר דעם.

— עס האַנדעלט זיך ניט וועגען געלט... עס האַנדעלט זיך וועגען ר' מרדכי סטראַשון. ער וויל ניט, אז יואל דוד זאָל דאַווענען אין שטאָדט שוהל.

— ער וויל ניט! ! וואָס הייסט ער וויל ניט! וואָס פאר א מחותן איז ער ניט צו וועלען.

— איהר זעהט דאָך, ער האָט אָנהם אריינגעקראָגען צו זיך אין הויז און ער איז געוואָרען זיין גאַנצער בעל הבית. דאָס אינגעל נעבאָך איז איהם אַזוי דאַנקבאַר פאר די פּאָר טעג עסען וואָס ער האָט איהם געגעבען, אז ער איז איינגאַנצען אונטערוואָרפען זיין ווילען! יואל דוד איז פריהער געווען אין מיין הויז און אונזער חזן איז אויך געווען, איז פּלוצלינג אָנ־געקומען ר' מרדכי און איהם ממש מיט געוואַלד אוועקגענומען פון דאַנען...

— איך קאָן אָבער ניט פארשטעהן — האָט א גבאי א זאָג געטאָן — פארוואָס ער איז געגען דעם ער זאָל דאַווענען די אַנדערע טעג.

— דאָס איז איינפאַכע עקשנות! ער וויל באַווייזען, אז ער איז זיין בעל הבית און אז ער וויל ניט וועט עס אַזוי זיין. איך בין באַלד נאָכ'ן דאַווענען געווען אין זיין הויז און געמאַכט א פארזוך צו ריידען מיט איהם

וועגען דעם, און דעם אמת זאגענדיג האב איך שוין ביי איהם געהאט גע׳ פועל׳ט, איז אבער זיין ווייב רײנקע ארויסגעשפרונגען ווי א טיגעריין און געזאגט נייז... און אז זי זאגט נייז, האט ער אויך צוגעבאמקעט... ער צי־טערט פאר זיין ווייב ווי פאר פייער... זי טראגט די הויזען... זי פיהרט זיינע געשעפטען און דעריבער האט זי די דעה...

— איך וויים ניט! — האט זיך אנגערופען איינער פון די חשוב׳ע בעלי בתים — איך בין גאנץ גוט באפריינדעט מיט ר׳ מרדכי׳ן און זיין פרוי און איך גלויב, אז איהר ר׳ שמעון, זאלט מיר מוחל זיין, זייט אביסעל מגזם... רײנקע איז א וואוילע פרוי און זיי זיינעןביידע גליקליך...

— וואס האט עס צו טאן צו גליק — האט ר׳ שמעון געזאגט — ווען א מאן פיהלט ניט, אז זיין ווייב פיהרט איהם ביי דער נאז איז ער גליקליך... אבער יעדער איינער קאן זעהן, אז זי פיהרט די גרענדע...

— פע, עס פאסט ניט פאר אונז צו פיהרען רכילות! — האט אימיצער א זאג געטאן, דאס איז אן עסק פאר ווייבער. מיר זיינען אהער געקומען צו ריידען וועגען דעם, אז יואל דוד זאל דאוונען די צווייטע טעג יום טוב, טו פארוואס זאלען מיר פארקריכען קיין האצע פלאצע. ווען מען ארט עס ווער עס טראגט די הויזען אין ר. מרדכי׳ס הויז, ער, צי זיין פרוי רײנקע.

— אט דא איז דאך די צרה. מיט איהם וואלט מען אפשר אויסגע־קומען, אבער זיין פרוי רײנקע איז א פארביסענע... זי האט מורא טאמער וועט מען איהם אוועקנעמען פון איהר הויז. וויל זי ניט דערלאזען ער זאל דאוונען...

— דאס איז לעבערליך... פארקעהרט, זי דארף אויך זיין צופרידען, אז ער זאל דאוונען... איך נעהם זיך אונטער צו פועל׳ן, ביי זיי און ביי יואל דוד׳ן — האט זיך נאך איינער פון די גבאים אנגערופען!

— איך האף, אז איהר וועט עס דורכפיהרען — האט ר׳ שמעון געזאגט.

— לאמיר אויסקלייבען דריי פון אונז און מיר וועלען איבערמארגען אין אווענט אריבערגעהן צו ר׳ מרדכי׳ן אין הויז און מיר וועלען דורכקומען.

— אויב איהר וועט עס דורכפיהרען וועל איך געוויס זיין צופרידען, אבער איין זאך וויל איך אייךווארענען, איהר זאלט איהם למען השם ניט זאגען, אז איהר זייט געווען ביי מיר אין הויז און אז איך האב מיט אייך וועגען דעם גערעדט. פארשטעהט איהר מיך, ר׳ מרדכי איז אויף מיר אנגעצונדען און וואס דארפט איהר מעהר? זיין פרוי רײנקע האט מיך אזוי גוט ווי ארויסגעטריבען פון זייער הויז היינט בייטאג... און ווען ער האט אויסגעפונען, אז יואל דוד איז געקומען צו אונז אויף א באזוך פאר א קליינע ווייל, איז ער באלד געקומען צו לויפען און איהם פון דאנען אוועקגענומען... דער יתום נעבאך איז געווארען וויים ווי קאלך פון שרעק, ווען ער האט איהם געזעהן אריינקומענדיג.

— נו, עס איז אלץ גארניט מיר וועלען דורכקומען!

— וואס רעדט איהר, די חוצפה איז דאך אזוי גרוים... ער ר׳ מרדכי,

וועלכער איז געווען ר׳ צבי הירש׳ן יואל דוד׳ס פאטער עליו השלום, דער גרעסטער שונא. אלע ווייסען, אז ר׳ צבי הירש האט פארלוירען זיין שטעלע אלס שטאדט חזן צוליב איהם, האט נאך איצט די העזה צו זאגען איהם דעות ווען יע צו דאווגען און ווען ניט.

— איהר דארפט זיך ניט אויפרעגען ר׳ שמעון. מיר וועלען זעהן, אז אלץ זאל זיך ענדיגען בכי טוב... אויב קהל וויל וועט ר׳ מרדכי ניט זיין איינגעשפארט... איך גלויב, אז מען קאן שוין אפילו אויסקלעפען מודעות אויף דעם שוהל הויף, אז דער וואנדערבארער יונגער חזן יואל דוד וועט דאווגען מוספים די אנדערע טעג פסח.

— איידער איהר קריגט זיין הסכמה דארפען מיר זיך ניט איילען מיט מודעות... עס קאן נאך פאסירען, אז נאכדעם ווי מיר וועלען לאזען וויסען אלע אידען פון ווילנע, אז ער וועט דאווגען מוספים, וועט קומען ריינקע און זאגען ״ניין!״

— צו דעם וועט עס ניט קומען! — האט איינער פון די בעלי בתים געזאגט. יואל דוד וועט דאווגען! און אויב ער זאל אזוי אויסנעמען די אנדערע טעג ווי ער האט היינט אין דער פריה אויסגענומען, וועט ער געוויס קריגען א כתב חזנות און ער וועט ווערען ווילנער שטאט חזן...

דעם צווייטען טאג חול המועד פסח, אין אווענט, האבען זיך דריי חשוב׳ע אידען אריינגעלאזען אין רבי מרדכי׳ס הויז. זיי האבען געהאלטען אין מיטען עסען פון אווענט ברויט.

ר׳ מרדכי האט זיי דערזעהן און ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און געזאגט:

״ברוכים הבאים, קומט עסען״.

— עסט געזונטערהייט, — האבען די דריי אידען מיט אמאל געענטפערט — שטערט זיך ניט, מיר וועלעןווארטען.

ריינקע האט געהייסען די דינסט אריינצוברענגען פון צווייטען צימער דריי שטוהלען און זיי האבען זיך געזעצט.

זיי האבען באמערקט, אז ביים טיש זיצען אויסער סטראשון׳ס משפחה און יואל דוד, נאך א פרעמדע אומבאקאנטע מיטעליעהריגע פרוי און א קליין קינד.

זיי האבען צווישען זיך גערעדט שטיל און נאכדעם ווי ר׳ מרדכי און יואל דוד האבען אפגעבענשט, און די דינסט האט אוועקגענומען די געפעס פון טיש, האט ר׳ מרדכי זיי געבעטען זיך צוזעצען צום טיש און ער האט זיי פארגעשטעלט פאר יואל דוד׳ן און יאכע׳ן.

— דאס איז יואל דוד׳ס מומע, יאכע! — האט ר׳ מרדכי אנגעוויזען אויף יאכע׳ן, וועלכע האט זיך קוים געקענט ריהרען פון ארט פון צופיל זיך אנעסען. און דאס איז ר׳ זכריה, ר׳ יודעל און ר׳ אבא!

— ווי איך פאַרשטעה, זייט איהר געקומען מיט אונז ריידען וועגען יואל דוד'ן. האַ, ניט אמת? — האָט ר' מרדכי זיך צו זיי געווענדעט.

— המ... ריכטיג — האָט ר' אבא א זאָג געטאָן, וואָס ווייסט איהר ר' מרדכי וואָס פאַר א גערודער זיין דאַוונען האָט אָנגעמאַכט אין שטאָט... פון אַלע זייטען קומען אָן פאָדערונגען און פאַרלאַנגען פון די ווילנער בעלי בתים, אז יואל דוד זאָל דאַוונען מוספים די צווייטע טעג פסח, און וועגען דעם זיינען מיר געקומען ריידען. ר' שמעון פאַרלאַנגט עס אויך.

— גאָט איז מיט אייך, פאַרוואָס זאָלט איהר אַזוי ריידען. וואָס עפּעס ר' שמעון? — האָט ר' יודעל אריינגענומען זיין באָרד אין זיין האַנט — אַלע אידען זיינען אין דעם פאַראינטערעסירט, אז מען זאָגט, אז זינט מען געדענקט, האָט נאָך ווילנע אַזוינס ניט געהערט...

— עס איז דאָך טאַקע איינמאָל אין א יובל, אז מען האָט די זכיה צו הערען אַזאַ שטימע — האָט ר' זכריה זיך פאַסמאַקעוועט מיט די ליפּען — אַז וואויל איז צו אייך יאַכע, וואָס איהר האָט די זכיה צו זיין יואל דוד'ס מומע.

— א דאַנק דיר, א לויב דיר, גאָט אין הימעל, פאָטער פון יתומים און פון אלמנות! — האָט יאַכע א גלאָץ געטאָן מיט איהרע אויגען — איך בין ניט ווערט אַזאַ זכיה.

— יע, ר' מרדכי, הונדערטע אידען פאַרלאַנגען ער זאָל דאַוונען מוספים, זיינען מיר דאָס צו אייך געקומען. מיר זיינען זיכער, אז איהר וועט ניט זיין דאַגעגען — האָט ר' אבא א זאָג געטאָן.

— איך?! — האָט ר' מרדכי אויסגערופען — איך האָב קיין דעה ניט איבער איהם... ער איז פריי צו טאָן וואָס ער וויל...

— אויב אַזוי דאַרפען מיר טאַקע ריידען מיט'ן בעל דבר אַליין — האָט ר' יודעל אויסגערופען — וואָס זאָגסטו, יואל דוד?

יואל דוד האָט א קוק געטאָן אויף ר' מרדכי'ן און געשוויגען.

— איך וויל דיר זאָגען, יואל דוד, אז דו ביזט פריי צו טאָן וואָס דו ווילסט. די ריכטיגע סיבה וואָס איך האָב דיך געראַטען ניט צו דאַוונען אַזוי שנעל, איז ווייל איך מיין, אז דו ביזט נאָך צו יונג. יעדענפאַלס גלויב איך, אז איצט איז דאָ דיין מומע און זי קאָן דיך ראַטען וואָס צו טאָן.

— געזונט זאָלט איהר זיין, ר' מרדכי, פאַרוואָס זאָל ער טאַקע ניט דאַוונען די אַנדערע טעג פסח, וואָס קאָן דאָס איהם שאַדען! א לעבען אויף איהם, איהר זעהט דאָך ווי שטאַרק מען וויל ער זאָל דאַוונען.

— אויב ער און איהר זייט צופרידען, בין איך געוויס צופרידען! — האָט ר' מרדכי געזאָגט — איהר ווייסט דאָך, אז איך בין געווען נייגעריג ער זאָל דאַוונען צום ערשטען מאָל.

— ער וועט דאַוונען! — האָט די מומע יאַכע מיט פעסטקייט א זאָג געטאָן.

ריינקע'ן איז יאַכע'ס טאָן גאָר ניט געפעלען געוואָרען. זי האָט גע־

נומען איינזעהן, אז זי וועט נאך האבען שוועריגקייטען מיט איהר. און ווער ווייסט, אויב זי וועט איינגאנצען ניט זיין דאגעגען, אזוי שנעל ווי יואל דוד וועט ווערען שטאט חזן... זי האט זעהר ניט געוואלט, אז יואל דוד זאל איצט דאוונען... עס וואלט געווען א סך בעסער ווען ער דאוונעט שבועות, ביז דאן קאן זיין וועט ער שוין זיין חנה'לעס מאן... אבער, אז ער וועט דאוונען איצט און אננעמען די שטעלע אלס שטאט חזן, וועלען זיך שוין געפינען א סך בעלנים אויף .איהם און עס קאן זיין, אז יאבע זאל שטעהן אין וועג.

פונדעסטוועגען האט זיך ריינקע מעהר ניט געוואלט מישען איצט. זי האט איינגעזעהן, אז איהר מאן איז גערעכט. ער דארף מאכען אלעמען צו גלויבען, אז יואל דוד איז פריי צו מאכען זיינע אייגענע באשלוסען.

די דריי בעלי בתים זיינען אוועק צופרידענע. זיי האבען קיין שוועריגקייטען ניט געהאט. זיי האבען איבערגעגעבען ר' שמעונ'ען, אז יואל דוד וועט דאוונען.

— טאקע ר' מרדכי איז ניט געווען איבעריגס צופרידען פון דעם — האט ר' יודעל זיך אנגערופען צו ר' שמעונ'ען, אבער דארט איז גראד געווען יואל דוד'ס מומע, און זי האט געזאגט יע, איז אזוי געבליבען.

— המ... זיין מומע, וואס פאר א פרוי איז זי? — האט ר' שמעון געפרעגט.

זי שיינט צו זיין א כוואטסקע אידענע, אן אלמנה, זי רעדט מיט א מאנזבילשע שטימע, און זי האט גאר די דעה איבער יואל דוד'ן.

— נו, אויב אזוי איז שוין עפעס אנדערש! — האט ר' שמעון געזאגט. איך האב גארניט געוואוסט, אז ער האט אזא מומען. איצט וועט מען דארפען אויסקלעפען מודעות אויף דעם שוהל הויף און לאזען וויסען דעם עולם, אז דאס אינגעל יואל דוד וועט אם ירצה השם דאוונען מוספים די צווייטע טעג פסח.

ווען עס איז באקאנט געווארען די נייעס אז יואל דוד, דער חזנ'דל, וועלכער האט געדאווענט מוסף דעם צווייטען טאג פסח אין שטאדט שוהל, וועט דארט אויך דאוונען די אנדערע טעג יום טוב, האט זיך אין ווילנע געטאן מעשים. אלע האבען וועגען דעם גערעדט. גאר די פרומע האט עס איינגאנצען ניט געשמעקט. וואס הייסט, מען זאל אוועקשטעלען א אינגעל אין דער שטאט-שוהל פאר א שליח ציבור? קיינער אבער האט זיך ניט צוגעהערט צו זייערע רייד.

די גרויסער ווילנער שטאט-שוהל איז געווען געפאקט שוין פון גאנץ פריה. מענער און פרויען, יונגע און אלטע, האבען געשטראמט צו דער שוהל. עס איז געווען שווער פאר די בעלי בתים וועלכע האבען געהאט זייערע "שטעט" אין שוהל צוצוקומען צו זייערע פלעצער. מען איז ממש געשטאנען אויף די קעפ. אויך די ווייבערשע שוהל איז געווען געפאקט.

ווען יואל דוד האט אנגעפאנגען דאוונען ,איז געווארען אין שוהל אזוי שטיל, אז מען האט געקאנט הערען דאס פאלען פון א שפילקע. מיט איינגעהאלטענע אטעמס האבען אלע זיך צוגעהערט צו זיין זינגען. זיין שטימע האט געקלונגען נאך הערליכער און שעהנער ווי דאס ערשטע מאל. אלע זיינען געשטאנען פאר'כשופ'ט... זיין שטימע איז געווען אזוי פרעכטיג, אזוי זיס, אז זיינע צוהערער האבען געמיינט אז זיי זיינען אין א וועלט פון צויבער... זיי זיינען אין גן עדן און דארט הערען זיי געטליכע שירה.

ווען יואל דוד האט געענדיגט דאוונען האט זיך קיינער ניט געוואלט ריהרען פון ארט.

און די בעלי בתים פון מזרח, די גבאים און דער שטאט־חזן האבען איהם ממש אויף די הענט געטראגען.

יאכע, זיין מומע, איז געזעסען אין דער ווייבערשער שוהל צווישען ריינקען און חנה'לען און זי האט די גאנצע צייט געוויינט ווי א קליין קינד.

— אוי, א געזונט אין זיינע ביינדעלעך! — האט זיך יאכע יעדע ווייליע צעכליפעט. — ווער האט זיך געקאנט פארשטעלען אז מיין יואל דוד'ל זאל האבען אזא שטימע? ער איז דאך אן אוצר... אזא בריליאנט...

חנה'לעס אויגען האבען געלויכטען פון גליק. איהרע באקען האבען געפלאמט און ריינקע'ס הארץ האט געקלאפט צווישען האפענונג און צווייפעל: ווער ווייסט, אויב זיין מומע וועט פון איצט אן ניט ווערען קיין שטערונג? זי וועט דארפען טאן אלץ וואס מעגליך צופרידענשטעלען יאכע'ן. וועט איהר אוועקשענקען נאך א קלייד און אויך איהר גוטען מאנטעל...

דער שוהל־הויף איז געווען שווארץ מיט מענשען און לאנג נאכ'ן דאוונען זיינען זיי פארבליבען מיט דער האפענונג צו כאפען א בליק אויף דעם וואונדערבארען אינגעל, וועלכער האט אלעמען פאר'כשופ'ט מיט זיין זינגען.

ריינקע, חנה'לע און יאכע זיינען אוועק אהיים כדי צו העלפען דער דינסט צוגרייטען אלעס. זיי האבען ערווארט א סך געסט און האבען געוואלט זיין פארטיג מיט'ן עסען.

ר' מרדכי און יואל דוד זיינען פארבליבען אין שוהל א היבשע ווייליע נאכ'ן דאוונען. זיי זיינען ארומגערינגעלט געווארען פון די רייכסטע און חשוב'סטע בעלי בתים פון ווילנע. אויך איינינע רבנים און דיינים זיינען צוגעשטאנען צו זיי.

— געבענשט זאלסטו זיין מיין קינד, דו ביזט איינער אין צעהן דורות! — האט ר' שלמה דער רב געזאגט. — דו ביזט באשאנקען געווארען מיט א חלק אלקי ממעל...

ר' שמעון פרנס, דער גבאי ראשון, איז געשטאנען עטוואס אפגע־

רוקט און כאטש ער האט אויך יואל דוד'ן געגעבן זיין האנט און איהם געזאגט "גוט יום טוב", האט ער אבער ניט געוואלט בלייבן שטעהן לעבען ר' מרדכי'ן.

— ווילנע מעג זיך שעצען גליקליך, וואס יואל דוד איז איינער פון איהרע זיהן, — האט דער שטאט־חזן געזאגט. — אלע אידישע שטעט איבער דער גאנצער וועלט וועלען מקנא זיין ווילנע...

— איהר הערט? — האט ר' שמעון זיך אנגערופען, — דער שטאט־חזן אליין ווינשט אז מיר זאלען יואל דוד'ן געבען א כתב חזנות. צווייפעלט נאך אימיצער אין דעם? איך האף אז קיינער וועט איהם ניט שטעהן איז וועג... אם ירצא השם, מוצאי יום טוב, וועלען מיר זיין גרייט איהם צו געבען א כתב חזנות... איך קאן זיך קוים פארשטעלען אז אימיצער זאל זיין דאגעגען.

אזוי רעדענדיג האט ר' שמעון געווארפען א בליק אין דער ריכטונג פון ר' מרדכי'ן, און דערביי צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. ר' מרדכי אבער האט צו זיינע רייד קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשאנקען. ער איז געוועזן איינגאנצען פארנומען מיט זיינע געדאנקען. ער האט געטראכט אז זיין פרוי ריינקע איז טאקע גערעכט. מען וועט דארפען זעהן וואס שנעלער איהם חתונה צו מאכען מיט חנה'לען. און פארוואס טאקע ניט אום ל"ג בעומר?

אויף מארגען, אחרון של פסח, האט מען שוין געדארפט האבען פאליציי צו האלטען ארדנונג, ווייל עס זיינען אנגעקומען צעהן מאל מעהר מענשען וויפיל די שוהל האט געקאנט ארייננעהמען. זעקס אזייגער פארטאג, איידער מען האט געעפענט די שוהל, זיינען שוין אידען געשטאנען און געווארט אריינצוגעהן אין שוהל און אזוי שנעל ווי דער שמש האט נאר אויפגעעפענט די אייזערנע גרויסע טיר האבען זיך מענשען א שאט געטאן, זיי האבען דעם שמש אומגעווארפען און טאקע דורך א נס איז איהם געלונגען זיך צו ראטעווען, ניט צוטראטען צו ווערען אויף טויט. די אריינגעקומענע האבען פארכאפט די פלעצער נעבען פאליש, וואס באלאנגען צו קיינעם ניט, כדי מען זאל זיי נאכהער פון דארטען ניט אוועקטרייבען...

און ווידער אמאל האט יואל דוד'ס וואונדערבארע שטימע אפגעקלונגען אין דער גרויסער ברייטער שוהל. יעדעס מאל האט ער געזונגען אנדערע תפילות און דער עולם איז נאך מעהר באגייסטערט געווארען. איצט האבען שוין אפילו די געצעהלטע געגנער צוגעשטימט אז ער זאל ווערען שטאט־חזן. די גאר פרומע אידען וועלכע האבען ניט געוואלט דערלאזען אז א אינגעל זאל זיין דער שליח ציבור, האבען איינגעזעהען, אז זייערע רייד וועלען פאלען אויף טויבע אויערען...

גלייך נאכ'ן דאווענען איז ביי אלעמען באשלאסען געווארען צו פארהאנדלען מיט יואל דוד'ן ער זאל אננעהמען די שטעלע פון ווילנער שטאט־חזן.

— מיר וועלען היינט, מוצאי יום טוב, קומען צו אייך און מיר וועלן שרייבען א כתב חזנות מיט יואל דוד'ן, — האט איינער פון די גבאים זיך אנגערופען צו ר' מרדכי'ן.

— איך וועל זיין צופרידען אייך צו האבען פאר מיינע געסט! — האט ר' מרדכי געזאגט.

— מיין עצה איז, אז מיר זאלען זיך אלע צונויפקומען ביים שטאט־חזן אין הויז, — האט ר' שמעון א זאג געטאן.

— און פארוואס ניט אין ר' מרדכי'ס הויז? — האט איינער פון די גבאים זיך אנגערופען.

— ווייל איך וועל צו איהם אין הויז ניט קאנען קומען, סיידען איהר וועט וועלען אלעם דורכפיהרען אהן מיר, איז אויך רעכט!

— אהן אייך? — האט א צווייטער א זאג געטאן. — איהר זייט דאך דער גבאי ראשון און מיר מוזען דאך האבען אייער חתימה.

— איך וועל אבער צו ר'מרדכי'ן אין הויז ניט געהן!

— פארוואס ניט?

— ווייל מען האט מיך פון זיין הויז אזוי גוט ווי ארויסגעטריבען.

— וואס רעדט איהר, ר' שמעון?

— איהר קאנט פרעגען ר' מרדכי'ן. זאל ער עס אפלייקענען.

— איך פארשטעה אייך ניט, ר' שמעון, — האט מרדכי זיך אנגערופען. — איהר רעדט נארישקייטען. קיינער האט אייך ניט ארויסגעטריבען, מען האט זיך אביסעל צעווערטעלט, און מיין פרוי זאל געזונט זיין האט זיך ארויסגעבאפט מיט א הארבעןווארט. איך פארזיכער אייך, אז זי האט גארנישט געמיינט און אז איהר וועט זיין ווילקאמען אין אונזער הויז צוזאמען מיט די אנדערע.

— ניין, איך וועל ניט געהן! — האט ר' שמעון ארויסגעוויזען זיין עקשנות. — איך וויל ניט מען זאל מיר טאן טובות... איהר זעהט דאך אז איך פארלאנג ניט אז מען זאל זיך צוזאמענקלייבען אין מיין הויז, אבער מיר קאנען דאך צוזאמענקומען אין שטוב פון שטאט־חזן, און אויב ניט דארט קאנען מיר אריינקומען צו ר' שלמה'ן אין הויז. צו איהם וועל איך ניט געהן!

— איהר הערט, אידען, — האט ר' מרדכי זיך געווענדעט צו די אי־בעריגע, — ר' שמעון וויל דוקא אנהאלטען זיין ברוגז, כאטש איך האב איהם פארזיכערט אז מיר האבען גאר ניט געמיינט. איהר קאנט אלע מיין רייבקען, זאל געזונט זיין, זאגט מיר, איז זי טאקע אזוי שלעכט? מאלע וואס מען רעדט זיך אמאל איבער... פע, עס איז ניט קיין אידישע מידה צו טראגען א שנאה אויף יענעם אין הארצען.

איהר הערט, א שנאה... איך בין צו זיי געקומען און פארגעשלאגען אז יואל דוד זאל דאווענען די צווייטע טעג פסח, האבען זיי פון דעם ניט געוואלט הערען. ווען איך האב געבעטען אז יואל דוד זאל צוקומען צו מיר אין הויז... און איך האב אפילו געזאגט אז אויך ר' מרדכי זאל מיט איהם

צוקומען, האט זיך די מאדאם סטראשון אזוי צעהיצט און צעקאכט אז זי האט מיך גאנץ פשוט משלח געווען פון איהר הויז. נו, פרעג איך אייך, וואס פאר א פנים וועט עס האבען ווען איך זאל קומען צו זיי אין הויז?

— איך זעה אז מען מאכט א ווען ווענען אזא קליינינקייט, — האט נאך איינער זיך אנגערופען, — נו, ר׳ מרדכי, גיט שוין נאך! — לאמיר זיך פארזאמלען אין שטאט-חזן׳ן הויז אדער ביי אימיצען אנדערש.

— איך וועל אייך זאגען, איך וואלט דערפון קיין צימעס געווים ניט געמאכט. מיר וואלט ניט געארט וואו מיר זאלען זיך צונויפקלייבען, אבער איהר דארפט וויסען אז אין מיין הויז געפינט זיך יואל דוד׳ס מומע און זי האט אויך עפעס וואס צו זאגען, און דעריבער ניט מעהר ווי רעכט, מיר זאלען זיך צוזאמענקלייבען אין מיין הויז. זי וועט ניט וועלען געהן אנדערשוואו... און טאקע יואל דוד אליין. ביי מיר פיהלט ער זיך שוין היימיש.

— נו, אויב אזוי וועל איך אייך ניט שטעהן אין וועג, — האט ר׳ שמעון געזאגט, — איהר וועט קאנען אלעס דורכפיהרען אהן מיר.

— וואס הייסט, אייער חתימה מוז דאך זיין די ערשטע! איהר זייט דאך גבאי ראשון!

— איהר וועט זיך באגעהן אהן מיר! — האט ר׳ שמעון געזאגט.

— הערט זיך איין, ר׳ שמעון, — האט ר׳ מרדכי געזאגט, — לאמיר פארגעסען די אלע קליינינקייטען. מיין פרוי וועט זיך פאר אייך אנטשולדי-גען און מען דארף ניט טראגען קיין כעס איינער אויפ׳ן צווייטען.

— איך טראג ניט קיין כעס! — האט ר׳ שמעון געזאגט, — אבער איך וועל ניט געהן צו אייך... איך געה ניט אין א פלאץ פון וואנען מען טרייבט מיך...

— נו, מילא, איז ניט! — האט שוין ר׳ מרדכי געזאגט. — אבער איהר דארפט וויסען זיין אז איצט וועט די שולד פאלען אויף אייך. איך בין ניט דאנגעגען און איך בין זיכער אז אויך זיין מומע וועט זיין צופרידען צו געבען איהר צושטימונג. פארשטעהט זיך, אז אויב ניט, וועלען מיר זיין צופרידען צו ווארטען... קיינער איילט איהם ניט!

— וואס הייסט קיינער איילט איהם ניט! — האט ר׳ זכריה אויס-גערופען — גאנץ ווילנע איז אומגעדולדיג...

— נו, איהר זעהט דאך, אז ר׳ שמעון איז פאר׳עקשנ׳ט.

— נישקשה, ר׳ שמעון וועט קומען צו אייך! — האט ר׳ יודעל אויס-גערופען, — לאזט עס איבער צו מיר. אין אזא צייט דארף מען ניט שפילען קיין ברוגז. איך וועל היינט אין אווענט קומען מיט ר׳שמעונ׳ען צו אייך!

— איך זאג אייך, אז איך וועל ניט געהן! — האט ר׳ שמעון געזאגט.

— איהר וועט שוין יע געהן! נעהמט איהם ר׳ יודעל אן ביים האנט — וואס הייסט איהר׳ט ניט געהן? וואס איז דאס פאר א שפילען ברוגז? עס איז ניט שעהן זיך צו קריגען. בפרט צוויי פון אונזערע חשוב׳סטע בעלי

בתים, זאלען לעבען... ווי מיר שטעהען איצט אין א מקום קדוש, איהר דארפט שלום מאכען צווישען זיך.

— פון מיין צד איז קיין מניעה ניטא — האט ר' מרדכי געזאגט — איך טראג אויף קיינעם קיין כעס.

— נו, אויב אזוי, וועלען מיר היינט אין אווענט קומען צו אייך ר' מרדכי! — האט יודעל א זאג געטאן.

— ניין, איך וועל ניט געהן, סיידען... — האט ר' שמעון געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף ניין.

— סיידען וואס?

— סיידען ר' מרדכי וועט שיקען זיין טאכטער מיך רופען...

— אט אזוי רעדט... ר' מרדכי איז ניט קיין עקשן... מיר וועלען זיך אלע אם ירצה השם זעהן אין זיין הויז מוצאי יום טוב.

די גאנצע צייט וואס די בעלי בתים האבען צווישען זיך גערעדט איז יואל דוד געזעסען אויף זיין פלאץ. ער האט געווישט דעם שווייס פון זיין שטערען און עס האט זיך געדוכט, אז איהם געהט ניט אן דער גאנצער געשפרעך... ער האט געפיהלט, אז ער קאן זיך אינגאנצען פארלאזען אויף ר' מרדכי'ן וואס ער וועט באשליסען וועט עס זיין פון זיין טובה וועגען.

ווען זיי זיינען שוין געווען אין דרויסען האט זיך ר' מרדכי אנגערופען צום שטאט חזן, וועלכער האט זיי באגלייגט א שטיקעל וועג.

— איך וואלט זעהר געוואלט איהר זאלט מיטגעהן מיט אונז אהיים, איהר וועט עסען מיטאג ביי אונז און מיר וואלטען זיך דערווייל געקאנט דורכריידען. איהר פארשטעהט, עס וואלט געווען גוט פאר יואל דוד'ן ווען ער האט א געלעגענהייט מיט אייך צו ריידען.

— מיין אלטעווארט אויף מיר מיט'ן עסען... איך וועל צוקומען צו אייך גלייך נאך מיטאג. מיר וועלען האבען גענוג צייט צו ריידען.

— איך וועל אייך זאגען וואס איך מיין — האט ר' מרדכי איהם אין דער שטיל א זאג געטאן — יואל דוד איז א קינד א זייד... ער האט מיט מיר שוין גערעדט וועגען דעם... ער וואלט זעהר ניט געוואלט איהר זאלט ליידען צוליב דעם... אפילו ווען איהר זאלט קריגען דיזעלבע שכירות ווי ביז איצט, פיהלט ער זיך זעהר שלעכט, אז ער זאל דארפען פארנעהמען אייער אמט און זיך אנרופען שטאט־חזן... ער אליין האט מיר געזאגט, אז ער וואלט בעסער געוואלט מען זאל איהם רופען דער געהילף שטאט־חזן און איהר זאלט בלייבען ווי ביז איצט.

— וואס רעדט איהר, ר' מרדכי — ווי קאן איך זיך פארגלייכען צו איהם. ער באזיצט א זעלטענע שטימע, איהר אליין האט דאך געהערט וואס ר' שמחה'לע האט געזאגט וועגען איהם. עס וועט זיין פאר מיר א כבוד אנגערופען צו ווערען חזן שני צו איהם.. און אזוי לאנג ווי די פרנסה מיינע וועט פון מיר ניט אוועקגענומען ווערען, וועל איך זיין מעהר ווי צו־פרידען. גלויבט מיר, אז איך אליין האב דעם גרעסטען גייסטיגען פאר־גענינגען צו הערען איהם דאווענען... ער מעג רוהיג זיין... ער האט מיין פולע

צושטימונג און מיינע בעסטע וואונשען... ביז איך דען ניט געוועזן דער ערשטער עס פארצושלאגען, גלייך ווי ער האט געענדיגט דאווענען דעם ערשטען מוסף.

— אויב אייך וועט עס קיין שאדען ניט ברייננען איז דאך ניט שייך — האט ר׳ מרדכי געזאגט. פונדעסטוועגען כאפט זיך צו מיר אריבער אזוי שנעל ווי איהר וועט פארטיג ווערען מיט׳ן עסען.

— פארשטעהט זיך, אז איך וועל קומען! — האט דער שטאט־חזן געזאגט און ער האט געדריקט זיין האנט און די האנט פון יואל דוד׳ן און איז אהיים געגאנגען.

כאטש ר׳ לייב קאנטאר דער שטאט חזן איז באמת געוועזן צופרידען וואס קהל וועט אנשטעלען יואל דוד׳ן אלס שטאט חזן, איז אבער זיין פרוי געוועזן שטארק דערשלאגען און דערשיטערט. ביז איצט האט זי מיט איהר מאן ניט געוואלט ריידען וועגען דעם, אבער היינט, אז זי האט געהערט פון פילע ווייבער, אז יואל דוד וועט ווערען שטאט חזן האט עס איהר א ציה געטאן ביים הארצען.

— וואס איז דאס פאר א רייד — האט זי איהם געפרעגט, ווי נאר ער איז אריין אין הויז און געזאגט: „גוט יום טוב״. איך הער, אז מען רעדט שוין וועגען אנשטעלען יואל דוד׳ן פאר דעם שטאט חזן.

— נו, אדרבא, זאג דו אליין, האט די ווילנער שטאט־שוהל ניט פאר־דינט צו האבען אזא שטאט־חזן! דו האסט דאך איהם געהערט.

— פס. — געהערט! א אינגעל האט א שעהנע שטימע, איז וואס? נעמט מען איהם אריין אין כאר און ער זינגט א סאלא... אבער פאר א שטאט־חזן... וואס זיינען זיי משוגע געווארען.

— איך אליין בין געוועזן דער ערשטער דאס פארצושלאגען! — האט ר׳ לייב א זאג געטאן.

— דו? ! וואס, דו ביזט פון זינען ארונטער! — האט זיך זיין פרוי אויף איהם צעשריען, וואס הייסט דו גיסט דיין ברויט!

— זיי ניט אזוי אויפגערעגט — ענטפערט איהר ר׳ לייב — קהל וועט מיך אויך ניט קריוודען. אויב יואל דוד וועט אנגעשטעלט ווערען אלס חזן, וועל איך נאך אלץ קריגען מיינע שכירות . . .

— און אויף וואס זעהענדיג! דו ווילסט, הייסט עס, אז קהל זאל דיר געבען צדקה, אוים רחמנות... ניין, איך זאל וויסען, אז איך זאל דאר־פען אויסגעהן פון הונגער, וועל איך דיך ניט לאזען נעמען קיין צדקה...

— נו, דו רעדסט שוין גאר אויסען וועג. ווער זאגט דיר, אז איך וועל נעמען צדקה. איך וועל דאווענען דריי מאל א חודש, אויסער שבת מברכים אדער א יום טוב, דאן וועט דאווענען יואל דוד... איך מוז דיר זאגען, אז די בעלי בתים באציהען זיך צו מיר מיט גרוים כבוד און דרך ארץ. ניט איינמאל האבען זיי מיר געזאגט, אז אויב איך פיהל זיך גע־קריוודעט, וועלען זיי עס ניט טאן. און נאר וואס האט מיר דאס זעלבע געזאגט ר׳ מרדכי אליין, טאקע אין נאמען פון יואל דוד׳ן.

— ווען דו פאלגסט מיך, וואלסטו ניט גענדאַרפט זיין אזא לעמעשקע און ערלויבען אזא זאך.

— דו רעדסט נארישקייטען — האט ער געזאגט — קאן מען פאר־שטעלען די זון זי זאל ניט לייכטען. קאן מען פארהאלטען א שטראָמיגען קוואל וואסער, אזוי וועט זיין מעגליך אפצוהאלטען קהל... ווען איך וואלט געוועז געגען דעם, אז יואל דוד זאל אנגעשטעלט ווערען אלס שטאט חזן, וואלט איך זיך בלויז צום נארען געמאכט. איך וואלט ארייגגעקראגען א סך שונאים און נאכהער ווען מיין טערמין וואלט זיך געענדיגט, וואלט מען פון מיר מעהר ניט געוואלט וויסען... ווען אבער, אז איך אליין האב עס דער ערשטער פארגעשלאגען, איז שוין איינגאנצען אנדערש. קהל וועט זעהן, אז איך זאל בלייבען אין שוהל, אפילו זאל זיין חזן שני וועל איך ניט האבען קיין דאגת פרנסה.

— ווען דו וואלסט געזעהן ווי די ווייבער האבען אויף מיר געקוקט אין דער ווייבערשער שוהל, ווי זיי האבען געשאקעלט מיט די קעפ, פונקט ווי זיי וואלטען אויף מיר רחמנות געהאט... וואלסטו אויך אזוי געפיהלט... דו וואלסט פארשטאנען וואס זיי טראכטען...

— נו, ועמען געהט עס אן וואס ווייבער טראכטען... קיינער וועט ניט אפלייקענען, אז אזא וואונדערבארע שטימע ווי יואל דוד באזיצט קאן פאַ־סירען איינמאל אין א טויזענט יאהר, און איך וואלט שטארק געזינדיגט געגען דער ווילנער אידישער קהלה ווען איך וואלט שטעהן אין וועג.

קאפיטעל דרייצעהן

אין ר׳ מרדכי׳ס הויז האט זיך אין דעם לעצטען טאג פון פסח די טיר ניט צוגעמאכט. עס איז געווען ווי א יריד. מענשען זיינען געקומען און ארויס.

יואל דוד איז שוין מיעד געווארען פון דריקען די הענט פון די בעלי בתיש. ער האט אויסגעקוקט צו זיין מיעד און ריינקע איז צו איהם צוגע־שטאנען ער זאל אריינגעהן אין זיין צימער זיך צולייגען א ווייל.

— חנה׳לע, דו בעט איהם, דיר וועט ער פאלגען! — האט ריינקע געזאגט, און איהרע אויגען האבען געשטראהלט... ער איז דאך אזוי מיעד און היינט ביינאכט וועט מען איהם געוויס אפהאלטען ביז שפעט.

חנה׳לע איז צוגעגאנגען צו יואל דוד׳ן און מיט א צארטע שטימע זיך אנגערופען:

— יע, יואל דוד, טייערער, די מאמע איז גערעכט. דו ביזט אזוי מיעד. און מענשען הערען ניט אויף צו קומען. געה אריין אין דיין צימער און רוה זיך אויס, איך וועל צורעכט מאכען דאס בעט... דו האסט היינט גענוג געהארעוועט.

חנה׳לעס צערטליכקייט האט יואל דוד׳ן געגלאסטשעט און געוואַ־רעמט... ער האט פלוצלונג דערפיהלט א מין נאהענטקייט און ווארימקייט...

זי איז דאָך אזוי גוט צו איהם... זי איז א טייערע מיידעל... צום ערשטען מאָל איז איהם געקומען אויפ׳ן געדאנק, אז חנה׳לע וועט ווערען זיין כלה... פארוואס ניט... זי איז אזוי גוט, אזוי ליעב...

יואל דוד האָט זיך דערפיהלט, אז ער איז פּלוצלינג אויסגעוואקסען... ער איז געווארען א מענש. מען רעדט דאָך שוין וועגען געבען איהם א כתב חזנות. ער וועט ווערען שטאָט חזן... און אויב אזוי, איז ער שוין ניט מעהר קיין אינגעל. ער איז א פאָלנער מענש...

חנה׳לע האָט באמערקט ווי ער האָט זיך פארטראכט און זי האָט מיט א שמייכעל געזאָגט:

— וועגען וואָס טראכסטו איצט, יואל דוד! זאָג מיר, פאר מיר דארפסטו זיך ניט שעהמען.

— יאָ, גאָרניט! — האָט יואל דוד געזאָגט, און זיין פּנים האָט זיך גערויטעלט.

— נו, אויב אזוי געה אריין אין דיין צימער און לייג זיך צו אויף א ווײלע — האָט זי געזאָגט.

יואל דוד האָט גענומען געהן און חנה׳לע איז איהם נאָכגעגאנגען. די מומע יאכנע האָט עס ניט באמערקט, זי איז געווען פארנומען מיט די אנדערע פרויען, וועלכע זיינען געקומען צו ר׳ מרדכי׳ן אין הויז אויסצודריקען זייער באגייסטערונג, און יאכנע האָט דערוויל געהאט א געלעגענהייט צו דערצעהלען וואָס זי האָט געטאָן פאר איהר וואונדערבארען פּלימעניק, ווי אזוי זי פלעגט אויפשטעהן פארטאָג און געהן פארקויפען הייסע ארבעס כדי צו האָבען געלט פאר שכר לימוד פאר איהם.

יאכנע׳ס פּנים האָט געשיינט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין איינע פון ריינקע׳ס בעסטע קליידער. ריינקע האָט איהר אפילו אָפּגעגעבען א קראנץ קארעלען. זי האָט עס אליין ארויפגעטאָן אויף איהר האלז... און יאכנע האָט זיך געפיהלט וויכטיג... א קלייניגקייט, איהר פּלימעניק וועט באלד באלד ווערען ווילנער שטאָט־חזן. זאָלען אלע איהרע שונאים צופּוקעט ווערען.

יאכנע האָט געהאט א סך שונאים. זי האָט געהאט שונאים די אידענעס, די קאנקורענטקעס, וועלכע פלעגען איהר אריבערשרייען און זוכען אוועק־צונעמען קונים פון איהר... איבערהויפּט האָט זי קיינמאָל ניט געקאנט מוחל זיין דוואָשע׳ן, די וועלכע פלעגט פארקויפען הייסע רעטשיסניק . . . זי האָט איהר אזוי דערגאנגען די יאָהרען, אז זי פלעגט מוזען אָפּטרעטען פון איהר. און איינמאָל אפילו האָט זי געבראכט איהר אינגעל און איהם געהייסען איבערקעהרען איהר בלעך מיט׳ן רעטשיציניק. אמת, זי האָט איהר ניט געשאנקען, זי האָט איהר אויסגעריסען די האָר, עס איז געווארען אויף דער אידישער גאס, נעבען שוהל הויף אזא טומעל, אז מען איז זיך צוזאמענ־געלאָפען און מען האָט זיי קוים פאנאנדערגעריסען... די קללות וואָס זיי האָבען זיך איינע די אנדערע געגעבען זאָלען עס אָנקומען אויף אידישע שונאים.

איצט פרעגלענדיג זיך פון נחת און פרייד, האט יאכע א טראכט געטאן וועגען דוואשע'ן... וואס וועט זי זאגען ווען זי וועט אויסגעפינען, אז איהר פלימעניק איז געווארען שטאט־חזן. זי וועט עס איהר אליין דארפען דער־צעהלען און זאל זי צעפלאצט ווערען פון קנאה...

חנה'לע האט אראפגענומען די זיידענע דעקע פון בעט און געהייסען יואל דוד'ן זיך צולייגען.

— טהו אוים דעם רעקעל! — האט זי געזאגט — איך וועל ארונ־טערנעהמען די שיך!

זי האט זיך איינגעבויגען און יואל דוד האט אויסגערופען:

— ניין, ניין, חנה'לע, איך וועל זיי אליין ארונטערנעהמען.

— דו ביזט דאך אזוי מיעד — לאז עס מיר טאן — האט זי געזאגט, איך בעט דיר, יואל דוד, לאז מיר, עס איז א כבוד פאר מיר. דו ביזט דאך ווי א מלאך... דו האסט אלעמען באצויבערט. איך וויל האבען די מעג־ליכקייט צו זאגען, אז איך האב די שיך פון דיינע פים ארונטערגענומען. לאז מיך, איך בעט דיך.

— איך קען דאס ניט ערלויבען, חנה'לע, דו ביזט...

— יואל דוד האט עפעס געוואלט זאגען, אבער ער האט ניט געוואוסט ווי אזוי... זיין פנים איז רויט געווארען, זיינע אויגען האבען ליעבליך געגלאנצט.

חנה'לע האט אויף איהם געווארפען א צערטליכען בליק... זי האט זעהר געוואלט הערען פון איהם וואס ער האט צו זאגען וועגען איהר און זי האט איהם געפרעגט: וואס בין איך?... דו האסט דאך נאר וואס געוואלט עפעס זאגען... דו האסט צו מיר געזאגט: "חנה'לע, דו ביזט... וואס? שעהם זיך ניט יואל דוד, זאג מיר וואס דו טראכסט וועגען מיר.

— המ... איך... איך האב געוואלט דיר זאגען אז דו דארפסט עס ניט טהאן... איך וועל אליין קענען מיינע שיך ארונטערנעהמען.

— אבער וואס האסטו געוואלט זאגען, בין איך? — האט זי איהם ניט אפגעלאזען.

— דו ביזט צו מיר אזוי גוט... דו ביזט א מלאך... ווען ניט דו און דיינע עלטערען וואלט איך איצט געווען דער זעלבער פארלאזענער יתום, ווי מיר זאגען אין הלל: מקימי מעפר דל מאשפות ירים אביון, להושיבי עם נדיבים, עם נדיבי עמו, דאס מיינט: פון שטויב דערהויבט ער דעם ארימאן פון צווישען מיסט נעהט ער ארוים דעם אביון, און זעצט איהם צווישען די נאבעלע מענשען און איך וועל קיין מאל ניט פארגעסען וואס איהר האט פאר מיר געטאן.

אין חנה'לעס אויגען האבען זיך באוויזען טרעהרען. זי האט ארויס־גענומען א טיכעל און געווישט די טרעהרען.

— דו וויינסט, חנה'לע? — פרעגט יואל דוד.

— ניין, איך וויין ניט! דאס זיינען טרעהרען פון פרייד און גליק.

פונקט ווי איך און מיין מאמע האָבען היינט אין דער פריה געוויינט ביים דאַוונען ווען דו האָסט געזונגען ומפני חטאינו... דו ביזט דאָך אַזוי וואונ־דערבאַר... דו קענסט פאַרטייטשען דעם גאַנצען דאַוונען.

— אַ חזן דאַרף קענען פּירוש המלות — זאָגט יואל דוד — איך געדענק אַז מיין טאַטע פלעגט זאָגען, אַז אַ חזן וועלכער קען נים קיין פּירוש המלות, טאָר ניט צוגעהן צום עמוד... מיין טאַטע פלעגט מיט מיר לערנען פאַר־שטעהן דעם גאַנצען דאַוונען און שפּעטער אַז איך האָב אַליין געלערענט פלעג איך זוכען דעם טייטש פון יעדען וואָרט. פאַרשטעהסטו, חנה׳לע, אַ חזן איז אַ שליח ציבור. ער איז געשיקט פון קהל זיך אויסצו׳טענה׳ן מיט גאָט און איהם בעטען ער זאָל שענקען זיין פאָלק ישראל געזונט און פּרנסה. ער זאָל באַשיצען פון די פּיעלע שונאים.

— איצט שטעל זיך פאָר וואָס פאַר אַ פּנים אַ תּפלה קען האָבען אויב דער וועלכער איז מתפלל ווייסט ניט וואָס דאָס מיינט... בלויז ווען מען ווייסט די באַדייטונג פון יעדען וואָרט קען אַ חזן אויסגיסען זיין נשמה פאַר׳ן רבונו של עולם, בלויז דאַן איז זיין תּפלה האַרציג און עס ריהרט די צוהערער... ניט נאָר ווייס איך די פּירוש המלות פון דאַוונען נאָר אַפילו די באַדייטונג פון דעם פּיוט ווייס איך אויך... מיין טאַטע עליו השלום האָט אָנגעפאַנגען מיט מיר צו לערנען פּירוש המלות ווען איך בין בלויז פינף יאָהר אַלט געוועזען.

— אַ, איך האָב זיך מיט דיר פאַררעדט און דערוויייל לאָז איך דיר זיך ניט אָפּרוהען — האָט חנה׳לע זיך אָנגערופען — נו, איצט לאָז מיר אַרונטערנעהמען דיינע שיך און איך וועל אַרויס פון דיין צימער און וועסט כאַפּען אַ דרימעל.

— איך בין ניט שלעפעריג, חנה׳לע. איך דאַנק דיר, איך בעט דיר טו עס ניט... דו דאַרפסט מיר זיכער ניט באַדינען.

— הלואי וואָלט איך געוועזען ווערט דיר צו באַדינען מיין גאַנצען לעבען, האָט חנה׳לע אויסגערופען און איהר פּנים איז רויט געוואָרען...

— חנה׳לע — האָט יואל דוד זיך אויפגעשטעלט — דו דאַרפסט אַזוי ניט רעדען. ווער בין איך? איך בין ניט ווערט אַז דו זאָלסט פון מיר אַזוי טראַכטען.

— וואָס קען איך טאָן אַז איך הער ניט אויף צו טראַכטען פון דיר. דיין וואונדערשעהנע שטימע קלינגט נאָך איצט אין מיינע אויערען. איך ווייס, יואל דוד, אַז ווען דו וועסט ווערען שטאָט־חזן און באַריהמט, וועסטו זיך אויף מיר אַפילו ניט וועלען אומקוקען... דו וועסט דאַן זוכען אַ מיידעל אַזעלכע, וועלכע זאָל זיין דיין גלייכען...

— ניין, חנה׳לע, עס איז ניט ריכטיג. דו וועסט זיין די איינציגע אין מיין גאַנצען לעבען.

— האָסט מיך דען ליעב, יואל דוד? האָט חנה׳לע אויסגערופען און איהר פּנים האָט געפלאַמט.

— המ... געווים... איך האָב דיך ליעב!

— און דו וועסט קיינמאָל קיינעם ניט ליעב האָבען אויסער מיך!

— קיינעם ניט אויסער דיך!

— ווי גליקליך איך בין — האָט חנה׳לע א זאָג געטאָן און א קוש געטאָן יואל דוד׳ן אין שטערען.

יואל דוד׳ס פנים האָט געפלאַמט... ער האָט דעם ערשטען מאָל אין זיין לעבען דורכגעמאכט אזא געפיהל... חנה׳לע איז אין זיינע אויגען געווען אזוי שעהן, אזוי צארט און ליבליך, אז ער האָט פון גרויסע פרייד קיין ווארט ניט געקענט אויסרעדען.

— איך וועל ווערען דיין כלה, יואל דוד, טייערער! — האָט חנה׳לע איהם אריינגעקוקט אין די אויגען מיט פיעל ליעבשאַפט.

יואל דוד איז געווען אזוי צעטראָגען פון אויפרעגונג און איבעראשונג אז ער האָט ניט געוואוסט וואס עס טוט זיך מיט איהם.

חנה׳לע אָבער האָט איהם שוין ניט אָפּגעלאָזען.

— זאָג מיר, טייערער, האָסטו מיך טאקע באמת ליעב?

— יע, חנה׳לע!

— און דו וועסט מיט מיר חתונה האָבען?

ער האָט א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ אויף יע...

— דו וועסט מיך קיין מאָל ניט פארבייטען אויף א צווייטער, הא, יואל דוד, טייערער?

— ניין, קיין מאָל ניט!

— שווער מיר צו, ליעבסטער! — האָט זי איהם געזאָגט — שווער מיר ביי דיין הייליגען ארבע כנפות.

— דו גלויבסט מיר ניט? — האָט יואל דוד געפרעגט.

— איך גלויב דיר, אָבער איך וואָלט וועלען זיין זיכער אז דו וועסט מיך שטענדיג ליעב האָבען, אז דו וועסט מיך ניט פארבייטען אויף א צווייטער. ווייל עס קען דאָך זיין אז דיין מוהמע׳ן זאָל איך גאָר ניט געפעלען ווערען?

— מיר ביזטו אָבער זעהר געפעלען!

— און וואס וועט זיין אז דיין מוהמע וועט ניט דערלאָזען דו זאָלסט מיט מיר הייראטען!

— קיינער וועט מיר ניט זאָגען קיין דעה!..

— דעריבער וויל איך טאקע אז דו זאָלסט מיר צושווערען ביי דיינע הייליגע ציצית... ווייל אויב דיין מוהמע אדער אימיצער אנדערש וועלען דיך ניט לאָזען דו זאָלסט מיט מיר חתונה האָבען, דאן וועסטו זיי זאָגען, אז דו האָסט מיר געשוואָרען ביי דיינע הייליגע ציצית... איך ווייס, טייערער יואל דוד, אז עס זיינען פאראן פילע וואס וועלען זוכען אונז צו שטערען... ווען אָבער דו וועסט מיר שווערען וועל איך שוין פאר קיינעם קיין מורא ניט האָבען...

— אויב דו פארלאנגסט וועל איך שווערען — האָט יואל דוד ארויס-

געגומען די ציצית און אנגענומען חנה'לעס פינגער און ארומגעוויקעלט די ציצית אויף זיין פינגער און איהר פינגער.

— ביי די הייליגע ציצית שווער איך אז איך וועל דיך ליעב האבען מיין גאנצען לעבען און אז איך וועל מיט דיר חתונה האבען און דו וועסט זיין די איינציגע... אויסער דיך וועל איך קיינעם ניט ליעב האבען. איצט לאמיר ביידע א קוש טאן די ציצית און זאגען "אמן"...

חנה'לע און יואל דוד האבען ביידע מיט אמאל א קוש געטאן די ציצית וואס זיינען געווען ארומגעוויקעלט ארום זייערע פינגער און גלייכ־צייטיג געזאגט "אמן"...

— נו, איצט קענען מיר זיך צוקושען — האט חנה'לע געזאגט — מיר זיינען דאך שוין חתן כלה.

זי האט איהם ארומגענומען און א שטארקען קוש געטאן אויף זיינע ליפען. אויך יואל דוד האט זי א קוש געטאן.

— המ... חנה'לע, איך בעט דיך — האט ער גענומען שטאמלען — דערצעהל עס ניט דיינע עלטערען, ווייל זיי וועלען אויף מיר אפשר זיין אין כעס.

— א, ניין, פארקעהרט, מיין טאטע און מאמע וועלען זיין גליקליך ווען זיי וועלען עס הערען.

— אבער דאך, ווארט נאך עטליכע טעג.

— אז דו ווילסט וועל איך טאן דיין פארלאנג — האט חנה'לע גע־זאגט. נו, און איצט וועסטו מיר שוין געווים ערלויבען אראפצונעהמען דיינע שיך. דו מוזט זיך דאך אויסרוהען.

חנה'לע האט זיך איינגעבויגען און האט אויסגעטאן יואל דוד'ס שיך. זי האט איהם געבעטען זיך צוליגען. און ווען ער האט זיך צוגעלייגט האט זי איהם נאך אמאל א קוש געטאן אין שטערען און זי איז ארויס פון צימער.

זי האט באמערקט איהר מוטער שטעהענדיג עטוואס אפגערוקט פון טיר. און דער צופלאמטער פנים פון חנה'לען איז נאך מעהר רויט געווארען.

— חנה'לע מיין טאכטער — איז ריינקע צו איהר צוגעגאנגען. נו, ער האט זיך צוגעלעגט.

— המ... יע, ער האט זיך צוגעלעגט — האט זי גענומען שטארק שטאמלען.

ריינקע האט פארשטאנען, אז חנה'לע האט איהר עפעס צו דערצעה־לען.

— קום אריין צו מיר אין צימער — האט ריינקע געזאגט — דער גאסט צימער איז פול מיט מענשען. איך בין צופרידען וואס יואל דוד רוהט זיך אויס.

חנה'לע איז נאכגעגאנגען איהר מוטער. זי האט זיך געפיהלט ווי א באשולדיגטע, כאטש זי האט געוואוסט אז איהר מוטער וועט זיין זעהר גליקליך צו הערען וואס עס איז פארגעקומען דארט צווישען איהר און יואל דוד'ן, אז ער האט ביי זיינע ציצית געשווארען מיט איהר חתונה צו הא־

בען... פון דעסטוועגען האָט זי זיך שטאַרק געשעהמט דאָס אַלעס איהר צו דערצעהלען.

— דו האָסט זיך געזאָמט א היבשע ווײַלע — האָט רײַנקע געזאָגט און זי האָט איהר דורכגענומען מיט איהרע בליקען.

חנה'לע איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער און איהרע אויגען זײַנען געווען געווענדעט צום באָדען. זי האָט פאַרשטאַנען אַז איהר מוטער שטויסט זיך אפשר אַן... אפשר איז זי די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים טיר און זיך צוגעהערט.

א שוידער איז דורך איהר קערפּער... זי וואָלט זעהר ניט געוואָלט אַז איהר מוטער זאָל האָבען געהערט וואָס זי און יואל דוד האָבען צווישען זיך גערעדט.

— מיר, דײַן מאַמען, דאַרפסטו זיך ניט שעהמען, חנה'לע — האָט רײַנקע זיך צו איהר געווענדעט — קום, זעץ זיך אַוועק דאָ נעבען מיר אויפ'ן בעט און וועסט מיר דערצעהלען אַלעס.

חנה'לע האָט אַזוי געטאָן און איז געבליבען זיצען שווײַגענדיג.

— נו, פאַר וואָס דערצעהלסטו מיר ניט, טאָכטער מײַנע — האָט רײַנקע אויסגערופען, אויב דו האָסט מיר צו דערצעהלען גוט נײַעס, דאַרפסטו עס פון מיר ניט פאַרבאָרגען.

— איך קען ניט מאַמע.

— וואָס מײַנסטו, חנה'לע מײַן קינד, דו האָסט יע עפּעס וואָס צו דערצעהלען, און ווילסט עס פון מיר באַהאַלטען?

— איך האָב יואל דוד'ן פאַרשפּראָכען דיר אַזוי שנעל ניט צו דער־צעהלען.

— אָה, אויב אַזוי קען איך זיך שוין אָנשטויסען... דערצעהל מיר חנה'לע, אַלעס... איך וועל שוין זעהן אַז יואל דוד זאָל זיך ניט דערוויסען אַז דו האָסט מיר דערצעהלט... פאַרשטעהסטו הײַנט אָבענד וועלען אַהער צוזאַמענקומען די חשוב'סטע בעלי בתים פון ווילנע... אויך ר' שמעון וועט זײַן... און ווער ווייסט וואָס ער קען נאָך טהאָן... דו ווייסט דאָך, אַז ער האָט שוין געזוכט צו פאַרגיפטען זײַן מח געגען אונז... און ער וועט הײַנט מאַכען נאָך א שטאַרקערען פאַרזוך.

— איך האָב מעהר פאַר קײַנעם קיין מורא ניט! — האָט חנה'לע געזאָגט.

— וואָס מײַנסטו, מײַן ליב קינד — האָט רײַנקע איהר שוין גענומען צערטלען.

— מאַמע, איך בעט דיך, דערצעהל קײַנעם ניט.

— וואָס ניט דערצעהלען? — האָט רײַנקע זי געפרעגט.

— דאָס וואָס איך וועל דיר איצט דערצעהלען.

— וואָס בין איך דײַן שונא? דו ווייסט דאָך אַז איך וועל ניט וועלען עס זאָל דיר חלילה אַרויסקומען א רעה... זאָג מיר, טאָכטערקע מײַנע, וואָס האָסטו גערעדט מיט יואל דוד'ן?

— ער האט מיר געזאגט, אז ער האט מיך ליעב און ער וועט קיינעם אויסער מיך ניט ליעב האבען זיין גאנצען לעבען.

— אוי, מיין קרוין, מיין הארץ — האט ריינקע איהר באדעקט מיט קושען — זאל דיר זיין מיט מזל, מיט גליק, מיט הצלחה... א דאנק דיר, א לויב דיר, גאט...

— ער האט צו מיר געשווארען ביי זיינע הייליגע ציצית אז ער וועט מיט מיר חתונה האבען און אז איך וועל זיין די איינציגע.

— געשווארען. נו, איצט דארפען מיר שוין פאר קיינעם קיין מורא ניט האבען — האט ריינקע פרייער אויפגעאטעמט — איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז זינט זיין מוהמע געפינט זיך ביי אונז, האט מיר דאס הארץ געשראקען. דו דארפסט וויסען אז זי איז זעהר א פארביטערטע פרוי און דערצו א פארביסענע און איך האב מורא געהאט אז זי וועט שטעהן אין וועג. איך האב זיך געשראקען, אז ר' שמעון זאל איהר אקארשט ניט דער־צעהלען וועגען יואל דוד'ס פאטער... דו ווייסט דאך אז אפילו א קאץ קען אמאל קאליע מאכען. איצט אבער אז ער האט דיר צוגעשווארען, האבען מיר שוין ניט וואס מורא צו האבען. זאג מיר, חנה'לע, ווי אזוי קומט עס אז ער האט געשווארען ביי זיינע ציצית?

— איך האב עס פון איהם פארלאנגט — האט חנה'לע א גליקליכע און א שטאלצע אויסגערופען.

— זאל אזוי זיין דיין מזל א גוטער ווי קלוג דו ביזט, מיין טאכטער! דו הערסט חנה'לע מיר וועלען באלד דארפען דערצעהלען דיין טאטען.

— אה, ניין, מאמע, איך בעט דיך, איך שעהם זיך פאר'ן טאטען!

— זיי ניט קיין נאר, קינד מיינס! — האט ריינקע איהר א קוש געטאן.

— דיין טאטע דארף עס באלד וויסען. פארשטעהסט, ווען ער וועט וויסען אז יואל דוד איז זיין צוקונפטיגער איידעם וועט ער קענען גאנץ אנדערש ריידען מיט די בעלי בתים וועגען איהם... ער מוז וויסען, איך קאן דיר גאר ניט איבערגעבען ווי גליקליך ער וועט זיך שעצען. א קלייניגקייט... דאס איז דאך געווען אונזער שטרעבונג און האפענונג. אם ירצה השם וועלען מיר פייערען אייער חתונה אום ל"ג בעומר... איך בעט דיך חנה'לע, מיין גאלד, מיין בריליאנט, גיב מיר א קניפ, איך וויל וויסען צי דאס איז אלעס אויפ'ן וואהר, אויב עס איז אין גאנצען קיין חלום ניט!

חנה'לע האט ארומגענומען איהר מוטער און זי א קוש געטאן.

— עס איז פארט אמת! — האט ריינקע מיט א שטראהלענדען פנים אויסגערופען. — איך פיהל דיינע הייסע ליפען... דו ווייסט ניט, מיין ליבע טאכטער, וואס פאר א וואונדערבארע זאך דו האסט נאר וואס אפגעטאן. א קלייניגקייט! דו קאנסט גאר קיין באגריף ניט האבען וואס דאס מיינט צו דיר און צו אונז אלעמען... גאנץ ווילנע קלינגט דאך מיט איהם... דיין טאטע האט מיר א ווייל פריהער דערצעהלט, אז באלד נאכ'ן דאווענען איז צו יואל דוד'ן צוגעקומען דער רב ר' שלמה'לע און איהם געזאגט: "געבענשט זאלסטו זיין מיין קינד, דו ביזט איינער אין צעהן דורות, דו

ביזט באשאנקען געווארען... איך געדענק ניט געניו דעם אויסדרוק אין לשון קודש אבער עס מיינט אז ער איז זעהר גרויס... און דער שטאט־חזן אליין האט געזאגט, אז ווילנע מעג זיך שעצען גליקליך וואס יואל דוד איז איינער פון איהרע זיהן... אלע אידישע שטעדט איבער דער גאנצער וועלט וועלען מקנא זיין ווילנע... און איצט מיין ליבע טאכטער אלע אידישע טעכטער וועלען דיר מקנא זיין... גאט האט דיר געשיקט אזא אוצר... איצט אז ער האט דיר געשווארען אז ער וועט מיט דיר חתונה האבען און ליעב האבען בלויז דיך אליין, קאן דען פאסירען א גרעסערער גליק פאר דיר, מיין קינד? איך מוז באלד דערצעהלען דיין טאטען. זאל ער זיך אויך פרעהען.

— א, ניין, מאמע, איך בעט דיך... ניט איצט... איך שעהם זיך.

— פאר דיין טאטען שעהמסטו זיך.. ווייסטו וואס דו רעדסט? געדענקסטו ווי דיין טאטע איז ארומגעלאפען זוכען יואל דוד'ן, ווען ער איז פלוצלינג פארשוואונדען געווארען... צוליב וואס זאלען מיר איהם בארויבען פאר א טאג אדער אפילו פאר א פאר שעה פון דעם פארגעניגען און גליק, אויסער דעם וועט ער עס דארפען וויסען ווי אזוי צו ריידען מיט די גבאים און די בעלי בתים, וועלכע וועלען היינט אין אווענט קומען שרייבען אן אפמאך מיט יואל דוד'ן. פארשטעהסטו, איצט אז מיר זיינען זיכער אז יואל דוד איז איינער פון אונז... ער איז שוין פאררעכענט ווי א זוהן צו אונז. דאן וועט ער קאנען ריידען צו זיי קלאהרע דבורים... יע, טעכטערל, דיין טאטע דארף עס וויסען. זעהסטו, קיינער וועט פון דעם ניט דארפען וויסען אויסער אונז, אפילו מיין שוועסטער חוה'ן וועל איך קיין ווארט פון דעם ניט דערצעהלען. זי איז טאקע א שוועסטער, אבער איך וויים אז זיי ליידט אויך אביסעלע פון קנאה... איך קאן עס פארשטעהן... בעסער אז זי וועט דערוויל ניט וויסען... אבער דיין טאטע...

— איך האב אבער פארשפראכען יואל דוד'ן...

— דו מעגסט זיין רוהיג, אז ניט איך און ניט דיין טאטע וועלען איהם מאכען צו פיהלען אז מיר ווייסען שוין... דו בלייב דא פאר א ווײלע און איך וועל באלד אריינקומען אהער מיט'ן טאטען.

חנה'לעס פנים איז געווען רויט ווי צונטער. איהרע אויגען האבען געלויכטען... זי האט ארומגעשפרייזט איבער'ן צימער הין און צוריק, איהרע געדאנקען זיינען געפלויגען אזוי שנעל... זי האט זיך פארגעשטעלט ווי מען פיהרט זי צו דער חופה... ווי אלע טייטלען אויף איהר מיט די פינגער און זאגען: "אט געהט די פרוי פון יונגען ווילנער שטאט־חזן"...

ריינקע האט ניט געוואלט אריינגעהן אין גאסט צימער. זי האט געוואוסט אז איהר פנים פלאמט, און אז מען וועט עפעס מערקען. זי האט דאריבער צוגערופען לאה'לען, איהר אינגערע טאכטער און איהר געזאגט זי זאל צוגעהן צום טאטען און איהם אריינשושקען אין אויער אז זי וויל יזיהם זעהן...

— טו עס אבער אזוי אז קיינער זאל דיר ניט באמערקען.

לאה'לע איז אריין אין גאסט צימער, איז צוגעגאנגען צו איהר טאטען וועלכער איז געזעסען און גערעדט מיט איינינע בעלי בתים. זי האט איהם ארייגעשושקעט אין אויער.

ר' מרדכי האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און זיך ענטשולדיגט פאר זיי און איז ארוים. לאה'לע איז איהם נאכגעגאנגען.

ווען ריינקע האט איהם דערזעהן אין קארידאר, האט זי געזאגט צו לאה'לען: — דו קינד מיינס, געה צוריק אין גאסט צימער... איז איך וועל דיר דארפען וועל איך דיר ארויסרופען.

די קליינע לאה'לע האט פארשטאנען אז די מאמע האט עפעס א סוד וואס זי וויל ניט זי זאל הערען. זי איז דאריבער באלד צוריק אריין אין גאסט צימער.

— נו, מרדכי, מיר קאנען זיך שוין אפגעבען מזל טוב! — האט ריינקע צו איהם א זאג געטאן. — אי, האבען מיר א קלוגע טאכטער, זאל איהר נאר גאט געבען געזונט און גליק.

— וואס איז געשעהן? — ווערט ר' מרדכי נייגעריג.

— וואס זאל געשעהן? — א ווילע פריהער האט יואל דוד'ל געשווארען צו חנה'לען מיט זיינע ציצית אז ער וועט מיט איהר חתונה האבען... נו, קאנסטו זיך פארשטעלען!... איצט האבען מיר ניט וואס צו זארגען, זאלען קומען צעהן ר' שמעונ'ס און צוואנציג מומע יאכעס... ער וועט שוין זיין אונזער איידעם... ווען דו וואלסט געהערט ווי חנה'לע האט צו איהם גערעדט... איך בין דאך א מאמע, איך האב זיך אביסעל אונטערגעהערט... איך בין געשטאנען נעבען דער טיר... אזא יאהר אויף אונז ביידען וואס פאר א קלוגע קינד חנה'לע איז... זי האט שוין געוואוסט ווי אזוי צו ריידען צו איהם. און אז זי האט שוין פון איהם ארויסגעקראגען דאס ווארט אז ער האט זי ליעב און אז ער וועט מיט איהר הייראטען, האט זי זיך אויף א רגע ניט פארלארען. זי האט גאנץ גוט געוואוסט אז עס וועלען זיך געפינען פילע שטערונגען אין איהר וועג און אז זי וועט זיין זיכערער ווען ער וועט איהר צושווערען... דו האסט באדארפט זעהן ווי יואל דוד'ל האט ארויסגענומען זיינע ציצית, זיי ארומגעוויקעלט אויף חנה'לעס פינגער און זיין פינגער און איהר צוגעשווארען. איך האב אריינגעקוקט דורכ'ן שליסעל לאך. נו, א דאנק דיר, א לויב דיר רבונו של עולם. וואס זאגסטו אויף דעם?

— איך זאג אז מיר זעהן די השגחה... עס איז א באשערטע זאך און מיר דארפען זיך שעצען גליקליך... עפעס א קליינינקייט, ער האט אויפגעשטורעמט גאנץ ווילנע און ער וועט נאך אויפשטורמען די וועלט... איך וועל דיר זאגען דעם אמת, ריינקע, אז איך האב זיך עטוואס געשראקען. איך האב געמיינט אז ר' שמעונ'ס רייד האבען געהאט אויף איהם א ווירקונג. דער אמת איז דאך אז איך בין געווען זיין פאטער'ס געגנער און איך האב געהאט א גרויסען חלק אין דעם וואס מען האט איהם ענטזאגט

פון זיין שטעלע אלס שטאט־חזן. ווייזט אויס אז ער זעהט איין אז דאס
האט ניט צו טאן מיט איהם.

פונדעסטוועגען זאג איך דיר אז עס איז אונזער אויפגאבע עס אינ־
גאנצען אפּצולייקענען. זאל ער מיינען אז ר׳ שמעון זאגט ליגען.

— ער וועט אויסגעפינען פון אנדערע. ניין, אפלייקענען אינגאנצען
קאן איך ניט. נאר וואס דען איך וועל עס מאכען צו קליינגעלט. מאלע
וואס מען רעדט זיך איבער אמאל...

— פאלג מיר, אויב דו וועסט קאנען אינגאנצען אפּלייקענען וועט
זיין א סך בעסער, און אויב ניט דארפען מיר זעהן קיינמאל וועגען דעם
ניט צו ריידען... אפשר שפּעטער, נאך זייער חתונה, וועלען מיר איהם
ערקלערען ווי די זאך איז פארגעקומען... נו, איצט, זאג מיר מרדכי, בין
איך ניט געווען גערעכט? ווי נאר איך האב איהם צום ערשטען מאל גע־
הערט זינגען, האב איך באשלאסען, אז יואל דוד מוז ווערען אונזער איי־
דעם... גאט האט אונז געהאלפען און אלעס האט זיך אויסגעלאזען ווי
איך האב געוואונשען.

— עס איז גוט וואס דאס האט פּאסירט היינט. איצט וועל איך
קאנען ריידען מיט די גבאים און בעלי בתים מיט מעהר תקיפות. קיינער
וועט מיר שוין ניט קאנען פרעגען וואס פאר א מחותן איך בין...

— ניין, מרדכי, מיין עצה איז אז דערווייל דארף קיינער ניט וויסען
פון דעם. פארשטעהסטו, דאס וואלט גלייך ארויסגערופען א שטורם. נאך
אלעמען איז יואל דוד צו יונג און בייזע צינגער וואלטען ניט אויפגעהערט
צו ריידען... דו דארפסט זיי זאגען אז מעהר ווי א יאהר וועט זיך יואל
דוד ניט פארבינדען. און מיר וועלען דאס איהם אויך זאגען. און פאר
א יאהר דארף אונז ניט ארען וואס די באדינגונגען וועלען זיין... עס איז
איז בעסער אז מיר וועלען א וואך פאר זייער חתונה אליין דערצעהלען.
דאן וועלען אונזערע שונאים קיין צייט ניט האבען צו קאנען ברייננגען
שאדען.

— דו ביזט גערעכט, ריינקע. איך זעה אז איך קאן זיך אויף דיר פאר־
לאזען, דו ביזט קלוג און אויסגערעכענט — האט ער איהר געגעבען א
קאמפּלימענט.

— פארשטעהסטו, יואל דוד אליין האט פון חנה׳לען פארלאנגט
זי זאל קיינעם פון דעם דערווייל ניט דערצעהלען. דארפען מיר זיך ניט
וויסענדיג מאכען די ערשטע פאר טעג.. איך וועל דיר זאגען דעם אמת,
אז איך האב זיך געשראקען פאר זיין מומען... איך וויים, טאמער געפינט
זי אויס פון ר׳ שמעון׳ען... זי איז דאך א בראנד א אידענע... מיר וואל־
טען זיך צו איהר קיינמאל ניט געקאנט אויסצאהלען... קום אריין צו
חנה׳לען, זי איז אין אונזער צימער, און אפשר ניט איצט. זי איז אזוי
אויפגערעגט, זי שעהמט זיך. איך האב דאך דיר שוין אלעס דערצעהלט...
בעסער געה צוריק צו דיינע געסט...

רײנקע האָט זיך אומגעקעהרט צו חנה׳לען און זי האָט זי ווידער געהאַלזט און געקושט.

— דײַן טאַטע, זאָל געזונט זײַן, ווייסט שוין אויך פון דעם, מײַן טאַכטער. — האָט רײנקע געזאָגט. — איך קאָן דיר גאָרניט איבערגעבען ווי גליקליך ער האָט זיך געפיהלט... אָבער דו האָסט ניט וואָס צו זאָרגען. מיר האָבען באַשלאָסען אז קײנער זאָל פון דעם ניט אויסגעפינען ביז די ריכטיגע צײַט וועט קומען און דו, חנה׳לע, לייג זיך צו אַ ווײַלע. דײַן פּנים איז רויט, און די געסט קאָנען נאָך עס באַמערקען... איך האָף אז יואל דוד׳ל כאַפּט אַ דרעמעל, ער וועט מסתּמא דאַרפען זיצען ביז שפּעט הײַנט בײַנאַכט.

✡ ✡ ✡

יואל דוד איז געלעגען אין בעט און זײַנע געדאַנקען זײַנען געווען פאַרנומען מיט חנה׳לען. ער האָט זיך געפיהלט גליקליך... ניט מעהר וועט ער דאַרפען לײַדען... ער האָט געענוג דורכגעמאַכט אין זײַן יונגען לעבען... זײַן מומע איז געווען שלעכט. אמת, זי איז ניט געווען אינגאַנצען שולדיג. זי איז געווען אַזוי אָרעם און פאַרביטערט, זי האָט קוים געקאָנט פאַרדינען פאַר זיך אַליין און דאָ האָט זי באַדאַרפט שפּײַזען זײַן קלײנעם ברודערל און איהם. האָט ער דען אויף איהר געקאָנט פאַריבעל האָבען ווען זי האָט איהם ערב פּסח אָוועקגעשיקט פון שטוב ער זאָל געפינען אַ בעל הבית בײַ וועמען צו עסען פּסח? אַפילו אויף די פּאָר קללות וואָס ער און זײַן ברו־דערל פלעגען גאַנץ אָפט פון איהר אַרײַנכאַפּען, האָט ער געפונען אַ זכות. ער פלעגט זיך אַרומדרעהען אין שטוב און גאָר ניט טאָן און זי פלעגט נאָך אַ שווערען טאָג אַרומשלעפען זיך מיט די קאַשיקעס, דאַרפען ערשט אָנפאַנגען האָרעווען.

ווי גליקליך ער דאַרף זיך שעצען וואָס זײ זײַנען אַלע אויסגעלײזט געוואָרען פון די אַלע צרות... ניט מעהר וועלען זײ דאַרפען אָפּפינסטערען אין דער נאַסער קאַלטער חורבה און שטיקען זיך מיט׳ן רויך. דאָ איז דאָך אַזוי גוט, אַזוי באַקוועם. די בעט, די קישענס, די קאָלדרע, אַלעס אַזוי רײן, אַזוי ציכטיג. ער דאַרף ניט מעהר מורא האָבען פאַר די מײַז וואָס פלעגען איהם בײַנאַכט ניט לאָזען שלאָפען פון שרעק. ער דאַרף ניט מעהר האַלטען קײן מלחמה מיט די וואַנצען. דאָ קאָן ער ליגען רוהיג. און חנה׳לע ווי טײַער און ליעב זי איז איהם... זי איז דאָך זײַן כּלה. זײ האָבען בײדע נאָך וואָס געשוואָרען בײַ די הייליגע ציצית. זי איז אַזוי שעהן, אַזאַ גוטע... ער האָט נאָך איצט געפיהלט דעם הייסען קוש וואָס זי האָט איהם פריהער געגעבען... זי האָט זײַנע שיך פון די פיס אַרונטערגענומען. עס פאַרדריסט איהם וואָס ער האָט דאָס איהר ערלויבט. נײן, ער וועט ניט דערלאָזען אז זי זאָל איהם באַדינען. ער וועט איהר באַדינען. זי, די צאַרטע און אײַ־דעלע... די גוטהערציגע און די נאָבעלע נשמה...

די גערדאנקען מאכען איהם גליקליך, איהם דוכט זיך אז קיינער קאן זיך צו איהם ניט גלייכען... ער איז אריינגעפאלען צווישען אזעלכע גוטע מענשען. ער פיהלט זיך פונקט ווי ער וואלט געווען זייער זוהן. חנה'לעס מאמע איז צו איהם אויך ווי א מאמע. זיין הארץ פלאטערט ווען ער טראכט פון חנה'לען, ווי שטארק ליעב זי האט איהם... זי האט פריהער געוויינט... זי האט איהם געזאגט אז דאס זיינען טרעהרען פון פרייד און גליק... ער וועט זי ליעב האבען זיין גאנצען לעבען און ער וועט זעהן אז זי זאל גליקליך זיין.

די טיר פון צימער האט זיך לאנגזאם געעפענט. יואל דוד באמערקט ווי חנה'לע רוקט אריין איהר קאפ זיך איבערצוצייגען אויב ער שלאפט. זי האט שוין געוואלט זיך צוריקציהען און ער האט אויסגערופען:

— חנה'לע!

— יואל דוד, איך האב דיך אויפגעוועקט. איז זי שוין אריין אין צימער און צוגעמאכט די טיר.

— ניין, חנה'לע, דו האסט מיך ניט אויפגעוועקט. איך האב ניט געשלאפען, איך בין די גאנצע צייט געווען וואך.

— און איך האב ניט געקאנט איינשלאפען פון גליק. איך האב די גאנצע צייט געטראכט פון דיר, חנה'לע.

— און איך בין אזוי גליקליך אז איך ווייס ניט וואס צו טאן פון שמחה. דו זעהסט ווי מיין פנים איז הייס... פיהל מיין פנים — האט זי אנגענומען זיין האנט... דו קאנסט מיר אנריהרען. מיר זיינען דאך חתן כלה.

חנה'לע האט צוגעלייגט איהר פנים צו זיין האנט און זי האט זיך גענומען לאסטשען צו איהם.

— דאס איז ווייל איך האב אויסגעפונען אז אויך דו האסט מיך ליעב, יואל דוד, מיין ליבסטער... דו ביזט מיר טייערער פון אלעם אין דער וועלט און איך מוז דיר זאגען אז מיין מאמע האט דיך אויך אזוי שטארק ליעב פונקט ווי דו וואלסט געווען איהר זוהן... און מיין טאטע האט דיך נאך מעהר ליעב ווי מיך... איך קאן דיר ניט איבערגעבען ווי צופרידען און גליקליך זיי וועלען זיך שעצען ווען מיר וועלען זיי זאגען אז מיר זיינען חתן כלה. אבער אז דו ווילסט איך זאל עס דערווייל האלטען בסוד פון זיי, וועל איך דיין פארלאנג ערפילען.

— נאך א פאר טעג... חנה'לע. איצט שעהם איך זיך... שפעטער אז איך וועל שוין ווערען אנגעשטעלט אלס שטאט־חזן. נו, דאן וועל איך זיך פיהלען ביי זיך פעסטער...

— הער זיך איין, יואל דוד — האט חנה'לע א זאג געטאן — היינט איז אבענד וועלען זיך צוזאמענקומען אלע גבאים און חשוב'ע בעלי בתים פון שטאט שוהל און זיי וועלען מיט דיך פארהאנדלען וועגען ווערען דער שטאט־חזן... פארשטעהסטו, דו האסט דאך קיינעם ניט אויסער מיינע עלטערען, וועלכע זאלען זארגען פאר דיר אז דו זאלסט ארויסקריגען די

בעסטע באדינגונגען. אפשר וואלט געווען בעסער ווען מיינע עלטערען וויי־סען שוין פון דעם, דאן וועט מיין טאטע וויסען ווי אזוי צו פארהאנדלען... דו פארשטעהסט? ווען מיין טאטע וועט זיך נעהמען איינשטעלען פאר דיר וועלען זיי איהם געוויס פרעגען: ווער גיט עס איהם דאס רעכט... אפשר וואלט געווען בעסער, אז איך זאל מיין מוטער דערצעהלען, אז מיר זיינען שוין חתן כלה...

— ניין, איך בעט דיך דערווייל נאך ניט... אפשר וועלען זיי זיין אויף מיר אין כעס.

— א, דו נארעלע — האט חנה'לע איהם א גלעט געטאן איבער'ן שטערען — זיי וועלען זיין אויף דיר אין כעס? זיי וועלען זיך דאן פיהלען גליקליך פונקט ווי מיר ביידע... איך בעט דיך, ערלויב מיר זיי צו דער־צעהלען. מיר האבען קיין רעכט ניט זיי צו בארויבען פאר א פאר טעג, אדער אפילו פאר א פאר שעה פון די פרייד און גליק.

יואל דוד האט א שמייכעל געטאן און געשוויגען און זי האט עס אנ־גענומען פאר א צייכען אז זי האט א רעכט עס צו טאן. זי וועט שוין איצט ניט דארפען מורא האבען טאמער וועט זיך איהר מוטער ארויסכאפען מיט אווארט פון וואס ער וועט דאן אויסגעפינען אז זי וויים שוין...

— אפשר וועסטו נאך פארט כאפען א דרימעל — האט חנה'לע געזאגט — אט וועל איך ארויסגעהן פון דאנען און דיך לאזען זיך אויס רוהען.

— ניין, חנה'לע, איך וועל שוין מעהר ניט שלאפען... אבער אפשר פאסט ניט דו זאלסט בלייבען דא אין צימער.

— פאר וואס ניט? זיינען מיר דען ניט חתן כלה? מיר געהערען דאך איינער צום צווייטען אויף אייביג... מיר האבען דאך ביידע דארויף געשווארען...

— דערווייל אבער וויסט דאך קיינער ניט פון דעם!

— הער זיך איין, יואל דוד! — האט חנה'לע זיך אנגערופען צו איהם, איך האף אז דו וועסט אויף מיר ניט זיין בייז.

— זיין בייז אויף דיר, חנה'לע. קיין מאל ניט אין מיין לעבען!

— אפילו ווען דו וועסט וויסען אז איך האב דיך גענארט... זאג מיר, טייערער, וואלסטו מיר מוחל געווען ווען דו געפינסט אויס אז איך האב דיר געזאגט א ליגען?

— וואס פאר א ליגען האסטו מיר געקענט זאגען? — האט ער א שמייכעל געטאן.

— איך האב דיר געזאגט... איך בעט דיך נאך אמאל זיי ניט אין כעס אויף מיר... זאגסטער מיר צו?

מיר וואס איז דאס?

— געוויס, איך וועל אויף דיר קיין מאל ניט זיין אין כעס. אבער זאג

— מיין מאמע און טאטע וויסען שוין אז מיר זיינען חתן כלה.

— זיי ווייסען שוין! — האט זיך יואל דוד א הויב געטאן פון בעט און איז געבליבען שטעהן אויף דער פאדלאגע.

— איך האב עס ניט געוואלט טאן, אבער מיין מאמע האט א קוק געטאן אויף מיין פנים און זי האט געזעהן ווי רויט און צעפלאמט מיינע באקען זיינען געווען, האט זי מיך אנגעהויבען פרעגען און איך האב קיין אנדער ברירה ניט געהאט און איהר אלעס דערצעהלט.

— דו האסט איהר אלעס דערצעהלט? — איז יואל דוד בלאס גע־ווארען.

— יע, טייערער, און ווען דו וואלסט זי געזעהן, זי איז געווען אזוי גליקליך, אזוי צופרידען. זי האט אונז געוואונשען מזל טוב און זי האט מיר געזאגט, אז איך דארף זיך רעכענען פאר די גליקליכסטע מיידעל, ניט נאר פון גאנץ ווילנע נאר פון דער גאנצער וועלט...

— און דיין טאטען האסטו אויך דערצעהלט? — פרעגט ער זי, און אין זיין שטימע איז געווען ווי א ציטער...

— ניין, מיין טאטען האב איך ניט דערצעהלט. מיין מאמע האט עס איהם דערצעהלט און זי האט מיר געזאגט, אז ער איז זעהר גליקליך. ער איז דאך אזוי שטאלץ מיט דיר... איצט וועסטו פאררעכענט ווערען פאר זיין זוהן. א, יואל דוד, דו ביזט אויף מיר בייז. איך זעה שוין...

— ניין, איך בין ניט בייז אויף דיר, חנה׳לע, אבער...

— איצט דארפען מיר זיך שוין ניט שעהמען און שרעקען... מיין מאמע האט מיר אבער פארשפראכען קיינעם ניט צו דערצעהלען ביז א וואך פאר אונז חתונה, אפילו מיין מומע חוה וועט דערפון ניט ווייסען, און דיין מומע יאכע געוויס ניט!

— ביזטו זיכער אז מיין מומע יאכע וועט עס ניט אויסגעפינען? — האט יואל דוד זי געפרעגט.

געוויס בין איך זיכער — מיין מאמע האט געזאגט, אז בלויז מיר פיער וועלען וויסען פון דעם סוד, איך, דו, מיין מאמע און מיין טאטע, מעהר וועט קיינער ניט וויסען ביז וואנען די צייט וועט קומען און מיר וועלען זיך גרייטען צו אונזער חתונה, ביזטו מיר מוחל, טייערער?

— אודאי בין איך דיר מוחל, חנה׳לע.

— זאג אליין, יואל דוד׳ל, מיינע עלטערען זיינען דאך אזעלכע גוטע און טייערע מענשען, פאר וואס זאלען זיי אויך ניט זיין גליקליך צוזאמען מיט אונז ביידען... נו, איצט וועלען מיר שוין זיך פאר זיי ניט דארפען היטען. דו וועסט מיר א קוש טאן, יואל דוד, וועל איך וויסען אז דו ביזט אויף מיר ניט בייז.

המ... איך... האט ער געגומען שטאמלען און זיין פנים איז רויט געווארען.

— מיר זיינען דאך חתן כלה, דו דארפסט זיך ניט שעהמען צו געבען מיר א קוש... אט וועל איך דיר ווייזען אז איך שעהם זיך ניט.

חנה׳לע האט ארומגעפלאכטען איהר האנט ארום זיין האלז און איהם א קוש געטאן.

— נו, דו זעהסט, איך שעהם זיך ניט... א כלה האט א רעכט צו קושען איהר חתן. און איצט גיב מיר אויך א קוש...

יואל דוד האט א וויילע געצעגערט.

— דו האסט מיך ניט ליעב, יואל דוד? — האט חנה׳לע איהם אריינגעקוקט אין די אויגען... מסתמא ביזטו אין דיין הארצען בייז אויף מיר...

— ניין, חנה׳לע, איך בין ניט בייז. איך האב דיך ליעב.

— טו פאר וואס ווילסטו מיר ניט געבען א קוש?..

יואל דוד האט זיך ארונטערגעבויגען און איהר געוואלט א קוש טאן, אבער דערווייל איז די יארמולקע ארונטערגעפאלען פון זיין קאפ.

יואל דוד און חנה׳לע האבען ביידע מיט איין מאל געוואלט אויפהויבען די יארמעלקע און זייערע קעפ האבען זיך אנגעשטויסען.

— דאס איז א סימן אז מיר וועלען ביידע זיין גליקליך אונזער גאנצען לעבען! — האט חנה׳לע געזאגט.

— איך האב דיר א קלאפ געטאן? —האט יואל דוד זי געפרעגט — עס מוז דיר וועה טאן.

— ניין, יואל דוד׳ל! עס טוט מיר ניט וועה... אט דא... אויף דעם פלאץ האט זיך מיין קאפ אנגעשלאגען אין דיינעם...

חנה׳לע האט אנגעוויזען מיט׳ן פינגער אויף דעם פלאץ, און זי האט ערווארט אז ער זאל זי דארט א קוש טאן. יואל דוד אבער איז געבליבען שטעהן באוועגלאז.

— אויב דו וועסט מיר א קוש טאן אט דא א, וועט דער וועהטאג באלד פארשווינדען.

יואל דוד האט איהר א קוש געטאן און חנה׳לע, א גליקליכע און מיט שטראהלענדע אויגען האט אויסגערופען:

— דו זעהסט, דער וועהטאג איז אין גאנצען פארשוואונדען, ווי מיט דער האנט אוועקגענומען. אבער דיר מוז עס נאך וועה טאן. צייג מיר וואו טוט דיר וועה?

— ניין, מיר טוט אין ערגעץ ניט וועה...

— אבער צייג מיר דעם פלאץ וואו דיין קאפ האט זיך אנגעשלאגען אן מיינעם?

יואל דוד האט אנגעצייגט און חנה׳לע האט איהם אויף יענעם פלאץ א קוש געטאן.

— נו, איצט וועט אונז שוין ביידען ניט וועה טאן! — האט זי לאבענדיג א זאג געטאן — דאס איז א באוויז אז מיר וועלען זיך ביידע קיין מאל ניט וועה טאן, ניט אמת, יואל דוד?

— קיין מאל ניט! — האט יואל דוד ווידערהאלט איהרע רייד.

— דו וועסט מיך ליעב האבען אויף אייביג, אזוי לאנג ווי איך וועל לעבען!

— איצט ביז איך נאך מעהר גליקליך ווי פריהער! — האט חנה׳לע א זאג געטאן — איצט אז מיינע עלטערען ווייסען שוין פון דעם, פיהל איך ווי א שווערער שטיין איז ארונטער פון מיין הארצען... הער זיך איין, יואל דוד, טייערער, איך גלויב, אז איך קען זאגען מיין מאמען אז דו ווייסט שוין אז זי און דער טאטע ווייסען שוין פון אונזער סוד. עס וועט זיין פאר אונז אלעמען א סך בעסער...

יואל דוד האט געשוויגען און חנה׳לע האט ווייטער גערעדט.

פאר וואס זאלען זיי זיך מאכען, אז זיי ווייסען פון גאר ניט.. איך בין זיכער אז מיין מאמע וועט זיך ניט קענען באהערשען. זי וועט דיר וועלען ארויסצייגען מוטערליכע געפיהלען, וויל פון היינט אן ביזטו דאך פאררעכענט פאר איהר זוהן, ניט אמת?

— איך ווייס ניט?

— אויב אזוי מעגסטו עס וויסען. פון דעם ערשטען אווענד ווען דו ביזט צו אונז געקומען צום סדר, און דו האסט אנגעפאנגען צו זינגען, האט זיך מיין מאמע מיט דיר געבענשט... זי האט געוואונשען אז הלואי וואלט זי געהאט אזא זוהן ווי דו... איצט איז איהר וואונש ערפילט געווארען... דו ביזט שוין פאררעכענט פאר איהר זוהן... יע. יואל דוד, איך וועל דיר העלפען אנטאן די שיך און דאן וועסט ארויסקומען צו די געסט... א גאנצען טאג מאכט זיך ניט צו אונזער טיר. אלע קומען דיך זעהן. און מיין מאמע זאגט זיי אז דו כאפסט א דרעמיל, אז דו רוהסט זיך אויס. אבער איך בין אין גאנצען שולדיג וואס דו האסט ניט געכאפט קיין דרעמיל. איך האב דיר געשטערט...

— נייז, חנה׳לע, דו האסט מיר גאר ניט געשטערט — האט יואל דוד געזאגט — פארקעהרט, איך בין זעהר צופרידען וואס דו ביזט געוועז. איך פיהל זיך איצט אזוי גוט...

חנה׳לע האט אויפגעהויבען יואל דוד׳ס שיך און זיי געוואלט אנטאן אויף זיינע פיס.

— נייז, חנה׳לע, איך וועל דיך ניט לאזען! — האט יואל דוד פרו־בירט אוועקנעמען פון איהר זיינע שיך — איך וועל דיך באדינען אבער ניט דו מיך...

— א געטרייע ווייב דארף באדינען איהר מאן... און איך האף אז איך וועל זיין צו דיר א געטרייע ווייב! און איצט אז מיר זיינען חתן כלה, וויל איך האבען דעם פארגעניגען דיך צו באדינען... עס איז דאך א כבוד פאר מיר... א קליינינקייט צו האבען די זכיה צו באדינען דיך, מיט וועמען הונדערטע טויזענטע אידען וועלען שטאלצירען... לאז מיך, איך בעט דיך...

— נייז, חנה׳לע, איך וועל דיך ניט לאזען — האט יואל דוד א זאג געטאן — עס פארדריסט מיר שוין וואס איך האב דיר ערלויבט ארונ־טערצונעהמען מיינע שיך. דו ביזט אזא גוטע, אבער דאס וועל איך דיר ניט לאזען טאן...

— דו ווילסט מיך באַרויבען פון אזא פאַרגעניגען, יואל דוד... איך בעט דיך, אַט לאָז מיך עס טאָן דאָס מאָל.

— ניין, חנה'לע איך קען דיר ניט ערלויבען עס צו טאָן.

— בלויז דאָס מאָל. איך וויל האָבען צו געדענקען, אַז דעם טאָג ווען מיר זיינען געוואָרען חתן כלה, האָב איך געהאַט די זכיה אַרונטערצונעהמען פון דיר די שיך און זיי אויך אַרגיפּצוטאָן אויף דיינע פיס. יע, לאָז מיך, איך בעט דיך.

יואל דוד האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט וועהרען און חנה'לע האָט אָנגעטאָן די שיך אויף זיינע פיס.

— דו ווערסט אַ ווײַלע וואַרטען — האָט זי איהם געזאָגט — פריהער וועל איך אַרויסגעהן און דערנאָך וועסטו אַרויסקומען.

חנה'לע איז אַרויס פון צימער. זי איז אַריינגעקומען אין גאַסט צימער וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט פיעל געסט.

— אַ, חנה'לע, וואו ביזטו געווען, האָט זי געפרעגט די מומע חוה.

— איך בין געווען ביי דער מאַמען אין צימער. איך האָב זיך אַ ווײַלע צוגעלעגט.

— קום אַהער, חנה'לע, איך וויל מיט דיר רעדען. זעץ זיך אַוועק אַט דאָ לעבען מיר.

חנה'לע האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהר. אין צימער איז געווען אַ טומעל. אַלע האָבען גערעדט און מעהר פון אַלעמען האָט מען געקענט הערען די מאַנסבילשע שטימע פון יאַכע'ן, יואל דוד'ס מומע. זי איז געווען אַרומגערינגעלט פון עטליכע פרויען, וועלכע זיינען געקומען מיט זייערע מענער צו רעדען וועגען יואל דוד'ן. זי האָט גערעדט אַזוי הויך, און זי האָט אָפּשר צום הונדערטסטען מאָל דערצעהלט די זעלבע זאַך, ווי אַזוי זי האָט אַכטונג געגעבען אויף די צוויי יתומים... ווינטער אין די גרויסע פרעסט און זומער אין די היצען פלעגט זי אַרויסגעהן מיט צוויי קאָשיקעס כדי צו פאַרדינען עפּעס פאַר די יתומים.

— ער איז דאָך ביי מיר געווען די אויגען אין קאָפּ. אַ קלייניגקייט יואל דוד'ל, איך האָב איהם געגאָסען גאָלד אין האַלז... אַליין האָב איך, גאַנץ אָפט אונטערגעהונגערט, אָבער פאַר איהם האָב איך געהאַט פון דאָס בעסטע... אַ קלייניגקייט יואל דוד'ל. דעם טעלערעל פון הימעל איז פאַר מיר ניט געווען צו שווער צו קריגען פאַר איהם. צום בעסטען מלמד האָב איך איהם געשיקט.

— דו הערסט וואָס יאַכע רעדט — האָט חוה אַ זאָג געטאָן צו חנה'לען, וואַרט אַ ווײַלע וועסטו הערען וואָס איך וועל זי פרעגען.

חוה האָט זיך צוגערוקט נעהנטער צו די פרויען און זי האָט זיך אָנגערופען :

— איך וויל אייך פרעגען יאַכע, לעבען, ווי קומט עס אַז ער האָט זיך געוואַלגערט ערב פּסח אין פּאַליש פון שוהל, ניט האָבענדיג וואו צו זיין אויף פּסח ?

— זאלט איהר מיר געזונט זיין, וואס מיינט איהר עס וואלט איהם ביי מיר עפעס געפעהלט? נאר וואס דען, דאס קינד האט זיך פארביינקט נאך א סדר... פארשטעהט איהר מיך, איך בין בלויז אן אשה, קען איך דען פראווען סדרים. ווען מיין מאן, א ליכטיגען גן עדן זאל ער האבען, האט געלעבט, פלעגט ער פראווען די סדרים. א מליץ יושר זאל ער זיין פאר אונז אלעמען. איצט אבער וואס האב איך געקאנט טאן. יואל דוד'לען האט זיך פארבענקט נאך א סדר, איז ער אוועק אין שטאט שוהל... נו, וואס האב איך געקענט טאן? איך האב ניט געקענט איהם אפהאלטען... זיין ברודער'ל, מאטעלע'ן האט גאר ניט געפעהלט ביי מיר... און איהם, הלואי וויטער, פון דאס שעהנסטע און דאס בעסטע האב איך איהם געגעבען.

אז חוה האט זיך צוריקגעזעצט נעבען חנה'לען האט זי זיך צו איהר אנגערופען אין דער שטיל:

— אוי, האט ער א מומע... זי איז א בראנד פייער. זי האט א מויל ווי אויף שרויפען... דו האסט געדארפט הערען ווי זי באריהמט זיך ווי גוט יואל דוד'ן איז געווען ביי איהר... עס האט איהם גאר ניט געפעהלט... פויגעל מילך האט זי איהם געגעבען און גאלד אין האלז האט זי איהם געגאסען... ווען מען מיינט זי, וויל זי נארען?

— וואס ארט עס אייך, מומע, אז זי רעדט. זי האט הנאה דערפון, זאל זי רעדען.

— איך האב מורא אז איהר וועט נאך האבען פון איהר צו זינגען און צו זאגען — האט חוה געזאגט — איך האב געהערט ווי דיין טאטע האט דערצעהלט, אין וואס פאר א חורבה זי האט געוואהנט אין קליין שני־פעשאק, און ווי אזוי זי האט דארט געלעבט. איצט וויל זי אלעמען איינ־רעדען אז דאס איז געווען א פאלאץ און אז יואל דוד'ן האט ביי איהר נאר ניט געפעהלט...

— א דאגה נו, זאל זי ריידען...

— דיין מאמע האט איהר אויסגעפוצט אין איהר שעהנסטע קלייד, זי האט איהר נאר געגעבען די קארעלען אויך און איצט מיינט זי אז זי איז גאר א פרינצעסין!... אזא אידענע דארף מען צופיעל ניט קעכלען. איך האב דאס טאקע געזאגט דיין מאמען. און וואס עפעס דארף זי שלאפען ביי אייך אין הויז און ווערען א גאנצע קאכלעפעל...

— די דירה וואס מיין טאטע האט איהר אפגעגעבען איז ניט פארטיג געווארען אויף די אנדערע טעג יום־טוב, איז זי דערווייל מיט אונז. נאך יום טוב, אם ירצה השם, וועט זי זיך אריבערקלייבען צו זיך אין דירה — האט חנה'לע געזאגט.

— איך זאג אייך אז איהר זייט מלאכים וואס איהר קענט אויסהאלטען פון איהר. זי פארהילכט דאך דאס גאנצע הויז. א מויל ווי א מיהל, מאלט און מאלט, אהן אויפהער...

חוה איז זעהר ניט געווען צופרידען פון דעם וואס איהר שוועסטער האט אריינגענומען יואל דוד'ס מומע צו זיך. זי איז אליין געווען ניט רייך.

איהר מאן האט קוים זיך דורכגעשלאגען מיט פרנסה און גאנץ אפט פלעגט די רייכע שוועסטער איהר ארויסהעלפען. אמאל מיט עטליכע גילדען, אמאל מיט סחורה און גאנץ אפט פלעגט רייכקע איהר אוועקגעבען א קלייד אדער א מאנטעל. און אז חוה האט געדארפט געהן ערגעץ צו א שמחה פלעגט איהר די שוועסטער אויסבארגען איהרע צירונג. דימענטענע אויררינגלעך, גאלדענע בראנזלעטען און קארעלען... און טאקע האט די דאזיגע קארעלען וואס זיי־נען איצט געווען ארום יאכע'ס האלז האט אין איהר ארויסגערופען גאר א שטארקע קנאה. חוה'ן האט פארדראסען פאר וואס רייכקע האט איהר קיין מאל ניט אנגעבאטען די קארעלען אלס מתנה... זי האט דאך אזוי גוט אויסגעקוקט אין זיי. און דא קומט א שווארץ יאהר, עפעס א אידענע א פארזעהעניש, מיט א שטימע פון א מאנסביל, און זי גיט איהר קארעלען און איינע פון איהרע שעהנסטע קליידער... זי פארשטעהט פאר וואס זי האט עס איהר געגעבען... פארוואס קומט עס איהר? די פלאפערקע, די מארק אידענע! די קארעלען פאסען זיך צו איהר ווי א חזיר א האלזבאנד... און איצט, אז זי האט געהערט ווי זי באריהמט זיך מיט איהר געטרייקייט צו יואל דוד'ן, האט זי זיך שוין מעהר ניט געקענט באהערשען און האט איהר ארייגעזאגט...

— דער ארימער יתום נעבאך, ער האט זיך געמוזט געגוג אנליידען ביי איהר — האט חוה ווייטער געזאגט צו חנה'לען. איך קען זיך פארשטע־לען ווי אזוי זי האט איהם באהאנדעלט... זי נעהמט און שיקט איהם אוועק ערב פסח אויף הפקר, ער זאל געפינען א בעל הבית ביי וועמען צו עסען די סדרים... וואלט עס א מאמע געטאן? מיר געפעלט נאך דאס וואס זי באריהמט זיך פאר די אנדערע ווייבער אז זי האט איהם געגעבען פון פויגעל מילך... מיין הארץ זאגט מיר אז איהר וועט האבען פון איהר אויסצור־שטעהן.

— זי איז גאר ניט אזא שלעכטע — האט חנה'לע געזאגט.

— וואס האסטו געוואלט אז זי זאל נאך ביי אייך אין הויז ארויס־ווייזען איהר שלעכטקייט... איך זעה אבער אז דיין מאמע פיהרט זי איבער. זי גיט איהר אוועק איהרע קליידער, איהרע צירונג און באלד וועט זי מיינען אז דאס קומט איהר. און גלויב מיר, חנה'לע, זי וועט דערנאך אוועקגעהן און אייך אלעמען גוט בארעדען...

— וואס קען זי אונז בארעדען? — מיר טוען דאך קיינעם קיין שלעכטס ניט!

— פון אזא צונג ווי יאכע'ס דארף מען זיך היטען... זי קען פאר־ברענגען מיט איהר צונג... איצט זאג מיר, חנה'לע וואס הערט זיך... איך מיין וועגען יואל דוד'ן. היינט ביינאכט וועט מען דאך קומען אהער איהם צו געבען א כתב חזנות... עפעס א קליינגקייט... ווילנער שטאט־חזן... זיין דאווגען היינט איז געווען נאך בעסער ווי פריהער... זאג מיר וואס טראכט דיין טאטע צו טאן

— איך ווייס ניט. וואס קען ער טאן? — האט חנה'לע געזוכט זיך

ארויסצודרעהען. זי האט פארשטאנען אז די מומע וויל פון איהר עפּעס ארויספּאמפּען.

— לאמיר דיר זאגען חנה'לע, אז נאך דעם ווי ער וועט ווערען שטאט־חזן וועלען זיך געפינען פיעלע בעלנים אויף איהם, די גרעסטע גבירים פון ווילנע וועלען זוכען איהם אוועקצונעהמען פון אייך... מען דארף ניט שלאָ־פען אין דעם. איך האב נאר וואס גערעדט מיט דיין מאמען און זי שיינט צו זיין גלייכגילטיג. איך קען ניט פארשטעהן וואס מיט איהר איז געוואָ־רען... וואס זאגסטו, חנה'לע?

— איך ווייס ניט, מומע — האט חנה'לע געזאגט — אט קומט אריין יואל דוד.

יואל דוד, אנגעטאן אין זיין יארמעלקע, איז אריין אין גאסט צימער און באלד איז דארט געווארען שטיל. אפילו יאכע איז באלד איינגעשטילט געווארען. זי איז צוגעקומען צו יואל דוד'ן און געזאגט מיט א ליבליכען שמייכעל:

— מיין קרוין, מיין הארץ, דו האסט זיך אביסעל אויסגערוהט... אהן עין הרע... טפו, טפו, אויף אלע פוסטע פעלדער און וויסטע וועלדער... קיין בייז אויג זאל דיר ניט שאדען... זאג מיט יואל דוד ווי פיהלסטו זיך...

— איך פיהל זיך גוט, מומע, האט יואל דוד א זאג געטאן — וואו איז מאטעלע?

— אוי, טאקע, א בראך צו מיר — האט יאכע א קלאפּ געטאן מיט איהרע הענט, וואו געפינט זיך טאקע מאטעלע?

— מאטעלע איז אין הויף. ער שפּילט זיך מיט די קינדער, האט לאה'לע א זאג געטאן צוגעהענדיג צום פענסטער.

— גיעה, לאה'לע, רוף איהם ארויף — האט יאכע געזאגט — איך האב מורא אז ער וועט נאך צופליקען זיין נייעם גארניטערעל.

— זאל ער זיך שפּילען, מומע — האט יואל דוד געזאגט — ער וועט ווערען הונגעריג וועט ער אליין ארויפקומען.

— יע, יואל דוד איז גערעכט — האט חוה געזאגט — דאס קינד נעבעך האט זיך מסתמא געגנוג אנגעליטען, אין קליין שניפּעשאָק, אין דער חורבה וואו איהר האט געוואוינט. ער האט אפילו ניט געהאט אין וואס ארויסצוגעהן אין דרויסען זיך צו שפּילען מיט די קינדער. איצט זאל ער הוליען אביסעל.

— עס האט איהם אויך ביי מיר גאר ניט געפעהלט! — האט יאכע א זאג געטאן און געווארפען א בייזען בליק אין דער ריכטונג וואו חוה איז געשטאנען.

— זעץ זיך, יואל דוד, דו וועסט טרינקען טהעע און מיר וועלען באלד געהן דאווענען מנחה, — האט ר' מרדכי זיך געווענדעט צו יואל דוד'ן.

יואל דוד האט זיך געזעצט ביים טיש. ריינקע האט זיך באלד באוויזען מיט א טעצעל איינגעמאכטס. חנה'לע האט זיך איצט געהאלטען פון דער

ווייטען. זי האט ניט געוואלט אז אימיצער זאל פארדעכטיגען אז זי איז שוין פאררעכענט פאר יואל דוד'ס כלה.

אין דער צייט ווען יואל דוד האט געטרונקען די טהעע, האט ריינקע א וואונק געטאן צו חנה'לען און זי איז ארוים פון צימער.

— נו, וואס, חנה'לע?

— יואל דוד ווייסט שוין אז דו און דער טאטע ווייסען שוין! — האט חנה'לע געזאגט און ווידער האבען זיך איהרע באקען צופלאמט.

— א געזונט צו דיר, מיין קלוגע טאכטער, — האט ריינקע איהר א קוש געטאן, — דו האסט זעהר גוט געטאן. איצט וועלען מיר זיך ניט דארפען היטען, מיר ווילען גאנץ אפען קענען... אבער ניין, מיר דארפען דערווייל זיין פארזיכטיג מיט זיין מומען. זי טאר נאך גארניט וויסען... זי קען נאר קאליע מאכען... חוה האט מיר שוין דערצעהלט אז דעם גאנצען טאג האט זי ניט אויפגעהערט צו פלאפלען און צו באריהמטען זיך וואס זי האט געטאן פאר יואל דוד'ן.

— יא, די מומע חוה האט עס מיר אויך דערצעהלט, — האט חנה געזאגט, — זי האט אויך גענומען מיך אויספרעגען וועגען יואל דוד'ן.

— דו זאלסט איהר דערווייל גאר ניט זאגען, מיין טאכטער, דו הערסט? זי איז טאקע מיין שוועסטער... אבער עס וועט זיין בעסער אז זי וועט איצט גארניט וויסען.

— דו ווייסט דאך, מאמע, אז איך וועל איהר גארניט זאגען...

— איך וואלט שוין וועלען אז עס זאל שוין זיין נאך אלעמען, — האט ריינקע א זאג געטאן, — איך מיין, אז די בעלי בתים זאלען שוין האבען פארענדיגט מיט יואל דוד'ן. איך ווייס אז ר' שמעון וועט אויך קומען, און איך האב מורא אז ער וועט אונז פאראורזאכען א סך אונאנגענעהמעס.

איצט דארפען מיר שוין מעהר ניט מורא האבען פאר איהם, — האט חנה'לע געזאגט, — ער קען שוין גיט קאליע מאכען.

— האסטו געהערט די חוצפה פון ר' שמעון'ען?! ער האט אין שוהל געזאגט פאר די אנדערע גבאים: "איך וועל ניט קומען סיידען ר' מרדכי וועט שיקען זיין טאכטער מיך רופען"... פארשטעהסט, ער האט געמיינט, אז מיר וועלען דיך שיקען... אבער ער מאכט א טעות... מיר וועלען שיקען לאה'לען איהם רופען... פארשטעהסט, ער וועט דאך מוזען זיין, ער איז גבאי ראשון און מען וועט דארפען האבען זיין חתימה, אבער ער וועט זיינס ניט אויספיהרען. ניט דו וועסט געהן, נאר לאה'לע...

קאפיטעל פערצעהן

גלייך נאך מעריב, אזוי שנעל ווי ר' מרדכי און יואל דוד האבען זיך אומגעקעהרט אהיים, האבען שוין אנגעהויבען אנקומען די גבאים און די חשוב'ע בעלי בתים. עס איז געקומען ר' לייב קאנטער, דער שטאדט־חזן;

דער רב ר' שלמה'לע; ר' זכריה; ר' יודעל און נאך אנדערע. ר' שמעון האט אבער געפעהלט. זיי האבען אלע געגעבען שלום עליכם יואל דוד'ן און דערוויל געגעבען איינינע ברכות.

— וואו איז ר' שמעון? — האט ר' יודעל א פרעג געטאן, ווען ער האט זיך צענעזעצט נעבען טיש.

— ער איז נאך נעקומען.

— איך צווייפעל אויב ער וועט קומען! — רופט זיך אן ר' זכריה.

— וואס הייסט איהר צווייפעלט! ער מוז דאך קומען, אהן איהם קענען מיר גארניט טאן. ער איז גבאי ראשון און זיין חתימה אויף דעם כתב חזונות דארף זיין די ערשטע. יא, ר' מרדכי, — האט ר' יודעל צו איהם זיך געווענדעט, — ר' שמעון האט געזאגט אז ער וועט קומען אויב איהר וועט שיקען אייער טאכטער איהם רופען.

— און אליין ווייסט ער ניט אז מיר וועלען זיך דא פארזאמלען! — ענטפערט איהם ר' מרדכי, — וואס פאר א שטיק פראוועט ער?!

— נו, מיר האבען דאך שוין וועגען דעם גערעדט, — האט ר' יודעל געזאגט — אז ער איז אן עקשן דארפט איהר אויך זיין אן עקשן? איך בעט אייך, שיקט אייער טאכטער און זאל זיין שלום ביי אידען.

— לאה'לע, — האט ר' מרדכי זי צוגערופען, — כאפ זיך אריבער צו ר' שמעונ'ען אין הויז און זאג איהם אז מען װארט אויף איהם.

— זאג איהם, אז דיין טאטע האט געשיקט איהם רופען, — האט ר' יודעל צוגעגעבען, ווען זי איז געשטאנען ביי דער טיר.

לאה'לע האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און זי איז ארוים פון הויז. ווען זי איז אריינגעקומען אין ר' שמעונ'ם הויז, האט ער זיך אנגע-רופען:

— המ... דאס ביזטו?

— מיין טאטע האט מיך געשיקט אייך רופען, — האט לאה'לע א זאג געטאן.

— און פארוואס האט ער ניט געשיקט חנה'לען? — האט ר' שמעון געפרעגט.

— איך ווייס ניט! — האט לאה'לע א צוק געטאן מיט איהרע שול-טערען.

— גוט, איך וועל באלד אונטערקומען, — האט ר' שמעון מיט ברוגז אין זיין שטים א זאג געטאן.

לאה'לע איז ארוים, און ר' שמעון האט זיך אנגערופען צו חאשע'ן:

— ער מיינט אז ער איז דער חכם... איך וועל געהן, אבער איך וועל איהם ווייזען אז ער האט נאך ניט יואל דוד'ן אין האנט... ער איז נאך ניט זיין בעל הבית... און ער האט ווינציגער רעכט ווי אן אנדערער צו זאגען א דעה איבער איהם.

— איך בעט דיך, שמעון, — האט חאשע צו איהם א זאג געטאן. — מאד מעהר ניט קיין איבעררייד ביי איהם אין הויז. צוליב וואס זאלסטו

זיך מאכען צום נארען? דערווייל געהערט נאך יואל דוד צו קיינעם ניט און דו ביזט נאך גבאי ראשון... רייד ניט וואס מען דארף ניט...

— דו דארפסט מיך ניט לערנען ווי אזוי צו ריידען! — האט ר׳ שמעון א זאג געטאן, — איך וועל וויסען ווי צו ריידען און וואס צו טאן.

ווען ר׳ שמעון איז אריינגעקומען אין ר׳ מרדכי׳ס הויז, האט ער א מורמעל געטאן זיין באגריסונג.

— א גוט יאהר, א גוט יאהר, — האבען איינינע מיט אמאל אויס־גערופען.

— אט אזוי, — האט ר׳ יודעל זיך אויפגעשטעלט, — מיר ווארטען דאך אויף אייך, זעצט זיך, ר׳ שמעון, — האט ער איהם איבערגעגעבען זיין שטוהל און אליין האט ער גענומען אן אנדער שטוהל.

אויבען אן איז געזעסען יואל דוד מיט א יארמעלקע אויף זיין קאפ. זיינע באקען האבען זיך גערויטעלט, זיינע אויגען האבען געלויכטען. ער האט זיך געהאלטען רוהיג...

נעבען איהם איז געזעסען דער שטאדט־חזן און ר׳ שלמה׳לע.

ר׳ מרדכי איז געזעסען נעבען ר׳ שלמה׳לען.

אזוי שנעל ווי די טיר האט זיך געעפענט און אימיצער איז אריינ־געקומען, האט זיך ר׳ מרדכי אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און צוגערוקט נאך א שטוהל ארום לאנגען טיש און זיך איהם געהייסען זעצען.

— איך גלויב אז מיר קענען שוין אנפאנגען, — האט ר׳ שלמה׳לע זיך אנגערופען, און ווענדענדיג זיך צו יואל דוד׳ן האט ער געזאגט:

— זיי וויסען, קינד, אז דער רבונו של עולם האט דיך באשאנקען מיט א מתנה וואס עס איז ניט אפצושאצען. דו האסט א שטימע וואס קען אריינדרינגען אין יעדען אידען׳ס הארץ. קהל איז ענטציקט פון דיר, ווייל ניט נאר האסטו אלעמען באצויבערט מיט דיין וואונדערבארער שטים, נאר אויך מיט דיין אויסגעצייכענטען דאוונען, מיט דיין "זאגען" די תפלות... און איצט איז באשלאסען געווארען ביי די בעלי בתים דיך אנצושטעלען פאר דעם שטאט־חזן, ניט קוקענדיג וואס דו ביזט אזוי יונג, און צוליב אט דעם צוועק האבען מיר זיך אהער פארזאמעלט כדי מיט דיר צו פאר־האנדלען.

— איך גלויב אז עס איז ניט מעהר ווי רעכט, אז יואל דוד׳ס מומע, יאכע, זאל אויך זיין ביי דער פארהאנדלונג. זי איז די איינציגע קרובה וואס ער האט, — האט ר׳ מרדכי א זאג געטאן.

— קיינער איז ניט דאגעגען, אדרבא זאל זי אריינקומען, — האט זיך אפגערופען ר׳ יודעל אפאטאוו. — ער איז דאך א יתום און ער דארף האבען אז אימיצער זאל פארטרעטען זיין צד.

ר׳ מרדכי האט זיך אויפגעשטעלט און ער איז אריינגעגאנגען אין צווייטען צימער וואו די פרויען זיינען געווען.

— הערט זיך איין, יאכע, — האט ער זיך צו איהר געווענדעט, —

מען פארהאנדעלט דארט איצט מיט יואל דוד'ן... איך וויל אז אויך איהר זאלט אריינקומען און זעהן אז מען זאל יואל דוד'ן ניט קריוודען.

— אי, א געזונט אין אייך, ר' מרדכי, איך זאג אייך דעם אמת, איך וויים אז זיי װעלען זוכען צו פארשאכערען מיין ארימען יתום, אבער איך בין דאך ניט מעהר ווי א אידענע, ווי אזוי פאסט עס פאר מיר אריינקומען צווישען, אהן עין הרע, אזוי פיעל מאנזבילען, נאר אז איהר זייט געקומען מיך רופען, זאל אייך טאקע דערפאר גאט געבען געזונט. איך געה אריין.

יאכע איז אריין אין צימער. זי איז געווען אויסגעפוצט אין ריינקע'ס א קלייד מיט די קארעלען ארום האלז. אויפ'ן פארוק האט זי געטראגען א שאל וואס ריינקע האט איהר געגעבען. זי איז אריין אין צימער. אלעמענס אויגען זיינען געווענדעט געווען צו איהר. ר' שמעון האט איהר גוט באטראכט און יודעל אפאטאוו האט אין דער שטיל איהם אריינגעשושקעט אין אויער:

— שיינט צו זיין א קאזאצקע אדענע!...

— דאס איז יאכע, יואל דוד'ס מומע! — האט ר' מרדכי זיך אנגערופען און פארנומען זיין פלאץ.

יאכע האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל וואס איז געשטאנען אין ווינקעל פון צימער, וואו זי האט געקענט זעהן איהר פלימעניק. זי האט פון איהם איהרע אויגען ניט ארונטערגענומען, און פון צייט צו צייט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ און א מורמעל געטאן: "קיין בייז אויג, קיין בייז אויג זאל איהם ניט שאדען".

— נו, איצט אז דיין מומע איז דא, קענען מיר שוין אנפאנגען רעדען וועגען איינצעלהייטען, — האט ר' יודעל אפאטאוו א זאג געטאן, און ווענדענדיג זיך צו יאכע'ן, האט ער זיך אנגערופען:

— איהר ווייסט דאך דעם צוועק פון אונזער צוזאמענקומען אהער. יואל דוד האט אויסגענומען ביי גאנץ ווילנע מיט זיין דאווענען און קהל פארלאנגט ער זאל ווערען שטאדט־חזן און איצט אויב קיינער האט ניט דאגעגען, וועלען מיר קענען פארענדיגען. דער סופר איז דא געקומען מיט זיין פעדער און טינט און מיר זיינען גרייט איהם צו געבען דעם כתב חזנות.

— און וואס פאר א שכירות וועט ער קריגען? — האט יאכע א פרעג געטאן.

— נו, איצט קומען מיר טאקע צום סאמע פונקט, — האט ר' שמעון א זאג געטאן, — מיר דארפען פריהער זעהן וואס מיר קענען באהויפטען.

— אויב ער איז אנגעשטעלט אלס שטאדט־חזן דארף ער באקומען די אנגענומענע שכירות וואס א שטאדט־חזן קריגט, — האט ר' מרדכי א זאג געטאן.

— וואס דען, — האט יאכע אויסגערופען, — עס פארשטעהט זיך, ער וועט זיך רייסען זיין האלז אומזיסט?!

— פאַרשטעהסט איהר מיך, יאַכע, — האָט ר׳ שמעון צו איהר זיך געווענדעט, — אָט דאָ ליגט די שוועריגקייט. אונזער שטאָדט־חזן ר׳ לייבעלע קאַנטאָר, זאָל געזונט זיין, איז געוועזן דער ערשטער פאַרצושלאָגען מען זאָל יואל דוד׳ן מאַכען פאַר שטאָדט־חזן. נו, פרעג איך אייך, וואָלט איהר געוואָלט אז קהל זאָל באַרויבען אונזער איצטיגען שטאָדט־חזן פון זיינע שכירות?... אפילו יואל דוד אליין וואָלט עס ניט געוואָלט... טאַקע צוליב דעם וואָס זיין אייגענער טאַטע, עליו השלום, איז ענטזאָגט געוואָרען פון זיין שטעלע, און א סברא אז דאָס האָט איהם געטריבען צו א פריהצייטיגען טויט...

— ר׳ שמעון, דאָס האָט איצט גאָר ניט צו טאָן מיט אונז, — האָט ר׳ זכריה אויסגערופען, — וועגען דעם וואָס עס האָט פאַסירט מיט יאָהרען צוריק דאַרפען מיר איצט ניט ריידען.

— איך זאָג נאָר געגען דעם וואָס אפילו ר׳ מרדכי וועלכער איז געוועזן דער שטאַרקסטער געגנער פון ר׳ צבי הירש לעווענשטיין, יואל דוד׳ס פאָטער, וועט איינזעהן אז עס איז ניט רעכט אוועקצונעהמען די שטעלע פון דעם איצטיגען שטאָדט חזן.

— ער האָט קיין רעכט ניט אזוי צו ריידען! — האָט זיך ר׳ מרדכי א שטעל געטאָן פון זיין פלאַץ, — איך וועל ניט דערלאָזען ער זאָל אויסנוצען מיין גאַסט־פריינדליכקייט צו רעדען שלעכטס אויף מיר.

— שאַ, שאַ, זאָל זיין שטיל, — האָט זיך ר׳ שלמה׳לע אריינגעמישט, — איך בעט אייך, ר׳ שמעון, לאָמיר ניט רעדען וואָס עס איז אמאָל געוועזן. קיינער חלילה וואָלט ניט געוואָלט מקפח זיין די שכירות פון איצטיגען שטאָדט־חזן. ס׳איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אז ווען ניט דעם שטאָדט־חזן׳ס אייגענער פאָרשלאַג, וואָלט קיינעם ניט איינגעפאַלען אַצושטעלען יואל דוד׳ן אויף זיין פלאַץ. עס פאַרשטעהט זיך, אז ער בלייבט אויף זיין שטעלע און קריגט דיזעלבע שכירות ווי פריהער. יואל דוד וועט טאַקע אַנגערופען ווערען ווילנער שטאָדט־חזן, אָבער אויך ר׳ לייב קאַנטאָר וועט האָבען דעם נאָמען. מעהר ניט, וואָס יואל דוד וועט דאַווענען שבת מברכים און ימים טובים, אויך די מוספים פון די ימים נוראים, און ר׳ לייב וועט דאַווענען געוויינליכע שבתים און די שחריתים פון ימים נוראים.

— און דאָס זאָג איך דאָך טאַקע, — האָט ר׳ שמעון זיך שוין גענומען באַרוהיגען, — ווי באַלד אז מיר אַלע גיבען צו אז פון די איצטיגע שכירות פון ר׳ לייב קאַנטאָר טאָר קיין פרוטה ניט געמינערט ווערען, טאָ פון וואַנען וועט מען נעהמען צו צאָהלען אויך דיזעלבע שכירות צו יואל דוד׳ן?

— מיר וועלען זיך שוין אן עצה געבען, — האָט ר׳ יודעל אַפּאַטאָוו געזאָגט.

— דאָס איז ניט קיין פאַרזיכערונג, — האָט ר׳ שמעון ווייטער געזאָגט, — אויב איהר ווילט איך זאָל אַרויפלייגען מיין חתימה אויף דעם אַפּמאַך, דאַרף איך פריהער וויסען פון וועלכע קוועלען מיר וועלען אריינקריגען פאַר איהם די פולע שכירות. איהר וואָלט דאָך ניט פאַרלאַנגט איך

זאל אויסלייגען פון מיין קעשענע. אפּ־פּטר'ן מיט די רייד אז מיר וועלען זיך שוין אן עצה געבען, איז ניט גענוג.

— אויב קהל וועט ניט האבען פון וואס צו צאהלען וועט זיין רעכט אז מען וועט ווארטען מיט'ן כתב חזנות — האט ר' מרדכי א זאג געטאן, — גאט צו דאנקען, דערווייל נויטיגט זיך יואל דוד אין גארניט. ער וועט קענען ביי מיר בלייבען ווי לאנג ער וועט נאר וועלען. איך וועל איהם באקליידען און איהם געבען צו עסען, איך וועל אפילו זעהן ער זאל לערנען. און ער וועט קענען ווערען שטאדט־חזן מיט א יאהר שפּעטער.

— וואס רעדט איהר, ר' מרדכי, אויב מיר וועלען באלד ניט אנשטעלען יואל דוד'ן פאר'ן שטאדט־חזן, וועלען מיר דארפען אנטלויפען פון ווילנע. מען וואלט דאך דעם שוהל־הויף צוטראגען. וואס מיינט איהר, קהל האט שוין גאר קיין דעה ניט, — האט ר' זכריה זיך אריינגעמישט.

— אבער איהר וואלט דאך ניט געוואלט אז יואל דוד זאל אנגעשטעלט ווערען אלס שטאדט־חזן און ניט קריגען קיין שכירות, — האט ר' מרדכי געזאגט.

— א פיינע זאך, — האט זיך דערהערט די שטימע פון יאכע'ן, — וואס הייסט, ער וועט קיין שכירות ניט קריגען. אויב אזוי וועל איך זעהן אפּצופאהרען מיט איהם קיין ליבאווע, דארט פון װאנען זיין טאטע קומט. מיר האבען דארט משפּחה און איך בין זיכער אז מען וואלט איהם דארט אויך אויפגענומען אלס חזן און ער וואלט געקראגען גוטע שכירות אויך.

— איך זאג ניט, אז מען זאל איהם גארניט צאהלען קיין שכירות, — האט ר' שמעון געזאגט, — איך שלאג פאר אז מען זאל איהם דערווייל צאהלען העלפט פון דאס וואס ר' לייב באקומט. יא, זאל ער קריגען דערווייל צוויי רובעל א וואך.

— אזוי, צוויי רובעל א וואך! — האט זיך יאכע'ס שטימע נאך העכער צוטראגען איבער'ן צימער, — גאנצע צוויי קארבאנצעס א וואך! און פאר דעם זאל ער זיך רייסען דעם האלז. ניין, אידען, איך וועל עס ניט דערלאזען... איך זאל וויסען אפילו אז מיר זאלען הונגערען וועל איך איהם ניט ערלויבען... איך וועל בעסער פארקויפען רעטשיסניק אויפ'ן שוהל־הויף... און פון דעם וועל איך פארדינען די צוויי קארבאנצעס א וואך.

— אשה וואס איהר זייט! — האט זיך ר' שלמה'לע אויף איהר א בייזער געטאן, — וואס פארגלייכט איהר די מלאכת הקודש מיט אייער רעטשיסניק. קהל איז ניט קיין גזלן, מען וועט איהם שוין צופרידענשטעלען. זאל ער דערווייל קריגען אביסעל ווינציגער, און דערנאך אם ירצה השם, וועט ער קריגען אן הוספה.

— איך בין וויליג אז מען זאל אראפּנעהמען איין רובעל פון מיינע שכירות, — האט זיך ר' לייב אנגערופען, — און עס צוגעבען צו יואל דוד'ן וועט ער קריגען דריי רובעל א וואך און איך וועל קריגען דריי רובעל א וואך... איך וועל אייך זאגען דעם אמת, אז איך אליין פיהל אז יואל דוד פארדינט צו קריגען מעהר פון מיר.

— וואס רעדט איהר, ר' לייב, — האט זיך ר' מרדכי אנגערופען, — פון אייערע שכירות וועלען מיר ניט דערלאזען מען זאל ארונטערנעמען א גראשען, אויב מיר גלויבען אז יואל דוד דארף באקומען דיזעלבע שכירות ווי איהר, וועט איהם קהל דארפען צאהלען פיער רובעל און אייך פיער רובעל. אנדערש וועט ער ניט אננעהמען דעם כתב חזנות.

— ווער האט עס אייך געגעבען דאס רעכט צו רעדען אין זיין נאמען? יואל דוד קען רעדען פאר זיך, — האט זיך ר' שמעון אנגערופען, — איך בין זיכער אז יואל דוד וועט זיך דערוויייל צופרידענשטעלען מיט העלפט, נאך אלעמען דארף ער וויסען אז עס איז א גרויסער כבוד אנגערופען צו ווערען ווילנער שטאדט־חזן.

— עס איז אבער א כבוד אויך פאר ווילנע ווען מיין יואל דוד וועט זיין שטאדט־חזן, — האט זיך יאכע אנגערופען, — און איך פארלאנג ער זאל קריגען פולע שכירות.

— איך זעה, אז מיר וועלען צו קיין טאלק ניט קומען, — האט ר' שלמה'לע א זאג געטאן, — אדרבא, לאמיר טאקע פרעגען דעם בעל דבר אליין, וואס זאגסטו, יואל דוד?

— איך לאז עס אלעס איבער צו ר' מרדכי'ן, — האט יואל דוד גע־ענטפערט.

— נו, איהר הערט דאך, — האט ר' שלמה'לע א מאך געטאן מיט זיינע הענט, — איך וויים גאנץ גוט אז אפילו ווען ר' מרדכי וואלט פאר־לאנגט צוויי מאל אזוי פיעל וואלט מען צוליב דעם זיך ניט פאנאנדערגע־גאנגען. מיר זיינען געקומען אהער מיט דעם וואונש פון קהל אנצושטעלען יואל דוד'ן אלס שטאדט־חזן און קיינער דארף ניט לייגען קיין שטיינער אין וועג.

— רבי, קיינער לייגט ניט קיין שטיינער אין וועג, — האט זיך ר' שמעון אנגערופען, — אלעס וואס איך זאג איז, אז איך וועל ניט לייגען מיין חתימה כל זמן איך וועל ניט וויסען פון וועלכע קוואלען מיר וועלען האבען די מעגליכקייט איהם צו צאהלען פיער רובעל א וואך.

— פון דיזעלבע קוואלען וואו מיר וועלען נעהמען איהם צו צאהלען צוויי רובעל א וואך, — ענטפערט ר' זכריה — לאמיר ענדיגען די זאך היינט ביינאכט.

— ווער וועט אבער גאראנטירען די שכירות פאר צוויי שטאדט־חזנים? — האט ר' שמעון געפרעגט.

— איך זעה, ר' שמעון, אז איך בין די איינציגע שטערונג, — האט ר' לייב קאנטאר אויסגערופען, — אויב אזוי וויל איך אייך דא אלעמען מעלדען, אז איך באפריי די שטאדט פון מיין אפמאך און זאל מען בא־נוצען מיינע שכירות פאר דעם יונגען שטאדט־חזן.

— א, וואס רעדט איהר! — האט ר' מרדכי אויסגערופען, — אפילו ווען מען זאל פאר יואל דוד'ן אנשיטען א פולע הויז מיט גאלדענע רענד־לער און בעטען איהם ער זאל אויף דעם איינגעהן, פארזיכער איך אייך,

ער וועט עס ניט טאָן... פון שטאָדט־חזן׳ס שכירות וועט ניט געמינערט ווערען אפילו א פּרוטה... אויב קיין אנדער אויסוועג איז ניטאָ, וועט מען דארפען אָפּלייגען די גאנצע זאך ביז ימים נוראים, ביז וואנען מען וועט קריגען מיטלען...

— איהר רעדט, ר׳ לייב, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, נארישקייטען. וואס הייסט איהר באפרייט די שטאָדט פון אייער אָפּמאך? פון וואנען וועט איהר זיך מפרנס זיין מיט אייער משפּחה!...

— גאָט וועט מיך ניט פארלאָזען, — האָט ר׳ לייב א זאָג געטאָן, — איך וועל געפינען אן אנדער קוואל פון פּרנסה.

— מיר פארברייינגען די צייט מיט גארנישט, — האָט ר׳ שלמה׳לע געזאָגט, — לאָמיר עס שליכטען היינט ביינאכט... איך ווייס אז קהל וועט שוין געפינען קוואלען פון וואנען צו צאָהלען די פולע שכירות... מיר זיינען אהער געקומען מיט׳ן געדאנק אָנצושטעלען יואל דוד׳ן פאר שטאָדט־חזן און איהם געבען דיזעלבע שכירות וואס ר׳ לייב קריגט, און לאָמיר פארענדיגען און זאָל זיין מיט גליק.

— איך בין ניט דאגעגען, — האָט ר׳ שמעון געזאָגט, — די איינציגע זאך וואס איך וויל ניט ארויפלייגען מיין חתימה, זאָלען אנדערע חתמ׳ענען..

— אלס גבאי ראשון איז אייער פליכט צו חתמנ׳ען — האָט ר׳ יודעל אָפּאטאָוו אויסגערופען, — אויב איהר וועט מיר איבערגעבען אייער אמט אלס גבאי ראשון, וועל איך באלד חתמנ׳ען, און איך וועל ניט זאָרגען פון וואנען דאָס געלט וועט קומען...

— איהר רעדט נארישקייטען! — האָט ר׳ שמעון אויסגערופען.

— אהא, אייער גבאות ווילט איהר ניט אויפגעבען... און חתמנ׳ען ווילט איהר אויך ניט... דאָס וועלען מיר אייך ניט שענקען! — האָט ר׳ יודעל געלאכט.

— אויב איהר ווילט מיין אמט אלס גבאי ראשון קען איך עס אייך איבערגעבען מיט׳ן גרעסטען כבוד — האָט ר׳ שמעון געזאָגט.

— עס רעדט זיך אזוי — האָט ר׳ זכריה ארייגעוואָרפען א וואָרט — ניט אזוי גיך וואָלט איהר איהם אָפּגעטראָטען אייער גבאות... אָבער איין זאך מוז איך אייך זאָגען, ר׳ שמעון, אויב קהל וועט זיך דערוויסען, אז איהר האָט געשטערט אָנצושטעלען יואל דוד׳ן אלס שטאָדט חזן, וואָלט איהר ניט נאר געווארען אויס גבאי ראשון, נאר איהר וואָלט געווען געצוואונגען צו מאכען א ״ויברח״ פון ווילנע.

— איהר האָט א חוצפּה, איך שטער! — האָט זיך שוין ר׳ שמעון פּרנס צעקאכט — ווער שטערט? כ׳זאָג נאָר, אז איך וויל ניט זיין פאראנטווארטליך פאר זיינע שכירות אין דער צייט, וואָס קיינער ווייסט ניט פון וואנען מען וועט איהם קענען צאָהלען.

— ווען איך וואָלט געווען גבאי ראשון, וואָלט איך שוין געגעבען מיין חתימה — האָט יודעל אָפּאטאָוו אויסגערופען.

— איהר וואָלט געגעבען אייער חתימה, איהר קענט זיך דען אונטער־

שרייבען? — האט ר' שמעון מיט א ביטערען שמייכעל אויף זיינע ליפּען אויסגערופען — אזא עם הארץ, איהם ווילט זיך גאָר ווערען גבאי ראשון... געהט פריהער אין חדר, פּראָסטאַק, כאַמולע!..

— איך וועל אייך ווייזען ווער עס איז א פּראָסטאַק! — איז שוין יודעל אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ און געדריקט זיין פויסט — ווער זייט איהר דאָס, א שווינדלער, א רויבער!

— דו שטיוועל־פּוצער! — האָט ר' שמעון זיך נאָך מעהר צעקאָכט — ווי לאַנג צוריק ביזטו געשטאַנען אויפ'ן שול־הויף מיט א בענקעל, א בערשטעל און א פּושקע שוה־וואַקס און פאַר א קאָפּיקע געפּוצט די שטיוועל פון יעדען איינעם?

— איך וועל אייך ווייזען — האָט יודעל אפּאַטאָוו אויפגעהויבען זיין האַנט און איהם געוואָלט אריינפּאַהרען אין פּנים.

מען האָט איהם אָפּגעהאַלטען. אלע האָבען געשריען און געפּילדערט. ר' שלמה'לע האָט זיך ביי זיי געבעטען עס זאָל זיין שטיל, אָבער יודעל אפּאַ־טאָוו האָט ניט אויפגעהערט דונערען מיט זיין באַסאָווער שטימע:

— איך וועל איהם ניט שענקען, דעם שווינדלער, דעם רויבער! איי וועט מען דיר ברענען און בראָטען אין גיהנם!...

— שא, נו, זאָל זיין שטיל! — האָט ר' שלמה'לע גענומען טופּען מיט די פיס — אידען, עס איז דאָך א שאַנדע און א חרפּה... וואָס זיינען דאָס פאַר א רייד... זאָל זיין גענוג!

— אויב איהר ווילט וויסען, אידען, פאַרוואָס פרנס איז געגען דעם, אז מיר זאָלען אַנשטעלען יואל דוד'ן פאַר חזן, וועל איך אייך זאָגען! — האָט אפּאַטאָוו ווייטער געשריען, ניט נעהמענדיג אין אכט די בקשות און תחנונים פון ר' שלמה'לע און די אַנדערע באַלבאַטים.

דערהערענדיג דעם טומעל און געפּילדער, איז ריינקע אריינגעלאָפען אין יענעם צימער און חנה'לע איז איהר נאָכגעלאָפען.

— איהר מעגט עס וויסען, אידען! — האָט אפּאַטאָוו נאָך העכער זיך צעשריען — ר' שמעון איז מקנא ר' מרדכי'ן, וואָס יואל דוד געפינט זיך ביי איהם אין הויז... ער וואָלט געוואָלט, אז יואל דוד זאָל זיין מיט איהם, כדי איהם נאָכהער צו פאַרשלייערען צו זיין מאַלפּע ביילקע'ן... איך פאַר־שטעה עס!

— דו פערד גנב! דו מסור! — האָט ר' שמעון אויף איהם געשריען. איך וועל דיר ווייזען ווי צו ריידען אויף מיין טאָכטער!

כאָטש ר' מרדכי'ן האָט פריהער הנאה געטאָן וואָס די צוויי רייסען זיך צווישען זיך, ער האָט געוואוסט, אז ר' שמעון וועט זיך ניט נאַרען ביי ר' יודעל אפּאַטאָוו... יענער קען איהם גוט דערלאַנגען. פונדעסטוועגען, ווען ער האָט געזעהן, אז עס האַלט שוין ביי א סקאַנדאַל, האָט ער זיך גענומען אריינמישען.

— איך בעט אייך, זאָל זיין גענוג! — האָט ר' מרדכי זיך געווענדעט צו אפּאַטאָוו'ן—ס'איז דאָך א שאַנדע פאַר מענשען... דער גאַנצער הויף איז

פוֹל... מיר האָבען זיך אהער ניט צונויפגעזאַמעלט מען זאָל זיך זידלען און באַליידיגען... איך פאָדער אויף אייך ביידען צו האַלטען זיך רוהיג, אויב איהר ווילט, מיר זאָלען קומען צו א טאָלק.

יואל דוד איז די גאַנצע צייט געזעסען א טויט בלאַסער. ער האָט אפילו מורא געהאַט צו קוקען אין דער ריכטונג וואו די מחלוקה איז אָנגעגאַנגען.

ר׳ שלמה׳לע איז ארומגעלאָפען איבער׳ן צימער הין און צוריק, ווי־שענדיג דעם שוויים פון זיין פּנים מיט זיין רויטע פאטשיילע.

ר׳ שמעון האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ. זיין פּנים איז גע־ווען בלאַס. ער האָט געצופּט זיין באָרד און געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ פון גרויס אויפרעגונג.

יודעל אפּאַטאָוו האָט עפּעס געמורמעלט צו זיך, אָבער קיינער האָט ניט געהערט וואָס ער זאָגט, ווען ער האָט געוואָלט ווידער אויפהויבען זיין שטים, האָט מען איהם ניט געלאָזען.

יאַכע, וועלכע האָט זיך די גאַנצע צייט פון דער קריגעריי געהאַלטען פון דערווייטענס, האָט געבראָכען מיט די הענט און אז זי האָט דערזעהן ריינ־קע׳ן שטעהענדיג ביי דער טיר, איז זי צו איהר צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— נו, וואָס זאָגט איהר אויף דעם, קרוינעלע, הארצעלע... האָט איהר עס נאָך ווען עס איז געהערט אין אייער לעבען?!.. ווייבער קריגען און אמפּערען זיך צווישען זיך, נו, מילא... אָבער בעלי בתים, גבאים און פיינע אידען... האָט איהר געהערט, ווי מען האָט זיך געזידעלט און געשאָלטען! און אלץ צוליב וואָס? מיין אָרימער יתום׳ל, גיב נאָר א קוק ווי בלאַס ער איז... ווי צעשראָקען און דערשלאָגען ער פיהלט זיך... אידען מיט בערד זאָלען קיין שכל ניט האָבען און מאַכען אזעלכע קולות. גלויבט מיר, ריינקע, ביי מיר איז רעכט צו נעהמען דעם יתום און מיט איהם אוועקפאָהרען קיין ליבאווע און א סוף, אָן עק... אזא בריליאַנט... אזא דימענט... וואָס איז ער געבאָד שולדיג, אז די באַלעבאַטים קענען זיך ניט צעטיילען מיט דעם כבוד צווישען זיך?..

— נעהמט זיך ניט צום הארצען, יאַכע — האָט ריינקע איהר זעזאָגט — זיי וועלען זיך איבערבעטען, פאָלגט מיר, קומט אריין אין צווייטען צימער, די מאַנסבילען וועלען שוין צווישען זיך דורכקומען.

— אָה ניין, איך בלייב דאָ, וואָס מיינט איהר, איך וועל זיי לאָזען פארשאַכערען מיין יואל דוד׳ן?... איך בלייב דאָ! איך וועל זעהן, אז מען זאָל דעם יתום ניט קריוודען.

— ר׳ מרדכי וועט שוין זעהן וועגען דעם! — האָט ריינקע געזאָגט — גלויבט מיר, אז ער איז צו איהם ווי א טאַטע און ער וועט ניט דערלאָזען, מען זאָל איהם קריוודען!

— יואל דוד איז דער שוואַרצאַפּעל פון מיין אויג! איך בין ניט נאָר זיין מומע, נאָר אויך זיין טאַטע און מאַמע. ווער האָט ניט געשלאָפען קיין נעכט, ווען ער איז געווען קראַנק? וואָס הייסט, איך וועל איהם איבערלאָזען דאָ אליין... זיי זאָלען טאָן מיט איהם וואָס זיי געפעלט?...

ריינקע האט זיך איצט ניט געוואלט אריינלאזן אין א געשפרעך מיט איהר. זי האט גענומען חנה'לען ביי דער האנט און זי איז מיט איהר ארויס פון צימער.

יאכע איז דארט פארבליבען. זי איז צוגעגאנגען צו יואל דוד'ן און ארויפגעלייגט איהר האנט אויף זיין שטערען און זיך אנגערופען:

— זאג מיר, מיין קרוין, מיין נשמה, פיהלסטו ניט מיט אלעמען? דו ביזט אזוי בלאס געווארען... זארג זיך ניט... אויב זיי וועלען ניט נאכגעבען דאס, וואס מיר פארלאנגען, וועלען מיר פארלאזען ווילנע און אוועקפאהרען קיין ליבאווע... דארט זיינען אויך פאראן שעהנע אידען.

די שטילקייט, וואס האט געהערשט אין צימער נאך דעם שטורם, איז ווידער אונטערבראכען געווארען פון א געמורמעל, און ר' לייב קאנטאר האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט:

— מיין עצה וואלט געווען, אז מיר זאלען דערוויל עס אפלייגען פאר א צווייטען מאל, ווען די געמיטער וועלען זיך בארוהיגען.

— ניין, ניין! — האט ר' שלמה'לע געזאגט — מיר וועלען היינט ענדיגען.

די גאנצע אידישע געמיינדע ווארט מיט אומגעדולד, אז מיר זאלען אנשטעלען יואל דוד'ן פאר'ן שטאט־חזן און צוליב דעם וואס צוויי בעלי בתים האבען זיך פארלארען און גערעדט זאכען וואס זיי האבען ניט באדארפט רייזען, זאל מען עס אפלייגען... און וואס וועט זיין, אז ער וועט טאקע וועלען אפרייזען פון דאנען, ווי זיין מומע זאגט... מיר טארען ניט ערלויבען אזא זאך.

— איך האב עס בלויז געזאגט רבי — האט ר' לייב קאנטאר זיך אנגערופען — כדי מען זאל זיך בארוהיגען. אז מען האט זיך אזוי צעהיצט.

— ניין, מיר דארפען באלד ערלעדיגען — האט ר' שלמה'לע גע־זאגט — וואס זאגט איהר אידען?

— אודאי דארפען מיר היינט ענדיגען די זאך — האט ר' זכריה געזאגט — אבער אז אידען רעגען זיך אויף צוליב א קלייניגקייט...

— א קלייניגקייט, זאגט איהר — האט יודעל אפאטאוו זיך אנגערו־פען — האט איהר געהערט ווי ער האט מיך געזידעלט. ער האט מיך גערופען "עם הארץ", "פראסטאק" און "באמולע", און פארוואס, ווייל איך האב געזאגט, אז ווען איך וואלט געווען גבאי ראשון, וואלט איך שוין געגעבען מיין חתימה.

— און ער האט מיך גערופען שווינדלער, רויבער! זאל ער באווי־זען וועמען איך האב באשווינדעלט און וועמען איך האב בארויבט! — האט ר' שמעון ווייטער זיך גענומען קאכען.

— נו, זאל זיין גענוג! — האט ר' שלמה'לע אויסגערופען.

— א, ניין. איך וועל איהם פאר דעם ניט שענקען! אידען, איהר זייט אלע עדות, ער האט געזאגט פאר אלעמען, אז איך בין א שווינדלער

און א רויבער. זאָל ער באווייזן... איך וועל איהם דערפאַר אין תפיסה פאַרשפּאַרען.

— קוקט איהם נאָר אָן, ער וועט מיך אין תפיסה פאַרשפּאַרען. איך וועל אייך ווייזען וואָס איך קאָן! ער איז נאָך גערעכט, ער רופט מיך "שטיוועל פּוצער, פערד גנב און מסור" און ער וועט מיר נאָך —

— געוואַלד אידען, זאָל זיין געווג... ווידער פאנגען זיי אָן! — האָט ר' שלמה'לע זיך א כאפּ געטאָן פאַר'ן קאָפּ — הערט זיך איין ר' יודעל, איהר זייט אינגער און איהר דאַרפט פאַרשווייגען!

— פאַרוואָס זאָל איך איהם שווייגען! אויב ער איז עלטער האָט ער א רעכט מיך אזוי צו באלײדיגען און זידלען? איך וועל איהם ווייזען! ער מיינט, אז ער איז גבאי ראשון, קאָן ער טאָן וואָס איהם געפעלט. און לאָמיר אייך זאָגען, אז אויב פריהער האָב איך בלויז געזאָגט אין שפּאַס "ווען איך וואָלט געווען גבאי ראשון, זאָג איך" איך איצט ערנסט... איך וועל נאָך ווערען ניט נאָר גבאי ראשון נאָר אויך ראש הקהל פון ווילנע. איהר וועט זעהן! אויב דאָס צו דערגרייכען וועט זיין נויטיג צו זיין א גביר וועל איך עס באווייזען. איהר וועט נאָך אַלע זעהן וואָס אַ דער אמאָליגער שטיוועל פּוצער וועט אויפטאָן...

— נו, וואָס זאָגט איהר אויף אזא באַריהמער! — האָט שמעון זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— אויב איהר ווילט וויסען, קאָן איך אייך איצט אפילו פאַרשטעקען אין גאַרטעל מיט אייער עשירות! — האָט אפּאַטאָוו אַרויסגענומען פון בוזים א פּעקעל אסיגנאַציעס און אַלעמען געוויזען. איהר הערט רבותי איך פאַרלאַנג, אז מען זאָל יואל דוד'ן שוין געבען א כתב חזנות און איך באצאָהל איהם הונדערט רובעל, פאַראויס פאַר א האַלב יאָהר שכירות... אָט איז הונדערט רובעל! און זאָל מען שוין פאַרענדיגען מיט איהם.

אויב די זידלערייען און קריגערייען האָבען פאַראורזאַכט אזא טו־מעל און גערודער צווישען די אנוועזענדע, האָט יודעל'ס אַרויסנעמען דעם פּעקעל אסיגנאַציעס געפּלעפּט יעדן איינעם... אמת, מען האָט שוין לאַנג געמורמעלט, אז יודעל אפּאַטאָוו איז שוין גאָר ניט קיין קבצן, און אז ער פאַרדינט געלט פון טונקעלע געשעפטען, אָבער אזעלכע רייך זיינען קיין נאָווינע ניט געווען... מאַלע וואָס מען רעדט... איצט אָבער זעהען דאָך אַלע מיט די אויגען... און ווי דאָס וואָלט נאָך ניט געווען גענוג, נעהמט ער ארויס הונדערט רובעל און באַט עס אָן צו יואל דוד'ן.

א קליינע ווײלע זיינען אַלע געבליבען זיצען פאַרגליווערטע. די אויגען זיינען געווען געווענדעט צו דעם פּעקעל אסיגנאַציעס.

יאַכע האָט געקוקט מיט אן אָפענעם מויל... הונדערט רובעל... א קליי־ניגקייט... זי האָט אזוי פיעל געלט אפילו אין חלום ניט געזעהן... אין איהר מח האָבען שוין גענומען ארבייטען פאַרשידענע געדאַנקען... זי וועט וויסען וואָס צו טאָן מיט'ן געלט... זי וועט שוין ניט מעהר דאַרפען אָנקומען צו ריינקע'ן און צו ר' מרדכי'ן. זי קאָן זיך דינגען א דירה און זיין א בעל־

הבית׳טע... זי וועט אכטונג געבען אויף יואל דוד׳ן און זיין ברודערל. צו איהר איז הויז וועלען אריינקומען די רייכסטע בעלי בתים... זיך דורכצו־שמועסען מיט יואל דוד׳ן, דעם שטאָט־חזן... זי וועט אויפנעמען די געסט און זיי דערלאַנגען צובייסען... יע, עס איז שוין צייט, אַז זי זאָל זיין אַ בעל הבית׳טע מיט לייטען גלייך... יואל דוד וועט פאַרדינען פיער רובעל אַ וואָך... אַ קלייניגקייט. זי וועט דאָך קאָנען פיהרען אַ בעל הבית׳ישע הויז... זי וועט טאַקע געהן זוכען אַ דירה ערגעץ וואו. זי וועט זיך אפילו ניט אריינקלייבען אין דער דירה וואס ר׳ מרדכי האָט פאַר איהר צוגעגרייט אין זיין הויף... פאַרוואָס זאָל ער מיינען, אַז ער טוט איהר אַ טובה... אפילו ווען ער גיט איהר אומזיסט, וועט זי דאָרט ניט וואוינען... און אויב צאָהלען דירה געלט, דאַרף זי דאָך ניט אָנקומען צו איהם... זי האָט טאַקע געהערט פון אַ שכנה, אַז ווינטער איז די דירה נאַס... אַז זי וועט האָבען געלט, וועט זי שוין געפינען אַ טרוקענע דירה.

יודעל אפּאטאָוו האָט אָפּגעצעהלט צעהן צעהנדליגע אסיגנאציעס און זיך אָנגערופען:

— אויב קהל איז אַזוי אָרים, לויט די רייד פון גבאי ראשון, צאָהל איך זיינע שכירות פאַר׳ן ערשטען האַלבען יאָהר און זאָל דער סופר שרייבען דעם כתב חזנות און מיר וועלען זיך דאָ חתמ׳ענען.

— וואָס רעדט איהר ר׳ יודעל — האָט ר׳ שלמה אַ זאָג געטאָן — קהל וועט דאַרפען צאָהלען.

— אָבער איהר הערט דאָך, אַז ר׳ שמעון פרנס האָט מורא צו חתמ׳ענען זיין נאָמען, ווייל אפשר וועט קהל ניט קאָנען באַהויפּטען איהם צו צאָהלען אַזאַ שכירות, און ער האָט מורא טאָמער וועט ער דאַרפען באַ־צאָהלען פון זיין אייגענע קעשענע, ווייל איך אַראָפּנעמען פון איהם אָט די דאָזיגע מורא... יע, זאָל ער ניט מיינען, אַז איך בין בלויז אַ באַריהמער...

— ר׳ שלמה׳לע איז גערעכט — האָט ר׳ מרדכי זיך אריינגעמישט — קהל וועט איהם דאַרפען צאָהלען. און אויב ניט, וועלען מיר וואַרטען נאָך אַ יאָהר, עס ברענט ניט!

— און איך זאָג, אַז יואל דוד זאָל נעמען דאָס געלט — און זאָל זיין מיט גליק! — האָט יאָכע זיך אָנגערופען — הונדערט רובעל וועט שטאַרק צוניץ קומען דעם אָרימען יתום... און מיר ביידע און זיין קליין ברודערל, מאַטעלע, וועלען ניט דאַרפען אָנקומען צו צדקה.

— וואָס פאַר אַ צדקה? וואָס רעדט איהר! — האָט ר׳ מרדכי זיך צו איהר געווענדעט.

— הערט זיך איין ר׳ מרדכי, עס איז טאַקע זעהר פיין פון אייך וואָס איהר האָט געטאָן פאַר מיין פּלימעניק און פאַר מיר... איך האָף אם ירצה השם אייך פאַר אַלץ צו באַצאָהלען... אָבער איך פאַרלאַנג, אַז מען זאָל איהם געבען די הונדערט רובעל און מען זאָל באַלד אַלץ פאַרענדיגען.

— איהר פאַרלאַנגט מען זאָל איהם געבען, ווער זאָל איהם געבען?

— המ... אָט טאַקע ר׳ יודעל, אויב ער וויל אויסלייגען דאָס געלט,

מאכבעטייסע (מהיכא תיתי) פארוואס ניט... דאס וועט פארשפארען מען זאל זיך קריגען און אמפערען... זאלט איהר מיר געזונט זיין ר׳ יודעל, איהר טוט גאר א פיינע זאך, און זאל אייך דערפאר גאט באצאהלען כפל כפלים.

— אט איז דאס געלט, איך וועל מיין ווארט ניט בייטען — האט יודל געזאגט — אויב איהר שטימט אלע איין, קאנען מיר זיך באלד אונ־טערשרייבען. און גלויבט מיר, אז איך רייד ניט קיין פוסטע דבורים ווען איך זאג אייך, אז אט דער ר׳ שמעון וועט נאך ביי מיר קייען די ערד פאר זיינע באליידיגונגען...

— איהר הערט אידען. איך האב איהם באליידיגט! ער רופט מיך שווינדלער און רויבער...

— מעהר דארף מען וועגען דעם ניט ריידען! — האט ר׳ זכריה א זאג געטאן.

— טאקע, זאל שוין נעמען א סוף צו די נארישקייטען — האט יאבע זיך אנגערופען — מיר וועלען נעמען דאס געלט, ר׳ יודעל און זאל זיין מיט גליק.

— ווער זיינען דאס די "מיר"? — האט ר׳ מרדכי איהר א פרעג געטאן.

— וואס הייסט ווער? — איך און מיין פלימעניק!

— האט איהר געפרעגט צי ער וויל איינשטימען צו נעמען דאס געלט פון ר׳ יודעל׳ן?

— פארוואס זאל ער ניט וועלען? ער איז שוין גאר קיין נאר ניט. ער ווייסט, אז ווען מען גיט געלט דארף מען נעמען.

— מיר דוכט זיך, אז איהר קאנט אליין ניט אייער פלימעניק — האט ר׳ מרדכי געזאגט — ער איז שוין גאר קיין נאר ניט. ער ווייסט דעם אונטערשייד פון שכירות וואס מען קריגט פון קהל, ביז שכירות וואס אימיצער באט אן פון זיין אייגענער קעשענע. אדרבה פרעגט איהם.

יואל דוד, וועלכער האט די גאנצע צייט זיך ניט געמישט איז גע־בליבען זיצען שווייגענדיג, האט אבער פארשטאנען, אז ר׳ מרדכי איז ניט צום הארצען אפטאוו׳ס אנבאט, און אז ער דארף עס צוריקווייזען. אויסער דעם איז איהם שטארק ניט געפעהלען געווארען דאס וואס זיין מומע יאבע האט זיך אנגעהויבען מישען... מילא, זי הערט ניט אויף צו פלאפלען פון דעם ווי גוט איהם איז געוועזן ביי איהר. און אז זי פלעגט איהם גיסען "גאלד אין האלז", האט ער זיך ניט וויסענדיג געמאכט, אבער אז זי וויל האבען דאס געלט וואס ער וועט באקומען אלס שכירות און זי וועט נאך וועלען בעל הבית׳עווען איבער איהם, דאס וועט ער ניט דערלאזען.

יאבע איז צוגעקומען צו יואל דוד׳ן, וועלכער איז געזעסען מיט זיינע אויגען געווענדט צו אן אנדער ריכטונג.

— קינד מיינס — האט זי זיך אנגערופען מיט צערטליכקייט אין

איהר שטים — דו וועסט דאך ניט ענטזאגעז די הונדערט רובעל שכירות וואס ר׳ יודעל אפּאטאוו, זאל געזונט זיין, וויל אויסלייגעז פאראויס? הא, פארוואס שווייגסטו? פארוואס ענטפערסטו מיר ניט.

— איך בעט אייך, מומע, לאזט מיך צורוה! — האט יואל דוד מיט אויפרעגונג אויסגערופעז — איך האב עס איבערגעלאזעז צו ר׳ מרדכי׳ן און ווי ער וועט באשליסעז, אזוי וועל איך טאן.

— וואס רעדסטו, יואל דוד׳ל, קרוין מיינס, דיין מומע האט שוין ביי דיר גאר קיין דעה ניט!... אמת, ר׳ מרדכי סטראשון און זיין משפחה זייגעז געוועז זעהר גוט צו דיר און צו מיר, אבער אז גאט וועט העלפעז, וועלעז מיר זיי קאנעז אפּצאהלעז פאר אלץ... זיי זיינעז פארט פרעמדע און איך בין דיין אייגעז בלוט און פלייש.

— וואס ר׳ מרדכי וועט באשליסעז אזוי וועל איך טאן! — האט יואל דוד מיט א פעסטעז באשלוס געזאגט.

— הער זיך איין, יואל דוד, איז ר׳ מרדכי צו איהם צוגעגאנגעז — איך גלויב, אז דו אליין וועסט דארפעז באשליסעז... קיינער האט קיין רעכט ניט זיך אריינצומישעז. דו ביזט אלט גענוג און געלויבט איז גאט, דו האסט פארשטאנד און דו וועסט דארפעז מאכעז דיין אייגענעם באשלוס... אלץ וואס איך און דיין מומע זיינעז געוועז אויסעז איז, אז מען זאל דיך ניט קריוודעז... דו האסט געהערט וואס ר׳ שמעון האט געזאגט, דו האסט אויך געהערט ר׳ יודעל׳ס אנבאט און איצט טו ווי דו פארשטעהסט!

— איהר זייט גערעכט, ר׳ מרדכי, געזונט זאלט איהר זיין. ווער וויל זיך חלילה מישעז אין דעם, אודאי דארף ער אליין באשליסעז. וואס דען, ער האט קיין שכל ניט? ער פארשטעהט גאנץ גוט, אז אימיצער וויל איהם געבעז הונדערט רובעל פאר א האלב יאהר שכירות פאראויס. דארף ער זיי נעמעז צוזאמעז מיט׳ן כתב חזנות... זאל ער דאס אליין טאן... איך וויל איהם גאר ניט זאגעז, יע, צי ניין! עס איז דאך חלילה ניט קיין נדבה... ר׳ יודעל וועט זיין געלט צוריקקריגעז פון קהל. ער טוט עס בלויז כדי די זאך זאל פארענדיגט ווערעז אויפ׳ן בעסטעז אופן... די געלט וועט געהערעז צו איהם... מיר וועלעז עס איינלייגעז ביים רב... און ווען מען וועט דארפעז אויף חיונה וועט מען דאן נעמעז... עס איז עפּעס א נפקה מינה, צי קהל צאהלט איהם פיר רובעל א וואך אדער מיר נעמעז די פיר רובעל א וואך אויף הוצאות פון רבי... יע, יואל דוד, מיין ליעב קינד. איך וויל דיר ניט זאגעז קיין דעה, ווייל איך וויים, אז דו האסט גענוג שכל עס אליין צו טאן און זיך ניט ענטזאגעז צו נעמעז די געלט און עס זאל זיין שלום! וואס זאגסטו יואל דוד?

— איך זאג "ניין"! — האט זיך יואל דוד א שטעל געטאן פון זיין פּלאץ — איך וועל פון קיינעם קיין געלט ניט נעמעז פאראויס... אויב קהל פארלאנגט איך זאל ווערעז שטאט-חזן און איז ווילינ מיר צו צאהלעז ווי מען האט גערעדט איז רעכט, און אויב ניט בין איך צופרידען צו ווארטעז.

יאכע איז געבליבען שטעהן ווי מען וואלט זי אפגעגאסען מיט א צעבער קאלטע וואסער... אויף דעם האט זי זיך גארניט געריכט... וואס איז פון איהם געווארען? ערשט מיט א צעהן טעג צוריק איז ער געווען אזוי גע־הארכזאם צו איהר. ער האט געטאן אלץ וואס זי האט איהם געהייסען... און ווען ער האט געטאן א זאך וואס איהר איז ניט געפעלען געווארען, האט זי איהם ניט געזשאלעוועט קיין קלעפ און איצט, האט ער זיך אזוי געענ־דערט... ער וויל איהר גארניט פאלגען... ער טוט גאר וואס ר׳ מרדכי ווינשט... א, ניין, זי טאר עס ניט דערלאזען... זי דארף האבען די דעה איבער איהם און ניט קיין פרעמדער... זי פארשטעהט, אז ריינקע און ר׳ מרדכי ווילען איהם נעמען פאר אן איידעם... אבער זי וועט עס ניט דער־לאזען... ער איז נאך גאר א קינד, ווי לאנג צוריק איז ער בר מצוה גע־ווארען... מיט געוואלד וועלען זיי איהם ניט פארשלייערען צו זייער טאכ־טער...

אין צימער איז דערווייל געווארען א געמורמעל... ר׳ שמעון׳ען איז שטארק געפעלען געווארען יואל דוד׳ס האלטונג... מיט דעם איז ער געווען איינשטימיג מיט ר׳ מרדכי׳ן. זאל יודעל אפאטאוו ניט מיינען, אז ער קאן איהם אפקויפען מיט געלט.

יודעל האט אוועקגעלייגט די הונדערט רובעל אויפ׳ן טיש און געזאגט

— איך וויל אייך אלעמען ווייזען, אז איך האלט מיין ווארט... אזוי שנעל ווי יואל דוד שטימט איין, געהערט דאס געלט צו איהם, און מיר וועלען קאנען ערליידיגען דעם גאנצען עניין היינט ביינאכט.

— ער מיינט, אז דא האנדעלט זיך אום די הונדערט רובעל — האט ר׳ שמעון אויסגערופען — אויב עס וואלט זיך געהאנדעלט וועגען דעם, וואלט איך אויך געקאנט באווייזען אזא קונץ.

— נו, אדרבה, באווייזט אט דעם קונץ — האט יודעל אפאטאוו אויס־גערופען — ווייזט דעם קונץ און לייגט אוועק אויפ׳ן טיש הונדערט רובעל.

— איך טראג זיך ניט ארום מיט קיין געלט, אבער אז מען וועט דאר־פען איז מיין ווארט אזוי גוט ווי מזומן... בלויז די וועמען מען קאן ניט געטרויען אויפ׳ן ווארט, דארפען זיך ארומטראגען מיט מזומן.

— איהר הערט, אידען, ער באליידיגט מיך שוין ווייטער! — האט יודעל אויסגערופען — ער זאגט, אז מען קאן מיר ניט געטרויען אויפ׳ן ווארט.

— האב איך דען דערמאנט זיין נאמען? — האט ר׳ שמעון א ציה געטאן מיט זיינע פלייצעס — איך האב גערעדט גלאט אין דער וועלט אריין און ער כאפט זיך אן אין דעם... עס ווייזט אויס, אז "אויפ׳ן גנב ברענט דאס היטעל".

— נישקשה, איך וועל איהם ניט שענקען — האט יודעל א קלאפ געטאן מיט׳ן פויסט איבער׳ן טיש — ער וועט ביי מיר ווערען אויס גבאי ראשון, דער רויבער, דער בלוט-זויגער!

— אהא! שוין ווידער פאנגט זיך אן — האט ר׳ שלמה׳לע אויסגע־

רופֿן — וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אומגליק? אידן זאָלן זיך אַרומרייסן צווישן זיך... פּונקט ווי מיר וואָלטן ניט געהאַט אַזוי אויך גענוג שונאים פֿון דרויסן... אויב דאָס וועט אַזוי אָנגעהן, וועל איך אייך ביידן בעטן צו שווייגן...

יאַכע האָט איהרע אויגן ניט אַרונטערגענומען פֿון די אַסיגנאַציעס וואָס זיינען געלעגן אויפֿ'ן טיש... זי האָט זיי "געשלונגען" מיט איהרע בליקן... געוואָלד, ווי אַזוי קאָן מען איהם אַריינגעבן שכל. ער זאָל זיי נעמען...

— די בעסטע זאַך וועסטו טאָן, קינד מיינס — האָט יאַכע געמאַכט אַ צווייטן פֿאַרזוך איהם איבערצורעדן — ווען דו נעמסט דאָס געלט און מיר ענדיגען אַלץ אָפּ און פֿאַרטיג, אָהן קריגערייען... פֿאָלג מיך, יואל דוד'ל, טו וואָס דיין מומע הייסט דיך און דו וועסט קיין חרטה ניט האָבען.

— נייז, מומע, איך בעט אייך לאָזט מיר צו רוה, איך וועל עס ניט טהאָן! — האָט יואל דוד געזאָגט.

— נו, אויב אַזוי האָבען מיר דאָ מעהר ניט וואָס צו טאָן! — האָט יודעל אויסגערופֿען — דער גבאי איז פֿאַר'עקשנ'ט און וויל ניט נאָכגעבען, יואל דוד וויזט צוריק מיין אָנבאָט... אויב אַזוי פֿאַרלירען מיר די צייט אין ניוועץ... לאָמיר געהן אַהיים.

יודעל האָט גענומען דאָס געלט פֿון טיש און עס צוריק אַריינגעלייגט אין זיין בוזים קעשענע.

— ר' יודעל — האָט יאַכע זיך צו איהם געווענדעט, איך בעט אייך געהט נאָך ניט אַוועק... אפשר וועט מען דאָ פֿאָרט קומען צו אַ טאָלק... פֿאַרוואָס זאָלען מיר אַזוי האַנדלען?

— זעהט איהר דען ניט, אַז עס וועט פֿון דעם גאָרניט אַרויסקומען — האָט יודעל זיך אָנגערופֿען. אַזוי לאַנג ווי דער גבאי ראשון איז פֿאַר־עקשנ'ט וועלען מיר גאָרניט קאָנען טאָן... ווען קהל וועט זיך דערוויסען דעם אמת, ווער עס האָט געשטערט, קאָן זיין, אַז מען וועט עפּעס טאָן צו דעם. איך וויים בלויז, אַז גאַנץ ווילנע וואַרט מיט גרויס אומגעדולד, אַז מען זאָל אָנשטעלען יואל דוד'ן פֿאַר'ן שטאָט חזן כדי מיר זאָלען האָבען דעם פֿאַר געניגען צו הערען איהם דאַוונען, און ווען זיי וועלען וויסען וועמענס שולד עס איז וואָס ער איז ניט באַשטימט געוואָרען פֿאַר'ן שטאָדט חזן, וועלען זיי מן הסתם עפּעס טאָן אין דעם... גבאי ראשון איז ניט קיין קיסר... וויל מען איז ער גבאי ראשון, וויל מען ניט מאַכט מען אַ צווייטען פֿאַר'ן גבאי ראשון און פּטור אַן עסק...

ר' שמעון האָט איינגעזעהן, אַז אויב ער זאָל בלייבען פֿאַר'עקשנ'ט וועט איהם שוין קיין צרות ניט פֿעהלען פֿון אָט דעם דאָזיגען יודעל אפּאַ־טאָוו. ער האָט ביז איצט גאָר קיין באַגריף ניט געהאַט, אַז ער איז ביי זיך אַזאַ תקיף... אַז ער האָט געלט און קאָן באַהויפּטען זיך צו וואַרפֿען מיט הונ־דערטער... אַזאַ חברה־מאַן קאָן איהם דערגעהן די יאָהרען בפֿרט ווען מען

וועט אויסגעפינען, אז צוליב איהם האָט מען יואל דוד׳ן ניט געגעבען קיין כתב חזנות...

— הערט זיך איין, רבותי! — האָט ר׳ שמעון זיך אָנגערופען — איך וויל אז איהר זאָלט וויסען, אז איך בין כמעט געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געזאָגט, אז די שטאָט שוהל זאָל איהם אָנשטעלען אלס חזן... איך האָב נאָך אין מיין לעבען אזא פארגעניגען ניט געהאט, ווי דאָס פארגעניגען צו הערען איהם דאַווענען. מיר וואָלט ניט מיאוס געוואָרען צו הערען איהם טאָג און נאַכט!

— טאָ פארוואָס שטערט איהר! — רופט זיך אָן ר׳ זכריה.

— איהר הערט, ער זאָגט, אז איך שטער... אלץ וואָס איך האָב געזאָגט איז, אז עס וואָלט זיין ניט רעכט פון מיין זייט ארויפצולייגען מיין חתימה איידער קהל קאָן איהם גאַראַנטירען די אלע שכירות... א קונץ איז ארויפצולייגען די חתימה... דאָס קאָן יעדער איינער... אָבער מען וועט דארפען דורכפיהרען די באדינגונגען... יואל דוד וועט דארפען יעדען פרייטאָג באַקומען זיינע שכירות. איז אויב איהר אלע, וועלכע האָבען זיך דאָ פארזאמעלט גלויבט, אז מיר דארפען ניט זאָרגען פון וועלכע קוואלען מיר׳ן קריגען דאָס געלט, בין איך מוכן ומזומן — זיך אונטערצושרייבען.

— אט אזוי רעדט! — האָט ר׳ זכריה אויסגערופען.

— ווען איהר וואָלט אזוי גערעדט פון אָנפאנג אָן וואָלטען מיר דאָך געקאָנט פארמיידען אלע סכסוכים און קריגערייען — האָט ר׳ שלמה׳לע געזאָגט, — אויב אזוי זאָל דער סופר אָנשרייבען דעם כתב חזנות און עס זאָל זיין מיט הצלחה. עס זאָל הערשען שלום אויף דער וועלט בכלל און צווישען אידען בפרט.

ר׳ שלמה׳לע האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאַץ און איז צוגעגאַנגען צום סופר, וועלכער האָט שוין איינגעטונקט די גענזענע פעדער אין טינט און ער האָט פאנאנדערגעוויקעלט א שטיקעל פּארמעט און ער האָט געקוקט אויף ר׳ שלמה׳לען, וועלכער האָט א לייג געטאָן די האנט אויף זיין ברייטען שטערען און ער האָט זיך גענומען שאָקלען דיקטירענדיג אין העברעאיש דעם כתב חזנות.

דער סופר האָט זיך געפלייסט צו שרייבען געדרוקטע אותיות און צו יעדע שורה האָט ער אויפגעהויבען זיין קאָפּ צו ר׳ שלמה׳לען ווארטענדיג ער זאָל ווייטער דיקטירען.

ווען ער האָט געענדיגט שרייבען, האָט ר׳ שלמה׳לע גענומען דעם פארמעט און ער האָט איהם פארגעלייענט אין דער הויך פאר אלעמען.

— איצט וועל איך עס פארטייטשען אויף אידיש — האָט ר׳ שלמה׳לע געזאָגט.

— עס איז ניט נויטיג, מיר פארשטעהען אלע — האָט ר׳ זכריה געזאָגט.

— די, וועלכע וועלען זיך דארפען חתמענ׳ען פארשטעהען געוויס! — האָט ר׳ שמעון געזאָגט און געוואָרפען א בליק אין דער ריכטונג פון יודעל אפּאַטאָוו.

יודעל האט פארשטאנען, אז ער מיינט צו זאגען, אז ווי באלד ער דארף זיך ניט חתמנ'ען אויף דעם כתב חזנות, דארף מען פאר איהם ניט איבערזעצען, כאטש ער פארשטעהט ניט קיין העברעאיש... ער האט איהם שוין געוואלט עפעס אריינזאגען, אבער ר' שלמה'לע האט באלד פארשטאנען די לאגע און כדי צו פארמיידען נאך א סכסוך האט ער זיך אנגערופען:

— מיר דארפען נישט פארגעסען, אז צווישען אונז געפינט זיך אן אשה, די מומע פון יואל דוד'ן און צוליב איהר אליין איז מיין פליכט צו איבערזעצען וואס מען האט דא אנגעשריבען, כאטש מיר אלע מאנספארשוי־נען פארשטעהען יע, וואס מיר האבען אנגעשריבען.

ר' שלמה'לע האט געהאלטען דעם פארמעט אין האנט און ער האט איבערזעצט ווארט ביי ווארט.

— נו, איז עס צופרידענשטעלענד? פרעגט ר' שלמה'לע.

כאטש יאכע האט ניט אינגאנצען פארשטאנען אפילו פון דער איבער־זעצונג, אבער אז ער וועט קריגען יעדען פרייטאג פיער רובעל א וואך, דאס האט זי יע פארשטאנען און זי האט דעריבער צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

— נו, און דו יואל דוד ביזטו צופרידען?

יואל דוד האט א וועגד געטאן זיינע אויגען אין דער ריכטונג וואו ר' מרדכי איז געשטאנען. יאכע האט געזוכט צו ציהען יואל דוד'ס אויפמערק־זאמקייט. זי האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ ער זאל איינשטימען.

ווען ר' מרדכי האט געהאלטען, אז יואל דוד'ס בליקען זיינען געווענ־דעט אויף איהם האט ער זיך אנגערופען:

— איך גלויב, אז דער כתב חזנות איז צופרידענשטעלענד פאר אלע צדדים, וואס זאגסטו יואל דוד?

— איך בין צופרידען — האט יואל דוד אפגעווישט דאס שוויים פון זיין שטערען.

— איצט ר' שמעון זייט אזוי גוט און חתמ'עט אט דא — האט ר' שלמה'לע אנגעוויזען דעם פלאץ.

ר' שמעון האט גענומען די גענזענע פעדער פון דעם סופר'ס האנט און זי איינגעטונקט אין טינט. דאן האט ער גענומען דעם פארמעט און איהם אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש. ער האט פריהער אריינגעקוקט אינווענינ און דאן האט ער אונטערגעשריבען.

— איצט שרייב דו אונטער — האט ר' שלמה"לע זיך געווענדעט צו יואל דוד'ן.

ר' שמעון האט פאר איהם איינגעטונקט די פעדער און זי איהם דער־לאנגט.

יאכע איז באלד צוגעקומען נאהענט צו איהר פלימעניק, ווי זי וואלט מורא געהאט, אז אין דער לעצטער מינוט זאל ער ניט חרטה האבען. זי האט זיך געשטעלט פון הינטען און אריבערגעבויגען איהר קאפ. און ווען יואל דוד האט זיך שוין אונטערגעשריבען, האט יאכע איהם א קוש געטאן און אויסגערופען:

— נו, זאָל זיין מיט מזל, מיט גליק און מיט הצלחה.

— זאָל גאָט געבען, אז דו זאָלסט געהן מחיל אַל חיל און זאָל דיין נאָמען גרייכען אומעטום וואו אידען געפינען זיך — האָט ר׳ שלמה׳לע ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף יואל דוד׳ס קאָפּ און איהם געבענשט.

— נו, איך פרעג אייך, האָט מען עס גליך ניט געקאָנט טאָן און פאַר־שפּאָרען די קריגערייען? — האָט ר׳ זכריה געזאָגט — און איצט ר׳ מרדכי הייסט טאַקע אריינברענגען דעם ביטערען טראָפּען וואָס וועט פאַרזיסען אַלעמענס געמיטער, יע, משקה, משקה, לאָמיר אראָפּשווענקען די ביטער־קייט!

ר׳ מרדכי האָט געעפענט די טיר און ער האָט אויסגערופען:

— ריינקע, איצט קאָנסטו שוין אריינקומען, אַלץ איז געשליכטעט, יואל דוד איז אָנגעשטעלט געוואָרען פאַר שטאָט חזן אויף א יאָהר צייט... ברענג אריין א פּאָר פלעשער שנאַפּס און עפּעס צובייסען.

ריינקע איז אריינגעקומען אין צימער און זי האָט צוגעוואונשען יואל דוד׳ן גליק און זי האָט באַלד אריבערגעדעקט דעם טיש מיט א טישטוך און זי און חנה׳לע האָבען גענומען שטעלען כיבוד. זיי האָבען אוועקגעשטעלט פלעשער בראַנפען, גלעזלאך און איינגעמאַכטס מיט לעקעכלאך.

ריינקע און חנה׳לע האָבען זיך אויך צוגעזעצט ביים טיש, נעבען יאכע׳ן, וועמענס אויגען האָבען געגלאַנצט פון גליק.

— נו, א דאַנק און א לויב דעם "די הענט ניט געוואַשענדיג" — האָט יאכע זיך אָנגערופען צו ריינקע׳ן, אַלץ האָט זיך געענדיגט אויפ׳ן בעסטען אופן. מיין ארימער יתום, ער האָט אין די פּאָר שעה דורכגעמאַכט א גיהנם... זאָל איהם גאָט געבען קרעפטען...

ר׳ שמעון האָט אפילו געוואָלט אוועקגעהן, אָבער ער האָט געפיהלט, אז עס פּאַסט ניט, מען וועט איהם נאָך באַריידען און דעריבער האָט ער באַ־שלאָסען צו בלייבען. ר׳ שלמה׳לע האָט ניט געטרונקען קיין משקה.

יודעל אַפּאַטאָוו האָט דער ערשטער אָנגעגאָסען א גלעזעל בראַנפען און געזאָגט: "לחיים אידען!"

— לחיים, לחיים, זאָל גאָט געבען, אז מיר זאָלען זוכה זיין צו הערען דעם שופר של משיח — האָט ר׳ זכריה געזאָגט — און מיר וועלען מיטנע־מען אונזער יונגען חזן יואל דוד קיין ירושלים און ער וועט דאַווענען אין בית המקדש.

— אמן! — האָט יאכע אונטערגעכאַפּט.

— זאָל נאָר הערען שלום ביי אידען! — האָט ר׳ שלמה׳לע אריינ־געזאָגט.

— איהר הערט רבותי, איצט איז די צייט צו מאַכען שלום צווישען ר׳ שמעון פרנס און ר׳ יודעל אַפּאַטאָוו, זאָלען זיי זיך געבען די הענט און פאַר־געסען וואָס עס איז פאָרגעקומען — האָט ר׳ זכריה א זאָג געטאָן.

— פאַרגעסען! אַ, ניין! — האָט ר׳ שמעון אויסגערופען. איך וועל

קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ער האָט דאָך מיך גערופן שווינדלער און רויבער. זאָל ער פריהער באַווייזן ווען איך האָב באַרויבט און באַשווינדלט.

— ער איז נאָך גערעכט! — האָט זיך יודעל אַפּאַטאָוו אַ שטעל געטאָן — ער האָט מיך גערופן "פערד גנב" און מסור... זאָל ער באַווייזן ביי וועמען איך האָב גע'גנב'עט אַ פערד און וועמען איך האָב גע'מסר'ט. איך וועל איהם פאַר דעם ניט שענקען. איך בין נאָך מיט איהם ניט פאַרטיג!

— קוקט איהם נאָר אָן, ער וועט מיר ניט שענקען! ער מיינט, אַז איך שרעק זיך פאַר איהם, זאָל איך אַזוי מורא האָבען פאַר איהם טויטער הייט ווי איך האָב איצט מורא פאַר איהם!

— פע, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ דבורים! — האָט ר' זכריה אַ זאָג געטאָן.

— איהר הערט, אידען, דער גבאי ראשון קאָן זיך שילטען ווי אַ מאַרק אידענע! — האָט אַפּאַטאָוו געזאָגט — זאָל ער שילטען... ער האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט מיר, און איך זאָג אייך, אַז ער וועט נאָך קייען פון מיר די ערד... אַ גבאי ראשון! ער וועט שוין לאַנג ניט זיין קיין גבאי ראשון.

— ווי געפעלט ער אייך? אָט דער גראָבער יונג וועט מיך אַרונטערזעצען פון מיין גבאות — האָט ר' שמעון זיך ווידער גענומען קאָכען. אַ חוצפה פון אַ פערד גנב!

— פערד גנב! — האָט זיך שוין יודעל אַפּאַטאָוו אַ וואָרף געטאָן אויף איהם.

די אַנדערע אידען האָבען זיך אויפגעשטעלט און ניט דערלאָזען.

— עס איז שוין געווען רוהיג און שטיל, צוליב וואָס האָט איהר עס באַדאַרפט ווידער אָנפאַנגען! — האָט ר' שלמה'לע זיך געווענדעט צו ר' זכריה'ן.

— וואָס האָב איך געטאָן? אדרבה, איך האָב דאָך געזאָגט, אַז זיי זאָלען מאַכען שלום צווישען זיך.

— איצט איז נאָך ניט געווען די ריכטיגע צייט צו ריידען וועגען שלום, אין דער צייט וועןביידע געמיטערס זיינען אויפגעבראַוזט...

— עס איז ניט מיין שולד! — האָט ר' זכריה געזאָגט — איך האָב ניט געמיינט קיין שלעכטעס. ווי באַלד, אַז אַלץ איז געשליכטעט געוואָרען און מיר נעמען צו ביסלאָך משקה, האָב איך געמיינט, אַז אפשר איז איצט די צייט צו מאַכען שלום. פון וואַנען זאָל איך וויסען, אַז אַנשטאָט שלום וועלען זיי זיך ווייטער אָנפאַנגען קריגען... איך וויים, אַז ביי אַ גלעזעל משקה קאָן מען שטענדיג ריידען פון שלום.

— ווייסט איהר וואָס איך וואָלט פאָרגעשלאָגען, — האָט ר' לייבעלע קאַנטאָר זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ, — זאָל יואל דוד, אונזער נייער שטאָט-חזן עפּעס זינגען פאַר אונז לכבוד דעם.

— איך וויים ניט אויב עס איז ראַטהזאַם פאַר איהם ער זאָל איצט זינגען, — האָט ר' מרדכי אַ זאָג געטאָן, — ער איז מיעד, צוהיצט און עטוואָס אויפגערעגט, עס וועט זיין געזינטער אַז ער וועט איצט ניט זינגען.

— ער וועט שוין זינגען, — האָט יאַכע זיך אָנגערופֿען, — מיין פּלי־מעניק איז איצט מיעד, זאָל ער זיך אויסרוהען.

— יאָ, יואל דודר, געה צו צו דיין צימער און לייג זיך שלאָפֿען, — האָט ריינקע געזאָגט, — דיין בעט איז אויסגעבעט.

— זאָל ער נעהמען אביסעל משקה, — האָט יודעל געזאָגט, — ער איז דאָך שוין אונזער שטאָט־חזן.

— ער וועט צייט האָבען צו טרינקען, — האָט ר׳ מרדכי א שמייכעל געטאָן, — איצט גלויב איך, וועט זיין בעסער פאַר איהם אז ער וועט זיך צוריקציהען צו זיין צימער און זיך אויסרוהען.

יואל דוד האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און ער האָט געזאָגט א גוטע נאַכט, און איז ארויס פון צימער. אין קאָרידאָר איז געשטאַנען חנה׳לע. זי האָט זיך צוגעהערט צו אַלעם וואָס עס איז פאָרגעקומען אין גאַסט־צימער, און ווען זי האָט איהם דערזעהן איז זי איהם אנטקעגען געקו־מען און איהם א קוש געטאָן.

— יואל דוד, מיין טייערער, איך ווינש דיר גליק. איצט ביזטו דאָך ווילנער שטאָט־חזן.... איך האָב אַזוי געוואָלט דיך זעהן, אָבער איך האָב זיך געשעהמט אריינצוקומען... איך בין אַזוי גליקליך... אָ, דו האָסט א סך דורכגעמאַכט. ר׳ שמעון איז א שלעכטער מענש און ער האָט געוואָלט דיר פאַרשאַפֿען הארצוועהטאָג. איך קען זיך פאָרשטעלען וואָס עס וועט זיך טאָן אין ווילנע ווען עס וועט באַקאַנט ווערען אז דו ביזט אַנגעשטעלט געוואָ־רען אַלס שטאָט־חזן. איך מוז דיר זאָגען, אז דו האָסט זעהר גוט געטאָן וואָס דו האָסט ניט אָנגענומען ר׳ יודעל׳ס אָנבאָט... דיין מומע האָט שטאַרק געוואָלט קריגען דאָס געלט.

— זי וועט ניט קריגען, — האָט יואל דוד געזאָגט, — דו הערסט, חנה׳לע, אַזוי לאַנג ווי איך וועל וויסען אז זי האָט א דירה און עסען, וועל איך זיין צופרידען... איצט איז זי צו מיר גוט געוואָרען... זי דערצעהלט פאַר אַלעמען אז זי פלעגט מיר גיסען גאָלד אין האלז אין דער צייט וואָס זי פלעגט מיך גאַנץ אָפט שלאָגען ווען איך פלעג נעהמען א שטיקעל ברויט.

— זי וויל באַלעבאַטעווען איבער דיר, יואל דוד, — האָט חנה׳לע געזאָגט, — זי וועט איצט זוכען דיך אָוועקצונעהמען פון אונז.

— וועגען דעם דאַרפסטו ניט זאָרגען, חנה׳לע — זי קען מיר גאָרניט טאָן. איך וועל זי ניט פאָלגען. דאָס געלד וואָס איך וועל באַקומען אַלס שכירות וועל איך דיר אָפּגעבען און דו וועסט עס איינלייגען ביים רב... איך וועל איהר געבען איין רובעל א וואָך, א דירה וועט זי האָבען און זי וועט זיין באַזאָרגט.

— פאַרוואָס ווילסטו מיר אָפּגעבען דיינע שכירות? — האָט חנה׳לע איהם געפרעגט און געקוקט אויף איהם מיט גליקליכע אויגען.

— פאַרוואָס? דו ווייסט דאָך פאַרוואָס? — האָט יואל דוד געזאָגט און זיך גענומען רויטלען.

— ווייל דו וועסט ווערען מיין מאן און א מאן דארף איבערגעבען זיינע פארדינסטען זיין פרוי. הא, ניט אמת?
— יא, צוליב דעם! — האט יואל דוד געזאגט.
— דו האסט מיך נאך איצט אויך ליעב, יואל דוד?
— וואס פאר א פראגע איז דאס?
— איך האב מורא אז איצט אז דו ביזט געווארען שטאט־חזן וועסטו זיך ענדערען.
— נייז, חנה׳לע, דו מאכסט א טעות. איך וועל זיך קיינמאל ניט ענ־דערען. דו האסט פארגעסען אז היינט האבען מיר געשווארען מיט די ציצית פון מיין ארבע כנפות אז מיר וועלען געהערען איינעם צום צווייטען ביז אייביג?
— נייז, איך האב עס ניט פארגעסען, טייערער, — האט חנה׳לע גע־זאגט, — שא, דוכט זיך אז אימיצער קומט אן. געה שנעל אריין צו זיך אין צימער.
יואל דוד איז אריין אין זיין צימער, און ער האט זיך אויסגעטאן, גע־לייענט קריאת שמע און איז באלד איינגעשלאפען מיט זיסע חלומות.

קאפיטעל פופצעהן

ריינקע׳ס שרעק פאר יואל דוד׳ס מומע יאכע, איז ניט געווען קיין אומזיסטע. שוין גלייך אויף מארגען אין דער פריה, נאכדעם ווי מען האט אוועקגענומען אלע פסח׳דיגע כלים און אריינגעבראכט דעם חמץ צוריק אין הויז, האט יאכע גענומען מורמלען אז איהר געפעלט ניט די דירה וואס ר׳ מרדכי סטראשון האט פאר איהר אפגעגעבען.
אזוי שנעל ווי ר׳ מרדכי און יואל דוד זיינען געגאנגען דאוונען, איז יאכע ארונטער באטראכטען די דירה וואו זי האט זיך היינט באדארפט אריינקלייבען. זי האט זיך ארומגעקוקט, זי האט באטראכט די פרישע גע־קאלכטע ווענט, דעם סופיט און די פארלאטעטע פאדלאגע און גענומען שאקלען מיט׳ן קאפ... זי איז צוריק ארויף אין הויז. ריינקע איז געווען פארנומען מיט׳ן פרישטיק. זי האט געהאלפען דער דינסט אלעם צוגרייטען. זי איז אליין ארונטערגעגאנגען אין דער בעקעריי און געבראכט פרישע זעמעל־בולקעלעך און קוכעלעך מיט מאהן. לאה׳לע און מאטעלע האבען זיך קוים צוגעכאפט צום חמץ, חנה׳לע האט אבער געזאגט אז זי וועט וואר־טען מיט׳ן פריהשטיק ביז וואנען איהר פאטער און יואל דוד וועלען צו־ריקקומען פון דאוונען.
— געהט עסען, יאכע! — האט ריינקע זיך צו איהר אנגערופען, — איהר זייט דאך געווים הונגעריג.
— הונגעריג? וואס איז דא די איילעניש! — האט יאכע א זאג געטאן, — איך בין נאך ניט הונגעריג.

ריינקע האָט באַמערקט אַז זי איז עפּעס פאַרקרימט, אָבער זי האָט זיך ניט געמאַכט זעהענדיג.

— איך בין נאָר וואָס געווען אין דער נייער דירה, — האָט יאַכע זיך אָנגערופען, — און איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, ריינקע, אַז מיר געפעלט גאָרניט.

— וואָס מיינט איהר? אייך געפעלט ניט די אַרבייט וואָס ר׳ יהושע זעליג האָט דאָרט געטאָן? וועט איהר אַזוי גוט זיין און איהם דאַרפען זאָגען. ער קריגט שוין גאָר אַ גוטען פּרייז פאַר זיין אַרבייט — פינף־און־צוואַנציג רובעל האָט מיין מאַן זיך מיט איהם באַדונגען און ער דאַרף דער־פאַר אייך צופרידענשטעלען. זאָגט מיר, וואָס פאַר אַ חסרונות האָט איהר געפונען און ר׳ יהושע זעליג וועט דאַרפען עס גוטמאַכען. ער איז אַ גוטער בעל מלאכה און אַן עהרליכער איד. אדרבא, זאָגט וואָס געפעלט אייך ניט?

— המ... עה... איך ווייס ניט, מיר געפעלט ניט די גאַנצע דירה.

— עס געפעלט אייך ניט, ווייל עס איז נאָך קיין מעבעל ניטאָ. מיר וועלען אַריינשטעלען אַ פּאָר בעטען, אַ טיש און בענקלעך און אַנדערע קליי־ניגקייטען און די דירה וועט האָבען אַן אַנדער פּנים.

— ניין, מיר געפעלט זי נישט... ערשטענס, ווייל עס איז אונטען און מיר דוכט זיך, אַז ווינטער וועט דאָרט זיין נאַס.

— אַז איהר וועט הייצען דעם אויווען וועט זיין טרוקען, — האָט ריינקע געזאָגט, — איהר דאַרפט וויסען אַז היינטיגע צייטען צו קריגען אַ דירה מיט אַלע מעלות איז זעהר שווער.

— עס איז שוין גאָרנישט אַזוי שווער! — האָט יאַכע אַ זאָג געטאָן,

— פאַר געלט קען מען קריגען... פאַרשטעהט איהר מיך, צוליב יואל דוד׳ן אַליין וועל איך מוזען נעהמען אַ טרוקענע דירה... ער זאָל חלילה ניט צו־קיהלען זיך...

— יואל דוד וועט שטעהן מיט אונז, — האָט ריינקע אַ זאָג געטאָן.

— וואָס מיינט איהר ער וועט שטעהן מיט אייך?! — האָט שוין יאַכע אויפגעהויבען איהר קול, — אַ שעהנע מעשה בלעבען. מיין פּלימעניק וועט דאַרפען שטעהן ביי פרעמדע!... דאַנקען גאָט, ער פאַרדינט נישקשה׳דיג און ער וועט חלילה ניט דאַרפען אָנקומען צו קיינעמ׳ס הילף... ניין, איך וועל אייער דירה ניט נעהמען, איך וועל זוכען פאַר אונז אַן אַנדער דירה.

— וואָס הייסט איהר וועט ניט נעהמען! מיר ווילען אייך דען רע־כענען דירה־געלד פאַר איהר! קלייבט זיך אַריין און וואוינט דאָרט גע־זונטערהייט.

— און איהר מיינט אַז איך וועל וואוינען ביי יענעם אומזיסט?! איהר מאַכט אַ טעות. איך וויל ניט אָנקומען צו צדקה... איצט אַז יואל דוד, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, פאַרדינט, וועלען מיר האָבען די מעג־ליכקייט צו צאָהלען און אויב שוין יאָ צאָהלען, קען איך דאָך קריגען אַ טרוקענע און ליכטיגע דירה.

— אבער מיין מאן האט שוין אריינגעלייגט פינף־און־צוואנציג רובעל פאר'ן רעמאנט, ער האט עס געטאן צוליב אייך.

— נו, עס וועט ניט זיין קיין גרוים אומגליק. ער וועט קריגען אן אנדער שכנה.

— איהר ווייסט אליין ניט וואס איהר ווילט, יאכע! — איז שוין רייזקע עטוואס אין כעס געווארען.

— הערט נאר, הערט, איך וויים ניט וואס איך וויל! — האט זיך יאכע צושריען, — איך טאר שוין גארנישט וועלען... איך וויים וואס איך וויל... איך וויל א טרוקענע דירה כדי יואל דוד זאל ניט דארפען מורא האבען ער זאל זיך ניט צוקיהלען. איהר קענט מיר קיין דעה ניט זאגען וואס צו טאן... און איהר קענט מיך אודאי ניט צווינגען צו וואהנען אין אייער דירה... מיר וועלען אייך באצאהלען פאר די גוטסקייט וואס איהר האט אונז ארויסגעוויזען... מיר וועלען אלעס אויסרעכענען וויפיל די נאר־ניטורלעך זיינען ווערטה... און אויב איהר ווילט קען איך אייך אומקעהרען אייער קלייד און די קארעלען... איהר קענט מיך מיט דעם ניט אפקויפען... איך וויל טאקע באלד אוועקגעהן מיט יואל דוד'ן זוכען א דירה... עס וועט אונז ניט שווער אנקומען... איך האב געהערט אז ביי ר' שמעונ'ען אין הויף אז פאראן א פיינע דירה, און אויב זי וועט אונז געפעלען וועלען מיר נעמען... א דאגה א דירה... מיר וועלען שוין קריגען א דירה... ווילכער בעל־הבית וועט ניט זיין צופרידען צו האבען פאר א שכן דעם ווילנער שטאט־חזן ?!..

— איך פארהאלט אייך ניט, — האט רייזקע זיך געזוכט צו באהער־שען, — איהר קענט אפילו שוין געהן זוכען אן אנדער דירה.

— איהר דארפט מיך ניט טרייבען, — האט יאכע געשריען, — איך וועל געהן... האט איהר געהערט אין אייער לעבען, זי טרייבט מיך שוין פון הויז.

— הערט זיך איין, יאכע, איך זעה אז איהר האט געקראגען פליגען אין נאז, קיינער טרייבט אייך ניט... איך האב דאך אייך געזאגט, ווילט איהר בלייבען אין דער דירה וואס איז רעמאנטירט געווארען פאר אייך איז גוט, און אז ניט קענט איהר קריגען א צווייטע דירה. מיר דארפען זיך ניט קריגען צוליב דעם.

— ווער קריגט זיך מיט אייך! איך האב געזאגט, אז אזוי שנעל ווי יואל דוד קומט פון דאווגען וועל איך מיט איהם געהן זוכען א דירה.

— איך האף, אז אם וויניגסטען וועט איהר איהם לאזען עסען פריה־שטיק, — האט רייזקע געזאגט מיט א שמייכעל, — און ווייסט איהר נאך וואס, איך קען אייך זאגען אז אפילו ווען איהר וועט קריגען א צווייטע דירה, קענט איהר טראגען מיין קלייד און די קארעלען. איך וועל זיי פון אייך ניט אוועקנעהמען.

— איך דארף ניט קיין מתנות. אזוי שנעל ווי יואל דוד וועט קריגען

זיינע שכירות וועל איך זיך שוין מאכען א קלייד און אייך וועלען מיר באַצאהלען פאר אלעס.

— איהר פלאפעלט, יאכע, און איהר ווייסט ניט וואס איהר ווילט.

— איך פלאפעל! א נייע זאך... איהר מוזט מיינען אז איך ווייס ניט וואס גוט איז... דער גביר דארף האבען א פיינע טרוקענע דירה און שעהנע מעבעל און דער קבצן דארף אפפינסטערען זיין לעבען אין א נאסע קאלטע דירה און זיך צופרידענשטעלען מיט דעם. ניין, ריינקע, איהר מאכט א טעות. איך פלאפעל שוין גארניט. מילא פריהער אז איך האב ניט געקענט באהויפטען, נו, האב איך זיך געמוזט באנוגענען מיט וואס איך האב געקענט באהויפטען, אבער איצט, דאנקען גאט, יואל דוד איז שטאט־חזן און ער פארדינט פיער רובעל א וואך און דערצו וועט איהם נאך אריינפאלען א זייטיגע מטבע אויך, וועלען מיר קאנען באהויפטען צו וואוינען אין א טרוקענע דירה אויף א העכערען עטאזש, ניט אונטען... איך וועל עס מוזען אפהיטען זיין שטימע, און איהר ווייסט אליין אז אין א קאלטער נאסער דירה ווערט מען פארקיהלט און הייזעריג.

— נו, וואס האב איך מיט אייך וואס צו ריידען, — האט ריינקע געזאגט, — אויב יואל דוד וועט ביי אונז ניט וועלען בלייבען, קענט איהר זיך אריינקלייבען אפילו ביי ר' שמעון פרנס'ן אין הויז, איך אבער בין גענייגט צו גלויבען אז יואל דוד וועט יא וועלען פארבלייבען מיט אונז.

— אזוי זאגט איהר! — האט זיך יאכע א קרים געטאן, — און איך זאג אייך אז ער וועט מיט אייך ניט בלייבען.

— וואס אן ערך פעהלט איהם ביי אונז? — האט ריינקע א זאג געטאן, — מיר באהאנדלען איהם חלילה ניט גוט... אדרבא, זאגט אליין, פארוואס זאל ער ניט וועלען פארבלייבען מיט אונז?!..

— פרעמדע זיינען אבער פארט ניט קיין אייגענע, איך האב זיך מיט איהם געפלאגט זינט ער איז א קינד געווען, ביי מיר האט ער געפאקט און געמאזעלט און דורכגעמאכט פארשידענע אנדערע קראנקהייטען... איך פלעג יעדען פריהמארגען אויפשטעהן און אוועקגעהן אויפ'ן שוהל־הויף צו פארקויפען הייסע ארבעס, הייסע באב, אדער רעטשיסניק, כדי איך זאל האבען מיט וואס צו שפייזען מיינע פלימעניקעס, די צוויי יתומים, און איצט, אז גאט האט געהאלפען און יואל דוד איז אויפגעריכט געווארען, ער איז געווארען שטאט־חזן, ווילט איהר איהם פון מיר אוועקנעהמען?!...

— אוועקנעהמען?! א נייע זאך. קיינער וויל איהם פון אייך ניט אוועקנעמען. יואל דוד איז ניט קיין עופה'לע, ער קען אליין אורטיילען וואס עס איז פאר איהם בעסער, איהר האט דאך געזעהן וואס עס איז געווען נעכטען ביינאכט, ביי אייך איז געווען רעכט ער זאל נעהמען דאס געלד וואס יודל אפטאוו האט איהם אנגעבאטען און פארטיג... ווייסט איהר וואס דאס וואלט געמיינט? ערשטענס, אז דער גאנצער בעל הבית איבער איהם וואלט געווען יודעל אפטאוו, און צווייטענס, וואלט מען איהם קיינמאל ניט אנערקענט אלס שטאט־חזן... מיין מאן אבער האט זיך אין דעם ניט

געמישט, ער האט עס איבערגעלאזט צו זיין אייגענעם פארשטאנד און אזא יאהר אויף מיר ווי קלוג ער האט געהאנדעלט... ניט קוקענדיג אויף דעם וואס איהר זייט צו איהם צוגעשטאנען ער זאל איינשטימען צו נעהמען דאס געלד, האט ער געזאגט ניין... און דאן האט שוין ר׳ שמעון קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי צו געבען איהם א כתב חזנות פון ווילנער שטאט־חזן. יא, יואל דוד ווייסט אליין וואס עס איז גוט פאר איהם און וואס ניט. און ער וועט טאן ווי איהם געפעלט.

— און דאס ווייסט ער וואס איז גוט פאר איהם, — האט יאכע צו־געגעבען, — און ער וועט וויסען אז עס איז בעסער פאר איהם צו זיין נעבען זיין מומען.

— נו, אויב ער וועט אויסגעפינען אז דאס איז בעסער פאר איהם וועט איהם קיינער ניט צווינגען צו טאן אנדערש... זאלט איהר מיר געזונט זיין, פארוואס זאלט איהר זיך זוכען נאר צו קריגען... איהר ווילט ניט אונזער דירה, וועט אייך קיינער ניט צווינגען זיך אהין אריינצוקלייבען.

— הערט זיך איין, איך וויל מיט אייך ריידען קלארע דבורים, — האט יאכע געזאגט, — פארוואס זאלען מיר זיך שפילען אין פארבלענדעניש. איך זעה און פארשטעה אלעס. איהר ווילט אריינקריגען יואל דוד׳ן פאר אן איידעם... אייער חנה׳לע איז טאקע א וואויל קינד, אבער מיין פלימעניק איז נאך גאר א קינד. ווי קומט ער אפילו צו טראכטען פון דעם?... ער וועט עלטער ווערען וועט ער צייט האבען צו טראכטען פון א פרוי...

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף ריינקע׳ס ליפען. ווען זי וואלט געוואוסט וואס עס איז נעכטען פארגעקומען, אז יואל דוד האט חנה׳לען געשוואוירען מיט זיינע ציצית, וואלט זי שוין פארצאפעלט געווארען.

— אהא, איהר שמייכעלט, — האט יאכע זיך ווייטער גענומען קאכען, — ביי אייך קומט אוים אז איהר האט איהם שוין אין האנט, און איך זאג אייך, אז איהר זאלט זיך גאר ארויסשלאגען פון קאפ... יואל דוד וועט נאך דארפען ווארטען א דריי־פיער יאהר, און ערשט דאן וועט ער קענען טראכ־טען פון חתונה האבען.

— איהר פארגעסט, יאכע, אז יואל דוד איז איצט שטאט־חזן, און א שטאט־חזן דארף זיין א באלעבעסיל, דארף האבען א פרוי, א שליח ציבור דארף זיין פארהייראט...

— נישקשה, אויב מען וועט דארפען, וועט איהם קיין דאגה שוין ניט זיין צו קריגען א פרוי... דערוויל אבער איז ניטא וואס צו איילען זיך... און דאריבער זאג איך, אז עס וועט זיך ארויסציהען פון אייך און מיר וועלען נעהמען ערגעץ א דירה. ערשטענס, פארוואס זאלען בייזע צינגער הא־בען וואס צו ריידען, גלויבט מיר, אז די עטליכע טעג וואס איך געפין זיך דא ביי אייך, האב איך שוין ניט איינמאל געהערט אז איהר פלאנעוועט צו נעהמען יואל דוד׳ן פאר אייער איידעם.

— נו, זאל זיין אז יא, שטעהט אייך אפשר ניט אן דער שידוך? — איז ריינקע שוין געווארען אויפגערעגט.

— איך זאג ניט אז דער שידוך שטעהט מיר ניט אן, — האט יאכע זיך אנגערופען, — אבער יואל דוד איז נאך יונג און עס איז נאך פאראן צייט... ווען ער וועט עלטער ווערען וועט ער שוין אליין אויסקלייבען זיין באשערטע... זאלען מיר אזוי זיין זיכער מיט אלדאס גוטס ווי איהם וועט שוין ניט שווער זיין צו געפינען א כלה... ער וועט נאך קריגען טויזענטער נדן.

— און וואס וועט איהר טאן מיט אזוי פיל געלט, יאכע? — האט ריינקע א צוק געטאן מיט איהרע שולטערען, — טויזענטע רובעל, א קליי־ניגקייט!..

— איהר דארפט ניט טרייבען קיין שפאס מיט מיר. איך וועל זיין געלד ניט נעהמען. אלעס וואס איך וועל טאן איז זעהן זיך אריינצוקלייבען מיט איהם אין א רעכטע דירה און אכטונג געגעבען אויף זיין געזונט.

— נו, און אז ער וועט חתונה האבען וועט איהר אויך וועלען וואוינען מיט איהם צוזאמען

— און פארוואס ניט? ער איז דאך דער זוהן פון מיין ברודער, עליו השלום. ביז איך דען ניט געווען צו איהם ווי א מאמע!

— זעהר גוט, איך ווינש אייך דאס בעסטע, איהר זאלט זוכה זיין צו וואוינען מיט איהם אין א פאלאץ... אבער זאל שוין זיין גענוג... אט קומען זיי שוין פון דאווענען. איהר וועט דאך אם וויניגסטענס זיך זעצען עסען פריהשטיק מיט אונז, דערנאך וועט איהר מיט איהם ריידען. קומט אריין אין עס־צימער.

ר׳ מרדכי איז אריינגעקומען אין הויז מיט זיין טלית און תפילין אין דעם שעהנעם טלית־זעקעל, און יואל דוד איז אויך אריינגעקומען מיט א פאר תפילין און א סידור.

— גוט מארגען! — האבען ר׳ מרדכי און יואל דוד מיט אמאל א זאג געטאן, אריינגעהענדיג אין עס־צימער. דארט האבען זיי שוין געטראפען חנה׳לען, ריינקע׳ן און יאכע׳ן.

— דו זעהסט, ריינקע, — האט ר׳ מרדכי אויסגערופען, — איך האב איהם נאר וואס געקויפט א פאר תפילין ביי ר׳ קלמן דעם סופר... און דו, חנה׳לע, וועסט שוין פאר איהם אויסנייהען א תפילין־זעקעל. איך קען זיך פארלאזען אויף דיר אז דו וועסט שוין אויפנייהען א שעהנעם תפילין־זעקעל.

חנה׳לע האט באטראכט די תפילין און זי האט זיך גענומען רויטלען.

יאכע׳ן איז דאס שוין גאר ניט געפעלען געווארען, אבער זי האט גע־שוויגען.

זיי האבען זיך געוואשען צום עסען. דער סאמאוואר איז געשטאנען אויפ׳ן טיש און געזאטען.

חנה׳לע האט זיך אויך צוגעזעצט.

— וואו איז לאה׳לע? — פרעגט ר׳ מרדכי.

— זי און מאמעלע האבען שוין גענעסען פריהשטיק, זיי האבען זיך

קוים דערוואַרט חמץ'דיג צו מאַכען. חנה'לע אָבער האָט ניט געוואָלט עסען איידער איהר קומט פון שוהל.

— נו, יואל דוד, — האָט זיך ר' מרדכי אָנגערופען, — דו האָסט שוין אויך געמוזט בענקען נאָך חמץ'דיגע מאכלים.

— מיך וואָלט ניט געאַרט ווען פסח ציהט זיך נאָך א וואָך צייט, — האָט יואל דוד געזאָגט.

— און איך האָב שוין געבענקט נאָך חמץ, — רופט זיך אָן חנה'לע — אָבער אַז מען וואָלט באַדאַרפט וואָלט איך געוואַרט אַפילו צעהן וואָכען.

די דינסט האָט אַריינגעבראַכט געקאָכטע אייער, און ריינקע האָט יעדען איינגעטיילט.

יאַכע האָט געקוקט אויף יואל דוד'ן. זי האָט איהם שוין פריהער געהאַט געפרעגט ווי ער האָט געשלאָפען און ער האָט איהר געענטפערט מיט א האַל־בען מויל. זי האָט געפיהלט אַז ער איז אויף איהר ברוגז. געוויס האָבען זיי איהם אָנגערעדט... זי וועט שוין זעהן אַז זיי זאָלען איהם מעהר ניט בע־איינפלוסען. זי האָט דאַריבער געשוויגען.

נאָכדעם ווי זיי האָבען געענדיגט עסען און אָפּגעבענשט, האָט ריינקע געהייסען דער דינסט אַריינרופען לאה'לען און ווען לאה'לע איז אַריינגעקומען האָט איהר ריינקע געגעבען די שליסעל פון קראָם און געזאָגט:

— נעהם, לאה'לע, די שליסלען און ווען דו וועסט זעהן די מיידלאַך, מיינע קרעמערקעס, זיינען שוין געבען קראָם זאָלסטו עפענען די קראָם. דו וועסט זיי זאָגען אַז איך וועל צוקומען שפּעטער. איך האָב א סך אַרבייט אין הויז. דו וועסט מיט זיי בלייבען און אַז זיי וועלען עפּעס דאַרפען נויטיג אויסצוגעפינען, וועסטו קומען מיך פרעגען.

אַז לאה'לע איז אַרויס פון הויז, האָט ריינקע א וואונק געטאָן צו איהר מאַן ער זאָל אַריינקומען אין צווייטען צימער.

— פרעג שוין ניט, מרדכי, וואָס איך האָב היינט געהאַט פון דער מאַרק־אידענע, פון יאַכע'ן, — האָט ריינקע א זאָג געטאָן, — איהר געפעלט ניט די דירה, עס וועט איהר זיין דאָרט נאָס... איצט אַז זי איז אויפגעריכט געוואָרען וועט זי מיט יואל דוד'ן נעהמען ערגעץ אַנדערש א דירה.

— אַז עס געפעלט איהר ניט די דירה וועט זי ניט וואוינען דאָרט, — האָט ר' מרדכי געזאָגט, — זאָל זי זיך זוכען אַן אַנדער דירה.

— איך האָב איהר דאָס אויך געזאָגט. וואָלסטו באַדאַרפט הערען ווי זי האָט אויף מיר געעפענט א מענה לשון... איך טרייב זי פון הויז, און פאַרוואָס מעג דער גביר האָבען א שעהנע טרוקענע דירה... זי וועט דאַר־פען אָפּהיטען יואל דוד'ן ער זאָל זיך ניט צוקיהלען... און וואָס מיין איך, יואל דוד וועט ניט בלייבען מיט אונז, זי פאַרשטעהט אַז מיר ווילען איהם פאַרהאַלטען פאַר אַן איידעם... איך זאָג דיר, אַז זי האָט ביי מיר אָוועקגע־נומען א שטיק געזונט.

— דו ביזט א גרויסער נאַר וואָס דו האָסט גאָר מיט איהר זיך אַריינ־געלאָזט אין א שמועס, — האָט ר' מרדכי איהר פאַרגעוואָרפען.

— וואָס דען האָב איך געקענט טהאָן?! הערען ווי זי רעדט און שווייגען. איך זאָג דיר דעם אמת, אז איך בין שטארקער פון אייזען וואָס מיין געדולד האָט ניט געפּלאַצט. איך וואָלט זי באלד באדארפט משלח זיין, אבער ווער וויל דאָס אריינפאַלען צו איהר אין מויל... דאָרט איז דאָך אן אמת׳ער גיהנום, פער און שוועבעל... זי שטעלט זיך פאָר אז זי וועט האָבען די גאַנצע דעה איבער יואל דוד׳ן. זי וועט באַקומען זיינע שכירות און זי וועט טאָן וואָס זי וויל... מיין הארץ האָט מיר געזאָגט אז מיר וועלען האָבען צרות פון איהר... און ווער ווייסט וואָס זי קען נאָך טאָן?!...

— יואל דוד איז שוין גאָר קיין נאַר ניט, — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט, — דו ווייסט דאָך ווי ער האָט געכטען געהאַנדעלט. איך האָב מיט איהם גערעדט געהענדיג אהיים פון שוהל און איך האָב איהם געגעבען צו פאַר־שטעהן אז דאָס געלד וואָס ער באַקומט וועט ער דארפען שפּאָרען. זאָל ער דאָס איינלייגען בּז ר׳ שלמה׳לען, ער האָט מיר געזאָגט, אז ער וועט דאָס געלד איבערגעבען חנה׳לען און זאָל זי טאָן דערמיט וואָס זי וויל.

— וואָס דען! ער וועט לאָזען זיין מומ׳קען טאָן וואָס זי וויל... זאָל זי נאָר פּרובירען מיט איהם ריידען און דו וועסט הערען וואָס ער וועט איהר זאָגען... דו האָסט זיך גאָרניט באַדארפט נעהמען צום הארצען. איך גלויב אז מיר וועלען אויך אריינגעהמען צו אונז זיין קליינעם ברודערל, מאָטעלע, און אויב איהר וועט ניט געפעלען אונזער דירה קאָן זי זוכען אן אנדערע.

— זי מוז שוין דאָרט ריידען מיט איהם — האָט ריינקע געזאָגט — לאָמיר אריינקוקען. איך בין מיט א כיון פאַרבליבען אין הויז, ווייל איך ווייס אז מען וועט דארפען האַלטען אן אויג אויף איהר... קיין גראַטשקע איז היינט ניט, נאָך יום טוב וועלען קיין סך קונים ניט זיין. איך מוז בליי־בען אין הויז. ווער ווייסט וואָס די מארק אידענע קאָן נאָך טאָן. מיר וועלען ביידע דאַרפען זיין דערביי ווען זי רעדט מיט איהם.

— דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען — יואל דוד וועט בלייבען מיט אונז — זאָגט ר׳ מרדכי.

— אבער זי קאָן דאָך איהם דערמאָנען דאָס וואָס דו ביזט געווען זיין פאָטער׳ס געגנער.

— דאָס איז שוין ביי איהם קיין נייעס ניט. דו זעהסט דאָך, אז ער פאַרשטעהט אז דאָס האָט ניט צו טאָן מיט אונזער באַציהונג צו איהם...

זיי זיינען אריינגעקומען אין צימער און זיי האָבען באַמערקט ווי יאַכע האָט פּלוצלונג אָפּגעהאַקט איהרע רייד צו יואל דוד׳ן.

— איהר קאָנט ריידען, יאַכע, צו יואל דוד׳ן. קיינער וועט אייך ניט שטערען, מסתמא האָט זי שוין דיר געזאָגט, יואל דוד — האָט ריינקע זיך צו איהם געווענדעט, אז איהר געפעלט ניט די דירה וואָס מיר האָבען פאַר איהר צוגעגרייט, און אז איהר געפעלט ניט ווי מיר באַהאַנדלען דיך.

— איך האָב איהם ניט געזאָגט אז מיר געפעלט ניט ווי איהר באַ־האַנדעלט איהם — האָט יאַכע זיך אָנגערופען — איך זאָג אז מיר גע־

פעלט ניט אייער דירה און אז צוליב איהם וואלט איך וועלען קריגען א צווייטע דירה, א בעסערע.

— ניט קיין עולה, ניט קיין עולה — האט ר׳ מרדכי א זאג געטאן — די דירה וואס איך גיב אייך איז טאקע ניט אזוי גוט ווי די דירה אין שני־פישאק, פון וואנען איך האב אייך אוועקגענומען...

— נו, איז וואס? דארט האב איך קיין געלט ניט געצאהלט.

— און ווער בעט ביי אייך געלט פאר אונזער דירה וואס מיר גיבען אייך — האט ריינקע א זאג געטאן — אדרבה, איהר זעהט דאך אז מיר האבען אויסגעגעבען פינף און צוואנציג רובעל צו רעמאנטירען די דירה פאר אייך. מען האט אריינגעשטעלט א נייעם פענסטער, מען האט געווייסט דעם סופיט און געקאלכט די ווענט. און נאכאלעמען געפעלט אייך ניט די דירה. איך מוז זאגען אז איהר ווייסט אליין ניט וואס איהר ווילט.

— אמת, אהן געלט איז זי ניט קיין שלעכטע דירה, אבער גאט צו דאנקען מיר דארפען מעהר ניט אנקומען צו צדקה... יואל דוד און איך וועלען קאנען באהויפטען צו צאהלען און פאר געלט קענען מיר קריגען א בעסערע דירה. פאר מיר וואלט מיר שוין ניט געארט, אבער פאר יואל דוד׳ן!

— איך האב גארניט געוואוסט אז יואל דוד׳ן געפעלט ניט ביי אונז!

— האט ר׳ מרדכי א זאג געטאן — דאכט זיך, מיר באהאנדלען דיר ניט שלעכט, פארוואס ווילסטו אוועק פון אונז?

— איך וויל ניט אוועקגעהן! — האט יואל דוד געזאגט — די מומע פארלאנגט עס, אבער איך וועל בלייבען ביי אייך!

— דו וועסט שטענדיג זיין ביי אונז אנגעלעגט — האט ריינקע געזאגט — מיר וועלען דיך צוזעהן און דיר וועט ביי אונז גאר ניט פעהלען. מיר ווילען אפילו אז דיין קליין ברודערל, מאטעלע, זאל זיין ביי אונז. מיר וועלען איהם שיקען אין חדר און זעהן אז ער זאל אויסוואקסען א לייט. נאר אויב דו גלויבסט אז דיר וועט זיין בעסער ביי דיין מומען, וועלען מיר דיר ניט צווינגען צו בלייבען מיט אונז. דו ביזט ניט קיין נאר און דו אליין קאנסט אורטיילען וואס עס איז בעסער פאר דיר.

— איך האב איהר געזאגט אז איך פארבלייב מיט אייך! — האט יואל דוד אויסגערופען — איך וועל מיט איהר ניט געהן וואוינען.

— און פארוואס ניט, קינד מיינס! — האט יאכע מיט צערטליכקייט זיך אנגערופען — האב איך דיר דען שלעכט באהאנדעלט? ביז איך צו דיר ניט געווען ווי א מאמע די גאנצע צייט? ביי פרעמדע איז גוט צו זיין א גאסט פאר א קורצע צייט אבער ניט אויף שטענדיג.

— ער איז ביי אונז ניט פאררעכענט ווי א פרעמדער! — האט ריינקע אויסגערופען — מיר האלטען איהם פונקט ווי ער וואלט געווען אונזער קינד. מיר האבען איהם אפגעגעבען דעם בעסטען צימער, און הלואי ווייטער, עס פעהלט איהם ביי אונז גארניט.

— און וואס וואל איהם געפעהלט ביי מיר — האט יאכע אויס־גערופען.

— ניין, מיר האט גארניט געפעהלט — האט יואל דוד אויסגערופען
— קיינע קללות האבען מיר ניט געפעהלט און אויך קיין קלעפּ ניט!
— ארימער קינד! — האט רייזקע געשאָקעלט איהר קאָפּ — וויפיל ער האט זיך ביי איהר געמוזט אָנליידען!

— עס איז זעהר ניט שעהן פון דיר, יואל דוד — האט יאכע געזאָגט
— מענשען קאָנען מיינען אז איך האב דיך טאקע שלעכט באהאנדעלט. איין גאָט ווייסט אז איך האב דיר און אויך מאַטעלע׳ן אָפּגעגעבען דעם לעצטען ביסען פון מויל. וואס האב איך געקאָנט טאָן אז גאָט האט מיך באַ־שטראָפט מיט ארימקייט!

— איהר מוזט מיינען אז איך בין נאָך א אינגעלע און פארשטעה גאר ניט. וויפיעל מאָל האט איהר מיך געטריבען פון הויז און געזאָגט אז עס איז שוין צייט איך זאָל אויך אָנהויבען פארדינען! איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסען היינטיגען ערב פסח, ווען איהר האט מיר געזאָגט איך זאָל געהן זוכען ביי וועמען צו עסען פסח און איך זאָל זיך ניט באווייזען אין הויז דעם גאנצען פסח.

— האב איך עס דען געטאָן צוליב שלעכטסקייט?... איך האב גע־וואוסט אז דיר וועט ניט שווער זיין צו קריגען א בעל הבית, וועלכער וועט דיך נעהמען אויף פסח און דו זעהסט דאָך אז דו האסט צו דעם טאקע גארניט דערלעגט...

— יע, דאס זעה איך און דערפאר וויל איך דאָ בלייבען.

— א פיינער תכלית וועט עס זיין פאר דיר! פאָלג מיך, יואל דוד, קום לאמיר געהן זוכען א דירה און מיר וועלען זיין צוזאמען מיט מאַטעלען. וואס איז מיט דיר געוואָרען, פארשטעהסטו דען ניט אז זיי ווילען דיך ארייננקריגען פאר אן אידעם?

יואל דוד׳ס פּנים איז רויט געוואָרען. ער האט געשוויגען. און יאכע האט ווייטער גערעדט:

— דו פארגעסט אז דו ביזט דער ווילנער שטאָט חזן. אלע בענשען זיך מיט דיר. דו ביזט דער שטאָלץ פון ווילנע. ווען דיין צייט וועט קומען חתונה צו האבען וועסטו קענען קריגען די שעהנסטע און רייכסטע מיידעל פון ווילנע. איצט ביזטו נאָך צו יונג צו וויסען פון דעם און זיי ווילען דיך שוין האבען אין האנט... דאכט זיך, דו ביזט ניט קיין נאר און פונדעסט־וועגען האסטו זיך געלאָזט איבערריידען.

— זאג, יואל דוד, ווער האט דיר איבערגערעדט? — האט רייזקע זיך צו איהם געווענדעט — אימיצער וואָלט איהר געהערט ריידען, וואָלט ער געמיינט אז מיר האבען דיר איבערגערעדט דו זאָלסט בלייבען מיט אונז!

— קיינער האט מיר ניט איבערגערעדט — האט יואל דוד געזאָגט
— איך וויל דאָ פארבלייבען, ווייל מיר געפעלט אזוי! איהר ווייסט גאנץ גוט אז איך האב ביי אייך קיין האניג ניט געלעקט, כאָטש איהר זייט מיין מומע.

— האָב איך דיר ניט געשיקט צו דעם בעסטען מלמד!

— יע, דאָס איז ווייל מיין טאַטע, עליו השלום, האָט איבערגעלאָזען עטליכע רובעל און איך אָנגעבעטען, איהר זאָלט פאַר מיר צאָהלען שכר למוד ביי דעם מלמד, אָבער אַזוי שנעל ווי דאָס געלט איז אויסגעגאַנגען, האָט איהר מיך געוואָלט אָפּגעבען אין תלמוד תורה.

— נו, וואָס דען האָב איך געקאָנט טאָן, אַהן געלט האָט דער מלמד מיט דיר ניט געוואָלט לערנען... איצט אָבער אַז דו פאַרדינסט, וועל איך זעהן אָפּצוגעבען מאַטעלען צו דעם בעסטען מלמד.

— מאַטעלע וועט שטעהן דאָ מיט מיר! — האָט יואל דוד געזאָגט

— און אויב אייך געפעלט ניט די דירה, קאָנט איהר קריגען אַ צווייטע.

— נו, אַט האָט איהר געהערט איצט קלאָרע דבורים! — האָט ריינקע געזאָגט.

— יע, קלאָרע דבורים! — האָט יאָכע זיך אַ קרים געטאָן — איך וואָלט זיך וועלען מיט איהם דורכריידען אַליין.

— איהר קאָנט עס טאָן, מיר וועלען אייך ניט שטערען. קום, מרדכי, לאָמיר זיי איבערלאָזען אַליין.

ריינקע און ר' מרדכי זיינען ארויס פון צימער און איבערגעלאָזען יואל דוד'ן מיט זיין מומען.

— הער זיך איין, קינד מיינס! — איז יאָכע צו איהם צוגעגאַנגען — איך האָב געוויס ניט פאַרדינט ביי דיר אַז דו זאָלסט מיר אַזוי באַהאַנדלען — דו ווייסט גאַנץ גוט אַז איך מיין דיין טובה. אמת, דו האָסט אַ סך וואָס זיי דאַנקבאַר צו זיין... זיי האָבען פאַר דיר פיעל אויפגעטאָן. דו וועסט זיי שטענדיג מכיר טובה זיין. אָבער דו וואָלסט דאָך ניט געוואָלט זיין צוגעבונדען צו זיי אויף אייביג. זעהסטו דען ניט אַז זיי ווילען דיך פאַרהאַלטען ביי זיך כדי דו זאָלסט שפּעטער קאָנען ווערען זייער איידעם?

— אַ, איך בעט אייך, לאָזט מיך צורוה. איך וועל בלייבען מיט זיי.

— דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט. אויב דו בלייבסט ביי זיי, מיינט עס אַז דו וועסט שוין ניט מעהר פריי זיין. זיי וועלען שוין דיך פאַרשלייערען מיט חנה'לען, דאָס איז דאָך זייער כונה.

— נו, איז וואָס? — האָט יואל דוד זיך ארויסגעבאַפט.

— איז וואָס זאָגסטו? ווייסטו וואָס דו רעדסט? דו ביזט נאָך קיין פולע פערצעהן יאָהר ניט אַלט און זי איז שוין פופצעהן יאָהר. דו דאַרפסט שוין נעהמען אַ יאָך אויף דיינע פּלייצעס.

— איך נעהם נאָך ניט קיין יאָך.

— אויסער דעם וויל איך דיר זאָגען נאָך עפּעס — רופט זיך אָן יאָכע — איך האָב אויסגעפונען אַז ר' מרדכי סטראַשון איז געוועזען דער יעניגער וועלכער האָט געהאַט צו טאָן מיט דעם וואָס מען האָט אַנטזאָגט דיין טאַטען פון זיין שטעלע אַלס שטאָדט־חזן. דו האָסט עס נאָך ניט גע־הערט.

— איך האָב געהערט — האָט יואל דוד אויסגערופען.

— און דאַד ווילסטו דאַ פאַרבלייבען מיט זיי?

— יע, איך ווייס אז ר׳ מרדכי האָט קיין שלעכטס ניט געמיינט. און אפילו ווען ער וואָלט יע געמיינט, איז עס געווען אמאָל... יעדענפאַלס וויל איך מעהר ווענען דעם ניט ריידען.

— אזוי טייער איז ביי דיר דיין פאָטער׳ס אָנדענקונג? — האָט יאָכע זיך אָנגערופען.

— איהר דאַרפט זיך ניט צוהערען צו אלע רייד פון ר׳ מרדכי׳ס שונאים. איך ווייס אז ווען מיין פאָטער וואָלט געלעבט, וואָלט ער אליין ניט געהאַט דאַגעגען אז איך זאָל בלייבען דאָ... איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אז איך וועל פון דאַנען ניט אוועקגעהן. אויב איהר ווילט זוכען א דירה ערגיץ אַנדערש, וועט איהר עס קאָנען טאָן, אָבער אָהן מיר.

— אָבער איך וועל דאַך דאַרפען געלט, פון וואַנען וועל איך נעהמען צו צאָהלען דירה געלט?

— דערפאַר האָט דאָך ר׳ מרדכי איינגעוויליגט צו געבען אייך א דירה אומזיסט, אָבער איהר האָט אָנגעהויבען צו געפינען חסרונות... ווייסט איהר וואָס, ר׳ מרדכי וועט פאַרדינגען די דירה צו אימיצען אַנדערש און די דירה געלט וואָס ער וועט באַקומען וועט ער אייך אָפּגעבען, איהר זאָלט קאָנען וואוינען אין אַנדער דירה.

— ווער האָט עס דיר געגעבען אזא געדאַנק, מסתמא, די מאַדאַם סטראַשון... זעהר שעהן... איך זאָל איך דאַרפען אָנקומען צו איהר פאַר דירה־ געלט!

— אז איהר ווילט ניט די דירה!

— איך האָב געמיינט אז מיר וועלען וואוינען צוזאַמען, געלויבט איז גאָט, איצט פאַרדינסטו שוין גענוג, וואָלטען מיר געקאָנט קריגען א פיינע דירה און איך וואָלט געפיהרט די באַלעבאַטישקייט. קיינער וואָלט זיך ניט געמישט, דו וואָלסט געווען פריי און צו אונז אין הויז וואָלטען אריינגעקו־ מען די שעהנסטע בעלי בתים. גלויב מיר, אז איך וואָלט שוין געוואוסט ווי אויפצונעהמען זיי... איך קאָן זיין א באַלעבאָסטע, אבי געלט... איך האָב זיך אזוי פיל אָנגעפּלאָגט מיין גאַנצען לעבען, קיין איין גוטע שעה ניט געהאַט, און איצט אז איך האָב דערלעבט פון דיר אביסעל נחת, ווילען זיי עס פון מיר אוועקרויבען. זיי האָבען דיר אריינגענומען צו זיך אין די הענט און זיי האָבען שוין גענומען איינ׳טענה׳ן מיט דיר, ביז וואַנען זיי האָבען דיך איינגאַנצען אָפּגעפרעמדט פון מיר.

— זיי האָבען מיט מיר ניט איינגע׳טענה׳ט — האָט יואל דוד גע־ זאָגט — איך אליין וויל בלייבען ביי זיי... אזוי האָב איך באַשלאָסען... זיי געפעלען מיר...

— און איך געפעל דיר שוין גאָר ניט?

— איהר געפעלט מיר אויך, אָבער זיי געפעלען מיר בעסער.

— און דו שעהמסט זיך גאָרניט מיר עס צו זאָגען! פרעמדע מענשען געפעלען דיר בעסער ווי דיין אייגען בלוט און פלייש... געדענק, יואל דוד,

דו וועסט נאך אמאל חרטה האבען... דו וועסט נאך טראכטען: הלואי וואלט איך זיך צוגעהערט צו מיין מומען! איך פארשטעה זייער כוונה... דו מיינסט אז זיי האבען עס אלעס געטאן צוליב דיר? זאג איך דיר, אז זיי זיינען אויסען דיך צו קריגען פאר א חתן פאר זייער חנה'לען, בפרט איצט אז דו ביזט אויפגעריכט געווארען... חנה'לע איז א כיטרע מיידעל, זי ווייסט שוין ווי אזוי דיך אריינצוקריגען.

יואל דוד האט איהר געוואלט זאגען אז חנה'לע איז א פיינע מיידעל, אבער ער האט באשלאסען ניט צו ריידען מיט זיין מומען וועגען איהר, ווייל דאן וועט זי פיליכט ארויסקריגען פון איהם דעם גאנצען אמת... פונדעסט־וועגען האבען יאכע'ס רייד איהם געריהרט... זי האט טאקע זיך אנגעליטען א גאנצען לעבען... אבער וואס קאן ער טהאן? אויב זי וועט זיך נויטיגען אין געלט וועט ער איהר ניט זשאלעווען.

יאכע האט אנגענומען זיין שווייגען אלס צייכען אז ער בויגט זיך, און זי האט ווייטער גערעדט:

— פאלג מיך, יואל דוד'ל, איידער עס איז צו שפעט. לאמיר ביידע געהן זוכען א דירה און וואונען פאר זיך... איך וועל אכטונג געבען אויף דיר און אויף מאטעלע'ן, און דו וועסט ניט דארפען זיין צוגעבונדען צו קיינעם.

— איך קאן ניט, מומע! — האט יואל דוד געענטפערט — פאלגט מיך, עס וועט זיין בעסער אזוי... זיי זיינען וואוילע מענשען. ווען ניט ר' מרדכי ווער וואלט פון מיר געוואוסט... איך האב איהם אלעס צו פארדאנקען... איך בלייב מיט זיי, און איהר קלייבט זיך אריין אין דער דירה וואס זיי גיבען אייך... איהר וועט האבען אלעס וואס איהר דארפט... איך וועל אייך אויך געבען א רובעל א וואך... און אייך וועט גארניט פעהלען.

— דו וועסט מיר געבען א רובעל א וואך... דו מיינסט אז דו וועסט האבען די דעה איבער דיין געלט? זיי וועלען באלעבאטעווען איבער דיר און וואס זיי וועלען דיר הייסען וועסטו טאן. ניין, איך וועל עס ניט דער־לאזען... איך וועל נעהמען מאטעלע'ן און געהן זוכען א דירה.

— מאטעלע וועט בלייבען דא מיט מיר! — רופט זיך אן יואל דוד.

— וואס איז דאס! — רופט אויס יאכע — אויב זיי האבען דיך פון מיר אוועקגענומען וועלען זיי אבער ניט קאנען אוועקנעהמען פון מיר מאטעלע'ן!

— מאטעלע'ן וועט ביי זיי זיין בעסער. ער וועט געשיקט ווערען אין א גוטען חדר. שבת און יום טוב וועט ער געהן מיט אונז אין שוהל.

— ער איז דאך נאך גאר אן עופה'לע. ווער קאן זיך דא מיט איהם אזוי אפגעבען ווי איך... ער איז דאך מיין גאנצער לעבען, מיין חיות...

— דערפאר זאג איך אייך, מומע, קלייבט זיך אריין אין דער דירה און איהר וועט אויך קאנען האלטען אן אויג אויף מאטעלע'ן. איהר וועט ארויפקומען אהער... איך ווייס אז ר' מרדכי און זיין פרוי וועלען אייך בא־

האנדלען זעהר גוט. שבת און יום טוב וועלען מיר עסען צוזאמען ביי זיי... אייך וועט גארניט פעהלען.

— נו, איך זעה שוין, אז איך האב מיט דיר מעהר ניט וואס צו ריידען. זיי האבען אויף דיר ארויפגעטאן א מין כשוף... מיר וועלען זעהן וואס עס וועט זיין ווייטער.

— וועט איהר זיך ארייגקלייבען אין דער דירה? — האט יואל דוד זי געפרעגט נאכדעם ווי ער האט זיך אויפגעשטעלט.

א ברירה האב איך? — האט די מומע א מורמעל געטאן — א קבצנ'טע טאר ניט בראקירען וואס מען גיט איהר... איך בין עלענד און ארים און דו ביזט אויך פלוצלונג אפגעפרעמדט געווארען פון מיר, נו, מילא, זאל זיין אזוי.

— וועל איך זיי זאגען, אז איהר וועט זיך ארייגקלייבען אין דירה — האט יואל דוד אויסגערופען מיט צופרידענהייט — דאן וועט ר' מרדכי זעהן אז מען זאל דארט ארייגשטעלען אביסעל מעבעל...

יאכנע האט געשאקעלט מיט איהר קאפ. זי האט א צוק געטאן מיט איהרע שולטערען און איז ארויס פון צימער.

יואל דוד איז אריין אין צווייטען צימער, וואו ער האט געטראפען ר' מרדכי'ן, ריינקע'ן און חנה'לען.

— מייז מומע וועט זיך שוין ארייגקלייבען אין דער דירה! — האט יואל דוד אויסגערופען א צופרידענער.

— נו, א געזונט אין איהם! — האט ריינקע א זאג געטאן — וואס האב איך דיר געזאגט, חנה'לע! ער קאן זיין שטעטעל באשטעהן... ער ווייסט זיך שוין ווי אויסצו'טענה'ן. זעהר גוט, מען וועט דארפען ארונטערנעהמען די ביסעל אלטע מעבעל וואס מיר האבען אויפ'ןביידעם. איך וועל בעטען דעם סטרוזש. ער וועט עס ארונטערנעהמען און אויסרייניגען... איך וועל דיר זאגען דעם אמת, יואל דוד, מיר וואלטען געקויפט פאר איהר נייע מעבעל, אבער דיין מומע זאל מיר מוחל זיין איז אזא קאפריזנע, אזא איינ־געשפארטע, פלוצלונג קאן איהר אנקומען א משוגעת און זי וועט ניט וועלען בלייבען אין דער דירה. דערווייל וועלען מיר האבען אויסגעגעבען הוצאות... אויב זי וועט באשליסען אז זי בלייבט מיט אונז, וועלען מיר שוין צוקויפען אלע נויטיגע הויז זאכען.

— יזי וועט בלייבען, זי וועט בלייבען! — האט ר' מרדכי א זאג גע־טאן — א ברירה האט זי... ווען דו וואלסט געזעהן אין וואס פאר א חורבה זי האט געלעבט אין קליין שניפישאק, וואלסטו געזאגט אז די דירה וואס מיר גיבען איהר איז א פאלאץ...

— וואס האט זי מיט דיר אזוי לאנג איינגע'טענה'ט? — האט ריינקע זיך געווענדעט צו יואל דוד'ן.

— זי האט געוואלט איך זאל מיט איהר געהן זוכען א דירה. אבער איך האב איהר געזאגט אז איך בין צופרידען צו בלייבען דא.

— געוויס האט זי געמוזט אנריידען אויף אונז!

— נו, וואס ארט עס דיך וואס זי פלאפעלט! — האט ר' מרדכי

געזאגט — יואל דוד קאן זי שוין גאר גוט... ער נעהמט איהרע רייד ניט ערנסט.

— איך פארשטעה אז זי האט געמוזט רײדען וועגען דיר און חנה'לען

— האט ריינקע זיך אנגערופען — זאג מיר דעם אמת, האט זי דען ניט דערמאנט חנה'לען?

— המ... יע, נו, איז וואס! — האט יואל דוד זיך גענומען רויטלען, און חנה'לע'ס פנים איז אויך רויט געווארען.

— אמת, עס דארף דיר ניט ארען וואס זי פלאפלט. אבער וואס פאר א שלעכטעס האט חנה'לע איהר געטאן? פארוואס זאל זי אנריידען אויף איהר?

— ניין, זי האט ניט אנגערעדט אויף איהר — האט יואל דוד געזאגט.

— זי האט אבער געוויס דיר געזאגט אז דו זאלסט אוועקגעהן פון אונז כדי דו זאלסט ניט דארפען חתונה האבען מיט חנה'לען. און וואס האסטו געזאגט דערצו, יואל דוד?

— איך האב זיך אפילו ניט צוגעהערט צו איהרע רייד.

— איך וויל אז דו זאלסט וויסען, אז קיינער צווינגט דיך ניט. חנה'לע האט אונז אלעם דערצעהלט, אז איהר האט זיך ביידע געשווארען ביי הייליגע ציצית... מיר זיינען געווים צופרידען אבער מיר ווילען ניט אז דו זאלסט מיינען אז מיר צווינגען דיך. דו קאנסט נאך חרטה האבען.

יואל דוד האט דערפיהלט חנה'לעס בליקען און זיין שטערען איז באדעקט געווארען מיט א שוויים.

ריינקע האט וויטער גערעדט:

— דיין מומע מיינט אז מיר האבען דיך אריינגענומען צו זיך און מיר צווינגען דיר צו טאן אלעס וואס מיר ווינשען. דו האסט דאך געזעהן די גאנצע צייט אז ניט איך און ניט ר' מרדכי זאגען דיר וואס צו טאן. דו האסט אליין שכל צו אורטיילען וואס עס איז גוט פאר דיר און וואס ניט... איך וויל דיר זאגען נאכאמאל אז מיר זיינען געוועזן זעהר צופרידען צו הערען פון חנה'ל'ען וועגען אייער אפמאך. אבער דו דארפסט ניט מיינען אז מיר צווינגען דיר דערצו.

— ניין, ניין, קיינער צווינגט מיך ניט. איך האב...

— מיר ווייסען אז דו האסט חנה'לען ליעב און זי האט דיך זעהר ליעב... און וואס אנבעלאנגט אונז, וועלען מיר זיך שעצען גליקליך צו האבען דיך פאר אן איידעם. אבער כ'זעה אז דיין מומע וועט זוכען צו שטערען.

— זי וועט ניט שטערען! — האט יואל דוד געזאגט.

— דו ווייסט וואס איך האב געטראכט — האט ריינקע זיך אנגערופען און זיך באלד פארכאפט... — ניין, מיר וועלען וועגען דעם רײדען אן אנדערש מאל. דערווייל וועלען מיר דארפען זעהן באזארגען דיין מומען אין איהר נייער דירה. חנה'לע, געה זאג דעם סטרוזש אז ער זאל ארויפקומען.

חנה'לע איז ארויס פון הויז און אין א ווײלע ארום איז זי ארויפגעקומען מיט'ן סטרוזש.

ריינקע האט איהם געהייסען ארונטערטראגען פון בוידעם די אלטע

מעבעל און איהם געזאָגט אַז ער זאָל זיי אויסרייניגען און אַרונטערטראָגען אין דער לײדיגער דירה.

יאַכע האָט זיך אַרומגעזעהן אַז זי וועט גאַרניט קאָנען מאַכען מיט יואל דוד'ן, און זי וועט מוזען זיך אַריינקלייבען אין דער דירה... אפשר וועט זיין בעסער אַזוי. זי וועט זיין נעבען יואל דוד'ן און זי וועט ניט דערלאָזען אַז מען זאָל איהם חתונה מאַכען מיט חנה'לען.

זי האָט אַרונטערגענומען די עטליכע שמאַכטעס וואָס זי האָט גע־האַלטען אין קיך און זיי אַריינגעבראַכט אין דער נייער דירה. זי האָט אַרויסגעוויזען גרויס אומצופרידענהייט מיט אַלעס. איהר איז ניט געפעלען געוואָרען וואָס די טיר סקריפּעט, וואָס די פענסטער מאַכען זיך ניט גוט צו.

ווען דער סטרוזש האָט אַריינגעשטעלט די מעבעל אין שטוב איז ריינקע אַרונטערגעקומען. זי האָט אַלעס באַטראַכט מיט אַ געניט אויג פון אַ באַ־לעבאָסטע. זי האָט באַטראַכט דעם אויווען און זי האָט געזאָגט דעם סטרוזש ער זאָל שיקען דעם קוימען־קעהרער אויסצורייניגען דעם אויווען און דעם קוימען.

אַ ווײלע שפּעטער האָט די דינסט אַרונטערגעטראָגען עטליכע פענדלעך, טעפּלעך, טעלער, גאָפּעל, לעפעל און אַ מעסער. יאַכע האָט עס אַלעס באַ־טראַכט שווייגענדיג.

— ברייננט אַרונטער די בעטגעוואַנט אויף וואָס יאַכע האָט געשלאָפען — האָט ריינקע אין דער שטיל אַ זאָג געטאָן צו דער דינסט.

ווען אַלעס איז שוין געווען פאַרטיג, האָט יאַכע זיך געווענדעט צו ריינקע'ן.

— איך בעט אייך, לאָזט אַמווייניגסטען מאַטעלען מיט מיר!

— וואָס פאַר אַ מאָדנער מענש איהר זייט! — האָט ריינקע זיך אָנ־גערופען — איך וויל איהם דען האַלטען ביי אונז צוליעב מיין טובה? איהר דאַרפט דאָך פאַרשטעהן אַז עס וועט זיין פאַר איהם אַ סך בעסער אַז ער וועט זיין ביי אונז... אָבער אויב איהר ווילט קען ער זיין ביי אייך.

— איהר זייט דאָך פאַרנומען, און איך וועל האָבען מעהר צייט אַכטונג צו געבען אויף איהם — האָט יאַכע געזאָגט.

— איך וועל זיך מיט אייך ניט שפּאַרען. זאָל זיין ווי איהר זאָגט. נו, איהר זעהט ווי די דירה האָט אַז אַנדער פּנים.

חנה'לע האָט אויפגעעפענט די טיר און איז אַריינגעקומען מיט אַ פּושקע צוקער.

— איך ווינש אייך גליק אין אייער נייער דירה — האָט חנה'לע דער־לאַנגט די צוקער צו יאַכע'ן אין האַנט — זאָל גאָט געבען אייך זאָל זיין דאָ זעהר זיס.

— אַ געזונט צו דיר חנה'לע — איז ריינקע צוגעגאַנגען און זי אַ קוש געטאָן — דו פאַרגעסט קיין זאַך ניט... מיר איז עס גאָר פון זינען אַרויס... זעהר גוט האָסטו געטאָן וואָס דו האָסט געבראַכט די צוקער אין יאַכע'ס נייער דירה, אַ סימן אַז עס וועט איהר דאָ זיין זיס.

— הלואי, רבונו של עולם, — האט יאכע אויסגערופען — עס איז שוין צייט. איך האב שוין געהאט גענוג ביטערקייט אין מיין לעבען, שוין צייט אז איך זאל האבען אביסעל זיסקייט.

— דו הערסט, חנה'לע, יאכע פארלאנגט דורכאויס אז מאטעלע זאל זיין מיט איהר אין דער נייער דירה. נו, מילא, מיר װעלען זיך צוליב דעם ניט קריגען. כ'האב געמיינט אז ביי אונז וועט מאטעלע'ן זיין בעסער, אבער עס ווייזט אויס אז איהר איז אומעטיג צו שלאפען אליין. געה און ברייננ ארונטער מאטעלען.

— אבער מאמע, יואל דוד וויל דורכאויס אז מאטעלע זאל בלייבען מיט אונז.

—ווייסט איהר וואס, יאכע, איהר רעדט זיך דורך מיט יואל דוד'ן, און אז ער וועט זאגען יא, וועט ער זיין מיט אייך.

— זאל ער שוין בלייבען ביי אייך! — האט יאכע געזאגט — איך זעה אז יואל דוד הערט זיך אלץ איינם צו מיר ניט צו, און קריגען זיך מיט איהם איבער דעם איז ניט כדאי... אפשר וועט ער אמאל קומען צום שכל און איינזעהן אז איך בין גערעכט... איצט איז ער ניט אין א לאגע אלעס צו פארשטעהן...

ריינקע האט זיך ניט געוואלט וויטער ארייגלאזען אין א געשפרעך מיט יאכע'ן. זי האט דאריבער א וואונק געטאן צו חנה'לען זאגענדיג.

— קום, חנה'לע, מיר האבען נאך אויבען א סך ארבייט.

און ווענדענדיג זיך צו יאכע'ן האט זי געזאגט:

— נו, זאל זיין מיט גליק און מיט הצלחה, יאכע. איהר וועט דאך שפעטער ארויפקומען עסען וועטשערע.

— דאנק, איך וועל שוין עפעס אליין מאכען פאר זיך, — האט יאכע ארויסגעמורמעלט ווען זיי זיינען ארוים פון שטוב.

קאפיטעל זעכצעהן

דעם קומענדען שבת איז געווען שבת מברכים און יואל דוד האט צום ערשטען מאל געדאווענט אלס אנגעשטעלטער שטאדט חזן. די שטאט־שוהל איז געווען געפאקט. אין ווילנע האבען שוין אלע געוואוסט וועגען דעם אז דער וואונדער־אינגעל, יואל דוד, איז אנגעשטעלט געווארען אלס שטאט־חזן. ניט איין מחלקה האט די דאזיגע נייעס ארויסגערופען. די גאר פרומע זיינען נאך אלץ געווען דאגעגען. זיי האבען גע'טענה'ט, אז עס איז ניט רעכט אז א אינגעל זאל זיין שליח ציבור, און אייניגע האבען אפילו געסטראשעט צו מעכב הקריאה זיין און ניט צו דערלאזען אזא זאך. און גאנץ פריה, שטע־הענדיג אין פאליש, האבען זיי אויסגעדריקט זייער געגנערשאפט.

די אנדערע, די שטארקע אנהענגער פון יואל דוד'ן, כאטש זיי זיינען אויך געווען פרום, האבען זיי גע'טענה'ט, אז יואל דוד האט א געטליכע

שטימע און דוקא ווייל ער איז נאָך אַ אינגעל איז ער נאָך ריין פון זינד און דעריבער קאָן ער זיין אַ שליח ציבור.

— שטעלט זיך פאָר — האָט זיך אַ פרומער איד געקאָכט — איך וועל קומען דאַווענען ימים נוראים און דער חזן וועט זיין אַ אינגעל... וואָס פאַר טעם וועט עס האָבען?

— איהר פאַרגעסט אָבער, ר׳ איד, אַז עס שטעהט געשריבען: "מפּי עוללים ויונקים יסדת עז". דוקא צו די קליינע קינדער וועט זיך הקודש ברוך הוא צוהערען.

— איך פאַרשטעה פון אייער היצען זיך און קאָכען זיך אַז איהר האָט נאָך איהם ניט געהערט דאַווענדיג. איך וואָלט וועלען הערען וואָס איהר וועט זאָגען שפּעטער, נאָכדעם ווי איהר וועט איהם האָבען געהערט.

— ער קאָן זיך האָבען די שעהנסטע שטימע און קאָן זיך זינגען זעהר פיין, אָבער פאַר ווילנער שטאָט חזן שטעלט מען ניט אַן קיין אינגעל — האָט זיך יענער ניט געוואָלט בארוהיגען.

באַלד האָבען זיך די אידען איינגעשטילט. דער שמש האָט אַ קלאַפּ געטאָן און מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען שחרית. ר׳ לייב קאַנטאָר האָט געדאַווענט שחרית ביז נאָך שמונה עשרה.

באַלד האָבען זיך געהערט דריי קלעפּ... יואל דוד, אָנגעטאָן אין אַ הויכע ווייסע יאַרמעלקע און איינגעהילט אין אַ טלית מיט אַ זילבערנער עטרה, איז צוגעגאַנגען צום אָרון קודש. ר׳ שמעון, אַלס גבאי ראשון, האָט אַ ציה געטאָן דעם פּרכת און מען האָט געזאָגט "ויהי בנסע הארון". יואל דוד איז געשטאַנען נעבען אַפּענעם ארון קודש אויף אַ קלעצעל און ער האָט גענומען זינגען דעם "בריך שמיה". און ווי די פריהערדיגע צוויי מאָל, האָט ער מיט זיין וואונדערבאַרען זינגען און זיין שעהנעם זאָגען די עברי פאַר׳כשופ׳ט אַלע אידען פון שוהל.

און טאַקע נאָך דער דאָזיגער תפילה האָט מען געקאָנט באַמערקען טרעהרען אין די אויגען פון יענע פרומע אידען וועלכע זיינען געווען זיינע געגנער און האָבען זיך שטאַרק געהיצט.

— נו, וואָס זאָגט איהר איצט צו דעם, ר׳ איד? — רופט זיך אָן דער פריהערדיגער אָנהענגער צו דעם פריהערדיגען געגנער.

— ער איז ניט קיין קינד, ער איז אַ מלאך — האָט יענער אויסגערופען און זיינע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען.

די גאַנצע געגנערשאַפט געגען דעם אָנשטעלען יואל דוד׳ן אַלס שטאָט חזן איז כמעט ווי פאַרשוואונדען. עס זיינען אָבער געבליבען איינציגע איינגעשפּאַרטע פרומע אידען, וועלכע האָבען אפילו ניט געוואָלט געהן הערען איהם דאַווענען. זיי האָבען געזאָגט אַז אַזוי לאַנג ווי יואל דוד וועט זיין שטאָט־חזן וועלען זיי ניט אריינקומען אין שטאָדט־שוהל.

מיט יעדעס מאָל דאַווענען איז יואל דוד׳ס גרויסקייט געוואַקסען. עס זיינען געקומען מענשען מבינים פון אומעטום, אפילו פון די שטעטלעך ארום ווילנא, כדי איהם צו הערען דאַווענען.

די גרעסטע גבירים פון שטאָט האָבן יואל דוד'ן אַרומגערינגלט נאָכ'ן דאַווענען. יעדער איינער האָט איהם איינגעלאַדען צו זיך אין הויז. אָבער יואל דוד האָט זיי געזאָגט אַז ער האַלט זיך אויף ביי ר' מרדכי סטראַשון און ער געהט מיט איהם אַהיים.

— ביי ר' מרדכי סטראַשון? ווער איז ער? — פרעגט איהם איינער אַ גביר מיט'ן נאָמען ר' דוד זאַלקינד.

— אָט דער סטראַשון, וועלכער איז מיט עטליכע יאָהר צוריק געווען גבאי ראשון אין שוהל — רופט זיך אָן ר' שמעון פּרנס, וועלכער איז געשטאַנען דערביי — איך מוז אייך זאָגען, ר' דוד — האָט ער שוין גענומען ריידען העכער, כדי יואל דוד זאָל הערען — אַז עס איז מערקווירדיג. אָט דער זעלבער ר' מרדכי סטראַשון, וועלכער האַלט יואל דוד'ן פאַר זיין אייגענטום, איז געווען דער גרעסטער געגנער פון זיין פאָטער, ר' צבי הירש עליו השלום, וועלכער איז געווען שטאָט חזן, און ר' מרדכי האָט געזעהן דערצו אַז מען זאָל איהם ענטזאָגען פון זיין שטעלע, און איצט האָט ער דעם יתום אַריינגענומען צו זיך.

— נו, דאָס איז גראַדע קיין עולה ניט — האָט ר' דוד זאַלקינד געזאָגט.

— דאָס וואָס ער האָט אַריינגענומען דעם יתום צו זיך איז געוויס ניט קיין עולה — האָט ר' שמעון אַ זאָג געטאָן — די עולה איז וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע שנאה צו זיין פאָטער און ער האָט איהם גערודפ'ט אומזיסט און אומנישט, ביז וואַנען יענער איז פאַר דער צייט פון דער וועלט געגאַנגען.

— דאָס הער איך צום ערשטען מאָל — האָט ר' דוד זאַלקינד געזאָגט.

— גאַנץ ווילנע ווייסט דערפון! וויפיעל מען האָט זיך ביי איהם דאַן ניט געבעטען אַז ער זאָל צורוה לאָזען דעם אַלטען שטאָט־חזן, ר' צבי הירש לעווענשטיין, אָבער ער איז געווען אַזוי פאַרביסען אַז ער האָט זיך צו קיינעם ניט צוגעהערט. ער האָט זיינס אויסגעפיהרט... מען האָט איהם ענטזאָגט און ר' צבי האָט זיך געפיהלט שטאַרק געטראָפען פון דעם, ביז ער איז קראַנק געוואָרען. ווער ווייסט אויב יואל דוד וואָלט איצט געווען אַ יתום ווען ניט יענע געשיכטע.

— וואָס האָט ער געהאַט צו איהם? — פרעגט איהם ר' דוד זאַלקינד.

— וואָס האָט ער געהאַט? גאָרניט! איהם איז ניט געפעלען געוואָרען זיין שטימע... און אפשר האָט ער איהם ניט אָפּגעגעבען כבוד וואָס ער האָט פאַרלאַנגט... יעדענפאַלס איצט האָט ער איהם אַריינגענומען צו זיך און מען זאָגט אַז...

ר' שמעון האָט איהם אַריינגעשושקעט אין אויער:

— מען זאָגט אַז ער וויל איהם מאַכען פאַר זיין איידעם. ער האָט אַ טאָכטער, אַ יאָהר אָדער צוויי עלטער פון איהם.

— אַזוי גאָר! — האָט ר' דוד אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, און זיך געווענדעט צו יואל דוד'ן:

— נו, וועסטו אַריינקומען צו מיר אין הויז?

— איך ווייס ניט — האָט יואל דוד געענטפערט.

— ער וועט דאַרפֿען פריהער האָבען ר׳ מרדכי׳ס ערלויבניש — האָט ר׳ שמעון מיט א שמייכעל געזאָגט. — ר׳ מרדכי לאָזט איהם ניט אָפּ פון זיך. אָט קומט ער אהער. ער האָט איהם געזעהן ריידענדיג מיט מיר. ער האָט מורא טאָמער וועל איך איהם אוועקנעהמען פון איהם.

ר׳ שמעון׳ס רייד האָבען אויף יואל דוד׳ן געמאַכט זעהר א שווערען איינדרוק. ער איז געווען צופרידען וואָס ר׳ מרדכי קומט צו.

— גוט שבת! — האָט ר׳ מרדכי א זאָג געטאָן צום גביר זאַלקינד.

— גוט שבת! — האָט זאַלקינד איהם געגעבען די האַנט — דאָס זייט איהר ר׳ מרדכי סטראַשון? איך וויל אז איהר זאָלט קומען צו מיר מיט יואל דוד׳ן אויף א באַזוך. איך האָב היינט איהם געהערט דאַוונען צום ערשטען מאָל און איך מוז אייך זאָגען אז איך האָב אַזוינס נאָך אין מיין גאַנצען לעבען ניט געהערט... איך זעה פאַר איהם א וואונדערבאַרע צוקונפט.

— מיר וועלען צוקומען, איך דאַנק אייך! — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט און ער האָט זיך געזעגענט מיט ר׳ דוד׳ן און א מורמעל געטאָן א גוטען שבת צו ר׳ שמעון׳ען און ער איז מיט יואל דוד׳ן געגאַנגען אַהיים.

באַטש דער גביר ר׳ דוד זאַלקינד האָט ניט געקאָנט ר׳ מרדכי׳ן, האָט אָבער ר׳ מרדכי גאַנץ גוט געקאָנט די זאַלקינדס. זיי זיינען געווען פון די רייכסטע משפחות פון ווילנע און יעדער איינער האָט זיי געקאָנט.

ר׳ מרדכי האָט אויך געוואוסט אַז ר׳ דוד זאַלקינד האָט פיער טעכטער, און מען האָט ניט איינמאָל וועגען זיי גערעדט, ווייל די עלטערע טאָכטער איז אוועקגעפאָהרען שטודירען אין דייטשלאַנד... מען האָט איהם דערפאַר שטאַרק קריטיקירט.

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרען — האָט מען גענומען מורמלען — אַז אידישע טאָכטער זאָל פאָהרען אין אויסלאַנד שטודירען אין אוניווער־זיטעט!

און א גרויסען טומעל האָט מען געמאַכט ווען מען האָט אויסגעפונען אַז זיין טאָכטער וועט אין גיכען הייראַטען מיט א געוויסען אדוואָקאַט.

שפּעטער, ווען ר׳ מרדכי איז געווען מיט ריינקע׳ן אליין אין צימער, האָט ער איהר דערצעהלט וועגען דעם געשפּרעך וואָס ער האָט געהאַט מיט ר׳ דוד זאַלקינד און וועגען דעם אַז ער האָט יואל דוד׳ן איינגעלאַדען צו זיך אין הויז.

— ער איז אַזוי אַנטציקט געווען פון זיין דאַוונען אַז ער איז פון איהם ניט אָפּגעטראָטען... אַז איך האָב באַמערקט אַז אויך ר׳ שמעון שטעהט נעבען איהם האָב איך באַשלאָסען צוצוגעהן... ווייל איך האָב פאַרשטאַנען אַז ער וועט געוויס זוכען צו ריידען שלעכטס וועגען מיר.

— און וואָס האָט ר׳ דוד זאַלקינד געוואָלט?

— איך זאָג דאָך דיר, ער וויל ער זאָל צו איהם צוקומען אויף א באַזוך.

— און דו האָסט איהם צוגעזאָגט?

— נו, וואס דען, איך האב דען געקאנט ענטזאגען זיין איינלאדונג? אבער עס איז שוין לייכט זיך אנצושטויסען צוליב וואס פאר א צוועק ער וויל איהם. ער האט דאך דריי שעהנע טעכטער, און צוויי זיינען כמעט אין זעלבען עלטער מיט יואל דוד'ן... מען זאגט אז זיי זיינען אלע זעלטענע שעהנהייטען... איך זאג דיר, ריינקע אז פון איצט אן וועט מען איהם שוין ניט צורוה לאזען. זיין דאוונען ריהרט יעדען איינעם. יעדער גביר ווינשט זיך צו האבען איהם ביי זיך.

— איך זעה, מרדכי, אז עס וועט גארניט העלפען. מיר וועלען דארפען פייערען די חתונה טאקע אום ל"ג בעומר.. וואס ארט אונז וואס מענשען וועלען ריידען... מיר וועלען מאכען אלע הכנות און זאגען יואל דוד'ן. ער וועט עס פארשטעהן... עס איז פארט בעסער אז א שטאדט חזן זאל זיין פארהייראט. ער זאל זיין א באלעבעסעל... דו לאז עס איבער צו מיר... איך וועל וויסען ווי אזוי צו ריידען מיט איהם. איך וועל זעהן אז ביז די לעצטע עטליכע טעג זאל קיינער פון דעם ניט וויסען, איבערהויפט יאכע טאר גארניט פארדעכטיגען.. איך זעה אז מען שארפט די צייהן אויף איהם. און אויב עס זאל זאלקינד'ן געלינגען צו האבען איהם אויף א באזוך. און ער וועט זעהן זייער רייכטום און זיינע טעכטער, וועט עס אויף איהם מאכען גאר א שטארקען רושם... און ווער ווייסט וואס עס קאן דאן פאסירען! נאכדעם ווי ער האט חתונה האבען מיט חנה'לען, וועלען מיר שוין מעהר ניט דארפען מורא האבען. איך וועל זיך באלד דורכריידען מיט חנה'לען און זי וועט שוין וויסען ווי אזוי איהם צוגרייטען צו דעם. און נאכהער וועל איך שוין פארענדיגען... מיר טארען עס ניט אפלייגען..

— דו ביזט גערעכט, ריינקע, מיר טארען ניט אפלייגען אויף ווייטער... מיר וועלען דארפען פייערען די חתונה דעם קומענדען ל"ג בעומד... מיר מוזען עס אבער האלטען בסוד, דו זאלסט אפילו ניט אנדייטען וועגען דעם צו דיין שוועסטער חוה.. זי האט א לאנגען צונג...

— די צייט איז קורץ און מען וועט דארפען נייהען חתונה קליידער פאר חנה'לען. איך וועל שיקען רופען חיה שרה די נייטאריז, זאל זי איהר אויפנייהען די חופה קלייד. און ר' שמואל דער שניידער וועט אויפנייהען פאר יואל דוד'ן אן אנצוג פאר דער חתונה. איך וועל שוין זעהן אז זיי זאלען עס האלטען בסוד.

ריינקע איז אויף מארגען, זונטאג, אוועק צו חיה שרה'ן און האט זיך צו איהר אנגערופען:

— איך האב פאר אייך ארבייט, איהר וועט פארדינען א היבשע מטבעה, אבער איידער איך גיב אייך די ארבייט וויל איך וויסען אויב דאס וועט קאנען בלייבען א סוד. אויב איהר וועט מיר צוזאגען אויף אייער עהרעןווארט אז איהר וועט קיינעם ניט דערצעהלען וועגען דעם...

— וואס רעדט איהר, מאדאם סטראשון! ביי מיר קאן זיך א סוד לאנג האלטען. קיינער ווייסט ניט וואס איך טהו, אפילו מיין אייגענער מאן

ווייסט ניט פאר וועמען איך גיי און ניט ער פרעגט מיר און ניט איך זאָג איהם.

— אויב אזוי, קאָן איך אייך ער אנפארטרויען, — האָט זיך ריינקע ארומגעקוקט, צו זעהן אויב קיינער איז דאביי ניטאָ. — איך וויל אז איהר זאָלט אויפנייהען פאר מיין חנה'לען א חופּה קלייד.

— אייער חנה'לע איז א כלה געוואָרען! — האָט חיה שרה אויסגערופען — מזל טוב אייך! זאָל זיין מיט מזל, מיט הצלחה און מיט גליק... און ווער איז דער חתן?

— דאָס וועל איך אייך זאָגען א צווייטען מאָל.

— איהר דארפט מיר ניט זאָגען, איך שטוים זיך אָן — האָט חיה שרה אויסגערופען — דאָס איז דער יונגער ווילנער שטאָט־חזן.

— ששש — האָט ריינקע צוגעלייגט אַ פינגער צו איהר מויל — רעדט ניט אזוי הויך.

— אזאַ יאָהר אויף מיר וואָס פאר אַ טייערען שידוך אייער טאָכטער טוט — האָט חיה שרה שוין עטוואָס נידעריגער אויסגערופען — איך ווינש אייך נאָך אמאָל גליק, גאָט זאָל געבען איהר זאָלט פון זיי האָבען נחת און איהר זאָלט זוכה זיין צו האָבען אייניקלעך און אור אייניקלעך.

— הערט וואָס איך וויל פון אייך, — האָט ריינקע געזאָגט, — קומט צו מאָרגען גאַנץ פריה צו מיר אין קראָם, איידער מיינע מיידלעך, די קרעמערקעס, קומען אָן און איהר וועט אויסקלייבען ווארע פאר א חופּה קלייד, און דאַן וועט איהר זיך אריבערכאַפּען צו מיר אין הויז און נעהמען א מאָס פון חנה'לען.

א ווײַלע שפּעטער האָט ריינקע א וואונק געטאָן צו איהר עלטערער טאָכטער און זי איז אריין צו איהר אין צימער.

— הער זיך איין, חנה'לע — האָט די מוטער זי ארומגענומען און באַדעקט מיט קושען — דו ביזט שוין מיט מזל א כלה. מאָרגען קומט אהער חיה שרה די נייטאָרין און זי וועט נעהמען א מאָס פאר דיין חופּה קלייד.

חנה'לע איז רויט געוואָרען. זי האָט געקוקט אויף איהר מוטער מיט פאַרשעמטע בליקען.

— יע, טאָכטער מיינע, דער טאַטע און איך האָבען באַשלאָסען צו פייערען דיין חתונה מיט יואל דוד'ן אין ארום פיער וואָכען, ארום ל"ג בעומר.

חנה'לע האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסריידען. די קאָלירען אין איהר פּנים האָבען זיך געביטען.

— עס וועט זיין בעסער אזוי — האָט די מאַמע גענומען ריידען. — דו פאַרשטעהסט, חנה'לע, יואל דוד'ס באַריהמטקייט ווערט שטאַרקער מיט יעדען טאָג און ערשט נעכטען, ווען ער האָט געענדיגט דאַווענען אין שטאָדט שוהל, איז צו איהם צוגעגאַנגען דער גרויסער גביר ר' דוד זאַלקינד... דו ווייסט דאָך אז געגען איהם זיינען מיר קבצנים... אַט די אַלע סחורות וואָס מיר קויפען, געהען דורך פריהער זיין האַנט. ער האָט אפשר

צוואַנציק הויפֿן... אַ קלייניקייט — זאַלקינד. איצט שטעל זיך פֿאָר ווי ענציקט זאַלקינד איז געוואָרן פֿון יואל דוד׳ס דאַוונען אַז ער האָט איהם איינגעלאַדען צו זיך אין הויז... און ווי דיין טאַטע האָט מיר איבערגעגעבען, איז ר׳ שמעון פֿרנס צוגעגאַנגען צו איהם, ווען זאַלקינד האָט גערעדט מיט יואל דוד׳ן, און האָט אַריינגעוואָרפֿען אַ פּאָר ווערטער. דו קענסט שוין פֿאַר־שטעהן, אַז קיין גוטעס האָט ער ניט אָנגערעדט אויף אונז. און דאָ האָט זאַלקינד איהם איינגעלאַדען צו זיך. דו האָסט קיין באַגריף ניט וואָס דאָס באַדייט. ווען יואל דוד זאָל אהין אַוועקגעהן און מען וועט איהם בעטען זינגען... זאַלקינד האָט שעהנע געבילדעטע טעכטער. די פֿאַרשטעהסט, דאַ־ריבער וועט זיין אַ סך בעסער אַז מיר וועלען זיך צואיילען מיט אייער חתונה... עס וועט זיין בעסער אַזוי... אַז ער וועט שוין זיין אַ חתונה גע־האַטער, וועט אונז שוין ניט דאַרפֿען אַרען ווער עס לאַדט איהם איין. דו פֿאַרשטעהסט?

— חנה׳לע האָט פֿאַרשטאַנען. זי האָט געקוקט אויף איהר מוטער מיט דאַנקבאַרע אויגען. זי אַליין איז שוין געווען באַזאָרגט.. ווען זי האָט איהם נעכטען נאָכאַמאָל געהערט דאַוונען און זיך אונטערגעהערט צו די שמועסען און באַמערקונגען וועגען איהם, האָט זי זיך געפֿיהלט אַזוי קליין און נישטיג. זי האָט געטראַכט, אַז זי איז ניט ווערט אַז ויאל דוד זאָל ווערען איהר מאַן... און זי האָט זיך גענומען שרעקען, טאָמער וועט מען איהם פֿון איהר אוועקנעהמען.

— איך וויל, טאָכטער, אַז דו זאָלסט מיט איהם פֿריהער ריידען וועגען דעם. דו דאַרפֿסט איהם זאָגען, אַז אַלע ריידען אַז עס איז אַ סך בעסער אַז דער ווילנער שטאָדט־חזן זאָל זיין פֿאַרהייראַט. אַ יונגער באַלעבעסעל אַלס חזן איז פֿאַרט בעסער ווי אַ אינגעל.. דו וועסט שוין וויסען ווי אַזוי צו ריידען צו איהם.. און אַזוי לאַנג ווי ער האָט דיר שוין געגעבען אַ שבועה, דאַרף דאָך קיין אונטערשייד ניט זיין ווען איהר וועט חתונה האָבען... ער וועט דאַן קאָנען פֿאָרטזעצען זיינע למודים גאַנץ רוהיג... און אַלעס וועט רעכט ווערען. נו, וואָס זאָגסטו, חנה׳לע, צו דעם?

חנה׳לע האָט געהאַלטען איהרע אויגען צום באָדען. איהרע באַקען האָבען געפֿלאַמט און זי האָט געשוויגען.

— פֿאַרוואָס שווייגסטו, קינד מיינס? — האָט ריינקע זיך אָנגערופֿען — ביזטו ניט צופֿרידען?

— המ... איך ווייס ניט וואָס יואל דוד וועט וועגען דעם זאָגען.

— דאָס ווענדעט זיך בלויז אין דיר, חנה׳לע. איך האָב דיר ניט באַ־דאַרפֿט לערנען ווי אַזוי אַרויסצוקריגען פֿון איהם די שבועה און איך דאַרף דיך לערנען ווי אַזוי צו ווירקען אויף איהם ער זאָל צושטימען... גאָט צו דאַנקען, קיין שכל פֿעהלט דיר ניט... דו רייד מיט איהם נאָך היינט, קיינער וועט דיר ניט שטערען... זיין מומע איז דאָ דדאָ ניטאָ. איך און דער טאַטע וועלען בלייבען אין עס־צימער. דו ווייסט שוין ווי אַזוי. טו דאָס זעלבע וואָס דו האָסט געטאָן דאַן... דו דאַרפֿסט וויסען זיין, מיין טאָכטער, אַז בעלנים

אויף איהם זיינען פאראן אַהן א צאָהל. קיין ניט־פארגינער און גלאַט שונאים פעהלען אונז אויך ניט. דאריבער דארפען מיר זיך צוא־יילען. זיין מומע וועט מסתמא אויך זעהן טהאָן אַלעס וואָס זי קאָן אבי ניט צו דער־לאָזען. דאריבער וועט עס דארפען געהאלטען ווערען בסוד ביז א פאָר טעג פאר דער חתונה.

אין אָוועגט האָט זיך חנה'לע אויסגעפוצט און זי האָט געוואָרט אויף א געלעגענהייט צו ריידען מיט יואל דוד'ן. נאָ:'ן אָוונד־ברויט רופט זיך אן ריינקע צו חנה'לען און יואל דוד'ן:

— איך האָב צוגעזאָגט די מומע חוה'ן אז מיר וועלען צוקומען צו איהר היינט אין אָוונט. זי וויל זיך דורכריידען מיט אונז וועגען עפּעס. מיר וועלען געהן מיט לאה'לען. דו, חנה'לע, וועסט בלייבען מיט יואל דוד'ן. זי איז דאָך דיין כלה, ניט אמת, יואל דוד? דארף זי זעהן אז דו זאָלסט זיך ניט פיהלען איינזאם.

יואל דוד האָט זיך געררויטעלט און א שמייכעל געטאָן. און חנה'לע האָט געוואָרפען א ליבליכען בליק אין זיין ריכטונג און א שאָקעל געטאָן מיט איהר קאָפּ.

ווען חנה'לעס עלטערען און לאה'לע זיינען ארויס פון הויז, איז זי גע־בליבען זיצען מיט יואל דוד'ן אויף זייערע פּלעצער. א קליינע ווייל̇ע האָבען ביידע געשוויגען. נאכהער האָט זי זיך אָנגערופען.

— ווי שנעל דאָס אלעס האָט פּאסירט. ערשט מיט ניין טעג צוריק, ווען דו ביזט צו אונז געקומען, האָט קיינער פון דיר ניט געהערט.. און איצט ביזטו ביי אלעמען אויף די ליפּען. ווען דו וואָלסט געהערט ווי אלע בענשען זיך מיט דיר און אלע לויבען דיך, וואָלסטו זיך געפיהלט דער גליקליכסטער פון גאנץ ווילנע... דו קאָנסט זיך פאָרשטעלען, מיין טייערער יואל דוד, ווי גליקליך איך האָב זיך געפיהלט ווען איך האָב געהערט ווי אלע ריידען פון דיר, ווי אלע שטאָלצירען מיט דעם וואָס דו ביזט ווילנער שטאָט חזן. קאָנסטו דען באגרייפען ווי שטאָלץ איך בין געוועזן טראכטענדיג אז דו געהערסט צו מיר, אז מיר זיינען חתן־כלה... אָבער מיין ניט אז איך ווייס ניט אז איך בין ניט ווירדיג צו האָבען אזא גליק.. ווער בין איך! — האָט חנה'לע גע־נומען ווישען איהרע אויגען.

— וואָס איז חנה'לע? דו וויינסט! — האָט יואל דוד אויסגערופען און האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און איז צו איהר צוגעגאנגען.

— איך וויין פון גליק... און פון דעם וואָס מיין הארץ שרעקט מיר אזוי.

— פארוואָס שרעקט דיר דאָס הארץ

— איך ווייס ניט, אָבער לעצטע נאכט האָב איך גע'חלומ'ט א שרעק־ליכען חלום. איך האָב גע'חלומ'ט אז דו ביזט געגאנגען צו דער חופּה מיט א צווייטער... איך האָב געזעהן דיין בלאסען פּנים און דיינע ליכטיגע אויגען האָבען אויף מיר געקוקט.. איך בין צו דיר צוגעגאנגען און איך האָב דיר געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער די מאמע פון דיין כלה האָט מיך

אוועקגעטריבען... איך האָב אזוי ביטער געוויינט אז מיין קישען איז נאס געווארען פון מיינע טרעהרען. און איצט אז איך דערמאָן זיך, שוידער איך אויך פון שרעק. איך טראכט ביי זיך, ווער ווייסט אויב דאָס קען טאקע אמאָל ניט פּאסירען... און איך טראכט, הלואי וואָלט איך בעסער ניט דער־לעבען עס צוצוזעהן מיט מיינע אויגען...

— חנה'לע, דו טאָרסט אזוי ניט ריידען! דו ווייסט דאָך אז מירביידע האָבען געשוואָרען ביי די הייליגע ציצית פון מיין ארבע כנפות...

— יע, אָבער גאָט ווייסט וואָס עס קאָן פּאסירען. ווען עס זאָלען פאריבער־געהן א פּאָר יאָהר און דיין מומע און די אנדערע וועלען זוכען צו שטערען, קאָן אמאָל געשעהן אז זיי זאָלען אויף דיר ווירקען... און וואָס וועט זיין ווען דו וועסט שפּעטער זעהן א שעהנערע און א רייכערע מיידעל פון מיר. דאַן וועסטו ניט וועלען טראכטען פון מיר. דו וועסט מיך גאנץ שנעל פארבייטען אויף דער שעהנערער.

— קיין שעהנערע ווי דו, חנה'לע איז ניטאָ אין גאנץ ווילנע! — האָט יואל דוד געזאָגט — און דו מעגסט רוהיג זיין אז איך וועל מיין שבועה האַלטען. דו ווייסט דאָך וואָס איך האָב געזאָגט צו מיין מומען ווען זי האָט פּרובירט ריידען א שלעכט וואָרט וועגען דיר און דיינע עלטערען. זי האָט געטאָן ווי איך האָב איהר געהייסען... זי וועט שוין מעהר ניט וואגען צו ריידען שלעכטס אויף דיר. איך האָב איהר צוגעזאָגט צו געבען א רובעל א וואָך און זי איז צופרידען... זי שעצט זיך גליקליך. זי האָט געקראָגען א פיינע דירה, זי וועט האָבען אויף הוצאות, זי וועט גאָרניט דארפען זאָר־גען... פארוואָס זאָל זי וועלען שטערען?

— ניט נאָר זי אליין, אָבער אונז פעהלען ניט קיין אנדערע שונאים און גלאט ניט־פארגינערס. איך ווייס אז ר' שמעון פרנס רוהט ניט, ער טוט אַלעס וואָס ער קען אונז צו שטערען. דער טאטע האָט איהם נעכטען נאָכ'ן דאווגען געזעהן צוגעהענדיג צו ר' דוד זאַלקינד'ן אין דער צייט וואָס ער האָט מיט דיר גערעדט. און איך שטוים זיך אָן אז ער האָט קיין גוטעס ניט גערעדט וועגען אונז.

— וואָס ארט עס דיך וואָס ר' שמעון רעדט? — זאָגט איהר יואל דוד — איך שענק ניט קיין אויפמערקזאמקייט צו זיינע רייד.

— אָבער איך בין גערעכט, טייערע, ער האָט יאָ עפּעס גערעדט וועגען מיר און מיינע עלטערען, זאָג מיר דעם אמת.

— נו, איז וואָס!

— וואָס האָט ער געזאָגט.

— גאָרניט!

— דו ווילסט מיר ניט דערצעהלען. מסתמא האָט ער שוין געגוג שלעכטעס אָנגערעדט אויף אונז? דעריבער איז מיר אזוי שווער אויפ'ן הארצען. איך טראכט מיר, אז אונזערע שונאים זיינען פיעל און זיי וועלען זיך פאר קיין זאך ניט אָפּשטעלען און אָט זעה איך שוין, אז דו ווילסט מיר אפילו ניט אויסזאָגען וואָס ער האָט אָנגערעדט.

— וואס קאן ער אנרעדען אויף דיר?

— פון וואנענ זאל איך וויסען? אז דו וועסט מיר דערצעהלען, וואלט איך דיר געקאנט זאגען, אז עס איז א בלבול.

— נעם זיך ניט צום הארצען, חנה'לע, עס איז גארניט, דו ווייסט דאך וואס ר' שמעון רעדט!

— איך ווייס ניט! איך בעט דיך, יואל דוד, דערצעהל מיר אלץ. מיר זיינען דאך חתן־כלה און מיר טארען קיין סודות ניט האבען איינע פון די אנדערע.

— א, ער האט דערצעהלט פאר ר' דוד זאלקינד'ן, אז דיין פאטער איז געווען מיין פאטער'ס גענגער, אז ער האט פאראורזאכט מען זאל איהם ענטזאגען פון זיין שטעלע אלס שטאט חזן...

— און דו גלויבסט איהם.

— דו ווייסט דאך, אז איך גלויב איהם ניט... ווען איך וואלט איהם געגלויבט וואלט איך...

— וואלסטו מיך ניט ליעב געהאט, ניט אמת, יואל דוד

— פארוואס זאלסטו אזוי רעדען, חנה'לע, וואס האט עס צו טאן מיט דיר?

— אפילו ווען דאס זאל זיין אמת, וואלסטו מיך אלץ ניט אויפגעהערט ליעב צו האבען

— געוויס!

— מיין הארץ שרעקט מיך זעהר, יואל דוד... ווער ווייסט וואס עס קאן פאסירען... וואס וועל איך טאן ווען דו וועסט מיך אויפהערען ליעב צו האבען. אדער ווען דו וועסט זעהן אנאנדער מיידעל און זי וועט דיר געפעלען ווערען?

— איך האב דאך דיר געזאגט, אז קיינער אויסער דיר וועט מיר קיינמאל ניט געפעלען.

— האסטו מיך טאקע ליעב מיט דיין גאנצען הארצען!

— אודאי, אז ניט וואלט איך דאך ניט געשווארען.

— ווייסטו גאר וואס יואד דוד, טייערער..

— וואס חנה'לע?

— א, איך שעהם זיך דיר צו זאגען.

— שעהם זיך ניט, פאר מיר דארפסטו זיך ניט שעהמען.

— איך בין זיכער, אז דו וועסט מיינען, אז איך בין ניט ביים זינען, דו וועסט לאכען פון מיר...

— איך וועל ניט לאכען. זאג מיר וואס האסטו נאר וואס מיר געוואלט זאגען.

— איך האב דיר געוואלט זאגען, אז מירביידע, זאלען חתונה האבען.

— געוויס וועלען מיר חתונה האבען ווען די צייט וועט קומען! חתן־כלה מוזען דאך חתונה האבען!

— איך מיין, אז מיר זאלען חתונה האבען אין פיער וואכען ארום, ל״ג בעומר...

— וואס מיינסטו? — האט יואל דוד איהר אנגעקוקט מיט ער־שטוינונג.

— ווען מיר וועלען חתונה האבען דאן וועסטו ווערען א באלעבעסעל. עס איז שעהנער, אז דער ווילנער שטאט חזן איז א באלעבעסעל. מען וועט דאך אויף דיר ניט זאגען, אז דו ביזט א אינגעל, אויסער דעם וועסטו ניט דארפען מורא האבען פאר די כאפערס. דו ווייסט דאך, אז באלעבאסלאך כאפען זיי ניט פאר יונים...

— אבער וואס וועט מיין מומע זאגען?

— אט זעה איך, אז דו האסט טאקע מורא פאר דיין מומען.

— איך האב פאר איהר קיין מורא ניט!

— אבער דיין מאמע און טאטע.

— זיי וועלען זיך שעצען גליקליך. דו ווייסט דאך ווי שטארק זיי האבען דיך ליעב. מיין מאמע וועט שוין זעהן, אז קיינער זאל וועגען דעם ניט אויסגעפינען ביז א פאר טעג פאר דער חתונה, ווען אלץ וועט זיין צוגע־גרייט... און ווען מיר וועלען שוין זיין מאן און ווייב וועל איך שוין ניט מעהר דארפען מורא האבען פאר די אנדערע שעהנע און רייכע מיידלאך... מיין מאמע האט שוין אפילו באשטעלט פאר מיר א חופה קלייד.

— האסטו שוין גערעדט מיט דיין מאמען וועגען דעם?

— געוויס, טייערער, די מאמע וויים דאך, אז מיר זיינען חתן־כלה, און זי האט מיר אויך געזאגט, אז עס וועט זיין בעסער ווען מיר האבען חתונה וואס פריהער און ל״ג בעומר איז זעהר א גוטער און מזל׳דיגער טאג חתונה צו האבען... נו, וואס זאגסטו, יואל דוד?

יואל דוד איז געווארען צעטומעלט, ער האט ניט געוואוסט וואס צו זא־גען. ער האט וועגען דעם גאר ניט געטראכט... אמת, ער האט געהערט פון יונגע באלעבעסלאך, וועלכע האבען חתונה געהאט יונג, אבער, אז ער זאל אויך חתונה האבען אזוי שנעל, וועגען דעם האט ער ניט געטראכט.

— איך זעה, אז דו ווילסט מיר ניט ענטפערען! — האט חנה׳לע גע־זאגט מיט אן אומעטיגער שטים — דו ביזט אויף מיר אין כעס, און אפשר האסטו מיך צוליב דעם אנגעהויבען פיינט צו האבען... עס פארדריסט מיך שוין זעהר פארוואס איך האב דאס דיר געזאגט.

זי האט ווידער גענומען ווישען איהרע אויגען...

יואל דוד האט ניט געקאנט צוזעהן טרעהרען אין חנה׳לעס אויגען און ער האט זיך אנגערופען:

— חנה׳לע, איך בעט דיך, וויין ניט, איך האב דיך ליעב און אויב דו ווילסט זאל זיין ווי דו ווילסט.

— און דו ביזט אויף מיר ניט אין כעס, יואל דוד, טייערער — האט חנה׳לע איהם ארומגענומען און א קוש געטאן.

— איך בין ניט אין כעס, אבער דאס וואס דו האסט פריהער געזאגט,

אז איך וועל ניט דארפן מורא האבן פאר די "כאפּערס", ווייסטו ניט, אז איצט האב איך ניט מער וואס מורא צו האבן. אלע קענען מיך און די כאפּערס וועלן ניט וואגן צו "כאפּן" דעם ווילנער שטאדט חזן, קהל וואלט עס ניט דערלאזן.

— יע, דו ביזט גערעכט, אבער עס איז פארט בעסער צו זיין פאר־הייראט. מיינע עלטערען זאגען אויך אזוי... נאר אויב דיר איז עס ניט צום הארצן, דארפסטו זיך ניט שעהמען מיר צו זאגען.

— מיר איז צום הארצן אלץ וואס דיר איז צום הארצן!

— דו ביזט דאך אזא גוטער און אזא טייערער, יואל דוד, און איך בין אזוי גליקליך אנגערופען צו ווערען דיין כלה... נאר איך גיבען וועט מען זאגען: אט געהט דעם שטאט חזנ'ס ווייב... א, ווי אלע מיידלאך וועלען מיך מקנא זיין... און איך וועל ניט מעהר דארפען זארגען טאמער רעדט מען אז אויף מיר און מען וויל דיך פון מיר אוועקנעמען. דאס, יואל דוד, איז די הויפט אורזאך פארוואס איך גלויב, אז מיין מאמע איז גערעכט, ווען זי האט פארגעשלאגען צו פייערען אונזער חתונה אום ל"ג בעומר.

— דאס האט דיין מאמע פארגעשלאגען! — האט יואל דוד זיך אנ־גערופען.

חנה'לע האט געזעהן, אז זי האט זיך ארויסגערעדט אבער עס איז שוין פארפאלען. זי קאן דאך איהם ניט זאגען קיין ליגען.

— יע, מיין מאמע האט עס פארגעשלאגען... און אויב דו ווילסט וויסען, טייערער, וועל איך דיר זאגען פארוואס.

— פארוואס? — פרעגט זי יואל דוד.

— ווייל דער גביר זאלקינד האט דיך איינגעלאדען צו זיך. און ער האט פיער טעכטער... מען זאגט, אז זיי זיינע שעהנע... און זי האט גע־טראכט, אז זאלקינד האט בדעה דיך אוועקצונעהמען פון אונז. פאר־שטעהסטו שוין איצט, פארוואס!

— המ... יע, איך פארשטעה — האט זיך א שמייכעל באוויזען אויף יואל דוד'ס ליפען — אבער דו חנה'לע האסט באדארפט וויסען, אז דו האסט ניט וואס מורא צו האבען... איך וואלט דאך ניט געבראכען מיין שבועה צו דיר.

— אויב דו האסט בדעה מיט מיר חתונה צו האבען, דארף קיין אונ־טערשייד ניט זיין ווען די חתונה קומט פאר, פריהער אדער שפעטער און אז מיין מאמע ווינשט פריהער, זאל זיין ווי זי ווינשט, ניט אמת?

יואל דוד האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ. אבער חנה'לע האט געקאנט מערקען, אז ער איז ניט איבעריגס צופרידען פון דעם.

יואל דוד איז געבליבען זיצען אויף זיין פלאץ פארטראכט. ער האט זיך געגומען דערמאנען אז זיין מומע'ס רייד, אז זיי זוכען איהם אריינצוקריגען פאר אן איידעם, און דערפאר זיינען זיי אזוי גוט צו איהם... וואס וועט זי זאגען ווען זי וועט זיך דערוויסען פון דעם...

— פון וואס טראכסטו יואל דוד — האט חנה׳לע איהם אריינגעקוקט אין די אויגען.

— א, פון גארניט!

— פון גארניט, טראכסטו דען ניט פון דעם ווי גליקליך מיר ביידע וועלען זיין ווען מיר וועלען געהן צו דער חופה. מיט א יאהר צוריק בין איך געגאנגען מיט מיינע עלטערען צו א חתונה פון מיין מאמע׳ס א קרובה. איך האב זיך צוגעקוקט צו דער כלה, וועלכע איז געגאנגען צו דער חופה ווי שעהן זי איז געווען, ווי ליכטיג איז איהר פנים געווען... געטראכט ווי גליקליך איך וועל זיך פיהלען ווען איך וועל געהן צו דער חופה מיט דעם וועמען איך האב ליעב. גאנץ אפט פלעג איך ליגען אין בעט און זעהן מיין באשערטען אין חלום... ער האט אויסגעקוקט ווי דו, מיט שעהנע גע־קרייזעלטע שווארצע האר, מיט גרויסע פאר׳חלום׳טע אויגען.. אבער פון דעם, אז מיין חתן וועט זיין אזוי באריהמט, האב איך אפילו ניט געטראכט... איצט קאנסטו זיך פארשטעלען מיין גליק צו וויסען, אז גאר אין גיכען וועל איך זיין דיין פרוי און די גאנצע וועלט וועט מיך מקנה זיין... דו זעהסט דאך, אז אין משך פון איין וואך ביזטו באריהמט געווארען איבער גאנץ ווילנע און יעדער איינער רעדט פון דיר... טא וואס וועט שוין זיין אין א יאהר אדער צוויי יאהר ארום... די גרעסטע מענשען פון ווילנא וועלען קומען צו אונז אין הויז און מיט דיר ריידען. איך וועל זיך פיהלען אזוי שטאלץ... איך וועל די געסט זעהר פיין אויפנעמען. איך וועל זיי געבען טייערען כיבוד און איך וועל זיך זעצען אין א ווינקעל פון חדר און זיך צוהערען צו זייערע רייד... און דאן וועסטו זינגען... איך וועל צומאכען מיינע אויגען און הערען דיין וואונדערשעהנע שטים... און מיין גליק וועט שטייגען מיט יעדער רגע... איך וועל קוקען אויף דיר און זיין שטאלץ, אז דו האסט מיך אויסדערוועהלט פאר דיין פרוי.. א, יואל דוד, גאט האט דיך געשיקט צו מיר... דו זעהסט דאך, אז עס איז באשערט, אז איך זאל דיך קריגען פאר מיין מאן, האט דיך גאט געבראכט צו אונז אין הויז. זאג מיר, טייערער, האסטו מיך טאקע ליב מיט דיין גאנצען לייב און לעבען?

— יע, חנה׳לע, געוויס האב איך דיך ליעב!

— און דו וועסט מיט מיר חתונה האבען אין פיער וואכען ארום, אום ל״ג בעומר?

— איך בין צופרידען...

— אויב אזוי דארף איך ניט מעהר זיין באזארגט. איך בין גליקליך. מארגען וועט קומען די נייטארין מיר נעמען א מאס פאר א חופה קלייד, און דער שניידער וועט קומען נייהען דיר אן אנצוג פאר דער חתונה... קיינער וועט דערפון ניט וויסען, ביז וואנען עס וועט זיין פארטיג — אפילו ניט מיין מומע חוה. און דיין מומע יאכע געוויס ניט. בלויז איינינע טעג פאר אונזער חתונה וועלען מיר לאזען וויסען אונזערע קרובים און באקאנטע.. עס וועט זיין בעסער אזוי, וואס זאגסטו, יואל דוד?

— אודאי וועט זיין בעסער אזוי... איבערהויפט וואלט איך ניט גע־

וואָלט, אַז מיין מומע יאַכע זאָל פון דעם וויסען... זי וואָלט מיך ניט צורוה געלאָזען. דו קענסט זי דאָך... איך בין צופרידען וואָס זי וואוינט באַזונדער... און זי קומט אַרויף אַהער זעהר זעלטען... זי איז ניט קיין שלעכטע, אָבער זי קען יענעם פּלאָגען ביז'ן טויט, ווען זי זעצט זיך אָן אויף אימיצען.

— מיר וועלען שוין זעהן, אַז דיין מומע זאָל אַפילו גאָר ניט פאַרדעכ־טיגען, — האָט חנה'לע געזאָגט. — און ווען זי וועט אויסגעפינען, וועט זי שוין קיין צייט ניט האָבען דיך צו פּלאָגען. איצט, יואל דוד, געה לעג זיך שלאָפען, דו ביזט מיעד, דו דאַרפסט זיך אויסרוהען. איך וועל שוין איבער־געבען מיין מאַמע'ן, אַז מיר האָבען אָפּגעמאַכט חתונה צו האָבען דעם קו־מענדען ל"ג בעומר.

יואל דוד האָט געפיהלט אַ שווערעניש אויפ'ן האַרצען. דער קאָפּ האָט איהם געגומען וועה טאָן, און ער איז געווען צופרידען צו געהן אין זיין צי־מער זיך צו לייגען שלאָפען.

חנה'לעס אויגען האָבען געגלאַנצט פון גליק און ווען איהרע עלטערען האָבען זיך צוריקגעקערט, האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז זי האָט שוין מיט איהם גערעדט און אַז אַלעס איז ווי געוואונשען.

— געה שלאָפען, לאה'לע, — האָט ריינקע אַ קוש געטאָן איהר אינגערע טאָכטער און זי אַוועקגעשיקט אין שלאָפצימער.

אַז ר' מרדכי און ריינקע זיינען שוין פאַרבליבען אַליין מיט חנה'לען, האָט די מאַמע זיך אָנגערופען צו איהר:

— יואל דוד שלאָפט שוין?

— ער איז נאָר וואָס אַריין צו זיך אין צימער זיך לייגען שלאָפען.

— נו, וואָס, טאָכטער, האָסטו מיט איהם גערעדט?

חנה'לע האָט זיך גענומען רויטלען, און שמייכלענדיג אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

— וואָס האָט ער געזאָגט צו דיר?

— ער איז צופרידען צו טאָן אַלעס וואָס איך וועל פון איהם פאַרלאַנ־גען, — האָט חנה'לע מיט שטאָלץ געזאָגט.

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — האָט ריינקע זיך געוועגדעט צו איהר מאַן. — איך האָב געזאָגט, אַז מיר קאָנען זיך פאַרלאָזען אויף חנה'לען.

— אויב אַזוי, וועל איך זיך טאַקע מאָרגען דורכריידען מיט'ן שניי־דער. איך וועל איהם ברייגגען פון קראָם אַ גוטען, שוואַרצען געוואַנט, און ער וועט פאַר איהם נייהען אַ פּאָר גאַרניטורען, — האָט ר' מרדכי געזאָגט.

— חיה שרה'ן האָב איך אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל עס האַלטען בסוד, — האָט ריינקע אויסגערופען. — און דו דאַרפסט דאָס זעלבע טאָן מיט דעם שניידער... ער מוז דיר צוזאָגען אויף זיין עהרען וואָרט, אַז ער וועט צו קיינעם ניט ריידען וועגען דעם, איבערהויפּט ניט צו זיין פרוי, ווייל יענע האָט ליעב צו פּלאַפּלען.

— איך וועל שוין זעהן, אז ער זאָל עס האַלטען בסוד. זאָל נאָר חיה שרה האַלטען דעם סוד.

— וואָס הייסט, איך האָב איהר אָנגעזאָגט, אז אויב זי וויל ארבייטען פאַר מיר און פאַרדינען, וועט זי מוזען האַלטען דעם סוד! זי וועט קומען מאָרגען אין קראָם זעהר פריה, אכט אזייגער, איידער די קרעמערקעס קומען און איך וויל ניט, אז זיי זאָלען פרעגען פראַגעס, אָדער זיי זאָלען פאַר־דעכטיגען.

— איצט זאָג מיר, חנה'לע, וואָס האָסטו מיט איהם גערעדט, און וואָס האָט ער געזאָגט? דערצעהל מיר אַלעס!

— גאָר ניט, מאַמע. איך האָב מיט איהם גערעדט. איך געדענק שוין אַליין ניט וואָס.

— גוט, דו וועסט מיר שוין דערצעהלען מאָרגען, — האָט ריינקע פאַר־שטאַנען, אז חנה'על שעהמט זיך צו דערצעהלען איהר אַלע אייגצעלהייטען אין טאַטענ'ס געגענוואַרט. זאָל נאָר זיין מיט מזל און מיט גליק, מיין טייער קינד. א קליינינקייט, וואָס פאַר א גליק עס איז פאַר דיר! ער איז דאָך איי־נער אין הונדערט מיליאָן! וואו מען געהט און וואו מען שטעהט רעדט מען וועגען איהם, וועגען זיין וואונדערבאַרע שטימע, וועגען זיין דאַווגען! יאָ, חנה'לע, דו דאַרפסט זיך שעצען פאַר דער גליקליכסטער אין דער וועלט, אז אין דיין חלק איז אריינגעפאַלען אַן אוצר! זאָל עס נאָר ניט פאַרשטערט ווערען, רבונו של עולם! אָה, איך וויל דיך פרעגען, קינד מיינס, האָסטו איהם געזאָגט, אז דערוויל דאַרף דאָס געהאַלטען ווערען בסוד?

— יאָ, מאַמע! אודאי האָב איך איהם געזאָגט! — האָט חנה'לע אויסגערופען. — ער אַליין וויל אויך, אז דאָס זאָל דערווייל זיין א סוד! ער וויל ניט, אז זיין מומע זאָל זיך פון דעם דערוויסען פאַר דער צייט... ער האָט פאַר איהר קיין מורא ניט, נאָר ער וויל ניט זי זאָל איהם פּלאָגען און נעמען דערגעהן די יאָהרען.

— אי, איז דאָס א צאַצקע זיין מומע! — האָט ריינקע אויסגערופען.

— אָבער איך זעה, אז יואל דוד קאָן זיך ספּראַווען מיט איהר... א דאַנק דיר, א לויב דיר, רבונו של עולם, וואָס דו האָסט אונז מזכה געווען מיט אזא טייערען אוצר.

קאַפּיטעל זיבעצעהן

אויב ריינקע האָט געמיינט, אז איהר פּלאַן צו פייערען חנה'לעס חתונה מיט יואל דוד'ן דעם קומענדען ל"ג בעומר, וועט קאָנען געהאַלטען ווערען בסוד ביז די לעצטע עטליכע טעג, האָט זי געמאַכט א גרויסען טעות. די נייעס איז בליץ־שנעל פאַרשפּרייט געוואָרען איבער גאַנץ ווילנע. ווי אזוי דער סוד איז אַנטדעקט געוואָרען, איז געבליבען א סוד פאַר ריינקע'ן. זי האָט געהאַט באַשולדיגט איהר נייטאָרין, אָבער יענע האָט זיך געשוואָרען, אז זי ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען.

— זאָל איך אזוי דערלעבעז צו פיהרעז מיינע קינדער צו דער חופה, ווי איך האָב פאַר קיינעם קיין וואָרט ניט גערעדט. מיין מאַן, פאַרשטעהט זיך, האָט געזעהן, אז איך נעה א חופה קלייד, און פאַר איהם האָב איך, פאַרשטעהט זיך, ניט געקאָנט פאַרלייקענען. ווייטער אָבער איז עס ניט נעגאַנגען... איך האָב מיין מאַן אָנגעזאָגט מיט'ן הארבסטען וואָרט, אז ער זאָל עס אַפּילו אויף זיינע ליפּען ניט ארויפברייננען.

טאָ פון וואנען דען ווייסט מען שוין אין גאַנץ ווילנע? — האָט ריינקע זיך ניט געקאָנט בארוהיגען.

— זאָל איך אזוי וויסען פון בייז.. איהר מעגט זיכער זיין, מאדאם סטראַשון, אז דאָס שטאַמט ניט פון מיין הויז... שאַ, איך וועל אייך זאָגען, עס קאָן זיין, אז דאָס שטאַמט פון אייערע מיידלעך, די קרעמערקעס, איהר האָט מיר געהייסען קומען אין קראָם גאַנץ פריה אויסצוקלייבען ווארע פאַר א חופה־קלייד פאַר אייער טאָכטער, האָבען מיר זיך אזוי פאַררעדט ביז וואנען אייערע קרעמערקעס זיינען אָנגעקומען... נו, קאָן זיין, אז זיי האָבען זיך אָנגעשטויסען...

— אָבער פון וואנען זאָלען זיי וויסען וועלכען טאָג! — האָט ריינקע אויסגערופען. — זאָל שוין זיין, אז זיי האָבען פאַרשטאַנען, אז די וואָרע וואָס איהר האָט גענומען, איז געווען פאַר חנה'לעס חופה־קלייד, טאָ ווי קומט עס, אז זיי זאָלען וויסען, אז אום ל"ג בעומר וועט פאָרקומען די חתונה?

— אַלע ווייסען, אז אין ספירה צייט פראַוועט מען ניט קיינע חתונות און ל"ג בעומר איז דער איינציגער טאָג. אָבער זאָלט איהר מיר געזונט זיין, מאדאם סטראַשון, וואָס אַרט עס אייך, אז מענשען ווייסען פון דעם מיט א פּאָר וואָכען פריהער?... עס וועט איהר, חלילה, גאָר נישט שאַדען!... אַלע זעהען דאָך, אז זיי זיינען אַ באַשערטע פּאָר... פאָלגט מיך, נעהמט זיך ניט אזוי צום הארצען...

— אז איך האָב געוואָלט עס זאָל בלייבען דערווייל א סוד, מסתמא האָב איך געהאַט אן אורזאַכע דערצו! — האָט ריינקע געזאָגט.

— און איך פאַרזיכער אייך נאָך אַמאָל, אז קיינער האָט עס ניט אויסגעפונען פון מיר, — האָט חייה שרה געזאָגט. — אפשר האָט שמואל, דער שניידער, וועלכער נעהט דעם גאַרניטור פאַר יואל דוד'ן? איהר פאַרשטעהט, זיין פּעשע איז א אידענע, וועמעס צונג רוהט ניט פאַר א רגע...

ריינקע האָט טאַקע ניט געקאָנט דערגעהן ווער עס איז שולדיג אין דעם, אָבער דערווייל האָט זיך יאַכע דערוואוסט און זי איז אַן אויפגעציטערטע געוואָרען.

יאַכע האָט זיך עס דערוואוסט פון זלאַטע'ן, מירעלע'ס מאַמע. זלאַטע'ן האָט דערצעהלט וועגען דעם ר' יהושע זעליג, איהר מאַן, און ער האָט עס געהערט פון שמואל דעם שניידער... זיי האָבען זיך צעשמועסט נאָכ'ן דאַווענען, ווען זיי זיינען ארויס פון קלויז אין דער פריה.

— איך גאָה דאָס איצט צו אייך אין הויף, — האָט שמואל זיך אָנגע־

רופֿעז צו ר׳ יהושע זעליג׳ן. — איך האָב געקראַנגעז ארבייט ביי אייער בעל הבית ר׳ מרדכי סטראַשון.

— איצט, נאָך יום טוב ארבייט! קוקט איהם אָן ר׳ יהושע זעליג. — ביי א גביר איז אלע טאָג יום טוב, — ענטפֿערט איהם שמואל.

— פֿאַר וועמען נייהט איהר דאָס?

— פֿאַר יואל דוד׳ן!

— איהר האָט דאָך שוין פֿאַר איהם איין בגד געמאַכט אויף די אַנדערע טעג?

— נו, איצט ניי איך פֿאַר איהם צוויי גאַרניטורען.

— צוויי מיט אמאָל!

— יאָ, איינעם צוליב דעם, וואָס ער איז געוואָרען שטאָדט חזן און דעם צווייטען צוליב דעם, וואָס ער איז א חתן געוואָרען!

— א חתן! קוקט איהם אָן ר׳ יהושע זעליג.

— אוי, איך האָב זיך דאָס ארויסגערעדט... ר׳ מרדכי האָט מיך אָנגעבעטען איך זאָל עס האַלטען בסוד. עס פֿאַרדריסט מיר זעהר... איך בעט אייך, ר׳ יהושע זעליג, רעדט זיך אקאָרשט ניט ארויס פֿאַר וועמען עס איז אז איהר האָט עס געהערט פֿון מיר...

— וואָס רעדט איהר, ר׳ שמואל! וועמעס עסק איז דאָס! עס איז אפילו קיין סוד ניט! יעדער איינער ווייסט, אז ר׳ מרדכי האָט אריינגענומען יואל דוד׳ן צו זיך, ווייל ער וויל איהם נעהמען פֿאַר אן איידעם. יאָ, אויף וועז דאַרפֿט איהר די גאַרניטורען פֿאַרטיג מאַכען!

— אויף ל״ג בעומר! ווייל דאַן וועלען זיי פֿייערען די חתונה... איך זאָג אייך, ר׳ יהושע זעליג, אז דער גביר האָט טאַקע מזל! א קליינינקייט אזא חתן! א וועלט קלינגט דאָך מיט איהם!

— אָבער ער איז דאָך גאָר א אינגעל!

— נו, וועט ער אין גיכען ווערען א באַלעבעסעל.. לויט זיין זינגען און דער געשמאַק פֿון זיין דאַווענען, איז ער שוין גאָר קיין אינגעל ניט!

— איך וויים ווי אלט ער איז! — רופֿט זיך אָן ר׳ יהושע זעליג. — ער איז נאָך קיין פֿערצעהן יאָהר ניט אלט. אויב איך מאַך ניט קיין טעות. איז ער ניט לאַנג צוריק געוואָרען בר מצוה! חנה׳לע איז מיט א יאָהר צוויי עלטער פֿון איהם!

— זי איז טאַקע א פֿאַלנע פֿריילין, — זאָגט ר׳ שמואל. — איהר האָט באַדאַרפֿט זעהן ווי זי האָט געזאָגט וואָס פֿאַר אן אנצוג איך זאָל איהם נייהען! א וואַזשנע מיידעל, זעהר א גראַטענע... מען זאָגט, אז זי רעדט פּויליש און רוסיש און זי שפּילט פּיאַנאָ. זי איז א שעהנע און געבילדעטע מיידעל...

— נו, א גביר קאָן באַהויפּטען צו האַלטען לעהרער פֿאַר זיינע קינדער? אזוי גאָר, הייסט עס, אז ל״ג בעומר וועט זיין די חתונה!...

— איך בעט אייך נאָך אמאָל, ר׳ יהושע זעליג, זעהט, דערצעהלט קיינעם ניט, אז דאָס האָט איהר זיך דערוואוסט פֿון מיר, ווייל ווען ר׳ מרדכי

וועט אויסגעפינען, וועל איך איהם פארלירען פאר א קינד... זאגט איהר מיר צו?

— איהר מעגט רוהיג זיין, אז פון מיר וועט קיינער ניט אויסגעפינען, אז איך האב זיך דאס דערוואוסט פון אייך! איך וויים, וואס דאס איז צו זיין אונטערגעווארפען די קאפריזען פון א בעל הבית! איך אליין בין דאך אויך א בעל מלאכה!

— אויב אזוי וועט טאקע זיין בעסער, אז מען זאל אונז ניט זעהן אריינקומען צוזאמען אין הויף. איך וועל דא א ווײלע צוואווארטען, איהר געהט פריהער!

ווען ר׳ יהושע זעליג האט זיך געזעצט עסען פריהשטיק, האט ער זיך אנגערופען צו זיין פרוי, ווען זיי זיינען געבליבען פאר א ווײלע אליין אין צימער:

— דו ווייסט, זלאטע, איך האב נאר וואס אויסגעפונען, אז ר׳ מרדכי סטראשון, אונזער בעל הבית, וועט פיהרען זיין טאכטער, חנה׳לען, צו דער חופה אין א פאר וואכען ארום, אום ל״ג בעומר... מיט יואל דוד׳ן!

— וואס רעדסטו? — האט זלאטע זיך אנגערופען. — עס קאן ניט זיין?

— ווייל ערשט נעכטען האב איך גערעדט מיט יאכע׳ן, זיין מומע׳ן און זי האט מיר געזאגט, אז איהר יואל דוד וועט קיינמאל ניט חתונה האבען מיט חנה׳לען. אז זי האט געהערט, אז דער גביר ר׳ דוד זאלקינד וויל איהם אריינגעהמען צו זיך...

— אבער דו הערסט דאך וואס מען זאגט דיר, היינטיגען ל״ג בעומר וועלען זיי פייערען חנה׳לעס חתונה מיט יואל דוד׳ן.

— פון וואנען האסטו עס געהערט?

— דאס קאן איך דיר ניט זאגען.

— פארוואס ניט? וואס בין איך דיר א פרעמדע?

— איך קאן דיר ניט זאגען, ווײל איך האב געגעבען מיין ווארט ניט צו דערצעהלען פאר קיינעם ווער עס האט מיר געזאגט. אבער וואס איז דער אונטערשיד, מען זאגט דאך דיר, אז זיי געהען חתונה האבען! און וואס איז דא ניטא וואס צו גלויבען?

— איך האב דאך דיר געזאגט, אז איך האב ערשט נעכטען גערעדט מיט יאכע׳ן!

— נו, ווייסט זי מסתמא ניט פון דעם...

— וואס הייסט, זי ווייסט ניט? זי איז דאך זיין מומע!

און אז זיין מומע איז וואס? קיין דעה וועט זי ניט זאגען וואס צו טאן. דו זעהסט דאך, זי האט זעהר ניט געוואלט אז יואל דוד זאל פאר־בלייבען ביי זיי און זי האט ניט געוואלט זיך אריינקלייבען אין דער דירה וואס איך האב רעמאנטירט. אבער ווער האט אויסגעפיהרט? זיי הערען איהר ווי דעם קאטער.

— פונדעסטוועגען גלויב איך ניט, אז זי וועט דערלאזען אזא זאך!

— עס וועט איהר גארניט העלפען. זיי מאכען שוין אלע הכנות און ל״ג בעומר וועט זיין די חתונה.

— נו, מילא, אז מיר וועלען לעבען וועלען מיר זעהן! — האט זלאטע געזאגט.

עס איז קיין שעה ניט פאראיבער און זלאטע איז שוין געווען ביי יאכע'ן אין שטוב.

— איך וויים ניט, יאכע, צי איך דארף דאס אייך דערצעהלען, און אפשר ווייסט איהר שוין עס אהן מיר?

— וואס וויים איך, זלאטע קרוין, זאגט מיר, וועגען וואס עס האנדעלט זיך!

— איהר ווייסט פון גאר ניט וועגען דעם!

— וועגען וואס?

— וועגען אייער פלימעניק!

— וואס האט פאסירט מיט מיין יואל דוד'ן? — האט יאכע מיט שרעק אויסגערופען.

— קיין שלעכטעס, חלילה! — האט זלאטע געזאגט. — מעהר ניט. איך בין געווען זיכער, אז איהר ווייסט פון דעם!

— זאלען מירביידע אזוי קיין צער ניט האבען, ווי איך הויב ניט אן צו וויסען... זאגט מיר, הארצעלע, קרוין, איך בעט אייך, זאגט מיר, וואס האט איהר געהערט וועגען מיין פלימעניק?

— איך האב געהערט שוין גאר פרעהליכע נייעס וועגען יואל דוד'ן — האט זלאטע אויסגערופען — מען האט מיר איבערגעגעבען אז ריינקע וועט אינגיכען פיהרען חנה'לען צו דער חופה מיט יואל דוד'ן. יע, טאקע דעם קומענדען ל״ג בעומר.

— וואס רעדט איהר! — האט יאכע אויסגערופען, און איהר פנים איז טויט בלאס געווארען.

— מיך וואונדערט זעהר אויף אייך — האט זלאטע געזאגט — וואס הייסט איהר ווייסט ניט? איהר זייט דאך זיין מומע!

— א מומע בין איך? זיי האבען איהם אריינגענומען אין די הענט און ער, מיין ארימער, הילפלאזען יתום, נעבעך, טהוט אלעס וואס זיי פארלאנגען פון איהם.

— אבער איהר קומט דאך אריין אין ר' מרדכי'ס הויז כמעט יעדען טאג, האט איהר דארט גארניט באמערקט?

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, זלאטע, איך מייד אויס ווי וויים מעגליך אהין ארייצוקומען... איך זעה דאך אז איך בין ניט קיין אנגעלעגטער גאסט... מעהר ניט וואס דען איך קום ארויף אויף א וויילע א קוק טאן אויף מיינע פלימעניקעס... מאטעלע איז א פאר טעג געווען מיט מיר, אבער איך האב זיך ארומגעזעהן אז איהם ציהט אויך צו זיי... נו, מילא, זאל ער זיין ביי זיי. וואס פארשטעהט ער? דארט האט ער פארט בעסערע מאכלים און א וויכערע בעט. איצט האבען זיי איהם אפגעגעבען אין חדר...

יואל דוד אָבער האָט באדארפט פארשטעהן אז פאר איהם איז ניט קיין תכלית. איך האָב איהם געווארענט אז זיי ווילען איהם חתונה מאכען פאר חנה'לען, אָבער מען קאָן מיט איהם לעצטענס ניט ריידען. איך טענה צו איהם, איך רייד און ער שווייגט, און אז איך נעהם צושטעהן צו איהם, רופט ער אויס: "לאָזט מיך צורוה!" און גאָרניט... אָבער ווארט, זלאטע לעבען, מיינט ניט אז איך בין שוין פארטיג מיט זיי. איך וועל ניט דערלאָזען זיי זאָלען מיין אָרימען יתום נעבעך ארייכאפּען אין זייערע הענט... איך וועל מאכען אזא סקאנדאל אז זיי וועלען מוזען אנטלויפען פון ווילנע. נישקשה, איהר קאָנט מיך נאָך ניט. ווי איהר קוקט מיך אָן בין איך א שטילע, א רוהיגע, איך טשעפּע ניט קיין פליג אויפ'ן וואנט, אָבער ווען עס קומט זיך אָנצונעהמען פאר מיינע פּלימעניקעס די יתומים, קאָן איך ווערען אזוי ווילד ווי א טיגעריין. וואָס מיינען זיי, זיי האָבען ארייגעכאפּט אן אומשולדיג קינד און פיהרען איהם שוין צו דער חופּה! וואָס האָט ער קיין צייט ניט! איהר פארשטעהט, אזא בריליאנטענער קינד, ווילנער שטאָט־חזן... זיי פארגלוסט זיך... וואָסי? ער איז איינגעשטאנען ביי זיי פּסח און זיי האָבען איהם געמאכט א גאָרניטור... איצט, אז ער האָט אָנגעפאנגען צו פאַרדינען, וועט ער זיי פאר אַלעם באצאָהלען. וואָס זאָגט איהר, זלאטע לעבען, בין איך ניט גערעכט?

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך וויל זיך ניט מישען — האָט זלאטע אויסגערופען — איהר ווייסט דאָך אז מיר האָבען איהם איינגעלאדען צו זיך אויף פּסח. נו, דארף פּאסירען א צופאל און מיר געפינען א גערשט אין זופּ, און אַלעם ווערט חמצ'דיג... און מיר האָבען קיין אנדער ברירה ניט ווי איבערצוגעבען דעם יתום צום גביר... עס איז אינגאנצען מיין שולד... מיין מירעלע זאָל געזונט זיין, האָט פּשוט געוויינט ווען איך האָב געזאָגט אז זי וועט דארפען געהן צו ר' מרדכי סטראשון... ער האָט דאָך ביי אונז געמאכט קידוש און וואָס זאָל איך אייך זאָגען... אזא פארגעניגען האָבען מיר קיינמאָל ניט געהאט און וועלען ניט האָבען. נו, מילא, דער גביר האָט אָבער מזל... און איצט וועט חנה'לע מיט איהם חתונה האָבען... זאָל זיין מיט מזל... מסתמא דארף אזוי זיין...

— וואָס רעדט איהר, זלאטע, הארץ, קרוין? איך זאָג אייך אז איך וועל דערצו ניט דערלאָזען. וואָס מיינט איהר, אז עס איז א גליק פאר איהם! נו, וואָס איז אז זיי האָבען עטליכע רובעל און א הויף? מיין יואל דוד וועט, גאָט צו דאנקען, קאָנען אליין זיין שטעטעל באשטעהן... ער וועט פאַרדינען גענוג אויסצוהאלטען א ווייב... איך וועל אייך זאָגען דעם אמת — האָט יאָכע מיט א נידעריגער שטים געזאָגט — איך וואָלט געוועזען א סך מעהר צופריעדען ווען יואל דוד האָט חתונה מיט אייער מירעלע'ן. זי געפעלט מיר א סך מעהר ווי חנה'לע. איך ווייס ניט וואָס דאָס איז, אָבער איך האָב פיינט איהר מאמען ריינקע'ן און זי איז מיר אויך ניט צום הארצען. אזא יאָהר אויף מיר ווי אייער מירעלע איז א סך גראָטענער און שעהנער פון חנה'לען. מעהר ניט, חנה'לע איז געבאָרען געוואָרען אין א רייכער הויז און אייער

מירעלע, נעבעך, ביי אָרימע עלטערען... אָבער מיין יואל דוד דאַרף איצט ניט זוכען קיין רייכטום... און איך בין זיכער אַז ער וואָלט געווען אַ סך גליקליכער מיט מירעלע׳ן. פאַרשטעהסט זיך, אַז זיי וואָלטען ביידע געהאַט געדולד צוואַווארטען אַ פּאָר יאָהר, ניט ווי די סטראַשונס...

די לעצטע עטליכע ווערטער פון יאַכע׳ן האָבען זלאַטע׳ן געריהרט ביז טרעהרען... זי האָט געוואוסט אַז זי האָט ניט אויף וואָס צו האָפען און טאָר אפילו ניט חלום׳ען וועגען דעם, אָבער דאָס אַליין וואָס יאַכע זאָגט אַז זי וואָלט געוואָלט איהם בעסער זעהן פאַרהייראַט צו מירעלע׳ן איידער צו חנה׳לען, האָט איהר געמאַכט פיהלען גליקליך. ווען זי שעהמט זיך ניט וואָלט זי אַרומגענומען יאַכע׳ן און זי געקושט... זי איז איצט ביי איהר אין די אויגען אַ סך מעהר געשטיגען.

— איך מוז אייך זאָגען, יאַכע, אַז איהר זייט אַ טייערע פרוי, אַזאַ יאָהר אויף מיר. אָבער איך האָב מורא אַז איהר וועט גאָרניט אויספיהרען. פאַרשטעהט איהר מיך, זיי זיינען פּאַרט גבירים און יואל דוד איז אין זייערע הענט... זיי ווייסען שוין ווי אַזוי איהם אָנצוהאַלטען... איהר זעהט דאָך אַז איהר האָט ניט אויסגעפיהרט, ווען איהר האָט געוואָלט אַז יואל דוד זאָל זיך אַרויסציהען פון זיי... סיידען...

— סיידען וואָס? — האָט יאַכע געפרעגט.

— סיידען איהר זאָלט אוועקגעהן צו ר׳ שמעונ׳ען און איהם דערצעה־לען וואָס עס קומט פאָר און איהם בעטען ער זאָל אייך העלפען... איהר ווייסט דאָך אַז ר׳ שמעון איז פאַראינטערעסירט פּונקט ווי איהר אַז יואל דוד זאָל אוועק פון ר׳ מרדכי׳ס הויז.

— איך וועל אַזוי טאָן — האָט יאַכע געזאָגט — אָבער פריהער וועל איך דאַרפען זיך איבערציינגען אויב עס איז אמת, אַז זיי פּלאַנעווען איהם חתונה צו מאַכען מיט חנה׳לען דעם קומענדען ל״ג בעומר.

— איהר מעגט זיכער זיין אַז וואָס איך דערצעהל אייך איז ריכטיג.

— איך גלויב אייך, איך ווייס אַז איהר וועט מיר קיין ליגען ניט זאָגען, אָבער עס קאָן דאָך זיין אַז מען האָט אַרויסגעלאָזען פאַלשע קלאַנגען. אָבער איהר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזען, איך וועל שוין באַלד דערגעהן דעם אמת.

— שאַ, וואַרט אַ ווײַלע — האָט זלאַטע אויסגערופען — איך האָב אַ פּאָר מאָל באַמערקט חיה שרה די נייטאָרין אַרויפקומענדיג צו זיי אין שטוב. צוליב וואָס מיינט איהר קומט זי... איך בין זיכער אַז איהר אַרויפקומען האָט עפּעס צו טאָן מיט דעם קלאַנג פון זייער חתונה...

— נו, אָט וועל איך באַלד אַרויפגעהן און אויסגעפינען — האָט יאַכע געזאָגט — ר׳ מרדכי און ריינקע זיינען איצט דוכט זיך ניטאָ אין דער היים. איך וועל אַרויפגעהן און זיך דורכריידען מיט יואל דוד׳ן.

— מיר דוכט זיך אַז יואל דוד איז אויך איצט ניטאָ אין דער היים. איך האָב איהם פריהער געזעהן אַרויסגעהענדיג פון טויער... איך ווייס ניט אויף געוויס, עס קאָן זיין אַז ער איז שוין צוריקגעקומען.

— וועל איך ריידען מיט חנה'לען. זי וועט פון מיר גארניט קאנען פארבארגען.

אזוי שנעל ווי זלאטע איז ארויס פון איהר שטוב, האט יאכע זיך פארקאמט און ארויפגעטאן איהר שאל און זי איז אריינגעקומען אין ר' מרדכי'ס הויז. די דינסט האט געעפענט פאר איהר די טיר.

— וואו איז יואל דוד? — האט יאכע געפרעגט דער דינסט.

— יואל דוד איז אוועק. מיר דוכט, אז ער איז געגאנגען צו דעם חדר וואו מאטעלע לערנט, דער רבי האט איהם געבעטען קומען, ער וויל זיך מיט איהם דורכריידען.

— און ווער איז אין הויז איצט?

— חנה'לע איז אליין אין הויז — ענטפערט די דינסט.

— גוט, איך וועל אריינגעהן צו איהר — האט יאכע אויסגערופען, און איז גלייך אריין צו איהר אין צימער.

חנה'לע האט זיך ניט געריכט אויף איהר באזוך. זי איז געזעסען און זי האט גענייט פאר זיך אונטערוועש, און ווען זי האט באמערקט יאכע'ן אריינקומען, האט זי זיך שנעל אויפגעשטעלט און געזוכט צו פארבארגען דאס וואס זי האט גענייט.

— א גוטער מארגען דיר, חנה'לע — האט יאכע אויסגערופען — וואו איז יואל דוד?

— ער וועט באלד צוריקקומען. ער איז אוועק אין חדר זיך דורכצוריידען מיט מאטעלע'ס רבי'ן... זעצט זיך, יאכע.

— א דאנק. איך האב עפעס געוואלט פרעגען ביי יואל דוד'ן. אבער איך וועל מסתמא ארויפקומען שפעטער.

— יע, ער וועט זיך לאנג ניט זאמען — זאגט חנה'לע און זוכט עפעס צו טאן.

— וואס האסטו גענייט, חנה'לע — איז יאכע צו איהר צוגעגאנגען עטוואס נעהנטער.

— המ... אט, גארנישט!...

— דו דארפסט זיך פאר מיר ניט שעהמען צו ווייזען, איך וויים אז דו קאנסט גוט נייען, צייג מיר וואס נייסטו?

יאכע האט ניט געווארט, אז חנה'לע זאל איהר צייגען, זי איז צוגעגאנגען צום שטוהל און זי האט עס אנגענומען און האט גענומען באטראכטען.

— דאס איז דאך אן אונטערראק מיט שפיצען, ווער האט עס דיך געוויזען ווי צו נייהען, חיה שרה די נייטארין?

— ניין, קיינער האט מיר ניט געוויזען — האט חנה'לע זיך גענומען רויטלען.

— איך וויים, אז חיה שרה קומט דא אריין גאנץ אפט, וואס דען טוט זי דא אויב זי לערנט דיך ניט ווי צו נייען?

— זי לערנט מיך ניט!

— אויב אזוי מוז זי נייהען עפּעס פאַר דיר... פאַרוואָס באהאַלטסטו זיך פון מיר. זאָג מיר וואָס גייט זי פאַר דיר? אפשר גאָר א חתונה קלייד?

חנה'לע האָט פאַרשטאַנען, אז יאַכע פאַרדעכטיגט און זי האָט זיך אומגעדרעהט מיט'ן פּנים צום פענסטער און געשוויגען.

— זאָג מיר חנה'לע איז עס אמת, אז דו וועסט חתונה האָבען דעם קומענדען ל"ג בעומר?

די קאָלירען אין חנה'לעס פּנים האָבען זיך געביטען. א לייכטער ציטער איז דורכגעלאָפען דורך איהר קערפּער. יאַכע ווייסט שוין, האָט א געדאַנק דורכגעבליצט איהר מוח. זי האָט אויסגעפונען און דאָס איז זי איצט ארויפגעקומען ריידען מיט יואל דוד'ן... קיינער איז אין הויז ניטאָ, אויסער די דינסט... זי האָט זיך גענומען שרעקען... זי האָט באמערקט יאַכע'ס ברענענדע אויגען, איהר צעפלאַמטען פּנים...

— פאַרוואָס שווייגסטו, חנה'לע? — האָט יאַכע איהר דורכגעדרונגען מיט איהרע בליקען. דו האָסט זיך ניט וואָס צו שעהמען פאַר מיר... דו זעהסט דאָך, אז איך ווייס... זאָג מיר, כלה'ניו, ווער איז דיין חתן? אי זער שעהן און הויך, מיט א באָרד און וואָנצעס, הא, זאָג מיר, ווער איז עס!

חנה'לע האָט זיך מעהר ניט געקאָנט באהערשען און זי האָט פאַרשטעלט איהר פּנים מיט איהרע הענט און זיך צעכליעפּט.

— וויין, כלה'לע, וויין! דער חתן איז פאַר דיר צו קליין!... — האָט יאַכע זיך צעזונגען מיט דעם בדחנות'ן נגון... וואָס זאָגט איהר אויף איהר, זי וויינט נאָך... גענומען א קליין אינגעל, איהם פאַרדרייט דעם קאָפּ און זי איז נאָך געקרעכט! וואַרט, איך בין נאָך ניט פאַרטיג!... דו מעגסט זיכער זיין, חנה'לע, אז עס וועט שוין קיין חתונה ניט זיין! זאָל נאָר יואל דוד קומען.

די בלוט האָט אין חנה'לען געזאָדען... זי האָט געוואָלט איהר היסען געהן, אָבער זי האָט זיך באהערשט... זי איז דאָך פאָרט אן עלטערע... זי האָט אָפּגעווישט איהרע טרעהרען און זיך אומגעקערט צום פענסטער.

— פאַר דיר איז אפשר שוין צייט צו ווערען א כלה, דו וועסט באַלד ווערען זעכצעהן יאָהר, אָבער יואל דוד איז נאָך א קינד, ער איז נאָך קיין פופצעהן יאָהר ניט אלט. וואָס האָט איהר זיך אָנגעזעצט אויף איהם, וואָס ווילט איהר פון איהם?...

ווי מיט שאַרפע שפּיזען אזוי האָבען יאַכע'ס רייד געשטאָכען חנה'לעס הארץ... אָ, וואָס האָט זי צו איהר? פאַרוואָס איז זי גראָד געקומען אין א צייט ווען זי איז אליין אין הויז? ווען איהר מאַמע וואָלט געווען, וואָלט שוין יאַכע ניט געוואַגט ריידען צו איהר אזוי...

יאַכע האָט נאָך אמאָל אויפגעהויבען די זאַכען וואָס חנה'לע האָט גענייט און זיי באַטראַכט.

— נו, חתונה קליידער נייהט זי זיך!.. א ספּאָדניצע מיט שפּיצען!

— האָט זי געשאָקעלט מיט איהר קאָפּ... און צוגעמורמעלט צו זיך: וואָס האָבען זיי געמיינט, אז מען וועט עס האַלטען בסוד?... הימעל און ערד

האבען געשוואָרען, אז קיין סוד זאָל ניט זיין... איך וויים, חנה׳לע, אז אפשר ביזטו אינגאנצען ניט שולדיג. דיינע עלטערען האבען אלץ געפּלאנט. אָבער זיי וועלען לאַנג ווארטען ביז וואנען יואל דוד וועט מיט דיר חתונה האָבען.

חנה׳לע האט דורכ׳ן פענסטער דערזעהן יואל דוד׳ן אָנקומענדיג און איהר הארץ האָט שטארקער גענומען קלאפּען... פון איין זייט האט זי גע־פיהלט א דערלייכטערונג. זי וועט ניט דארפען זיין אליין מיט זיין מומען. אבער פון דער צווייטער זייט האט זי זיך גענומען נאָך מעהר שרעקען... ווער ווייסט וואס זי קאָן נאָך טאָן מיט יואל דוד׳ן. זי וועט איהם אריינ־נעמען אין איהרע הענט. זי וועט אזוי דערגעהן די יאָהרען...

עס האט זיך געהערט א סקריפּ פון דער טיר און יואל דוד איז אריינ־געקומען אין צימער. ער האט דערזעהן זיין מומען און חנה׳לע שטעהט נעבען פענסטער מיט איהר פּנים צום דרויסען. א ווײַלע איז ער געבליבען שטעהן ווי פארגליווערט.

— אָ, יואל דוד, גוט וואס דו ביזט געקומען! — האט יאָכע זיך צו איהם געווענדעט — איך וויל זיך מיט דיר דורכריידען!

דאס וואס חנה׳לע איז געבליבען שטעהן באוועגלאָז אויף איהר פּלאץ און האט זיך אפילו ניט קעהר געטאָן מיט איהר פּנים ווען ער איז אריינגקומען אין צימער, האט ער פארשטאנען, אז זיין מומע האט שוין זיך דורכגערעדט מיט איהר און אז זי ווייסט שוין וועגען דער חתונה.

יואל דוד האט זיך פאר די לעצטע עטליכע וואָכען א סך געביטען. ער האט געפיהלט, אז ער איז שוין ניט מעהר דער אינגעל וואס פלעגט ציטערען פאר זיין מומען און טאָן אלץ וואס זי פלעגט איהם הייסען. זינט ער איז געוואָרען שטאָט חזן האט ער פּלוצלונג דערפיהלט, אז ער איז אויסגעוואַק־סען. אז ער קומט צווישען עלטערע מענשען און מען רעדט צו איהם ווי צו א גלייכען... ער האט געוואוסט זיין ווערדע און דורך די עטליכע וואָכען צייט איז ער אויסגעוואקסען אין זיינע אויגען... ער איז א פאַלנער מענש און ווייסט וואס ער טוט. קיינער וועט איהם קיין דעה ניט זאָגען... זאָל זיך זיין מומע מיט איהם אָנפאנגען.

— יואל דוד׳ל, מיין קינד, קום ארונטער צו מיר אין שטוב פאר א ווײַלע, איך האב מיט דיר וואס צו ריידען.

— אויב איהר ווילט מיט מיר ריידען — האט יואל דוד מיט א פעסטער שטים א זאָג געטאָן, קענט איהר ריידען אָט דאָ... איך האב קיין סודות ניט!

דערהערענדיג זיין ענטפער, האט זיך שוין חנה׳לע א קעהר געטאָן מיט איהר פּנים צו איהם. ער איז ביי איהר איצט נאָך טייערער געוואָרען. ער רעדט צו איהר ווי זי האט געוואונשען ער זאָל ריידען צו זיין מומע׳ן.

ווען יואל דוד האט באמערקט חנה׳לעס פארוויינטען פּנים, איז ער זעהר שטארק אויפגערעגט געוואָרען... ער האט פארשטאנען, אז זיין מומע האט זיך שוין מסתמא גוט אָנגעזעצט אויף איהר און ער האט דעריבער ביי זיך באשלאָסען צו האלטען זיך פעסט און געבען איהר א גאָב.

— דו האסט קיין סודות ניט, יואל דוד? הא, קיין סודות האסטו ניט,

אבער פון דיין מומען האָסטו יע סודות... קום, איך בעט דיר, איך וויל מיט דיר רײדען. עס איז זעהר וויכטיג.

— איך האָב אײך געזאָגט, מומע, אז איך געה ניט, אויב איהר ווילט, קאָנט איהר מיט מיר רײדען אָט דאָ!

— אפשר וויל איך ניט, אז א פרעמדער מענש זאָל הערען! — זאָגט יאַכע.

— דאָ אין הויז זיינען קיין פרעמדע ניטאָ... אלע זיינען מיינע אייגענע.

— אויסער איך, מסתמא, בין די פרעמדע, האַ, ניט אמת, יואל דוד?

— ווען איהר וועט מיך באהאנדלען ווי א פרעמדען וועט איהר פאַר־רעכענט ווערען פאַר א פרעמדער ביי מיר — ענטפערט איהר יואל דוד...

— דיין מומע וויל ניט ריידען אין מיין געגענוואַרט, — האָט חנה'לע געזאָגט, — און געקומען געהן צו דער טיר — איך וועל דעריבער אייך ביידען איבערלאָזען אליין.

— ניין, חנה'לע, בלייב דאָ, נישקשה, דאָס וואָס זי האָט מיר צו זאָגען קאָן זי עס זאָגען אין דיין געגענוואַרט.

— זעהר ניט שעהן, יואל דוד, אזוי באהאנדעלסטו דיין מומע'ן?

— אויב איהר ערוואַרט א בעסערע באהאנדלונג פון מיר, דאַרפט איהר זיך ניט מישען אין מיינע אנגעלעגענהייטען — האָט יואל דוד געזאָגט.

— אוי וועה איז צו מיר, א בראָך איז צו מיך — האָט יאַכע געגומען ברעכען מיט איהרע הענט, א כשוף האָבען זיי אויף איהם ארויפגעטאָן. דאָס איז דאָך ניט דער זעלבער יואל דוד... וואָס איז געשעהן מיט דיר?

— איך וויל, אז איהר זאָלט וויסען, אז איך בין שוין ניט מעהר קיין אינגעלע, איך וויים וואָס איך טו.

— דו ווייסט וואָס דו טוסט! וואָס רעדסטו, יואל דוד, דו ווייסט וואָס דו טוסט, ווען דו געהסט חתונה האָבען אין א פּאָר וואָכען ארום... זיי האָבען דיך אריינגענומען אין זייערע הענט און איצט טוסטו אלץ וואָס זיי פאַרלאַנגען פון דיר... וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אז א דרייצעהן יעה־ריגער אינגעל זאָל געהן חתונה האָבען.

— איך וועל באַלד ווערען פערצעהן יאָהר! — האָט יואל דוד גע־ענטפערט.

— און אז פערצעהן יאָהר, איז וואָס? א פערצעהן יעהריגער אינגעל האָט נאָך ניט חתונה און נעמט ניט אויף זיך א יאָך... וואו איז דיין שכל, יואל דוד?

— די בעסטע זאַך וואָלט געווען ווען איהר הערט זיך אויף צו מישען אין מיינע ענינים, — האָט יואל דוד געזאָגט, — ווען איך וואָלט זיך צוגע־הערט צו אייך, וואָלט איך זעהר גוט געמאַכט... ביי אייך איז געווען רעכט איך זאָל נעמען דאָס געלט פון יודעל אפּאטאַוו, וואָס וואָלט מיך געמאַכט פאַר אן אייביגען שקלאַף צו איהם. אַבער, אז איך האָב צו אייך זיך ניט צוגעהערט, קריג איך שכירות פון קהל און קיינער קאָן מיר קיין דעה ניט זאָגען...

— נו, האב איך אפשר געקאנט מאכען א טעות... איך האב עס אבער געוואלט טאן פאר דיין טובה ווענען... איך האב מורא געהאט, אז מען וועט ניט קאנען קומען צו קיין טאלק, האב איך זיך געטראכט, אפשר וועט אזוי זיין בעסער, אבער אלץ פאר דיין טובה ווענען, האב איך געטראכט.

פאר מיין טובה, ניין, מומע, איהר וועט מיר ניט איינרעדען. איהר האט געזעהן די הונדערט רובעל ליגענדיג אויף דעם טיש און איהר האט ניט געקאנט ביישטעהן דעם נסיון פון געלט... איהר דארפט מיר קיין מעשיות ניט דערצעהלען. איך קען אייך גאר גוט... און איצט, אויב איהר ווילט זעהן מיין טובה, וואלט געווען א סך בעסער פאר מיר, ווען איהר הערט זיך אויף צו מישען... איך וויים וואס איך טו, זאג איך אייך!

— דו ווייסט ניט, וואס דו טוסט, יואל דוד. עס איז נאך ניט צו שפעט, מיין קינד, פאלג דיין מומען. זאל מען דערווייל אפליינען די חתונה פאר א יאהר אדער צוויי, דאן וועסטו אליין איינזעהן, אז דאס איז פאר דיר ניט קיין שידוך...

— איך וויל מעהר פון אייך ניט הערען אזעלכע ווערטער! — האט יואל דוד אויסגערופען.

— לאמיר ארויסגעהן, יואל דוד, פון דאנען — האט זיך חנה'לע צו איהם אנגערופען — איך קאן שוין דא מעהר ניט איינשטעהן, זי האט מיך שוין גענוג באליידיגט.

חנה'לען האט פארקוועטשט ביים הארצען און זי האט זיך צעכליפעט.

יואל דוד'ס אויפרעגונג איז שטארקער געווארען.

— איהר זעהט וואס איהר האט געטאן. ווער האט נאך אייך געשיקט? פארוואס זוכט איהר זיך צו מישען, וואס פאר א שלעכטעס האט אייך חנה'לע געטאן?

יאכע האט געברענט פון כעס. ווען זי דארף ניט אנקומען צו איהם פאר פרנסה וואלט זי איהם ארונטערגעלאזען א פלאם פייערדיגען פאטש ווי זי פלעגט עם ערשט מיט עטליכע וואכען צוריק טאן. זי האט אבער געוואוסט אז דערמיט וועט זי ערגער מאכען. ערשטענס וועט מען זי משלח זיין פון דער דירה און ער וועט אויפהערען צו געבען דעם רובעל א וואך פון זיינע שכירות פאר איהר אויף דער הוצאה און צווייטענס וועט ער איהר טאן צו להכעים און דוקא חתונה האבען... זי האט זיך דעריבער באהערשט און גענומען ווידער ריידען צערטליך צו איהם.

— איך וויים ניט, יואל דוד וואס פון דיר איז געווארען? שוין היבשע עטליכע יאהר זינט מיין ברודער ר' צבי הירש עליו השלום איז געשטארבען, פאר זיין טויט האט מיך דיין טאטע אנגעבעטען איך זאל גוט אכטונג געבען אויף דיר און אויף דיין ברודערל, וועלכער איז דאן נאך געווען אן עופה'לע... גאט איז מיין עדות אז איך האב דיין טאטענ'ס וואונש ערפילט... אמת, איך האב אייך ניט געקענט געבען קיין וויגאדעס, איך האב זיך גע־מוטשעט מיט פרנסה... ווינטער אין די גרעסטע פרעסט און זומער אין די ברענעדיגסטע היצען, פלעג איך שטעהן מיט מיינע קאשיקעס און ארבייטען

שוועך און ביטער צו פאַרדינען א פּאָר גראָשען, איך זאָל האָבען פאַר אייך אויף ברויט.

— מיין טאַטע האָט אייך איבערגעלאָזען היבשע עטליכע רובעל פאַר אונז.

— וואָס מיינסטו האָב איך געטאָן מיט דעם געלט, איך האָב עס פאַר־שכור'ט? איך האָב דאָך פאַר דיר געצאָהלט שכר לימוד און דיר געקויפט א בגד, א שוך... האָסטו געהערט, ער גיט גאָר אָנצוהערען, אז איך האָב דאָס געלט פאַר זיך פאַרטאָן!

— איך גיב אייך גאָרניט וואָס אָנצוהערען, אָבער איך וויל אייך זאָגען, אז די דאָזיגע טענות האָב איך שוין פון אייך געהערט אפשר טויזענט מאָל. עס ווערט מיר שוין מיאוס און מאוס הערענדיג... ווען איך בין געווען אונ־טער אייער אויפזיכט האָב איך געטאָן אַלץ וואָס איהר האָט מיך געהייסען. איך האָב זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט... איך האָב געגעסען פאַרדאַרטע ברויט מיט וואַסער, איך האָב געשלאָפען אויף דער פּאָדלאָגע אויף א שעניק און זיך צוגעהערט צו אייערע קללות און אריינגעכאַפּט די קלעפּ וואָס איהר פלעגט מיר געבען און קיין מאָל זיך א קרים געטאָן. איצט אָבער בין איך ניט מעהר אונטער אייער אויפזיכט און איהר האָט קיין רעכט ניט זיך צו מישען...

— דו ביזט דאָך אָבער נאָך אַלץ מיין פּלימעניק, און איך בין צו דיר אַי ווי א מאַמע און אַי ווי א טאַטע... דו ביזט נעבאַך א יתום, און זיי האָבען קיין רעכט ניט דיך אריינצונעמען אין זייערע הענט... גלויב מיר, ווען דיין טאַטע וואָלט געלעבט וואָלט עס קיין מאָל ניט פּאַסירט.

— קאָן זיין אַז ניט, ווייל מיין טאַטע וואָלט מיך ניט אוועקגעשיקט ערב פסח פון הויז צו געהן אין שוהל בעטען ביי אימיצען ער זאָל מיך נעמען צו זיך אויף פסח... און איהר האָט עס געטאָן...

— אַי, קינד מיינס, וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? דו האָסט דאָך גע־וואוסט מיין לאַגע... איך האָב ניט געהאַט געגוג עסען פאַר מיר און פאַר מאַטעלען.

— אָבער איצט פעהלט אייך קיין זאַך ניט, האָט איהר באַדאַרפט זיין צופרידען, צום סוף זוכט איהר זיך צרות.

— וואָס רעדסטו, יואל דוד — האָט יאַכע אויסגערופען — וואָס הייסט איך זוך צרות... איך וויל דיר העלפען. איך ווייס, אַז דו ביזט אַן עלענדער יתום, קיינעם אַרט ניט, אָבער דו ביזט דאָך מיין ברודער'ס זוהן, איך דאַרף זעהן טאָן אַלץ וואָס מעגליך כדי דו זאָלסט שפּעטער זיך ניט פיהלען אומ־גליקליך... און אַז איך זעה, אַז פרעמדע מענשען האָבען דיך אריינגעקראָגען אין זייערע הענט און ווילען דיך חתונה מאַכען. איך רייד ניט קיין שלעכ־טעס געגען חנה'לען, אַלץ וואָס איך זאָג איז, אַז דו ביזט נאָך צו יונג און זיי האָבען קיין רעכט ניט צו פאַרדרעהען דיר דעם קאָפּ... איך זאָג דיר, אַז איך וועל עס ניט דערלאָזען...

— מומע, איך בעט אייך, מישט זיך זיך ניט! עס איז ניט אייער עסק.
— האָסטו געהערט אַזא חוצפּה... אַזוי רעדסטו עס צו דיין מומען, — האָט זיך יאַכע צעשריען.
— איך האָב אייך געזאָגט, אַז עס וועט אייך גאָר ניט העלפען, איך וועל טאָן ווי איך וויל — האָט יואל דוד זיך אָנגערופען.
— איך בעט דיר, יואל דוד'ל, קינד מיינס, קום אַרונטער אויף אַ ווייל'ע מיט מיר. דאָ קען איך מיט דיר ניט רעדען... איך וועל דיך לאַנג ניט פאַרהאַלטען.
— אייער אַרבייט, מומע, איז אַרויסגעוואָרפען, איך געה ניט. און וואָס איהר זאָלט מיט מיר ניט רעדען, וועל איך טאָן ווי איך וויל...
יאַכע האָט אויף איהם געקוקט מיט בייזע בליקען. זי האָט פאַרבראָכען מיט איהרע הענט און געשאָקעלט מיט איהר קאָפּ.
— נו, מילא, זאָל זיין אַזוי... עס וועט קומען אַ צייט ווען דו וועסט חרטה האָבען. דו וועסט איינזעהן אַז איך בין געווען גערעכט. זיי האָבען אויף דיר אַ כישוף אַרויפגעטאָן...
ווען יאַכע איז אַרוים פון דאָרט האָט זיך ערשט חנה'לע פאַנאַנדערגעוויינט.
יואל דוד האָט זיך געפיהלט ניט זעהר באַקוועם. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט גענומען זי בערוהיגען.
— אָ, יואל דוד — האָט חנה'לע געכליפּעט, דו האָסט געדאַרפט הערען ווי זי האָט מיך באַליידיגט... זי האָט זיך מיט מיר געריצט... אָ, וואָס פאַר אַ שלעכטע דיין מומע איז. איך ווייס ניט ווי אַזוי דו האָסט פון איהר געקענט אויסהאַלטען... זאָג מיר דעם אמת, יואל דוד, אפשר האָסטו אַליין חרטה אויף דעם?
— וואָס רעדסטו, חנה'לע, איך בין זעהר צופרידען. זאָל דיר גאָר ניט אַרען וואָס זי רעדט... אַלע קענען זי אַז זי האָט אַ מויל פון פעד און שוועבעל. זי איז אין כעס פאַר וואָס מען האָט איהר ניט געזאָגט. אָבער איהר כעס וועט איבערגעהן... און ווען זי וועט איינזעהן אַז איהרע רייד זיינען אַרויסגעוואָרפען, וועט זי דאַן אויפהערען.
— איך קען ניט פאַרשטעהן פון וואַנען זי האָט אויסגעפונען? — האָט חנה'לע געוווישט איהרע אויגען. זי קומט אַריין און פרעגט מיך: איז עס אמת, אַז דו וועסט חתונה האָבען ל"ג בעומר? און אַז איך האָב איהר ניט געענטפערט האָט זי זיך מיט מיר גענומען רייצען: "זאָג מיר כלה'ניו, ווער איז דיין חתן? איז ער שעהן, הויך, מיט אַ באָרד און וואָנצען? זי האָט געמאַכט חוזק פון אונז ביידען.
— וואָס אַרט עס דיך, וואָס זי האָט גערעדט, נעהם זיך ניט צום האַרצען, חנה'לע.
— אָ, ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי צופרידען איך בין געווען ווען איך האָב דיר דערזעהן דורכ'ן פענסטער אָנקומענדיג. איך האָב געמיינט אַז איך וועל פון איהר ניט אויסהאַלטען. איך וועל אוועק'חלש'ן. פאַרשטעהסט,

זי האט אויסגעקליבען א צייט ווען איך בין אליין אין הויז און זי האט זיך צו מיר גענומען.

— דו האסט דאך געהערט ווי איך האב איהר געענטפערט.

— איך מוז דיר זאגען מיין טייערער, ווען איך האב געהערט ווי דו האסט איהר געגעבען א גאב, בין איך געווארען נאך מעהר שטאלץ מיט דיר. איך האב איינגעזעהן אז דו קענסט מיך פארטיידיגען ווען עס איז נויטיג און אז דו שרעקסט זיך ניט אפ פאר דיין מומען.

— זי האט געמיינט אז דאס איז דארט אין קליין שניפעשאק, וואס זי האט געטאן מיט מיר וואס זי האט געוואלט... איך בין איצט א גאנץ אנדער מענש געווארען. איך פיהל אז איך בין שוין ניט מעהר קיין אינגעל און אז איך וויים וואס איך טהו.

— און דו האסט קיין חרטה ניט אויף אונזער אפמאך?

— געוויס ניט!

— און קיין זאך אין דער וועלט וועט דיך ניט אוועקנעהמען פון מיר?

— ניין, חנה'לע, מיר געהערען איינער צום צווייטען און קיינער וועט ניט קענען מיך אפרעדען פון דיר.

— אויב אזוי פיהל איך זיך ווידער גליקליך. איך זאג דיר דעם אמת, יואל דוד, טייערער, אז ווען איך וואלט א ווילע פריהער געוועזן אזוי שטארק איבערצייגט אין דיין שטארקער ליבע צו מיר, וואלט איך שוין אויך גאנץ אנדערש גערעדט מיט דיין מומען.

— עס איז בעסער אזוי — האט יואל דוד געזאגט — דו לאז זי איבער צו מיר. איך וועל ניט דערלאזען אז זי זאל דיר שלעכטס טאן.

— אז דו ביזט מיט מיר, מיין טייערער, האב איך פאר קיינעם קיין מורא ניט, איז חנה'לע צו איהם צוגעגאנגען און איהם א קוש געטאן. דאן קען איך קוקען אלעמען גלייך אין די אויגען...

— אפילו ווען איך בין דערביי ניטא דארפסטו אויך פאר קיינעם קיין מורא ניט האבען — האט יואל דוד געזאגט — דו מעגסט זיין זיכער אז מיר וועלען חתונה האבען און זיין גליקליך... אז מיין מומע וועט מיט דיר ווידער אנפאנגען צו רעדען, זאלסטו זיך מאכען ווי גאר ניט הערענדיג, דו הערסט?

קאפיטעל אכצעהן

יאכע איז געווען שטארק אויפגערעגט פון יואל דוד'ס רייד. זי האט איצט איינגעזעהן אז זיי האבען איהם פעסט אין זייערע הענט און אז אויב זי וועט גלייך עפעס ניט טאן, וועט שוין ווערען צו שפעט.

זי האט ארומגעשפרייזט אין איהר שטוב הין און צוריק און גערעדט און גע'טענה'ט צו זיך... זי האט ביי זיך ניט געקענט באשליסען וואס צו טאן. זי איז דאך אזא עלענדע, זי האט ניט מיט וועמען זיך צו באראטען. זלאטע איז די איינציגע שכנה מיט וועמען זי איז באפריינדעט, אבער יענע ווייזט אויס האט מורא פאר ר' מרדכי'ן. זי האט איהר געזאגט אז זי וויל זיך ניט מישען... אבער פון דעסטוועגען האט זי איהר געגעבען אן עצה אז זי

זאָל אוועקגעהן צו ר׳ שמעונ׳ען און איהם דערצעהלען אז זיי פּלאַנעווען חתונה צו מאַכען יואל דוד׳ן מיט חנה׳לען אין א פּאָר וואָכען ארום. וואָס אָבער וועט ער קענען טאָן? ווער ווייסט. אָבער ער וועט איהר זיכער העלפען...

פון דעסטוועגען האָט יאַכע באַשלאָסען אז איידער זי געהט צו ר׳ שמעון פרנס׳ן, וועט זי אוועקגעהן צו ריינקען אין קראָם און מאַכען א פּאָר־זיך מיט איהר צו רעדען. אפשר וועט איהר געלינגען צו פּועל׳ן ביי איהר אָפּצולייגען די חתונה אמווייניגסטען אויף א יאָהר און ביז דאַן קען זיך דאַך אַלעס ענדערען.

יאַכע איז באַלד אוועק צו ריינקען אין קראָם וואָס איז געווען אויף רוד־ניצקער גאַס. עס איז געווען ארום צוויי א זייגער. די קרעמערקעס האָבען זיך באַשעפטיגט מיט עטליכע פּויערטעס. זיי האָבען מיט אַן ארשין געמאָסטען לייווענט און מיט א שערעלע אָפּגעשניטען פון א גרויסען שטיק וואַרע.

יאַכע איז שוין איין מאָל געווען אין קראָם און זי איז גלייך צוגעקומען צו דער אָפּטיילונג וואו ריינקע איז געווען.

—אַ, יאַכע, א גוטען מאָרגען! — האָט ריינקע זי באַגריסט.

— א גוט יאָהר — ענטפערט יאַכע און זי האָט זיך ארומגעקוקט.

— נו, וואָס וועט איהר עפּעס זאָגען גוטס? — פרעגט איהר ריינקע.

— גאָר ניט, איך בין פאַרבייגעגאַנגען, בין איך אריינגעקומען.

— איהר זייט אַלע מאָל ווי א ווילקאָמענער גאַסט! -- זעצט זיך — האָט ריינקע אָנגעוויזען אויף א בענקעל נעבען איהר.

יאַכע האָט זיך צוגעזעצט. זי האָט געווענדעט איהר בליק אין דער ריכטונג וואו די קרעמערקעס האָבען איינגע׳טענה׳ט מיט די פּויערטעס, ווען זיי האָבען זיך גענומען דינגען. אָט, זעהט זי, ווי א פּויערטע וויל אוועק־געהן. זי איז ניט דורכגעקומען מיט׳ן פּרייז און די קרעמערקע שלעפּט איהר צוריק פאַר׳ן ארבעל.

— זאָגט מיר, יאַכע, איהר האָט שוין אַלעס וואָס איהר דאַרפט פאַר דער דירה?

— יע, איך האָב אַלעס. מיר פעהלט גאָר ניט. אויסער אפשר א קלייד צו דער חתונה.

— המ... חתונה — האָט ריינקע גענומען שטאַמלען — און זי האָט זיך געוואונדערט ווי אזוי יאַכע האָט אויסגעפונען — המ... יע, איהר זייט גערעכט — חתונה...

— א פיינע זאַך! — האָט יאַכע אויסגערופען — מיין פּלימעניק געהט חתונה האָבען און פון מיר באַהאַלט מען זיך. נאָך אַלעמען וויפיל קרובים האָט יואל דוד דאָ, אין ווילנע?

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, מיר האָבען זיך געקליבען אייך צו זאָגען אָבער עס איז געקומען אזוי פּלוצלונג, אז מיר האָבען פּשוט ניט באַוויזען אייך צו זאָגען.

— ווען וועמען ווילט איהר דאָס איינרעדען מאַדאַם סטראַשון — האָט

יאַכע געזאָגט — וואָס הייסט עס געקומען פּלוצלונג? איהר האָט דאָך דאָס געפּלאַנט שוין פון ערשטען טאָג זינט יואל דוד איז צו אייך געקומען.

— אַ, זאָלט איהר געזונד זיין, איהר זאָלט מיר מוחל זיין, איהר ווייסט ניט וואָס איהר רעדט. זינט מיר האָבען אויסגעפונען אז די קינדער האָבען זיך ליעב, האָבען מיר באַשלאָסען אז עס וועט זיין בעסער זיי זאָלען חתונה האָבען... ווי באַלד אז יואל דוד וואוינט דאָך אַלץ איינעם ביי אונז אין הויז, וועט זיין בעסער אַזוי. אויסער דעם, איז א סך שעהנער און בעסער אז דער ווילנער שטאָדט חזן זאָל זיין א באַלעבעסעל, פאַרהייראַט...

— אָבער גאָט איז מיט אייך, ער איז דאָך נאָך גאָר א קינד. זיין מו־טער׳ס מילך האָב זיך נאָך ניט אָפּגעטריקענט פון זיינע ליפּען...

— ער איז שוין גאָר קיין קינד ניט! גלויבט מיר יאַכע, אז ער האָט מעהר שׂכל ווי איך און איהר... א נייע זאַך, א קינד איז ער... פאַר וואָס האָט איהר ניט געזאָגט אז ער איז א קינד, ווען מען האָט פאַרהאַנדעלט וועגען אָנשטעלען איהם פאַר׳ן שטאָדט חזן?

— פאַר׳ן שטאָדט חזן האָט מען איהם אָנגעשטעלט ניט צוליב זיין עלטער נאָר צוליב זיין וואונדערשעהנע שטימע, איהר הערט א פאַרגלייכעניש!

— די צרה מיט אייך, יאַכע איז, וואָס איהר האַלט איהם נאָך פאַר א קינד... ער איז שוין א דערוואַקסענער. ער פאַרשטעהט אָט די אַלע וועלט־ליכע זאַכען בעסער ווי איהר. ער איז קלוג און געשיקט. ער ווייסט וואָס ער וויל... ער האָט ליעב מיין חנה׳לען, ער געהט אויס נאָך איהרע טריט. נו אז זיי האָבען מיר געזאָגט, אז זיי האָבען זיך ליעב און ווילען חתונה האָבען, האָט איהר געוואָלט אז איך זאָל זיי שטערען. צו אייך איז יואל דוד א פּלי־מעניק, אָבער צו מיר און צו מיין מאַן איז ער ווי א זוהן... ער איז ביי אונז איינגעבאַקען אין האַרצען. זאָל נאָר גאָט געבען זיי זאָלען זיין גליקליך. און איהר יאַכע, אויב איהר זייט איהם א געטרייע מומע, וואָלט איהר זיך אויך געדאַרפט שעצען גליקליך און איהם צו־ווינשען מזל טוב.

— איהר קענט מיר ניט איינרעדען אז יואל דוד האָט געזאָגט אז ער וויל חתונה האָבען מיט אייער חנה׳לען דעם קומענדען ל״ג בעומר. אויב עס איז אמת, ווי איהר זאָגט, אז זיי האָבען זיך שטאַרק ליעב, וואָלט ניט געשאַדט אז זיי זאָלען צוואַווארטען נאָך א יאָהר. וואָס איז דאָ אַזוי די איי־לעניש... זיי זיינען נאָך ביידע גאָר יונג... חנה׳לע איז בלויז מיט צוויי יאָהר עלטער פאַר איהם... טו וואָס איז דאָ אַזוי די אייַלעניש.

חנה׳לע איז ניט עלטער פאַר יואל דוד׳ן מיט צוויי יאָהר — האָט ריינקע איהר פאַרריכט — זי איז עלטער פון איהם מיט עפּעס מעהר ווי א יאָהר... און וואָס איז דער אונטערשייד, אויב זיי ווילען חתונה האָבען באַלד... עס וועט זיי חלילה ניט שאַדען... פאָלגט מיך, יאַכע, באַרוהיגט זיך. קומט צו מיט מיר און איהר וועט זיך אויסקלייבען א שטיקעל גוטע וואַרע פאַר א קלייד פאַר אייך צו דער חתונה. איהר זייט דאָך עפּעס פאָרט א מחותנת׳טע...

— וואָס מיינט איהר, איהר וועט מיך אָפּקויפען מיט א קלייד! נייז. ניט מיך. איך וועל בשום אופן ניט דערלאָזען אז מיין יואל דוד זאָל איצט חתונה האָבען... וואָס מיינט איהר, ער איז ביי אייך אין די הענט און איהר קענט טאָן מיט איהם וואָס איהר ווילט?

— איהר דאַרפט וויסען, יאַכע, אז קיינער האָט איהם ניט געצוואונגען. ער טוט עס מיט זיין אייגענעם גוטען ווילען... און נארעשטע, וואָס דאַרפט איהר זיך אזוי קאָכען און אמפּערען מיט מיר, געהט רעדט זיך דורך מיט איהם. אז ער וועט קומען און זאָגען אז מיר זאָלען אָפּלייגען די חתונה ביז איבער א יאָהר, וועל איך ניט זיין דאגעגען.

— איהר האָט אויף איהם א כשוף ארויפגעטאָן, האָט יאַכע אויסגע־רופען, ער איז אין גאנצען איצט אין אייער רשות. ער טוט וואָס איהר פאר־לאנגט. איך וועל עס ניט דערלאָזען. איך וועל אויפרודערען די גאנצע שטאָט. וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אז מען זאָל נעהמען א אינגעל און איהם אזוי פארדרעהען דעם קאָפּ...

— שאַט, שרייט ניט אזוי — האָט ריינקע א זאָג געטאָן — פארגעסט ניט אז איהר זייט ניט אויף דער אידישער גאס, נעבען שול הויף — האָט ריינקע מיט אויפרעגונג אויסגערופען — אימיצער וואָלט געמיינט אז מען האָט איהר באַ'גנב'עט אָדער באַ'גזל'ט... איך האָב דאָך אייך געזאָגט. געהט מיט אייערע טענות צו יואל דוד'ן. אפשר וועט ער זיך צו אייך צוהערען. אָבער טאָמער האָט איהר מורא אז נאָך דער חתונה וועט ער אייך אויפהע־רען געבען דעם רובעל א וואָך, קען איך אייך פארזיכערען, אז איהר וועט עס קריגען און איהר וועט אויך קענען וואוינען אין אונזער דירה אזוי לאנג ווי איהר וועט וועלען, אהן געלד. נו, וואָס נאָך ווילט איהר?...

— וואָס מיינט איהר, איהר וועט מיך אונטערקויפען... איך בין אייך מוחל אייער גוטסקייט מיט אייער דירה... איך וועל ניט דערלאָזען איהר זאָלט מיין פלימעניק אומגליקליך מאכען. איהר זאָלט איהם פיהרען ווי א שעפּעלע צו דער שחיטה.

— אומגליקליך מאכען! — האָט ריינקע מיט צאָרן אויסגערופען — איהר מיינט אז מיין חנה'לע וועט זיין אן אומגליק פאר איהם! געהט ארויס פון דאנען, איך וויל מעהר קיין וואָרט פון אייך ניט הערען! א חוצפּה, ווי א שעפּעלע צו דער שחיטה... אייער צונג האָט מען גאַדאַרפט אָפּהאַקען פאר אזעלכע רייד.

יאַכע איז שנעל ארויס פון קראָם. ריינקע האָט געוואָלט איהר צוריק־רופען. איהר הארץ האָט איהר געשראָקען, יאַכע זאָל אקאָרשט ניט מאכען קיין סקאנדאלען. אָבער זי האָט זיך צוריקגעהאלטען. זאָל זי ניט מיינען אז זי שרעקט זיך פאר איהר. פון דעסטוועגען האָט ריינקע באשלאָסען ארוי־בערצוכאפּען זיך אין הויז, ווייל יאַכע קען נאָך ארייגקומען און זיך נעהמען צו'חנפ'ענען צו יואל דוד'ן.

ווען זי איז אריינגעקומען אין הויז איז איהר חנה'לע אנטקעגען גע־קומען און זיך פאנאנדערגעוויינט אין איהרע ארעמס.

— וואס איז געשעהן, טאכטער מיינע? —האט ריינקע זיך אנגערופען.
— א, מאמע, ווען דו וואלסט געהערט ווי אזוי זיין מומע האט פריהער צו מיר גערעדט — האט זי ניט אויפגעהערט צו כליפען.
— ווען איז זי דא געווען?
— מיט א שעה צוריק.
— און וואו איז יואל דוד געווען?
— ער איז נאכהער אנגעקומען.
— און וואס האט ער געזאגט?
— ער האט איהר שוין געגעבען א גוטען גאב... זי האט זיך פון איהם ניט געגארט.
— נו, איז דאך גוט, טו וואס זשע וויינסטו?
— פאר וואס איז זיין מומע אזא שלעכטע? וואס האב איך איהר געטאן?
— ניט אלע מענשען קענען זיין גוט, חנה'לע — האט ריינקע זיך אנגערופען — אבער וואס האסטו מורא פאר איהר. אזוי לאנג ווי יואל דוד הערט זיך צו איהר ניט צו, וועט אלעס זיין גוט... זי איז נאר וואס געווען אין קראם און געפרוואוט פראווען איהרע שטיק, האב איך זי פון דארט משלח געווען. איך בין געקומען צולויפען אהער, ווייל איך האב געמיינט אז זי וועט ערשט איצט ארויפקומען און זיך נעהמען צו דיר... נו, איז זי שוין דא פריהער געווען... וואו איז יואל דוד?
— ער איז אין זיין צימער.
— קום מיט מיר אריין צו איהם! האט ריינקע זיך אפגערופען — איך וויל קלאהר מאכען איין מאל פאר אלע מאל.
— וואס ווילסטו קלאהר מאכען?
— איך וויל איהם פרעגען אויב ער פיהלט זיך געצוואונגען צו געהן מיט דיר חתונה האבען...
איידער חנה'לע האט באוויזען אויסצורעדען א ווארט, איז שוין איהר מוטער געשטאנען נעבען דער אפענער טיר. יואל דוד איז געזעסען אויף א שטוהל מיט זיין יארמולקע אויפ'ן קאפ און האט אריינגעקוקט אין א שבועות'דיגען מחזור.
— איך זעה, יואל דוד, אז דו גרייטסט זיך שוין צו פאר שבועות! האט ריינקע זיך צו איהם געווענדעט מיט א שמייכעל אויף איהר פנים
—יואל דוד האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ.
— זיץ, מיין זוהן! — האט ריינקע זיך אנגערופען און דו, חנה'לע קום אויך אריין איך וויל רעדען א פאר ווערטער מיט יואל דוד'ן אין דיין געגענוואורט.
חנה'לע איז אריינגעקומען אין צימער און געבליבען שטעהן ביי דער טיר.
— איך האב געהערט, יול דוד, אז דיין מומע איז דא געווען, און חנה'לע האט נעבעך פון איהר געקראגען א וואזשנע פארציע.

— איך האָב איהר אָבער געזאָגט, אַז עס איז ניט איהר עסק און זי האָט ניט וואָס זיך צו מישען!

— זי איז נאַר וואָס געווען איין קראַם און זי האָט דאָרט זיך אַזוי צעגעוואָלדעוועט אַז איך האָב איהר געמוזט בעטען זי זאָל פאַרלאָזען די קראַם. זי טענה׳ט אַז מיר צווינגען דיך דו זאָלסט געהן חתונה האָבען. ווייל איך וויסען ווי דו פּיהלסט וועגען דעם. אויב דו דענקסט, אַז דו ביזט געצוואונגען עס צו טאָן, געגען דיין אייגענעם ווילען, וועלען מיר די חתונה אָפּלייגען... פאַרשטעהסט, מיר ווילען ניט אַריינפּאַלען ביי דיין מומען אין מויל... זי וועט אַרומגעהן און צעפּויקען איבער גאַנץ ווילנע אַז מיר האָבען דיך אַריינגענומען אין די הענט און לאָזען דיך ניט אָפּ... ווען איהר ביידע וואָלטען זיך ניט געשוואָרען צו הייראַטען, וואָלט איך דאָך אַפילו ניט גע־טראַכט פון דעם צו מאַכען די חתונה אַזוי שנעל. אָבער אַזוי ווי איהר ביידע האָבען זיך געשוואָרען און אַזוי ווי דו ביזט שוין אָנגעשטעלט גע־וואָרען אַלס שטאָדט חזן, האָבען מיר באַשלאָסען אַז עס וועט זיין בעסער אַז איהר וועט ביידע חתונה האָבען, אָבער אויב זי דו פּיהלסט אַז דו ביזט געצוואונגען עס צו טאָן, און דו וואָלסט בעסער צוגעוואַרט אַ יאָהר אָדער מעהר, ווייל איך דיר זאָגען אַז טראַץ דעם וואָס מיר האָבען שוין געמאַכט הוצאות און אַלע נויטיגע הכנות, קענסטו זאָגען דיין וואָרט און מיר וועלען עס אָפּלייגען פאַר אַן אונבאַשטימטער צייט... דו דאַרפסט זיך גאָר ניט שעהמען. דו ביזט צווישען אייגענע מענשען. פאַר וואָס זאָל דיין מומע אַרומגעהן און אונז באַדערען... אויב דו פּיהלסט אַז מיר צווינגען דיר, דאַרפסטו זיך גאָר ניט שעהמען אונז צו זאָגען.

— קיינער צווינגט מיך ניט! — האָט יואל דוד געזאָגט. איך טו עס מיט מיין אייגענעם ווילען.

— אויב אַזוי, האָסטו עס באַדאַרפט איינמאָל פאַר אַלע מאָל זאָגען דיין מומען!..

— איך האָב דאָס איהר געזאָגט — חנה׳לע איז אַן עדות.

— יע, מאַמע, ער האָט איהר געזאָגט — האָט חנה׳לע צוגעגעבען און איהרע באַקען האָבען געפלאַמט.

— דאָס אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט וויסען — האָט ריינקע זיך אָנגערופען — מיט די רייד פון דיין מומען קומט אויס, אַז מיר האָבען דיך אַריינגענומען אין אונזערע הענד און מיר צווינגען דיך צו געהן חתונה האָבען מיט חנה׳לען... דו פאַרשטעהסט, זי זאָגט, אַז דו האָסט חנה׳לען ניט האָלט, נאָר דו האָסט קיין אַנדער ברירה ניט... זאָג מיר דעם אמת, האָסטו זי האָלט און דו ביזט צופרידען מיט איהר באַלד חתונה צו האָבען!

— געוויס האָב איך זי האָלט! — האָט זיך יואל דוד גענומען רויטלען — אַז ניט וואָלט איך דאָך ניט...

— דו מיינסט, אַז ניט וואָלסטו ניט געשוואָרען מיט איהר חתונה צו האָבען.

— יע, ריכטיג! — האָט יואל דוד א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— נו, טא וואָס זאָגסטו צו דיין מומקען! — האָט ריינקע אויסגערופען — זי קומט און צעשרייט זיך, אז מיר צווינגען דיך צו געהן צו דער חופּה מיט חנה'לען, אזא חוצפּה...

— זי וועט שוין מעהר ניט שרייען — האָט יואל דוד אויסגערופען — איך האָב איהר שוין אריינגעזאָגט.

— דו קאָנסט נאָך ניט גוט דיין מומקען! — האָט ריינקע זיך אָנגערופען — אָט זעהסטו דאָך, דו האָסט צו איהר גערעדט און איהר געגעבען צו פאַרשטעהן, אז דו טוסט עס ווייל דו ווילסט אזוי און פונדעסטוועגען האָט זי גלייך נאָכדעם געהאט די חוצפּה צו קומען אין קראָם און זיך צעשרייען אויף די העכסטע טענער, אז מיר קוילענען דיך אָפּ, אז מיר צווינגען דיך צו געהן צו דער שחיטה, אז מיר מאכען דיך אומגליקליך...

— מאַלע וואָס זי פּלאַפּעלט!

— יע, זאָלסטו מיר געזונט זיין, יואל דוד! — האָט ריינקע ווייטער גערעדט — דו און מיר אלע ווייסען, אז זי פּלאַפּעלט און איהרע רייד האָבען קיין ממשות ניט, אָבער פרעמדע מענשען ווייסען דאָך ניט. אז זי וועט געהן אונז באַדערען פאַר פרעמדע וועט מען טאקע מיינען, גאָט ווייסט וואָס מיר האָבען געטאָן צו דיר.

— איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט — האָט יואל דוד אויסגערופען — זאָל זי ריידען וויפיל זי וויל, און אז מען וועט מיר פרעגען, וועל איך אלעמען זאָגען, אז זי ווייסט ניט וואָס זי רעדט.

— יע, דו דאַרפסט טאקע אלעמען זאָגען, אז קיינער האָט דיך חס וחלילה ניט געצוואונגען — האָט ריינקע געזאָגט און א גלעט געטאָן חנה'לען איבער'ן קאָפּ. א פיינע זאַך וואָלט עס געווען, ווען מיר דאַרפען אָנווענדען צוואנגס מיטלען צו הייראטען חנה'לען. גאָט צו דאנקען... חנה'לע איז שוין גאָרניט קיין פאַרבראַקירטע סחורה... זאָג אליין דוד'ל וואו וועסטו נאָך געפינען אזא טייערע, שעהנע מיידעל ווי חנה'לע איז... איך בין טאקע איהר מאמע, אָבער דו אליין האָסט דאָך אויגען... דו זעהסט דען ניט? זי איז דאָך א קראַסאוויצע אָהן עין הרע... און אז זי איז א קלוגע און א געראָטענע, דאַרף מען דיר אויך ניט זאָגען. דו ווייסט עס אליין... נו, דאַרף מען דען אימיצען צווינגען מיט איהר חתונה צו האָבען, וואָס זאָגסטו!

— געווים ניט! — ענטפערט יואל דוד.

— קומט אזא מארק אידענע מיט איהר חזיר'שען פּיסק און מאכט אזא טומעל... און איך דאַרף דאָך דיר ניט זאָגען, יואל דוד ווי פיין מיר האָבען זי באהאנדעלט. חנה'לעס טאטע האָט זי אוועקגענומען פון אזא חורבה וואָס איז געווען פול מיט שמוץ, מיט רויך, מיט מייז און וואנצען און איהר געגעבען א ציכטיגע און ליכטיגע דירה... איך האָב איהר אוועקגעגעבען די בעסטע קלייד, איך האָב איהר באהאנדעלט ווי א מלכה, און איצט דינט זי אונז אָפּ אזוי... נו, ווי געפעלט דיר אזא דאנקבארקייט...

— זי וועט בעסער ווערן! — האָט יואל דוד געזאָגט — איך בין שוין מעהר קיין אינגעלע, איך בין ניט מחויב צו ליידען מעהר פון איהר.

— דערווייל אָבער פארמיאוס'ט זי אונזער נאָמען. זי רעדט אַן אויף חנה'לען ווער ווייסט וואס זי קאַן נאָך אָנריידען אויף איהר... אריינצופאַלען ביי איהר אין מויל איז פּונקט ווי אריינצופאלען אין גיהנם... דו וועסט דארפען זעהן איהר צומאכען דעם פּיסק...

— איך וועל איהר נאָך אמאָל זאָגען זי זאָל זיך אויפהערען מישען אין מיינע עסקים, — האָט יואל דוד געזאָגט.

— דאָס איז ניט גענוג, — רופט זיך אָן ריינקע, — דו וועסט איהר דארפען זאגען מיט'ן הארבען וואָרט אז אויב זי וועט ניט צומאכען איהר מויל וועסטו אויפהערען איהר צו געבען דעם רובעל א וואָך אויף דער הוצאה, און מיר וועלען זי משלח זיין פון דער דירה, זאָל זי געהן צוריק קיין קליין שניפּישאָק.

— דאָס וועל איך איהר טאקע זאָגען, — האָט יואל דוד צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, — איך גלויב אז זי וועט שוין דאַן אויפהערען צו פּלאפּלען.

— איך זעה, יואל דוד, אז דו פארשטעהסט וואָס דיין מומע איז אויסען. פאַרוואָס האָט זי געוואָלט אז דו זאָלסט זיך אריינקלייבען מיט איהר אין איין דירה? ווייל זי האָט גערעכענט אז צו איהר אין די הענט וועט אריינפאלען די גאנצע שבירות. דו דארפסט זיך פאַר איהר גאָרניט שעהמען און איהר טאקע זאָגען אז דו פארשטעהסט זי גאנץ גוט... איך מוז דיר זאָגען אז איך בין זעהר צופרידען וואָס איך האָב זיך מיט דיר דורכגערעדט. איצט ווייס איך וואו מיר האַלטען... זאָל דיין מומע נאָך אמאָל קומען און באשולדיגען אונז אז מיר ווילען דיך מיט געוואלד פיהרען דער חופּה וועט זי שוין פון מיר קריגען א פּאַרציע... איך וועל טאקע דיך פרעגען אין איהר נעגענוואַרט פון נאָך מענשען און דו וועסט איהר שוין געבען די ריכטיגע תשובה, זאָל זי און די אַנדערע מענשען איינמאָל פאַר אלע מאָל וויסען אז דו ביזט פריי צו טאָן וואָס דיר געפעלט. אז קיינער צווינגט דיך חלילה ניט. הא, ניט אזוי, יואל דוד?

— ריכטיג, אודאי איז עס אזוי, — האָט יואל דוד צוגעשטימט, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

ריינקע האָט באשלאָסען צו בלייבען אין הויז נאָך א וויילע. זי האָט ניט געוואָלט איבערלאָזען חנה'לען און יואל דוד'ן אליין. טאָמער וועט יאַכע ווידער ארויסקומען פראַווען איהרע שטיק. זי האָט שוין איינגעזעהן אז עס איז שוין מעהר קיין סוד ניט, וועט שוין זיין בעסער אז זיי זאָלען אלעמען דערצעהלען. און טאקע דעם זעלבען טאָג איז זי אוועק צו חיה שרה'ן און איהר פאַרגעוואָרפען פאַר ניט האלטען דעם סוד. אָבער זי האָט איהר פאַרזיכערט אז דאָס שטאַמט ניט פון זיי, איז זי גלייך פון דאָרט אוועקגעגאנגען צו איהר שוועסטער חוה. עס וועט זיין בעסער ווען זי וועט הערען די דאָזיגע נייעס פון איהר איידער פון פרעמדע.

חוה האָט זיך שטארק דערפרעהט מיט איהר רייכע שוועסטער. ניט גאַנץ אָפט פלעגט זי צו איהר קומען אין הויז מיט א באזוך, און אז זי איז שוין יאָ געקומען מוז עס זיין צוליב א וויכטיגער זאַך.

— אוי, א גאַסט, אזא טייערער גאַסט, מיין ליבע שוועסטער, — האָט חוה זיך מיט איהר צוקושט, — אז דו קומסט שוין צו מיר דאַרף מען דעם אויווען צוברעכען.

— איך בין געקומען דיר אַנזאָגען א גוטע בשורה, מיין שוועסטער, — האָט ריינקע זיך אַנגערופען צו איהר, — דו מעגסט מיר אָפּגעבען מזל טוב... אין א צוויי וואָכען ארום פיהר איך חנה'לען צו דער חופּה מיט יואל דוד'ן!

— נו, זאָל זיין מיט מזל, מיט גליק, מיט הצלחה! — האָט חוה זיך ערשט געוואָרפען אויף איהר שוועסטער'ס האלז און אויפּס ניי גענומען איהר באַדעקען מיט קושען. — זאָג מיר, ריינקע, ווי אזוי איז דאָס געשעהן אזוי פּלוצלונג?

— פּלוצלונג זאָגסטו?! די קינדער האָבען זיך ליעב באקומען פון דעם ערשטען טאָג ווען זיי האָבען זיך דערזעהן. ווייסטו דען ניט, אז שוין די ערשטע נאכט, צום ערשטען סדר, האָט חנה'לע אָפּגעטראָטען איהר שלאָף־צימער פאַר איהם, און זי איז אוועק צו דיר נעהמען א בגד פאַר איהם... נו, זיינען אוועק נאָך עטליכע טעג און די קינדער זיינען געוואָרען דאָס חיות איינער פאַר'ן אנדערען... און איין טאָג — דערצעהלט מיר חנה'לע,— אז יואל דוד האָט צו איהר געשוואָרען ביי זיינע ציצית אז ער וועט מיט איהר חתונה האָבען. ווי באלד אזוי, טראַכט איך מיר, וועט זיין בעסער אז זיי זאָלען טאַקע חתונה האָבען וואָס שנעלער. ווייל דו ווייסט דאָך פאַרשטעהן, אז נאָכדעם ווי יואל דוד, זאָל געזונט זיין, איז געוואָרען שטאָט חזן און אזוי פיין אויסגענומען ביי אַלעמען, פעהלען ניט קיינע בעלנים אויף איהם. און איך האָב אויסגעפונען אז ר' דוד זאַלקינד וואַרפט שוין אַן אויג אויף איהם. ער איז צו איהם צוגעשטאַנען ער זאָל קומען צו איהם אויף א באזוך... און דו ווייסט דאָך אז זאַלקינד'ס טעכטער זיינען גאַנץ שעהן און געבילדעט און דאַריבער האָב איך און מרדכי באַשלאָסען אז עס וועט זיין א סך בעסער ווען מיר איילען זיך אונטער און פּראַווען זייער חתונה טאַקע אום ל"ג בעומר.

— זעהר גוט האָסטו געטאָן, ריינקע, — האָט חוה געזאָגט, — איך ווייס ווי מען האָט שוין געשאַרפט די אויגען אויף איהם... בייזע צינגער האָבען שוין ועגומען ריידען, און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט אז דיינע שונאים וועלען גוויס זוכען איהם אוועקצונעהמען פון אייך.

— וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו, חוה'לע, מיין טייערע שוועסטער, קיינע שונאים פעהלען אונז ניט. און גלויב מיר אז קיין גרעבערען שונא ווי אָט די יאַכנע, זיין מומע, איז, דאַרפען מיר ניט. זי ליגט זיך אין דער ליינג און אין דער ברייט צונישט צו מאַכען דעם שידוך. ווי נאָר זי האָט זיך היינט דערוואוסט פון דעם האָט זי גענומען געוואָלדעווען אז מיר האָבען

איהם אריינגענומען אין אונזערע הענט און מיר צווינגען איהם צו געהן צו דער חופה. ווי געפעלט דיר אזא חוצפה?

— מען וועט איהר דארפען צומאכען דאס מויל, — האט חוה געזאגט, — די בעסטע זאך וואלט געווען, זיך מיט איהר צו פארשטענדיגען. מיט גוטען איז אודאי בעסער.

— מיט גוטען? המ... איך האב זי פריהער ארויסגעטריבען פון מיין קראם! איך האב גארניט וואס מורא צו האבען פאר איהר. יואל דוד קען זי שוין גאר גוט. ער האט איהר פריהער אוועקגעגעבען; א גאב אז עס איז איהר געווארען פינסטער און ביטער... ער האט מיר נאר וואס געזאגט, אז אויב זי וועט ווייטער פראווען איהרע שטיק וועט זי פארלירען דעם רובעל א וואך וואס ער גיט איהר אויף דער הוצאה.

— א געזונט אין איהם! — האט חוה אויסגערופען, — ער איז דאך א חכם... גלויב מיר, אז ווען זי וועט הערען אז ער וועט איהר אויפהערען צו געבען דעם רובעל א וואך אויף צום לעבען, אויב זי וועט ניט אויפהערען צו פלאפלען, וועט זי אנטשוויגען ווערען ווי א קאטינקע. איך זאג דיר, ריינקע, דו קענסט זיך ניט פארשטעלען ווי גליקליך די דאזיגע בשורה האט מיר געמאכט. א קלייניגקייט, יואל דוד דער ווילנער שטאט־חזן, חנה'לעס מאן... דוכט זיך מיר, אז פון קיין גרעסערען גליק האט נאך קיין מיידעל ניט גע'חלום'ט... איצט, ווען ער איז אזוי יונג איז ער שוין אזוי באריהמט, טא וואס וועט שוין זיין שפעטער?

— זאל נאר גאט געבען עס זאל אונז ניט פארשטערט ווערען! — האט ריינקע־געזאגט, — ווען דו וואלסט וויסען וויפיל ניט פארגינער מיר האבען.

— ווען איך זאל וויסען? וואס רעדסטו, ריינקע, איך ווייס שוין גאר גוט! איך האב אויגען און אויערען, נאר גארניט, אבי דו וועסט האבען דיינס אויסגעפיהרט. וואס קימערט עס דיר וואס בייזע ציינגער ריידען?

— נו, יא, מיר קענען יענעם דאס מויל ניט צומאכען. איך האב אויסגעפונען אז ר' שמעון פרנס טוט אלעס וואס ער קען איהם אוועקצונעהמען פון אונז. ער האט אפילו צוגערעדט ר' דוד זאלקינד'ן ער זאל איהם איינלאדען צו זיך כדי ער זאל שוין בעסער בלייבען ביי איהם איידער ביי אונז... ער איז דאך אונז געווארען א דם שונא... דו פארשטעהסט, ער האט געוואלט ער זאל זיין ביי איהם כדי איהם אריינצוקריגען פאר זיין "מאזעפע מיט די פארשטשירעטע צייהן".

— עס האט זיך איהם געוואלט... נו, וועט זיך איהם איצט איבערוועלען. זעהר גוט טוסטו וואס דו איילסט זיך צו מיט דער חתונה... נאך אלעמען איז ער נאך גאר יונג און מען קען איהם גאנץ גרינג אפריידען... ווען אבער ער וועט שוין זיין פארהייראט, וועט מען איהם צורוה לאזען.

קאַפּיטעל ניינצעהן

פֿון ריינקע'ס קראַם איז יאַכע אוועק נאָך מעהר אויפגערעגט און אויפ־געצאַרענט. זי האָט געזעהן אַז זי האָט גאָרניט געקענט אויפטאָן מיט יואל דוד'ן און זי האָט אויך ניט געקענט פּועל'ן ביי ריינקע'ן מען זאָל אָפּלייגען די חתונה. וואָס בלייבט איהר איצט איבער צו טאָן? זי וועט מוזען זיך ווענדען צו ר' שמעון פּרנס'ן, ער וועט איהר מוזען העלפען... זי האָט גע־וואוסט אַז זי מאַכט אַ געפעהרליכען שריט. אויב ר' מרדכי און ריינקע וועלען אויסגעפינען אַז זי איז אוועק צו ר' שמעונ'ען, וועלען זיי זי ארויס־יאָגען פון דער דירה, און עס קען זיין, אַז זיי וועלען ניט לאָזען יואל דוד'ן ער זאָל איהר געבען דעם רובעל אַ וואָך. אָבער זי מוז עס טאָן. זי מוז זעהן ארויסצוראַטעווען איהר פּלימעניק פון זייערע הענט. נישקשה, זי וועט ניט פאַרפאַלען ווערען.

אַ קליינע ווייל האָט זי זיך ארומגעדרעהט אין טיר פון פּרנס'עס הויף און זיך געשלאָגען מיט דער דעה צי זאָל זי אריינגעהן צו ר' שמעונ'ען צי ניט... באַלד אָבער האָט זי דערזעהן ר' שמעונ'ען אָנקומענדיג. ער האָט זי דערקענט און אויסגערופען:

— אָ, יאַכע, וואָס טוט איהר דאָ?

— איך בין געקומען מיט אייך זיך אַן עצה האַלטען. איך בעט אייך, נעהמט ניט פאַר אומנות... אָבער עס איז זעהר וויכטיג... איך וואָלט זיך וועלען מיט אייך דורכריידען.

— קומט אריין צו מיר אין קאַנטאָר, — האָט ר' שמעון געזאָגט, — דאָרט איז קיינער ניטאָ, אויסער דער בוכהאַלטער. איך וועל איהם ארויס־שיקען אויף אַ ווייל.

ר' שמעון האָט געהאַנדעלט מיט האָלץ און אַנדערע קליינינגקייטען. ער האָט אין אַ ווינקעל פון זיין הויף געהאַט צוגעבויט אַ קליינע הילצערנע געביידע פאַר אַ סוכּה און וואָס ער פלעגט אַ גאַנץ יאָהר באַנוצען פאַר זיין קאַנטאָר. ערב סוכּות פלעגט ער פאַנאַנדערעפענען דעם דאַך פון דער גע־ביידע און באַדעקען מיט סכך, און דאָס האָט איהם געדינט אַלס סוכּה. אין יענער געביידע האָט זיך געפונען אַ לאַנגער טיש, צוויי ביינקלעך און אַן אַלמער. אַ מיטעל־יעהריגער יונגערמאַן פלעגט פירען די ביכער, ער פלעגט געהן אויפמאָנען די דירה געלט און אַז מען פלעגט דאַרפען עפּעס פאַר־ריכטען אין אַ דירה, פלעגט ער עס אויך טאָן. פאַר דעם אַלעם פלעגט איהם ר' שמעון צאָהלען איין רובעל אַ וואָך און ער פלעגט ביי איהם עסען שבת און יום טוב. ער פלעגט נעכטיגען אין אָט דער דאָזיגער געביידע, טאַקע אויף דעם לאַנגען טיש אויף וועלכען ער פלעגט אוועקלייגען אַ שעניק.

ר' שמעון איז אריינגעקומען מיט יאַכע'ן אין דער געביידע און ער האָט זיך אָנגערופען צו זיין בוכהאַלטער:

— געה נאָך אַמאָל אריין צו די שכנים און זאָג זיי אַז עס איז שוין צייט זיי זאָלען געבען דירה געלט.

ווען דער בוכהאַלטען איז ארויס, האָט ר' שמעון זיך אָנגערופען צו יאכע'ן:

— זיצט זיך און דערצעהלט מיר וואָס עס האָט פּאַסירט.

— זאָלט איהר געזונט זיין, ר' שמעון, איהר זייט דער איינציגער וועלכער קען מיר העלפען, פריהער גאָט און נאכהער איהר.

— אָבער וואָס איז?

— איך דאַרף אייך דען דערצעהלען?! איהר שטויסט זיך שוין מסתמא אָן. און אז איך בין געקומען צו אייך וועגען מיין פּלימעניק יואל דוד. וואָס זאָגט איהר אויף זיי, אויף די סטראשונס מייך איך, זיי האָבען איהם אריינגענומען אין זייערע הענט... האָט איהר ניט געהערט? זיי גע־העזן דאָך איהם חתונה מאכען מיט חנה'לען אין א פּאָר וואָכען ארום, אום ל"ג בעומר.

— וואָס רעדט איהר! — האָט ר' שמעון אויסגערופען מיט ערשטוי־נונג, — שוין אזוי שנעל?

— מען גרייט זיך שוין צו דער חתונה, מען נעהט חתונה קליידער, און אלעס איז שוין פיקס און פארטיג פאַר דער חתונה.

— פאַר מיר איז דאָס גאָר קיין נייעס ניט, — האָט ר' שמעון גע־זאָגט, דורכפיהרענדיג זיין האנד דורך זיין באָרד, — יעדער איינער האָט געקענט זעהן אז דאָס איז זייער איינציגע כוונה... פון דעסטוועגען מוז איך אייך זאָגען, יאכע, אז איך אליין האָב זיך ניט גערעכנט אז זיי זאָלען עס מאכען אזוי שנעל. יואל דוד איז נאָך גאָר א קינד. וואָס איז דאָס די איי־לעניש ביי זיי?

— אָט דאָס טענה איך דאָך. איהר פארשטעהט, מען נעהמט אזא יונגען איינגעל און מען פאַרדרעהט איהם שוין דעם קאָפּ. מען וואַרפט אויף איהם שוין ארויף א יאָך פון א משפּחה. אזא יונגע בלום וועט דאַרפען פאַרוועלקט ווערען... איך בעט אייך, טוט עפּעס, העלפט מיר.

— וואָס קאָן איך טאָן? — האָט ר' שמעון א צוק געטאָן מיט זיינע שולטערען — ווען יואל דוד וואָלט ניט געווען אינגאנצען אונטער זייער השפּעה וואָלט נאָך מעגליך געווען עפּעס צו טאָן... אָבער איהר זעהט דאָך, זיי לאָזען איהם ניט אָפּ פון זיך און ער טוט אלעס וואָס זיי פארלאנגען פון איהם... איך גלויב קוים, אז איך בין אימשטאנד עפּעס צו טאָן פאַר אייך...

— וועט מען, הייסט עס, דאַרפען דערלאָזען, אז מען זאָל א יונג, אומשולדיג קינד פיהרען צו דער חופּה... בפרט נאָך ווען אלע ווייסען, אז ר' מרדכי איז געווען זיין טאטענ'ס מלאך־המות...

— מיינט איהר, אז איך האָב ניט גערעדט מיט יואל דוד'ן און איהם דערצעהלט אלעס וואָס ר' מרדכי האָט געטאָן צו זיין טאטען. אָבער עס האָט ניט געהאָלפען.... איך האָב געזעהן, אז יואל דוד זאָל קומען צו מיר אין הויז און איך האָב זיך מיט איהם דורכגערעדט. ער האָט זיך געטראָפען מיט מיינע צוויי זיהן, מיט העניך'ן און אשר'ן און מיט מיין טאָכטער

ביילקע... און איך האָב שוין כמעט ווי געהאַט ביי איהם גע׳פּועל׳ט ער זאָל פאַרלאָזען די סטראַשונס און בלייבען מיט מיר. איך האָב איהם ערקלערט, אז ר׳ מרדכי איז געווען זיין טאַטענ׳ס ערגסטער שונא און עס איז דאריבער ניט רעכט ער זאָל בלייבען וואוינען אין זיין הויז... איך האָב געזעהן, אז ער לאָזט זיך ריידען און ער וואָלט זיכער געבליבען ביי מיר. אָבער ר׳ מרדכי האָט אויסגעפונען, אז ער געפינט זיך ביי מיר און ער איז באַלד אריינגע־קומען און איהם פון מיין הויז אוועקגענומען. איך זאָג אייך, יאָכע, אז ער וואָלט געווען א סך גליקליכער ווען ער בלייבט ביי מיר. מיין טאָכטער זאָל געזונט זיין, איז מעהר מענש פאַר חנה׳לען און איך וואָלט שוין געזעהן, אז ער זאָל פאַרדינען מעהר, ווייל נאָכאַלעמען בין איך דאָך פאָרט גבאי ראשון. איהר ווייסט דאָך אַליין גאַנץ גוט, אז אָהן מיין חתימה וואָלט ער קיינמאָל ניט געקאָנט אָנגעשטעלט ווערען אלס שטאָדט־חזן.

יאָכע האָט זיך א ווײלע פאַרטראַכט... זי זעהט דאָך, אז אויך ר׳ שמעון האָט די זעלבע כוונה. ער וויל איהם גאָר אריינקריגען פאַר זיין איידעם. אפשר וואָלט טאַקע געווען בעסער, אז יואל דוד זאָל אריינגעהן צו ר׳ שמעונ׳ען. זי וועט זעהן צו פּועל׳ן ביי יואל דוד׳ן ער זאָל מיט איהר קו־מען איהם באַזוכען. זי וועט איהם ערקלעהרען, אז ער דאַרף זיך ניט האַל־טען פון דער ווייטענס פון גבאי ראשון.

— איהר הערט, ר׳ שמעון — האָט יאָכע אויסגערופען — אויב איהר גלויבט, אז איהר וועט עפּעס קאָנען טאָן פאַר מיר, וועל איך שוין זעהן אריבערצוקומען מיט יואל דוד׳ן צו אייך. איך וועל שוין געפינען אן אויסרייד. ער וועט מיט מיר קומען.

— אויב איהר וועט איהם נאָר קאָנען איבערריידען ער זאָל צו מיר קומען מאָרגען אויף אָווענט־ברויט, נעהם איך זיך אונטער צו שטערען ר׳ מרדכי׳ס פּלאַן איהם חתונה צו מאכען דעם קומענדען ל״ג בעומר. ווייסט איהר גאָר וואָס יאָכע, קומט ארויף צו מיר אין הויז, איך וועל אייך פאָר־שטעלען פאַר מיין חאַשע׳ן, מיין פרוי, און פאַר מיין טאָכטער ביילקע׳ן און מיר וועלען טאַקע זיך אַלע דורכריידען.

יאָכע איז מיט מרדכי׳ן ארויף צו איהם אין הויז. ער האָט פאָרגע־שטעלט יאָכע׳ן פאַר זיין פרוי און ער האָט געפרעגט:

— וואו איז ביילקע?

— אָט וועל איך זי אריינרופען — זאָגט חאַשע און האָט אן עפען געטאָן די טיר און געזאָגט:

— ביילענקע, קום נאָר אריין א ווײלע!

חאַשע איז געווען צופרידען וואָס יאָכע, יואל דוד׳ס מומע וועט איצט דערזעהן ביילקע׳ן. גראַד האָט זי נאָר וואָס געענדיגט איהר פאַרקאַמען די האָר. און ווי דאָס האַרץ וואָלט איהר געזאָגט, האָט זי איהר געהייסען אָנטאָן אן אנדער קלייד.

דאָך ווען יאָכע האָט א קוק געטאָן אויף ביילקען איז איהר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. זי איז דאָך טאַקע „א מאַזעפּע״ — האָט זי גע־

טראַכט — וואָס פֿאַר צייהן... ווי קומט זי צו חנה׳לען! און אין אַט־דער רגע האָט זי זיך באַלד געענדערט. אויב יואל דוד זאָל דאַרפֿען חתונה האָ־בען מיט אַזאַ מיידעל, איז שוין גלייכער טאַקע חנה׳לע. זי האָט חן און זי איז איידעל... אָבער זי איז דאָך אַ פּאַרזעהעניש. מיט פֿערדישע צייהן און נאָר דאָס שמייכעלט און ווייזט איהרע צייהן.

איהר האָט שוין פֿאַרדראָסען וואָס זי איז אַהער געקומען. אפילו ווען יואל דוד וואָלט שוין אַליין געוואָלט פֿאַרבלייבען מיט זיי וואָלט זי ערשט ניט דערלאָזען...

חאַשע האָט געוואָלט שטעלען כיבוד, אָבער יאַכע האָט געזאָגט, אַז זי איילט זיך צו געהן.

— נו, וואָס זאָגט איהר, יאַכע, איהר וועט אייער פּלימעניק קאָנען ברייננגען מאָרגען צו אונז אויף אָבענד ברויט?

— איך קאָן אייך ניט צוזאָגען! איהר ווייסט אַליין, אַז יואל דוד איז אַ שטיקעל עקשן און אויב ער וועט זיך איינשפּאַרען, וועלען מיינע רייד ניט העלפֿען. בעסער גרייט ניט צו צופֿיעל.

— אַ, וואָס רעדט איהר, יאַכע, זאָלט איהר געזונט זיין — האָט חאַשע אַ זאָג געטאָן — ביי אונז אויף אָווענד־ברויט קאָן שטענדיג צוקו־מען נאָך איינער און אפילו צוויי און זיי וועלען קיין הונגעריגע ניט אוועק־געהן. ברייננגט איהם, און איהר וועט טאַקע אויך בלייבען מיט אונז אויף אָווענד־ברויט.

— אַ דאַנק — האָט יאַכע געזאָגט — איך וועל פּראָבירען ריידען מיט איהם. אַ גוטען.

— געהט געזונט!

ווען יאַכע איז אַרויס, האָט זיך ר׳ שמועון אָנגערופֿען צו חאַשען:

— דו זעהסט, זיי גרייטען זיך שוין איהם חתונה צו מאַכען!

— ווען?

— דעם קומענדען ל״ג בעומר!

— וואָס רעדסטו? — האָט חאַשע אויסגערופֿען מיט ערשטוינונג.

— צוליב דעם איז דאָך יאַכע צו מיר געקומען. זי פֿאַרלאַנגט אַן עצה ווי אַזוי עס ניט צו דערלאָזען.

— און וואָס קאָנסטו טאָן דערצו?

— זאָל נאָר יואל דוד קומען צו אונז מאָרגען און דו וועסט זעהן ווי איך וועל אַלעס ענדערען. און דו ביילקע — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין טאָכטער — דו דאַרפֿסט מיר צוזאָגען זיך צו באַהערשען און ניט אַרויספּלאַצען יעדען מאָל מיט אַ געלעכטער... איך בין זיכער, אַז ווען זי וואָלט דאַן אַזוי פֿיל ניט געלאַכט, וואָלט יואל דוד פֿאַרבליבען מיט אונז. זי האָט איהם פּשוט פֿאַרטריבען מיט איהר לאַכען... ער האָט גע־מיינט, אַז דאָס לאַכט זי פֿון איהם.

— דו קאָנסט רוהיג זיין, שמעון, זי וועט שוין מעהר ניט לאַכען. זי האָט איהם געהערט דאַווענדיג אין שטאָדט־שוהל און איך האָב באַ־

מערקט טרערען אין איהרע אויגען. וואָס זאָגסטו,ביילקע, וועסטו לאַכען ווען יואל דוד וועט זיצען ביים טיש מיט אונז? — האָט חאַשע זיך געווענדעט צו איהר.

— ניין, איך וועל ניט לאַכען. איך זאָג צו.

— געדענק, אלעס ווענדעט זיך אָן דיר! — האָט ר׳ שמעון א דראָהע געטאָן מיט זיין פינגער.

— זאָל ער נאָר קומען, און אלעס וועט רעכט ווערען — האָט חאַשע אויסגערופען — איך פארגין איהר ניט די ריינקען, אזא גליק... א קלייניגקייט, אזא בריליאַנט! מיר מוזען איהם פון זיי אוועקנעהמען.

— איך וועל טאָן אלעס וואָס מעגליך — האָט ר׳ שמעון געזאָגט — ניט אזוי גרינג וועט עס זיי אָנקומען!

קאַפּיטעל צוואַנציג

אין יאָכען איז פּלוצלונג פאָרגעקומען אַן ענדערונג... די עטליכע מינוט וואָס זי האָט פארבראַכט אין ר׳ שמעונ׳ס הויז און וויסענדיג די גאַנצע צייט, אז אויך דאָרט האָט מען גרויס חשק אריינצוקריגען יואל דוד׳ן פאַר אַן איידעם, האָט זי ביי זיך באַשלאָסען, אז עס וועט שוין זיין א סך בעסער ווען ער בלייבט ביי ר׳ מרדכי׳ן. זיי זיינען פאָרט איידעלערע מענשען און חנה׳לע איז שוין בעסער ווי ביילקע. איהר האָט שטאַרק פארדראָסען וואָס זי האָט אזוי געהאַנדעלט געגען ריינקע׳ן און חנה׳לען. זי זעהט דאָך, אז יואל דוד האָט זי ליב, טאָ פארוואָס זאָל זי זיך איינרייסען מיט איהם. פארוואָס זאָל זי זיין די שלעכטע. נאָך אלעמען איז עס גאָרניט קיין קרומער שידוך. אמת, אין ווילנע זיינען פאַראַן גאָר גרויסע גבירים, וועלכע וואָלטען געוואָלט נעהמען יואל דוד׳ן פאַר אַן איידעם. אָבער אזוי איז מסתמא באַשערט... קיין אָרימאַן איז ר׳ מרדכי ניט, א פיינער בעל־הבית מיט א גרויסע שניט־קראָם און אייגענעם הויף. נו, מילא זאָל זיין אזוי. זי וועט זיך דארפען איבערבעטען מיט חנה׳לען און מיט איהר מוטער — זי האָט זיך אָבער געשעהמט... זי האָט ניט געקאָנט באַשליסען, זאָל זי פריהער אוועקגעהן צו ריינקע׳ן אין קראָם אָדער געהט אין הויז און מאַכען א פארזוך צו ריידען נאָכאַמאָל מיט יואל דוד׳ן און חנה׳לען... זי איז צוגעקומען צו דעם הויף און זי האָט באַמערקט, אז ריינקע איז נאָרוואָס אוועק פון דאָרט...

יאָכע איז אריין צו זיך אין דירה. זי האָט ניט געקאָנט איינזיצען. זי האָט באַשלאָסען, אז זי וועט ארויפגעהן אויבען. זי וועט זאָגען, אז זי האָט פארגעסען צו פרעגען יואל דוד׳ן וואָס דער רבי האָט איהם געזאָגט וועגען מאַטעלען. און אז זי וועט שוין מיט איהם רעדען, וועט זי דאַן קענען איהם געבען צו פארשטעהן, אז זי האָט חרטה פאַר דעם עגמת נפש וואָס זי האָט אָנגעטאָן חנה׳לען.

יאָכע איז אריינגעקומען אין הויז און ווי חנה׳לע האָט זי דערזעהן

איז זי אריינגעפאלען אין צימער וואו יואל דוד איז געווען און זי האט אויסגערופען:

— דיין מומע איז שוין ווידער דא! איך וועל אריינגעהן צו זיך אין צימער, איך וויל זי ניט זעהן. דו וועסט מיט איהר דארפען ריידען אליין.

— זארג ניט, חנה'לע, איך וועל שוין וויסען ווי צו ריידען צו איהר

— האט יואל דוד געזאגט — און ער איז ארויס צו זיין מומען. זיין פּנים איז געווען פארכמורעט, אנגע'ברוגזט.

— וואס ווילט איהר ווייטער פון מיר? — האט ער א ברום געטאן אונטער'ן נאז.

— איך בעט דיך, יואל דוד, קום אריין אין צימער, איך וויל מיט דיר ריידען. חנה'לע קאן אויך זיין דערביי... איך בין געקומען צו איהר בעטען זי זאל מיך מוחל זיין... איך האב זיך ארומגעזעהן, אז איך בין באגאנגען אן עולה געגען אייך ביידען. איך וויל אייך ביידען ווינשען גליק.

יואל דוד האט אויף איהר געווארפען א פארדעכטיגען בליק. ער האט ניט געגלויבט זיינע אויערען... ווער ווייסט, אפשר וויל זי ווייטער עפּעס אפּטאן.

— גלויב מיר, יואל דוד, אז איצט מיין איך מיט מיין גאנצען הארצען. קום לאמיר אריינגעהן אין צווייטען צימער.

יואל דוד איז נעגאנגען מיט לאנגזאמע טריט און יאכע איז איהם נאכגעגאנגען.

— ווען זיי זיינען שוין געווען אין צימער, האט יאכע געפרעגט:

— וואו איז חנה'לע?

— זי איז ביי זיך אין צימער.

— געה, רוף זי אריין, איך בעט דיך יואל דוד.

— א, ניין, זי וועט ניט געהן, איך ווייס... איהר האט זי שטארק באליידיגט!

— נו, וועל איך זי איבערבעטען. צוליב דעם בין איך איצט געקומען, געה רוף זי אריין.

— איך ווייס ניט אויב זי וועט וועלען אריינקומען — האט יואל דוד געזאגט.

— אז דו וועסט זי אריינרופען וועט זי אריינגעהן.

— זי האט זיך שוין גענוג געערגערט.

— עס פארדריסט מיר זעהר — האט יאכע געזאגט. איצט אבער האב איך איינגאנצען חרטה און וויל זיך איבערבעטען מיט איהר מאמען. גלויב מיר אז זי וועט פון מיר מעהר קיין שלעכטען ווארט ניט הערען. זאל איך אזוי געזונט זיין.

יואל דוד האט געווארפען נאך א בליק אויף זיין מומע און ער איז לאנגזאם ארויס פון צימער. ער איז צוגעקומען צו חנה'לע'ס צימער און אנגעקלאפּט.

— ווער איז דארט?

— דאָס בין איך, חנה׳לע.

זי האָט אויפגעעפענט די טיר און יואל דוד איז אַריין אינווייניג.

— די מומע איז געקומען איצט אונז ווינשען גליק! — האָט יואל דוד געזאָגט. זי האָט חרטה אויף אַלעס. זי וויל דו זאָלסט אַריינקומען מיט מיר אַהין.

— ניין, איך וועל ניט געהן! האָט חנה אויסגערופען. — זי איז אַ שלעכטע... זי איז אַ מכשפה... איך האָס זי!

— חנה׳לע, וואָס רעדסטו! — האָט יואל דוד זיך אָנגערופען עטוואָס דערשראָקען. — איך ווייס אַז זי האָט ניט גוט געהאַנדעלט, אָבער זי האָט חרטה אויף אַלעס. זי האָט זיך געשוואָרען. קום אַריין. לאָמירביידע הערען וואָס זי האָט צו זאָגען.

— איך קאָן זי ניט אָנקוקען.

— טו עס צוליב מיר, חנה׳לע. עס וועט זיין בעסער אַז עס וועט ווערען שלום. אויב זי וועט ווידער עפּעס אַרויסריידען אַ שלעכט וואָרט, וועלען מיר ביידע אַרויס פון צימער... טו מיר די געפעליגקייט, חנה׳לע.

— אויב דאָס איז דיין פאַרלאַנג, וועל איך עס טאָן! — האָט חנה׳לע איהם געוואָלט ווייזען אַז זי איז אימער גרייט איהם צו פאָלגען, — כאָטש איך האָב מעהר ניט קיין צוטרוי צו איהר רייד. איך בין איהר חושד אַז זי טראָגט זיך אַרום מיט בייזע כוונות.

מיט אַ געהויבענעם קאָפּ איז חנה׳לע נאָכגעגאַנגען יואל דוד׳ן. זיי זיי־נען אַריין אין צימער. יאַכע איז זיי אַנטקעגען געקומען.

— אוי, קינדערלאַך, זאָל גאָט געבען איהר זאָלט ביידע זיין געזונט און גליקליך... איך בעט דיך, חנה׳לע, זיי מיר מוחל וואָס איך האָב פריהער גערעדט צו דיר אַזוי — איז יאַכע צו איהר צוגעגאַנגען און זי אַרומגע־נומען און אַ קוש געטאָן. — ביזטו מיר מוחל?

די טרערען האָבען אַ שפּאַר געטאָן פון חנה׳לעס אויגען.

— זאָל אייער מזל שיינען! — האָט יאַכע געזאָגט — איך זעה אַז איהר זייט ביידע אַ באַשערטער זיווג פון גאָט.

יואל דוד איז אויך גערירט געוואָרען פון זיין מומע׳ס רייד. ער האָט געזעהן אַז זי איז ערנסט, אַז זי מיינט עס מיט׳ן גאַנצען האַרצען. ער האָט אַ קעהר געטאָן זיין קאָפּ און געווישט די טרערען פון זיינע אויגען.

זעצט זיך ביידע, קינדערלאַך — האָט יאַכע געזאָגט — איך וויל זיך מיט אייך דורכריידען.

חנה׳לע האָט ווידער געגומען פאַרדעכטיגען. דאָס איז געווים אַז אַנדער מיטעל ווי אַזוי צו ווירקען אָפּצולייגען די חתונה. זי גלויבט אַז מיט איהרע זיסינקע רייד וועט זי קאָנען בעסער פּועל׳ן ביי זיי.

זי האָט זיך צוגעזעצט און געקוקט מיט חשד אויף יאַכע׳ן.

נאָך אַמאָל ווינש איך אייך, קינדערלאַך, פון טיפען האַרצען געזונט און גליק. מיר זאָלען אַלע האָבען נחת פון אייך... הער זיך איין, חנה׳לע. ווען איך בין אַוועק פון דיין מאַמע׳ס קראָם האָב איך פּלוצלונג איינגעזעהן

די גרויסע עוולה וואָס איך באַגעה געגען אייך אַלעמען. עס איז דאָך באַשערט פון גאָט, טאָ ווי קאָן אַ מענש זיך מישען... און וואָס מעהר איך האָב געטראַכט פון דעם, אַלץ מעהר האָב איך איינגעזעהן וואָס פאַר אַ טייער קינד דו ביזט, און ווי גליקליך יואל דוד וועט זיין מיט דיר... דאָן האָט מיך אַ שטאַרקע חרטה אַנגענומען און איך האָב באַשלאָסען צו בעטען ביי אייך מחילה. נו, חנה'לע, זאָג מיר, ביזטו מיר מוחל?

חנה'לע האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף יע.

— אָ, דו ביזט דאָך אַזאַ איידעל קינד, אַזאַ טייער און גוט קינד, — האָט יאַכע זי ווידער געקושט. — איך ווייס ניט וואו זיינען מיינע אויגען פריהער געווען... איך זאָג אייך אַז איך וועל וואַרטען מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג פון אייער חתונה... איך זעה איצט איין אַז עס איז טאַקע ניט קיין בייז אַז מען האָט חתונה יונג... איך בעט דיך, חנה'לע, טו מיר בלויז איין טובה, אַז דו וועסט מיר ניט ענטזאַגען.

— חנה'לע האָט נאָך אַמאָל געוואָרפען אויף יאַכע'ן אַ פאַרדעכטיגען בליק.

— דו ווייסט דאָך געוויס, אַז איך בין געווען אין דיין מאַמע'ס קראָם און דאָרט זיך צוקריגט מיט דיין מאַמען. איך זעה איין אַז עס איז געווען אינגאַנצען מיין שולד. איך שעהם זיך פּשוט צו קומען דיין מאַמע'ן אין די אויגען... איך בין אַזוי געווען אויפגערעגט און צעטומלעט אַז איך האָב ניט געוואוסט וואָס איך רייד... איצט וויל איך אַז דו זאָלסט מיט איהר ריידען און בעטען זי אין מיין נאָמען אַז זי זאָל ניט נעמען פאַר אומגוט מיינע רייד און אַז זי זאָל מיר אויך מוחל זיין... איך וועל זיין אין מיין שטוב און אַז דיין מאַמע וועט זאָגען אַז זי איז מיר מוחל און טראָגט אויף מיר ניט קיין כעס וואָלט איך זעהר געוואָלט אַז יואל דוד זאָל מיר קומען זאָגען און איך וועל אַרויפגעהן...

— דו הערסט, חנה'לע, זאָל מיר גאָט אַזוי העלפען, ווי יעדעס וואָרט, וואָס קומט אַרויס איצט פון מיין מויל, קומט אויך פון מיין האַרצען... יואל דוד, זאָג מיר, גלויבסטו מיר איצט?

— יע, מומע, איך גלויב אייך!

— וועסטו טאָן אַזוי, אויב חנה'לעס מאַמע וועט זאָגען אַז זי איז מיר מוחל, וועסטו אַרונטערקומען מיר זאָגען...

יואל דוד האָט צוגעשאָקעלט מיט זיין קאָפּ.

— אַ געזונט אין אייך ביידען! — האָט יאַכע אויסגערופען — אַזאַ יאָהר אויף מיר וואָס פאַר אַ שעהנע און טייערע חתן־כלה איהר זייט.

ווען יאַכע איז אַרויס פון הויז, האָט יואל דוד געוואָרפען אַ שמייכעל צו חנה'לען און אַ ציה געטאָן מיט זיינע פּלייצעס.

— גאַנץ אָפּט איז מיר שווער צו פאַרשטעהן מיין מומע'ן — האָט ער געזאָגט. — זי האָט אין זיך אי גוטעס און אי שלעכטעס.

— גלויבסטו אַז זי איז ערנסט, אַז זי האָט געמיינט אַלעס וואָס זי האָט נאָר וואָס געזאָגט.

— יע, איך גלויב, — האָט יואל דוד געזאָגט. איך קאָן זי זעהר גוט און איך וויים ווען זי איז ערנסט און ווען ניט.

— אָבער ווי אַזוי קומט עס אין איהר אַזאַ פּלוצלינגע ענדערונג? — וואונדערט זיך חנה'לע.

— מיין מומע קאָן זיך ענדערען זעהר שנעל און דערפאַר האָב איך זיך ניט גענומען שטאַרק צום הארצען וואָס זי האָט פריהער גערעדט.

אין אָוונט ווען ריינקע און ר' מרדכי זיינען געקומען אהיים, האָט חנה'לע גלייך דערצעהלט איהר מאַמע'ן וועגען יאַכע'ס צווייטען באַזוך. און ווען ריינקע האָט אויסגעדריקט איהר צווייפעל, האָט חנה'לע געזאָגט אַז זי קאָן פרעגען יואל דוד'ן.

ריינקע האָט געפרעגט יואל דוד'ן און ער האָט אויך געזאָגט דאָס זעלבע.

— וואַרט, איך מוז עס דערצעהלען דעם טאַטען — האָט ריינקע גע־זאָגט צו חנה'לען. לאָמיר הערען וואָס ער זאָגט דערצו.

ריינקע האָט איהם איבערגעגעבען די רייד פון חנה'לען און יואל דוד'ן און זיך אָנגערופען:

— וואָס זאָגסטו אויף דעם, זי וויל איך זאָל איהר מוחל זיין!

— זי האָט זיך ארומגעזעהן אַז זי וועט דאַרפען זיך ארויסקלייבען פון אונזער דירה און אַז יואל דוד וועט איהר אויפהערען צאָהלען דעם רובעל א וואָך, נו האָט זי חרטה...

— טאָ וואָס זאָגסטו, ווי זאָל איך האַנדלען!

— עס וועט זיין א סך בעסער אַז עס וועט הערשען שלום. זאָג יואל דוד'ן אַז דו ביזט איהר מוחל און זאָל זי ארויפקומען עסען מיט אונז אָוונד־ברויט.

— איך וועל טאָן אַזוי, איך וועל הערען וואָס זי זאָגט איצט. מיך וועט זי שוין ניט קאָנען נאַרען. איך וועל וויסען אויב זי איז ערנסט צי ניט.

ריינקע האָט געזאָגט יואל דוד'ן ער זאָל ארונטערגעהן צו זיין מומען און זי בעטען קומען עסען אָוונד־ברויט.

יואל דוד האָט אַזוי געטאָן און ער איז ארונטער צו זיין מומען.

— נו, וואָס, יואל דוד'ל?

— מאַדאַם סטראַשון האָט אייך איינגעלאַדען צו אָוונד־ברויט, — האָט יואל דוד געזאָגט.

— "מאַדאַם סטראַשון"... פּאָלג מיר יואל דוד, עס פּאַסט ניט פאַר דיר דו זאָלסט זי רופען "מאַדאַם סטראַשון". רוף זי מאַמע, ווייל זי איז דאָך ווירקליך צו דיר ווי א מאַמע... זיי זיינען טייערע מענשען... א דאַנק דיר, א לויב דיר, גאָט, וואָס דו האָסט מיין ליבען פּלימעניק אריינגעבראַכט אין אַזאַ טייער הויז ביי אַזוינע פיינע איידעלע מענשען. זאָל נאָר גאָט געבען דו זאָלסט דאָרט זיין גליקליך.

זי האָט זיך איינגעהילט אין איהר שאַל און איז מיט יואל דוד'ן ארויף אויבען.

— אַ גוטער אָוונט! — האָט זי באַגריסט ר׳ מרדכי׳ן און ריינקע׳ן.

— אַ גוטער יאָהר! — ענטפערט איהר ריינקע. — קומט זעצט זיך.

יאַכע האָט זיך געזעצט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און דאַן געזאָגט:

— איך וויל צום ערשטען אונז אַלעמען ווינשען מזל טוב און גליק. זאָל גאָט געבען אַז מיר זאָלען אַלע דערלעבען צו האָבען נחת פון זיי און פון זייערע קינדער און אייניקלאַך... גלויבט מיר, מאַדאַם סטראַשון, ווען איך זאָג אייך אַז איך ווייס ניט וואָס האָט מיט מיך היינט אינדערפריה פּאַסירט... איך בין מן הסתם ניט געווען ביי מיין פולען זינען, אַז איך זאָל האָבען אייך אַלעמען פאַרשאַפט אַזוי פיל עגמת נפש... אַזאַ יאָהר אויף אונז אַלעמען וואָס פאַר אַ אמת טייערער זיווג דאָס איז. זאָל זיי גאָט ביידען געבען לאַנגע געזונטע און גליקליכע יאָהר.

— אָמן! — האָט ריינקע אויסגערופען און אין איהרע אויגען האָבען זיך טרעהרען געשטעלט — איך מוז אייך זאָגען, יאַכע, אַט איצט רעדט איהר ווי יואל דוד׳ס אַ מומע.

— אַזאַ יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר אַ טייערע דימענטענע קינד אייער חנה׳לע איז — האָט יאַכע געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — איך בין זיך מודה אַז איך האָב ביז היינט ניט געוואוסט ווי זי אָפּצושאַצען. זי איז דאָך אַ מלאך, אַזאַ ליב גוטהאַרציג קינד! גאָטעניו, זאָל זי נאָר זיין גליקליך מיט איהם און ער מיט איהר. זייט מיר מוחל, איך בעט אייך, פאַר די עגמת נפש וואָס איך האָב אייך פאַרשאַפט.

ריינקע האָט זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען מיט איהר מאַן. זי האָט ניט געגלויבט איהרע אויערען. ערשט פריהער מיט עטליכע שעה צוריק האָט זי זיך געקאָכט און געשטורעמט. זי האָט געשריען אַז זי וועט ניט דערלאָזען מען זאָל איהר פּלימעניק אומגליקליך מאַכען, איהם פיהרען ווי אַ שעפעלע צו דער שחיטה... און טאַקע צוליב אָט די דאָזיגע רייד האָט זי יאַכע׳ן אַרויסגעטריבען פון קראָם... און איצט בענשט זי גאָר איהר טאָכ־טער. זי שווערט זיך אַז חנה׳לע איז אַ טייער קינד... וואָס האָט טאַקע מיט איהר פּאַסירט? פאַרוואָס איז אין איהר פאָרגעקומען אַזאַ פּלוצלונגע ענ־דערונג? עס איז ביי איהר קיין צווייפעל ניט אַז זי מיינט עס איצט מיט׳ן גאַנצען האַרצען... עפּעס האָט געמוזט פּאַסירען.

— איך זעה אַז איהר זייט נאָך שוין מיר אַלץ אָנגעשטויסען — האָט יאַכע געזאָגט — גלויבט מיר, זאָלען מיר אַזוי אַלע דערלעבען נחת ביי אונזערע אייניקלאַך, ווי איך בין איצט העכסט צופרידען פון דעם שידוך און מיט מיין גאַנצען האַרצען האָב איך חרטה אויף מיינע אַלע פריהער־דיגע רייד... אַלעס וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך איז, איהר זאָלט מיר ענט־שולדיגען...

— אַז איהר האָט חרטה, זיינען מיר צופרידען, און אויב אַזוי זייט איהר דאָך טאַקע אַ מחותנת׳טע...

יאכע האט זיך אויפגעהויבען פון איהר פלאץ און איז צוגעגאנגען צו ריינקע'ן און זי געגומען קושען:

— נאך אמאל, זאל זיין מיט מזל און מיט גליק! זאל גאט געבען אז איהר זאלט זוכה זיין צו פיהרען אייער לאה'לען צו דער חופה און אויך אייערע אייניקלאך...

קאפיטעל איין-און-צוואנציג

איצט אז מען האט שוין מעהר ניט באדארפט האלטען יואל דוד'ס און חנה'לעס חתונה בסוד, האט מען זיך ערשט גענומען צו מאכען די נויטיגע הכנות. די נייטארין פלעגט קומען דריי מאל א טאג מיט דער חופה קלייד אנצומעסטען חנה'לען. זי האט שוין איז איין וועג געגייהט אנדערע זאכען פאר איהר. דער שניידער איז שוין פארטיג געווארען מיט יואל דוד'ס גאר־ניטור און ער האט גענומען פאר איהם נייען נאך א בגד.

א וואך פאר דער חתונה האבען זיך ריינקע און ר' מרדכי אוועקגע־זעצט צוזאמען מיט חתן כלה און מען האט אויסגעארבייט א רשימה פון נעמען, וועלכע דארפען איינגעלאדען ווערען צו דער חתונה. מיט גרויס פארזיכטיגקייט האבען זיי באטראכט יעדען נאמען, געוואויגען און געמאס־טען די מעלות און חסרונות פון יעדען גאסט.

— איך וועל מוזען איינלאדען אויך ר' שמעון'ען — האט ר' מרדכי געזאגט.

— איהם? ניין, ער איז דאך געווארען אונזער גרעסטער שונא — האט ריינקע פראטעסטירט.

— אבער פארגעס ניט, אז ער איז גבאי ראשון און אויב די אנדערע גבאים און חשוב'ע בעלי בתים וועלען געבעטען ווערען צו דער חתונה, טא ווי קאן איך איהם אויסלאזען?... וואס הייסט, דעם גבאי ראשון וועט מען ניט פארבעטען צו דער חתונה פון ווילנער שטאדט חזן!

— ווי אזוי אבער קאנען מיר איהם בעטען צו דער חתונה, ווען מיר ווייסען אז ער ווינשט אונז ניט קיין גוטעס... צוליב וואס מיינסטו האט ער געשיקט רופען יאכע'ן מיט איניגע טעג צוריק? איך ווייס פאר וואס. ער האט געמיינט אז אפשר וועט איהם מיט איהר הילף געלינגען איבערצו־ריידען מיט יואל דוד'ן... מיר דארף מען קיין פינגער אין מויל ניט אריינ־לייגען. איך פארשטעה... יאכע האט אבער ניט געוואלט געהן צו איהם און איצט ווילסטו איהם בעטען צו דער חתונה.

— אויב ער וועט האבען שכל וועט ער אליין ניט קומען. אבער עס איז מיין פליכט איהם צו פארבעטען...

— איך האב מורא אז מיר וועלען האבען אונאנגענעמעס פון איהם.

— וועגען דעם בין איך גראד ניט באזארגט — האט ר' מרדכי אויס־גערופען — איך וועל אויך איינלאדען יודעל אפאטאוו'ן צו דער חתונה און פאר איהם ציטערט ר' שמעון. ער וועט שווייגען ווי א קאטינקע.

ווען זיי האָבן שוין געהאַט פאַרטיג געמאַכט די רשימה פון די געסט האָט ר׳ מרדכי געשיקט לאה׳לען זי זאָל רופן טאָדרעס דעם אונטער־שמש, וועלכער איז אויסער זיין שמשות אויך געווען א ״בעטער.״

טאָדרעס איז געווען א איד מיט א שפּיציגע געלע געדיכטע בערדעל מיט א באוואַקסענעם קאָלטען האָר, מיט צוויי קליינע אויגען וואָס פלעגען זיך שנעל באוועגען אין די אויגען לעכער. ער פלעגט ריידען מיט א ניגון און שטענדיג אויסלאָזען מיט א קוויטש. ער איז געווען א פּראָסטער חי וקים און די אידען האָבען איהם געקיבעצט.

— הער נאָר דו טאָדרעס, פאַרוואָס איז היינט אַזוי קאַלט אין קלויז, דו האָסט זיך געפוילט אריינצולייגען נאָך א פּאָר שטיקלעך האָלץ?

— טאָדרעס, פאַרגעס ניט צו קומען צו מיר אין הויז און מיטנעהמען די יאָהרצייט ליכט, ווייל מאָרגען האָב איך יאָהרצייט — האָט זיך איינער געוויצעלט.

— טאָדרעס, מיין ווייב האָט געהאַט א אינגעל, קום מאָרגען אריין און איך וועל דיר געבען די נעמען פון די וועלכע איך וויל דו זאָלסט פאַרבעטען צום ברית!

צו א ברית אָדער צו א חתונה פלעגט טאָדרעס ניט דערלייגען. פאַר יעדען גאַסט וואָס ער פלעגט ״בעטען״ צו א ברית פלעגט ער באַקומען א זעקסער (דריי קאָפּיקעס) און פאַר יעדען גאַסט צו א חתונה פלעגט ער קריגען א צעהנער (פינף קאָפּיקעס). פאַר צושטעלען א מנין צו אן אבל פלעגט ער באַקומען א פּעים (א קאָפּיקע און א האַלב) פאַר א אידען. פון דעם פלעגט ער זיך דורכלעבען. קיין שכירות פאַר זיין אונטער שמש פלעגט ער ניט באַקומען, אויסער דעם וואָס ער פלעגט דאָרט שלאָפען אויף דער לאַנגער באַנק נעבען אויווען.

לאה׳לע איז אוועק אין קלויז. די טיר איז געווען אָפען. טאָדרעס האָט מיט א קליינעם שפּריצער באַשפּריצט די פּאָדלאָגע און גענומען קעהרען די בלאָטע און שטויב.

— טאָדרעס, מיין טאַטע וויל דיך זעהן! — האָט לאה׳לע אויסגעד־רופען.

— דיין טאַטע? ווער ביזטו? — האָט טאָדרעס אוועקגעשטעלט דעם בעזים און צוגעגאַנגען צו דער טיר. — אָה, ר׳ מרדכי סטראַשונ׳ס טאָכטער!

— קומט גלייך, טאָדרעס!

— יאָ, איך קום באַלד. איך וויים, דיין עלטערע שוועסטער חנה׳לע נעהט חתונה האָבען מיט׳ן ווילנער שטאָדט חזן... א קליינינקייט! אוי איז דאָס א חזן — האָט ער אויסגעלאָזען מיט א קוויטש — אָט קום איך באַלד, די מינוט גנה איך! און שנעל ווי א ווייכער איז ער אוועק צו ר׳ מרדכי סטראַשונ׳ס הויז.

— אָ, גאָט העלף אייך! — מזל טוב אייך. אם ירצא השם ביי זיי

אויף א ברית וועט איהר נאך מיר ווידער שיקען, — האט טאדרעס אנגע־וויזען אויף חנה׳לען און יואל דוד׳ן.

— זעץ זיך, טאדרעס — האט ר׳ מרדכי א זאג געטאן — דו וועסט דאך באלד ווערען אן עושר. גיב נאר א קוק אויף דער רשימה... דו זעהסט אהן עין הרע אזוי פיל אידען. קוק דורך. דו ווייסט וואו יעדער איינער וואוינט?

—א שאלה! — האט טאדרעס אויסגערופען, נאכדעם ווי ער האט דורכגעקוקט די רשימה פון נעמען — בלינדערהייט וואלט איך געטראַ־פען צו זיי.

— פאנג טאקע אן באלד. דו געה אריין צו יעדען איינעם לויט דער ארדנונג ווי איך האב אנגעצייכענט.

טאדרעס האט נאך אמאל אריינגעקוקט אין דער ליסטע און גענומען שאקלען מיט׳ן קאפ.

— וואס איז טאדרעס?

— אט דער יודעל אפאטאוו? — האט ער מיט זיין פינגער אנגע־וויזען אויף דעם נאמען יודעל אפאטאוו.

— וואס געפעלט דיר ניט יודעל אפאטאוו?

המ... ערשט א פאר וואכען פאר פסח בין איך ביי איהם געווען האט ער מיד א נעהם געטאן פאר׳ן קאלנער און ארונטערגעשלײדערט פון אלע טרעפ.

— פאהוואס?

— זאל איך אזוי וויסען פון בייז!.. קומט אריין א איד אין קלויז און בעט ביי מיר טלית און תפילין. נאכדעם ווי ער האט געענדיגט דאווגען גיט ער מיר צוריק דעם טלית און תפילין און זאגט צו מיר: ״טאדרעס, דו ווילסט פארדינען א צעהנער?״ זאג איך יא.

נעהמט ער ארויס א צעהנער און זאגט צו מיר, לויף אריבער צו יודעל אפאטאוו׳ן און זאג איהם אז דאס פערד איז אין דעם שטאהל. איך ווייס ניט פון קיינע קונצען. מען שיקט מיך מיט א שליחות און דערצו האב איך נאך געקראגען באצאהלט, נעהם איך און איך לויף צו יודעל אפאטאוו׳ן אין הויז. איך קום אריין און זאג אז איך וויל זיך זעהן מיט איהם. קומט ארויס יודעל אפאטאוו צו מיר און רופט זיך אן: ״וואס ווילסטו, טאדרעס?״

— דאס פערד איז אין שטאהל! — זאג איך איהם און וויל שוין געהן צוריק. כאפט ער מיך אן פאר׳ן ארבעל, און פרעגט מיך, ווער האט דאס דיך געשיקט זאגען? קוועטש איך מיט די פלייצעס און ענטפער איהם: ״איך ווייס ניט״.

נעהמט ער מיך שוין אן מיט ביידע הענט ביי די לאצען און פאנגט מיך אן טרייסלען ווי א לולב: ״ווער האט דיך געשיקט צו מיר?״ זאג איך איהם: א איד!

— וועלכער איד, ווי רופט מען איהם? זאג איך, איך ווייס ניט. פאר־שטעהט איהר ר' מרדכי, פון גרויס איילעניש האב איך פארגעסען איהם צו פרעגען זיין נאמען... ער גלויבט מיר אבער ניט, שווער איך איהם ביי מיין בארד און פאות, אז איך ווייס ניט. כאפט ער מיך אן פאר'ן קאלנער, גיט מיר א בריק במחילה, און איך קייקעל זיך ארונטער פון אלע טרעפ. א גליק, הערט איהר, וואס איך האב דאן געטראגען מיין שווערען וואטאווען מאנטעל, אז ניט וואלט אין מיר קיין איינציג גאנצער גליד ניט פארבליבען. ווייזט אויס אז יודעל אפאטאוו איז א איד א כעס'ן...

— האב קיין מורא ניט, טאדרעס, — האט ר' מרדכי מיט א שמייכעל זיך אנגערופען — פאר דעם וואס דו וועסט איהם קומען בעטען צו מיין טאכטער'ס חתונה מיט יואל דוד'ן, וועט ער דיר ניט ארונטערשליידערען פון די טרעפ.

— איך ווייס?... עס קאן דאך זיין אז ער וועט זיך דערמאנען וואס איך האב דאן געזאגט און ער וועט מיך ווידער ארויסטרייבען.

— איך זאג דיר אז ער וועט דיר קיין שלעכטעס ניט טאן... פאר־שטעהסטו מיך, א חתונה איז ניט קיין פערד... אלעס וואס דו וועסט דארפען איהם זאגען איז, אז ר' מרדכי סטראשון פארבעט איהם מיט זיין פרוי צו דער חתונה פון זיין טאכטער חנה'לע מיט דעם ווילנער שטאדט חזן יואל דוד. און ער וועט דיר קיין שלעכטעס ניט טאן... צייל איבער וויפיל מענשען דו האסט.

טאדרעס האט גענומען ציילען טייטלענדיג מיט זיין פינגער אויף יעדען נאמען.

ווען ער איז געקומען ביז אין מיטען פון דער רשימה, האט ער זיך גענומען קראצען אין פאטילניצע.

— וואס ווייטער, טאדרעס?

— איך האב זיך צעטומעלט, איך ווייס ניט וואו איך האלט.

— צייל איבער נאך אמאל פון אנפאנג.

טאדרעס האט ווידער גענומען ציילען און דאן געזאגט:

— הונדערט מיט צעהן אידען!

— צוויי מאל האסטו געציילט און דו האסט געמאכט א טעות! — האט איהם ר' מרדכי געזאגט — דו ביזט גאר קיין געשעפטסמאן ניט... דו האסט געקאנט פארלירען פערציג קאפיקעס. ניט הונדערט מיט צעהן נאר הונדערט מיט אכצעהן מענשען. דו האסט געמאכט א טעות אין אכט מענ־שען. א צעהנער א גאסט, מאכט עס אויס פערציג קאפיקעס.

— זאלט איהר געזונט זיין ר' מרדכי... אוי ווי גוט עס איז צו האנד־לען מיט אן עהרליכען מענשען.

— נו, וואס שטעהסטו, דו דארפסט באלד אנפאנגען געהן איינלאדען די געסט. דו ווייסט דאך אז קיינער וועט ניט זיין איינגעלאדען דעם לעצטען טאג.

— איך געה שוין, איך געה! — האָט טאָדרעס געזאָגט — א גוטען! ער האָט א קוש געטאָן די מזוזה און איז באַלד פאַרשוואונדען געוואָרען.

— אַט דער יודעל אַפּאַטאָוו וועט שוין זעהן צוימען ר׳ שמעונ׳ען — האָט ר׳ מרדכי זיך אַנגערופען צו ריינקע׳ן — זיי זיינען דאָך געוואָרען די גרעסטע שונאים... איך וועל דאַרפען האָבען יודלען פאַר א בייטש איבער איהם. איך האָב אויסגעפונען אז יודעל אַפּאַטאָוו ווערט רייכער מיט יעדען טאָג... עס פאַרשטעהט זיך אז מען מורמעלט... אָבער וועמען אַרט עס... יודעל האָט מיר געזאָגט, אז ער וועט ניט רוהען ביז וואַנען ר׳ שמעון וועט ווערען אוים גבאי ראשון... און איך האָב געהערט אז ר׳ שמעון ציטערט פאַר איהם. עס איז מעגליך אז ווען ער וועט אויסגעפינען אז יודעל איז אויך געבעטען צו דער חתונה, וועט ער אליין געפינען אַ אויסרייד און ער וועט ניט קומען.

— הלואי! איך וואָלט געוועז זעהר צופרידען. איך קאָן ניט אַנקוקען חאַשע׳ן און ניט ביילקע׳ן...

— נו, זאָל דאָס זיין אונזער לעצטע דאגה... יאָ, איך האָב דיך געוואָלט פרעגען, ריינקע, האָסטו זיך דורכגערעדט מיט יאַכע׳ן וועגען דעם וואָס ר׳ שמעון האָט נאָך איהר געשיקט?

— איך דאַרף זיך מיט איהר ניט דורכריידען. איך ווייס שוין אַלעס... נאָר אז זי האָט חרטה אויף דעם וואָס זי האָט געטאָן, לויגנט זיך ניט אָפּצו־פּרישען די וואונד.

— אָבער וואָס איז פאָרגעקומען?

— פאַרשטעהסטו, יאַכע האָט געמיינט אז ר׳ שמעון וועט איהר אוועק־נעמען יואל דוד׳ן פון אונז, איז זי צו איהם אוועק זיך דורכריידען, האָט זי אויסגעפונען אז ער וואָלט איהם גאָר געוואָלט אליין נעהמען פאַר אַן איידעם און אז זי האָט א קוק געטאָן אויף ביילקע׳ן, איהר איהר פינסטער געוואָרען אין די אויגען און איז שוין געוועז צופרידען וואָס חנה׳לע איז זיין כלה...

— פון וואַנען ווייסטו עס?

— חנה׳לע האָט מיר ערשט פריהער דערצעהלט.

— און פון וואַנען האָט זי עס אויסגעפונען?

— יואל דוד האָט איהר דערצעהלט.

— און יואל דוד?

— יאַכע האָט זיך מיט איהם נעכטען דורכגערעדט און זי האָט איהם דערצעהלט דעם גאַנצען אמת. זי האָט איהם געזאָגט אז זי איז צופרידען וואָס זי איז געגאַנגען צו ר׳ שמעונ׳ען, ערשט דאָן האָט זי איינגעזעהן איהר טעות און זי האָט באַלד חרטה באַקומען... איצט פאַרשטעהסטו שוין פאַר־וואָס שמעון האָט נאָך איהר געשיקט?

— נו, אויב אזוי איז שוין אַלעס רעכט!...

— איך האָב נעכטען באַשטעלט א קלייד פאַר יאַכען... און איך וועל איהר אַנטלייהען מיין גאָלדענעם בראַנזלעט... זי איז דאָך עפּעס א

מחותנת'טע... נו, א דאנק דיר, א לויב דיר רבונו של עולם .איך האב זיך געשראָקען, אַז מיר וועלען פון איהר האָבען צרות... איצט איז זי גאָר א געביטענע. דו וואָלסט באדארפט זעהן ווי זי קושט און האלזט חנה'לען, ווי זי ווינשט איהר אלדאָס גוטס. און זי מיינט עס! איך ווייס ווי אונטערצור־שיידען צווישען אמת'ע גליקוואונשען און געמאכטע.

— איך האב דיר דאך געזאָגט אז דו זאָלסט זיך ניט נעהמען צום הארצען, מאלע וואס יאכע רעדט...

— וואס רעדסטו? דו ווייסט גאנץ גוט אז א קאץ קאן אויך קאליע מאכען. יאכע וואָלט געקאָנט אונז אַנטאָן א סך שאָדען און ווער ווייסט אויב מיר וואָלטען געקאָנט דורכפיהרען די חתונה. אָבער איך בין העכסט צופרידען אז זי האט זיך אזוי שטארק געענדערט צום בעסערען... לויט ווי זי זאגט אין חנה'לע גאָר ביי איהר די אויגען אין קאָפּ.

קאפיטעל צוויי-און-צוואנציג

גאנץ ווילנע איז געגאנגען אויף רעדלעך. אלע האָבען גערעדט וועגען דער חתונה פון דעם יונגען ווילנער שטאָדט-חזן מיט ר' מרדכי סטראשונ'ס טאָכטער. יעדער איז געווען פאראינטערעסירט אויסצוגעפינען וואס מעהר איינצעלהייטען וועגען דער וויכטיגער געשעהעניש.

טאָדרעס דער "בעטער" האט פארענדיגט זיין שליחות. ער האט פאר־בעטען אלע געסט וועלכע זיינען געווען פארצייכענט אויף דער רשימה. ער איז געקומען א טאָג פאר דער חתונה און איבערגעגעבען ר' מרדכי'ן די רשימה.

— נו, ר' מרדכי, איך האב מיינס געטאָן, יעדען איינעם האב איך פארבעטען.

— עס האט דיר אָבער גענומען אזוי לאנג! — האט ר' מרדכי איהם געזאָגט.

— וואס האב איך געקאָנט טאָן! כמעט יעדער איינער צו וועמען איך בין אריינגעקומען בעטען צו דער חתונה האט מיר גענומען שטעלען פראַ־גען. ווי און וואס? וויפיל נדן? און אז איך האב געזאָגט אז איך ווייס ניט, האט מען מיך ניט געגלויבט. מען האט מיך פארהאלטען. אזוי האב איך קוים באוויזען פארטיג צו ווערען ביז היינט.

— נו, אויב אזוי, דארף מען דיר באצאָהלען — האט ר' מדרכי ארויסגענומען א ביטעל פון זיין קעשענע און ער האט איהם אָפּגעציילט זעקס זילבערנע רובעל.

— קומען קומט דיר לויט דעם חשבון בלויז פינף רובעל און נייצניג קאָפּיקעס, נאָר איך גיב דיר גאנצע זעקס רובעל. פארשטעהסטו, איך וויל אז דו זאָלסט זיך נאָך אמאָל אריבערכאַפּען צו רפאל בדחן און זאָגען איהם אז איך וויל זיך מיט איהם היינט נאָך אמאָל דורכריידען. און אין איין

וועג זאָלסטו אַריינגעהן צו אַברהם כּלי זמר און איהם זאָגען אַז איך וועל איהם מוסיף זיין פינף רובעל, אַבער ער וועט דאַרפען קומען אַ שעה פריהער און אַפּשפּילען פאַר די אָרימע לייט, וועלכע וועלען זיין אין דעם זייטיגען צימער פון זאַל.

טאַדרעס האָט צוגענומען די זילבערנע רובלס. זיינע אויגען האָבען זיך צעגלאַנצט, שוין לאַנג ווי ער האָט אַזאַ גרויסע סומע ניט אַנגעזעהן.

— אַ דאַנק אייך ר׳ מרדכי, זאָל גאָט געבען איהר זאָלט האָבען נחת פון אייער טאָכטער. איהר זאָלט זוכה זיין צו פיהרען אייערע אייניקלעך און אוראייניקלעך צו דער חופּה. אָט געה איך צום בדחן און צום כּלי זמר.

באַלד איז אַריינגעקומען ריינקע. איהר פּנים איז געווען צעפלאַמט. זי איז נאָר וואָס געקומען פון דעם חתונה זאַל וואו זי האָט פאַרבראַכט מיט די קעכינס און די סאַרווערס. זי האָט אַנגעשטעלט נאָך עטליכע ווייבער וועלכע האָבען געהאָלפען פּליקען די פעדערען פון די גענז, קאַטשקעס און היהנער און שאַבען די פיש... זי האָט געהאַט פיעל עגמת נפש... זי האָט געשריען אויף די קעכינס, אויף דעם בעקער.

— לויט ווי איהר אַרבייט וואָלט מען געקאָנט מיינען אַז מיר האָבען נאָך אַ גאַנצע וואָך צו דער חתונה... איהר פאַרגעסט אַז מאָרגען ביינאַכט איז די חתונה. גאָט מיינער, ווען וועט איהר מיט אַלעם פאַרטיג ווערען!

— פאַרלאָזט זיך אויף מיר, מאַדאַם סטראַשון! — האָט איהר די עלטערע קעכין בארוהיגט — אַלעס וועט זיין אין צייט און ווי איהר ווינשט... עס איז ביי מיר קיין עין הרע ניט די ערשטע חתונה... וואָס מיינט איהר, עפּעס אַ קלייניגקייט... עס איז דאָך אַזאַ כּבוד פאַר אונז אַלעמען צו־צוגרייטען פאַר דער חתונה פון דעם טייערען ווילנער שטאָדט־חזן. איין זאַך וועל איך אייך בעטען, שיקט ניט אַהער זיין מומע יאַכע, ניט נאָר זי העלפט אונז גאַרניט, נאָר זי שטערט אונז.

איך קאָן זי ניט אָפּהאַלטען. נאָך אַלעמען איז זי דאָך אויך אַ מחותנת׳טע. זי וויל זיין דאַביי... עס וועט ניט שאַדען. זאָל זי אַמווייניגסטען אַכטונג געבען מען זאָל גאַרניט צעשלעפּען... אָט האָט זי נעכטען געכאַפּט אַ אידענע וועלכע האָט אַריינגעלייגט אין דער קעשענע פון איהר פאַרטוך פּיער געגזענע לעבערלעך און פּופּקעס... מען דאַרף זיי היטען, די בלוט זויגער.

— מעהר וועט עס שוין ניט פּאַסירען. איך האַלט שוין אויף אַלעם אַן אויג. פאַרשטעהט איהר מיך, מאַדאַם סטראַשון, איהר האָט געבראַכט פלי־קערקעס פון גאָס... דער גוטער יאָהר ווייסט ווער זיי זיינען... ווען איהר וואָלט זיך איינגאַנצען אויף מיר פאַרלאָזען, וואָלט קיין איין לעבערעל ניט פאַרפאַלען געגאַנגען... פאָלגט מיך, געהט רוהט זיך אויס... איהר האַלט זיך דאָך קוים אויף די פיס... מאָרגען וועט איהר דאַרפען האָבען אייערע קרעפטען...

— איך וועל זיך נאָך אַמאָל דורכריידען מיט די סאַרווערס — האָט

ריינקע זיך אנגערופּען — זיי וועלען דאַרפען וויסען ווי אזוי זיך צו באַגעהן מיט די אָרימע לייט... איך וויל אז מען זאָל זיי ניט באַליידיגען, און אין דער זעלבער צייט זאָל מען אכטונג געבען אז איינער זאָל ניט קריגען צוויי פּאָרציעס און דער צווייטער גאָרניט.

— אָט איז דער הויפּט סאָרווער, רעדט זיך דורך מיט איהם — האָט די קעכען אָנגעוויזען אויף א מיטעליעהריגען אידען מיט אן אָרונטערגע־שאָרען בערדעל.

ריינקע האָט זיך מיט איהם דורכגערעדט און ער האָט אַלעס אויסגע־הערט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— איך פאַרזיכער אייך אז מיר וועלען די קבצנים אויך גאַנץ פיין באַהאַנדלען. זיי וועלען ניט שילטען. זיי וועלען בענשען חתן כלה... גלויבט מיר... עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל.

ריינקע איז אַוועק אַהיים און דאָרט האָט זי אויך געטראָפען אָרד־נונג. די דינסט איז געווען דאָרט אין חתונה זאָל און לאה'לע האָט געבאַלעבאַטעוועט אין הויז.

— געה, לאה'לע, א געזונט אין דיר, שיק אַרויף יאָכע'ן, איך וויל מיט איהר ריידען — האָט ריינקע זיך אָנגערופען און איז גלייך אַריין אין צוויי־טען צימער. דאָרט האָט זי געטראָפען חיה שרה די נייטאָרין און חנה'לען. זי האָט צום לעצטען מאָל אָנגעמאָסטען די חופּה קלייד. די מאַמע האָט באַ־טראַכט איהר טאָכטער און טרערען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

— זאָל אזוי לייכטען און שיינען דיין מזל מיט דיין חתן'ס ווי שעהן און ליכטיג דיין פּנים איז, מיין טייערע טאָכטער! — האָט ריינקע זי א קוש געטאָן — נו, חיה שרה'לע, ווי געפעלט אייך די כלה!

— אזא יאָהר אויף מיר און אויף אַלע אונזערע גוטע פריינד — האָט חיה שרה זי באַטראַכט אַפּרוקענדיג זיך עטליכע טריט — זאָל גאָט געבען אז זיי זאָלען זיין גליקליך זייער גאַנצען לעבען... און איך זאָל זוכה זיין צו נייען א חופּה קלייד פאַר חנה'לעס א טאָכטער.

ריינקע האָט באַטראַכט די חופּה קלייד און איהר האָט זיך געדוכט אז עפּעס ליגט זי נאָך ניט אזוי גוט.

— חיה שרה לעבען, גיט נאָר א קוק, דאַרף מען דאָ עפּעס ניט אַריינ־נעהמען?

די נייטאָרין איז צוגעגאַנגען נעהנטער און באַטראַכט. זי האָט א ריהר געטאָן מיט איהר האַנט און זיך אָנגערופען.

— וואָס רעדט איהר, מאַדאַם סטראַשון? די קלייד ליגט דאָך אויף איהר ווי אויסגעגאָסען... ניין, מען דאַרף גאָרניט טאָן...

— איהר זייט גערעכט — האָט ריינקע צוגעגעבען — מיר האָט זיך געדוכט.

— נו, איצט. חנה'לע, טהו זי אוים — האָט די נייטאָרין געזאָגט און

איהר געהאָלפען אַרונטערנעמען די קלייד — איך ווינש דיר נאָך אַמאָל גליק — האָט זי איהר אַ קוש געטאָן — דו נעהמסט אַ חתן, חנה׳לע, אַזאַ יאָהר אויף אַלע אידען... קיין גלייכען צו איהם איז דאָך ניטאָ אין גאַנץ ווילנע.

— ווילנע, זאָגט איהר? — רופט זיך אָן ריינקע מיט שטאָלץ, — און אין וואַרשע? גלויבט מיר, אַזאַ קינד מיט אַזאַ שטים איז איינער אין צעהן מיליאָן...

— נו, גאָט צו דאַנקען, חנה׳לע האָט פאַרדינט אַזאַ חתן... זיי וועלען זיין אַ געבענשטע פּאָרעל... איצט, חנה׳לע, האָסט שוין אַלעס פאַרטיג!

— זאָגט מיר, חיה שרה, וואָס קומט אייך? — פרעגט איהר ריינקע.

— מיר וועלען זיך שוין אויסרעכענען אַם ירצה השם נאָך דער חתונה — האָט חיה שרה געזאָגט.

— ניין, זאָגט מיר איצט... איך וויל אַלעמען באַצאָהלען פאַר דער חתונה...

חיה שרה האָט איהר געגעבען דעם חשבון און ריינקע האָט איהר באַצאָהלט. די נייטאָרין האָט איהר נאָך אַמאָל צוגעוואונשען גוטעס און זי איז אַוועקגעגאַנגען.

יאָכע איז אַרויפגעקומען און ריינקע האָט זיך צו איהר אָנגערופען.

— אוי, געזונט זאָלט איהר זיין יאָכע לעבען, איהר מוזט אַריבערגעהן אין חתונה זאָל, איך זאָג אייך אַז מען קאָן זיך אויף פרעמדע ניט פאַר־לאָזען... מען גנב׳עט, מען ברייננגט אַ סך אין ניוועץ. אימיצער מוז דאָרט אַכטונג געבען... אַגב זאָלט איהר זאָגען דער קעכין אַז זי זאָל מאַכען גענוג פּיראָשקעס, עס זאָל קלעקען אויך פאַר די אָרימע לייט... עס וועלען אפשר זיין אַ פופציג אָרימע לייט...

יאָכע איז געווען צופרידען מיט אַזאַ שליחות... זי האָט זיך געפיהלט גאַנץ וויכטיג. זי איז אַ מחותנת׳טע. זי איז דאָך די איינציגע קרובה פון חתן׳ס צד... זי האָט ליב געהאַט צו באַלעבאַטעווען, שרייען און פילדערווען און זאָגען דעות אין דער גרויסער קיך. די קעכינס האָבען פאַר איהר נע־ציטערט און האָבען געטאָן אַלעס וואָס יאָכע האָט זיי געהייסען.

איבערהויפּט האָט זי גוט אַכטונג געגעבען אויף די פרעמדע ווייבער וועלכע האָבען געשאָבען פיש און אַז זי האָט באַמערקט ווי אַ אידענע לייגט אַריין אַ פיש אונטער איהר פאַרטוך, איז זי צו איהר באַלד צוגעקו־מען, אַרויסגעשלעפּט די פיש און גענומען איהר פּאַטשען מיט דער פיש איבער׳ן פּנים.

— אַזאַ גנב׳טע! האָט איהר געזעהן? נעהמט און גנב׳עט אַ שלייען. אַרויס פון דאַנען, גנב׳טע! אַ שלייען האָט זיך איהר פאַרוואָלט! וואָס, זי קריגט ניט באַצאָהלט פאַר איהר אַרבייט?

די אידענע איז קוים מיט איהר לעבען אַנטלאָפען און די איבעריגע אידענעס האָבען נאָך מיט מעהר פלייס זיך גענומען צום שאָבען.

יאַכע איז שוין פון דאָרט ניט אָפּגעטראָטען ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז וואַנען אַלע פרעמדע ווייבער זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט זייער אַרבייט.

די הויפּט קעכין האָט זיי אַלעמען באַצאָהלט, און ווען אַלע ווייבער זיינען שוין אַוועק, איז דאָרט פאַרבּליבּען איין אידענע.

—הערט זיך איין, נעהמט ניט פאַר אומגוט — האָט די אידענע אין דער שטיל געזאָגט — אָט יענע ווייבעל, וועלכע האָט גענומען דעם שלייען, איז מיינע א שכנה... זי איז אַן אַלמנה מיט פינף קינדער. זיי הונגערען אַלע. זי האָט גענומען דעם פיש פאַר איהרע יתומים.

— זי האָט קיין רעכט ניט געהאט צו גנב'ענען ! — האָט די קעכין א געשריי געטאָן.

— אָבער זי האָט דאָך געאַרבייט א גאַנצען טאָג און זי וועט פאַר דעם גאָרניט קריגען.

— שיקט זי אַרויף אַביסעל שפּעטער — האָט די קעכין געזאָגט.

— זי וועט זיך שעהמען אַרויפצוקומען. איך בעט אייך גיט מיר פאַר איהר דאָס געלט, איך וועל עס איהר אָפּגעבען.

— זאָג איהר אַז זי האָט זיך ניט וואָס צו שעהמען, זאָל זי אַרויפ־קומען. זיין מומע וועט דאָ ניט זיין, — האָט די קעכין געזאָגט, — פון וואַנען ווייס איך אַז דו וועסט איהר אָפּגעבען דאָס געלד ?

— זאָל איך אַזוי זיין א מאַמע צו מיינע קינדער, — האָט יענע גע־שוואָרען. די קעכין האָט איהר געגעבען דאָס געלד זי זאָל איבערגעבען יענער אידענע.

קאַפּיטעל דריי-און-צוואַנציג

אין אָווענט נאָך מעריב, נאָכדעם ווי מען וועט אָפּצעהלען דריי־און דרייסיג טעג אין עומר, וועט פאָרקומען די חתונה פון יואל דוד'ן און חנה'לע.

חתן־כלה האָבען געפאַסט דעם גאַנצען טאָג. חנה'לע איז די גאַנצע צייט געווען אין איהר צימער. די מאַמע איז מיט איהר געווען ביז בייטאָג און נאָכהער איז אונטערגעקומען די מומע חוה, און זי האָט מיט איהר זיך גע'סוד'עט. זי האָט מיט איהר גערעדט וועגען זאַכען וואָס א פאַרהייראַטע פרוי דאַרף וויסען. ריינקע'ן איז אָנגעקומען שווער צו ריידען מיט איהר טאָכטער וועגען אַזעלכע דעליקאַטע זאַכען, אָבער חוה איז געווען מעהר דרייסט. זי האָט איהר געגעבען צו פאַרשטעהן וואָס איהרע פליכטען זיינען...

די יונגע, קוים פופצעהן יאָהריגע כלה, האָט זיך גערויטעלט. איהרע אויגען האָבען געברענט... זי האָט ניט געקוקט איהר מומע'ן אין די אויגען... זי וואָלט געווען מעהר צופרידען ווען איהר מאַמע רעדט מיט איהר וועגען דעם... אָבער חוה האָט געהאט פון דעם א באַזונדערע הנאה. זי האָט גע־מערקט ווי חנה'לעס באַקען פלאַמען, ווי איהרע אויגען פלאַקערען, און זי האָט מיט איהר גענומען ריידען נאָך מעהר אָפען.

— א פרוי דאַרף שטענדיג טאָן דעם ווילען פון איהר מאַן. זי דאַרף זיין געהאָרכזאַם, געטריי און איבערגעבען צו איהר מאַן מיט איהר גאַנצען לייב און לעבען, — האָט חוה איהר געלערענט, — זי דאַרף זיך האַלטען ריין און ציכטיג און זי מוז זעהן אַלע מאָל צו געפעלען איהר מאַן. זי האָט איהר געזאָגט "אין דער הייליגער גמרא איז געשריבען אַז צוליב דריי עבירות שטאַרבען פרויען אין קימפּעט: ווען זיי היטען ניט אָפּ נדה, חלה און ליכט בענשען".

די מומע חוה האָט פאַר איהר געמאָלען די אַנדערע געפאַהרען וואָס לויערען אויף א פרוי וועלכע איז ניט אָפּגעהיט אין די אַלע זאַכען צו צוליב וואָס קליינע קינדער געהען יונגערהייד פון דער וועלט.

ריינקע איז גראַד דאַן פאַרבייגעגאַנגען דעם צימער און דערהערענדיג ווי איהר טאָכטער וויינט, איז זי אַריינגעקומען.

— גאָט איז מיט דיר, חוה, פאַרוואָס וויינט זי? — האָט ריינקע זיך געווענדעט צו איהר שוועסטער.

— עס איז גאַרניט! נישקשה, זאָל זי זיך אויסוויינען איצט, וועט זי דערפאַר ניט דאַרפען וויינען שפּעטער. יעדע כלה דאַרף זיך אויסוויינען אין דעם טאָג פון דער חופּה, וועט גאָט געבען אַז זי זאָל זיין לוסטיג און פרעהליך איהר גאַנצען לעבען.

— חוה איז אַרויס מיט ריינקע'ן פון צימער און איבערגעלאָזט די כלה אַליין אויף א ווילע.

— וואָס האָסטו מיט איהר גערעדט? — פרעגט ריינקע איהר שוועסטער.

— איך האָב צו איהר גערעדט דאָס וואָס מען באַדאַרף רײדען צו א כלה אין דעם טאָג פון איהר חופּה, — האָט חוה מיט א לייכטען שמייכעל געזאָגט, — אין אמת'ן איז עס גאָר א מאמע'ס פליכט צו רײדען מיט איהר טאָכטער פאַר דער חתונה, אָבער איך זעה דאָך אַז דו ביזט פון די שעמעוודיגע, האָב איך עס געטאָן.

— אָבער זי איז דאָך נאָך אַזוי יונג! — האָט ריינקע געזאָגט.

— ווייל זי איז יונג דאַרף מען איהר אַלעס ערקלעהרען. וואָס איז דאָס? א קלייניגקייט די פליכטען פון א פרוי צו איהר מאַן... איך קען דיר ניט פאַרשטעהן, שוועסטער לעבען, פאַרוואָס די שעהמסט זיך מיט איהר צו רײדען וועגען אַזעלכע זאַכען!

— עס איז ניט דאָס, חוה, — האָט ריינקע געזאָגט, — דו דאַרפסט דאָך פאַרשטעהן, אַז דערווייל זיינען זיי ביידע צו יונג... עס וואָלט ניט געשאַדט ווען מען רעדט מיט איהר אין א יאָהר אָדער צוויי אַרום.

— וואָס רעדסטו, ריינקע? איצט איז די צייט צו רײדען מיט איהר, און גלויב מיר, אַז עס וואָלט ניט געשאַדט ווען דיין מאַן זאָל זיך אויך דורכרײדען מיט יואל דוד'ן.

— וואָס רעדסטו, חוה, מרדכי וועט מיט איהם ניט רײדען וועגען

אַזעלכע זאַכען. דו זעהסט דאָך, אַז איך האָב ניט געקענט ריידען מיט מיין אייגענע טאָכטער, וועט ער ריידען צו איהם?..

— און ווער וועט איהם זאָגען וועגען זיינע פליכטען צו זיין פרוי? — פרעגט חוה.

— וועגען דעם וועט שוין זאָרגען ר׳ שלמה׳לע. מיר האָבען באַשלאָסען אַז גלייך נאָך דער חתונה זאָל יואל דוד לערנען ביים רב אין הויז אַ פּאָר שעה אַ טאָג. און מסתמא וועט ער שוין מיט איהם לערנען וועגען זאַכען וואָס האָבען צו טאָן מיט׳ן פאַרהייראַטען לעבען. ר׳ שלמה אַליין האָט עס פאַרגעשלאָגען. ער האָט געזאָגט אַז ער וועט אין זיין פרייע צייט דאַרפען לערנען גמרא ביי איהם. אַזאַ וואונדערבאַרער חזן ווי ער דאַרף זיין געלערנט אין אידישקייט. ער וועט שפּעטער, פאַר ימים נוראים, דאַרפען איינשטודירען מיט אַ כאָר און עס וועט זיין אַ סך בעסער פאַר איהם ווען ער וועט קענען לערנען.

יואל דוד איז געזעסען אין זיין צימער. ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר וואָס ר׳ שלמה׳לע, דער רב, האָט איהם געגעבען. ר׳ מרדכי האָט אָנגעזאָגט אַז מען זאָל איהם ניט שטערען. די בעסטע זאַך וועט זיין ווען ער וועט זיך געפינען אין זיין צימער און די כלה אין איהר צימער כדי זיי זאָלען זיך ניט זעהן אין דעם טאָג פון זייער חופה.

נאָך מיטאָג איז געקומען ר׳ שלמה און ער איז גלייך אַריינגעגאַנגען צו יואל דוד׳ן. ער האָט מיט איהם פאַרבראַכט אַ האַלבע שעה, און ריינקע האָט פאַרשטאַנען אַז ער איז געקומען איהם איבערצוגעבען ווי אַזוי זיך נוהג זיין בעת ער וועט שטעהן אונטער דער חופה.

אין חתונה־זאַל איז שוין אַלעס געווען פאַרטיג. דער ריח פון די געפילטע פיש און די פרישע חלה און פיראָשקעס האָט זיך דערטראָגען אין הויף. די טישען זיינען געווען פיין געדעקט מיט ווייסע טישטוכער, די ליכט האָבען שוין געברענט אין די הענגלייכטער און איינציגווייז האָט מען אָנגעצונדען די בליץ־לאָמפּען.

אין קיך צווישען די קעכינס און סאַרווערס האָבען זיך געדרעהט יאַכע, חוה און אַנדערע קרובים וועלכע זיינען געקומען איינטיילען די חלקים. דערווייל האָבען זיי אַלץ פאַרטיג געמאַכט פאַר די אָרימע לייט. יאַכע אַליין האָט צושניטען די גרויסע קיטקעס חלות וואָס זיינען געווען געל פון די זאַפראַן. זי האָט איבערגעצעהלט די לעפעל, די גאָפּעל און די מעסער, און אָנגעזאָגט דעם הויפּט סאַרווער אַז ער זאָל גוט אַכטונג געבען אַז מען זאָל ניט גנב׳ענען קיין געשיר.

— מען דאַרף די קבצנים היטען מיט טויזענד אויגען, — האָט זי געזאָגט.

— איהר מיינט אַז אַן אָרעמאַן דאַרף זיין אַ גנב! — האָט דער סאַרווער זיך אָנגערופען — איך בין שוין געווען סאַרווער אויף פילע חתונות און הלואי ווייטער, עס האָט קיינמאָל קיין זאַך ניט געפעהלט. איהר דאַרפט

ניט פארגעסן, יאכע, אז די אלע ארימע לייט וועלכע זיינען געלאדען צו דער חופה־וועטשערע זיינען געקליבענע, זיי זיינען אלע עהרליכע לייט.

— מען קען קיינעם ניט געטרויען, — האט יאכע געזאגט, — הלואי פארדין איך דאס אלע חודש וואס מען האט צושלעפט די עטליכע טעג וואס מען גרייט צו פאר דער חתונה, וויפיל אידענעס האב איך אליין געפאקט ביים האנד. יא, עס וועט ניט שאדען אז מען וועט האלטען אן אויג אויף די שנארער.

יאכע איז אוועק זיך איבערטאן. ווען זי איז שוין געקומען אן אויסגעפוצטע אין איהר נייע קלייד מיט די צירונג וואס רייקע האט איהר געליהען, און ווען חוה האט עס דערזעהן האט זיך אין איהר צוברענט די קנאה. פארוואס האט איהר שוועסטער איהר ניט געגעבען אט דעם גאל־דענעם בראסלעט און די פאטשערקעס? אמת, אויך זי האט געבארגט ביי ריינקע'ן אביסעל צירונג, אבער דעם בראנזלעט האט זי זעהר געוואלט, נאר זי האט זיך געשעהמט צו בעטען ביי איהר שוועסטער, און איצט האט זי עס געגעבען יאכע'ן.

דאס צימער פאר די ארימע לייט איז שוין געווען אפען. און באלד נאך מעריב האבען די ארימע לייט גענומען שטראמען. ביי דער טיר איז גע־שטאנען טאדרעס דער אונטער־שמש וועלכען האט געהאט די אויפזיכט אי־בער די קבצנים. ער האט שוין יעדען איינעם גוט געקענט און ער האט געוואוסט וועמען ער דארף אריינלאזען און וועמען ניט.

טאדרעס איז געשטאנען ביי דער טיר ווי א געטרייער הונט און האט געשריען מיט א קוויטש אויף די העכסטע טענער. ער האט געטריבען די ניט געבעטענע און אומגעוויגשטע קבצנים.

— אוועק פון דאנען, איך וועל דיר דיין קאפ צופלעטען, — האט ער זיך פארמאסטען מיט זיין שטעקען אויף אן ארעמאן, — ווער האט נאך דיר געשיקט?! א מחותן, ער קומט!

יענער האט גענומען אפטרעטען און אין טאדרעס'ן אריינגעשאטען עטליכע קללות. טאדרעס'ן אבער האט עס געקימערט ווי פאר־א־יאהריגער שנעע, ער איז געווען שטאלץ ארויסצוצייגען זיין מאכט. א גאנץ יאהר איז ער אונ־טערטעניג, ער קומט נאך אלע קאפריזען פון די בעלי־בתים, מען שרייט אויף איהם, מען שאפט זיך מיט איהם און ער איז געהארכזאם, נאכגיביג און איז גרייט אויסצופאלגען אלע באפעהלען... היינט אבער איז ער וויכ־טיג... היינט גיט ער באפעהלען, וועמען ער וויל, לאזט ער אריין, און ווער עס געפעלט איהם ניט, פארטרייבט ער מיט זיין שטעקען... זאלען די שנאָ־רער זעהן אז זיי דארפען אנקומען צו איהם און זיי וועלען האבען פאר איהם מעהר דרך ארץ... אז איינער פון די ארימע לייט האט ארויסגעוויזען אבי־סעל חוצפה צו איהם האט ער זיך ניט געפוילט און איהם טאקע דערלאנגט מיט זיין שטעקען אז יענער האט געמוזט מאכען פליטה.

באלד איז אנגעקומען אברהם דער קלעזמער מיט זיין קאפעלע, וואס

איז באשטאנען פון צוויי פידלען, פון א באס, פון דריי טראמפייטען און א פויק.

אברהם האט ארומגעזוכט ר׳ מרדכי סטראשון. און אז יאכע האט איהם געזאגט, אז זיי וועלען קומען שפעטער, האט ער א ברום געטאן:

— אויב ער וויל, אז מיין קאפעלע זאל פריהער שפילען פאר די קבצנים, וועט ער מוזען א סך מעהר באצאהלען ווי מיר האבען אפגעמאכט... פון די קבצנים קאנען מיר גאר ניט ערווארטען.

— אבער איהר האט זיך דאך באדונגען מיט איהם. ער האט אייך גע־געבען נאך מעהר ווי איהר האט פארלאנגט, — האט יאכע זיך אנגערופען צום קלעזמער.

— עס איז ניט נענוג. פאר שנארער האב איך ניט ליעב צו שפילען.

— א פיינע זאך! איצט איז א צייט זיך צו דינגען! — האט יאכע זיך אויף איהם צעשריען! — פארוואס האט איהר פריהער ניט געזאגט, וואל־טען מיר קריגען אנדערע קלעזמער! וואס, עס פעהלען קלעזמער אין ווילנע!

— אוי, זייט איהר א חכמה א אידענע! — האט אברהם געזאגט. — וואס מיינט איהר, וויפיל אזעלכע חתונות מאכען זיך אין ווילנע? פאר־וואס זאלען מיר ניט קריגען באצאהלט ווי עס באדארף צו זיין?... פארוואס זאלען מיר שפילען אומזיסט פאר די קבצנים?

— וואס עפעס אומזיסט? איהר קריגט דאך באצאהלט פאר דעם!

— האט זיך יאכע צעשריען. — איך וויים, אז איהר קריגט א הוספה. געהט אריין אהין, די ארימע לייט האבען זיך שוין פארזאמעלט, שפילט אפ פאר זיי, ווייל באלד וועלען אנהויבען קומען די געסט און איהר וועט מוזען פארבלייבען דא אין זאל!

אברהם האט א וואונק געטאן צו זיין קאפעלע און זיי האבען זיך א נעהם געטאן צו די "כלים".

זיי זיינען אריינגעקומען אין דעם גרויסען צימער, וואו די ארימע לייט האבען זיך געפונען. אלע זיינען געזעסען ביי די טישען און געגעסען. מען האט געקאנט הערען קריגעריען און זידלערייען פון די, וועלכע האבען געכאפט שטיקער חלה און געלעגט אין קעשענע און פון די וועלכע האבען עס ניט געטאן.

די קלעזמארים האבען אפגעשפילט א וויוואט. איינינע שנארער מיט צעריסענע שיך און צעפליקטע קאפאטעס האבען זיך אוועקגעלאזט טאנ־צען... די אנדערע האבען געטופעט מיט די פים און געפאטשט מיט די הענט.

אברהם, דער קלעזמער האט געשפילט בלויז צוויי זאכען און ער איז באלד צוריק אריין אין גרויסען זאל. דארט האבען שוין אנגעהויבען קומען די מחותנים, די קרובים און די איינגעלאדענע געסט.

ר׳ מרדכי און יואל דוד זיינען אנגעקומען אין דעם עקיפאזש און זיי זיינען אריינגעקומען אין דעם חדר מיוחד וואס איז געווען באשטימט פאר׳ן חתן. דארט איז ער פארבליבען אליין, און ר׳ מרדכי איז דערווייל אריינ־געקומען אין זאל. ער האט זיך ארומגעקוקט אויב אלעס איז אין ארדנונג.

דאן האט ער באגריסט די ערשטע אנגעקומענע געסט, וועלכע האבען איהם אפגעגעבען א הארציגען מזל טוב און איהם צוגעוואונשען צו האבען נחת פון זייביידען.

דערווייל איז אריינגעלאפען אין זאל טאדרעס, דער אונטער־שמש, א פארסאפעטער און פארשוויצטער.

— וואס איז געשעהן, טאדרעס? — פרעגט איהם ר' מרדכי.

— נאר וואס איז געקומען צו לויפען רפאל בדחן'ס ווייב — האט טאדרעס אויסגערופען קוים אפכאפענדיג זיין אטעם — און האט מיר געזאגט אז איהר מאן, דער בדחן איז הייזעריג ווי די וואנט.

— וואס? רפאל בדחן איז הייזעריג! — האט ר' מרדכי אויסגערופען — א פיינע זאך.. וואס הייסט ער נעמט און ווערט פלוצלונג הייזעריג.

— ווען איך האב מיט איהם היינט אין דער פריה גערעדט — האט טאדרעס געזאגט — האב איך שוין געהערט ווי ער פירכעט, אבער ער האט מיר געזאגט, אז זיין ווייב וועט פאר איהם מאכען א "גאגעל מאגעל" און ער וועט קאנען קומען פראווען זיינע בדחנות... ווייזט אבער אויס, אז דער "גאגעל מאגעל" האט איהם ניט געהאלפען.

— נו, און וואס טוט מען איצטער? — האט ר' מרדכי אויסגערופען און ער איז געבליבען שטעהן א באזארגטער.

— אט קומט אן יודעל אפאטאוו — האט אימיצער אויסגערופען — אפשר ווייסט ער פון אן אנדערען בדחן?

יודעל אפאטאוו איז געווען אנגעטאן אין א גאנץ פיינעם אנצוג, ווי אן אמת'ער מחותן. ער האט איבערגעלאזען זיין ווייב נעבען חוה'ן און איז צוגעגאנגען צו ר' מרדכי'ן.

— נו, מזל טוב אייך ר' מרדכי — האט איהם יודעל געגעבען זיין האנט. וואס, פארוואס זייט איהר אזוי פארזארגט?

— ווי געפעלט אייך אזא מעשה? איך מאך אפ מיט רפאל בדחן ער זאל קומען צו דער חתונה און ער בעט מיך א רובעל אז אדרויף, און איך האב איהם געגעבען. איצט קומט זיין ווייב און זאגט, אז ער וועט ניט קאנען קומען. זי זאגט אז ער איז הייזעריג ווי די וואנט... ערשט נעכטען רייד איך מיט איהם און מיר מאכען אפ... און היינט איז ער הייזעריג.

— איך קאן עס ניט פארשטעהן.

— אויב איהר ווילט עפעס הערען, וועל איך אייך עפעס זאגען, ר' מרדכי — האט יודעל אפאטאוו זיך אנגערופען — איך זאג, אז רפאל בדחן איז ניט הייזעריג... נאר וואס דען. דא איז פאראן עפעס א שמד־שטיק... איך האב נעכטען באמערקט ווי אייער גוטער פריינד ר' שמעון, שמועסט זיך דורך מיט רפאל בדחן... און ביי מיר איז רעכט צו גלויבען, אז ער האט איהם עפעס געגעבען און געווירקט אויף איהם, ער זאל אייך אפטאן אויף טערקיש און ניט קומען. ווארום ער זאל זיין אמת, אז ער איז הייזעריג געווארען, האט מען אייך געקאנט אנזאגען פריהער, וואלט איהר נאך צייט געהאט צו קריגען אן אנדערען בדחן.

— מעגליך אַז איהר זייט גערעכט — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט — איך מיין אָבער אַז קיין גרויסער אומגליק איז עס ניט. מילא, וועט מען זיך באַגעהן אָהן אַ בדחן...

— אַ חתונה אָהן אַ בדחן איז עפּעס ווי אַ קוגעל אָהן שמאַלץ — האָט יודעל געזאָגט — וואַרט צו, וואו איז טאָדרעס?

— טאָדרעס קום נאָר אַהער! — האָט יודעל אויסגערופען.

אַ דערשראָקענער און בלאַסער איז טאָדרעס צוגעלאָפען. ער האָט פּאָר יודלען שטאַרק געציטערט, זינט ער האָט איהם אַרונטערגעשלידערט פון די טרעפּ, און איצט אַז ער האָט איהם גערופען, האָט ער מורא געהאַט ער זאָל איהם ניט געבען קיין קלעפּ.

— איצט הערט ר׳ מרדכי, איך האָב פּאַר אייך אַ גוטען בדחן, זיין נאָמען איז מאָטקע און מען רופט איהם מאָטקע חבד. ער איז אַ איד אַ לץ, אַ חכם, אַ פּקח... ער קאָן אייך אַריינזאָגען אין טאַטענס טאַטען אַריין... אָט זעהט נאָר אָט דעם טאָדרעס, ער איז געקומען אַמאָל צו מיר און מיר עפּעס אַ זאָג געטאָן אין נאָמען פון אַ אידען, איז מיר ניט געפעלען געוואָרען און איך האָב איהם אַרונטערגעשלידערט פון אַלע טרעפּ... איז אָבער אויף מאָרגען געקומען מאָטקע חבד און ער האָט מיר געזאָגט כמעט די זעלבע זאַך, און אויף איהם בין איך ניט אין כעס געוואָרען. געהט ווערט אין כעס אויף אַ אַנדערן וועלכער קומט צו אייך און זאָגט אייך, אַז ער וויל אייך עפּעס זאָגען, נאָר איידער ער זאָגט אייך, וויל ער איהר זאָלט איהם אַרונטערשלידערען פון די טרעפּ.

— פאַרוואָס עפּעס איידער דו זאָגסט מיר? — פרעג איך איהם — איך וועל פריהער הערען און דערנאָך דיך אַרונטערשלידערען פון די טרעפּ. פאַרוואָס ווילסטו באַקומען די שטראָף איידער דו זינדיגסט? ענטפערט ער מיר: ווייל אויב איך וועל איהם איצט אַרונטערשלידערען פון די טרעפּ, וועל איך עס טאָן אָהן רוגזה און ער וועט ניט גע׳ניזוק׳ט ווערען. נאָכדעם אָבער ווען איך וועל הערען, וועל איך איהם אַזא שלידער טאָן, אַז קיין איינציג גליד וועט ביי איהם ניט בלייבען. איצט פרעג איך אייך, ר׳ מרדכי, קאָנט איהר שוין זיין אין כעס אויף אַזא אידען, ווי שטאַרק ער זאָל אייך ניט באַליידיגען?

— ווער איז דאָס דער מאָטקע חבד? פאַראינטערעסירט זיך ר׳ מרדכי.

— איך זאָג דאָך אייך, ער איז אַ לץ, אַ וויצלינג, אַז ער זאָגט אייך אַריין אַ וויץ דאַרפט איהר זיך האַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג... פאָלגט מיך און שיקט איהם רופען און באַשטעלט איהם אַלס בדחן צו דער חתונה... איהר און אַלע געסט וועלען הנאה האָבען.

— איך זאָל דערנאָך ניט האָבען קיין אונאַנגענעמעס צוליב איהם!

— איך גאַראַנטיר, אַז אַלע וועלען זיין צופרידען, מען וועט לעקען די פינגער פון אַלע זיינע חכמות, וויצען און המצאות. איך זאָג אייך אַז ער קאָן פאַרשטעקען רפאל בדחן אין אַרבעל.

— און וואו וואוינט ער?

— טאקע ניט ווייט פון דאַנען, הער נאַר טאַדרעס! — האָט זיך יודעל אַפּאַטאַו געווענדעט צו איהם, לויף שנעל אַריבער אויף גיטקע טויבעס זאַוואָלעק, נומער דריי אין מאיר׳קעס הויף און זאָג דאָרט מאַטקע חבד (כאַבאַד), אַז ער זאָל שוין קומען צו דער חתונה פון דעם ווילנער שטאָט חזן... זאָג איהם, אַז ער וועט דאָרט זיין דער בדחן... מאַך דאָס שנעל, יע, זאָג איהם, אַז ער זאָל ניט פאַרגעסען אָנצוטאָן זיין שבת׳דיגע קאַפּאָטע...

טאַדרעס איז אַוועקגעלאָפען צו גיטקע טויבעס זאַוואָלעק, מען האָט איהם אָנגעוויזען אויף אַ קעלער וואו מאַטקע חבד האָט געוואוינט. ער איז צוגעקומען צו דער טיר און ער הערט קולות, שילטערייען און דערנאָך אַ בריאזג פון טעלער. ער האָט ניט געוואוסט זאָל ער אַריינגעהן צי ניט... באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין שליחות און ער האָט אָן עפען געטאָן די טיר און אַ טעלער איז איהם געפלויגען אין קאָפּ.

— קום אַריין, קום אַריין! — האָט מאַטקע חב״ד געזאָגט צו טאַד־רעס׳ן, דו ביזט דאָך געקומען זעהן אַ טרעפּערקע, מיין ווייב זאָג איך דיר איז אַן אויסגעצייכענטע טרעפּערקע, זי טרעפט אַלץ וואָס זי וואַרפט אויס. דו זעהסט דאָך, טאַדרעס, איידער דו האָסט איהר געזאָגט וואָס דו ווילסט, האָט זי שוין ״געטראָפען״...

— דו, שלימזלניק, דו טויגעניכטס! — האָט זיך מאַטעל׳ס ווייב נאָך שטאַרקער צעשריען אויף איהם, ער קאָרמעט מיך מיט זיינע שמד־שטיק, מיט זיינע טרייפענע וויצען אָבער געהן פאַרדינען אַ פּאָר גראָשען אויף קרופּנים, דאָס ניט!

טאַדרעס איז אַ ווײלע געבליבען שטעהן אַ צעטומעלטער... ער האָט זיין מויל ניט געקאָנט עפענען פון שרעק...

— זיי ניט אַזוי צעשראָקען, טאַדרעס — האָט מאַטקע חב״ד געזאָגט —דו האָסט ניט פאַראורזאַכט קיין שום היזק. עס איז ניט געווען קיין גאַנ־צער טעלער. דעם ערשטען האַלבען טעלער האָט זי פריהער געטראָפען אויף מיר...

ר׳ מאַטעל, הערט זיך אײן — האָט טאַדרעס זיך אָנגערופען נאָכדעם ווי ער איז צו זיך געקומען.

— זעהט נאַר, זעהט — האָט זיך זיין ווייב פאַנאַנדערגעלאַכט — ער רופט איהם ״רעב״ מאַטעל! מאַטקע חב״ד רופט מען איהם! אַ קרענק איהם אין די ביינער!..

— און מיין ווייב רופט מען גיטעל, ווייל זי איז אַזאַ ״גוטינקע״ — האָט ער געענטפערט. איצט זאָג מיר טאַדרעס, וואָס פאַרלאַנגסטו?

— איך בין צו אייך געשיקט געוואָרען פון ר׳ מרדכי סטראַשון און פון ר׳ יודעל אַפּאַטאַו... איהר ווייסט דאָך, אַז היינט אין אָוונט קומט פאָר די חתונה פון ר׳ מרדכי׳ס טאָכטער חנה׳לע און יואל דוד, דעם יונגען שטאָט חזן...

— נו, איז וואָס? איך ווייס עס! אפשר זייט איהר מיך געקומען

"בעטעז" צו דער חתונה, איז שוין בעסער, אַז מיין ווייב זאָל געהן, ווייל זי וועט "טרעפען" פונקט וואָס פאַר אַ מזל חתן כלה וועלען האָבען...

— פינסטער זאָל זיין דער מזל פון אונזערע שונאים, וואָס פאַר אַ פינסטערען מזל איך האָב עם מיט דיר...

— איך בעט אייך, הערט מיך אויס, עס איז ניטאָ קיין צייט... רפאל בדחן האָט ר' מרדכי באַשטעלט צו זיין טאָכטער'ס חתונה, איז ער געוואָ־רען הייזעריג ווי די וואַנט, — האָט ר' יודעל אַפּאַטאָוו געזאָגט, אַז איהר קאָנט פאַרנעמען זיין פּלאַץ...

— ער וויל איך זאָל זיין דער בדחן? — האָט מאַטקע געפרעגט.

— יע, איהר זאָלט זיין דער בדחן און משמח זיין דעם עולם! ער וועט אייך פיין באַצאָהלען.

— נו, וואָס זאָגסטו איצט, גיטעל, אַט האָט מען דיר פון הימעל צוגעשיקט אַ "מן" (אַ מאַן) פון וואָס דו וועסט קאָנען מאַכען אַ קרופּניק.

— איילט זיך צו, מאַטעל — האָט טאַדרעס שוין מורא געהאַט זיך צו באַנוצען מיט'ן טיטול "רעב" — די מחותנים וואַרטען. יע, יודעל אַפּאַטאָוו האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל אייך הייסען אָנטאָן אייער יום טוב'דיגען מלבוש.

— גוט! — האָט מאַטקע געזאָגט — איך האָב אַ מלבוש אויף אַלע ימים טובים. ער האָט אַרויסגענומען אַן אַלטען מלבוש וואָס איז געווען צעלעכערט און פאַרלאַטעט און האָט זיך געהאַלטען אינגאַנצען ביים צעשיטען.

— אַט מיט אַזאַ טראַנטע ווילסטו געהן צום גביר'ס חתונה! — האָט גיטעל זיך צעשריען — מען וועט דאָך דיך פון דאָרט אַרויסטרייבען ווי אַ הונט... טו אָן דיין יום טוב'דיגע קאַפּאָטע.

— יע, מאַטעל, אייער ווייב איז גערעכט. די שנאָרער, די קבצנים, וועלכע זיינען געבעטען געוואָרען צו דער חתונה זיינען שוין געקומען אין שענערע מלבושים. עס איז ניט שעהן צו קומען אין אַזאַ צעפּליקטען בגד אויף אַ חתונה!

— אַט דאָס איז מיין יום־טוב'דיגער מלבוש — האָט מאַטקע אַריינ־געקוקט זיינע הענט אין די צעריסענע אַרבעל... קום, טאַדרעס!

טאַדרעס האָט נאָך אַמאָל איהם פּרובירט איבעררעדען אָבער מאַטקע האָט ניט געוואָלט הערען. ער איז מיט איהם אַוועק אין זיין צעריסענעם בגד.

טאַדרעס איז מיט מאַטקע'ן אַריין אין זאַל, ער האָט איהם צוגעפיהרט צו ר' מרדכי'ן, באַלד איז אויך צוגעקומען יודעל אַפּאַטאָוו און דערזעהענ־דיג מאַטקען אין זיין צעפּליקטען און פאַרלאַטעטען מלבוש איז ער צו־געלאָפען אַן אויפגערעגטער צו טאַדרעס'ן און ער האָט מיד אויף איהם צעשריען:

— איך האָב דיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט הייסען מאַטקע'ן אָנטאָן

זיין גוטע קאפאָטע און צום סוף איז ער געקומען אהער אין אזא צעפליקטער קאפאָטע.

— איך האָב איהם געזאָגט, ר׳ יודעל, זאָל איך אזוי געזונט זיין. איך האָב מיט איהם איינגעטענה׳ט, אָבער ער איז באשטאנען, אז דער דאָזיגער מלבוש איז ביי איהם פאר אלע ימים טובים.

דאן איז יודעל שוין צוגעקומען צו מאָטקע׳ן, וועלכער איז געשטאנען נעבען ר׳ מרדכי׳ן און ער רופט זיך אָן צו איהם:

— פע, מאָטקע, ווי שעהמסטו זיך ניט צו קומען צו אזא חתונה מיט אזא צעפליקטען מלבוש, איך ווייס גאנץ גוט, אז דו האָסט אויך א גאנצען מלבוש... ערשט נעכטען האָט איך דיך געזעהן טראָגענדיג א גאנצע קאפאָטע.

— איהר האָט דאָך דורך טאָדרעס׳ן אָנגעזאָגט איך זאָל אָנטאָן מיין יום טוב׳דיגע קאפאָטע, נו, האָב איך איהם געפאָלגט און איך האָב אָנגעטאָן א מלבוש וואָס פאסט זיך גוט צו יעדען יום טוב. פסח איז אין איהם ניטאָ קיין ברעקעל, שבועות איז ער דורך און דורך מיט תיקון, תשעה באב טויג ער אויף קלאָגען, ראש השנה בלאָזט אין איהם פון אלע זייטען, יום כפור טויג ער אויף כפרות, סוכות איז אין איהם קאלט ווי אין סוכה, חנוכה איז ער פול מיט לאָטקעס און פורים צעשיט ער זיך אויף מאָן...

ר׳ מרדכי יודעל און די אנדערע וועלכע זיינען געשטאנען ארום איהם, האָבען זיך הארציג פאנאנדערגעלאכט...

— ניט שלעכט! ניט שלעכט! — האָט יודעל אפאָטאָוו ניט אויפגעהערט צו לאכען.

— גער, טאָדרעס, כאַפּ זיך אריבער צו מיר אין הויז און בעט דער דינסט זי זאָל דיר געבען מיין שבת׳דיגע קאפאָטע — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט.

אז טאָדרעס איז אוועק, האָט ר׳ מרדכי זיך אָנגערופען צו מאָטקע׳ן:

— וואָס, וואָס, א קאפאָטע א גוטע האָסטו שוין פאַרדינט.

אין דער צייט וואָס טאָדרעס איז אוועק קריגען די קאפאָטע פאר איהם, זיינען ר׳ מרדכי און יודעל מיט איהם אריין אין א צימער און האָבען איהם געגעבען די איינצעלהייטען. ווי מען רופט די כלה, איהר מאמען און יואל דוד׳ס מומען, כדי ער זאָל קאָנען פלעכטען זיינע גראמען. ווען ער וועט דארפען זאָגען זיינע בדחנות.

אז ר׳ מרדכי איז ארויס האָט יודעל אפאָטאָוו איהם אריינגעשושקעט אין אויער...

— דו ווייסט, אז ר׳ שמעון פרנס, מיין שונא איז אויך געקומען צו דער חתונה אז דו וועסט האָבען א געלעגענהייט, זאָלסטו עפּעס אריינזאָגען אזוי, אז ער זאָל דערפיהלען א שטאָך אין זיבעטען ריפּ, און דערפאר וועסטו ביי מיר כאפּען א רובעל, אָבער קיינער דארף ניט וויסען, אז איך האָב עס דיר געזאָגט...

— גוט — האָט מאָטקע חב״ד געזאָגט מיט א שמייכעל, ער וועט זיך שוין ביי מיר ניט נארען.

טאדרעס האט געבראכט ר׳ מרדכי׳ס קאפאטע און איבערגעגעבן צו מאטקע׳ן, וועלכער האט גלייך זי אנגעטאן.

— איצט קוקסטו אויס ווי אן אמת׳ער מחותן! — האט יודעל א זאג געטאן. גיב נאר א קוק אין שפיגעל וועסטו זיך אליין ניט דערקענען.

— זאג מיר, מאטקע — רופט זיך אן ר׳ מרדכי צו איהם — איך האף, אז דו וועסט אונז ניט פארשעהמען. ווי איך פארשטעה ביזטו דאך ניט קיין בדחן... מעהר ניט, ר׳ יודעל אפאטאוו גלויבט, אז דו וועסט קאנען משמח זיין דעם עולם מיט דיינע וויצען. דו דארפסט אבער וויסען, אז קיינע גראבע, צוויי־דייטיגע וויצען טארען ניט ארויסגעבראכט ווערען פון דיינע ליפען...

— אז איך וועל פיהלען, אז א גראבער וויץ וויל זיך טאן א גליטש פון מיינע ליפען, וועל איך זיך נאר צעבליפען.

— איך זעה שוין, אז איך וועל זיך אויף דיר קאנען פארלאזען — האט ר׳ מרדכי געזאגט.

באלד האט מען אנגעזאגט, אז די כלה איז אנגעקומען מיט איהר מאמען. אברהם קלעזמער האט געגעבן א קאמאנדע און די קלעזמארים האבען אפגעשפילט א וויוואט לכבוד דער כלה.

דער זאל איז שוין געווען אנגעפילט מיט די געסט... די חשוב׳סטע בעלי בתים פון ווילנע זיינען געקומען צו דער חתונה. אט זיינען שוין גע־קומען ר׳ שמעון מיט זיין פרוי...

אז ר׳ מרדכי האט איהם דערזעהן אנקומענדיג, האט ער באשלאסען זיי אנטקעגען צו געהן און באגריסען. ער האט געפיהלט דורכדעם זיי צו ווייזען, אז ער טראגט זיך ניט מעהר ארום מיט שנאה אין הארצען צו איהם, אז אלץ איז פארגעסען און פארגעבען.

— מזל טוב, אייך — האט ר׳ שמעון דורכגעזייט דורך די ציינער, און זיין פרוי האט אויך עפעס א בורטשע געטאן וואס האט געקלונגען ווי מזל טוב.

— מיט מזל זאלט איהר לעבען! — ענטפערט זיי ר׳ מרדכי — אם ירצה השם ביי אייער טאכטער. קומט, איהר וועט זיך זעצען אט דארט, נעבען אונז! — האט ר׳ מרדכי אנגעוויזען אויף א פלאץ ביים טיש.

זיי האבען זיך געזעצט און ר׳ מרדכי איז פארשוואונדען צו די אנדערע געסט.

ריינקע און איהר שוועסטער מיט יאכע׳ן זיינען געווען מיט דער כלה, וועלכע איז געווען אנגעטאן אין איהר ווייסע חופה קלייד. איהר פנים איז געווען ווייס ווי קאלך פון פאסטען. אט האט זיך דערהערט ווידער דאס שפילען פון די קלעזמער, און איבער׳ן זאל האט זיך צעטראגען דער אויס־רוף: „מען באזעצט די כלה".

די געסט האבען זיך צוזאמענגעקליבען אויבען אן, ריינקע און ר׳ מרדכי האבען אונטער׳ן ארעם ארייגעפיהרט די כלה. איהר פנים איז גע־ווען פארדעקט מיט א שלייער. זי האט קוים געשלעפט איהרע פיס פון שוואכקייט.

אויבעז־אַן איז געשטאַנעז דער פּרעכטיגער שטוהל וואו מעז האָט באַזעצט די כלות. צו אַט דעם שטוהל האָבעז איהרע עלטערעז צוגעפיהרט חנה'לעז. די קלעזמער האָבעז ווידער געשפּילט א וויוואט און דאַן האָט מען א וואונק געטאָן צו מאָטקע חב"ד, וועלכער האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון רפאל בדחן.

ניט אַלע האָבעז נאָך דאַן געקענט מאָטקע חבד'ן, אָבער די וועלכע האָבעז יע געהערט פון איהם, זענען באַלד צוגעקומען נעהנטער מיט צופרידענע שמייכלען אויף זייערע פּנים'ער. זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי וועלען שוין האָבען פאַרגעניגען, אַז מען וועט זיך באַלד דאַרפען קייקלען פון געלעכטער.

מאָטקע איז נאָך דאַן געוועז א יונגער מאַן פון מיטעלעז וואוקס און א דיקליכער. ער האָט געהאַט א רויטען פּנים מיט א פּלאַטשיגער נאָז. זיינע אויגען זיינען געוועז ביסטרע און קלוגע. ער האָט געהאַט א קאָפּ שווארצע האָר מיט א רונד שווארץ בערדעל. ער איז געוועז אָנגעטאָן אין ר' מרדכי'ס קאַפּאָטע וואָס איז אויף איהם געוועז עטוואָס ענגליך און אויפ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען א יאַרמעלקע.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער שטוהל וואו מען האָט באַזעצט די כלה. ער האָט זי באַטראַכט... אַלע האָבען געוואוסט, אַז איצט איז אַן ערנסטער מאָמענט און אפילו מאָטקע חבד, פון וועמענס ליפּען עס איז קיינמאָל ניט אַרונטער א שמייכעל, האָט איצט אויך אָנגעשטעלט אַן ערנסטען פּנים. איצט איז ניט קיין צייט פון וויצען, המצאות און חכמות... "באַזעצען א כלה" איז אַן ערנסטער ענין...

אין זאַל איז געוואָרען שטיל, אַלעמענס אויגען זיינען געוועז געווענדעט צו דער כלה און די אויערען אָנגעשטרענגט צו הערען מאָטקע'ס באַזעצען די כלה.

מאָטקע חב"ד האָט זיך אַרונטערגעבויגען כדי אָנצוקוקען דער כלה'ס פּנים און דאַן האָט ער מיט דעם באַוואוסטען ניגון זיך צעזינגען:

וויין, כלה'לע, וויין,
וועט דיין מזל זיין שעהן,
דער חתן וועט ליב האָבען
נאָר דיך אַליין.

מיט דיר וועט ער שטענדיג געהן
וויוואַט, כלה'לע, זויבער און ריין,
באַלד וועסטו אונטער דער חופּה
מיט דיין חתן שטעהן.

וויין, כלה'לע, פאַרגיס א טרעהר
איצט, פאַר דיין חופּה,

וועסטו פון צער ניט וויסען מעהר . . .
פון קיין בייז און קיין קליפה!

צו דיין חתונה היינט
ווינשען דיר דיינע פריינד:
געזונט און גליק.
א פרעהליכער בליק
זאָל שטענדיג באַגלייטען
דיין וועג פון בלומען־בייטען.

א חתן האָסטו,
אזא מזל אויף אונז אלע —
א שעהנע ביזטו,
א טייערע, ליבע כלה!

יואל־דוד און חנה׳לע,
א זיווג באשערט פון גאָט!
אַי וועט ער זיין א מאַנעלע,
געטריי דעם ערשטען געבאָט . . .

מיט דיר וועט ער זיך תמיד קוויקען,
אויף קיין אנדערע ניט קוקען.
ליעב האָבען וועט ער נאָר דיך אליין,
ווייל דו ביזט שעהן און פול מיט חן.

וויין איצט, כלה׳לע, וויין,
וועסטו שפעטער לאכען.
דיין חתן וועט שוין
אלעס גוט־מאכען . . .

מזל־טוב חתן־כלה —
ווינשען מיר אייך אלע.
צו דער חופה אָט־אָ,
געהט אין א גליקליכער שעה! . . .

מאַטקע חב״ד האָט געענדיגט זיין באזעצען די כלה און די געסט האָבען געשטוינט. קיינער האָט זיך ניט געריכט אז דער לץ און וויצלינג זאָל קאָנען אזוי גוט און ערנסט פראוועז זיינע בדחנות, געפינען די פאַסיגע גראַמען, ניט טראַכטענדיג קיין סך.

באַלד האָבען ר׳ מרדכי, ר׳ שלמה׳לע און דער חזן ר׳ לייב קאַנטאָר

אוועקגעפיהרט יואל־דוד׳ן צו דער חופּה. יואל דוד איז געווען אַנגעטאַן אין זיין שעהנעם שוואַרצען אַנצוג. זיין פּנים איז געווען בלייך פון פאַסטען. זיינע אויגען האָבען געשיינט. ער האָט געטראָגען א הויכע יאַרמעלקע. די קלעזמער האָבען געשפּילט א וויוואַט פאַר׳ן חתן, מען האָט איהם אַרוים־געפיהרט פון זאַל צו דער חופּה, וואָס איז געשטאַנען אונטער׳ן פרייען הימעל.

אין א ווייל־ע אַרום האָבען ריינקע, יאַכע און חוה און די רביצי׳ן ר׳ שלמה׳לעס ווייב, געפיהרט די כלה צו דער חופּה. דער חתן איז געשטאַנען אונטער דער חופּה און די כלה האָט זיך געדרעהט אַרום דעם חתן זיבען מאָל, בעת די קלעזמער האָבען צוגעשפּילט א פּאַסיגע מעלאָדיע. אַלע געסט זיינען אַרוים פון זאַל און אַרומגערינגעלט די חופּה, וועלכע איז געווען באַלויכטען מיט לאַנטערנעס.

נאָכדעם ווי די כלה האָט זיך געשטעלט אונטער דער חופּה, האָט ר׳ לייבעלע געמאַכט אַן אל מלא רחמים צוויי מאָל, איינמאָל פאַר יואל־דוד׳ס פאָטער און דעם צווייטען מאָל פאַר זיין מוטער. עס האָט דאַן אויסגעבראָ־כען אַזא יללה און יאָמער, אַז עס האָט אויסגעקוקט ניט ווי א חתונה, נאָר ווי עפּעס א לויה, חלילה.

יואל־דוד האָט געוויינט, און מעהר פון אַלעמען האָט געוויינט יאַכע. זי האָט געיאָמערט אַזוי הויך, אַז מען האָט זי געמוזט באַרוהיגען. באַלד נאָכדעם איז פאַרגעקומען די חופּה־צערעמאָניע און ווען מען האָט צעבראָ־כען די גלאָז, האָבען זיך פון אַלע זייטען געהערט אויסגעשרייען:

— מזל־טוב!

— מזל־טוב!

באַלד האָט מען דעם חתן און די כלה אַריינגעפיהרט אין זאַל אַריין און ר׳ מרדכי און ריינקע האָבען זיי צוגעפיהרט צו דעם חדר מיוחד וואו זיי זיינען אַריינגעקומען און דאָרט האָבען זיי געגעסען די "גאָלדענע יויך".

אַרום די טישען האָבען זיך די געסט געזעצט — יעדער אויף זיין פּלאַץ. די סאַרווערס האָבען דערלאַנגט די מאכלים און די משקאות, מען האָט געגעסען און געטרונקען.

צווישען איין געריכט צום צווייטען האָט מאָטקע חב״ד גענומען זאָגען זיינע בדחנות, פון וואָס אַלע געסט האָבען זיך געהאַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג.

אָט זיינען חתן־כלה צוריקגעקומען פון זייער חדר־מיוחד און זיך געזעצט אויבען־אָן ביים טיש.

מאָטקע דער בדחן האָט זיך אויפגעהויבען און ער האָט אויסגערופען אַז ער האָט צו פרעגען דעם עולם א סך קשיות. די געסט האָבען אוועקגע־

לעגט גאפעל און לעפעל און האבען געוועגדעט זייערע בליקען צו מאַטקע חב"ד, וועלכער האט זיך אוועקגעשטעלט אויף א שטול אין מיטען זאל און גענומען פרעגען זיינע קשיות מיט'ן ניגון פון "אקדמות":

פארוואס דארף א פויער וואס קאן קיין ברכה ניט מאכען טראגען א
היטעל ?...
און פארוואס האט מען מיין ווייבעל די מרשעת א נאמען געגעבען
גיטעל ?...

פארוואס הייסט מיין שוויגער, וועלכע פארביטערט מיר מיינע יאהרען
— זיסעל ?..
און פארוואס האט זרח'קע דער כאפער ניט צעבראכען כאטש איין
פיסעל ?...

פארוואס הייסט די מארק־אידענע, וואס שילט מיט טויטע קללות —
ברכה ?...
און פארוואס האב איך ביי מיין ווייב אזא פינסטערע מערכה ?...

פארוואס זאל דער נגיד, וואס האט פיינט צו געבען א נדבה, טראגען
דעם נאמען נתן ?
און פארוואס קאן ציפע די בתולה זיך ניט צוקלייבען קיין חתן ?...

פארוואס הייסט מיין שכנה, וואס גיט מיר טאג און נאכט קיין רוה
ניט — מנוחה ?..
פארוואס איז יוסף אנטלאפען פון פוטיפר'ס ווייב — זליכה ?..

וואס איז דער שכל אז דער שטאטישער קברן זאל גאר הייסען חיים ?
און פארוואס זאגט מען אויף צדוק דעם מלוה: ער איז א איד א
ירא־שמים ?

פארוואס הייסט די אלמנה די פארזעהעניש שיינע־ליבע
און פארוואס האט זי באגראבען פיער מענער ? — וואס איז די סיבה ?...

פארוואס יאגט זיך א איד פון א גאנץ יאהר צו ווערען גבאי ראשון ?
און פארוואס ער האלט זיך נאך אויף זיין אמט — זאל איך פון בייז
אזוי ויסען !

דער ערשטער ארויסצושיסען מיט א הילכיגען געלעכטער איז געווען יודעל אפטאוו. און ר' שמעון האט פארשטאנען אז ער האט עם מאטקע'ן אנגעבעטען ער זאל אויך איהם עפעס ארייזאגען. ר' שמעון האט שוין

געוואָלט זיך אויפשטעלען און אוועק פון טיש, אָבער זיין פרוי האָט איהם ניט געלאָזען.

דער גאַנצער זאַל האָט געהילכט פון מאַטקע חב"ד'ס קשיות... מען האָט אַזוי הארציג געלאַכט אַז מען האָט שוין מאַטקע'ן ניט אָפּגעלאָזען, און ביי יעדער "חכמה" וואָס ער האָט ארויסגערעדט האָט מען הילכיג געלאַכט.

ביז פאַרטאָג האָט מען פאַרבראַכט אויף דער חתונה פון חנה'לען מיט יואל־דוד'ן, ווענען אַלע אידען האָבען שוין פון דאַן אָן גערופען "ווילנער באַלעבעסעל". מען האָט געטאַנצט און געהוליעט און גע'שכור'ט... ר' מרדכי און ריינקע, די גליקליכע מחותנים, האָבען געקוואָלען פון נחת.

ווען זיי האָבען זיך שוין אומגעקערט אהיים, האָט ריינקע זיך אָנגע־רופען צו איהר מאַן אין דער שטיל:

נו, אַ דאַנק דיר, אַ לויב דיר, רבונו־של־עולם! אונזער וואונש איז דערפילט געוואָרען... זאָל נאָר גאָט געבען מיר זאָלען פון זיי האָבען נחת...

קאַפּיטעל 24

א הייסער אָווענט אין אָנפאַנג חודש אלול. אין סטראַשונ׳ס הויף, וואָס איז אויף דער ברייטער גאַס אין ווילנא, האָבען זיך גענומען פאַרזאַמלען אידען און אידענעס, יונגע און אַלטע, מאַנכע מיט קליינע קינדער אויף די הענט. דער הויף איז געווען געפּאַקט און מענשען האָבען ניט אויפגעהערט צו שטראָמען.

— ער האָט שוין אָנגעפאַנגען? — האָט דוואָשע, א אידענע אין די מיטעלע יאָהרען, געפרעגט א צווייטער.

— נאָך ניט! אָבער באַלד, באַלד פאַנגט ער אָן. וואָס זאָל איך אייך זאָגען, צו הערען איהם זינגען איז אַן אמת׳ער גן עדן אויף דער וועלט.

— אַ גוט און וואויל איז אייך, זלאַטע, אַז איהר וואוינט אין דעם זעלבען הויף מיט ר׳ יואל דוד׳ן, דעם ווילנער באַלעבעסעל. איהר מוזט איהם שוין א סך הערען זינגען.

— ביז דאָ ניט לאַנג, איידער ער האָט גענומען איינשטודירען מיט דעם כאָר, האָט מען איהם זעלטען געהערט זינגענדיג — האָט זלאַטע געענטפערט. — איצט אָבער הערט מען זיין וואונדערבאַרע זיסע שטימע יעדען אָווענט. יע, איהר זאָגט, דוואָשע, אַז מיר איז גוט און וואויל וואָס איך וואוין אין דעם הויף; וויפיל, אַן ערד, האָט געפעהלט אַז ער זאָל אין גאַנצען געהערען צו אונז... איך מיין ער זאָל ווערען אונזער אידעם... צוליב בלויז איין גערשט איז אַלעס קאַליע געוואָרען...

— איך פאַרשטעה ניט וואָס איהר מיינט, זלאַטע, זאָלט איהר מיר געזונט זיין...

— מיט א יאָהר צעהן צוריק, פּסח צום ערשטען סדר, טרעפט מיין לייבעלע אָן יואל דוד׳ן דעם יתום אין פּאָליש פון שטאָדט שוהל און ער קומט צו אונז צו די סדרים. ער מאַכט קידוש אַז דאָס חיות איז אויסגעגאַנגען. זיינען מיר אַזוי גליקליך צו קריגען אַזא טייערען אורח צו די סדרים. מאַכט זיך מעשה שטן און מיר געפינען א גערשט אין אונזער פּסח׳דיגער זופּ און אַלעס ווערט חמצ׳דיג. מיר האָבען גאָרניט וואָס צו עסען. מילא פאַר זיך ווי פאַר זיך, אָבער דאָס יתומ׳ל נעבעך, וואָס איז ער שולדיג? געה איך שוין אַרויף צו מיין בעל הבית ר׳ מרדכי סטראַשון

און דערצעהלט איהם די גאנצע מעשה. הייסט ער איהם ארויפקומען. נו, מעהר האט ער שוין ניט באדארפט. מען האט איהם שוין פון דארט ניט אפגעלאזען. יע, עס איז שוין איבער צעהן יאהר זינט יואל דוד האט חתונה געהאט מיט ר׳ מרדכי סטראשונ׳ס טאכטער חנה׳לע... מילא, עס ווייזט אויס אז עס איז אזוי באשערט... איך וויים, אז ווען ער האט דערזעהן מיין מירעלע׳ן האט איהם זיין הארץ צו איהר געצויגען... אבער ער איז שוין געווען ביים גביר אין האנט... אי, איז דאס געווען א חתונה. זינט איך לעב האב איך נאך אזא חתונה ניט געזעהן. פארשטעהט איהר מיך, די מאדאם סטראשון האט מיך מיט מיין מאן איינגעלאדען צו דער חתונה. זי האט געוואוסט אז דורך אונז האט זי איהם געקראגען פאר אן איידעם, איך בין עס געווען ווי א מין שרכנ׳טע...

— מען זאגט אז איצט איז ר׳ יואל דוד, דער ווילנער שטאדט חזן, אלט פיער און צוואנציג יאהר, און אויב ער האט חתונה געהאט מיט צעהן יאהר צוריק, הייסט עס אז ער איז געווען פע־צעהן יאהר אלט ביי דער חתונה.

— נאך קיין פערצעהן יאהר אויך ניט. חנה׳לע איז מיט א צוויי יאהר עלטער פון איהם... זיי האבען חתונה געהאט זעהר יונג, אבער זיין ערשטע מיידעלע האט זי איהם געבוירען ערשט מיט פיער יאהר צוריק... אוי, איז דאס געווען א געראטען קינד, אונז אלעמען צו לייגגערע יאהר... א ביין אויג האט איהר פארשאדט. זי איז פלוצלינג קראנק געווארען, געקראגען לונגען ענטצינדונג און אין צוויי וואכען צייט איז זי געשטארבען... ווער האט עס געקאנט צוזעהן דעם צער פון דעם באלעבעסל און חנה׳לען... גאנץ אפט ביינאכט האב איך געקאנט הערען פון זייער צימער א געוויין... שא, אט הערט זיך שוין זיין שטימע.

ביידע אידענעס זיינען אנטשוויגען געווארען, און איבער׳ן הויף האט זיך צעטראגען די וואונדער־שעהנע שטימע פון דעם ווילנער באלעבעסל ר׳ יואל דוד, וועלכער האט איינגעשטודירט מיט זיין כאהר אויף ימים נוראים.

אין הויף האט געהערשט אן אנגעצויגענע שטילקייט... אלעמענס הערצער זיינען צעגאנגען געווארען פון מתיקות... אט זינגט ער מיט זיין זיסער הארציגער שטימע דעם "כבקרת רעה עדרו". דער כאר העלפט איהם אונטער... מיט אפענע מיילער און אנגעשטרענגטע אויערען שטעהען די אידען און אידענעס און מען שלינגט יעדען קלאנג וואס קומט ארוים פון זיין גאלדענעם האלז...

— אוי, וואס פאר א געשמאקייט, וואס פאר א זיסקייט זיין שטים פארמאגט! — רופט זיך אן איין איד צום צווייטען, ווען ר׳ יואל דוד האט פארענדיגט זיין זינגען.

— איך וואלט ניט מיעד געווארען צו שטעהן אויף מיינע פיס דריי טעג און דריי נעכט אבי צו הערען איהם זינגען.

אז די רעפעטיציע האט זיך געענדיגט און דער כאר איז געגאנגען

אהיים, זיינען נאָך די אידען און די אידענעס געבליבען שטעהן א היבשע ווײלע ווי געפּלעפטע. זיי האָבען זיך ניט גערירט פון אָרט. עס איז געווען פאַר זיי זעהר שווער אוועקצוגעהן פון דאָרט...

* * *

צעהן יאָהר זיינען פאַריבער זינט יואל דוד האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ מרדכי סטראשונ׳ס טאָכטער, חנה׳לע. צען יאָהר איז ער ווילנער שטאָדט חזן און יעדען שבת ווען ער דאַווענט אין ווילנער שטאָדט שוהל שטעהט מען דאָרט אויף די קעפּ. זיין וואונדערשעהנע שטים איז נאָך קרעפטיגער, שעהנער און זיסער געוואָרען און ווי נאָר ער עפענט אויף זיין מויל ווערען אַלע צוהערער באַצויבערט פון זיין שטים.

דער ווילנער באַלעבעסעל איז שוין איצט פיער און צוואנציג יאָהר אַלט, און ווער נאָר עס הערט איהם זינגען זאָגט אז קיין גלייכען צו איהם איז גאָר ניט בנמצא.

פון די ארומיגע שטעדט און שטעטלעך זיינען אידען געקומען קיין ווילנא כדי צו האָבען א געלעגענהייט צו הערען איהם זינגען. די גרעסטע גבירים פון ווילנא האָבען מקנא געווען ר׳ מרדכי סטראשון וואָס אין זיין גורל איז אריינגעפאַלען אזא איידעם ווי דער ווילנער באַלעבעסעל, מיט וועמען עס קלינגט א וועלט.

כאָטש ר׳ מרדכי און ריינקע האָבען געשעפּט פולע הויפענס נחת פון זייער איידעם, האָט זיי אָבער אויך ניט געפעלט קיין עגמת נפש. ערשטענס דער פארלוסט פון זייער ערשטען איינינקעל, די שעהנע גראָטענע נחמה׳לע.. דאָס איז געווען דער ערשטער שווערער קלאַפּ וואָס די גליקליכע משפּחה האָט געקראָגען. און זינט דאַן האָט זיך יואל דוד א סך געענדערט. ער פלעגט זיך פארשליסען ביי זיך אין צימער און פלעגט אָפּזיצען שעה׳ן לאַנג פאַר־טיפט אין זיינע מחשבות. זיי האָבען אַלע געפיהלט אז א גרויסע ענדערונג קומט פאָר אין איהם.

די ערשטע יאָהרען נאָך זיין חתונה האָט יואל דוד געלערענט ביי דעם ווילנער מורה הוראה ר׳ שלמה׳לע. ער פלעגט פאַרברייננגען מיט איהם א גאַנצען טאָג און ר׳ שלמה׳לע האָט איהם ניט אויפגעהערט צו לויבען. אין משך פון די פינף יאָהר צייט וואָס דער ווילנער באַלעבעסעל האָט געלע־רענט, איז ער געוואַקסען אין לערנען. ער איז שוין געווען קלאָר אין א פּאָר סדרים גמרא מיט מפרשים.

די ערשטע עטליכע יאָהר נאָך זייער חתונה האָבען ביידע, יואל דוד און חנה׳לע, געלעבט אָפּגעזונדערט. זיי זיינען נאָך געווען גאָר יונג. יואל דוד האָט זיך דאַן אינגאנצען איבערגעגעבען צום לערנען גמרא און אויך נגינה.

די פּיאַנאָ וואָס האָט זיך געפונען אין ר׳ מרדכי׳ס הויז האָט מען אויפען פאַרלאַנג פון יואל דוד׳ן פאַרריכט, און ער פלעגט גאַנץ אָפט שפּילען אויף דער פּיאַנאָ און אויסזינגען וואונדערשעהנע מעלאָדיען, וואָס ער פלעגט אַליין צוזאַמענשטעלען.

שפעטער האט ער געגומען איינשטודירען מיט א כאהר, און א גאנצען חודש אלול פלעגט ער יעדען אווענט אין ר׳ מרדכי׳ס הויז איינשטודירען מיט׳ן כאהר. און סטראשונ׳ס הויף פלעגט אנגעפילט ווערען מיט אידען, וועלכע פלעגען קומען זיך צוהערען צו זיין זינגען.

פיעלע גוים פון די שכנישע הויפען פלעגען אויך קומען איהם הערען און בלייבען שטעהן ווי צוגעשמידט צו זייערע פלעצער ווען צו זיי פלעגט זיך דערטראגען יואל דוד׳ס שטים.

אין איינעם אזא אווענט האט זיך אפגעשטעלט נעבען סטראשונ׳ס הויף א פריצישע קארעטע און צוויי פוילישע אדעלליט זיינען פון דארט ארויס־געקומען. א ווײלע זיינען זיי געבליבען שטעהן נעבען טויער און ווען דער סטאראזש האט זיי דערזעהן האט ער זיך פארנייגט ביז׳ן באדען.

— ביזטו עם דער סטאראזש פון דעם הויף?

— יע, וועלמאזשני פאן — ענטפערט דער סטאראזש.

— זאג מיר, פארוואס פארזאמלען זיך דא אין הויף אזוי פיל אידען?

— ווייל דא איז פאראן א יונגער מאן, זינגט ער אזוי שעהן אז עס איז א מחיה איהם צו הערען.

— און דיר געפעלט אויך זיין זינגען?

— איך וואלט קיינמאל ניט מיעד געווארען איהם צו הערען זינגען!

— און ווער איז ער, דער יונגער זינגער

— ער איז אן איידעם פון דעם אייגענטימער פון אט דעם הויף.

— ווען פאנגט ער אן זיין זינגען?

— באלד! ער זינגט מיט א כאהר, דאס גרייט ער זיך צו פאר די אידישע "הייליגע טעג" וואס קומען באלד אן.

די צוויי פוילישע אדעלליט זיינען אריין אין הויף און ווען די אידען האבען זיי דערזעהן, האבען זיי באלד געמאכט פאר זיי פלאץ.

אין א ווײלע ארום האט זיך צעטראגען איבער׳ן הויף יואל דוד׳ס וואונדער־שעהנע שטימע און דאס גאנצע פובליקום איז געבליבען שטעהן ווי פאר׳כשופ׳ט.

די צוויי פוילישע אדעלליט זיינען געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט צו זייערע פלעצער.

— נו, וואס האב איך דיר געזאגט, וולאדיסלאוו? הא, איצט וועסטו מיר שוין גלויבען?

— איך ווייס ניט וואס צו זאגען! איך בין אזוי דערשטוינט אז איך האב ניט קיינע ווערטער. זינט איך לעב האב איך נאך אזוינס ניט געהערט. אזא שטים, אזוי זיס, צארט און דאך מעכטיג... א, ווען מאניושקא קריגט איהם אריין אין די הענט... ער וואלט ביי איהם געווארען דער גרעסטער אפערא זינגער.

— איך האלט שוין אן אויג אויף איהם היבשע עטליכע מאנאטען. גאנץ אפט קום איך אריין אין זייער שטאדט שוהל און הער זיך צו צו זיין זינגען... וואס מעהר איך הער איהם אלץ מעהר ווילט זיך מיר הערען...

ער באזיצט א הימעלשען צויבער. דו האסט געמיינט אז איך בין מגזם... איצט קאנסטו פארשטעהן פארוואס די אידישע קהלה האט איהם אנגע־שטעלט פאר איהר שטאדט חזן אין דער צייט ווען ער איז אזוי יונג געוועזן.

— איך בין זעהר נייגעריג איהם צו זעהן! ווייל אויב צו זיין שטימע פארמאגט ער נאך א שעהנעם פנים און א שלאנקען קערפער, וואלט ער זיכער געקאנט שפילען די ראלע פון העלד אין מאניושקא׳ס נייער אפערע.

— דו רעדסט שוין ווי דאס וואלט זיך געווענדעט בלויז אן דיר! דו פארגעסט אז ער איז א ראביז, א פרומער איד, און איז ארומגערינגעלט פון פרומע אידען.

אלעס וואס איך וויל איז, אז סטאניסלאוו מאניושקא זאל איהם הערען. איך וועל איהם טאקע שרייבען א בריוו וועגען דעם. איך ערווארט ער זאל קומען אין ווילנע אויף א קורצען באזוך. קום, יאן — האט וולאדיסלאוו קרושעווסקי זיך צו איהם אנגערופען. — לאמיר אריינגעהן צו דעם פאן סטראשון.

— איך וואלט דיר געראטען, וולאדיסלאוו צו זיין אביסעל מעהר גע־דולדיג. דו קאנסט נאך אלעס קאליע מאכען. — האט יאן ארזשענסקא גע־זאגט — פארגעס ניט אז מיר האבען דא צו טאן מיט פאנאטיש פרומע אידען, ביי וועמען מוזיק און געזאנג איז אפגעשאצט בלויז אויף דעם רע־ליגיעזען געביט.

— דו קענסט זיך פארלאזען אויף מיר. — רופט זיך אן וולאדיסלאוו.

— איך וועל וויסען ווי צו האנדלען.

— וואס א שטייגער פאר אן אויסרייד וועסטו געבען איצט פארוואס דו ווילסט זיך זעהן מיט איהם?

— דארף איך דען האבען אן אויסרייד? איז דען ניט גענוג צו זאגען אז איך האב געהערט זיין זינגען און איך בין פאראינטערעסירט צו וויסען ווער איז דער מאן, וועלכער באזיצט אזא געטליכע שטימע! איך דארף זיך בלויז מיט איהם באקאנען און דאס איבעריגע וועט שוין ניט שווער אנקומען.

— מיר וועלען בעטען דעם סטרוזש ער זאל מעלדען דעם פאן סטרא־שון אז מיר ווילען ארויפגעהן אויף א ווייל.

וולאדיסלאוו האט צוגערופען דעם סטרוזש און איהם געגעבען א מטבע. — געה ארויף און זאג דעם פאן סטראשון אז וולאדיסלאוו קרו־זשעווסקי און יאן ארזשענסקא ווילען ארויפקומען אויף א ווייל.

דער סטרוזש האט גענומען די מטבע, זיי באדאנקט און זיך א נייג געטהאן.

— איך געה, וועלמאזשני פאנעס.

ער איז ארויף און איבערגעגעבען ר׳ מרדכי׳ן אז צוויי פוילישע אדעל־לייט ווילען ארויפקומען זיך דורכריידען מיט איהם.

— זאלען זיי ארויפקומען. — האט ר׳ מרדכי זיך אפגערופען, — און ער האט גלייך ארויפגעכאפט אויף זיך זיין אויבערראק.

— ווער קאָן דאָס זיין ? — האָט ער זיך אָנגערופען צו רייַנקען, זיין פרוי.

— וואָס פאַרשטעהסטו ניט ? מן הסתם האָבען זיי געהערט יואל דוד'ן זינגען. איז עס דאָס ערשטע מאָל אַז מענשען ווילען איהם אָנקוקען. נישקשה א סך קריסטען פאַרשטעהען אויך אידישע נגינה.

— איך וועל אַריינגען אָנזאָגען יואל דוד'ן אַז מען קומט איהם זעהן.

— וואַרט, איך וועל עס זאָגען חנה'לען, זאָל זי איהם דאָס איבערגעבען. — האָט ריינקע געזאָגט, און זי איז גלייך אַריין אין חנה'לעס צימער.

יואל דוד איז געזעסען פאַרמאַכט אין זיין צימער. ער איז געווען אויסגעמאַטערט פון דער לאַנגער רעפּעטיציע וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט געענדיגט מיט זיין כאָר. ער האָט צוגעקראַגען א פּאָר נייע זינגער סאָליסטען אָבער מיט אַזעלכע פאַרשטאָפּטע קעפּ אַז ער האָט געדאַרפט א סך שוויצען איידער ער האָט זיי עפּעס געקאָנט אויסלערנען.

— יואל דוד טייערער, מענשען ווילען דיך זעהן. דער סטרוזש זאָגט אַז דאָס זיינען צוויי פּוילישע אדעל־לייט וועלכע ווילען זיך דורכריידען מיט'ן טאַטען. אָבער עס פאַרשטעהט זיך, אַז זיי קומען דאָס צוליב דיר.

— וואָס האָב איך צו טאָן מיט פּוילישע אדעל־לייט ? — האָט יואל געפרעגט.

— אָבער פונדעסטוועגען וועט ניט שאַדען דו זאָלסט וויסען... פאַר וואָס זאָלען זיי אָנקומען פּלוצלונג ? נאַ, טהו אָן דיין רעקעל.

חנה האָט איהם געהאָלפען אָנטאָן דעם רעקעל און באַלד האָט זיך די טיהר געעפענט און ר' מרדכי איז אַריינגעקומען.

— זיי וואַרטען אויף דיר אין גאַסט צימער. — האָט ר' מרדכי איהם געזאָגט.

— וואָס פאַרלאַנגען זיי פון מיר ? — האָט יואל דוד א צוק געטאָן מיט זיינע שולטער.

— זיי האָבען דיר לאָר וואָס געהערט זינגען. נו פאַרשטעהט זיך, אַז זיי זיינען ענטציקט. וואָס מיינסטו גויים זיינען ניט קיין מבינים אויף נגינה... געה אַריין דו וועסט זיך מיט זיי בעסער קאָנען צונויפריידען ווי איך... דו רעדסט דאָך פּויליש אַזוי גוט.

— נו, און דייטש טאַטע ? דייטש ריידען קאָן ניט מיין יואל דוד ? דו וואָלסט באַדאַרפט הערען ווי ער רעדט דייטש... איך האָב איהם געהערט ווי ער האָט גערעדט מיט דעם ראַבינער פון בערלין. טאַקע ווי אַן עכטער דייטש.

— פון וואַנען דו האָסט זיך אויסגעלערנט דייטש קאָן איך טאַקע ניט פאַרשטעהן ! — רופט זיך אָן ר' מרדכי. — מילא פּויליש און רוסיש קאָנסטו, האָסטו זיך געפונען צווישען פּוילישע און רוסישע אינגלעך. אָבער דייטש ?

— עס איז פאַראַן פילע זאַכען וואָס עס איז שווער צו פאַרשטעהן וועגען יואל דוד'ן. — האָט חנה'לע לאַבענדיג געזאָגט. — איין זאַך אָבער

וויים איך אַז וואָס ער טוט און ווי ער האַנדעלט, איז גוט. האָ, ניט אמת, מיין טייערער, — האָט זי אויסגעגלייכט זיין רעקעל, עס זאָל ליגען בעסער.

— יע, חנה'לע, — האָט איהר יואל דוד אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. — דו זאָגסט דאָך קיינמאָל ניט קיין ליגען.

חנה'לע האָט אַ שמייכעל געטאָן און זי האָט זיך גענומען רויטלען. זי האָט שוין לאַנג פון איהם קיין קוש ניט געקראָגען. ער איז עפּעס לעצטענס אַזוי נערוועאיש און צעשטריוט און די מינדעסטע זאַך ברייננגט איהם אַרויס פון געדולד. ער האָט זיך אַ סך געענדערט זינט זיי האָבען פאַרלאָרען זייער געראָטענע טעכטערל. ער איז גאָר ניט דערזיעלבער.

יואל דוד איז אַריינגעקומען אין גאַסט צימער. באַלד האָבען זיך פון דער סאָפאַ אויפגעהויבען די צוויי פּוילישע געסט און איהם העפליך באַגריסט.

— איך בין וולאַדיסלאַוו קרוזשענסקי און דאָס איז מיין פריינד יאַן אַרזשענסקאַ.

— זעהר אַנגענעהם. — האָט יואל דוד געדריקט זייערע הענט. און זיי געבעטען זיך ווידער צו זעצען. ער האָט זיך אויך געזעצט אויף אַ שטוהל נעבען זיי.

— מיין פריינד האָט מיר זעהר אַ סך דערצעהלט פון אייך און פון אייער וואונדערבאַרער שטימע. איך אַליין בין אויך אַ שטיקעל מוזיקער און ער האָט מיר צוגערעדט איך זאָל אַריינקומען דאָ אין הויף און זיך צוהערען צו אייער זינגען. איך האָב איהם געפאָלגט און איך מוז אייך זאָגען אַז איך בין איהם זעהר דאַנקבאַר וואָס דורך איהם האָב איך געניאָסען אַזאַ גייסטיגען פאַרגעניגען און וויפיל דאַנקבאַרקייט מיר ביידע קומען אייך. איך גלויב אַז איך וועל ניט איבערטרייבען ווען איך וועל זאָגען אַז אַזאַ שטימע ווי אייערע, איז איינע אין צעהן דורות און איך האָב אייך געהערט פון וויטען און געוויס נאָך ניט אין אייער פולער קראַפט.

— אַ דאַנק אייך, מיינע הערען, פאַר דעם כבוד וואָס איהר טוט מיר אָן און אויך פאַר די גוטע מיינונג וואָס איהר האָט פון מיר. — האָט יואל דוד געזאָגט.

— איך האָב זעהר פיעלע פריינד מוזיקער. זיי קומען זיך צוזאַמען אין מיין הויז ווען איך האָב אַ מוזיקאַלישען אָוונד. איך וואָלט זיך געשעצט זעהר גליקליך און געעהרט ווען איהר וואָלט מיר אָנגעטאָן דעם כבוד און מיר אָפּגעשטאַט אַ באַזוך.

— איך פיהל זיך זעהר געעהרט, מיין הערר, אָבער איך גלויב אַז אייך איז באַקאַנט אַז איצט איז פאַר מיר אונמעגליך עס צו טאָן, ווייל אין גיכען קומען אָן אונזערע "הייליגע טעג" און איך דאַרף צוגרייטען מיין כאָר פאַר די תפילות אין שוהל.

— איך פאַרשטעה עס. — האָט וולאַדיסלאַוו געזאָגט. — איך האָף אָבער אַז נאָך אייערע ימים טובים ווען איהר צייט האָבען זיך אַריבערצוכאַפּען צו מיר אין הויז און איהר וועט זיך באַקאַנען מיט איינינע פון די

ווירטיגסטע מוזיקער פון ווילנע. איצט וויל איך בלויז בעטען אייך א גע־פעליגקייט. מיר האפען אז עס וועט ניט זיין געגען אייער רעליגיע ווען מיר, צוויי קריסטען, זאלען אריינקומען אין שוהל אין דער צייט ווען איהר זינגט דארט אייערע תפילות.

— איך זעה ניט איין פארוואס ניט. — האט יואל דוד זיך אנגערופען.

— איך וועל עס איבערגעבען מיין שווער. ער איז איינער פון די גבאים און איך בין זיכער אז ער וועט שוין זעהן אז איהר זאלט באזארגט ווערען מיט זיץ־פלעצער. אט וועל איך טאקע מיט איהם באלד ריידען. אויב איהר וועט מיר ענטשולדיגען בלויז אויף איין רגע.

יואל דוד האט פארלאזען דעם צימער און איז אריין אין צווייטען צימער און ער האט זיך דורכגערעדט מיט זיין שווער.

— גוט, איך וועל שוין זאגען דעם שמש. זיי וועלען איהם בלויז מעל־דען ווען זיי וועלען קומען און ער וועט שוין האבען א פלאץ פאר זיי.

יואל דוד האט זיך צוריקגעקערט און איבערגעגעבען די פוילישע געסט אז זיי וועלען קאנען קומען דעם קומענדען שבת אין שוהל, ווייל ער וועט דאן דאווענען.

קרוזשעוסקי און ארזשענסקי האבען איהם שטארק באדאנקט. זיי האבען זיך העפליך פארנייגט און זיי זיינען אוועק.

— וואס האבען זיי געוואלט? — האט ר׳ מרדכי געפרעגט זיין איידעם, נאכדעם ווי די פוילישע אדעל־לייט זיינען אוועק.

— זיי האבען געוואלט קומען מיך הערען זינגען.

— אט דאס איז אלעס? — האט ריינקע זיך אריינגעמישט.

— און דאס איז ניט גענוג? — האט חנה מיט שטאלץ אויסגערופען. דו זעהסט דאך מאמע אז ניט נאר איז מיין יואל דוד באליבט צווישען איי־גענע אידען, נאר אויך קריסטען ווייסען ווי צו שעצען איהם.

חנה האט שוין געוואוסט אלע קאפריזען פון איהר מאן. זי האט גע־וואוסט אויף וואס פאר א פראגען ער וויל זעהר ניט גערן ענטפערען איהרע עלטערען און דעריבער פלעגט זי אויסמארקירען אזוי ער זאל זיי ניט דאר־פען ענטפערען, אדער אז זיי זאלען איהם צורוה לאזען.

ר׳ מרדכי און ריינקע האבען שוין פארשטאנען אז זיי דארפען זייער פראגע ניט ווידערהאלען און זיי פלעגען אפווענדען זייער געשפרעך אויף עפעס אנדערש.

שפעטער ווען חנה און יואל דוד זיינען געבליבען אליין, האט זי זיך צו איהם אנגערופען.

— א, מיין ליבער מאן, ווען דו וואלסט נאר ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער אין הויף און זעהן ווי מען שטעהט צוגעשמידט צו די פלעצער און מען שלינגט יעדען קלאנג וואס קומט ארויס פון דיין האלז, וואלסטו ערשט דאן ניט געקענט באגרייפען ווי גליקליך איך פיהל זיך. און ניט נאר אידען, אפילו גויים קאנען אפשטעהן שעה׳ן לאנג און זיך צוהערען צו דיין זינגען. א, מיין טייערער, וויפיל מענשען דו מאכסט גליקליך מיט דיין שטימע

און ווי גליקליך איך שעץ זיך אז דו ביזט מיין מאַן און איך האָב די זכיה צו זיין מיט דיר און הערען שטענדיג דיין הימעלשע שטימע. געדענקסטו יענעם סדר, ווען דו האָסט צום ערשטען מאָל געמאַכט קידוש ביי אונזער טיש און מיר זיינען אַלע געבליבען זיצען ווי געפּלעפּטע. מיין האַרץ האָט אָנגעהויבען אַזוי שטאַרק צו קלאַפּען. איך האָב גענומען פיהלען אַזאַ מיין ליעבשאַפט צו דיר. עס איז זעהר שווער דאָס צו ערקלערען, אָבער איך ווייס אַז דאַן בין איך געווען גרייט צו געהן אין פייער און אין וואַסער פאַר דיר. איך וואָלט גערען אָפּגעגעבען מיין לעבען פאַר דיר.

— און איצט חנה'לע? — האָט יואל דוד אַ שמייכעל געטאָן.

— איצט איז דאָך קיין איבערראַשונג ניט. — שמייכעלט חנה'לע, — איך האָב דיך ליעב און אַז איך וויל דיך זעהן אַלס דעם גליקליכסטען מענשען אין דער וועלט... קיין קרבן וואָלט פאַר מיר ניט געווען צו שווער צו ברייגנען אויב דאָס וואָלט דיר בלויז גליקליך געמאַכט.

— און איך וויל אַז דו זאָלסט שטענדיג גליקליך זיין, מיין טייערע חנה'לע. דו ביזט דאָך אַזוי גוט און צערטליך צו מיר. איך ווייס אַז פיעל מאָל טהו איך דיר וועה, וואָס איך געה אַרום אַ צעטראָגענער און אַ נערוועזער. דאָס איז צוליב מיין שווערע אַרבייט. איך האָב אַריינגעקראָגען אַ פּאָר זינגער מיט שעהנע שטימעלעך אָבער עס קומט מיר אָן זעהר שווער עפּעס זיי אַריינצוקלאַפּען אין קאָפּ.

— אָבער דו דאַרפסט זיך ניט נעהמען צום האַרצען, יואל דוד, טייערענקער, דיין געזונט איז טייערער פון דעם. אויב ניט דו וועסטו קריגען אַנדערע.

— צום האַרצען נעהם איך זיך טאַקע ניט, אָבער עס איז מיר זעהר שווער צו אַרבייטען מיט זיי. אמת'ע פּויערשע קעפּ.

— און וואָס איז מכח שייקע פייפער?

— ער וואָלט גראַד געווען גוט. ער באַזיצט אַ שעהנע באַסאָווע שטימע, אָבער די צרה מיט איהם איז אַז ער איז צופיל לץ... ער מאַכט פאַרשידענע שטוקעס און די חברה משוררים דאַרפען מעהר ניט... זיי גיבען אַמאָל אַ בליק אויף זיינע העוויות און זיי שיסען אויס אין אַ געלעכטער. עס נעמט אַ היבשע צייט ביז איך קאָן זיי באַרוהיגען... מיר וואָלט אפשר אַזוי ניט געאַרט ווען דאָס פּאַסירט בלויז ביי די רעפּעטיציעס, אָבער וואָס וועל איך טאָן אויב די משוררים וועלען זיך פאַנאַנדערלאַכען אין שוהל אין מיטען דאַווענען?

— נו, איך בין זיכער אַז אין שוהל וועט אפילו שייקע פייפער ניט מאַכען זיינע שטוקעס, ער וועט ניט מאַכען יענעם צו לאַכען ווען זיי וועלען שטעהן אויף דער בימה.

— און איך ציטער פאַר דעם, — האָט יואל דוד געזאָגט — ער איז פּונקט אַזאַ לץ און וויצלער ווי מאַטקע חב"ד. און דו ווייסט דאָך אַז אַלעם וואָס מען דאַרף איז בלויז אַ קוק טאָן אויף מאַטקע'ן חב"ד און מען פאַנגט

אַז לאַכעז... ווער ווייסט אויב איך וועל פון שייקע פייפער ניט האָבען קיין געברענטע צרות.

— דו ווערסט זיך מיט איהם דאַרפען דורכריידען און איהם אָנזאָגען מיט'ן הארבען וואָרט, אַז ער זאָל וויסען זיין, אַז אין אַ מקום קדוש דאַרף ער זיך האַלטען ווי געהעריג.

— איך האָב עס איהם געזאָגט. ווייסטו וואָס ער האָט מיר געענטפערט: "ר' יואל דוד — ענטפערט ער מיר מיט אַ שמייכעל — איידער איך בין געקומען אהער צו אייך זינגען, בין איך אויסגעוועזן גאַנץ וואָליז. איך האָב זיך אָנגעגעבען פאַר אַ "בעל שם", און איך האָב די ראָלע אַלס בעל שם אַזוי קונציג געשפּילט אַז אידען האָבען אין מיר געהאַט אַזוי פיעל צוטרויען, אַז זיי זיינען געווען זיכער אַז איך בין אַ "בעל שם". און מען פלעגט מיר ברייגגען געלט און מתנות... ניט איך האָב געלאַכט און ניט איך האָב גע־מאַכט אַנדערע צו לאַכעז... איך ווייס וואו מען דאַרף זיין ערנסט און ווי זיך צו האַלטען מיט שטאַט... איך קאָן אַזוי זיין ערנסט אַז מענשען וועלען גלויבען אַלעס וואָס עס קומט אַרויס פון מיין מויל און ער האָט מיר דער־צעהלט אַ מעשה וואָס עס האָט מיט איהם געטראָפען ווען ער האָט פאַר־בראַכט אין אַ קליין שטעטעל איידער ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע און איך זאָג דיר אַז איך האָב שוין לאַנג אַזוי פיעל ניט געלאַכט. אויב, זאָגט ער, מען ווייסט ווי, קאָן מען מאַכען מענשען גלויבען יעדע זאַך ווי מאָדנע עס זאָל ניט קלינגען.

— וואָס האָט ער דיר דערצעהלט, יואל דוד? — האָט חנה איהם געפרעגט.

— עס איז אפשר ניט אַזוי וואָס ער האָט דערצעהלט נאָר ווי ער האָט עס דערצעהלט... איך זאָג דיר אַז ער איז נאָך אַ גרעסערער לץ ווי מאָטקע חב"ד... וואָס ער האָט מעשיות... יעדעס מאָל וואָס ער דערצעהלט אַ מעשה מוז מען זיך ביי די זייטען האַלטען לאַכענדיג... נאָר איך לאָז איהם ניט, ווייל עס וואָלט קיין צייט ניט פאַרבליבען פאַר די רעפּעטיציעס.

— אָבער דערצעהל מיר יענע מעשה..

— איך ווייס ניט וועלכע דו מיינסט.

— אָט קענען דעם וואָס ער האָט דיר געזאָגט אַז מענשען זיינען גרייט צו גלויבען אַלעס וואָס מען דערצעהלט זיי.

— אַ יאָ, — האָט זיך אַ שמייכעל באַוויזען אויף יואל דוד'ס ליפּען און חנה האָט געפיהלט אין זיבעטען הימעל, ווייל שוין לאַנג ווי זי האָט איהם ניט געזעהן אין אַזאַ פרעהליכער און הייטערער שטימונג.

חנה האָט זיך צוגערוקט נעהענטער און זיך גענומען טוליען צו איהם און יואל דוד האָט איבערגעגעבען שייקע פייפער'ס מעשה.

"ער האָט מיר דערצעהלט אַז ווען ער איז אָפּגעווען אין אַ קליין שטע־טעל אין לאָמזשער גובערניע וואו ער האָט זיך אָנגעגעבען פאַר אַ בעל מופת, איז ער איינמאָל אַריין צו זיינעם אַ שכן און ער האָט ביי איהם גע־ליהען אַ בלעכענע פענדעל. אויף מאָרגען ברייגגט איהם אָפּ שייקע פייפער

דאס פענדעל צוריק. דער שכן גיט א קוק אז אין פענדעל איז געלעגען א קלענערע פענדעלע.

— וואס איז דאס? — פרעגט איהם דער שכן מיט ערשטוינונג.

— א, דאס? — ענטפערט איהם שייקע פייפער — יע, אייער פענדעל האט זיך אפגעפענדעלט און זי האט געהאט א קלייניגקע פענדעלע. נו, פארשטעהט זיך אז דאס געהערט צו אייך.

דער שכן איז נשתומם געווארען. ער האט אויף איהר געקוקט מיט דערשטוינטע בליקען און געצוקט מיט זיינע שולטערען. ער איז דאך טאקע א בעל מופת — האט ער זיך געטראכט. און ער האט צוגענומען דאס קליינע פענדעל מיט וואס זיין גרעסערע פענדעל האט זיך אפגעפענדעלט.

אין איינינע טעג ארום קומט אריין שייקע פייפער צו דעם זעלבען שכן און בעט ביי איהם ליהען זיין גרויסע קופערנע פאן. דער שכן, פארשטעהט זיך, האט איהם מיט גרויס פרייד געליהען די פאן ערווארטענדיג אז ווען ער וועט איהם אפברייננגען די גרויסע קופערנע פאן צוריק, וועט עס מסתמא זיין מיט א קליין קופערנע פענדעלע, ווי עס האט פאסירט פריהער. יע, ער איז געווען זיכער אז זיין קופערנע פאן וועט זיך אויך "אפפענדלען".

שייקע פייפער האט זעהר געוואלט פאהרען צוריק קיין ווילנע, אבער ער האט ניט געהאט אויף הוצאות. איז ער אוועק און ער האט פארזעצט די קופערנע פאן פאר עטליכע רובעל און ער נעהמט זיך קלייבען אין וועג.

דער שכן געפינט אוים אז שייקע פייפער קלייבט זיך אין וועג, לויפט ער אריין צו איהם און מאהנט ביי איהם זיין קופערנע פאן.

— אייער פאן? יע, אייער קופערנע פאן איז געשטארבען!

— געשטארבען, וואס רעדט איהר?

— יע, זי איז געשטארבען אין קימפעט, בשעת זי האט זיך געהאלטען ביי "אפפענדלען".

— סטייטש, ווי קאן דאס א פאן שטארבען! וואס ווילט איהר מיר איינריידען, ווי קומט א פאן צו שטארבען אין קימפעט?

ענטפערט איהם שייקע פייפער מיט אן ערנסטער מינע:

— ווען אייער בלעכענע פענדעל האט זיך אפגעפענדעלט און געבארען א קליין פענדעלע האט איהר געגלויבט, טא פארוואס איז עס אזוי אומגלויבליך אז אייער קופערנע פענדעל איז געשטארבען אין קימפעט?...

דער איד איז געבליבען שטעהן א פארשעהמטער און שייקע פייפער האט דערוויל געמאכט פליטה... דער איד האט געשריען: מיין קופערנע פאן! גיב מיר צוריק! אבער שייקע פייפער איז שוין ניט געווען.

חנה האט זיך שטארק פאנאנדערגעלאכט און זי האט זיך אנגערופען:

— איז עס מעגליך אז עס זיינען פאראן אזעלכע נארישע מענשען וואס וועלען גלויבען אז א פענדעל קאן זיך אפפענדלען?

— עס ליגט אין דער נאטור פון מענשען צו גלויבען אלעס אין דער וועלט אזוי לאנג ווי דאס לוינט זיך פאר זייער קעשענע.

ביידע האבען געלאכט הויך אויפ'ן קול און אז חנה האט געזעהן אז

איהר מאן איז איצט אין אזא שטימונג האט זי פּרובירט פון איהם ארויס־באקומען מעהר איינצעלהייטען וועגען די צוויי פּוילישע אדעלליט וועלכע האבען א ווײלע פריהער מיט איהם פארבראכט.

— איך האָף אז די פּוילישע געסט וועלכע זיינען דאָ נאָר וואָס געווען וועלען פארשטעהן אז ווען זיי קומען אריין אין א אידישער שוהל, דארפען זיי ניט אויסטאָן זייערע היטלען.

— ווי עס ווייזט אויס זיינען זיי זעהר איידעלע מענשען און זיי וועלען פארשטעהן אז זיי דארפען זיצען אין שוהל מיט די היטלען אויף זייערע קעפּ.

— איז דאָס אלעס וואָס זיי האבען געוואלט פון דיר, דו זאָלסט פאר זיי קריגען ערלויבניש צו קומען דיך הערען אין שוהל?

— איך וועל דיר זאָגען, אָבער רייד עס ניט איבער פאר דיין טאטע־מאמע. אט דער פאן קרושעווסקי איז אליין א מוזיקער און ביי איהם אין הויז קומען גאנץ אָפט פאר מוזיקאלישע אָווענטען. האט ער מיך איינגע־לאדען צו זיין זיין גאסט אויף איינעם פון די מוזיקאלישע אָווענטען.

— און וואָס האסטו איהם געענטפערט — האט חנה מיט עטוואָס שרעק אין איהר שטים איהם געפרעגט.

— נו, עס פארשטעהט זיך אז איך האָב עס ניט אָנגענומען! ווי קום איך צו זיי!

— אפשר וואָלט ניט געשאדט אז דו זאָלסט יע אמאָל צוקומען אהין און זיך באקענען מיט אזעלכע מענשען. עס קאָן ניט שאדען! — האָט חנה געזאָגט, אָבער אין הארצען האָט זי געוואונשען ער זאָל עס קיינמאָל ניט טאָן. געזאָגט האָט זי עס איהם, כדי צו ווייזען אז זי וויל איהם ניט שטעהן אין וועג, אז ער קאָן טאָן וואָס איהם געפעלט.

— וואָס רעדסטו חנה, וואָס הייסט, איך זאָל אריינגעהן פארברייגגען אין א גוי'איש הויז...

— דו דארפסט דאָך דאָרט ניט עסען אָדער טרינקען, אלעס וואָס דיך וועט דאָרט אינטערעסירען איז די מוזיק.

— שטעל זיך פאָר וואָס מען וועט זאָגען. דער ווילנער שטאָט חזן קומט אריין אין א גוי'איש הויז! מעהר וועט מיר ניט פעהלען! עס וועלען זיך שוין געפינען מענשען וועלכע וועלען זאָגען אז זיי האָבען מיך דאָרט געזעהן אהן א היטעל און איך האָב דאָרט געגעסען... וואָס רעדסטו, חנה'לע, איך וועל אהין ניט געהן!

— נו, זעהסט יואל דוד, צווינגען צו געהן אהין וועל איך דיך ניט — האָט זי לאָבענדיג געזאָגט — דו ווייסט בעסער וואָס עס איז גוט פאר דיר און וואָס ניט! און לאָמיר דיר זאָגען מיין טייערער, אז דו האָסט גוט געטאָן וואָס דו האָסט ניט געזאָגט מיינע עלטערען אז זיי האָבען דיך איינגעלאדען צו זיי... דו פארשטעהסט שוין גאָר גוט אז מען דאַרף זיי ניט דערצעהלען וועגען אזעלכע זאכען. פארוואָס זאָלען זיי עס אויסטייטשען צום שלעכטען, און דערנאָך זאָרגען.

— זארגען! וואס האבען זיי וואס צו זארגען? האב איך עפעס גע־טאן אזעלכעס וואס זאל זיי בעאומרוהיגען?... מיר דוכט זיך אז זיי זיינען אנגעשטויסען אויף מיר.

— נייז, מיין ליבער מאן, דו ווייסט גאנץ גוט ווי ליעב און טייער דו ביזט ביי מיין טאטע מאמע... אבער ווען זיי זעהען דיך אמאל אין א שלעכ־טער שטימונג, ווערען זיי אומרוהיג און זיי ווילען דיך ניט אויפרעגען, דער־פאר דוכט זיך דיר אז זיי זיינען ברוגז אויף דיר... דו ווייסט גאנץ גוט, אז זיי האבען דיך א סך ליבער פון מיר, זייער טאכטער! דו האסט זיי פאר־שאפט אזוי פיעל פארגעניגען! זיי זיינען שטאלץ מיט דיר. דו ביזט ביי זיי א סך טייערער פון מיר.

— איך גלויב אז א זוהן קאן ניט באהאנדלען זיינע עלטערען בעסער ווי איך באהאנדעל זיי! — האט יואל דוד געזאגט.

— דו רעדסט אזוי מיין ליבער ווי אימיצער וואלט זיך באקלאגט אויף דיר, חלילה, פארקעהרט, מיינע עלטערען פיהלען זיך גאנץ אפט אז זיי האבען ניט פארדינט אזא איידים ווי דו, אז זיי טוען ניט גענוג פאר דיר צו מאכען דיר באקוועמער און גליקליכער.

— איך האב זיך אויף גאר ניט וואס צו באקלאגען — האט יואל דוד געזאגט — די איינציגע וואס דערגעהט מיר אמאל די יאהרען איז מיין מומע יאכע, אבער איך בין אזוי צוגעוואוינט צו איהרע רייד אז מיך ארט שוין ניט. זי האט הנאה פוןריידען זאל זי ריידען. אין איין אויער געהט מיר אריין און אין צווייטען געהט מיר ארויס. איך בין אויך צופרידען וואס מיין ברודערל מאטעל לערנט זיך זעהר גוט. זיין רבי האט מיר געזאגט אז ער וואקסט א לייט.

פונדעסטוועגען מערק איך גאנץ אפט אז דו ביזט פארטראכט. ווי עפעס דריקט דיר אויף'ן הארצען. דו ווערסט פלוצלונג אומעטיג און אז מען פרעגט דיך, ווערסטו אויפגערעגט... איך מערק עס גאנץ אפט.

—א, דאס איז גאר ניט! — האט יואל דוד געזאגט. — א מענש קען דאך ניט זיין שטענדיג לוסטיג און פרעהלאך. עס זיינען פאראן אויך אומ־עטיגע מאמענטען אין לעבען. אבער דו חנה'לע דארפסט זיך ניט נעהמען צום הארצען אויב איך פאל אמאל אריין אין א געדריקטער שטימונג... און דו אליין, וויפיעל מאל האב איך דיר געטראפען וויינענדיג.

חנה האט גענומען ווישען איהרע אויגען.

— נו, אט ווייסטו שוין ווידער. מיר האבען דאך צווישען זיך אפ־געמאכט אז מיר זאלען מעהר נישט טרויערען. ד' נתן וד' לקח. גאט האט אונז געגעבען אונזער ליעבענקע טעכטערל און גאט האט זי פון אונז אוועקגענומען. זאל זיין נאמען זיין געבענשט. גאט וועט געבען דו וועסט אריבערקומען בשלום און מיר וועלען זיך טרייסטען דאמיט, דו ווייסט דאך חנה'לע אז דער דאקטאר האט דיר אנגעזאגט אז דו זאלסט זיך ניט אויפרעגען. אז דו זאלסט שטענדיג זיין פרעהליך און לוסטיג.

איך האב שטענדיג געמיינט אז קיין גליקליכערע פון מיר איז ניטא,

אבער ווי עס ווייזט אויס איז דער וועג פון לעבן ניט שטענדיג געפּלאס־טערט מיט רויזן. מען מוז זיך אָנשטויסן אויך אויף די דערנער... איך פרעג דיך, יואל דוד מיט וואָס האָבן מיר זיך פארזינדיגט געגען גאָט אז ער האָט אונז שוין אזוי שטארק באשטראָפט. מיין אומשולדיגע נחמה׳לע, א קליינער מלאך׳ל איז זי דאָך געווען, שעהן, קלוג און געראָטען. ווי פרעה־ליך עס איז געווען אין שטוב ווען זי איז ארומגעלאָפען ווען זי האָט געלאכט אָדער אפילו געוויינט. אזא געראָטען קינד, א בייז אויג האָט איהר פאר־שאַדט. מען האָט איהר פארשאָלטען. איך ווייס ווער עס האָט איהר אן עין הרע געגעבען.

רייד נישט קיין נארישקייטען חנה׳לע. קיינער האָט איהר קיין עין הרע ניט געגעבען. עס איז מסתמא אזוי באשערט געווען פון גאָט. אָט קומען דאָך אָן די ימים נוראים און מיר זאָגען בראש השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמון. יע, פאר א יאָהרען ראש השנה איז אזוי פארשריבען געוואָרען אז אונזער טייערע נחמה׳לע זאָל זיך צוקיהלען, קריגען לונגען אנטצינדונג און שטארבען. און לאָמיר היינטיגס יאָהר בעטען ביי גאָט א גליקליך יאָהר, א יאָהר פון פרייד און געזונט, דו זאָלסט אם ירצה השם איבערקומען בשלום און דאָס קינד, וואָס דו וועסט געבוירען זאָל זיין א טרייסט פאר אונז פאר אונזער שרעקליכען פארלוסט.

קאפיטעל 25

דעם שבת פאר ראש השנה האָט ר׳ יואל דוד געדאַווענט אין דער ווילנער שטאָדט שוהל, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט ווי דער שטייגער איז געווען בשעת דער ווילנער באלעבעסל האָט געדאַווענט.

טראָץ דעם וואָס מען איז געשטאַנען אויף די קעפּ, האָט זיך דער שמש דורכגעשפּארט דעם המון און איז ארויף אויף די עטליכע טרעפּלעך וואָס האָבן געפיהרט צום שוהל־הויף. דאָרט האָבן שוין געוואַרט די צוויי פוילישע לייט, קרוזשענסקי און ארזשענקאָ.

ר׳ מרדכי סטראשון האָט איהם שוין אָנגעזאָגט אז זיי וועלען קומען און ער זאָל פאר זיי איבערלאָזען צוויי פּלעצער. דער שמש האָט געהייסען איינעם פון די אינגלעך וועלכע פּלעגען איהם ארויסהעלפען, אז ער זאָל אכטונג געבען אז אזוי שנעל ווי ער וועט דערזעהן צוויי פּאַליאַקען, זאָל ער איהם אָנזאָגען.

דער שמש איז צו זיי צוגעקומען און ער האָט זיי געבעטען איהם נאָכ־פאָלגען. ער האָט גענומען מאַכען א וועג פאר זיי שטופּענדיג מיט זיינע עלענבויגענס, ביז וואַנען ער האָט זיי צוגעפיהרט צו דער באנק וואו ר׳ מרדכי סטראשון איז געזעסען.

ר׳ מרדכי איז געווען איינגעהילט אין זיין טלית און ער האָט ניט מפסיק געווען. ער האָט בלויז זיך עטוואָס אָפּגערוקט. די פּאַליאַקען האָבען זיך געזעצט. זיי האָבען זיך ארומגעקוקט און באוואונדערט די גרויסע,

שעהנע שוהל. זיי האָבען באַטראַכט די מתפּללים וועלכע האָבען מיט גרויס כוונה זיך געשאָקעלט איבער די סדורים און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף יואל דוד'ס דאַוונען.

באַלד האָט זיך דערהערט זיין וואונדער שעהנע קלינגענדע שטים. אין שוהל איז שטיל געוואָרען. זיין שטים איז געוועזען קלאָהר און זיס. ער האָט געזונגען "נעריצך" און דאַן "תקנת שבת". די פּאָליאַקען זיינען געזעסען ווי צוגעשמידט צו זייערע פּלעצער. זיי האָבען נאָך אַזוינס ניט געהערט. זיי זיינען געבליבען פאַרגאַפט און ווען דאָס דאַוונען האָט זיך געענדיגט און דער עולם איז געגאַנגען אַהיים, זיינען זיי נאָך אַלץ געבליבען זיצען אויף זייערע פּלעצער.

ר' מרדכי סטראַשון האָט אַ קוק געטאָן אויף זיי. ער האָט געזעהן וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין אידים'ס דאַוונען מאַכט אויף די גויים און ער איז געוועזען צופרידען. עס איז דאָך אַ קידוש השם, זאָלען די גויים זעהן ווי אַזוי די אידען זיינען מתפּלל. ער האָט אַ שאָקעל געטאָן צו זיי מיט זיין קאָפּ אַלס אַ באַגריסונג, אָבער ער האָט ניט געוואָלט אַריינגעהן מיט זיי אין אַ געשפּרעך, ווייל ער האָט ניט געקענט גוט ריידען פּויליש.

קרושעווסקי און אָרזשעשקאָ האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער. זיי האָבען זעהר געוואָלט צוגעהן צו יואל דוד'ן און דריקען זיין האַנד און דאַנקען איהם פאַר'ן פאַרגעניגען וואָס ער האָט זיי פאַרשאַפט, אָבער זיי האָבען באַמערקט ווי ער איז אַרומגערינגעלט פון אַזוי פיעל אידען, אַז זיי האָבען באַשלאָסען איצט איהם ניט צו שטערען.

אַרויסגעהענדיג פון שוהל האָט קרושעווסקי זיך אָנגערופען צו זיין פריינד:

— דו ווייסט וואָס איך פיהל איצט נאָכדעם ווי איך האָב געהערט זיינע תפילות און געזאַנג. איך פיהל אַז דאָס לעבען איז אַזוי נישטיג און אומוויכטיג אַז קיין גרעסערער פאַרגעניגען איז ניטאָ אין דער וועלט ווי צו הערען אַזאַ געזאַנג. עס איז צו באַדויערען וואָס אַזאַ זינגער מיט אַזאַ הימלישער שטים איז באַגרעניצט אויף אַ קליינע צאָהל צוהערער. אַזאַ זינגער האָט באַדאַרפט זיין אוניווערסאַל. מענשען פון דער גאַנצער וועלט, פון פאַרשידענע פעלקער וואָלטען געדאַרפט קריגען אַ געלעגענהייט צו הערט זינגען — האָט אָרזשעשקאָ געזאָגט — וועל איך שוין ניט קאָנען

— און אויך איך האָב געפיהלט אַז נאָכדעם ווי איך האָב איהם גע־הערט זינגען — האָט אָרזשאָנסקי געזאָגט — וועל איך שוין ניט קאָנען געניסען דעם פאַרגעניגען פון אַנדערע מוזיק און געזאַנג.

— איך וועל נאָך היינט שרייבען אַ בריעף צו סטאַניסלאַוו מאָ־ניושקאָ און איהם דערצעהלען וועגען דעם יונגען מאַן מיט דער הימלישער שטים. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, איך האָב ניט גענוג ווערטער אויס־צודריקען מיין באַגייסטערונג פאַר איהם, ווען איך וויל ריידען וועגען זיין זינגען, פיהל איך אַז עס פעהלען מיר די נויטיגע ווערטער... מיין אָטעם ווערט קורץ און איך בלייב שטעהן אין מיטען ניט קענענדיג פאַרענדיגען

וואָס איך האָב אנגעפאנגען. ווען איך האָב דערצעהלט מיין פרוי און מיין זוהן און טאָכטער וועגען אונזער באזוך אין הויף און וואָס איך האָב גע־הערט איהם זינגענדיג, האָב איך געפיהלט אז איך בין ניט אימשטאנד געווען צו שילדערען זיין גרויסקייט און זיין וואונדערליכקייט. איך האָב געפיהלט אז מיינע רייד האָבען ניט געמאכט דעם געהעריגען איינדרוק, ווייל ווען איך האָב זיך אויסגעדריקט אז איך וואָלט זעהר געוואָלט איינלאַ־דען דעם יונגען מאַן צו אונז אויף איינעם פון אונזערע מוזיקאַלישע אָווענ־טען, האָט זיך מיין פרוי א קרים געטאָן און האָט געזאָגט:

— וואָס וועט א זשידאָק טאָן ביי אונז אין הויז". אויך מיין טאָכטער און מיין זוהן האָבען ניט ארויסגעוויזען קיין צופיעל באגייסטערונג. פונקט ווי עס וואָלט געמאַכט אַן אונטערשייד צו וועלכער רעליגיע א גוטער זינגער באַלאַנגט... איצט וויל איך אז דו זאָלסט מיט מיר געהן צו מיר אין הויז און לאָמיר זיך ביידע מיהען ווי ווייט מעגליך איבערצוגעבען דעם איינדרוק וואָס זיין זינגען האָט אויף אונז ביידען געמאַכט, קום מיט מיר, יאַן!

יאַן און וולאַדיסלאַוו זיינען געגאַנגען צוזאַמען. זיי זיינען אריינגעקו־מען אין קרושזענסקי'ס פּרעכטיגע וואָהנונג. קאַטערינאַ, וולאַדיסלאַוו'ס פרוי, האָט איהם פיין אויפגענומען.

— דו וועסט קיין מאָל ניט טרעפען, מיין טייערע — האָט וולאַדיסלאַוו זיך אָנגערופען צו זיין פרוי — וואו איך און יאַן זיינען פריהער געווען...

— געוויס זייט איהר געגאַנגען באזוכען נאָך א אידיש הויז וואו מען זינגט זשידאָווסקע געזאַנגען.

— מיר זיינען געווען אין דער ווילנער גרויסער שוהל, מיר האָבען דאָרט פאַרבראַכט צוויי שטונדען צייט און געמיינט האָבען מיר אז מיר געפינען זיך אין הימעל.

— באָזשע מאַי (גאָט מיינער) — האָט זיך קאַטערינאַ גע'צלם'ט — וואָס האָט איהר געטאָן אין א אידישער שוהל? איהר זייט פון זינען ארונטער? וואָס הייסט איהר פאַרברייננגט צוויי שטונדען אין א אידישער שוהל?

— איך זאָג דיר, מיין טייערע, אז ווען ער וואָלט דאָרט געזונגען צוויי טעג נאַכאַנאַנד וואָלט אונז אויסגעדוכט אז דאָס איז איין מינוט. מיר וואָל־טען ניט מיעד געווען צו זיצען דאָרט וואָכען און מאָנאַטען כדי צו הערען זיין געטליכע שטים. און גלויב מיר, קאַטערינאַ ליבע, אז ווען דו אליין וואָלסט איהם געהערט, וואָלסטו אויך צוגעגעבען אז קיין גרעסער פאַרגע־ניגען איז ניטאָ אויף דער וועלט. אדרבה פרעג יאַן'ען, וועסטו זעהן אויב איך טרייב אויף א האָר איבער.

יאַן האָט אויך גענומען ריידען מיט גרוים באגייסטערונג וועגען יואל דוד'ן. ער האָט איהר געזאָגט אז זינט ער לעבט האָט ער נאָך אזא וואונ־דערבאַרע שטים ניט געהערט.

— זיין זינגען קען צושמעלצען אייזען און שטיין — האָט ער געזאָגט.

— נו, איצט וועסטו מיר שוין גלויבען, טייערינקע?

— פונדעסטוועגען זעה איך ניט איין ווי אזוי איהר האט געקענט ביי זיך פועל'ן צו פארברייגגען צוויי שטונדען צייט אין א זשידאווסקע שוהל... און דערצו נאך ארויסקומען פון דארט מיט אזא באגייסטערונג. עס איז א לעסטערונג פאר אונזער רעליגיע און ווען דו פאלגסט מיך, וולאדיסלאוו, וואלסטו גאר ניט דערצעהלט וועגען דעם קאזימיר'ן און נאסטאשא'ן. זיי וועלען זיך בלויז אויפרעגען. עס קומט אויס אז אייך געפעלט די זשידאווסקע אמונה און באלד, באלד וועט איהר אויפהערען צו באזוכען אונזער קלויסטער און געהן אין שוהל צו די זשידעס.

— עס איז נישט רעכט פון דיר, מיין ליעבסטע אזוי צו ריידען — האט וולאדיסלאוו געזאגט. דו אליין ביזט א ליבהאבעריין פון מוזיק און דו האסט באדארפט וויסען אז מוזיק מאכט ניט קיין אונטערשייד פון ראסע און אמונה. און ווען איך דערצעהל דיר אז אזא זינגער ווי דער יונגער פאן סטראשון קען מען טרעפען איין מאל אין צעהן דורות, דארפסטו מיר גלויבען, און דו וואלסט אליין באדארפט מיר זאגען אז איך זאל איהם איינלאדען צו אונז...

— אז ער וועט קומען וועל איך איהם ניט ארויסטרייבען — האט קאטערינא געזאגט. אבער איך בין זיך מודה אז קיין אנגעלייגטער גאסט וועט ער ביי מיר אין הויז ניט זיין. און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט אז קאזימיר און נאסטאשע וועלען יענעם אוועקט ארויס פון הויז, ווייל זיי וועט ניט אנטשטעהן צו געפינען זיך מיט א זשידעק אונטער איין דאך.

— דו לאז זיי איבער צו אונז — האט וולאדיסלאוו געזאגט — איך וועל זיך דורכריידען מיט קאזימיר'ן און נאסטאשא'ן וועל איך איבערלאזען צו יאן'ען. ער וועט שוין איהר איבערצייגען אז זי זאל בלייבען אין הויז כדי צו האבען א געלעגענהייט צו הערען דאווויד'ן (יואל דוד'ן) זינגען.

— אויב אייך וועט געלינגען עס צו טאן, — האט קאטערינא געזאגט,
— וועל איך געווים ניט זיין דאגעגען. אבער מיר דוכט זיך אז איך קאן מיינע קינדער בעסער ווי דו און דיין פריינד יאן. איך ווייס אז זיי קאנען ניט שטעהן נעבען א אידען, אפילו ווען ער זאל זיין פיער איילען ווייט פון זיי, בפרט צו זיין נעבען איהם אין אונזער הויז.

— אויב אזוי מוז איך דיר זאגען טייערע מיינע, אז דו האסט אונזערע קינדער ניט ריכטיג ערצויגען. אמת, עס זיינען פאראן אידען וועלכע זיינען זעהר אפשטויסענד און איך אליין וואלט פון זיי געוויכט ווי ווייט מעגלעך, אבער פארגעסט ניט אז עס זיינען אויך פאראן אזעלכע פאליאקען, פונדעסטוועגען וועט דיר ניט איינפאלען צו באשולדיגען דאס גאנצע פוילישע פאלק צוליב דער באדייטענדער צאהל אומגעוויינשטע וואס עס פארמאגט. די זעלבע זאך איז מיט די אידען. אלס א פאלק געפינען זיך דארט אויך פארשידענע עלעמענטען: וואוילע, איידעלע און נאבעלע מענשען ווי אויך זיטענלאזע, פארדארבענע און אומגעווינשטע. דו אליין ווייסט גאנץ גוט ווי די רוסען זיינען מיר ניט צום הארצען, פונדעסטוועגען וועל איך ניט וואגען צו זאגען אז אלע רוסען זיינען שלעכטע פארדארבענע מענשען.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש. נאָך אַלעמען זיינען דאָך די רוסען אויך קריסטען. אָבער די זשידעס, די מערדער פון קריסטוס... ווי אַזוי קאָנען מיר פאַרברייינגען מיט זיי געזעלשאַפטליך.

— איצט רעדסטו, מיין ליבסטע, ווי אַ פאַנאַטישע פרוי! — האָט וולאַדיסלאַוו אויסגערופען. — און איך האָף אַז דו וועסט מיר מוחל זיין ווען איך וועל דיר זאָגען אַז אומוויסענדע און מענשען אָהן טאָלעראַנץ ריידען אַזוי. לאָמיר אָננעהמען אַז מיט אַן ערך פון אַכצעהן הונדערט יאָהר צוריק, האָבען די רוימער אויף דעם פאַרלאַנג פון די אידען געקרייציגט קריסטוס׳ן, טאָ וואָס זיינען שולדיג זייערע אור־אור־אייניקלעך. אויב מיר באַגעהן אַ פאַרברעכען וואָלסטו געוואָלט אַז מען זאָל זיך אָפּרעכענען מיט אונזערע קינדער פאַר אָט דעם פאַרברעכען. ניין, דאָס איז נאַרישקייט... מיר האָבען פיינט דעם אידען וויל מיט הונדערטע יאָהרען צוריק זיינען זיי באַגאַנגען אַ פאַרברעכען געגען קריסטוס׳ן. מיר האָבען קיין רעכט ניט דערצו. אַ מענש דאַרף מען ליעב אָדער פיינט האָבען צוליעב זיינע אייגענע מעלות אָדער חסרונות אָבער ניט אויפזוכען אויף איהם חטאים וואָס זיינע אור־עלטערען זיינען באַגאַנגען געגען איהם.

— דאָס אידישע פאָלק איז אונז דערווידער צוליב פאַרשידענע אור־זאַכען. — האָט קאַטערינאַ זיך אָנגערופען — דאָס קרייציגען פון קריסטוס׳ן איז בלויז אַ באַוויז אַז די אידען זיינען אָפּשטויסענד.

— וועסטו אפשר פאַרגעסען אויף אַ ווײַלע, מיין ליבסטע, אַז קריסטוס אַליין איז געווען אַ איד. אַז אין אונזער נייעם טעסטאַמענט שטעהט בפירוש געשריבען אַז ער האָט געשטאַמט פון שבט יהודה פון דוד המלך...

— אָ, וולאַדיסלאַוו, איך בעט דיך רייד מעהר ניט אַזעלכע רייד. — האָט זי זיך גענומען צלם׳ן... עס איז אַ גאָט לעסטערונג. עס איז אַ באַליידיגונג פאַר אונזער האַר יעזוס קריסטוס.

— זעה ווי ניט אויסגעהאַלטען דו ביזט. איך מיין אויך די מיליאָנען אַנדערע קריסטען וועלכע האָבען פיינט אַ אידען בלויז צוליב דעם וואָס ער איז אַ איד. ער קאָן אפילו זיין דער שענסטער, איידעלסטער און באַגאַבטסטער מענש. נאָר ווייל ער שטאַמט פון אידען איז ער ביי אייך פאַרהאַסט. אָבער אין דערזעלבער צייט איז ביי אייך די אידישע ביבעל הייליג, און וועגען נייעם טעסטאַמענט איז דאָך שוין אָפּגערעדט, און דאָרט ווערט יעזוס דערמאָנט אַלס איד. דוכט זיך מיר אַז אויב אונזער האַר יעזוס איז אונז באַליבט, האָבען מיר אַמווייניגסטען באַדאַרפט זיין דאַנקבאַר צו דעם פאָלק וואָס האָט אונז געגעבען יעזוס׳ן און ניט האַסען זיי.

— זיי האָבען דאָך איהם געקרייציגט! — האָט קאַטערינאַ גע׳טענה׳ט

— זיי זיינען געווען זיינע מערדער און דערפאַר וועלען מיר זיי קיינמאָל ניט מוחל זיין.

— דו ווייסט גאַנץ גוט פון די לעהרע פון אונזער רעליגיע, אַז דער האַר יעזוס איז געשיקט געוואָרען אויסצולייטערען די וועלט פון איהרע זינד.

ער איז געשיקט געוואָרען דורכצומאַכען אַלע שווידערליכע ליידען כדי צו שאַפען אַ בעסערע וועלט, אַ וועלט פון פרידען, פון פריינדשאַפט און ליבשאַפט און כדי דאָס דורכצופיהרען, האָט ער באַדאַרפט דורכגעהן די פּייניגונגען פון קרייציגונג. דאָס איז געווען זיין גורל און צוליב דעם איז ער געשיקט געוואָרען פון גאָט אויף דער וועלט, כדי מכפר צו זיין אַלע זינד פון דער מענשהייט, און אויב מיר גלויבען אין דעם האָבען מיר דאָך באַדאַרפט זיין דאַנקבאַר צו די אידען וואָס ער איז דורך זיי געקרייציגט געוואָרען. זיי האָבען דאָמיט געהאָלפען ברייגנען די אויסלייזונג פון דער מענשהייט.

— איך ווייס ניט וואָס פון דיר איז געוואָרען, וולאַדיסלאַוו — האָט קאַטערינאַ אויסגערופען — איך האָב מורא, אַז דאָס באַזוכען אין דער אידישער שוהל האָט אויף דיר געווירקט צום שלעכטען... איך בין זיכער אַז יאַן וועט קיינמאָל ניט וואַגען אַרויסצוברייגנען אַזעלכע רייד פון זיין מויל... דאָס איז דאָך אַ ווירקליכע גאָט'ס לעסטערונג און זאָל דיר דער האַר יעזוס מוחל זיין.

— דו מאַכסט אַ טעות, קאַטערינאַ, איך לעסטער ניט גאָט מיט מיינע רייד, פאַרקעהרט, איך פּרובּיר פאַרטיידיגען דאָס וואָס ער אַליין האָט געפּרעדיגט. איך ווייס אַז יעזוס האָט אונז געהייסען ליעב האָבען אפילו אונזערע שונאים. און איך וויל דיך פרעגען, היטען מיר אָפּ זיין געבאָט? ער האָט געפּרעדיגט שלום, פאָלגען מיר איהם? אַזוי ווייט ווי איך ווייס, האָבען די קריסטליכע פעלקער ניט אויפגעהערט צו פיהרען מלחמות איינע געגען די אנדערע זינט דעם טויט פון יעזוס'ן... ווי אַזוי קאָנען זיי זיך גאָר רופען קריסטען? איך פיהל זיך אַז איך בין אַ ריכטיגער קריסט... איך קאָן זעהן די גוטסקייט אויך ביי די אידען און די שלעכטקייט ביי די קריסטען...

— איך וואָלט זעהר ניט געוואָלט, וולאַדיסלאַוו, אַז דו זאָלסט אַזוי ריידען אין געגענוואַרט פון אונזערע קינדער. דו וואָלסט דערמיט קיין פאַרגעניגען ניט פאַרשאַפט... דו וואָלסט בלויז אַרויסגערופען אַ שטאַרקע געגנערשאַפט אויך געגען זיך.

— עס איז מעגליך אַז איצט איז שוין צו שפּעט, אונזערע קינדער האָבען פון קינדהייט אָן איינגעזאַפּט אין זיך די אומזיסטע שנאה צו די אידען און זיי זיינען אַזוי פאַרבלענדט געוואָרען, אַז זיי זעהען ניט די גוטע זאַכען וואָס געפינען זיך ביים אידישען פאָלק. יע, צו טיעף איז זייער שנאה איינגעוואָרצעלט אין זייערע הערצער אַז זיי זאָלען קאָנען זיין טאָלעראַנט... און טאַקע צוליב דעם וואָלט איך געוואָלט אַז דער אידישער יונגער זינגער זאָל קומען צו אונז, זאָלען זיי איהם הערען זינגען און דאַן בין איך זיכער, אַז זיי וועלען בייטען זייער מיינונג וועגען אידען.

— איך האָב דיר געזאָגט, וולאַדיסלאַוו, אַז איך בין ניט דאַגעגען, אָבער אויב דו ערוואַרטסט אַז זיי זאָלען אריינקומען אין דעם צימער וואו דיין אידישער גאַסט געפינט זיך, מאַכסטו אַ טעות.

— איך פאַרלאַנג איין זאַך פון דיר, קאַטערינאַ — האָט וולאַדיסלאַוו

געזאגט — דו זאלסט מיט זיי גארניט רעדען וועגען דעם. דו לאז זיי איבער צו מיר... איך ווייס אז נאסטאשא איז זעהר מוזיקאליש און זי ווייסט ווי אפצושאצען גוטע מוזיק אפילו ווען עס וועט קומען פון א אידען. און וואס אנבאלאנגט קאזימיר'ן, וועט ער זעהן אז זיין שוועסטער איז טאלעראנט וועט ער אויך אזוי טאן.

— איך זאג דיר צו אז איך וועל זיך ניט מישען. טהו ווי דו פאר־שטעהסט, אלעס וואס איך האב געוואלט איז דיר ווארענען כדי דו זאלסט נאכהער ניט זיין ענטוישט... ווייל עס קאן זיין אז ווען דיין זשידאק וועט קומען וועלען זיי אוועקגעהן...

— איך בין נאך ניט אזוי זיכער אז ער וועט קומען, האט וולאדיסלאוו געזאגט, פארשטעהסטו מיך, קאטערינא, די אידען זיינען זעהר עמפפינד־ליך און זיי זיינען זעהר שטאלץ, זיי ווייסען אז מיר קריסטען דולדען זיי ניט, אז מיר האבען קיין איבעריגע ליעבשאפט פאר זיי, ווייכען זיי דער־ריבער פון אונז. אט האב איך שוין געמאכט א פארזוך איהם צו בעטען קומען, אבער ער האט זיך ארויסגעדרעהט מיט אן אויסרייד אז ער איז איצט צו שטארק פארנומען. דאס איז אפילו אמת, ער מאכט איצט רע־פעטיציעס פאר די אידישע "הייליגע טעג", ווען ער וועט דאווענען מיט זיין כאר אין שוהל. א, ווי שטארק איז מיין פארלאנג צו זיין דארט און הערען איהם דאווענען.

— עפעס א ניט ריינער גייסט האט זיך אין דיר אריינגעכאפט, וולא־דיסלאוו — האט איהם זיין פרוי גענומען פארווארפען — דו שעהמסט זיך גאר ניט מיר צו זאגען אז דיר פארגלוסט זיך צו זיין ביי די זשידעס אין שוהל אין דער צייט פון זייערע הייליגע טעג.

— איך האב ניט געמיינט דאווענען דארט נאר זיך צוהערען צו דעם זינדיגען פון דעם פאן דאוויד... און איך פארזיכער דיר קאטערינא, אז ווען דו אליין הערסט איהם זינגען איין מאל וואלסטו שוין געזוכט א געלע־גענהייט איהם צו הערען א צווייטען מאל.

— כאטש איך בין א ליידענשאפטליכע ליעבהאבערין פון מוזיק, פונ־דעסטוועגען קען איך דיר פארזיכערען אז איך וואלט ניט געגאנגען אזוי ווייט און פארשוועכען מיין הייליגטום, כדי איהם צו הערען זינגען.

— דאס וועלען מיר זעהן שפעטער! האט וולאדיסלאוו קרוזשענסקי, מיט א שמייכעל געזאגט — איידער איך האב איהם געהערט, האב איך אויך ניט געהאט קיין גרויס חשק צו געהן. ווען יאן האט מיר פון איהם דערצעהלט, האב איך איהם געזאגט, אז ער טרייבט איבער. אבער ווען איהם איז ענדליך געלונגען מיר איבערצורעדען און מיר צופיהרען צו סטראשון'ס הויף און איך האב באמערקט ווי דער הויף איז געפאקט מיט נייגעריגע מענ־שען וועלכע האבען אונגעדולדיג געווארט ער זאל אנפאנגען זינגען, בין איך שוין געווארען פאראינטערעסירט און איך האב צוגעווארט. איצט קען איך דיר זאגען אז אזא גייסטיגען פארגעניגען וואלט איך ניט אוועקגעגעבען פאר קיין געלט אין דער וועלט.

קאַפּיטעל דריי

סטאַניסלאַוו מאָניושקאַ איז געווען דער באַריהמטסטער פּוילישער קאָמפּאָזיטאָר פון יענער צייט. ער איז געווען דער שטאָלץ פון דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע וועלכע האָבען איהם פאַרגליכען צו שאָפּען׳ען, צו שו־מאַן׳ען און צו אַנדערע גרויסע קאָמפּאָזיטאָרען.

מאָניושקאַ האָט פאַרפאַסט פיעלע אָפּעראַס, אָבער זיין לעצטע אָפּערא ״האַלקאַ״ האָט אַרויסגערופען די גרעסטע באַגייסטערונג צווישען די מוזיק ליעבהאָבער פון דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע.

דער לעצטער סעזאָן איז פאַרענדיגט געוואָרען אָנפאַנג פריהלינג און איצט ביי דעם קומענדען סעזאָן מאַכט מאָניושקאַ גרויסע פאָרבערייטונגען פאַר זיינע אַנדערע אָפּעראַס: ״די ציגיינער״, ״דער נייער דאָן קיכאָט״ און ״די לאָטעריי״. פיעלע פון זיינע פריינד האָבען איהם שטאַרק געבעטען ער זאָל אויך פאַר דעם קומענדען סעזאָן דורכפיהרען די אָפּערא ״האַלקאַ״ וואָס האָט אַזוי שטאַרק אויסגענומען ביי אַלעמען, אָבער מאָניושקאַ האָט זיך מודה געווען אַז ער איז געווען זעהר שטאַרק אונצופרידען מיט דעם הויפּט העלד פון דער אָפּערא, וועלכער שפּילט די ראָלע פון דעם דאָרפ׳ס יונג אַנטעק, דער געליעבטער פון האַלקאַ׳ן.

— אמת, די דאָזיגע אָפּערא האָט שטאַרק אויסגענומען, אָבער איך פיהל אַז דער העלד באַזיצט ניט אָט די קרעפטיגע זיסע שטימע צו זינגען די אַריעס וואָס איך האָב ספּעציעל פאַרפאַסט פאַר אַן אויסערגעוועהנליכער שטאַרקער שטימע, און ביז וואַנען אַזאַ זינגער וועט זיך אָפּזוכען, וועל איך די דאָזיגע אָפּערא ניט אויפפיהרען — האָט מאָניושקאַ מיט ענטשלאָסענ־הייט געזאָגט.

עס איז אַוועק נאָך אַ סעזאָן. מאָניושקאַ האָט געזוכט אַזאַ גוטען זינ־גער וועלכער זאָל זיך צופּאַסען פאַר די העלדען ראָלע, אָבער האָט אַזאַ זינ־גער ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ניט געפונען.

ווען ער איז דעם לעצטען מאָל, אָנפאַנג זומער, געווען אין ווילנע און פאַרבראַכט ביי זיין בעסטען פריינד וולאַדיסלאַוו קרוזשעווסקי, האָט ער איהם דערצעהלט וועגען זיינע שוועריגקייטען וואָס ער האָט צו געפינען אַ יונגען אָפּערא זינגער, וועלכער זאָל קענען שפּילען די ראָלע פון יאַנטעק אין ״האַלקאַ״.

מאָניושקאַ האָט דעם גאַנצען זומער געררייזט אין פאַרשידענע שטעדט און שטעדטלעך פון פּוילען און ענדע זומער האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע אַן ענטוישטער. און ער האָט זיך גענומען גרייטען צום ווינטער סעזאָן מיט זיינע אַנדערע אָפּעראַס.

איין מאָל, ווען מאָניושקאַ איז געקומען אַהיים האָט איהם זיין פרוי איבערגעגעבען אַ בריעף. ער האָט אויפגעעפענט דעם בריעף און געלייענט:

״מיין טייערער פריינד סטאַניסלאַוו מאָניושקאַ.

״שוין איינינע חדשים זיינען פאַראיבער זינט דו ביזט ביי מיר

געוועז און מיר האבעז פארבראכט יענע גלאררייכע אונפארגעסליכע אוונטעז צוזאמעז. איך האב גאנץ אפט געטראכט פון דעם וואס דו האטס אזוי פיעל שווערינקייטעז צו געפינעז א פאסיגעז זינגער וועלכער זאל קענעז שפילעז די ראלע פון יאנטעק. און איצט קען איך דיר, מיט גרויס פרייד, לאזעז וויסעז אז איך האב ענטדעקט איינעם א יונגעז מאן, וואס באזיצט א געטליכע שטימע. איך גלויב אז קיין גלייכעז צו איהם איז ניטא, ניט נאר איז פוילעז, נאר אויך איז פיעלע אנדערע לענדער. איך האב ניט גענוג ווערטער אויסצודריקעז מיין באגייסטערונג וועגעז זיין וואונדערבארעז זינגעז. איך בין זיכער אז ווען דו וועסט איהם הערעז וועסטו זיין מיט דער זעלבער מיינונג. אבער איין חסרון האט דער יונגער מאן, וואס ער איז א איד און דערצו דער שטאדט חזן פון ווילנער שוהל. איך וויים אז דו האלטסט אויך אז מוזיק וויים ניט פון רעליגיעזע פאראורטיילעז, פון דעסטוועגעז בין איך דאך ניט זיכער אויב דיר וועט געלינגעז איהם צו באוועגעז, ווייל ער איז זעהר א פרומער איד און איך דארף דאך דיך ניט דערצעהלעז ווי אזוי די פרומע אידעז באציהעז זיך צו ניט־רעליגיעזע געזאנג. יעדענפאלס אויב דו ווילסט זיך דורכפאהרעז קיין ווילנע, וועל איך שוין זעהן אז דו זאלסט איהם הערעז זינגעז, און אז דיר וועט געפעלעז, וועל איך שוין באזארגעז, אז דו זאלסט מיט איהם זיך קענעז זעהן פערזענליך, כאטש איך וויים אז מיר וועלעז באגעגנעז פילע שווערינקייטעז.

"מיין עצה איז אז דו זאלסט מאכעז די דאזיגע רייזע קיין ווילנע ווייל איך בין זיכער אז דו וועסט קיין חרטה ניט האבעז.

"דיין ערגעבענסטער פריינד.

"וולאדיסלאוו קרוזשענסקי".

—וואס זאגסטו אויף דעם — האט מאניושקא זיך אנגערופעז צו זיין פרוי — קרוזשענסקי האט ענטדעקט א טאלאנט און וויל, אז איך זאל שוין פאהרעז קיין ווילנע, איהם אויסכאפעז.

— אפשר האט ער טאקע ענטדעקט איינעם מיט וועמעז דו וועסט צופרידעז זיין! — האט איהם זיין פרוי געזאגט — איך וויים אז דו האלטסט זעהר שטארק פון דיין ווילנער פריינד. דו האסט מיר ניט איין מאל געזאגט אז ער פארשטעהט מוזיק און זיין גאנצע משפחה איז אויך זעהר מוזיקאליש.

— אבער לאז מיך ענדיגעז! — האט מאניושקא מיט אונגעדולד אויסגערופעז. דער יונגער מאן וועמעז ער האט ענטדעקט אלס גרויסעז טאלאנט איז א איד און דערצו נאך א חזן אין דער גרויסער ווילנער שוהל... עס איז דאך לעכערליך, איך וועל פאהרעז קיין ווילנע זיך צו זעהן מיט א אידישעז יונגעז מאן... אפילו ווען ער זאל זיין צוגעפאסט צו דער דאזיגער ראלע וועט מען ניט דולדעז קיין אידען אלס הויפט העלד אין דער אפערא. אויסער דעם ווער ווייסט צי ער קען אויך שפילעז זיין ראלע... וואס ווייסט א פאנאטישער אידישער חזן פון אפערא... אבסורד... וולאדיסלאוו קרוזשענסקי

האָט געדאַרפֿט האָבן מעהר שכל און וויסען אַז איך וועל ניט זוכען קיין העלד פון מיין אָפּערא צווישען אידישע חזנים.

— פונדעסטוועגען וועט ניט שאַדען אַז דו וועסט איהם ענטפערען אויף זיין בריעף... אין בריעף רעדט ער מיט אַזוי פיעל באַגייסטערונג וועגען איהם...

— אפשר ביזטו גערעכט — האָט מאַניושקא זיך אָנגערופען — איך וועל איהם ענטפערען אַז איך וועל קומען.

— דו וועסט קומען? — האָט איהם זיין פרוי אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג. דו האָסט דאָך נאָר וואָס געזאָגט אַז...

— איך האָב עס געזאָגט, אָבער איך קען קרוזשענסקי'ן צו גוט, אויב ער עצה'ט מיר צו קומען וועט ניט שאַדען אַז איך וועל זיך נעהמען די מיה און פאָהרען קיין ווילנע. איך האָב אַלץ איינס באַשלאָסען צו זיין אין ווילנע איידער דער נייער סעזאָן פאַנגט זיך אָן. א מאָדנער מענש אָט דער קרוזשענסקי! אַז איינפאַל איך זאָל אָנשטעלען א אידען, א חזן פון א שוהל, צו שפּילען די ראָלע פון יאַנטעק! נו, מילא! מיר וועלען איהם ניט אויסרעדען פאַר דעם.

מאַניושקאַ'ס פרוי האָט צוגעשמייכעלט. זי האָט געוואוסט אַז איהר מאַן האַלט זעהר שטאַרק פון זיין ווילנער פריינד און מסתמא גלויבט ער, אַז עפּעס איז יע פאַראַן אין זיינע רייד. זי האָט זיך דעריבער צו איהם אָנגערופען:

— סטאַניסלאַוו, טייערער, זאָל איך שוין נעהמען פּאַקען דיינע זאַכען?

— נו, אויב דו באַשטעהסט דוקא אויף דעם — האָט מאַניושקא א שמייכעל געטאָן — האָב איך קיין אַנדער ברירה ניט. איך וועל מוזען פאָהרען קיין ווילנע. איך וועל דיר אָבער וואָרנען אַז דו זאָלסט ניט זיין איבעראַשט ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען פון ווילנע א צוקריגטער מיט מיין פריינד וולאַדיסלאַוו קרוזשענסקי.

— אויב צוליב אַזא קלייניגקייט וועט אייער פריינטשאַפט ליידען, מוז אַזא פריינדשאַפט זיין זעהר שוואַך און דעריבער וועל איך זיך ניט נעהמען צום האַרצען.

— עס איז ניטאָ קיין צייט! איך מוז זיך גרייטען צום וועג. איך דאַרף אויסגעפינען ווען די פוהרען געהען אָפּ נאָך ווילנע.

איינינע טעג נאָך ראש השנה איז סטאַניסלאַוו מאַניושקא אָנגעקומען אין ווילנע. ער איז אויפגענומען געוואָרען ביי קרוזשענסקי'ס גאַנצע משפחה מיט גרויס פרייד. זיי האָבען איינפאַך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זייער חשוב'ען גאַסט, דעם בארימהטען קאָמפּאָזיטאָר מאַניושקא.

יעדעס מאָל וואָס מאַניושקא האָט פאַרבראַכט ביי די קרוזשענסקי'ס איז ביי זיי געווען א גרויסע שמחה, אָבער איצט זיינען אַלע געווען נאָך מעהר יום טוב'דיג געשטימט. וולאַדיסלאַוו איז געווען אַזוי זיכער אַז ער האָט פאַר איהם געמאַכט א גרויסע ענטדעקונג און ער וועט איהם דאַנקבאַר זיין דעם גאַנצען לעבען פאַר דעם. קאַטערינאַ, פון דער צווייטער זייט, האָט

געהאפט, אז מאניושקא זאל אפקיהלען איהר מאנ'ס באגייסטערונג פאר דעם זשידאק. נאסטאשע, וועלכע האט שוין פון לאנג גע'חלומ'ט צו זינגען אין כאר פון דער אפערא, האט באשלאסען צו רעדען מיט איהם היינ־טיגס מאל גאנץ אפען. אפשר וועט ער איינוויליגען זי אריינצונעהמען אין כאר און דאן וועט זי שטייגען.

אפילו קאזימיר איז געווען שטארק צופרידען מיט זיין היינטיגען באַ־זוך. ווייל ער האט געהערט אז די באוואוסטע גרעפין זאמאיסקא וועט שפּי־לען אפערא אין ווארשע דעם קומענדען סעזאן, און ווערליג ער האט גע־הערט איז זי א זעלטענע שעהנהייט. אויב אזוי וואלט ער זעהר געוואלט זיך באראטען מיט איהר. איצט אז מאניושקא איז ביי זיי וועט ער מיט איהם רעדען וועגען זיין פלאן צו פאהרען קיין ווארשע, מיט דער האפנונג אז ער וועט איהם פאר איהר פארשטעלען.

און אזוי איז מאניושקא איצט אויפגענומען געווארען מיט מעהר פאראד ווי אלע מאל.

קאטערינא האט זיך געפלייסט, אז די דינסטען זאלען צוגרייטען א גרויסארטיגען מאהלצייט. זי האט זיך אויסגעפוצט און נאסטאשע האט אנגעטאן איהר שעהנסטע באל קלייד. זי האט זיך געגרייט צו שפּילען פיאנא און זינגען פאר מאניושקא.

צו זייער אלעמענס גרויסער איבערראשונג איז מאניושקא'ס ערשטע פראגע געווען: "וועט דער אידישער יונגער זינגער, דער חזן, זיין דא היינט אין אווענט?

— וואס, דער זשידאק? — האט קאטערינא אויסגערופען.

— יע, וועגען דעם בין איך דאך געקומען צו פאהרען פון ווארשע אהער.

— וועגען וואס פאר א זשידאק האנדעלט זיך דא, מאמא? — האט נאסטאשא אין דער שטיל א פרעג געטאן.

— יע, איך הער עס איצט צום ערשטען מאל, וועלכער זשידאק איז עס אזא גרויסער זינגער, אז צוליב איהם זאל דער אומפארגלייכבארער קאמ־פאזיטאר פאן מאניושקא קומען אהער — האט קאזימיר מיט ערשטוינונג געפרעגט און געוועונדעט זיינע בליקען צום גאסט.

— וואס קוקסטו אויף מיר, קאזימיר! — האט מאניושקא א שמייכעל געטאן — קוק בעסער אויף דיין פאטער — ער וועט מיר דארפען אפגעבען א רעכענונג. ער האט האט מיר געשריבען אזא בריוו פול מיט באגייטערונג וועגען זשידאק אלס גרויסער זינגער, אז איך האב איבערגעלאזען אלע מיינע געשעפטען און איך בין געקומען אהער, און איצט פרעג איך אויב דער אידישער זינגער, דער חזן וועט דא קומען אויף א באזוך היינטיגען אווענט?

— ניין, ניין, — האט נאסטאשע אויסגערופען מיט עקעל — ווי קומט א זשידאק צו אונז אין הויז.

— פאפא, דו ביזט דאך ניט געווען ערנסט וועגען זשידאק? — רופט זיך אן קאזימיר — דו האסט דאך אונז גארניט דערצעהלט וועגען דעם.

— און דו מיינסט, מיין זוהן, אז איך האב געטריבען שפּאס מיט מיין פריינט מאניושקא. איך האב איהם אוועקגענומען פון זיינע געשעפטען גלאט אזוי זיך.

— אבער איך הער עס ערשט צום ערשטען מאל...

— אין דעם איז דיין מוטער שולדיג — האט וולאדיסלאוו געזאגט — איך האב געהאט אין זינען מיט אייך ביידען, מיינע קינדער צו ריידען וועגען דעם, אבער אייער מוטער האט מיך געווארענט, אז איך זאל אפילו זיין נאמען ניט דערמאנען אין אייער געגענווארט, ווייל איהר ביידע האט פאר־אורטיילען געגען אידען. נו, האב איך איהר געפאלגט, איך האב זיך גע־טראכט, אז ער וועט אמאל קומען צו אונז אונערווארטעט און ער וועט עפּעס זינגען, דאן וועט אייער פאראורטייל פארשווינדען.

— א, פּאפּא, ווי אזוי קענסטו גאר טראכטען פון דעם. קיין זשיד וועט ניט אריבערטרעטען אונזער שוועל — האט קאזימיר אויסגערופען — און אויב ער וועט קומען וועל איך אוועקגעהן.

— און איך הויך — האט נאסטאשא געזאגט — איך וועל זיך געפינען מיט א זשיד אונטער איין דאך!

— נו, וואס האב איך דיר געזאגט — האט קאטערינא מיט נצחון שמייכעל זיך אנגערופען — ווער קאן די קינדער בעסער, איך צי דו?

— און איך וואלט אזוי שטארק ניט שטאלצירט מיט דעם! — האט וולאדיסלאוו אויסגערופען — עס איז שוין צייט, אז מיר קריסטען זאלען ארויסווייזען עטוואס טאלעראנץ צו די אידען, איבערהויפּט צו אזעלכע אי־דען, וועלכע זיינען באגאבט מיט געטליכען טאלאנט.

— איך בעט דיך, מיין טייערער, לאמיר איצט לכבוד אונזער וויכטיגען גאסט מעהר ניט אריינגעהן אין א ווייטערדיגע דעבאטע וועגען דעם. — האט קאטערינא געזאגט — מיינע געפיהלען צו אידען זיינען דיר שוין לאנג באקאנט און איצט ווייסטו אויך ווי אונזערע קינדער פיהלען און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז אונזער ווירדיגער גאסט איז א זשיד ניט צום הארצען...

מאניושקא איז די גאנצע צייט, וואס אט דער געשפּרעך איז פארגע־קומען, געזעסען און געשוויגען. אויף זיינע ליפּען האט זיך באוויזען א לייב־טער שמייכעל ווען זי האט גערעדט אין זיין נאמען.

— אבער, פּאני קאטערינא, צוליעב דעם בין איך דאך טאקע געקו־מען אהער. איך האב ניט געפּלאנט צו קומען קיין ווילנע אזוי שנעל, אבער נאכדעם ווי איך האב דערהאלטען וולאדיסלאוו'ס בריוו, וואו ער האט מיר געשריבען, אז איך וועל קיין חרטה ניט האבען אויב איך וועל מאכען די רייזע קיין ווילנע.

— איך בין זיכער אין דעם, אז ווען דו, כטאניסלאוו, וועסט איהם הערען זינגען וועט ער דיר אזוי געפעלען, אז דו וועסט שוין אהן איהם זיך ניט וועלען צוריקקעהרען — האט קרוזשענסקי געזאגט.

— דערפאר האב איך געפרעגט אויב דער אידישער זינגער וועט זיין דא היינט אין אווענט.

— ניין, ניין. עס איז אן אבסורד, עס איז אונמעגליך—האט נאסטאשא אויסגערופען — אין אונזער הויז וועט קיין זשיד ניט קומען.

— שווייג, דו ווייסט ניט וואס דו רעדסט! — האט וולאדיסלאוו זיך א בייזער געטאן אויף זיין טאכטער — ווען איך וויים ווי אזוי איהם צו באוועגען צו קומען אהער היינט אין אווענט אדער אפילו מארגען, וואלט איך זיך געשעצט גליקליך. איך בין ניט זיכער אויב ער וועט אננעמען מיין איינלאדונג.

— וואס, איהם שטעהט נאך ניט אן צו קומען צו אונז! — האט קאטערינא מיט אויפרעגונג געזאגט.

— ער האט אין זיך אזוי פיל שטאלץ ווי מיר, אויב זיין געזעלשאפט איז אונז דערווידער, טא פארוואס זאל איהם ניט זיין דערווידער אונזער געזעלשאפט?

— הער זיך איין, וולאדיסלאוו — האט מאניושקא זיך אנגערופען צו איהם — אויב דיין משפחה איז ניט צופרידען צו האבען איהם אין דייז הויז, איז אפשר מעגליך זיך צו טרעפען מיט איהם ערגעץ אנדערש.

— יע, עס איז גאנץ מעגליך! — האט וולאדיסלאוו געזאגט — מיר וועלען זיך קאנען טרעפען אין הויז פון אונזער פריינט יאן ארזשענסקי — זיין משפחה זיינען גארניט קיין אידען פרעסער.

— איך בין נעגען אזא באמערקונג, מיין מאן — האט קאטערינא אויסגערופען — דו האסט קיין רעכט ניט אונז צו באצייכענען אלס אידען פרעסער, אויב מיר קאנען ניט דולדען קיין אידען. ניט איך און ניט אונזערע קינדער זיינען פאראינטערעסירט צו טאן שלעכטעס צו די אידען. די איינ־ציגע זאך איז וואס מיר ווילען זיך ניט טרעפען מיט זיי געזעלשאפטליך.

— אויב אזוי, ענטשולדיג איך זיך — האט וולאדיסלאוו געזאגט — איך האב געמיינט אז יאנ׳ס משפחה דולדען געוויסע אידען.

— גוט, איך בעט דיך, זעה זיך דורכצוריידען מיט יאנ׳ען און באַ־שטעל איהם צו קומען צו איהם אין הויז.

— קאזימיר—האט וואלדיסלאוו זיך געווענדעט צו זיין זוהן — כאפ זיך אריבער צו יאנ׳ען און זאג איהם, אז מיר האבען דעם וויכטיגען און ליבען גאסט סטאניסלאוו מאניושקע און זאל ער צוקומען צו אונז אזוי שנעל ווי ער קאן.

ווען קאזימיר איז ארויס האט קאטערינא מיט עטוואס פארדרוס זיך אנגערופען:

— אויב דו גלויבסט, אז דער זשידאק איז אזוי וויכטיג קאנסטו איהם איינלאדען אויך צו אונז. אבער דארפען מיר דען אלע זיין אין דעם זעלבען צימער. אויב ער קומט. נאסטאשא און קאזימיר און איך וועלען דאן אדער ערגעץ שפאצירען אדער מיר וועלען זיך געפינען אין א צווייטען צימער.

— איך וויל אבער ניט, אז ער זאל זיך פיהלען באליידיגט, ווען ער

וועט אויסגעפינען, אז מיין פאמיליע ווייכט פון איהם. איך ווייס ווי עמ־פינדליך א איד איז. נייז, עס וועט זיין בעסער, אז ער וועט זיך טרעפען מיט אונז אין יאנ׳ס הויז. דארט וועט ער זיך פיהלען א סך פרייער. דעם אמת זאגענדיג בין איך נאך ניט זיכער אויב מיר וועט געלינגען איהם צו באַ־וועגען צו קומען זינגען פאר אונז. איך צווייפעל אין דעם.

— נו, וועגען דעם וועלען מיר נאך האבען צייט צו ריידען — האט קאטערינא זיך אנגערופען, דער טיש איז געגרייט און אונזער גאסט איז הונ־געריג.

זיי האבען זיך געזעצט עסען און זיי האבען א ווייל געשמועסט ווע־גען פארשידענע אנדערע זאכען. באלד איז אנגעקומען יאן און קאזימיר.

יאן האט זיך פריינטליך באגריסט מיט מאניושקע׳ן און ער האט זיך אויך געזעצט ביים טיש.

זיי זיינען ווידער איבערגעגאנגען צו דעם געשפרעך וועגען ווילנער שטאט חזן.

— אונזער ווירדיגער פריינט וולאדיסלאוו האט ניט גענוג ווערטער צו לויבען דעם יונגען אידישען זינגער — האט מאניושקא זיך געווענדעט צו יאן, און צוליב זיין בריוו וואס ער האט מיר געשריבען מיט אזוי פיעל באגייסטערונג וועגען דעם זינגער בין איך אהער געקומען. זאג מיר יאן אויך דיין מיינונג, גלויבסטו, אז ער איז ווירקליך אזא אויסערגעוועהנליכער טאלאנט?

— איך גיב צו, פאן מאניושקא, אז מיין באגייסטערונג שטייגט א סך אריבער די באגייסטערונג פון אונזער פריינט וולאדיסלאוו. איך בין געווען דער ערשטער איהם אויפמערקזאם צו מאכען וועגען דעם. איך האב איהם אוועקגעפיהרט צו סטראשונ׳ס הויף וואו ער האט געקאנט הערען די שטים פון דעם יונגען חזן ווען ער האט געמאכט רעפעטיציעס מיט זיין כאר. איך געדענק גאנץ גענוי אז פון אנפאנג האט ער אפילו ניט געוואלט הערען פון דעם. איך האב געהאט גרויסע שוועריגקייטען איהם איינצוריידען, אבער נאכדעם ווי ער האט איהם געהערט זינגען, איז מיר שוין געווען שווער איהם אוועקצורייסען פון דארט. ער האט מיר געזאגט, אז ער מוז זיך זעהן מיט איהם פערזענליך און ער האט שוין נעזעהן מיר זאלען איינגעלאדען ווערען אין זיין שווער׳ס הויז וואו מיר האבען מיט איהם פארבראכט א היבשע ווייל.

— נו, אויב אזוי בין איך איצט נאך מעהר נייגעריג זיך צו טרעפען מיט דעם יונגען מאן און הערען איהם זינגען...

— יאן — האט וולאדיסלאוו זיך צו איהם געווענדעט — וועט זיין מעגליך זיך צו טרעפען אין דיין הויז מיט דאוויד סטראשון.

— אין מיין הויז?

— יע, אין דיין הויז, איך מיין, אויב דיין פרוי און דיינע קינדער וועלען ניט זיין דאגעגען וואס דו וועסט אריינברייננגען א אידען צו דיר אין הויז פאר א ווייל.

— מיט דעם גרעסטען פאַרגעניגען! פאַרקעהרט, איך וועל עס נאָר האַלטען פאַר אַ כבוד.

— זעהסטו קאַטערינאַ און קאַזימיר און נאַסטאַשאַ סטראַשען אוועקצוגעהן פון הויז פאַר דער צייט וואָס ער וועט ביי אונז פאַרברייגגען. פאַרשטעהסטו איך וויל איהם ניט שטעלען אין אַ פאַרלעגענהייט. אפילו ווען זיי זאָלען בלייבען וועט ער זיך ניט פיהלען צו באַקוועם און ער וועט פיליכט ניט וועלען זינגען.

— איך וואָלט געווען זעהר צופרידען, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז אין מיין הויז איז קיין פיאַנאָ ניטאָ!

— יע, וועגען דעם האָב איך גאָר פאַרגעסען! — האָט וולאַדיסלאַוו אויסגערופען — אָבער איז דען נויטיג אַ פיאַנאָ, סטאַניסלאַוו?

— יע, אַ פיאַנאָ איז זעהר נויטיג, אויב איך וועל וועלען איהם הערען זינגען און אורטיילען אויב ער איז פּאַסיג צו זינגען אין מיין אָפּערא "האַלקאַ".

— וואָס, דער זשידאָק זאָל זינגען אין דער אָפּערא האַלקאַ? — האָט נאַסטאַשאַ זיך אַ קרים געטאָן — אָ, פּאַן מאַניושקאַ, ווי אַזוי איז דאָס מעגליך?

— אויב דיין פּאַפּאַ מאַכט ניט קיין טעות און זיין שטים איז ווירקליך אַזוי וואונדערליך, וואָלט איך אויף אַ רגע ניט געצעגערט און איהם אָנגעשטעלט צו שפּילען די הויפּט ראָלע פון מיין אָפּערא "האַלקאַ".

— אָבער ער איז דאָך אַ איד!

— מוזיק ווייסט ניט פון רעליגיעזע פאַראורטיילען — האָט מאַניושקאַ געזאָגט.

נאַסטאַשאַ האָט זיך פאַרשעהמט און זי האָט געשוויגען.

— דאָס זאָג איך דאָך אויך! — האָט וולאַדיסלאַוו אויסגערופען — איך האָב קאַטערינאַ'ן געזאָגט, אַז אַ וויכטיגער מוזיקער האָט קיין פאַראורטיילען געגען אַ גוטען זינגער, אויב ער שטאַמט פון אַן אַנדער פאָלק.

— אויב דער פּאַן מאַניושקאַ איז אַזוי נייגעריג איהם צו הערען זינגען, וועלען מיר שוין ניט זיין אַזוי שטאַרק דאַגעגען, איז קאַטערינאַ שוין ווייכער געוואָרען — איך פאַרזיכער דיר, מיין מאַן, אַז איך וועל טאָן אַלעס וואָס מעגליך צו מאַכען איהם פיהלען באַקוועם ביי אונז. און וואָס אַ שטייגער וועט עס שאַדען אויב קאַזימיר און נאַסטאַשאַ וועלען זיין אין אַ צווייטען צימער. פאַרקעהרט, ער וועט זיך ניט אַזוי שעהמען. און אויב מען וועט דאַרפען שפּילען פיאַנאָ וועט מאַניושקאַ שפּילען:

— איך בין צופרידען, אַבי ער זאָל נאָר קומען... איך וואָלט שוין געוואָלט הערען זיין שטים — האָט מאַניושקאַ געזאָגט.

— איך וועל באַלד אַריבערגעהן צו איהם אין הויז און איהם איינלאַדען! — האָט וולאַדיסלאַוו געזאָגט.

— איך וואָלט דיר געראַטען דו זאָלסט זיין פאַרזיכטיג. דו טאָרסט

ניט דערמאָנען אַפּערא, ווייל דאַן וועט ער קיינמאָל ניט קומען צו דיר — האָט יאַן איהם געוואָרענט.

— איך וועל אַנווענדען פאַרשידענע מיטלען — האָט וולאַדיסלאַוו געזאָגט. איך האָף, אַז מיר וועט געלינגען.

— אפשר ווילסטו איך זאָל דיר העלפען אין דעם? — פרעגט איהם יאַן.

— אויב דו ווילסט, אָבער, ניין. איך וועל פּרובירען אַליין זיך מיט איהם דורכריידען. און דאַן וועל איך זעהן וואָס פאַר אַ מיטלען אַנצוּווענדען.

קרוזשענסקי איז באַלד אַוועק צו ר' מרדכי סטראַשון אין הויז. ער האָט פאַרלאַנגט זיך צו זעהן מיט יואל דוד'ן, ער האָט צוגעוואַרט אין גאַסטצימער.

יואל דוד איז ארויסגעקומען און זיך פריינטליך באַגריסט מיט איהם.

— איך האָב קיין געלעגענהייט ניט געהאַט דיר צו זעהן ביז איצט און זאָגען דיר ווי דאַנקבאַר און איך און מיין פריינט יאַן זיינען דיר פאַר דעם גייסטיגען פאַרגעניגען וואָס דו האָסט אונז פאַרשאַפט יענעם שבת אין שוהל... איך האָב ניט גענוג ווערטער אויסצודריקען מיין באַוואונדערונג.

— אַ האַרציגען דאַנק — האָט יואל דוד זיך אָנגערופען.

— הער זיך איין, דאַוויד, איך וועל דיר זאָגען צוליב וואָס איך בין איצט געקומען. איך גלויב, אַז דו האָסט געהערט, אַז אין וואַרשע געפינט זיך דער באַוואוסטער קאָמפּאָזיטאָר סטאַניסלאַוו מאַניושקאַ?

— יע, איך האָב געהערט פון איהם.

— נו, בין איך דיר געקומען זאָגען, אַז אָט דער מאַניושקאַ איז היינט געקומען צו פאָהרען אין ווילנע און ער שטעהט איין ביי מיר אַלס מיין גאַסט. וועגען וואָס רעדט מען מיט אַזאַ מוזיקאַלישען מענשען? פאַרשטעהסט זיך, אַז מיר ריידען וועגען מוזיק און געזאַנג... האָב איך איהם דערצעהלט וועגען דיר, איז ער געוואָרען אַזוי נייגעריג זיך מיט דיר צו באַקענען, אַז ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט איך זאָל געהן און דיך איינלאַדען צו אונז אויף היינט אָוונט. מיר ווילען לכבוד אונזער וויכטיגען גאַסט האָבען אַ מוזיקאַלישע צוזאַמענקונפט. איך בין דעריבער געקומען דיך בעטען אָנצונעהמען מיין איינלאַדונג און קומען פאַרברענגען היינטיגען אָוונט אין מיין הויז.

— צום באַדויערען, פּאַן, איז עס פאַר מיר אונמעגליך צו טאָן.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך בין שטאַרק פאַרנומען!

— איך פאַרזיכער דיך, אַז מיר ווילען דיך לאַנג ניט פאַרהאַלטען, עס וועט דיר גאָרניט שאַדען ווען דו וועסט זיך באַקענען מיט דעם גרעסטען פּוילישען קאָמפּאָזיטאָר פון היינטיגער צייט... דו וועסט דערפון אַ סך געניסען.

— ניין, עס איז פאַר מיר אונמעגליך — האָט יואל דוד געזאָגט —

דער פֿאַן דאַרף ווייסן, אַז אין פֿיער טעג אַרום איז יום כּפּור, אונזער הייליגסטער טאָג און איך בין יעדן אָווענט פֿאַרנומען מיט׳ן כאָר.

— יע, איך ווייס עס! — האָט קריזשעשנסקי געזאָגט — איך האָב אָבער וועגן דעם פֿריהער ניט געטראַכט. יעדנפֿאַלס, אויב אונזער גאַסט וועט פֿאַרבלייבן לענגער אין ווילנע, האָף איך, אַז דו וועסט ניט דורכלאָזן די זעלטענע געלעגנהייט זיך מיט איהם צו באַקענען. פֿאַרשפּרעכסטו מיר צו קומען נאָך יום כּפּור?

— באַלד נאָך יום כּפּור פֿאַנגט זיך אָן אונזער יום טוב סוכּות און איך וועל ווידער דאַרפֿן איינשטודירען מיט׳ן כאָר... איך האָב מורא עס וועט פֿאַר מיר אונמעגליך זיין פֿאַר די קומענדע צוויי וואָכען, אַמווייניגסטען.

— איך האָף, פֿונדעסטוועגן, אַז דו וועסט געפֿינען אַביסעל צייט? — האָט וולאַדיסלאַוו אויסגערופֿען — איך וועל זעהר, זעהר שטאַרק באַדויערן, אויב מיין פֿריינט מאַניושקאַ וועט אָוועקפֿאָהרען ניט האָבענדיג קיין געלעגנהייט דיך צו הערען און מיט דיר צו ריידען.

— אויב דער פֿאַן מאַניושקאַ וועט פֿאַרבלייבען ביז נאָך אונזער יום טוב סכּות, קאָן זיין, אַז דאַן...

— איך גלויב ניט, אויב ער וועט וועלען פֿאַרבלייבען אין ווילנע אַזוי לאַנג — האָט קרוזשענסקי געזאָגט — אָבער וואַרט... זאָג מיר, וואָלט געווען מעגליך פֿאַר מיין פֿריינט און מיר צוצוקומען פֿאַר אַ קליינע ווייל אין שוהל בעת דו וועסט דאָרט דאַוונען אום יום כּפּור?

— המ... איך ווייס ניט! — האָט יואל דוד געזאָגט — יום כּפּור איז אונזער הייליגסטער טאָג.

— וועלען מיר צוקומען אין אָווענט. איך האָב דאָן דעם שמש פֿון שוהל גוט באַלוינט. איך האָב אויסגעפֿונען וואו ער וואוינט און איך האָב איהם געגעבען אַ פֿיינע מטבע פֿאַר דעם וואָס ער האָט פֿאַר אונז מעגליך געמאַכט אַריינצוקומען אין שוהל יענעם שבת.

— דאָן איז געווען אַן איינפֿאַכער שבת און עס איז געווען מעגליך צו געפֿינען פּלעצער, אָבער אין אָט דעם היילגסטען טאָג פֿון יאָהר וועט אין שוהל קיין איין איינציג לידיג פּלאַץ ניט זיין.

— מיר וועלען זיין וויליג צו שטעהן אויב דו וועסט אונז זאָגען אין וועלכער שטונדע דו וועסט אָנפֿאַנגען צו דאַוונען.

— כּדי צו קריגען אַ פּלאַץ צו שטעהן וועט איהר אויך דאַרפֿען קומען פֿריה — האָט יואל דוד געזאָגט, — אַרום פֿינף אַזייגער.

— גוט, מיר וועלען שוין דאָרט זיין — האָט וולאַדיסלאַוו אויסגערופֿען — איצט זאָג מיר, וועלען מיר ווידער זיך דאַרפֿען זעהן מיט׳ן שמש און קריגען זיין ערלויבניש?

—ניין, עס וועט ניט זיין נויטיג... אַלעס וואָס איהר וועט דאַרפֿען, איז צו זיין זעהר פֿאָרזיכטיג ניט צו פֿאַרשטערען אונזער היילגטום. איהר וועט מוזען טראָגען די הוטלען און ניט רויכערען און ניט ריידען.

— נו, דאָס ווייס איך שוין, מיר וועלען קומען. איך האָף, אַז נאָכדעם

ווי מאניושקא וועט דיך הערען זינגען, וועט ער שוין איינוויליגען צו פאר־בלייבען אין ווילנע א סך לענגער, כדי צו האבען א געלעגענהייט מיט דיר זיך צו זעהן.

קרושעווסקי האט איהם געגעבען די האנט און ער איז צוריק אהיים געגאנגען.

— נו, וואס? — פרעגט איהם מאניושקא ווי נאר ער איז אריינגע־קומען.

— איך האב באדארפט פריהער וויסען, אז עס וועט פאר איהם אונ־מעגליך זיין צו קומען פריהער ווי אין צוויי וואכען ארום. אין פיער טעג ארום איז זייער היילינסטער טאג פון יאהר און באלד נאכדעם האבען די אידען נאך א גרויסען יום טוב און ער וועט זיין פארנומען יעדען אווענט איינצושטודירען מיט זיין כאר.

— נו, אויב אזוי האב איך מורא, אז איך וועל זיך מוזען צוריקקעהרען קיין ווארשע. איך וועל ניט ווארטען קיין צוויי וואכען כדי צו האבען א גע־לעגענהייט איהם צו הערען זינגען.

— אבער, מיין פריינד — האט וולאדיסלאוו זיך אנגערופען צו מא־ניושקא׳ן, — דו וועסט קאנען קריגען א געלעגענהייט איהם צו הערען זינגען אין פיער טעג ארום. מיר וועלען אוועק צו זיי אין שוהל. איך האב שוין מיט איהם אפגעמאכט. אמת, קיין פלעצער צו זיצען וועלען מיר ניט קריגען, אבער מיר וועלען קאנען שטעהן א שעה אדער צוויי אויב נויטיג און דאן וועסטו הערען זיין זינגען.

— ווידער וועסטו געהן אין דער זשידאווסקע שוהל? — האט קא־טערינא זיך אריינגעמישט, — און דו ווילסט אויך אהין אוועקפיהרען אונ־זער וויכטיגען גאסט.

— איך וועל זיין זעהר צופרידען צו געהן — האט מאניושקא געזאגט — עס וועט פאר מיר זיין אינטערעסאנט צו זעהן ווי די אידען דאווענען אין זייער היילינסטען טאג.

— איך בין זיכער, אז ווען דו וועסט איהם הערען זינגענדיג וועסטו וועלען פארבלייבען אין ווילנע א סך לענגער כדי צו קריגען די געלעגענהייט צו זעהן זיך מיט איהם פערזענליך.

— איך וויים ניט וואס מיט דיר האט פאסירט, וולאדיסלאוו — האט קאטערינא איהם פארגעווארפען — דער זשידעק האט פשוט אויף דיך א כשוף ארויפגעטאן. דו רעדסט פון איהם מיט צו פיעל באגייסטערונג און זיכערקייט. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז אונזער פריינט מאניושקא וועט ניט טיילען מיט דיר די זעלבע באגייסטערונג.

— נו, דאס וועלען מיר זעהן שפעטער — האט קרושעווסקי געזאגט מיט א שמייכעל.

— אלץ וואס איך וועל טהאן איז דא פארבלייבען נאך א פיער, פינף טעג — האט מאניושקא געזאגט — דערנאך וועל איך פון דאנען אפרייזען.

איך וועל ניט ווארטען צוויי וואכען צייט אויף א געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט א אידישען זינגער.

— בראווא פאן מאניושקא! — האט קאטערינא א פאטש געטאן מיט איהרע הענט.

— דו אפלאדירסט איהם פאר דעם וואס אונזער פריינט האט געזאגט, אז ער וועט באלד אפרייזען פון דאנען! האט וולאדיסלאוו שמייכלענדיג זיך געווענדט צו זיין פרוי.

— דו ווייסט, אז ניט צוליב דעם אפלאדיר איך איהם — האט קאטערינא מיט ברוגז געזאגט — איך אפלאדיר איהם וואס ער זאגט, אז ער וועט ניט ווארטען קיין צוויי וואכען אויף א אידישען זינגער... איך וואלט אפילו צוויי מינוט ניט געווארט אויף א זשידעק. פאן מאניושקא, איך דארף דאך אייך ניט זאגען ווי גליקליך אייער באזוך ביי אונז מאכט אונז אלעמען. ווי געדען מיר זיינען אייך צו האבען פאר אונזער גאסט, פונדעסטוועגען, ווען מיין מאן פאלגט מיך, וואלט ער אייך יענעם בריוו ניט געשריבען... איך זעה דאך, אז איהר זייט געוועזן אזוי פארנומען, איהר האט אלץ איבערגעלאזט און איהר זייט געקומען אהער בלויז צוליב מיין מאנ'ס נארישע באגייסטערונג וועגען אן אומוויכטיגען זשידעק, וואס איז נאך דערצו א חזן.

— ענטשולדיגט — האט זיך שוין יאן אריינגעמישט — לויט מיין און וולאדיסלאוו'ס מיינונג, איז ער שוין זעהר וויכטיג, ווייל איינער וועלכער באזיצט אזא געטליכע שטים ווי דאוויד, איז ניט צו געפינען אין פילע לענדער און אין פילע דורות.

— ווען איך הער אייך ביידען ריידען מיט אזא באגייסטערונג וועגען איהם, מאכט איהר מיך נאך מעהר נייגעריג — האט מאניושקא געזאגט — אבער ווי וואונדערבאר זיין שטים איז, וועל איך אויף איהם ניט ווארטען צוויי וואכען. איך קאן איהם ניט פארשטעהן. עס איז דאך אומגלויבליך, אז ער זאל זיין פארנומען די גאנצע צייט.

— איך האב דיר געזאגט, אז גראד איצט איז דער סעזאן פון די אידישע פייער טעג, און ער איז יעדען אווענט פארנומען מיט די רעפעטיציעס פון זיין כאר.

— עס דארף גאר ניט זיין אין אווענט האט מאניושקא זיך אנגערופען — איך וועל זיך מיט איהם קאנען זעהן דורכ'ן טאג.

— איך ווייס ניט, אויב דאס וועט זיין מעגליך — האט מאניושקא געזאגט — יעדענפאלס וועלען מיר האבען א געלעגענהייט צו הערען איהם זינגען אין פייער טעג ארום, אין אווענט. און איך גלויב, אז נאכדעם ווי דו וועסט איהם הערען, וועסטו אליין קאנען אורטיילען אויב עס לוינט זיך פאר דיר צו פארבלייבען נאך א פאר וואכען צי ניט.

— נו, מילא, איך האב דאך קיין אנדער ברירה ניט, אבער איך מוז דיר זאגען, מיין פריינט, אז איך בין געקומען אהער, ווייל איך האב געמיינט אז דו האסט ווירקליך ענטדעקט א נייעם שטערען. אבער איצט זעה איך, אז דיין שטערען וויל זיך ניט באווייזען.

— ווען אָבער ער וועט זיך שוין יע באַווייזען, וועט ער אַזוי שיינען, אַז ער וועט פאַרבלענדען די אויגען פון די אַלע, וועלכע וועלען אויף איהם אַ קוק טאָן — האָט ער זיך אָנגערופען — איך גלויב, אַז דאַן וועסטו אַליין צוגעבען, אַז עס האָט זיך געלוינט.

— איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלען, אַז ער זאָל ווירקליך זיין אַזוי גרויס, אַז איך זאָל עס צוגעבען — האָט מאַניושקאַ געזאָגט.

— דו זעהסט, וולאַדיסלאַוו, וואָס דו האָסט פאַראורזאַכט מיט דיין שרייבען. דאָס איז ווייל דו פאָלגסט מיך ניט. איך האָב דאָך דיר באַלד געזאָגט, אַז דו זאָלסט ניט שרייבען קיין באַגייסטערטען בריוו צו אונזער פריינט.

— וואָס דען האָב איך געקאָנט טהאָן? איך וויים, אַז מיין פריינט מאַניושקאַ וויל ניט אויפפיהרען זיין גלענצענדע אָפּערע "האַלקאַ" ווייל ער האָט ניט געקאָנט געפינען אַ פּאַסיגען העלד צו דער דאָזיגער אָפּערא. און ווען מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב אַזאַ טאַלאַנט געפונען, האָב איך עס געהאַלטען פאַר מיין פליכט איהם צו לאָזען וויסען... איך האָף, אַז דו ביזט אויף מיר ניט בייז צוליב דעם — האָט זיך קרוזעשנסקי געווענדעט צו מאַניושקאַ'ן.

— בייז?! רייד ניט קיין נאַרישקייטען! איך האָב דאָך דיר אַליין אָנגעבאָטען דו זאָלסט מיר לאָזען וויסען אויב דו וועסט ערגיץ "דערשמעקען" אַ טאַלאַנט. פאַרקעהרט, איך בין צופרידען, אָבער וואַרטען צוויי וואָכען וועל איך ניט! איך האָב צופיל אַרבייט אין וואַרשע. איך מוז זיך צוגרייטען פאַר דעם נייעם סעזאָן, וואָס וועט זיך אָנפאַנגען אין אַ פּאָר מאָנאַטען אַרום... אָבער, אַז איך בין שוין דאָ, וועל איך ניט דורכלאָזען די געלעגענהייט צו זעהן ווי אידען דאַווענען אין זייער הייליגסטען יום טוב... איך בין שוין ניט איינמאָל געווען אין וואַרשע אין אַ אידישער שוהל, אָבער ניט אין אַזאַ הייליגען טעג.

קאַפּיטעל 27

ערב יום כפור אין ווילנע. די אידען האָבען שוין פאַרפאַסט און זיינען שוין גרייט צו געהן אין שוהל צו "כל נדרי" מיט קיטלען און טליתים אונטער די אָרעמס, אָנגעטאָן אין מעסטעס אָדער קאַלאָשען. איילען זיך די אידען. כאָטש עס איז נאָך גאָר ליכטיג און עס זיינען נאָך פאַראַן אַ ערך אַ פּאָר שעה צו כל נדרי. אייניגע טראָגען מיט זיך גרויסע יאָהרצייט ליכט צו געבען דעם שמש ער זאָל זיי אַריינשטעלען אין די קעסטלאַך זאַמד.

די ווילנער שטאָדט שוהל ווערט אָנגעפילט מיט מתפללים. יעדער פאַרנעמט זיין שטאָט, און כאָטש אַלע פּלעצער זיינען פאַרנומען, איז אָבער גראָד היינט די שוהל ניט ענג, ווייל אין אַזאַ הייליגער נאַכט בלייבט יעדער איד אין זיין בית המדרש אָדער אין זיין שוהל אויף זיין געדונגענעם פּלאַץ. אין אַז איינפאַכען יום טוב, קאָנען אידען באַהויפּטען צו שטעהן אויף די

פיס עטליכע שעה, אבי צו קאָנען הערען דעם ווילנער באלעבעסעל דאווענען. אבער ניט אום יום כפּור. איצט דאַרף מען אויסבעטען א גוט יאָהר און א חתימה טובה און יעדער איינער דאַרף דאווענען מיט גרויס כונה, דעריבער איז איז דער ווילנער שטאָט שוהל גראַד היינט ניט געווען אזוי ענג.

וולאַדיסלאַוו קרוזשעווסקי און סטאַניסלאַוו מאַניושקא זיינען צוגעקומען צו די טרעפּ וואָס פיהרען ארונטער אין שוהל. א קליינע ווייל זיינען זיי געשטאַנען און באַטראַכט די אידען. זיי האָבען געזעהן ווי אויף יעדענס פּנים איז אויסגעגאָסען אַן ערנסטקייט. יעדער איז אַנגעטאָן אין זיינע שעהנסטע בגדים, אָבער קיין שיך אָדער שטיוועל טראָגען זיי ניט, אנשטאָט דעם געהען זיי אין טוכענע מעשטעס אָדער קאַלאָשען פון וואָס עס זעהען זיך ארויס די ווייסע שקאַרפּעטקעס. ביסלעוויין ווערט די שוהל אָנגעפּילט מיט די מתפּללים. הונדערטער ליכט אריינגעשטעקט אין די ענגליכטער און די גאַר גרויסע ליכט וואָס דאַרפען ברענען א גאַנצען מעת לעת שטעקען אין לאַנגע שמאָלע קאַסטענס פול מיט זאַמד. איין קאַסטען אזא שטעהט אויף דער בימה און מאַניושקא האָט דאָרט אליין איבערגעצעהלט פופציג גרויסע ליכט.

— ווי עס וויזט אויס זיינען מיר געקומען נאָך גאָר פריה — האָט וולאַדיסלאַוו געזאָגט — איך האָב מורא געהאַט, אז מיר וועלען זיך ניט קאָנען דורכשפּארען, פּונקט ווי עס איז געווען מיט איניגע וואָכען צוריק, ווען איך האָב באַזוכט די שוהל מיט יאַנ'עז אום שבת. היינט אָבער וויזט אויס דאווענט יעדער אויף זיין פּלאַץ. — לאָמיר א ווילע א שפּאַציר טאָן, מיר וועלען צוקומען אין א שעה ארום.

— ניין, לאָמיר דאָ בלייבען! — האָט מאַניושקא געזאָגט — איך פיהל ווי צו געצויגען צו דעם דאָזיגען פּלאַץ, עס ווירקט אויף מיר זעהר שטאַרק. ווי וואונדערשעהן, ווי קאָלירדייך די שוהל קוקט אויס... א הייליגקייט איז אויסגעגאָסען אויף אַלץ און אויף אַלעמען... מיר בלייבען דאָ.

— גיב א קוק, סטאַניסלאַוו! אָט געהט דער יונגער זינגער מיט זיין שווער. — האָט קרוזשעווסקי זיך צו איהם אָנגערופען. לאָמיר זיך אָפּרוקען אַן א זייט, איך וויל ניט ער זאָל אונז דאָ באַמערקען.

מאַניושקא האָט א קוק געטאָן אויף דעם יונגען חזן, וועלכער איז געווען איינגעהילט אין אַן אטלאַסענער קאַפּאָטע. ער האָט געטראָגען א צילינדער הוט. ער האָט גוט באַטראַכט זיין פּנים. א שעהן ווייס פּנים באַצירט מיט א רונדע שווארצע בערדעל מיט אזעלכע מילדע, ליבליכע אויגען.

— זיין אויסזעהן האָט מיך שוין באַצויבערט! — האָט מאַניושקא זיך אָנגערופען. איך שטעל זיך פאָר וואָס פאַר א רושם אזא פערזענליכקייט וואָלט געמאַכט אלס יאַנטעק ווען ער רעדט וועגען זיין ליבע צו האַלקאַ'ן... ער איז הויך, שלאַנק און זעהר צוציהענד... יע, מיין פריינט, וואָס אַנבעלאַנגט זיין פיזישען אויסזעהן, מוז איך דיר זאָגען, אז ער איז ווי צוגעמאָסטען צו דער ראָלע. איצט בין איך נאָך מעהר אומגעדולדיג צו הערען זיין שטים.

— נו, עס וועט שוין לאַנג ניט דויערן — האָט קרוזשענסקי געזאָגט — לאָמיר אַרונטערגעהן אונטען. איך גלויב, אַז מיר וועלען זיך קאָנען שטעלען הינטער א זייל און מען וועט אונז אפילו ניט באמערקען.

זיי זיינען אַרונטערגעגאַנגען די עטליכע טרעפּלאַך און זיי האָבען זיך געשטעלט ביי דער וואַנט. זיי האָבען געזעהן ווי די אידען זיינען אָנגעטאָן אין זייערע קיטלען אין טליתים און שאָקלען זיך אין דער שטיל, שעפּטשען מיט די ליפּען... דאָס האָבען די אידען געזאָגט "תפלה זכה" פאַר כל נדרי.

אויב קרוזשענסקי און מאַניושקא האָבען געמיינט, אַז מען וועט זיי ניט באמערקען, האָבען זיי געמאַכט א טעות, אַז אייניגע מינוטען אַרום איז צו זיי צוגעקומען דער שמש און ער האָט וולאַדיסלאַוו'ן אַריינגעשושקעט אין אויער, אַז ער האָט פאַר איהם און זיין פריינט באַשטימט צוויי פּלעצער.

זיי זיינען איהם נאָכגעגאַנגען ביז וואַנען ער איז צוגעקומען צו דעם פּלאַץ וואו ר' מרדכי סטראַשון איז געשטאַנען אַריבערגעהילט מיט זיין טלית.

— אָט דאָ קאָנט איהר זיך זעצען!! — האָט דער שמש אָנגעוויזען אויף צוויי פּלעצער נעבען מרדכי'ן...

זיי האָבען א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אַלס דאַנקבאַרקייט און זיי זיינען געבליבען זיצען רוהיג באַטראַכטענדיג די מתפּללים.

כאָטש ר' מרדכי סטראַשון האָט געוואוסט, אַז דאָס זיינען זיי געקומען, האָט ער פונדעסטוועגען זיך ניט אומגעקערט זיי צו באַגריסען. ער האָט ניט געוואָלט מפסיק זיין.

ווען יואל דוד, זיין אײדעם האָט איהם געזאָגט, אַז עס איז מעגליך, אַז דער גרויסער פּוילישער קאָמפּאָזיטאָר וועט קומען איהם הערען דאַוונען היינט צו כל נדרי און זיי וועלען שטעהן ערגיץ ביי דער טיר, האָט ר' מרדכי אָנגעזאָגט דעם שמש ער זאָל זיי אויפזוכען און זיי צופיהרען צו זיין פּלאַץ. ער האָט געהאַט צוויי שטעט, איינע פאַר זיך און די צווייטע פאַר זיין אײדעם, דעם ווילנער באַלעבעסל, און אַזוי ווי ער זעצט זיך זעלטען צו כל נדרי וועט ער זיי קאָנען אָפּגעבען ביידע פּלעצער.

אָט איז געוואָרען שטיל אין שוהל. די שטילע געוויינען און קרעכצען האָבען ביסלעכווייז אויפגעהערט.

ר' מרדכי סטראַשון האָט גענומען זיין מחזור אין האַנט און איינגעהילט אין זיין טלית און קיטעל האָט ער גענומען צוגעהן צו דעם אָרון קודש. באַלד זיינען צוגעקומען נאָך גבאים און חשוב'ע בעלי בתים זיינען שוין געשטאַנען אויף די טרעפּלעך.

באַלד האָט זיך געהערט א לייכטער קלאַפּ אויף דער בימה און אַלע מתפּללים האָבען זיך מיט אַמאָל אויפגעשטעלט פון זייערע פּלעצער.

מאַניושקא און קרוזשענסקי האָבען זיך אויך געשטעלט. זיי האָבען אָנגעווענדעט זייערע בליקען צו דער ריכטונג פון אָרון קודש און זיי האָבען געזעהן ווי אימיצער פאַרציהט דעם פּרוכת און עפענט אויף צוויי טירען.

פאר זייערע אויגנ האבנ זיך ענטפלעקט די פילע תורות אנגעטאנ אינ ווייסע זיידענע מענטעלאך באצירט מיט גאלדענע לוחות און אותיות. אויף די ספרי תורות זיינענ געווענ זילבערנע עטרות און פלאטענ אויף וואס עס איז געווענ אויסגעקריצט לוחות און די עשרת הדברות. אויף די קרוינענ זיינענ געווענ גאלדענע גלעקלאך און ווענ מענ האט ארויסגענומענ די ספרי תורות פון ארון קודש, האט מענ געהערט דאס קלינגענ פון די גאלדענע גלעקלאך.

דער יונגער חזנ, יואל דוד סטראשונ איז שוינ געשטאנענ ביים עמוד, איינגעהילט אינ א שניי ווייסענ קיטעל און א טלית אויף זיינ קאפ האט ער געטראגנ א הויכע, ווייסע, זיידענע יארמולקע, באצירט מיט גאלדענע טאשמעס. ארום איהם איז געשטאנענ זיינ גרויסער כאר, וואס איז באשטאנענ פון אינגלאך און יונגע לייט.

עס האט זיך דערהערט א ברומענ געזאנג פון כאר וואס האט אנגעפאנגענ דעם באוואוסטענ ניגונ פון "כל נדרי". דאס ברומענ פון כאהר האט אויפגעהערט און דאנ האט דער חזנ אנגעהויבענ זינגענ "כל נדרי"... א מאוימ'דיגע שטילקייט האט געהערשט אינ שוהל... א הייליגקייט איז געווענ אויסגעגאסענ אינ יעדענ ווינקעל. יואל דוד'ס שטימ האט געקלונגענ העל און הויך און די טענער זיינענ ארויסגעקומענ אזוי וואונדערשעהנ ווי פון א טייערער פידעל געשפילט פון א גרויסענ קינסטלער...

דערהערענדיג די ערשטע הויכע טענער, די קאלאראטורא, איז מאניושקא געבליבענ שטעהנ א פארגאפטער... מיט אנ אפענע מויל און האט געשלונגענ יעדענ קלאנג.

מיט יעדענ פונ די דריי מאל וואס דער ווילנער באלעבעסל האט איבערגעזונגענ כל נדרי איז מאניושקא געווארענ נאך מעהר פאר'כשופ'ט. ער איז געבליבענ שטעהנ ווי צוגעשמידט אויף זיינ פלאץ. ווענ ער האט געהערט ווי דער עולם האט אנגעהויבענ צו דאווענענ איז ער נאך אלץ געבליבענ שטעהנ א פארגליווערטער צוזאמענ מיט קרוזשענסקי'נ און ער האט קיינווארט ניט געקאנט ארויסריידענ...

ער האט ניט געוואלט אפטרעטענ פונ זיינ פלאץ. ער האט געהערט מיט גרויס שפאנונג די אנדערע תפילות, די "יעלות", "הנה כחומר ביד היוצר" "שמע קולנו". פינף שעה איז מאניושקא אפגעווענ אינ שוהל און ווענ די תפילות האבענ זיך געענדיגט און א טייל פונ עולם האבענ שוינ גענומענ געהנ אהיים, האט ער זיך ניט געוואלט ריהרענ פונ ארט...

— שוינ געענדיגט! — האט קרוזשענסקי זיך אנגערופענ צו מאניושקא'נ. לאמיר געהנ.

— הא, וואס? געענדיגט! — האט מאניושקא זיך אנגערופענ ווי ער וואלט זיך נאר וואס אויפגעכאפט פונ א זיסענ חלומ.

— ארויסגעהענדיג פונ שוהל האבענ ביידע א ווײלע געשוויגענ... זיי זיינענ געגאנגענ לאנגזאמ, פארטראכט. פלוצלונג רופט זיך אנ וולאדיסלאוו קרוזשענסקי:

— נו, וואס מיין פריינט, וועסטו שוין בלייבען צוויי וואכען צייט.

— איך ווייס ניט ווי אזוי דיר צו דאנקען — האט מאניושקא ארומ־גענומען זיין פריינט און איהם א קוש געטאן. צוויי וואכען, זאגסטו? און צוויי יאהר וואלט איך ניט געוואָרט... איך האב נאך אזוינס אין מיין לעבען ניט געהערט... איך מוז זיך מודה זיין, אז ווען איך בין געשטאנען אין שוהל און זיך צוגעהערט צו זיין דאווענען, בין איך פארכאפט געוואָרען מיט א מאדנעם געפיהל. איך האב געקראגען אזא שטארקען פארלאנג צו זיין איי־נער פון זיי און אויסגיסען מיין הארץ פונקט ווי זיי פאר זייער גאט... עס האט מיך אזוי געצויגען צו זייער אמונה, אז מיר דוכט זיך איך וואלט געהאט גרויסע שוועריגקייטען ארויסצואווייזען א ווידערשטאנד ווען איינער זאל צו מיר צוקומען און פארלאנגען איך זאל אננעמען די אידישע אמונה...

— מאדנע — האט קרוזשענסקי געזאגט — איך און יאן האבען אויך געהאט די זעלבע געפיהלען ווען מיר האבען איהם צום ערשטען מאל גע־הערט דאווענענדיג. און זינט דאן פיהל איך א שטארקע אכטונג און אפ־שאצונג פאר דער אידישער רעליגיע און צוליב דעם איז דאך קאטערינא אויף מיר ברוגז. זי מיינט, אז איך האב פארשוועכט די קריסטליכע אמונה.

— ניין, ניט פארשוועכט, נאר דערהויבען דאדורך ווערען אונזער אמונה, ווען מיר טראכטען, אז איהר אורשפרונג איז פון דער אידישער אמונה... איך קאן נאך צו זיך ניט קומען פון דעם איינדרוק וואס ס'האט אויף מיר געמאכט זיין זינגען און די הייליגע אטמאספערע פון דער שוהל אין אזא הייליגער נאכט. איך וואלט ניט מיעד געוואָרען צו שטעהן אזוי פינף טעג און פינף נעכט... א, וואס פאר א וואונדערבארער טאלאנט ער איז... ווען איך זאל איהם נאר קאנען קריגען... איך וואלט געווען דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט... און דיר, מיין ליבער פריינט וועל איך קיינמאל ניט אויפהערען דאנקבאר צו זיין... צו הערען איהם אט דעם דאזיגען מאל דאווענען, וואלט איך געגאנגען אפילו צו דער ענד פון דער וועלט. איך ווייס ניט, אויב איך האב נאך ווען עס איז אין מיין לעבען געהאט אזא גייסטי־גען פארגעניגען ווי אין אט די פינף שעה, וואס איך האב פארבראכט אין דער ווילנער שטאט שוהל און געהערט דעם יונגען חזן. א, ווען איך קאן איהם נאר ארייננקריגען צו זיך, ער זאל איינווילליגען צו שפילען די הויפט ראלע אין מיין אפערא "האלקא".

— איך וועל דיר העלפען מיט וואס איך וועל קאנען — האט קרו־זשענסקי געזאגט — מיר וועלען דארפען וויסען ווי צו האנדלען. אויב דו וועסט צו איהם קומען און איהם גלייך אנבאטען די הויפט ראלע אין דיין אפערא, וועסטו זיכער האבען א דורכפאל. ער וועט בשום אופן ניט איינ־שטימען. ניט ער און ניט זיין פרוי און געוויס ניט זיין שווער, וועלכער איז זעהר א פרומער איד... מיר וועלען דארפען האנדלען מיט גרויס פארזיכטיג־קייט און געשיקטקייט... מיר וועלען איהם ביסלעכווייז דארפען צוגעוואוינען צו דעם געדאנק. ער וועט דארפען פריהער ארייגעצויגען ווערען אין אונזער מוזיקאלישער געזעלשאפט, וואו ער וועט הערען שפילען און זינגען פאר־

שידענע אריעס פון דיינע אָפּעראַס... און דאַן ווען ער וועט אָנפאַנגען אַרויס־באַווייזען באַגייסטערונג, וועלען מיר איהם קאָנען אָנווינקען... גענדולד, מיין פריינט. מיט גענדולד וועסטו זיך מוזען אָנזאַמלען, דאַן קאָן זיין וועסטו זיין ערפאָלגרייך...

— גענדולד זאָגסטו, איך ווייס ניט ווי אַזוי איך וועל קאָנען האָבען אַזוי פיל גענדולד, ווען איך בין שוין אומגענדולדיג! — האָט מאַניושקא גע־זאָגט — דו האָסט ענטדעקט אַ גלענצענדען שטערען, אָבער מיר דוכט זיך, אַז דער שטערען איז אין הימעל און עס וועט זיין זעהר שווער איהם אַרונ־טערצוברייינגען צו דער ערד...

— אַלעס וואָס איך וועל דאַרפען — האָט קרוזשעווסקי געזאָגט, — איז איהם אַריבערצוברייינגען אויף איין מוזיקאַלישען אָווענט אין מיין הויז און דאָס איבעריגע וועט שוין זיין ניט זיין שווער... איך ווייס, אַז איך וועל אויך האָבען שוועריגקייטען מיט מיין אייגענער משפחה... דער פאָראורטייל געגען אידען איז ביי זיי שטאַרק איינגעוואָרצעלט און איך האָב מורא, אַז זיי ווע־לען ניט אַזוי גרינג קאָנען פאַרבאָרגען זייער שנאה און פאַראַכטונג צו איהם, און ווען ער זאָל עס באַמערקען, וועט ער שוין ווייכען פון מיין הויז. אַ איד איז זעהר עמפּפינדליך בפרט איינער מיט אַזאַ צאַרטע נשמה מיט אַזאַ גרויסען טאַלאַנט.

— דו לאָז דיין משפחה איבער צו מיר! — האָט מאַניושקא געזאָגט — איך בין זיכער, אַז ווען זיי וועלען הערען מיין אייגענע באַגייסטערונג פון זיין זינגען וועלען זיי ענדערען זייער באַציהונג צו איהם, בפרט נאָך ווען איך וועל זיי זאָגען, אַז איך וועל איהם געבען די הויפּט ראָלע פון מיין אָפּערא "האַלקא".

— איך צווייפעל אין דעם — האָט קרוזשעווסקי אויסגערופען — איך קען מיין משפחה זעהר גוט. אַ איד איז ביי זיי פאַרהאַסט, פּונקט ווי חזיר ביי אַ אידען. די איינציגע האָפענונג, אַז זיי זאָלען זיך ענדערען, איז אויב עס וועט מיר געלינגען איהם צו בעטען זינגען און זיי זאָלען איהם הערען. ווייל דו ווייסט דאָך, אַז איבערגעבען מיט ווערטער זיין גרויסקייט איז אונ־מעגליך. וויפיל איך האָב מיט דיר גערעדט וועגען איהם. וויפיל באַגייסטע־רונג איך האָב אַרויסגעוויזען, ביזטו דאָך ניט געוואָרען באַאיינפלוסט אויף אַזוי פיל, אַז ביי דיר זאָל זיין רעכט צו פאַרבלייבען לענגער ווי דו האָסט באַשלאָסען. איצט אָבער, אַז דו האָסט איהם אַליין געהערט, וועסטו שוין איינוויליגען צו פאַרבלייבען אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיין נויטיג... אַזוי וועט אויך זיין מיט מיין פרוי און קינדער, אַזוי לאַנג ווי זיי וועלען איהם ניט האָבען געהערט זינגען, וועט זייער פאָראורטייל געגען איהם ניט פאַרשווינ־דען... איך בין אָבער באַזאָרגט, אַז איידער ער פאַנגט אָן צו זינגען זאָלען זיי איהם ניט מאַכען פּיהלען ענג אין מיין הויז, אַזוי אַז ער וועט ווייכען פון אונז.

— איך גלויב, אַז איך וועל פאַרלאַנגען די דאָזיגע טובה פון דיין פרוי און קינדער, וועלען זיי עס טאָן צוליב מיר — האָט מאַניושקא געזאָגט.

א היבשע ווײלע האָבען זיי אזוי שפּאַצירט און ווען זיי זײנען צוגעקומען צום הויז, איז שוין געווען האַלבע נאַכט. אַלע האָבען שוין אין קרושעווסקי׳ס הויז געשלאָפען. מאַניושקא איז אַריין צו זיך אין צימער און ער האָט זיך אויסגעטאָן און זיך אוועקגעלייגט אויף דער אויסגעבעטעטער בעט. ער האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט אײנשלאָפען. די וואונדערשעהנע שטים פון דעם יונגען חזן האָט נאָך אָפּגעקלונגען אין זײנע אויערען. ער האָט געטראַכט פון איהם... אָ, וואָס פאַר א וואונדערבארען רושם ער וואָלט געמאַכט, ווען ער זינגט די הויפּט ראָלע אין זיין אָפּערא... די גאַנצע מוזיק וועלט וואָלט מיט איהם געקלונגען... וואָס פאַר אַן ערפאָלג וואָלטען דאַן זײנען אָפּעראַס געווען...

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט קרושעווסקי ווידער געכאַפּט א פאָרוואורף פון זיין פרוי פאַרוואָס ער האָט אזוי לאַנג פאַרבראַכט מיט מאַניושקא׳ן אין דער זשידאָווסקער שוהל אין זייער הייליגסטער נאַכט פון יאָהר.

— איך מוז דיר זאָגען דעם אמת, װלאַדיסלאַוו — האָט קאַטערינא אויסגערופען — איך און די קינדער האָבען געמיינט, אַז איהר וועט זיך דאָרט זאַמען א האַלבע שעה אָדער אמהעכסטען א שעה און מיר האָבען געוואַרט אויף אייער צוריקקעהר ביז האַלבע נאַכט. קאַזימיר און איבערהויפּט נאַסטאַשא האָבען זיך געפיהלט זעהר דערשלאָגען וואָס איהר פאַרברייַנגט אזוי לאַנג אין דער זשידאָווסקער שוהל, און נאַסטאַשע האָט געזאָגט, אַז עס איז אינגאַנצען דיין שולד. ווען דו רעדסט ניט מיט אזא באַגייסטערונג וועגען זשידעס, וואָלט מאַניושקא גאָר ניט אײנגעפאַלען צו געהן מיט דיר אין שוהל און דערנאָך פאַרברייַנגען דאָרט א גאַנצע נאַכט... זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט געהן היינט אין קלויסטער בעטען גאָט ער זאָל דיר מוחל זיין פאַר דיין גרויסע זינד וואָס דו ביזט באַגאַנגען... און איך בין זיכער, אַז מאַניושקא׳ן מוז אויך שטאַרק פאַרדריסען וואָס ער האָט זיך פון דיר געלאָזט איבעררײדען.

— פאַרדריסען, זאָגסטו! — האָט זיך באַוויזען א שמייכעל אויף קרושעווסקי׳ס ליפּען, וואָס וועסטו זאָגען דערצו ווען איך וועל דיר דערצעהלען, אַז עס איז מיר געווען שווער איהם אוועקצונעהמען פון שוהל, און ווען מיר זײנען שוין געווען אין דרויסען, האָט מיר מאַניושקא א קוש געטאָן און מיר געזאָגט, אַז ער ווייסט ניט ווי אזוי מיר צו דאַנקען פאַר דעם גרויסען פאַרגעניגען וואָס ער האָט געהאַט די געלעגענהייט דורך מיר צו האָבען, און ער האָט נאָך צוגעגעבען, אַז איצט, נאָכדעם ווי ער האָט איהם געהערט זינגען, וואָלט ער געוואַרט צוויי יאָהר אויף איהם, ווען עס וואָלט פאַר איהם נויטיג געווען. הא, וואָס וועסטו זאָגען דערצו?

— איך וואָלט געזאָגט, אַז דו האָסט א טבע א סך איבערצוטרייבען און דו איבערטרייבסט איצט אויך...

— נו, אויב אזוי וועסטו באַלד הערען וואָס אונזער וויכטיגער פריינט האָט צו זאָגען וועגען דעם. אָט וועלען מיר געהן עסען פריהשטיק צוזאַמען.

איך וויל טאקע, אז קאזימיר און נאסטאשא זאָלען אויך הערען. דו געה וועק־אויף נאסטאשא'ן און איך וועל אויפוועקען קאזימיר'ן צו געהן היינט עסען פריהשטיק צוזאמען. געה, וועק־אויף נאסטאשא'ן!

— איך זעה ניט איין פארוואָס איך זאָל זי אויפוועקען אזוי פריה כדי זי זאָל קאָנען הערען וואָס איהר רעדט וועגען זשידעק. איך פארזיכער דיר, אז ווי שטארק די ליבע געזאנגען וועגען איהם זאָלען ניט זיין, וועלען זיי אויף נאסטאשא'ן קיין איינדרוק ניט מאכען, כאָטש זי איז פארקאָכט אין מוזיק.. פוילישע מוזיק, יע, אָבער ניט זשידאָווסקע מוזיק.

— עס וועט איהר גאָרניט שאַדען, אז זי וועט אויפשטעהן איינמאָל פריה — האָט וולאדיסלאוו זיך אָנגערופען — זי האָט דאָך גאָר א שטאר־קען פארלאנג צו זינגען אין כאָר פון דער אָפּערא, און דעריבער וועט זי זיך דארפען צוגעוואוינען אויפצושטעהן פריה... און אויב זי פוילט זיך אויפ־צושטעהן, זאָג איהר אויף שפּאס, אז מאניושקא רייזט אָפּ פון דאנען באלד נאָך פריהשטיק. וועסטו שוין זעהן ווי שנעל זי וועט ארויס פון בעט און זיך אנטאָן... דאָס זעלבע וועל איך טאָן מיט קאזימיר'ן.

קאטערינא איז אריין אין איהר טאָכטער'ס שלאָפצימער און זי גע־נומען וועקען. אָבער אָהן ערפאָלג. נאסטאשא איז פון קינדווייז אָן איינ־געוואוינט געווען צו שלאָפען שפּעט.

— שטעה אויף, מיין טאָכטער — האָט קאטערינא מיט אן איינגע־האַלטענעם שמייכעל געזאָגט — לאָמיר געהן עסען פריהשטיק צוזאמען מיט אונזער ווירדיגען גאסט, מאניושקא, ווייל גלייך נאָך פריהשטיק רייזט ער אָפּ פון דאָוונען.

— וואָס? — האָט נאסטאשא זיך א הויב געטאָן — ער רייזט אָפּ פון דאנען! און איך האָב נאָך אפילו קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו ריידען מיט איהם וועגען מיין פּלאן צו זינגען אין כאָר פון זיין אָפּערא.

— אויב אזוי מאך עס שנעלער, וועלען מיר ריידען מיט איהם ביים פריהשטיק טיש.

נאסטאשא האָט זיך גענומען שנעל אָנטאָן, אָבער ווען זי איז פארטיג געוואָרען מיט איהר טואלעט, און זי איז ארויסגעקומען אין עס־צימער האָט זי שוין אַלעמען געטראָפען ביים טיש.

מאניושקא האָט זיך אויפגעשטעלט און איהר באגריסט מיט "דזשען דאָברי" (גוט מאָרגען).

— וואָס הער איך — האָט נאסטאשא אויסגערופען, דער פּאן מאניושקא רייזט היינט אָפּ פון ווילנע!

— המ... וואָס? — האָט מאניושקא אויסגערופען און זיך גענומען ארומקוקען — ווער האָט עס דיר געזאָגט, נאסטאשא?

— דאָס איז מיין שולד! — האָט וולאדיסלאוו זיך אָנגערופען — איך האָב זעהר געוואָלט, אז זי און קאזימיר זאָלען איצט זיצען צוזאמען מיט אונז ביים פריהשטיק־טיש און אזוי ווי איך וויים, אז מיין טאָכטער פוילט זיך אויפצושטעהן פריה, האָב איך געהייסען קאטערינא'ן אָנסטראשען, אז

דו פּאָהרסט באַלד נאָך פריהשטיק אָפּ. און ווי נאָר זי האָט עס געהערט איז זי שוין אויפגעשטאַנען.

אַלע האָבען הארציג געלאכט און דו דינסט האָט דערווייל דערלאַנגט דעם פריהשטיק.

— איך פאַרשטעה נאָך אַלץ ניט וואָס דאָ קומט פאָר! — האָט קאַזימיר זיך אָנגערופען.

— איך האָב געוואָלט, אז דו און נאסטאשא זאָלען אַנוועזענד זיין, ווען אונזער ווירדיגער גאסט, מאַניושקא, וועט איבערגעבען דעם איינדרוק וואָס האָט אויף איהם געמאכט דער יונגער אידישער חזן.

— דאָס אַלעס! — האָט קאַזימיר מיט פאָרוואורף אין זיין שטים אויסגערופען — איך האָב געמיינט, אז עס האַנדעלט זיך וועגען א סך וויכטיגערען ענין.

— און ווען איך וויים, אז דאָס איז עס, וואָלט איך נאָך איצט געלעגען איינגענורעט אין מיין ווייכען קישען און גע׳חלום׳ט וועגען דעם פאָן מאַניושקא׳ס אָפּערא וואו איך האָף נאָך אמאָל צו זינגען אמווייניגסטען אין כאָר — האָט נאסטאשא געשמייכעלט — אָ, פאָן מאַניושקא, פאַרוואָס ערמוטיגט איהר מיך ניט אין מיין גרויסען פאַרלאַנג צו זינגען אין איינע פון אייערע אָפּעראס — דוכט זיך, אז ניט איינמאָל האָט איהר מיין שטים געלויבט.

— איך וועל דיר זאָגען, נאסטאשא, דאָס טו איך צוליב דיינע עלטערען. עס וועט זיין זעהר שווער פאַר זיי זיך צו שיידען פון דיר.

— אָ, דאָס איז בלויז אן אויסרייד, מסתמא גרילצט מיין שטים אייך אין די אויערען, און נאָר אויס העפליכקייט זאָגט איהר מיר, אז איך האָב א שעהנע סאָפּראַנאָ שטים, ניט אמת, פאָן מאַניושקא, איך בעט אייך זייט אָפענהערציג מיט מיר.

— נאסטאשא, איך בין גאַנץ ערנסט. איך גיב ניט קיין פוסטע קאָמפּלימענטען. דו ביזט באַגאבט מיט זעהר א פיינע שטים און אויב דיינע עלטערען וועלען צושטימען, וועסטו קאָנען קומען קיין ווארשע און זיך אָנשליסען אין כאָר, און אפשר מיט דער צייט וועסטו אויך קאָנען קריגען א קליינע ראָלע.

— אָ, ווען דאָס וואָלט ווירקליך געשעהן, וואָלט איך זיך זעהר גליקליך געשעצט — האָט נאסטאשא מיט פרייד אויסגערופען.

— נו, וועגען דעם וועלען מיר נאָך האָבען צייט צו ריידען — האָט וולאַדיסלאוו געזאָגט. איך גלויב, אז פאָן מאַניושקא וועט מיט אונז פאַרבלייבען א ווילע, אמווייניגסטען נאָך צוויי וואָכען.

— יע, מיינע פריינט, איך האָב שוין נעכטען ביינאכט געזאָגט וולאַדיסלאוו׳ן, אז אפילו ווען מיר קומט אויס צו פאַרבלייבען נאָך צוויי יאָהר אין ווילנע, וואָלט איך עס געטאָן, אויב נאָר איך וואָלט געווען זיכער, אז מיין בלייבען די צוויי יאָהר וואָלט מיר געהאָלפען אריינקריגען דעם וואונדערבארען אידישען זינגער, דאוויד סטראשון.

— וואס, איהר אויך, פאן מאניושקא! — האט קאטערינא אויסגערו־פען — אויף אייך אויך, האט דער זשידעק געווארפען זיין כשוף.

— ער באזיצט א געטליכע שטים, ער איז א געניע... צו איהם איז קיין גלייכען ניט. ער איז איינער אין הונדערט דורות — האט מאניושקא אויס־גערופען און זיין באגייסטערונג איז מיט יעדער רגע געוואקסען — איך האב געמיינט, אז מיין פריינט וולאדיסלאוו איבערטרייבט אין זיין בריוו צו מיר וועגען דער גרויסקייט פון דעם אידישען חזן, אבער איצט זעה איך, אז ער האט ניט באריהרט איין הונדערט חלק פון זיין גרויסקייט... עס וועט קומען א טאג ווען די גאנצע וועלט וועט שטורמען מיט איהם... איך האף, אז מיר וועט געלינגען איהם אריינצוקריגען פאר מיין אפערא "האלקא", וואו ער וואלט געשפילט די הויפט ראלע.

— איך בין שטארק דערשטוינט צו הערען פון אייך, פאן מאניושקא, איהר זאלט רעדען מיט אזוי פיעל באגייסטערונג פון א זשידעק, וועלכער איז א חזן. מיר דוכט זיך ווי שעהן און גוט זיין שטים זאל ניט זיין, וואלט איך איהם ניט ערלויבט צו פארשוועכען א פוילישע אפערא. איך האף, אז אייער באגייסטערונג וועט זיך מיט דער צייט אפקיהלען... ווייל איך קאן זיך ניט פארשטעלען ווי אזוי אונזער העכערע געזעלשאפט וואלט געקאנט דולדען, אז א זשיד זאל שפילען די הויפט ראלע אין דער באליבטסטער אפערא...

— דו ביזט נאך יונג, נאסטאשע, און דיר איז שווער עס צו באגרייפען... איך גלויב, אז אויב דו ביזט מוזיקאליש געניטגט, דארף רעליגיע און נאציאנאליטעט קיין ראליע ביי דיר ניט שפילען.

— איך ווייס ניט ווי אזוי איהר פיהלט צו אידען, פאן מאניושקא — האט נאסטאשא זיך אנגערופען — אבער ביי מיר רופט א איד ארויס עקעל... ער איז צו מיר אזוי אפשטויסענד און עקלהאפט ווי א מויז זאל ארויסקומען די שעהנסטע מוזיקאלישע טענער, וואלט זי מיר דען ניט אלץ איינם געעקעלט?... וואס זאל איך טאן, אז איך קאן ניט דולדען קיין אידען ווי גרויס ער זאל ניט זיין!

— דאס איז אן איינגערעדטע זאך און מיר וועלען מעהר וועגען דעם ניט רעדען, — האט מאניושקא געזאגט — אבער איך האף, אז דו און דיין ברודער וועלען מיר טאן איין געפעליגקייט.

— קיין זאך וועט פאר מיר ניט זיין צו שווער צו טאן פאר אייך, פאן מאניושקא — האט קאזימיר געזאגט.

— און איך פיהל אויך דאס זעלבע — האט נאסטאשא אויסגערופען.

— אויב אזוי, פארלאנג איך פון דיר, נאסטאשא, דו זאלסט מיר ער־לויבען צו ברייננען דעם דאזיגען אידען, דעם יונגען זינגער דא אין הויז.

— א, פאן מאניושקא, איהר ווייסט, אז איך בין ניט די אייגענטימע־ריז פון הויז. איבער דעם וועד עס זאל זיין די געסט פון אונזער הויז האבען מיינע עלטערען צו זאגען.

— וואס איך מיין איז, אז ווען איך וועל האפענטליך פועל'ן ביי דעם

יונגען מאַן צו קומען אַהער, זאָלסטו איהם ניט אַרויסווייזען קיין שנאה... ער זאָל זיך ניט פיהלען אומבאַקוועם און נעמען ווייכען פון דאַנען.

— אַלעס וואָס איך קאָן טאָן, פאַן מאַניושקאַ, איז פאַרשווינדען אין דער צייט ווען דער זשיד וועט קומען...

— און איך אויך! — האָט קאַזימיר צוגעגעבען — מיר וועלען איהם ניט אַרויסטרייבען, אָבער עס איז דאָך געוויס ניט נויטיג, אַז מיר זאָלען זיך געפינען אין דעם זעלבען צימער מיט איהם.

— ניין, איך וואָלט זעהר ניט געוואָלט, אַז אימיצער זאָל אייך צווינגען צו זיין מיט איהם אין איין צימער, אָבער איך גלויב, נאַסטאַשאַ, אַז עס וואָלט זעהר ניט געשאַדט ווען דו קאָנסט אויסמאַרקירען צו הערען איהם זינגען. אויב נאָר ער וועט איינשטימען צו זינגען דאָ אין הויז.

— נו, דאָס גלויב איך וועל איך שוין קאָנען פועל'ן ביי דיר — האָט קאַטערינאַ זיך אָנגערופען — דו ווייסט דאָך, מיין טאָכטער, אַז איך האָב די זעלבע געפיהלען וועגען אידען ווי דו, אָבער נאָכדעם ווי איך האָב געהערט וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין זינגען האָט געמאַכט אויף דעם פאַן מאַניושקאַ'ן דאַרפען מיר, גלויב איך, עטוואָס פאַרבויגען אונזערע געפיהלען. מיר וועלען קאָנען בלייבען אין צווייטען צימער אַזוי, אַז ער וועט אונז גאָר ניט מערקען, און מיר וועלען ניט דאַרפען אָנקוקען זיין פנים.

— דאָס אַלעס וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך — האָט מאַניושקאַ געזאָגט — איך האָף נאָר, אַז ער זאָל איינוויליגען צו קומען אַהער. איך וואָלט פאַר איהם געשפּילט איינע פון די אַריעס אויף דער פּיאַנאָ און איך וואָלט איהם געבעטען עס זינגען פאַר מיר. יע, וולאַדיסלאַוו, איך האָב פאַרגעסען דיך צו פרעגען, פאַרשטעהט דאַוויד פּויליש.

— ער רעדט פּויליש אויסגעצייכענט! — האָט קרוזשענסקי געזאָגט, — איך האָב זיך זעהר שטאַרק געוואונדערט, ווייל זיין שווער רעדט זעהר שלעכט פּויליש און איך האָב ערוואַרטעט, אַז אויך ער זאָל ניט קאָנען ריידען, צום סוף האָט ער מיך איבעראַשט מיט זיין גוטען פּויליש.

— נו, אויב אַזוי, האָב איך דאָך ניט וואָס צו זאָרגען — האָט מאַניושקאַ געזאָגט — איצט בלייבט איבער איין זאַך, אַז דו זאָלסט איהם ברייגנען אַהער ווי שנעל עס איז מעגליך, ווייל איך בין שוין זעהר אומגעדולדיג.

— איך וועל טאָן אַלץ וואָס איך וועל קאָנען צו ברייגנען איהם אַהער צו אונז אין הויז — האָט וולאַדיסלאַוו געזאָגט.

— און דו נאַסטאַשאַ וועסט דאַרפען זיך שוין אָנפאַנגען צוצוגעוואוינען צו איהם — האָט מאַניושקאַ מיט אַ שמייכעל אויסגערופען — עס קאָן דאָך פּאַסירען, אַז דו זאָלסט זינגען אין דעם כאָר פון דער אָפּערא וואו דער איך וועט שפּילען די הויפּט ראָלע. זאָג מיר, וואָלסטו צוליב דעם אויפגעגעבען דיין וואונש צו זינגען אין כאָר?

— מיך אַרט ניט אפילו ווען דער טייוועל אַליין זאָל דאָרט זינגען, אַזוי לאַנג ווי איך וועל קריגען אַ געלעגענהייט צו שפּילען אין איינער אָפּערא —

האט נאסטאשא מיט א שמייכל זיך אנגערופן — איין זאך אבער האף איך, אז איך זאל ניט דארפן שפילן אזא ראלע וואו איך וועל זיין גע־צוואונגען צו קומען אין א געשפרעך מיט איהם און געוויס ניט אלס זיין געליבטע.

— וועגען דעם קאנסטו רוהיג זיין — האט מאניושקא געזאגט — אזא ראלע אין דער אפערא וועט דיר קיינמאל נישט אויסקומען צו שפילען... איך וויל, אז דו זאלסט ביי זיך ניט זיין גענארט. אמת, איך גיב צו, אז דו האסט טאלאנט אין א געוויסער מאס, אבער קיין פרימאדאנא וועסטו קיינ־מאל ניט ווערען.

— איך בין ביי זיך ניט גענארט, פאן מאניושקא, איך וועל זיך שעצען גליקליך אויב איך וועל קאנען אויסנעמען אין א קליינע, ניט וויכטיגע ראלע.

— און וועגען דעם אידישען זינגער ווינש איך ער זאל איינשטימען צו שפילען די הויפט ראלע פון מיין אפערא, דאן וואלט איך שוין גענומען טראכטען ווידער וועגען אויפפיהרען מיין אפערא "האלקא". יע, בלויז מיט אזא "שטערען" אלס הויפט העלד וואלט איך דערפילט דעם וואונש פון פילע פון מיינע פארעהרער און אויפגעפיהרט די דאזיגע אפערא.

— לאמיר האפען, אז עס וועט אונז ניט שווער אנקומען איהם איבער־צוריידען — האט וולאדיסלאוו זיך אנגערופען — ער וואלט געווען דער גרעסטער געווינס פאר דער פוילישער אפערא און מיט זיי זינגען וואלט ער געבראכט רוהם און גרויסקייט פאר דער פוילישער מוזיקאלישער געזעל־שאפט.

קאפיטעל 28

א פאר טעג נאך יום כפור איז קרושעוסקי ווידער געקומען זעהן יואל דוד'ן. ער האט איהם איבערגעגעבען וועגען דעם גרויסען רושם וואס זיין דאווענען יום כפור ביינאכט האט געמאכט אויף דעם גרויסען פוילישען קאמפאזיטאר סטאניסלאוו מאניושקא, און אז ער וויל זיך מיט איהם זעהן אין זיין הויז.

כאטש יואל דוד האט זיך געפיהלט געשמייכעלט וואס אזא באריהמטער קאמפאזיטאר איז אין איהם פאראינטערעסירט און אז ער האט שטארק אויסגענומען ביי איהם, פונדעסטוועגען האט ער זיך אבער געקווינקעלט אננעהמען די איינלאדונג צו קומען פארברייגנען אין קרושעוסקי'ס הויז אויף א מוזיקאלישען אוונט... ער האט געוואוסט, אז זיין שווער וועט ניט פאסען פאר איהם, דעם ווילנער שטאט חזן צו באזוכען א קריסטליך הויז. און טאקע צוליב דעם האט ער אפילו ניט געוואלט זאגען זיין שווער וועגען דער איינלאדונג.

חנה'לע אבער האט יא געוואוסט פון דעם. איהר האט ער איבערגעגע־בען דעם גאנצען געשפרעך צווישען איהם און דעם פאן קרושעוסקי און פון זיינע רייד האט זי געדרונגען, אז ער האט גאר שטארקען חשק צו געהן,

באַטש ער האָט איהר אויסדריקליך געזאָגט, אז ער טראַכט אפילו ניט פון אננעמען זיין איינלאַדונג.

— און פאַרוואָס ניט? — האָט חנה'לע איהם א פרעג געטאָן און איהם דורכגעדרונגען מיט איהרע אויגען — נאַכאַלעמען וואָס קאָן עס דיר שאַדען? דו אַליין זאָגסט דאָך, אז דער פאַן מאַניושקא איז איינער פון די גרעסטע און וויכטיגסטע מוזיקאַלישע פּערזענליכקייטען אין פּוילען... נו, אז ער איז אזוי פאַראינטערעסירט אין דיר אז ער איז דיך געקומען הערען צו כל נרדי, וואָלסטו אפשר באַדאַרפט יע געהן... שאַ, ווייסטו וואָס? אפשר וואָלסטו איהם איינגעלאַדען אהער, זאָל ער קומען צוזאַמען מיט דעם פאַן קרוזשענסקי.

— אה, ניין, חנה'לע, וואָס רעדסטו? ווען איך זאָל זיי איינלאַדען אהער אלס געסט וואָלט... וואָלט...

— וואָס וואָלט?

— איך מיין, אז דיין טאַטע וואָלט מיר קיינמאָל ניט מוחל געווען... וואָס הייסט אונטערהאַלטען קריסטליכע געסט...

— מיין טאַטע פאַרשטעהט גאַנץ גוט, אז דיר וועט עס ניט שאַדען, אויב דו ווילסט וועל איך מיט איהם ריידען. איך וועל פריהער ריידען מיט דער מאַמען און זי וועט איהם זאָגען. מיר וועלען קאָנען באַהויפּטען איינ־צולאַדען די וויכטיגסטע פּריצים. מיר האָבען זיך ניט וואָס צו שעהמען מיט אונזער הויז.

— דערוויילי פאַרלאַנג איך, אז דו זאָלסט מיט דיין טאַטען אָדער מאַ־מען גאָרניט ריידען וועגען דעם!

— פאַרוואָס ניט?

— עס איז ניט נויטיג.

— אָבער זיי זיינען דאָך נייגעריג צו וויסען וועגען וואָס דער פאַן קרו־זשענסקי האָט מיט דיר גערעדט?

— וועסטו איהם זאָגען, אז דאָס האָט ער געלויבט מיין דאַווענען...

— און טאָמער קומט ער נאָך אמאָל?

— ער וועט שוין מעהר ניט קומען. איך האָב אויסדריקליך איהם גע־זאָגט, אז איך קאָן ניט קומען.

— דו האָסט דאָך איהם געגעבען אן אויסרייד, אז דו ביזט פאַרנומען צוליב אונזערע ימים טובים. און איך בין זיכער, אז נאָך סוכות וועט ער ווידער קומען אהער און דאַן וועסטו איהם שוין זיכער ניט קאָנען ענט־זאָגען, דו וועסט דאָך קיין אויסרייד ניט האָבען.

— וועלען מיר דאַן זעהען! איז שוין יואל דוד אומגעדולדיג געוואָרען.

חנה'לע האָט באַמערקט, אז ער איז שוין עטוואָס אויפגערעגט און זי האָט איהם מעהר ניט באַלעסטיגט מיט איהרע פראַגען. זי האָט אָבער געהאַפט, אז יואל דוד וועט אהין צו דעם פּוילישען פאַן ניט געהן. עפּעס האָט איהם דאָס הארץ געזאָגט, אז קיין גוטעס קען זי פון דעם ניט ער־

וואַרטען. זי האָט געהאָפֿט, אַז דער פּאַן מאַניושקאַ וועט אָוועקפאָהרען און פון דעם אַלעם זאָל זיך גאַרניט אויסלאָזען.

אָבער חנה'לעס האָפֿענונג איז ניט מקוים געוואָרען. אין אַ נאָכמיטאָג צוויי טעג נאָך סוכות האָט די דינסט געמעלדעט, אַז פּאַן קרוזשענסקי וויל זיך זעהן מיט יואל דוד'ן. חנה'לעס פּנים איז בלאַס געוואָרען. איהר האַרץ האָט גענומען קלאַפּען... אַ געדאַנק איז איהר געקומען, אפשר זאָל זי זאָגען דער דינסט איבערצוגעבען דעם פּאַן, אַז איהר מאַן שלאָפֿט איצט. זי האָט זיך אָבער אַליין באַלד דערשראָקען פאַר אָט דעם געדאַנק. וואָס הייסט זאָגען אַ ליגען? און וואָס וועט זיין, אַז איהר יואל דוד וועט אויסגעפינען. ער וועט זיכער זיין אין כעס אויף איהר.

חנה'לע איז באַלד אַריין אין יואל דוד'ס צימער און איהם איבערגעגעבען, אַז קרוזשענסקי איז געקומען.

— קרוזשענסקי! — האָט זיך יואל דוד אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און גענומען צורעכט מאַכען זיין רעקעל, אויסגלייכען די האָר און פּאַרקאַשערען די פּאות איבער זיינע אויערען. המ... וואָס שטעהסטו, ער איז געקומען, זאָל ער אריין — האָט ער זיך אָנגערופען צו חנה'לען, וואָס הייסט, מען קאָן דאָך יענעם ניט שיקען צוריק, וואָס זאָגסטו, האַ?...

חנה'לע האָט געשוויגען, זי איז אַרויס פון צימער און געזאָגט דער דינסט איהם הייסען אַריינקומען.

קרוזשענסקי האָט וואַרעם געדריקט יואל דוד'ס האַנט.

— איך בין זעהר גליקליך דיך צו זעהן, פּאַן סטראַשון — האָט ער אויסגערופען. איך האָב שוין פריהער מיט אַ פּאָר טעג געוואָלט אַרויפקומען זיך זעהן מיט דיר, אָבער איך האָב געוואוסט, אַז אייערע ימים טובים האָבען זיך נאָך ניט געענדיגט. יע, זאָגט מיר, פּאַן סטראַשון, ווי איז עס מעגליך, אַז אייער פאַמיליען נאָמען זאָל הייסען פּונקט ווי אייער שווער'ס פאַמיליע נאָמען. זייט איהר טאַקע פון איין משפחה

— ניין, מיין נאָמען איז אַמאָל געווען לעווענשטיין, אָבער אויפ'ן פאַרלאַנג פון מיין שווער, וועלכער האָט ניט קיין זיהן, האָב איך אָנגענומען זיין נאָמען.

דאָס איז זעהר פיין פון אייך — האָט קרוזשענסקי מיט אַ שמייכעל אויסגערופען — איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, מיר אַליין געפעלט טאַקע סטראַשון בעסער ווי לעווענשטיין, עס איז מעהר פּויליש, מיר וועלען אייך רופען סטראַשונסקי...

— זעצט זיך, פּאַן קרוזשענסקי — האָט יואל דוד איהם אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל.

קרוזשענסקי האָט זיך צוגעזעצט. ער האָט באַטראַכט דעם צימער, וואָס איז געווען פול מיט ספרים. ער האָט געקוקט אויף יואל דוד'ן, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע.

— איהר ווייסט צוליב וואָס איך בין געקומען איצט — האָט קרוי־זשענסקי זיך אָנגערופען נאָך אַ קליינער פּויזע — איך בין געקומען אייך דערמאָנען, אַז עס איז שוין איצט נאָך אַלע אייערע ימים טובים!

— דאָס ווייס איך אַליין, מען דאַרף מיך ניט דערמאָנען... — האָט יואל דוד געשמייכעלט.

— אָבער געדענקט איהר, אַז איהר האָט מיר פאַרשפּראָכען צו קומען אין מיין הויז פאַרברענגען אַ מוזיקאַלישען אָוענט צוזאַמען מיט דעם באַריהמטען קאָמפּאָזיטאָר מאַניושקאָ! און איצט בין איך געקומען אייך איינלאַדען. מאָרגען אָוענט וועלען זיך אין מיין הויז צוזאַמענקלייבען איניגע פון מיינע פריינט, און מען וועט זינגען. דער פּאַן מאַניושקאָ וועט שפּילען אויף דער פּיאַנאָ און איך זאָג אייך, אַז צו הערען איהם שפּילען לוינט זיך צו קומען. וועט איהר מאָרגען צוקומען

— הם... איך ווייס ניט... עס איז מיר שווער צו זאָגען — האָט יואל דוד גענומען שטאַמלען.

— איך הויב שוין אָן צו טראַכטען, אַז איהר אידען זייט נאָך מעהר אונטאָלעראַנט ווי מיר קריסטען... אָט בין איך שוין אין אייער הויז געווען אַ פּאָר מאָל און איהר האָט מורא צו באַזוכען אַ קריסטליך הויז. איך פאַרזיכער אייך, אַז מיר אַלע וועלען זעהן איהר זאָלט זיך פיהלען באַקוועם אין אונזער הויז...

— איך ווייס! — האָט יואל דוד געזאָגט — אָבער עס איז פאַר מיר זעהר שווער צו פאַרשפּרעכען. פאַרשטעהט איהר, די אומשטענדען זיינען אַזעלכע...

— איך קאָן שוין ניט פאַרשטעהן, לערענט אייך דען אייער רעליגיע, אַז עס איז ניט רעכט צו באַזוכען אַ קריסטליכען פריינד אין זיין הויז

— אַ, ניין! פאַרוואָס ניט... אמת, עס איז אונז פאַרבאָטען דאָרט צו עסען, אָבער דאָס איז ווי איהר ווייסט, ווייל מיר אידען קאָנען עסען נאָר כשר'ע שפּייזען און די כלים מוזען זיין כשר'ע.

— אָבער איך לאַד דאָך אייך ניט איין צו עסען אין מיין הויז. דאָס ווייס איך איז פאַרבאָטען, אָבער צו הערען מוזיק... איהר מוזט קומען. איך בעט אייך, טוט עס צוליב מיין גרויסען פריינט, מאַניושקאָ... איהר וועט דערביי גאָרניט פאַרלירען... מאַניושקאָ איז זעהר שטאַרק ענטציקט פון אייער שטים. ער האָט מיר גלייך געזאָגט, אַזאַ וואונדערשעהנע שטים ווי אייערע קאָן מען טרעפען איינמאָל אין הונדערט יאָהר... און איך גלויב, אַז איהר אַליין, אַלס גרויסער זינגער און ליבהאָבער פון מוזיק דאַרפט זיך פאַראינטערעסירען אין אַזאַ גרויסען מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר פון אַזוי פיעל אָפּעראַס ווי סטאַניסלאַוו מאַניושקאָ. איהר וועט פון איהם אַ סך קענען לערנען. נו, וואָס זאָגט איהר מיר צו, פּאַן סטראַשונסקי צו קומען

יואל דוד האָט זיך נאָך אַלץ געקווענקעלט... ער האָט געשוויגען. איהם איז געווען שווער צו באַשליסען... וואָס וואָלט זיין שווער געזאָגט ווען ער געפינט אויס, אַז ער איז אַוועק צו די קריסטען זיך צו באַטייליגען אין אַ

מוזיקאלישען אוועגט? און דען ר' שלמה'לע און די אנדערע חשוב'ע בעלי בתים. וואס וועלען זיי זאגען? אבער וואס פאר א פארברעכען וועט ער באגעהן ווען ער וועט באזוכען זיין הויז און זיך צוהערען ווי זיי זינגען...

קרוזשענסקי האט נאך אלץ געווארט אויף זיין ענטפער און ווען ער האט געזעהן, אז יואל דוד שווייגט האט ער זיך אנגערופען.

— איך נעהם אן אייער שווייגען אלס א צושטימונג. אויב אזוי וועלען מיר זיך אויף אייך ריכטען, מארגען זיבען אזייגער אין אוונט.

— איך וועל אבער לאנג ניט קאנען פארבלייבען! בלויז אויף א האלבע שעה.

— נו, אז איהר וועט מוזען אוועקגעהן וועלען מיר אייך ניט פארהאלטען! — האט קרוזשענסקי געזאגט און זיינע אויגען האבען זיך צעלויכטען פון גליק. איהם איז דאך געלונגען איבערצודרייען דעם גרויסען טאלאנטפולען זינגער צו קומען אויף א באזוך אין זיין הויז... זאל ער נאר קומען און דאס איבעריגע וועט שוין מאניושקא טאן. איצט דארף ער זעהן, אז ער זאל קריגען אין זיין הויז די געהעריגע אויפנאמע, כדי ער זאל קיין שוועריגקייטען ניט האבען צו באוועגען צו קומען נאך אמאל צו איהם.

קרוזשענסקי האט איהם געגעבען זיין האנט און געזאגט:

— דאווידזעניא (אויף ווידערזעהן), פאן סטראשונסקי, מארגען זיבען אזייגער אין אוונט ערווארטען מיר אייך.

ווען קרוזשענסקי איז שוין געווען אין דרויסען, האט יואל דוד געפיהלט א קלאפעניש אין הארצען... וואס האט ער געטאן? ער האט איהם צוגעזאגט צו קומען... ער וועט איצט מוזען קומען... אבער וואס וועט זיין שוער זאגען... וואס הייסט, ער, דער ווילנער שטאדט חזן, זאל גאר פארברענגען אן אוונט אין א קריסטליך הויז, וואו מען וועט שפילען, זינגען און זיך אמוזירען... ווי פאסט עס פאר איהם? וואס וועלען אלע בעלי בתים, זיינע פארעהרער זאגען ווענען דעם? ניין, ער טאר ניט קומען! אבער ער האט דאך שוין פאשפראכען! ווי אזוי וועט ער קאנען ברעכען זיין ווארט... עס וועט זיין א חילול השם. וואס וועלען די קריסטען זאגען, אז אויף א אידען קאן מען זיך ניט פארלאזען... א איד איז ניט קיין ווארטסמאן... וואס זאל ער איצט טאן? ווי אזוי דרעהט ער זיך ארויס פון אט דעם פלאנטער? ער וועט מוזען געפינען א תירוץ... אפשר זאל ער זאגען, אז זיינער א פריינט איז געפעהרליך קראנק און ער מוז געהן אין אוונט מבקר חולה זיין... זיי וועלען פארשטעהן, אז עס איז בלויז אן אויסרייד, אז ער האט מורא צו קומען אהין... און פארוואס זאל ער טאקע ניט אריינקומען דארט אויף א קליינע ווילע. דריי מאל איז שוין קרוזשענסקי געווען אין זיין הויז, ער האט זיך ביי איהם געבעטען... יע, ער וועט דארפען געהן בלויז אט דעם מאל... אבער קיינער וועט דערפון ניט דארפען וויסען, אפילו ניט זיין חנה'לע... יע, וואס וועט ער איהר זאגען? ער הערט שוין איהרע טריט. זי וועט ניט טארען וויסען פון דעם. ער פארשטעהט פון איהר רייד, אז כאטש זי זאגט איהם, אז ער קאן געהן באזוכען קרוזשענסקי'ס הויז מיינט

זי דאָס ניט מיט איהר גאַנצען הארצען. און ווען זי זאָל וויסען אַז ער איז געווען, וועט זי שוין דערצעהלען איהר מאַמען, און אַז זיין שוויגער וועט וויסען, וועט שוין אויך זיין שווער וויסען, און די אַנדערע בעלי בתים. ניין, חנה'לע טאָר ניט וויסען! — האָט ער ביי זיך באַשלאָסען, ווען חנה'לע האָט אויפגעעפענט די טיר פון זיין צימער.

— וואָס ביזטו אַזוי פאַרטראַכט, יואל דוד, טייערער! — האָט זי מיט פאַרשענדע בליקען אויף איהם געקוקט.

— אַ, גאָר ניט!

— נו, ווי האָסטו אויסגעמאַכט מיט דעם פאַן קרושעווסקי?

— ער האָט געוואָלט איך זאָל קומען צו איהם מאָרגען אָוונט. ער איז צו מיר צוגעשטאַנען אָבער איך האָב זיך ענטזאָגט.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך האָב קיין חשק צו געהן אהין... וואָס האָב איך דאָרט צו טאָן, צווישען גוים?...

— אָבער דאָרט געפינט זיך דאָך דער גרויסער מוזיקער מאַניושקאָ — האָט חנה'לע פּרובירט פון איהם דערגעהן אויב ער איז ווירקליך ניט פאַר־אינטערעסירט — דו אַליין האָסט מיר געזאָגט, אַז מאַניושקאָ איז זעהר באַריהמט און אַז ער איז אַ גרויסער קאָמפּאָזיטאָר פון אָפּעראַס און מוזיק.

— עס איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישען אידישע מוזיק און זייער מוזיק. איך צווייפעל אויב איך קען עפּעס געניסען פון זיי.

— און וואָס פאַר אַ תירוץ האָסטו איהם אָנגעגעבען... מילא פריהער האָסטו געזאָגט אַז דו ביזט פאַרנומען צוליב אונזערע ימים טובים, אָבער איצט איז דאָך שוין נאָך יום טוב...

— הם... איך האָב איהם געזאָגט, אַז מאָרגען אין אָוונט דאַרף איך געהן באַזוכען מיינעם אַ קראַנקען פריינט... יע, חנה'לע, אָט דאָס האָב איך איהם געזאָגט, פונדעסטוועגען קאָן געמאָלט זיין, אַז ער זאָל מאָרגען אין אָוונט ווידער קומען, און דעריבער וועט זיין בעסער, אַז איך זאָל זיך ניט געפינען אין הויז... איך וועל ערגיץ אַוועקשפּאַצירען און טאָמער וועט ער יע קומען, וועט ער מיך אין הויז ניט געפינען.

— גוט, מיר וועלען טאַקעביידע אַוועקשפּאַצירען צום טעלאַטניק.

— ניין, דו מוזט פאַרבלייבען אין הויז... פאַרשטעהסט, דו וועסט דאַרפען איהם ערקלערען אין פּויליש ווי נויטוועגדיג עס איז פאַר מיר געווען צו געהן באַזוכען מיין קראַנקען פריינט.

— די מאַמע רעדט דאָך גוט פּויליש, וועט זי איהם ערקלערען, אויב ער וועט קומען.

— עס וועט זיין בעסער, אַז דו וועסט אויך זיין אין הויז... ווייל אויב מיר ביידע זאָלען אַוועקגעהן, וועט ער זיך אָנשטויסען, אַז מיר זיינען מיט אַ כיוון אַוועק... דו וועסט איהם דאַרפען ערקלערען... דיר וועט ער גלויבען... איך וועל ערגיץ אַוועקשפּאַצירען און קיינער וועט מיך ניט באַמערקען... אויסער דעם, איז פאַר דיר ניט גוט צו שפּאַצירען צופיעל ווען דו ביזט אין

אזעלכע אומשטענדען... נאָך אַ זאַך וויל איך דיך בעטען, אַז דו זאָלסט מיט דיינע עלטערען גאָרניט ריידען וועגען דעם.

— אָבער פאַרוואָס ניט, יואל דוד? — האָט חנה'לע זיך אָנגערופען — פאַרשטעהסט זאָל מיין טאַטע וויסען, אַז כאָטש מען שטעהט אַזוי שטאַרק צו דיר צו, פונדעסטוועגען קאָנסטו ביישטעהן דעם נסיון און געהסט ניט אַהין.

— נסיון? וואָס פאַר אַ נסיון. לויט דיינע רייד קומט דאָך אויס, אַז מען רעדט מיך צו צו אַן עבירה און איך קען באַשטעהן דעם נסיון. עס איז ניט קיין עבירה צו באַזוכען אַ קריסטליך הויז, אַזוי לאַנג ווי מען פאַרזוכט דאָרט גאָרניט.

— אויב אַזוי טאָ פאַרוואָס האָסטו זיך ענטזאָגט צו קומען צו איהם, — האָט חנה'לע אַ פרעג געטאָן.

— גלאַט אַזוי זיך. איך וויל ניט געהן! אָבער ניט ווייל איך פיהל, אַז מיט מיין באַזוך וועל איך באַגעהן אַ זינד. עס איז דאָך נאַרישקייטען. איך בין פשוט ניט פאַראינטערעסירט, און דעריבער בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט מיט דיינע עלטערען גאָרניט ריידען.

— אָבער טאָמער פרעגען זיי מיך וועגען דעם פאַן קרושעווסקי?

— נו, וועסטו שוין געפינען וואָס צו זאָגען! נאָך אַלעמען זיינען זיי געווען אין שטאָט שוהל יום כפור צו כל נדרי און זיי זיינען אונז דאַנק־באַר, קומען זיי אַריין צו אונז... יע, חנה'לע, עס וועט זיין בעסער, אַז זיי זאָלען ניט וויסען, אַז קרושעווסקי האָט מיך איינגעלאַדען און איך האָב איהם אָפּגעזאָגט.

— און וואָס וועט זיין ווען קרושעווסקי קומט מאָרגען אין אָוונט און מיין טאַטע און מאַמע וועלען זיין דערביי? — פרעגט איהם חנה'לע.

— דעריבער טאַקע וויל איך אַז דו זאָלסט בלייבען אין הויז, כדי דו זאָלסט ריידען צו איהם און זאָגען איהם אַז איך בין אַוועק מבקר־חולה זיין מיין פריינט. וועסטו טאָן, חנה'לע, ווי איך פאַרלאַנג פון דיר? איך מיין, ניט צו רעדען מיט דיינע עלטערען וועגען דעם.

— געוויס, מיין טייערער! — האָט זי אַ גליקליכע אויסגערופען — דו ווייסט דאָך אַז דיין וואונש איז אַלע מאָל הייליג ביי מיר.

חנה'לע איז ווירקליך געווען גליקליך. אין האַרצען האָט זי ניט גע־וואָלט אַז ער זאָל דאָרט געהן... פאַר איהר איז ער נאָך צו גרויס צווישען די אידען. פאַרוואָס זאָלען אויך די גויים איהם אָפּגעבען לויב און כבוד? עס וועט טאַקע זיין בעסער אַז ער וועט וויכען פון זיי... ער איז אַזאַ טייערער, אַזאַ וואוילער...

ווען חנה'לע איז אַרויס פון זיין צימער, איז יואל דוד געבליבען שטעהן ווי אין אַ פאַרווירונג... זיין געוויסען האָט איהם גענומען פּלאָגען. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען אַז ער זאָל זיין טייערער חנה'לע אַ ליגען... ער וועט געהן צו קרושעווסקי'ן און זי וועט מיינען אַז ער שפּאַ־צירט ערגעץ... פאַרוואָס האָט ער איהר געזאָגט דעם ליגען? ער האָט דאָך

איהר געקענט זאָגען דעם אמת און בלויז פאַרלאַנגען פון איהר אז זי זאָל עס קיינעם ניט איבערגעבען... אָבער פאַרפאַלען, זי וועט ניט טאָרען וויסען!

קאַפּיטעל 29

אויף מאָרגען אין אָוונט, נאָכדעם ווי יואל דוד האָט זיך צוריקגע־קעהרט פון מעריב און אָפּגעגעסען זיין אָוונט ברויט, האָט ער א זאָג געטאָן צו חנה'לען אין דער שטיל:

— נו, איצט וועל איך געהן, ווייל איך האָב מורא אז ער זאָל ניט קומען און מיך דאָ געפינען, און דו וועסט שוין וויסען וואָס איהם צו זאָגען, טאָמער קומט ער...

יואל דוד איז אריין צו זיך אין צימער. ער האָט פאַרקאַמט זיינע פּאות און זיין רונדע שוואַרצע בערדעל. ער האָט אָנגעטאָן זיין שבת'דיגע קאַפּאָטע מיט דעם גאָלדענעם זייגער און קייט וואָס ער האָט געקראָגען א מתנה פון זיין שווער און שוויגער. ער האָט אויך אָנגעטאָן זיין ווייכע שוואַרצע הוט און ער איז ארויס פון הויז. אין דרויסען איז געווען פינ־סטער, סוף חודש. בלויז דאָ און דאָרט האָבען אויף דער ברייטער גאַס גע־ברענט לאַמטערנעס. ער האָט ביי דער שיין פון א לאַמטערנע א קוק געטאָן אויף זיין זייגער. עס איז געווען א פערטעל צו זיבען. ער האָט נאָך פופ־צעהן מינוט. ער ווייסט וואו קרוזשענסקי'ס הויז געפינט זיך. עס וועט איהם דויערען ביי א צעהן מינוט.

ער האָט שפּאַצירט לאַנגזאַם, ביז ער האָט פון ווייטען דערזעהן די גרויסע ווייסע הויז וואָס איז געשטאַנען ביי געאָרגיעווסקע פּראָספּעקט. ער איז צוגעקומען נאָהענט. ער האָט געזעהן אז אינוועניג איז ליכטיג. גרויסע בליץ־לאָמפּען לייכטען דאָרט. א קליינע ווילע איז ער געבליבען שטעהן נעבען דעם אריינגאַנג, ווי ער וואָלט געצעגערט... דאָס האַרץ האָט ביי איהם שטאַרק געקלאַפּט. דורך די לייכט־באַצויגענע פענסטער האָט ער געקאָנט זעהן באַוועגליכע פיגורען... ער האָט געזעהן אז דאָרט געפינען זיך אויך פרויענצימער און דאָס האָט איהם נאָך מעהר צעטומעלט. ווי אזוי וועט ער קאָנען אריינקומען אהין! וואָס וועט ער דאָרט טאָן? זיי וועלען געוויס אָפּשפּאָטען פון איהם... אָבער פאַרפאַלען... ער האָט צוגעזאָגט!... דאָס איז דאָס ערשטע מאָל און דאָס לעצטע.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און איז ארויפגעגאַנגען די עטליכע טרעפּלעך און האָט א לייכטען קלאַפּ געגעבען מיט דער אייזערנער רינג, וואָס איז געהאַנגען איבער'ן טיר פאַר דעם צוועק. ער האָט געוואַרט. דאָס האַרץ האָט איהם געגומען קלאַפּען, דאָס בלוט אין זיין פּנים האָט א פלייץ געטאָן. ער האָט געמיינט אז מען האָט איהם ניט געהערט. ער איז שוין געווען גרייט אוועקצוגעהן. ער וועט האָבען א גוטען תירוץ. ער איז געווען, האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, צוגעוואַרט עטליכע מינוט און ווען מ'האָט איהם ניט געעפענט איז ער אוועק.

אבער איידער ער האָט זיך באוויזען צוריקצוקעהרען האָט די טיר זיך געעפענט. א דינסט איז ארויסגעקומען מיט א ליכט אין האנט. באלד נאָך איהר האָט זיך באוויזען קרושעווסקי.

— אַ, פאַן סטראַשונסקי, פאַן סטראַשונסקי! — האָט קרושעווסקי אויסגערופען און געדריקט זיין האנט — ווילקאָמען צו מיין הויז! קומט אריין. איך זעה אז איהר זייט זעהר פּינקטליך. איהר זייט א וואַרטסמאַן...

יואל דוד איז געבליבען א ווײַלע שטעהן ווי צעטומעלט... קרושעווסקי האָט איהם גענומען אונטער'ן אָרעם און איהם אריינגעפיהרט אין ליכטיגען זאַל.

— איך האָב דעם כבוד פאָרצושטעלען פאר אייך מיין פריינד פאַן סטאַניסלאוו מאַניושקא.

— עס איז ווירקליך א גרויסער פארגעניגען און כבוד אייך צו קאָנען, פאַן סטראַשונסקי — האָט מאַניושקא מיט ביידע הענט געדריקט יואל דוד'ס האנט.

— און איהם, פאַן יאַן ארזשעווסקא, קענט איהר דאָך. ער איז ביי אייך געווען דאַן צום ערשטען מאָל, ווען מיר האָבען זיך באקאַנט. איך מוז דערביי צוגעבען, אז מיר זיינען זעהר דאנקבאר מיין פריינד פאַן ארזשעווסקא, ווייל ער איז געווען דער יעניגער וועלכער איז צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל אריינקומען צו אייך אין הויף זיך איינצוהערען צו אייער זינגען, בעת איהר האָט געמאַכט די רעפּעטיציעס. און דאָס איז מאַדאַם ארזשעווסקא, אויך א גרויסע ליבהאָבערין פון מוזיק..

זי האָט איהם מיט א לייכטען שמייכעל באגריסט.

— מיין מאַן זאָגט, אז קיין גרעסערער פארגעניגען אויף דער וועלט איז שוין נישטאָ ווי צו הערען אייך זינגען... און דעריבער פיהל איך זיך העכסט גליקליך אייך צו קענען.

יואל דוד איז נאָך אַלץ געווען צעטומעלט און צעשראָקען. ער האָט ניט געוואוסט וואו אהינצוטאָן זיינע הענט.

— זעצט זיך, פאַן סטראַשונסקי — האָט וולאַדיסלאוו קרושעווסקי איהם אָנגעוויזען אויף א ווייכען שטול. איך בין העכסט גליקליך וואָס איהר זייט געקומען... איהר דאַרפט זיך פיהלען ביי מיר זעהר היימיש... באלד וועט אריינקומען מיין אייגענע משפחה: מיין פרוי, מיין זוהן און מיין טאָכטער... זיי זיינען נאָך, ווייזט אויס, ניט צוגעגרייט — האָט ער פרובירט זיי פאַרענטפערען.

יואל דוד האָט זיך געזעצט אויף א ברעג פון שטול, זיינע אויגען זיינען געווען אראָפּגעלאָזט צום באָדען.

— איך שעץ מיך זעהר גליקליך — האָט מאַניושקא זיך אָנגערופען — וואָס איך האָב די געלעגענהייט אייך פערזענליך צו באדאנקען פאר דעם גרויסען פארגעניגען וואָס איך האָב געהאַט יענעם אָווענט אין אייער שוהל. איך בין געבליבען דאָרט ווי צוגעשמידט צו מיין פּלאַץ. איך האָב זיך קיינ־מאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז צווישען אונז געפינט זיך א מאַן וואָס פאר־

מאַגט אזא געטליכע שטימע... מיין פריינד, פאַן קרוזשעװסקי, האָט מיר שוין װעגן אייך געשריבן קיין װארשע... אמת, ער האָט אייך שטארק געלויבט, אָבער דאן האָב איך געמיינט אז ער איבערטרייבט, כאָטש איך ווייס אז ער איז א גרויסער מבין אויף מוזיק און נאָך א גרעסערע ליבהאָבער, און ווען איך האָב באַשלאָסן צו קומען אהער כדי אייך צו הערן, האָב איך גאַנץ אָפט געטראַכט אז איך האָב געבראַכט אין ניוועץ אזוי פיעל טייערע צייט און ווי גוט אייער זינגען זאָל ניט זיין, האָט זיך ניט געלוינט צו מאכען אזא לאַנגע רייזע און איך בין שוין געווען גרייט צוריקצופאָהרען קיין װארשע. אָבער זינט איך האָב אייך געהערט זינגען בין איך א גאַנץ אנדער מענש געוואָרען. איך האָב שוין געזאָגט צו מיין פריינד, אז אפילו ווען מיר זאָל אויסקומען צו װאַרטען נאָך צוויי יאָהר וואָלט איך אָהן װעלכער־עס־איז צעגערונג פון מיין זייט געוואַרט.

— א דאַנק אייך פאַר אייערע הארציגע רייד! — האָט יואל דוד א נויג געטאָן מיט זיין קאָפּ — איך האָב עס זיכער ניט פאַרדינט.

— וואָס רעדט איהר, פאַן סטראַשונסקי — האָט מאַניושקא זיך אָנגערופען — איך גלויב אז מיר זיינען אָרים אין ווערטער אויסצודריקען גענוג ליוב און אָפּשאַצונג ווי איהר האָט ווירקליך פאַרדינט... איהר שטויסט זיך אָן, אז איך האָב שוין געהאַט גענוג זינגער פון איבער דעם גאַנצען לאַנד, און אויך פון אויסלאַנד קומען צו מיר באַריהמטע זינגער, וועלכע זוכען צו קריגען א געלעגענהייט צו שפּילען אין איינע פון מיינע אָפּערעס. מאַנכע פון זיי האָבען טאַקע קרעפטיגע שטימען און איך האָב זיי אָנגעשטעלט, אָבער געגען אייך זיינען זיי ווי א פליג אין פאַרמעסט מיט א לייב... איהר קאָנט זיך ניט פאַרשטעלען וואָס א שטימע ווי אייערע קאָן מיינען אין א גוטער אָפּעראַ... זאָגט מיר, זיינען אייך באַקאַנט מיינע אָפּעראַס?

— צום באַדויערען האָב איך קיין אהנונג ניט װעגען אָפּעראַס — האָט יואל דוד זיך אָפּגערופען.

— אָבער נאָטען קענט איהר געוויס!

— ניין, איך קאָן ניט. עס הייסט, אין אמת׳ען האָב איך יאָ א שטיקעל באַגריף אין נאָטען, אָבער ניט קיין סך... איך האָב קיין מאָל ניט געלערנט קיין נאָטען, און דאָס וואָס איך האָב יאָ אריינגעכאַפּט, איז עס געווען פון זיך אליין.

— איך גלויב אז אייך וועט אָנקומען זעהר גרינג צו לערנען נאָטען. איך וואָלט חשק געהאַט צו שפּילען פאַר אייך אויף דער פּיאַנאָ איינע פון די אריעס פון מיין לעצטער אָפּערא "האלקא"...

— איך וועל אייך זעהר דאַנקבאַר זיין — איז יואל דוד דרייסטער געוואָרען — אויב איהר וועט שפּילען אויף דער פּיאַנאָ. איך האָב זעהר ליב פּיאַנאָ שפּילען.

— האָט איהר שוין ווען געשפּילט פּיאַנאָ?

— יאָ, פון זיך אליין, אָהן נאָטען. איך האָב זיך פיעל מאָל באַנוצט מיט דער פּיאַנאָ ביי מיינע רעפּעטיציעס.

— יאָ, מיין פרוי האָט זיך געלערענט שפּילען פאַר דער חתונה. עס איז אַ קליינע פּיאַנאָ, אָבער איך שפּיל גאַנץ אָפט אויס פאַרשידענע נגונים אויף דעם.

— אַט וועל איך פאַר אייך שפּילען — האָט מאַניושקאַ געזאָגט און האָט פון זיין קעשענע ארויסגענומען אַ פּאַפּיר באַשריבען מיט נאָטען און מיט אַ פּוילישער אויפשריפט. — איך גלויב אַז לייענען פּויליש קענט איהר — האָט ער זיך צו איהם ווידער געווענדעט.

— יאָ, איך קען לייענען און שרייבען פּויליש! — ענטפערט יואל דוד.

סטאַניסלאַוו מאַניושקאַ האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם רונדען שטול וואָס איז געשטאַנען לעבען דער פּיאַנאָ. ער האָט דאָס אָנגעשריבענע פּאַפּיר אוועקגעלייגט אויף דער פּיאַנאָ און האָט גענומען שפּילען איינע פון די אַריעס פון זיין אָפּערא "האַלקאַ".

יואל דוד האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט... ער האָט געשלונגען יעדען קלאַנג. ער האָט נאָך אַזאַ שעהנעם שפּילען קיין מאָל ניט געהערט, און די מוזיק פון דער אַריע איז זעהר פאַרכאַפּענד.

מאַניושקאַ האָט געענדיגט שפּילען און די אַנוועזענדע האָבען איהם אַפּלאָדירט.

— נו, פּאַן סטראַשונסקי, ווי געפעלט אייך אַט די דאָזיגע אַריע? — האָט מאַניושקאַ זיך אָנגערופען — אַט דאָס זינגט יאַנעק, דער העלד פון מיין אָפּערא, צו זיין געליבטער האַלקאַ. איך בין זעהר נייגעריג צו הערען ווי אַזוי איהר וואָלט עס געזונגען. איך גלויב אַז איך וועל עס שפּילען פאַר אייך עטליכע מאָל, ביז וואַנען איהר וועט כאַפּען דעם שניט.

יואל דוד האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ, ער איז צוגעגאַנגען צו מאַניושקאַ'ן, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסען ביי דער פּיאַנאָ.

— אויב דער פּאַן מאַניושקאַ זאָל מיר דערלויבען, וואָלט איך וועלען אַליין איבערשפּילען די אַריע אויף דער פּיאַנאָ און דאַן גלויב איך וועט עס מיר ניט שווער זיין איבערצוזינגען.

— אַליין שפּילען אויף דער פּיאַנאָ מיין אַריע? — האָט מאַניושקאַ איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינען. — ווי אַזוי וועט איהר עס קענען איבערשפּילען מיט בלויז איינמאָל הערען, בפרט ווען איהר קאָנט ניט קיין נאָטען?!

— איהר וועט דאָך ניט זיין דאַגעגען אויב איך וועל פּראָבירען! — האָט יואל דוד געזאָגט — עס איז אַ וואונדערבאַרע פּיאַנאָ, עס גיט ארויס אַזעלכע שעהנע, עכטע טענער.

— מיט דעם גרעסטען פאַרגעניגען, פּאַן סטראַשונסקי! — האָט מאַניושקאַ זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און איהם געבעטען זיך צוצוזעצען אויף דעם פּיאַנאָ שטול — זאָגט מיר, איהר געדענקט שוין ווי מען דאַרף עס זינגען?

יואל דוד האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט זיין קאָפּ. ער האָט זיך אוועקגעזעצט און גענומען אויסשפּילען די אַריע אַזוי ריכטיג און אַזוי פּאַק־

מעניש שעהן, אז מאניושקא איז געבליבען שטעהן פארגאפט, ווי צוגע־שמידט צו זיין פלאץ מיט אפענע מויל און אויערען.

— בראוואָ! בראוואָ! עס איז דאך פראכטפול! — האט מאניושקא אויסגערופען — איך וואלט עס קיינמאל ניט געגלויבט ווען אימיצער דערצעהלט עס מיר... עס איז וואונדערבאר! ווי אזוי איז עס מעגליך פון בלויז איין מאל הערען.

יואל דוד איז געבליבען זיצען אויף דער שטול. ער האט געפיהלט אז אימיצער קוקט אויף איהם פון א שפאלט דורך דער טיר וואס האט געפירט צו א צווייטען צימער. ער האט אטאמאטיש א קער געטאן זיין קאפ און ער האט באמערקט די אויגען פון א בלאנדען קאפ, וועלכע קוקען אין זיין ריכטונג... ווי נאר זי האט באמערקט אז ער האט זיך א קעהר געטאן, האט זי זיך צוריקגעצויגען און פארמאכט די טיר. יואל דוד האט פארשטאנען אז דאס איז קרוזשענסקי'ס טאכטער... אפשר שעהמט זי זיך ארויסצוקומען...

— וואס זאגסטו אויף דעם וולאדיסלאוו, מיין פריינט — האט זיך מאניושקא געווענדעט צו איהם — וואלסטו געקאנט גלויבען, אז מיט איין־מאל הערען אזא שווערע אריע זאל מען זי קאנען איבערשפילען, בפרט ווען מען קאן ניט קיין נאטען. איצט וועט ער פאר אונז זינגען אויך.

— נאכדעם ווי איינער פארמאגט אזא הימעלשע שטים און אזא מו־זיקאלישער טאלאנט קאן מען אלעס גלויבען! — רופט זיך אן קרוזשענסקי — ווארט צו, איך וועל ארייגעהן אין צווייטען צימער און איבערגעבען מיין פרוי און קינדער, זאלען זיי אויך ארייקומען הערען איהם זינגען די דאזיגע אריע. ענטשולדיגט פאר א ווייל.

קורזשענסקי איז אריין אין צווייטען צימער וואו קאטערינא, נאסטאשא און קאזימיר זיינען געווען.

— האט איהר געהערט? — האט ער אויסגערופען — דער פאן סטראשונסקי האט בלויז איינמאל געהערט מאניושקא'ן שפילען זיין אריע און ער האט אזוי פינקטליך און וואונדערבאר איבערגעשפילט, אז מאניושקא קאן צו זיך ניט קומען פון איבערראשונג.

— מיך וואונדערט זעהר אויף דעם פאן מאניושקא וואס ער גלויבט דעם זשידעק, אז דאס הערט ער די דאזיגע אריע צום ערשטען מאל! — האט נאסטאשא געזאגט — געוויס האט ער שוין די אריע געהערט פון פריהער און זי געשפילט אויף דער פיאנא... א זשידעק דארף מען קיינמאל ניט גלויבען. ער האט אייך אלעמען גענארט!

— א, נאסטאשא, ווי אזוי קאנסטו ריידען אזעלכע רייד, ווי קומט ער, אזא פרומער איד, צו וויסען פון אזעלכע אריעס, בפרט ווען ער קאן נאך אפילו ניט קיין נאטען.

— א פיינער זינגער איז ער, אז ער קאן קיין נאטען ניט! — האט נאסטאשא געלאכט.

— נו, אט וועסטו באלד איהם הערען זינגען און איך בין זיכער, אז דו וועסט שוין בייטען דיין מיינונג וועגען איהם — האט וולאדיסלאוו זיך

אנגערופען, קומט טאקע אריין אהין אין יענעם צימער, איך האב איהם געבעטען צוואווארטען א ווײלע.

— וואס, אריינקומען אין יענעם צימער וואו דער זשידעק געפינט זיך איצט? ניין, פאפא, פארלאנג עס ניט פון מיר. איך האב א ווײלע פריהער ארויסגעקוקט פון דער עפענונג פון טיר און איך האב שוין געכאפט א בליק... עס איז פונקט ווי איך האב זיך פארגעשטעלט. מיט א בערדעל, פאות און א פארשמאלצענע קאפאטע.

— ניין, דאס איז ניט אמת, ער איז גראד זעהר ריין געקליידעט.

— אבער פאפא, פארוואס האסטו איהם ניט געהייסען ארונטערנעמען זיין הוט.. ער האט באדארפט וויסען, אז ער איז ניט אין א זשידאוועסקע שוהל. ער איז ביי א קריסט אין הויז... ווי ערלויבסטו איהם צו טראגען א הוט.

— דאס איז א טייל פון זיין רעליגיע, אידען איז פארבאטען צו געהן מיט'ן הוילען קאפ.

— איך וויל דיר פרעגען איין זאך, פאפא, ווען דו ביזט געווען אין זיין שוהל. האסטו ארונטערגענומען דיין הוט?

— המ... ניין! איך האב זיי דאך ניט געקאנט פארשעהמען.

— איצט זעהסטו דעם אונטערשיד! דו קומסט צו זיי, פיהרסטו זיך אויף ווי זיי, און אז ער קומט צו אונז, וויל ער ניט טאן ווי מיר.

— עס איז א גרויסער אונטערשיד, מיין טאכטער, איך בין דאך גע־קומען אין זייער הייליגען פלאץ, דארף איך זיך אויפפיהרען ווי זיי כדי ניט צו פארשוועכען זייער אמונה. און איך קאן דיר זאגען, אז ווען איך און יאן זיינען געקומען צו איהם אין הויז, זיינען מיר טאקע געזעסען אהן היטלען, און דעריבער זעה איך ניט איין וואס פאר א פארברעכען עס איז אויב ער זיצט ביי אונז אין זיין הוט.

— אזוי לאנג, ווי ער וועט זיצען אין זיין הוט, וועל איך אין יענעם צימער ניט אריין! — האט נאסטאשא געזאגט.

— איך גלויב, פאפא, אז נאסטאשא איז גערעכט — האט זיך קאזימיר אריינגעמישט — ווען א מאן איז אזוי פארגרעבט און ווייסט ניט ווי אפ־צוגעבען "דאמען רעכט", פארדינט ער ניט אז א דאמע זאל זיין אונטער איין דאך מיט איהם. אזוי לאנג ווי ער וועט ניט ארונטערנעמען זיין הוט, דארף זי ניט אריינקומען. ווען א זשידעק געפינט זיך אין א קריסטליך הויז, דארף ער האבען מאניערען, ער דארף וויסען ווי זיך אויפצופיהרען.

— אבער דאס זיינען קלייניגקייטען אין פארגלייך מיט זיין וואונדער־בארען טאלאנט, וואס ער באזיצט... עס קאן גאר זיין ער זאל גאר זינגען אין מאניושקא'ס אפערא, און ער זאל שפילען די הויפט ראלע, פון יאנטעק.

— איך שטעל זיך פאר וואס פאר א יאנטעק ער וואלט געווען! — האט נאסטאשא זיך הילכיג פאנאנדערגעלאכט — מיט א בארד און פאות מיט א קאפאטע און א הוט און ער וועט זיך שאקלען.

— שא, לאכט ניט אזוי הויך. ער קאן נאך הערען! — האט דער פא־

טער זיך אויף אָהער א בייזער געטאָן — אויב דו ווילסט ניט אריינקומען, וועל איך דיר ניט צווינגען, אָבער דו, קאטערינא, האָף איך, אז דו וועסט אריינקומען און אויך דו, קאזימיר!

קאזימיר האָט א קוק געטאָן אויף זיין שוועסטער ווי ער וואָלט גע־וואָלט קריגען איהר ערלויבניש.

— דו קאָנסט אריינקומען אהין, קאזימיר! — האָט נאסטאשא גע־זאָגט. דו וועסט זיך דאָך ניט באליידיגען ווען דער זשידעק וועט טראָגען א הוט אין דיין גענענווארט... אָבער איך קאָן אזא זאך ניט דולדען.

— איך און קאזימיר ווילען אריינקומען! — האָט קאטערינא זיך אנגערופען, אָבער נאסטאשא זאָל בלייבען דאָ, אזוי לאנג ווי דער זשידעק עקעלט איהר, דארפסטו ניט פארלאנגען זי זאָל זיין אין דעם זעלבען צימער ווו ער געפינט זיך.

— ווען זי וואָלט גוט באמערקט זיין פּנים, פארזיכער איך דיר, קאטע־רינא, אז ער וואָלט זי ניט געעקעלט... ער האָט אזא איידעלען אויסזעהן.

— אפשר וואָלסטו גאָר געווען צופרידען ווען איך פארליב זיך נאָך אין איהם, פּאפּא! — האָט נאסטאשא אויסגערופען און זיך מיט א שוידער א טרייסעל געטאָן.

נו, זאָל זיין גענוג! — האָט וולאדיסלאוו אויסגערופען — דאָרט ווארט מען אויף אונז. זאָל זי דאָ בלייבען, אָבער איהר ביידע קאָנט אריינקומען. איהר וועט דאָך מיך ניט שטעלען אין א פארלעגענהייט...

— קום, קאזימיר! — האָט קאטערינא געזאָגט — מיר ווילען עס טאָן צוליב אונזער ווירדיגען גאסט מאניושקא, און לאָמיר האָפען, אז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס מיר דארפען אונטערהאלטען א זשידעק אין אונזער הויז.

וולאדיסלאוו איז אריינגעקומען אין גאסט־צימער, נאָך איהם זיינען אריין קאטערינא און קאזימיר.

— איך וויל פארשטעלען מיין פרוי קאטערינא און מיין זוהן קאזי־מיר — האָט קרושענסקי געזאָגט.

יואל דוד האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאץ און זיך פארנייגט.

קאטערינא האָט א שאָקעל געטאָן איהר קאָפּ ניט קוקענדיג אפילו אין זיין ריכטונג.

וולאדיסלאוו האָט פארשטאנען, אז יואל דוד פיהלט זיך אומבאקוועם פון זייער "קאלטקייט", ער האָט דעריבער געזוכט עס צו פארגלעטען, זאָ־גענדיג: — איצט ווילען מיר באלד הערען ווי ער זינגט די אריע פון מאַ־ניושקא'ס אפּערא.

— המ... איך בעט ענטשולדיגונג — האָט יואל דוד זיך אויפגע־שטעלט — איך האָב מורא אז איך וועל לאנג ניט קאָנען פארבלייבען דאָ... איך וועל מוזען געהן.

— אה, וואָס רעדט איהר, פּאן סטראשונסקי... אונזער הויפּט צוועק איז דאָך געווען צו הערען ווי איהר זינגט די דאָזיגע אריע — האָט מאַ־

ניושקא זיך אָנגערופען — טוט מיר די געפעלינקייט און בלייבט דאָ נאָך א ווײַלע, אָט וועל איך עס פאַר אײַך שפּילען און איהר וועט זינגען... איך בעט אײַך.

יאַז און וואַלדיסלאַוו האָבען אויך גענומען צושטעהן צו איהם און יואל דוד האָט קיין אנדער ברירה ניט געהאַט ווי צוצושטימען. ער האָט זיך אָפּגערוקט עטוואָס פון דער פּיאַנאָ.

מאַניושקא האָט איהם דערלאַנגט די געשריבענע ווערטער פון דער אריע און ער האָט זיך געזעצט אויף דעם פּיאַנאָ־שטוהל און אָנגעהויבען שפּילען די אריע.

יואל דוד האָט אָנגעפאַנגען זינגען, פון אָנפאַנג נידריג און דערנאָך אויף די העכערע טענער. אלעמענס אויגען זיינען געווען געווענדעט צו איהם. קאַטערינאַ און קאַזימיר, וועלכע האָבען די גאַנצע צייט געקוקט אין אַן אנדער ריכטונג האָבען שוין אויך גענומען קוקען אויף איהם מיט נײַ־געריגע בליקען. זיין שטים האָט געקלונגען אזוי וואונדער־שעהן און זיס אַז אלע זיינען געבליבען שטעהן פאַרגאַפּטע, ווי פאַר׳כישופ׳ט.

די טיר פון צווייטען צימער האָט זיך עטוואָס געעפענט. נאַסטאַשאַ האָט ארויסגערוקט איהר קאָפּ און זי האָט אַליין ניט געוואוסט ווי אזוי דאָס האָט פּאַסירט. אבער אָט איז זי שוין אין דעם זעלבען צימער. איהרע אויגען געווענדעט צו דעם באַצויבערענדען זינגער, וועלכער באַזיצט אַזאַ געטליכע שטים, אַזאַ איידעלען צאַרטען פּנים, אַזעלכע מילדע שעהנע אויגען... און זיין זינגען... זי וואָלט אזוי געקענט אָפּשטעהן טעג און נעכט און זיך צוהערען צו זיין שטים... טרעהרען האָבען זיך געשטעלט אין איהרע אויגען און ווען ער האָט געענדיגט און מאַניושקא איז צוגעלאָפען צו איהם און ארומגענומען און א קוש געטאָן, איז נאַסטאַשאַ געבליבען ווי צוגעשמידט צו איהר פּלאַץ. צוויי גרויסע טראָפּענס טרעהרען האָבען זיך ארונטערגעקייקעלט אויף איהרע ווייסע באַקען.

אפילו קאַטערינאַ און קאַזימיר האָבען אַפּלאָדירט און זיי האָבען גע־דריקט זיין האַנט.

וולאַדיסלאַוו האָט א קוק געטאָן אויף זיין טאָכטער און א שטאַרקע פריידע האָט איהם באַנומען. ער האָט געזעהן אַז דער אידישער זינגער האָט געפאַנגען אלעמענס הערצער... איצט זעהען זיי שוין אַז ער האָט ניט אי־בערטריבען ווען ער האָט איהם אזוי שטאַרק געלויבט.

נאָכדעם ווי די אַפּלאָדיסמענטען האָבען אויפגעהערט, איז וולאַדיסלאַוו צוגעגאַנגען צו יואל דוד׳ן און ער האָט זיך אָנגערופען:

— ערלויבט מיר, פּאַן סטראַשונסקי, פאַר אײַך פאָרצושטעלען מיין טאָכטער נאַסטאַשאַ.

יואל דוד האָט זיך א נייג געטאָן און נאַסטאַשאַ האָט שוין גענומען צוגעהן צו איהם און געוואָלט דריקען זיין האַנט, אָבער זי האָט געמאַכט א פּאָר טריט און איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער. עפּעס האָט איהר אָפּגעהאַלטען. זי האָט א קוק געטאָן אויף זיין הילוך, ווי ער טראָגט זיין

הוט, אויף זיין בערדעל און פאות און זי האט ביי זיך ניט געקענט פועל'ן צו געבען איהם איהר האנט.

יואל דוד האט עס באמערקט, און ער האט אלעס פארשטאנען. ער האט פארשטאנען פארוואס זי האט פריהער ניט געוואלט ארויסקומען. יא, זי איז א פארביסענע אנטיסעמיטקע... און איצט כאטש זי איז באגייסטערט פון זיין זינגען, איז דאך איהר פאראורטייל אזוי שטארק אז זי וויל איהם ניט באדאנקען.

— מיר בעטען אייך, זינגט עפעס פון אייערע אידישע געזאנגען! — האט איהם מאניושקא געבעטען.

— ניין. ניין, עס איז ניט רעכט... די אידישע זיינען רעליגיעזע געזאנ־גען און עס איז מיר ניט ערלויבט.

— אויב אזוי, זינגט איבער די זעלבע אריע נאך אמאל, — רופט זיך אן קאטערינא, — איך מוז אייך הערצליך באדאנקען פאר דעם פארגעניגען.

אלע מיט אמאל האבען זיך צו איהם געווענדעט און איהם געבעטען זעהר שטארק.

— עס האט דאך קיין זינען ניט איבערצוזינגען דאס זעלבע צוויי מאל איינס נאכ'ן אנדערען, — האט יואל דוד געזאגט.

— א, יא, עס האט שוין גאר א גרויסען זין. ווען ער וואלט באזוכט אפעראס אדער קאנצערטען, וואלט איהר געוואוסט אז ווען דער זינגער נעהמט אויס מיט עפעס און דאס פובליקום אפלאדירט שטארק אהן אן אויפהער, דאן זינגט ער עס איבער נאך אמאל און נאך אמאל.

— וואלט ניט געווען גלייכער ווען איהר שפילט א צווייטע אריע? — האט וולאדיסלאוו זיך אפגערופען צו מאניושקא'ן.

— דאס וואלט געווען וואונדערבאר — האט מאניושקא אויסגערופען און ארויסגענומען פון זיין בוזים־קעשענע א פאפיר, — אט האב איך דא פארשריבען אן אריע פון מיין אפערא "די ציגיינער". איך וועל פאר אייך פריהער פארלייענען די ווערטער, דערנאך וועל איך עס פאר אייך א פאר מאל שפילען אויף דער פיאנא.

יואל דוד האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ אלס צייכען פון צושטי־מונג, און מאניושקא האט עס פארגעלייענט און דערנאך זיך געזעצט ביי דער פיאנא און גענומען שפילען.

ווען ער האט געענדיגט שפילען האט ער געפרעגט יואל דוד'ן אויב ער זאל עס איבערשפילען.

— ניט נויטיג, — האט יואל דוד געזאגט, — איך וועל אליין פרו־בירען עס איבערשפילען אויף דער פיאנא.

— אבער דאס איז זעהר א שווערע אריע. איהר זעהט דאך אז איך אליין האב זיך באנוצט מיט נאטען.

— איך וועל פרובירען! — האט יואל דוד געזאגט.

— מיט דעם גרעסטען פארגעניגען, — האט מאניושקא אפגעטרא־

טען פאר איהם זיין פלאץ. — מיר וועלען אייך באטראכטען פאר אן אויבערמענש אויב אייך וועט געלינגען דאס איבערצושפּילען.

יואל דוד האט זיך צוגעזעצט ביי דער פּיאנא און ער האט גענומען שפּילען, און מיט יעדער רגע איז די באוואונדערונג פון אלעמען געוואקסען. ער האט אזוי ריכטיג איבערגעשפּילט, און ווען ער האט געענדיגט זיינען אלע געבליבען שטעהן ערשטוינט.

— איהר זייט ווירקליך א מלאך, ניט קיין מענש! — האט מאניושקא זיך אנגערופען צו איהם, און מיט ביידע הענט געדריקט זיין האנט.

— וואס ווערסטו איצט זאגען, מיין טאכטער? — האט זיך וולאדיסלאוו געווענדעט צו נאסטאשא'ן, — פריהער האסטו געזאגט אז מסתמא האט ער געקענט יענע אריע פון לאנג... אבער איצט?

— איך בעט דיך ענטשולדיגונג, פּאפּא! — האט נאסטאשא מיט א ציטערענדע שטים אויסגערופען, — איך האב ניט קיין ווערטער אויסצודריקען מיין באוואונדערונג און אפּשאצונג.

— און איצט וועלען מיר הערען איהם זינגען די דאזיגע אריע, — האט מאניושקא זיך געזעצט ביי דער פּיאנא און אנגעפאנגען שפּילען די אריע פון זיין אפּערא "די ציגיינער".

יואל דוד האט גענומען דאס שטיקעל פּאפּיר אויף וועלכען עס איז געווען פארשריבען די ווערטער פון דער אריע און ער האט גענומען זינגען.

זיין שטים איז וואס ווייטער געווארען קרעפטיגער און שעהנער. ער אליין האט גענומען זינגען מיט באגייסטערונג, און זיינע צוהערער האבען זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער שפּאנונג.

ווידער אמאל האבען זיי איהם אהן אויפהער אפּלאדירט, און נאסטאשא איז שוין צוגעגאנגען צו איהם און איהם געגעבען איהר האנט.

יואל דוד האט געדריקט איהר האנט, און זי האט געזאגט:

— איך דריק אויס מיין הארציגסטען דאנק פאר דעם גרעסטען פארגעניגען אין מיין לעבען וואס איהר האט מיר פארשאפט. און איך בעט אייך איהר זאלט מיר ענטשולדיגען פאר מיין אונעהרליכקייט. איצט זעה איך אז מיין פאטער און דער פאן מאניושקא האבען אויף א האר ניט איבערטריבען אייער גרויסקייט.

קאזימיר איז אויך צו איהם צוגעגאנגען און איהם געדריקט די האנט.

— עס איז גרויסארטיג, עס איז וואונדערבאר! — האט ער מיט באגייסטערונג געזאגט.

— אפשר וועט איהר טרינקען א גלאז טהעע? — האט קאטערינא צו איהם אנגערופען.

— דזשינקאיע בארדזשע (איך דאנק אייך זעהר), — האט יואל דוד געזאגט, — אבער עס איז שוין שפּעט, און איך מוז שוין געהן.

— עס איז נאך גאר ניט שפּעט, — האט מאניושקא זיך אנגערופען, ארויסנעהמענדיג זיין זייגער, — עס איז ערשט אכט אזייגער. דער אוונט איז גרויס. מיר וועלען אייך נאך אזוי שנעל ניט אפּלאזען. זעצט זיך אט

דאָ, מיר וועלען זיך דורכריידען און טאקע ביי א גלעזעל טהעע. וואָס? טהעע איז אייך אויך ניט ערלויבט צו טרינקען אין א קריסטליך הויז?

— עס איז ניט די פראגע פון טהעע — האָט יואל דוד געזאָגט, — אָבער די כלים. איך בעט אייך, זייט מיר מוחל... אָבער אונז איז עס פאָרט ניט ערלויבט.

— נו, גוט. וועלען מיר זיך דורכשמועסען אָהן טהעע, — האָט מאַניושקא געזאָגט, — איך האָב זעהר פיעל צו ריידען מיט אייך. איהר דארפט וויסען, פּאַן סטראַשונסקי, אַז גאָט האָט אייך באשאָנקען מיט אזא באגאבטער מתנה, מיט אזא טאלאנט, וואָס אזוי פיעל ווי מיר איז באַקאַנט, איז צו אייך קיין גלייכען ניטאָ. און עס איז א פארברעכען אז אזא טאלאנט ווי אייערער זאָל זיין אזוי באגרעניצט, בלויז פאר א קליינע צאָהל פארעהרער, איהר, מיט אייער געטליכע שטימע קענט האָבען די וועלט אויף די קני פאר אייך... שטעלט זיך פאָר ווען איהר זינגט אין איינער פון די אָפּעראַס אין ווארשע, און מען שרייבט וועגען אייך אין די צייטונגען, איהר ווערט דאַן וועלט באריהמט... וויען, בערלין, פּאריז, לאָנדאָן, פון אלע הויפּט־שטעדט וואָלט מען אייך געמאכט פאָרשלאַגען... קעניגע, פּרינצען און די העכסטע אריסטאָקראטיע וואָלטען אייך איינגעלאַדען צו זינגען פאר זיי... און איהר זייט דאָ... איהר זינגט פאר א באגרענעצטען פּובליקום.

— איך בין צופרידען, פּאַן מאַניושקא, — ענטפערט איהם יואל דוד.

— איהר זייט צופרידען ווייל איהר האָט נאָך ניט פארזוכט דעם טעם פון באריהמטהייט, איהר זייט אין אַן ענגען קרייז, באגרענעצט צווישען אייגענע, און די אויסען וועלט ווייסט ניט פון אייך... איהר אָבער זייט באשאָנקען מיט אזא מאכט וואָס קען שאַפען פארגעניגען צו מיליאָנען מענשען... איהר באלאנגט צו זיי... איהר האָט פליכטען צו זיי און איהר טאָרט זיי ניט בארויבען פון דעם גרויסען פארגעניגען וואָס איהר זייט בכח זיי צו געבען.

— מיין פריינד מאַניושקא איז גערעכט, — האָט וולאַדיסלאַוו געזאָגט.

— א יונגער מאַן מיט אזא אויסערגעוויינליכען טאלאנט ווי איהר באזיצט, מוז האָבען ברייטערע האָריזאָנטען, טאָר זיך ניט באגרענצען אין אזא ענגען קרייז... איך ווייס ניט ווי אזוי אייך צו זאָגען, אָבער איך שטעל זיך פאָר אַז איהר וואָלט געמאכט דעם גרעסטען ערפאָלק אין זיין אָפּערא, איהר וואָלט באריהמט געוואָרען, איהר וואָלט געוואָרען רייך, געאַכטעט און געשעצט פון די בעסטע קלאַסען מענשען.

— יאָ, פּאַן סטראַשונסקי, איך וויל אַז איהר זאָלט וויסען, אַז מיט איינינגע יאָהר צוריק האָב איך פארפאַסט מיין אָפּערא "האלקא", און כאָטש די דאָזיגע אָפּערא איז געווען זעהר ערפאָלגרייך, בין איך אָבער געצוואונגען געווען זי ארונטערצונעהמען, און טראָץ דעם וואָס מיינע פארעהרער האָבען פארלאנגט איך זאָל די דאָזיגע אָפּערא ווידער אויפפיהרען, האָב איך זיך ענטזאָגט עס צו טאָן. ווייסט איהר פארוואָס? ווייל די אַלע וועלכע האָבען ביז דאַן געשפּילט די הויפּט־ראָלע פון יאַנטעק אין מיין

אָפּערא, זיינען ניט געווען צופרידענשטעלענד, איך האָב זיי געביטען, איך האָב אויספּראָבירט הונדערטע פון די בעסטע זינגער און איך האָב באַשלאָסען אז קיינער פון זיי איז ניט צוגעפּאסט צו אַט דער ראָלע, ביז וואַנען איך האָב אייך געהער זינגען, און ווי נאָר איך האָב געהערט דעם ערשטען הויכען טאָן פון אייער שטים, האָב איך צו זיך געזאָגט: אַט אַזא שטים פּאסט זיך פאר דעם העלד פון מיין אָפּערא, און איצט וויל איך אייך זאָגען גאַנץ אָפען אין געגענוואַרט פון אַלע מיינע פריינד אז איך באַט אייך אַז די ראָלע פון יאַנטעק... וועגען געלד איז דאָ קיין פראגע ניט. אַלעס וואָס איהר וועט דאַרפען טאָן, איז אַליין צו באַשטימען די סומע און איהר וועט עס קריגען. ווי הויך אייער פּרייז זאָל ניט זיין וועט עס פאר אונז ניט זיין צופיעל, ווייל איך צווייפעל ניט אז איהר וועט נעהמען ווארשע מיט שטורם. איך האָף אז איהר וועט מיין אָנבאָט אָננעהמען.

— איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך זעהר! — האָט יואל דוד זיך אָנגערופען, — אָבער צום באַדויערען — קען איך אייער אָנבאָט ניט אָננעהמען.

— פאַרוואָס ניט?

— ווייל איהר ווייסט וואָס עס קען פּאסירען מיט א פלאַנץ ווען מען רייסט זי ארויס פון איהר באָדען און איהר קלימאַט, און מען פלאַנצט זי איבער אין א צווייטען קלימאַט און אין אַנדער באָדען? ניין! איך בין אויפגעוואַקסען דאָ צווישען מיינע ברידער. ווען איך בין נאָך גאָר א יונג אינגעל געווען האָבען זיי מיר אָפּגעגעבען גרויס כבוד, זיי האָבען מיך אָנערקענט און געגעבען אַלע מעגליכקייטען... איך באַלאַנג צו זיי. ווייל זיי האָבען מיך פאַרפּלאַנצט צווישען זיך, זיי האָבען מיך אָפּגעהיט, זיי האָבען געטאָן אַלץ וואָס עס איז געווען מעגליך איך זאָל אויסוואַקסען ווי געהעריג און איצט, ווי אַזוי קען איך זיי פאַרלאָזען? ווי אַזוי קען איך זיין אַזוי אונדאַנקבאַר צו זיי?

— זאָגט מיר, ווי לאַנג איז עס אז איהר זינגט פאר זיי, איך מיין, ווי לאַנג איז עס אַז איהר זייט זייער חזן? —פרעגט איהם מאַניושקא.

— שוין צעהן יאָהר.

— איצט לאָזט מיר אייך זאָגען א פּאָר ווערטער, ווען איהר וואָלט פאר זיי געזונגען בלויז איין יאָהר, וואָלט איהר זיי שוין האָבען דאָפּעלט אויסגעצאָהלט פאר אַלעס וואָס זיי האָבען פאר אייך געטאָן. און איצט אז איהר האָט זיי אָפּגעגעבען צעהן פון אייערע בעסטע יאָהרען, פרעג איך אייך, האָבען זיי שוין ניט באַקומען זייער באַלוינונג הונדערט־פאַך? יאָ, צעהן יאָהר אז איהר זינגט פאר זיי, זאָגט מיר, האָט איהר עפּעס דערגרייכט דורך די צעהן יאָהר? האָט איהר געקראָגען מעהר אָנערקענונג ווי דאַן ווען איהר האָט צום ערשטען מאָל פאר זיי געזונגען?

יואל דוד האָט געשוויגען. ער האָט געטראַכט אז אין דער הינזיכט איז מאַניושקא גערעכט. וואָס האָבען זיי געטאָן פאר איהם זינט ער איז ווילנער שטאָט־חזן? גאָרנים! עס זיינען אפילו פאָרגעקומען מחלוקת'ן

צוליב איהם. וויפיל מאל האט ר' שמעון זיך געקריגט מיט זיין שווער און די אנדערע גבאים צוליב איהם, ווען ער האט פארלאנגט א הוספה איין רובעל א וואך? האט מען צוליב דעם זיך געאמפערט פילע וואכען און מען האט געמוזט מאכען א פשרה, א האלבען רובעל א וואך הוספה... ווייסען זיי דען ווי אפצושאצען א חזן ווי ער? יא, זיי זיינען שוין געוואוינט געווארען צו איהם. ער קען פאר זיי זינגען די שעהנסטע תפילה וואס ער פארפאסט אליין, אבער ווייזען זיי דען ארויס אזוי פיעל באגייסטערונג פאר איהם ווי אט די דאזיגע פרעמדע מענשען!... און וואס וועט טאקע זיין ווען ער פארלאזט זיי? זיי וואלטען זיך שטארק ניט גענומען צום הארצען. אפשר ניט אלע, אבער ער ווייסט אז א היבשע צאהל געגנער פארמאגט ער און יענע וואלטען זיך נאך געפרעהט ווען ער פארלאזט זיי. ניין, ניין, ער טאר אפילו ניט טראכטען פון דעם... וואס הייסט ער וועט אוועקגעהן פון ווילנע, אויפגעבען זיין שטאט-חזנות און געהן ווערען אן אפערא זינגער... ער טאר אזא געדאנק ניט צולאזען צו זיך. ער דארף איהם דא אויף אן ארט געבען זיין ענטפער: ער וועט ניט פארלאזען ווילנע.

ווען מאניושקא און ולאדיסלאוו האבען באמערקט ווי שטארק פארטראכט ער איז, האבען זיי איהם געלאזט טראכטען. זיי האבען ניט געוואלט איבערשלאגען זיינע געדאנקען. עס איז פאראן א האפנונג אז ער וועט אננעהמען. זיי האבען פון איהם זייערע אויגען ניט ארונטערגענומען און ווען זיי האבען באמערקט ווי ער האט פלוצלונג זיך א שטעל געטאן, האבען זיי פארשטאנען אז ער האט ביי זיך אפגעמאכט א באשלוס.

— איצט זאגט מיר, פאן סטראשונסקי, קען איך האפען אז איהר וועט מיין אנבאט נעהמען אין אנבעטראכט? איך ווייס ווי שווער עס איז פאר אייך צו מאכען אזא באשלוס אזוי שנעל, איך וויל איהר זאלט האבען צייט זיך איבערצולייגען. טראכט פון דעם און לאזט מיר וויסען. לאמיר זאגען אין די דריי טעג ארום.

— ניין, מיינע פריינד, צום באדויערען בין איך געצוואונגען אייער אנבאט צוריקצואווייזען!... איך ווייס מיין פלאץ!... און אפילו ווען מיינע ברידער האבען מיך צייטענווייז ניט ריכטיג באהאנדעלט, זיי האבען מיך ניט אפגעשאצט ווי געהעריג, זיינען זיי דאך פארט מיינע ברידער, מיין אייגען פלייש און בלוט און איך מוז פארבלייבען מיט זיי.

— איך פארזיכער אייך, פאן סטראשונסקי, אז וואו איהר וועט זיין וועט איהר זיך געפינען צווישען ברידער... איהר דארפט וויסען אז אין דער וועלט פון קונסט און מוזיק ווייסט מען ניט פון קיין אונטערשיד פון נאציאנאליטעטען, א גרויסער זינגער — קען ער זיין א מאכמעדאנער, א קריסט, א איד, אלע זיינען ברידער... די קונסט פאראייניגט אונז אלע און די דאזיגע פארוואנדשאפט איז שטארקער ווי בלוט פארוואנדשאפט... איהר זייט ביי אונז פאררעכענט ווי אן אייגענער, און אלעס וואס מיר קענען ווינשען איז אז איהר זאלט אויך אונז פאררעכענען פאר אייער אייגענע...

איהר מוזט עס אלעס נעהמען אין אנבעטראכט און דאן אונז געבען אייער ענטפער.

— עס קאן זיין אז איהר, פאן מאניושקא האט רעכט — האט יואל דוד געזאגט — איך אליין פיהל אז איך האב אין דעם דאזיגען אוונט געלערענט פיל מעהר ווי אין א יאהר צייט... אייערע אריעס וואס איהר האט פארפאסט האבען אויף מיר געמאכט זעהר א טיפען איינדרוק. איך האב שוין לאנג ניט געהאט אזא גייסטיגען פארגעניגען. אבער איך בין פארט איינגעווארצעלט געווארען אין מיין סביבה, אין א רעליגיעזע אומ־געבונג און איך פיהל, אז איך וועל פארשוועכען מיין שטים ווען איך וועל זינגען אין אן אפערא הויז אנשטאט אין א שוהל... איך טאר עס ניט טאן!

— איך זעה נישט איין פארוואס ביי אייך זאל עס פאררעכענט ווע־רען פאר א פארשוועכונג — האט מאניושקא געזאגט.

— קונסט אליין דארף אויך זיין הייליג... איך שטעל זיך פאר, אז איהר באגעהט א גרויסע עולה געגען זיך זעלבסט און געגען די, וועלכע זיינען אייך טייער. ווי איך פארשטעה ווערט אייער טאלאנט ניט צופיל באלוינט... איהר פארדינט נאך ניט גענוג אויף אייערע הוצאות. איך מיין ניט גענוג צו לעבען ווי עס פאסט פאר א מאן אין אייערע אומ־שטענדען און ווען ניט אייער רייכער שווער וואלט אייך אויסגעהאלפען וואלט איהר דארפען ליידען — פאלגט מיך, נעמט אן מיין אנבאט און איהר וועט זיך שעצען גליקליך. טראכט זיך אריין אין דעם, פאן סטראַ־שונסקי, און גיט מיר אייער ענטפער. איך בין גרייט דא צו ווארטען אזוי לאנג ווי איהר וועט פארלאנגען.

— איך בעט אייך, פאן מאניושקא, ניט צו ווארטען אויף מיין ענט־פער. איך וועל ניט פארלאזען מיינע ברידער. איך בלייב אין ווילנע, דאס איז מיין פעסטער באשלוס. איך גלויב אז קיין זאך וועט מיך ניט באוועגען צו ענדערען מיין באשלוס.

וולאדיסלאוו האט געוואלט עפעס זאגען צו יואל דוד'ן און פרובירען ווירקען אויף איהם, אבער מאניושקא האט צו איהם א וואונק געטאן ער זאל ווייטער גארניט ריידען...

— נו, מילא, אויב איהר ווילט ניט אדער איהר קאנט ניט, איז דאך פארפאלען... אבער פונדעסטוועגען וואלט איך אייך געבעטען איהר זאלט זיך פון אונז ניט דערווייטערען. איך רייד דאס אין נאמען פון אלע אונזערע פריינד, און איך בעט אייך דא צו קומען ווען איהר ווילט, איהר וועט דא שטענדיג זיין ווילקאמען. איהר האט אונז פארשאפט זעהר פיל פארגעניגען.

— המ... איך וועל זעהן, אויב איך וועל האבען צייט — האט ער א מורמעל געטאן און ער האט גענומען געהן.

— ווארט, פאן סטראשונסקי — האט נאסטאשא זיך אנגערופען דער פאן מאניושקא האט אייך אונזער איינלאדונג צו קומען אהער א צווייטען מאל ניט ריכטיג איבערגעגעבען. ווען ער האט געזאגט אז מיר בעטען אייך צו קומען ווען איהר ווילט, ווייס איך אז איהר וועט שוין ניט

קומען. ניין, דאָס הייסט ביי מיר קיין איינלאַדונג ניט... מיר אַלע פֿאַר־לאַנגען פֿון אייך אַז איהר זאָלט מאַכען אייער צווייטען באַזוך איבער־מאָרגען אין אָווענט, זיבען אַ זייגער, פּונקט ווי היינט. איצט פֿרעג איך אייך, וועט איהר קומען?

— הע... איך ווייס ניט אויב איך וועל האָבען צייט — האָט יואל דוד אויסגערופֿען.

— איהר וועט געפֿינען צייט — האָט מאַניושקאַ אַ שמייכעל געטאָן. איהר וועט זיכער אונז ניט באַרויבען פֿון דעם זעלבען פֿאַרגעניגען, וואָס מיר האָבען היינט צוליב אייך געגאָסען. מיר וועלען אויף אייך וואַרטען.

— איך הער... עס איז...

— אייער ענטפֿער מוז זיין "יע", ווייל "ניין" נעמען מיר ניט אָן פֿאַר קיין ענטפֿער — האָט נאַסטאַשאַ זיך צעלאַכט, באַווייזענדיג צוויי רייהע קליינע, ציינער, איהר פֿאַרשפּרעכט אונז צו קומען?

יואל דוד ווייס אליין ניט ווי אַזוי דאָס איז געשעהן, אָבער ער האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף יע.

—— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָט מאַניושקאַ אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע הענט. איצט ווייסען מיר אויף געוויס, אַז מיר דאַרפֿען אייך ערוואַר־טען איבערמאָרגען אין אָווענט. איך האָף, אַז מיר וועלען פֿאַרברייינגען אַזוי אַנגענעהם ווי היינט אין אָווענט.

יואל דוד האָט זיך מיט אַ יעדען פֿון זיי געזעגענט, ער האָט אָנגעטאָן זיין אויבער־מאַנטעל און ער איז אַרויס פֿון קרוזשענסקי'ס הויז.

ער האָט ליכט אַפּגעאָטעמט... ער איז אַ ווילע געבליבען שטעהן נעבען דעם הויז. ער האָט געפֿיהלט, אַז זיין פּנים פֿלאַמט איהם... ער קאָן ניט זאָגען אַז איהם פֿאַרדריסט וואָס ער איז דאָ געווען... ער האָט טאַקע זעהר פֿיל געלערענט פֿון די עטליכע שעה וואָס ער האָט דאָ פֿאַר־בראַכט. די קריסטען האָבען איהם אַרויסגעוויזען אויסערגעוויינליכע גאַסט־פֿריינדליכקייט... אָבער וואָס האָט ער געטאָן? ווי אַזוי קומט עס אַז ער האָט זיי געגעבען אַ פֿאַרשפּרעכען ווידער צו קומען איבערמאָרגען.... ער ווייס נאָך ניט, וואָס פֿאַר אַ תירוץ ער וועט זאָגען זיין חנה'לע פֿאַר היינ־טיגען אָווענט. ער וועט דאָך איהר ניט קאָנען זאָגען, אַז ער האָט אַזוי לאַנג שפּאַצירט... ער האָט אַרויסגענומען זיין זייגער און פֿאַר דער שיין פֿון אַ לאַמטערנע האָט ער באַמערקט אַז עס איז שוין נאָך צעהן. יע, איבער דריי שטונדען האָט ער דאָרט פֿאַרבראַכט... ווי שנעל די צייט איז געלאָפֿען, ער האָט זיך גאַרניט אַרומגעזעהן... ער האָט עס ניט געטאָרט טאָן... און איצט וועט ער ווידער דאַרפֿען קומען אַהין. וואָס איז מיט איהם געוואָרען. פֿאַרוואָס האָט ער ניט געקאָנט ענטזאָגען זייער טאָכטער... מאַ־ניושקאַ'ן האָט ער ענטזאָגט, אָבער איהר איז איהם שווער געווען צו ענט־זאָגען. און ער האָט דאָך פֿון אָנפֿאַנג פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז אַ פֿאַרבי־סענע אַנטיסעמיטקע, זי האָט אפילו ניט געוואָלט אַריינקומען און זיין מיט איהם אין דעם זעלבען צימער... זי איז אַריינגעקומען דאַן ווען זי האָט

איהם געהערט זינגען... און גראד אזא וועלכע קאן קיין אידען אין פנים ניט קוקען, האט ער ארויסגעוויזען אזוי פיל העפליכקייט און איהר פאר־שפראכען צו קומען... אבער אין אמת'ן איז עס ניט געווען צוליב איהר... ער אליין האט געהאט פיל פארגעניגען היינטיגען אווענט. ער האט א סך געלערענט פון אט דעם מאניושקא. יעדענפאלס האט ער איהם ארויס־געוויזען גרויס אפשאצונג און אנערקענונג. ער פיהלט זיך ביי זיך שטארק געהויבען... זאלען זיינע שונאים ניט מיינען, אז ער ווייסט ניט זיין ווערדע... ער וועט זיי טאקע דאס מאכען פיהלען ווען די געלעגענהייט וועט קומען.

מיט שנעלע טריט האט זיך יואל דוד גענומען דערנעהענטערען צו זיין היים. ער האט גענומען טראכטען וואס פאר א ליגען צו זאגען חנה'לען. זי וועט איהם גלייך זאגען, אז דער פאן קרוזשענסקי איז גארניט געווען. ער וועט איהר דארפען זאגען, אז ער האט אימיצען באגעגענט און זיי האבען מיט איהם זיך פארערעדט. זי טאר קיינמאל ניט וויסען, אז ער איז געווען ביי איהם אין הויז, אז ער האט דארטען געזונגען.

ווען ער איז אריין אין הויז איז שוין געווען גאנץ שפעטליך. זיין שוועה און שוויגער זיינען שוין געווען אין זייער צימער.

א, יואל דוד! — איז חנה איהם געפאלען אויפ'ן האלז — דאנק גאט, וואס דו ביזט שוין געקומען. איך בין געווען אזוי באזארגט. וואו ביזטו געווען אזא לאנגע צייט?

— המ... זאג מיר איז ער געווען? איך מיין דעם פאן קרוזשענסקי.

— ניין, קיינער איז דא ניט געווען. איך האב געמיינט, אז דו וועסט זיך ניט זאמען אזוי לאנג... זאג מיר, מיין טייערער, פארוואס האסטו זיך אזוי לאנג געזאמט.

— דו האסט זיך ניט געהאט וואס צו זארגען, חנה'לע. איך בין דאך ניט קיין אינגעלע... דער אווענט איז געווען א פרעכטיגער, די לופט קלאר און פריש, האב איך זיך צוגעזעצט א ווײלע אויף א באנק און א איד, איינער פון מיינע פארעהרער האט מיך דערקאנט און איז מיט מיר אריין אין א געשפרעך.

— ווער איז ער, דער איד? — האט חנה'לע א פרעג געטאן.

— דער גוטער יאהר ווייסט איהם! איך קאן דען אלע אידען, וועלכע קומען דאווענען אין ווילנער שוהל? מיך קאנען אלע אבער, אבער איך קאן ניט אלעמען.

— א, איך בעט דיך, יואל דוד, טהו עס ניט נאך אמאל. עס האט מיר אפגעקאסט א שטיק געזונט... איך האב איבערגעטראכט די ערגסטע זאכען...

— עס איז ניט גוט, חנה'לע, דו טארסט אזוי ניט זארגען. וואס הייסט? טאמער ווער איך א ווײלע פארהאלטען. מען איז דאך ניט מעהר ווי א מענש! זעהסטו דערפאר וועל איך טאקע אפטער ארויסגעהן פאר א שפאציר. דו דארפסט זיך צוגעוואוינען צו דעם. איך געה ארויס אזוי

זעלטען, דערפאַר, טאָמער פאַרשפּעטיג איך, ווערסטו שוין באַזאָרגט און דו טראַכסט איבער מיט יודע וואָס...

— אז דו וואָלסט מיר פריהער געזאָגט, אז דו וועסט זיך זאַמען, וואָלט איך זיך שוין ניט געזאָרגט — האָט חנה'לע זיך פּרובירט פאַרענט־פערען — אָבער דו האָסט מיר געזאָגט, אַז דו ווילסט אויסמיידען דעם פּאַן קרוזשענסקי ער זאָל דיך ניט טרעפען אין הויז. האָב איך זיך געטראַכט, אַז דו וועסט אויסען בלייבען אין דרויסען אַרום אַ שעה צייט בערך און דאַן וועסטו זיך צוריקקעהרען.

— איך האָב טאַקע אַזוי געטראַכט אָבער וואָס איך האָב געקענט טאַן, אז דער אָווענט איז געווען אַזאַ שעהנער, און איך האָב זיך ניט אַרומגעזעהן ווי שפּעט עס איז... און דאַן קומט צו מיר צו אַ איד, מיינער אַ פאַרעהרער... דו קאָנסט זיך פאַרשטעלען, ווי אַנגענעהם עס איז צו הערען ווי אימיצער לויבט דיך ביז'ן הימעל אַריין. גאַנץ אָפט דוכט זיך מיר, אַז קהל ווייסט ניט ריכטיג ווי מיר אָפּצושאַצען. איך פאַנג אָן צו טראַכטען, טאָמער בין איך שוין קאַליע געוואָרען, טאָמער איז קהל שוין מיעד מיך צו הערען דאַווענען.

— אָ, מיין טייערער יואל דוד, ווי אַזוי קאָן דיר איינפאַלען אַזאַ שרעקליכער געדאַנק? דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיט יעדען יאָהר ווערט דיין שטים שעהנער און דיין דאַווענען געשמאַקער. זאָל אונז אָנקומען אַ העלפט וויפיל ברכות מען שיט אין דיר אַריין נאָך דיינעם אַ דאַווענען.

— פונדעסטוועגען ווייסטו גאַנץ גוט חנה'לע, אז מיר פעהלט ניט קיין עגמת נפש... די גבאים רייסען זיך צווישען זיך גאַנץ אָפט צוליב מיר, קיינע שונאים פעהלען מיר אויך ניט. און אַז איך האָב פאַרלאַנגט אַ רובעל אַ הוספה, האָט מען קוים אויסגעקראַצט אַ האַלבען רובעל...

ווען דו וואָלסט ניט מרוצה געוואָרען אויף דעם האַלבען רובעל, וואָלט מען דיר געגעבען דעם גאַנצען רובעל — האָט חנה'לע געזאָגט — געדענקסט וואָס דער טאַטע האָט דיך געראַטען? ער האָט דיר אויסדריקליך געזאָגט, אַז דו דאַרפסט אַרויסווייזען אַביסעל מעהר עקשנות ווען דו האַנדעלסט מיט זיי.

— עס איז דאָך אַ חרפּה צו זאָגען, אָבער איך דאַווען שוין איבער צעהן יאָהר אין ווילנער שטאָדט שוהל און מיין געהאַלט איז דער זעלבער כמעט ווי איך האָב אָנגעפאַנגען... איך האָב זעהר פיינט זיך צו דינגען און זוך אויסצומיידען אַז צוליב מיר זאָלען אַרויסקומען מחלקות. דאַריבער קריכט מען מיר אויפ'ן קאָפּ. וואָס וואָלטען זיי געטאָן, ווען אַ אידישע קהילה פון אַן אַנדערער שטאָט נעמט מיך אַוועק פון זיי? אָט נעהם צום ביישפּיל, די אידישע קהילה פון וואַרשע... דאָרט זיינען פּאַראַן, אָהן עין הרע אַ גאָר גרויסע צאָהל אידען. שטעל זיך פאָר, ווען אימיצער, אַ וויכ־טיגער איד פון וואַרשע הערט מיך און איך געפעל איהם, און ער געהט אַוועק קיין וואַרשע און רעדט זיך דורך מיט די דאָרטיגע רייכע בעלי בתים און מען וויל מיך אַוועקנעהמען. מען זאָגט מיר צו צו פאַרטאָפּלען מיינע

שכירות... פרעג איך דיך, וואס וואלטען זיי געטאן?... איך בין זיכער אז גארניט. זיי וואלטען מיך געלאזען גענהן.

— דו מאכסט א טעות, יואל דוד. מען וואלט דיך בשום אופן ניט געלאזען געהן.

— און א העכערונג וואלטען זיי מיר געגעבען?... פארוואס זאל איך טאקע דארפען ליידען... ווען איך בין זיכער, אז אין ווארשע וואלט איך געקאנט קריגען צוויי מאל אזוי פיל?

— איך צווייפעל ניט, אז ווען די ווילנער בעלי בתים געפינען אויס, אז א צווייטע גרויסע שטאט וויל דיך אוועקנעהמען, וואלטען זיי דיך ניט אפגעלאזט. זיי וואלטען דיר אנגעבאטען אזוי פיל ווי יענע שטאט. איך דארף דאך דיר ניט זאגען, יואל דוד, ווי טייער דו ביזט ביי יעדען ווילנער אידעי, ווי איינגעבאקען דו ביזט אין זייערע הערצער. זעהסטו דען ניט ווי געפאקט די שוהל איז דעם שבת ווען דו דאווענסט? און ווי באגייסטערט זיינע אלע געוועזען פון דיין ימים נוראים'דיגען דאווענען. אבער זאג מיר, יואל דוד, האט דיר ווער עס איז געזאגט וועגען ווארשע?

— המ... ניין, אבער איך האב זיך אליין געטראכט... צעהן יאהר איז זעהר א לאנגע צייט צו שטעהן אויף איין פלאץ... עס קאן דאך פאסירען, אז מען ווערט "דערעסען" ביים עולם... פילע גארען שוין א נייעם פנים, א נייע שטים...

— ניין, מיין ליבער, דו ווייסט גאנץ גוט, אז אזא חזן ווי דו וועט ווילנע ניט קריגען... אלע גיבען עס צו. קיינער געדענקט ניט אזא חזן, וועלכער זאל באזיצען אזא וואונדערשעהנע שטים ווי דו... אויב דו גלויבסט אז די אינטערעס צו הערען דיך זינגען איז אפגעשוואכט געווארען, קאן איך דיך פארזיכערען, אז דו מאכסט גאר א גרויסען טעות. פארקעהרט, דיינע פארעהרער און דיינע אפשאצער זיינען פארמעהרט געווארען. איך הער זיך געגוג אן די לויב ווערטער וואס מען זאגט וועגען דיר... איך ווער אזוי שטאלץ, ווען איך טראכט אז דו ביזט מיין מאן, אז דו געהערסט נאר צו מיר אליין... צו מיין גליק איז דאן קיין גרעניץ ניטא... איך פיהל, אז מיט דיר וועל איך קאנען איבערלעבען די גרעסטע יסורים און פיין, וואס דאס לעבען האט פאר מיר אנגעגרייט.

— פארוואס זאלסטו אזוי רעדען חנה'לע? — דאס לעבען האט פון איצט אן אנגעגרייט פאר אונז ביידען גליק און פרייד. מיר האבען שוין אונזער חלק יסורים באקומען.

— גאט ווייסט! — האט חנה'לע א זיפץ געטאן און געווישט איהרע אויגען, — ווער האט זיך געריכט אז צו אונז וועט פלוצלונג קומען אזא אומגליק און מיר וועלען פארלירען אונזער ליב קינד, אונזער טייער טעכטער'ל?!

— נו, דו פאנגסט שוין ווידער אן. מיר האבען דאך אפגעמאכט מעהר ניט צו ריידען וועגען דעם. דו ווייסט דאך אז דו טארסט זיך ניט אויפרעגען

איז דיינע אומשטענדען. גאָט וועט געבען, דו וועסט איבערקומען, און דאַן וועלען מיר געפינען א טרייסט.

— דו ביזט גערעכט, מיין טייערער, — האָט חנה געזאָגט, — איך וועל מעהר ניט טראַכטען פון דעם. יאָ, איך האָב פארגעסען דיר איבערצו־געבען גוטע נייעס. ענדליך האָבען טאַטע און מאמע געגעבען זייער צו־שטימונג צו לאה׳לעס חתונה האָבען מיט לייב׳קען. מיין אָרימע שוועסטער ווייסט נאָך אפילו ניט פון איהר גליק... דאָס האָב איך פאַר איהר אויפ־געטאָן. די מאמע האָב איך געהאַט שוין געוואונען אויף מיין זייט נאָך נעכ־טען, און היינט אין אָווענט ווען דו ביזט אַוועק און איך האָב זיך געזעצט ביים טיש מיט מיינע עלטערען טרינקען טהעע, האָבען מיר גענומען ריידען. ס׳פארשטעהט זיך אז פריהער האָבען מיר גערעדט פון דיר, אז דו ביזט אַוועק אויף דעם אָווענט פון הויז ווייל דו האָסט מורא טאָמער וועט קומען דער פאַן קרוזשענסקי און דו וועסט איהם ניט קענען ענטזאָגען. איך קען דיר ניט איבערגעבען ווי צופרידען מיין טאַטע איז פון דעם געווען. און ער האָט אָנגעהויבען רעדען וואָס פאַר א גליק אונז האָט געטראָפען. ווייל דו ביזט איינער אין א דור, דו האָסט אַלע מעלות, און אויסער דעם וואָס גאָט האָט דיך באַשאָנקען מיט אַזוי פיל טאַלאַנט, ביזטו באַגאַבט מיט אַנדערע מעלות, דו ביזט גוטהערציג, גאָטספאַרכטיג מיט׳ן גאַנצען הארצען און עהרליך. דו האָסט מיך ליעב, דו ביזט א געטרייער מאַן.

— דיין טאַטע האָט אַביסעל איבערטריבען, — האָט יואל דוד געלאַכט.

— ניין, מיין ליבער, ער האָט נאָך אפילו קיין העלפט פון דיינע מעלות ניט אויסגערעכענט, און איך האָב עס איהם טאַקע געזאָגט. מיינע אויגען זיינען געווען אָנגעפילט מיט טרעהרען פון פרייד... איך בין דאָך די גליק־ליכסטע אין דער וועלט... ווער קען זיך צו מיר גלייכען... איך האָב זיך דאַן דערמאָהנט אָן מיין שוועסטער לאה׳לע, זי האָט נעכטען פאַר מיר אויס־געגאָסען איהר הארץ. זי האָט געוויינט ווי א קליין קינד. זי האָט מיר געזאָגט אז זי האָט ליב לייב׳קען, ר׳ יהושע זעליג׳ס זוהן, און זי וועט מיט קיין אַנדערען ניט חתונה האָבען... טאַטע און מאמע וועלען איהר ניט קענען צווינגען חתונה צו האָבען מיט נתן׳עז, דעם ישיבה בחור, דעם קרוב פון ר׳ שלמה, וועלכער האָט ביי אונז געגעסען די ערשטע צוויי טעג ראש השנה... זי וועט בעסער בלייבען זיצען ביז׳ן גרויען צאָפּ... זי האָט מיך געבעטען איך זאָל רעדען מיט׳ן טאַטען. אין אמת׳ען האָב איך אליין פּרובירט מיט איהר איינ׳טענה׳ן, אז נתן איז א זיידענער יונגערמאַן, א וואויל־לערנער, און דער טאַטע וועט איהם אריינגעהמען אין געשעפט, וועט זי האָבען אי א מאַן וואָס קען גוט לערנען און אי א מאַן א סוחר. אָבער לייבקע ר׳ יהושע זעליג׳ס איז א סטאָליאַר, זיין טאַטע איז א סטאָליאַר. אמת, זיי זיינען עהר־ליכע מענשען און לייבקע, זאָגט מען, איז א גוטער בעל מלאכה, אָבער ווי פּאַסט עס פאַר ר׳ מרדכי׳ס א טאָכטער צו הייראַטען מיט א בעל מלאכה! זי וועט דאָך ברייגגען שאַנדע און חרפה צו אונז אַלעמען. ווייסטו, יואל דוד, וואָס זי האָט מיר געענטפערט? אז ווען ניט לייבקע וואָלט איך דיך

ניט געקראַנגען פאַר מיין מאַן... דו געדענקסט דאָך געוויס יענעם ערשטען סדר ווען ביי ר' יהושע זעליג'ן אין הויז איז אַלעס חמץ'דיג געוואָרען און דו ביזט אַריבער צו אונז...

— געוויס געדענק איך. איך געדענק אויך אַפילו ווי לייבקע איז צו מיר צוגעגאַנגען אין פּאַליש פון שוהל און ער האָט מיך געבעטען איך זאָל געהן צו די סדרים צו זיי אַהיים און ער האָט מיך תיכף פאַרגעשטעלט פאַר זיין טאַטען.

— יאָ, איך וועל עס אויך קיינמאָל ניט פאַרגעסען. איך האָב אַ טראַכט געטאָן אַז לאה'לע האָט רעכט. ווייל לייבקע איז דאָך טאַקע געווען אונזער שדכן... און די ערשטע עטליכע חדשים פלעגסטו מיט איהם פאַרברייגגען אין אַ שמועס ווען דו פלעגסט זיך מיט איהם טרעפען אין הויף.

— און איך האָב געמיינט אַז עס איז גאָרניט אַזוי ערנסט!... אַזוי גאָר, לאה'לע איז שטאַרק פאַרליבט אין לייב'קען. פאַרוואָס האָסטו עס מיר די גאַנצע צייט ניט געזאָגט?

— איך האָב מיט דיר יאָ עפּעס וועגען דעם גערעדט. אָבער איך וויל דיר זאָגען דעם אמת, יואל דוד, איך אַליין האָב זיך געשעהמט פאַר דיר... וואָס הייסט מיין שוועסטער זאָל חתונה האָבען מיט אַ בעל מלאכה!... איך האָב געמיינט אַז דו וועסט אויך זיין דאַגעגען.

— איך דאַגעגען!... וואָס האָב איך זיך צו מישען!... לייבקע איז אַן עהרליכער בחור, ער איז ניט קיין פּראָסטאַק, איך געדענק ווען מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל געטראָפען האָט ער מיר געזאָגט אַז ער לערנט שוין גמרא דעם דריטען זמן. ער איז אין דיזעלבע יאָהרען מיט לאה'לען. איך זעה ניט איין פאַרוואָס דיינע עלטערען זאָלען זיין דאַגעגען... נו, אַז מען איז אַ בעל מלאכה איז וואָס? ! אין פרק איז געשריבען בפירוש אהב את המלאכה ושנא את הרבנות.

— אָט דאָס האָב איך דאָך טאַקע גע'טענה'ט צו דעם טאַטען. איך האָב איהם געזאָגט אַז לייבקע איז אַ פרומער, ער איז ניט קיין עם הארץ. זאָגט ער מיר, אַז נתן איז אַ זיידענער יונגערמאַן, אַ גרויסער למדן און שטאַמט פון יחוס און אַז דיין ברודער מאָטעל האַלט זעהר שטאַרק פון איהם, דו ווייסט דאָך פאַרוואָס מיר האָבען יואל דוד'ס ברודער אָוועקגעשיקט אין איין ישיבה מיט איהם, ווייל מיר האָבען געוואָלט אַז נתן זאָל מיט איהם לערנען. און ערשט ניט לאַנג צוריק האָט ער גערעדט מיט ר' שלומה'לען און ער האָט איהם געגעבען אַנצוהערעניש אַז לאה'לע געפעלט איהם.

— אָבער לאה'לע וויל ניט זיין קיין רביציו, — זאָג איך איהם.

— ער דאַרף ניט זיין קיין רב, — רופט זיך דער טאַטע אָן צו מיר, — נאָכדעם ווי זיי וועלען חתונה האָבען וועלען מיר איהם אַריינגעהמען אין אונזער געשעפט.

— אָבער זי האָט ליעב לייבקען, — זאָג איך — מאַלע וואָס זי האָט ליעב, זי וועט טאָן וואָס מיר הייסען איהר!" דאַן האָב איך איהם געזאָגט אַז אַ דאַנק לייבקען איז יואל דוד איצט מיין מאַן און אויב ער וויל ניט האָ־

בען קיין בעל מלאכה אין אונזער משפחה, קען ער לייבקע'ן אַריינגעהמען אין געשעפט און פאַרוואָס זאָל זיך לאה'לע פיהלען אומגליקליך. בקיצור, איך האָב אַזוי שטאַרק איינגע'טענה'ט מיט איהם, אַז איך האָב געזעהן אַז ער ווערט שוין ווייכער, האָב איך איהם געזאָגט, אַז אויך דו ביזט זעהר פריינדליך געגוייגט צו לייבקע'ן. עס איז דאָך אמת, דו רעדסט גאַנץ אָפט מיט מיר וועגען איהם און וועגען זיין משפחה.

— גוט האָסטו געטאָן, חנה'לע, ווען איך וואָלט געוואוסט וואָלט איך אַליין עס געזאָגט דיין טאַטען. איך וועל איהם קיינמאָל ניט פאַרגעסען, איך פיהל אַז דורך איהם בין איך אַזוי פּלוצלונג דערהויבען געוואָרען, איך האָב דיך געקראָגען און מיר זיינען ביידע גליקליך. איך ווייס אַליין ניט פאַר־וואָס לייבקע האָט מיך די גאַנצע צייט אויסגעמיטען.

— ער שעהמט זיך. ער זעהט דאָך ווער דו ביזט. נו, טראַכט ער זיך, ווי קומט ער צו דיר. איצט אָבער אַז ער וועט ווערען אונזער שוואָגער וועלען מיר איהם טאַקע אַרויסווייזען אונזער פריינדשאַפט.

— אָבער זאָג מיר שוין, ווי אַזוי האָסטו עס גע'פּועל'ט ביי דיין טאַטען? — האָט יואל דוד געפרעגט.

— דו הערסט דאָך. איך האָב איהם געזאָגט וועגען לייבקע'ן, ווי דורך איהם איז מזל און גליק געקומען צו אונז אין הויז... און איך האָב איהם אויך געזאָגט אַז ער קען אַריינגעהמען לייבקע'ן אין געשעפט, דאַן ווערט ער אויס בעל מלאכה, און איך בין זיכער אַז לייבקע וועט זיך אויס־טויגען צום געשעפט אַ סך בעסער ווי נתן דער קלויזניק. די מאַמע האָט מיר נעגעבען גערעכט און דער טאַטע האָט אויסגערופען:

— איך זעה שוין, ריינקע, אַז אויך דו האַלטסט מיט דיינע טעכטער. נו, זאָל זיין אַזוי. זאָל זיין מיט מזל!

— מיט מזל און מיט גליק, — האָב איך און די מאַמע מיט אַמאָל אויסגערופען.

— איך וועל באַלד געהן אָנזאָגען לאה'לען, — רוף איך זיך אָן, — זי וועט זיך שעצען פאַר דער גליקליכסטער אין דער וועלט.

— בעסער וואַרט צו ביז מאָרגען, — האָט דער טאַטע מיט גע'עצה'ט.

— און איך מוז דיר זאָגען, יואל דוד, אַז איך וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויף דעם מאָרגענדיגען טאָג. איך שטעל זיך פאַר די פרייד וואָס וועט איהר באַנעהמען ווען זי וועט עס הערען... און איך אַליין בין אויך זעהר צופריי־דען. איך האָב אַלע מאָל ליעב געהאַט די משפחה פון ר' יהושע זעליג. זיי זיינען אַלע עהרליכע און פריינדליכע מענשען. אמת, לייבקע'ס שוועסטער, מירעלע, האָט פאַר פילע יאָהרען אויף מיר געטראָגען אַ שנאה.

— אַ שנאה אויף דיר? פאַרוואָס? ווער קען דיך פיינט האָבען? וועמען האָסטו שלעכטעס געטאָן.

— אפשר האָב איך ניט ריכטיג זיך אויסגעדריקט. ניט קיין שנאה, נאָר אַביסעל קנאה האָט זי געהאַט אין איהר האַרצען. איך ווייס אַז זי האָט דיך ליעב געקראָגען פון דעם ערשטען מאָל ווען דו ביזט געזעסען אַ ווײלע ביי

זייער סדר און דו האסט געזונגען דעם קידוש. עס איז גאנץ מעגליך אז זי זאל אזוי פיהלען. ווען דו וואלסט געבליבען ביי זיי וואלסטו אפשר געווארען איהר מאן.

— אה, חנה׳לע, רייד ניט קיין נארישקייטען, — האט יואל דוד זי א קוש געטאן, — דו ווייסט דאך אז מירביידע זיינען א באשערטע פאר... אמת, לייבקע איז געווען גאט׳ס שליח אונז אומצוברייננגען, אבער אויב ניט ער, וואלט שוין גאט געקראגען אן אנדער שליח.

— אבער איך וויים אז מירעלע האט דיך ליב געהאט. שפעטער נאכדעם ווי מיר האבען שוין חתונה געהאט האט מיר דיין מומע יאכע דאס דערצעהלט. זי האט עס מסתמא געהערט פון זלאטע׳ן, מירעלע׳ס מאמע. אבער לאמיך דיר איצט עפעס זאגען, איך האב געהערט אז יאכע אליין זאל זיך האבען איינמאל אויסגעדריקט אז זי וואלט געווען א סך מעהר צופרידען ווען דו האסט חתונה מיט מירעלע׳ן.

אה, דאס איז פוסטע רכילות, חנה׳לע.

איך זאג ניט, אז דאס האט זי טאקע געמיינט, אבער דו געדענקסט ווי פארביסען זי איז געווען געגען מיר, ווען זי האט אויסגעפונען אז מיר געהען חתונה האבען... ווי זי האט מיך געזידעלט און באליידיגט... נו, דאן האט זי עס געזאגט אזוי. עס פארשטעהט זיך, אז נאכדעם ווי זי האט זיך ארומגעזעהן האט זי זיך געענדערט, האט זי אזעלכעס ניט געקענט זאגען.

— מיין מומע יאכע האט דיך ליב ווי איהר לעבען — האט יואל דוד געזאגט.

— טא פארוואס וויכט זי פון אונז? געדענקסט יענע יאהרען ווען זי פלעגט אונז באזוכען יעדען טאג? איצט געהט זי זעלטען אריין אהער.

—דאס איז ווייל זי האט זיך איבערגערעדט מיט דיין מאמען... דו ווייסט דאך אז זיי האבען קיין מאל ניט געקאנט שטימען.

— מיין מאמע האט זיך מיט איהר קיינמאל ניט געקריגט — האט חנה געזאגט. איך גלויב אז זי קומט ניט אריין צוליב עפעס אנדערש. דו געדיינקסט ווען זי פלעגט אריינקומען יעדען טאג און זיך שפילען מיט אונזער נחמה׳לע עליה השלום. אבער זינט זי איז געשטארבען וויל זי אהער ניט ארויפקומען צו אפט כדי אונז ניט צו דערמאנען אן אונזער אומגליק.

— מעגליך אז דו האסט רעכט — האט יואל דוד געזאגט — אבער מיר האבען זיך פאררעדט און עס איז שוין אזוי שפעט.

יואל דוד איז געווען צופרידען וואס דער ליגען איז איהם אזוי געלונגען. חנה׳לע האט איהם קיין סך פראגעס ניט געשטעלט און זי גלויבט טאקע אז ער האט די גאנצע צייט שפאצירט... וואס אבער וועט ער טאן איבערמארגען אין אווענט, ווען ער וועט ווידער דארפען פארברייננגען אין קרושענסקי׳ס הויז?... וואס פאר א תירוץ וועט ער איהר געבען?

ליגענדיג שיון אין זיין בעט האט ער פון דעם געטראכט. דאס וועט זיין דאס לעצטע מאל וואס ער וועט זיי באזוכען. ער וועט חנה׳לען דאן ווידען זאגען אז ער געהט ארום אויף א שפאציר. אבער ער וועט זיך שוין ניט

זאַמען אַזוי לאַנג און וועט טאַקע זעהן באַלד פון דאָרט אַוועקצוגעהן... אָבער קומען מוז ער. ער האָט דאָך צוגעזאָגט קרושעווסקי'ס טאָכטער, די פּאַרבי־סענע אַנטיסעמיטקע. זאָל זי זעהן אַז אידען האַלטען וואָרט. ער האָט אָפּ־געהאַלטען אַ נצחון איבער איהר. ער האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי האָט ניט געוואָלט אַרויסקומען. זי איז פון די וועלכע ווילען ניט שטעהן נעבען אַ אידען... אָבער נאָכדעם ווי זי האָט איהם געהערט זינגען, איז זי שוין אַרויסקומען און אָפּילו געדריקט זיין האַנט...

ער האָט אויך געטראַכט פון מאַניושקאַ'ס אָנבאָט. ער האָט איהם אָנ־געבאָטען אַ גרויסען געהאַלט וויפיל ער וועט נאָר פאַרלאַנגען. וואָס וואָלט טאַקע געווען ווען ער נעמט אָן און פאָהרט אָפּ מיט מאַניושקאַ'ן קיין וואַרשע. ער איז אַ גרויסער מוזיקער. זיינע אָפּעראַס זיינען באַריהמט און ווי גרויס איז זיין פאַרגעניגען געווען צו הערען איהם שפּילען די אַריעס. ער האָט נאָך אַזוינס קיין מאָל ניט געהערט. ער האָט זייערע אויגען געעפענט. ביז איצט איז ער געווען בלויז באַשרענקט זיך אין זינגען תפילות... איצט אָבער קען ער זעהן אַז אויך ביי זיי איז פאַראַן וואונדערשעהנע געזאַנגען...

קאַפּיטעל 30

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען יואל דוד איז אַוועק מיט זיין שווער ר' מרדכי אין קלויז צו דאַווענען דעם ערשטען מנין, האָט זיך חנה'לע אויפ־געכאַפּט פון איהר שלאָף. זי האָט זיך גלייך אָנגעטאָן. איהר מאַמע האָט שוין געגעסען פרישטיק און זי איז אַוועק עפענען די שניט־קראָם. חנה'לע איז באַלד אַריין אין לאָה'לעס צימער. זי האָט פּאַוואָליע געעפענט די טיר און אויף די שפּיץ פינגער אַריין אינעווייניג. זי איז אַ ווייל געשטאַנען באַ־וועגלאָז און געקוקט אויף איהר שוועסטער. זי האָט אַזוי געשמאַק געשלאָ־פען. געוויס חלומ'ט זי פון איהר געליבטען. איהר אָרימע שוועסטער האָט אַ סך דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע עטליכע וואָכען. זי קאָן איהר מיטפיהלען. דער טאַטע האָט זיך אויף איהר געבייזערט. ער האָט איהר געזאָגט אַז זי וועט דאַרפען פאַרגעסען אַן לייבקען. די מאַמע האָט איהר געגומען איינ־ריידען אַז זי וועט זיך פיהלען גליקליך מיט נתנ'ען דעם קלויזניק און אָפּילו זי, חנה, האָט אויך פּרובירט מיט איהר איינ'טענה'ן אַז עס וועט זיין פאַר איהר אַ סך בעסער חתונה צו האָבען מיט דעם קלויזניק, וועלכער איז אַ למדן און שטאַמט פון גרויסען יחוס איידער מיט אַ בעל מלאכה. זי האָט איהר ניט איין מאָל געזאָגט אַז אין זייער משפחה איז נאָך קיין בעל מלאכה ניט געווען... זי אַליין פאַרשטעהט ניט פאַרוואָס איז אַ בעל מלאכה אַ פלעק אין דער משפחה. לויט איהר שכל האָט דאָך געדאַרפט זיין פונקט פאַר־קעהרט, אַ בעל מלאכה, אַ האַרפּעשניק, וועלכער פאַרדינט זיין ברויט מיט זיין בלוט און שוויס, האָט געדאַרפט זיין מעהר אָנגעליינט ווי אַ סוחר וועלכער איז גאַנץ אָפט געצוואונגען אַ ליגען צו זאָגען, צו שווינדלען, וואָס פאַר אַ יחוס איז עס אַ סוחר? זי האָט געהערט אַז צווישען אַמאָליגע תנאים

זיינען געווען בעלי מלאכות, שוסטער, סטאָליארעז און שמידען. איהר דוכט זיך אז מיט דעם וואָס לאה׳לע האָט אויסגעקליבען פאַר זיך א חתן א בעל מלאכה, שטעהט זי העכער פון די אנדערע בעל בית׳ישע מיידלעך. זי באַזיצט א דימענטענע האַרץ. און צוליב דעם האָט זי זיך אזוי פיעל אַנגעליטען.

חנה איז צוגעגאַנגען צו איהר שוועסטער׳ס זייט, זי האָט זיך אַנגעבויגען און איהר א קוש געטאָן אין שטערען.

לאה׳לע האָט זיך אויפגעכאַפּט א דערשראָקענע. זי האָט א קוק געטאָן אויף איהר שוועסטער און האָט זיך א הויב געטאָן און געבליבען זיצען אין בעט.

חנה האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר.

— אָ, עס פאַרדריסט מיר זעהר, לאה׳לע, וואָס איך האָב דיר אויפגעוועקט. דו האָסט אזוי געשמאַק געשלאָפען.

לאה׳לע האָט געריבען איהרע אויגען. זי האָט געגענעצט און געקוקט מיט ערשטוינונג אויף איהר עלטערער שוועסטער.

— איך וויל דיר זאָגען מיין ליבע שוועסטער אז איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויף דער רגע. איך בין געוואָרען זעהר אומגעדולדיג. איך האָב פאַר דיר געבראַכט זעהר א גוטע בשורה — האָט חנה׳לע זי אַרומגענומען און א קוש געטאָן — הער זיך איין, מיין שוועסטער. נעכטען ביינאַכט, האָב איך גערעדט מיט׳ן טאַטען און מיט דער מאַמען וועגען דיר. יואל דוד איז גראַד אַרויס פאַר א שפּאַציר, מיר זיינען געווען אליין, האָבען מיר, פאַרשטעהט זיך גענומען ריידען וועגען דיר און וועגען לייבקע׳ן. איך האָב אזוי פיל איינגע׳טענה׳ט מיט׳ן טאַטען, אז ער האָט זיך אַנגערופען: ״זאָל שוין זיין מיט מזל און מיט הצלחה !״

לאה׳לע איז געבליבען זיצען א געפּלעפּטע. זי האָט זיך אויף דעם ניט גערעכט. ערשט מיט א פּאָר טעג צוריק זיינען אלע געווען געגען לייבקע׳ן. אפילו חנה׳לע האָט איהר אויך געזאָגט מוסר און איהר געהייסען איהם אויפגעבען, און פּלוצלונג ווערט זי גאָר איהר מליץ יושר.

— איך זעה, לאה׳לע אז דו וואונדערסט זיך ווי אזוי קומט עס אז מיר זאָלען זיך מיט אַמאָל ענדערען. אָבער איך מוז דיר זאָגען, אז איך האָב זיך אַרומגעזעהן אז דו האָסט רעכט. מיט א בעל מלאכה דאַרף מען זיך ניט שעהמען און אז א מיידעל דאַרף חתונה האָבען מיט דעם וועמען זי ליבט. און ווען איך בין געקומען צו אַט דעם באַשלוס, האָב איך זיך געטראַכט אז איך וועל דיר קומען צו הילף און דו זעהסט דאָך אז מיר איז געלונגען. טאַטע מאַמע וועלען דיר געבען זייער ברכה און איך גלויב אז מען וועט באַשטימען די חתונה אויף דעם חודש שבט. נו, זאָל זיין מיט גליק און מיט מזל — האָט זי פאַרענדיגט.

— אָה, מיין טייערע שוועסטער — איז איהר לאה געפאַלען אויפ׳ן האַלז — איך בין אזוי גליקליך אז איך וויים ניט וואָס דיר צו זאָגען.

— איך האָב שוין געוואָלט נעכטען ביינאַכט אַריינקומען צו דיר אין צימער, אָבער דער טאַטע האָט מיר געזאָגט אז דו שלאָפסט שוין און עס

וועט זיין רעכט מאָרגען אין דער פריה. איך בין געווען אזוי אומגעדולדיג. איצט מעגסטו וויסען אז יואל דוד איז אויך זעהר צופרידען. דו ווייסט דאָך אז ער איז פון אלע מאָל געווען פריינדליך געניגט צו ליבקע'ן. ער איז דאָך געווען דער וועלכער האָט איהם געבראכט צו אונז. און ווען ער האָט געהערט אז איך האָב געפּועל'ט ביים טאטען, איז ער געווען העכסט צופרידען...

לאה'לע איז ארויסגעשפּרונגען פון בעט, און זיך שנעל אָנגעטאָן.

— איך האָב ניט גענוג ווערטער דיר צו באדאנקען, חנה'לע. ערשט נעכטען ביינאכט האָב איך זיך געלייגט שלאָפען די אומגליקליכסטע אין דער וועלט. איך האָב זיך מיט איהם געטראָפען אין יאָכע'ס שטוב... זי איז דאָך גאָר א וואונדערבארע פרוי. זי האָט מיר א סך געהאָלפען. זי פלעגט מיר ברייגגען צעטעלעך פון איהם און איהם איבערגעבען מיינע צעטעלעך. דו ווייסט דאָך אז דער טאטע האָט מיר פארבאָטען זיך מיט איהם צו זעהן. ער האָט מיר פון הויף ניט געלאָזט ארויסגעהן, פלעג איך שרייבען בריוולעך צו ליבקע'ן און יאָכע פלעגט איהם איבערגעבען. איצט שטעל זיך פאָר ווי גליקליך ער וועט זיך שעצען, ווען ער וועט אויסגעפינען אז מיינע עלטערען גיבען זייער צושטימונג. אָט וועל איך אליין באלד אַוועקגעהן צו איהם אין מאסטערסקאַיע.

— נאָך א זאך האָב איך דיר צו זאָגען — האָט חנה'לע זי ארומגענומען און געדריקט צו זיך — גלייך נאָך דער חתונה וועט איהם דער טאטע אריינגעמען צו זיך אין געשעפט. פארשטעהסט, ער וועט דאן ווערען אויס בעל מלאכה. ער וועט ווערען א סוחר.

— ניין, ניין — האָט לאה'לע אויסגערופען — איך וועל זיין א סך מעהר צופרידען אז ער וועט בלייבען א בעל מלאכה. איך האָב אלע מאָל גע'חלום'ט אז מיין חתן וועט זיין א בעל מלאכה, **ער** וועט פארדינען זיין ברויט דורך זיין פראצע. געדענקסטו, ווען איך בין געווען א קליין קינד, פלעג איך גאנצע טעג פארברייגגען אין ר' יהושע זעליג'ס סטאָלארניע? איך פלעג ליב האָבען צו זעהן ווי ער ארבייט, ווי ער הובעלט די ברעטער, ווי ער זעגט זיי און קלאַפּט צונויף א ברעט מיט א ברעט און עס ווערט א טיר, א פענסטער, א בענקעל, אן אלמער. איך פלעג אין זיך איינזאַפּען דעם ריח פון די פרישע, אויסגעהובעלטע סטרוזשקעס, פון דעם נאָר־וואָס אָפּגעזעגענעם פּאלעווינעס. יע, יעצט קען איך דיר זאָגען אז פון מיין קינדהייט אָן האָב איך ליב געהאט ליבקע'ן. ער האָט מיר אפילו איינמאָל געמאכט א ליאלקע אָנגעשטאָפּט מיט פּאלעווינעס און סטרוזשקעס. ער האָט די קאָפּ אליין אויסגעשניצט פון האָלץ. און שפּעטער ווען מיר זיינען עלטער געוואָרען און עס האָט שוין מעהר פאר מיר ניט געפּאסט זיך צו שפּילען מיט אינגלעך, פלעג איך זוכען יעדע געלעגענהייט אריינצוקומען אין ר' יהושע זעליג'ס סטאָליארנע מיט פארשידענע אויסריידען. אז איך פלעג דערהערען דאָס זעגען פון זעג, האָב איך געפילט ווי איך וואָלט הערען דאָס שפּילען פון שעהנע מוזיק. און איך האָב טאקע ביי א געלעגענהייט זיך

דורכגערעדט מיט ליבקע'ן און איהם געזאָגט ווי שטאַרק ליב איך האָב צו זעהן ווי אַ מאַן אַרבייט, איבערהויפּט ביַי סטאָלעריי. און קורץ נאָכדעם האָב איך געהערט אַז ליבקע האָט אויפגעגעבען די ישיבה און איז גע־וואָרען אַ סטאָליאַר. דאָס האָט מיר פאַרשאַפט זעהר פיל פרייד. איך פלעג גאַנץ אָפט שטעהן אין הויף און אַריינקוקען אין זייער שטוב ווי ליבקע הובעלט די ברעטער, ווי ער בויערט לעכער, קלאַפּט צונויף די ברעטער. דו קענסט זיך ניט פאַרשטעלען ווי שלעכט איך האָב געפילט ווען מיט אײ־ניגע יאָהר צוריק האָט זיך ר' יהושע זעליג אַרויסגעקליבען פון אונזער הויף און זיך אַריינגעקליבען אין ר' שמעון פרנס'עס הויף. ווען ניט יואל דוד'ס מומע ווייס איך ניט וואָס איך וואָלט געטאָן... יעצט פאַרשטעהסטו שוין פאַר וואָס איך וועל זיין אַ סך מעהר צופרידען אַז ליבקע זאָל בלייבען אַ בעל מלאכה?

— אָבער איך האָב געהערט אַז מירעלע, ליבקע'ס שוועסטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קלויזניק — האָט חנה זיך אָנגערופען.

— נו יע, אַ קלויזניק. עס קען זיין אַז ער איז אַ וואוילער יונגערמאַן, איך ווייס ניט, אָבער איך הער, אַז ער וועט עפענען אַ חדר און ווערען אַ מלמד... ניין, מיין שוועסטער, איך וועל ניט דערלאָזען אַז ליבקע זאָל ווע־רען אויס בעל מלאכה און ווערען אַ סוחר.

— איך פאַרשטעה דיר זעהר גוט, מיין שוועסטער — האָט חנה'לע געזאָגט. אָבער איך האָב מורא אַז אונזערע עלטערען וועלען עס ניט פאַר־שטעהן. דו ווייסט דאָך אַז אין זייערע אויגען איז אַ בעל מלאכה אַ פלעק אין דער משפחה, דאַריבער וואָלט איך דיר געבעטען, דו זאָלסט מיט זיי גאָרניט ריידען וועגען דעם אַז דו ווילסט אַז ער זאָל בלייבען אַ בעל מלאכה. זיי וועלען דיר זאָגען אַז זיי וועלען איהם אַריינגעהמען אין געשעפט, זעהר גוט... שטים איין און נאָך דער חתונה וועט איהר טאָן וואָס אייך וועט געפעלען. אויב ער וועט דאַן וועלען פאַרבלייבען אַ בעל מלאכה וועט איהם קיינער ניט קאָנען צווינגען צו ווערען אַ סוחר. פאָלג מיר, לאה'לע, זיי פאַרזיכטיג וועגען דעם ניט צו ריידען. דו דאַרפסט וויסען ווי שווער עס איז מיר אָנגעקומען איידער איך האָב געקראָגען זייער צושטימונג.

— איך וועל טאָן ווי דו הייסט מיר, חנה'לע — האָט לאה'לע אויס־גערופען. און איצט מוז איך גלייך לויפען צו ליבקע'ן און איהם אָנזאָגען די גוטע בשורה... מיין טייערער ליבקע, ווי אומגליקליך ער האָט זיך גע־פיהלט, ווען ער האָט אויסגעפונען אַז מען וויל מיר חתונה מאַכען פאַר נתנ'ען דעם קלויזניק. ווען דו וואָלסט געזעהן דעם צער אין זיינע אויגען, וואָלט אויך דיין האַרץ צוגאַנגען פון וועהטאָג. איך קען דיר ניט זאָגען ווי גליקליך מיר וועלען זיין. אין חודש שבט, זאָגסטו, האָבען זיי באַשטימט צו פייערען אונזער חתונה? חשון, כסלו, טבת, שבט . . . דריי חדשים . . . אין דריי מאָנאַטען אַרום וועל איך חתונה האָבען מיט ליבקע'ן מיט מיין ליבסטען. און דו, חנה'לע, האָסט מיר געהאָלפען דערגרייכען צו דעם העכ־סטען גליק פון מיין לעבען.

— הלואי זאָלסטו זיין אַזוי גליקליך מיט איהם ווי איך בין מיט יואל דוד'ן — האָט חנה'לע געזאָגט און געווישט איהרע אויגען. איך זאָג דיר, לאה'לע, דו ווייסט ניט וואָס פאַר אַן אוצר ער איז. ער איז דאָך אַזוי גוט צו מיר. אויף די הענט וואָלט ער מיר געטראָגען. און כ'האָב איהם אַזוי ליב. דערפאַר קאָן איך דיר אַזוי מיטפיהלען. ווייל וואָס איז דאָס לעבען אָהן ליבע? יע, גליקליך איז יענע מיידעל וועלכע האָט חתונה מיט דעם וועמען זי ליבט מיט איהר גאַנצען לייב און לעבען. מיר דוכט זיך אַז אָהן מיין יואל דוד'ן וואָלט איך קיין טאָג ניט געקענט לעבען... און מיין ניט אַז איך האָב איהם ליב בלויז צוליב דעם וואָס גאָט האָט איהם געבענשט מיט אַזאַ וואונדערבאַרער שטים און ער איז ווילנער שטאָט חזן. ניין, איך האָב איהם ליב אַזוי צוליב זיך... איך בין זיך מודה אַז גאַנץ אָפט ווינש איך אַז מיין יואל דוד זאָל פאַרלירען זיין שטים, ער זאָל ווערען אויס שטאָט חזן, כדי איהם צו ווייזען אַז איך ליב נאָר איהם און ניט זיין טאַלאַנט. איך וואָלט איהם ליב האָבען אפילו ווען ער איז אַ בעל מלאכה, אַ שוסטער, אַ שניידער, אַ סטאָליאַר, אַ שמיד. און טאַקע דערפאַר פיהל איך דיר מיט און איך בין איבערציינגט אַז דו און לייבקע וועלען זיין אַ גליקליכע פּאָר.

לאה האָט נאָך אַמאָל אַ קוש געטאָן איהר שוועסטער און זי איז שנעל ארויס פון שטוב. זי איז מיט האַסטיגע טריט געלאָפען צו לייבקע'ן, וועלכער האָט געאַרבייט ביי זיין טאַטען אין מאַסטערסקאַיע, אין פרנס'עס הויף. זי איז ניט געגאַנגען נאָר געלאָפען. איהרע באַקען האָבען געפלאַמט, איהרע אויגען האָבען געשטראַלט פון גליק.

יהושע זעליג האָט געוואוינט אין אַן אונטערשטער דירה. אויף עטליכע טרעפּלעך אַרונטערצוגעהן. אין אַ ברייטען צימער גלייך ווי מען געהט אריין איז די סטאָליאַרנע געווען. צוויי לאַנגע ווערקשטאַטען און אויף די ווענט זיינען געהאַנגען פאַרשידענע זעגען, קליינע און גרויסע, אויף אַ פּאָליצע נעבען פענסטער זיינען געווען הובלען, דלאָטען, פיילען, ?גבויערס, האַמערס, העקלעך, צוואַנגען, קאַרנישען.

לאה'לע איז צוגעקומען צו דער טיר און זיך אַ ווייליל אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּען איהר אָטעם. זי האָט געהערט דאָס הובלען און זעגען. זי האָט אויפגעעפענט די טיר און זי האָט געזעהן ווי לייבקע שטעהט אָנגעטאָן אין אַ פאַרטוך און זעגט אַ ברעט. ר' יהושע זעליג האָט געהובעלט אַ ברעט אויף דעם ווערקשטאַט. זיי האָבען זי ניט באַמערקט, זייענדיג פאַרטאָן אין זייער אַרבייט. לייבקע האָט געענדיגט צו זעגען דאָס ברעט און ער האָט זיך אויסגעגלייכט און איז געבליבען שטעהן אַ פאַרגליווערטער. לאה'לע שטעהט פונקט געגענאיבער איהם, נעבען דער טיהר. איהר פנים לייכט און איהרע אויגען שיינען. ער האָט קיין וואָרט ניט געקענט ארויסריידען פאַר אַ מינוט. און דאַן האָט ער אַוועקגעלעגט די זעג אויפ'ן ווערקשטאַט און געגומען צוגעהן צו איהר.

— לאה'לע, — האָט ער אויסגערופען.

ר׳ יהושע זעליג האט זיך א קעהר געטאן און ער איז אויך ערשטוינט געוואָרען.

— לייבעלע מיין טייערער! — האט לאה׳לע זיך אָנגערופען. — איך בין געקומען דיר ברייננען א גוטע בשורה... מיין טאטע מאמע זיינען צופרי־דען. אונזער חתונה איז באשטימט געוואָרען אויף דעם חודש שבט, אין דריי מאָנאטען ארום.

— טאטע, דו הערסט! — האט לייבקע אויסגערופען מיט גרויס פייער.

— דו הערסט טאטע, זיי שטימען איין! — אָה, מיין טייערע לאה׳לע! — איז ער שוין צוגעגאנגען צו איהר און זי א קוש געגעבען.

ר׳ יהושע זעליג האט איבערגעלאָזען דעם הובעל אויפ׳ן ברעט און ער איז אויך צוגעגאנגען צו זיי.

— טאטע, דו האסט געהערט! — האט לייבקע אויסגערופען מיט פרייד, — גיב אונז אַפּ מזל טוב.

— מזל טוב, זאָל זיין מיט גליק! — האט ר׳ יהושע זעליג אויסגע־רופען. — איך וויים ניט לייבקע אויב דו האסט פארדינט אזא טייערע מיידעל ווי לאה׳לע, אָבער איך האָף אז איהר ביידע וועט זיין גליקליך. אט וועל איך אריין אָנזאָגען דיין מאמען.

ר׳ יהושע זעליג האט זיי מיט א כיון איבערגעלאָזען אליין פאר א ווייל׳ע און ער איז אריין אין קיך וואו זלאטע איז געווען פארנומען מיט׳ן קאָכען.

— נו, זלאטע, מיר וועלען אין גיכען האָבען נאך א חתונה. — האט ער זיך צו איהר אָנגערופען.

— וואָס פאר א חתונה, וואָס רעדסטו?

— מיר האָבען א גאסט!

— וואָס איז מיט דיר, יהושע זעליג! — האט זלאטע איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג. — וואָס פאר א גאסט, וואָס פאר א חתונה?

— וואָס? דו ווייסט גאָר ניט אז אונזער לייבקע איז א חתן?

— איך וויים שוין גאָר גוט, און איך האָב איהם געזאָגט, ער זאָל זיך ארויסשלאָגען פון קאָפּ לאה׳לען, ווייל איהרע עלטערען וועלען קיינמאָל ניט צושטימען. ווי פאסט עס פאר גבירים זיך מתחתן צו זיין מיט אונז קבצנים, א פיינע זאך לאה׳לע וועט חתונה האָבען מיט א סטאָליאר, א זוהן פון א סטאָליאר... איין איידעם א ווילנער שטאָט חזן און דער צווייטער איידעם א סטאָליאר. איך זעה אז ער האָט פארלאָרען דעם אפּעטיט. ער איז געוואָרען בלאס. טענה איך צו איהם, ער זאָל זיך ניט איינריידען קיין פוינעלעך אין בוזים. לאה׳לע וועט מיט איהם קיינמאָל ניט חתונה האָבען, ווייל איהרע עלטערען וועלען עס ניט דערלאָזען. יע, וואָס זאָגסטו, וואָס פאר א גאסט האָבען מיר.

— אי, ווייבער, ווייבער! — האט ר׳ יהושע זעליג מיט א שמייכעל זיך אָנגערופען. — אז איהר פאנגט אָן ריידען, ווייסט איהר ניט ווען צו ענדיגען. ווען דו לאָזט מיר ענדיגען ריידען, וואָלסטו פארשפּארט צו האלטען אזא לאנגע דרשה. זיי ווייסען אז לאה׳לע איז נאָר וואָס געקומען. איך האָב זיי

ביידע איבערגעלאזט אליין אויף א ווײלע. זי איז געקומען אנזאגן די גוטע בשורה אז ר׳ מרדכי און ריינקע האבן שוין צוגעשטימט צום שידוך און זייער חתונה איז באשטימט געווארן אין דריי חדשים ארום.

— גײה, שוין גײה! דו מאכסט שפאס! — האט זלאטע ניט געוואלט גלויבן.

— וואס מיינסטו איך וועל שפאסן וועגן אזא זאך! קום ארויס וועסטו זי זעהן, דיין צוקונפטיגע שנור.

— גײה ברענג מיר אריין מײן ריינעם פארטוך. — האט זלאטע זיך אנגערופן צו איהר מאן און זי האט גלייך צערעכט געמאכט איהרע האר אונטער׳ן פארוק. גאט מיינער, זאל עס זיין אמת. איך קאן זיך ניט פארשטעלען.

ר׳ יהושע זעליג האט איהר דערלאנגט דעם פארטוך. ער האט איהר אנגעוויזען אויף וועלכען פלאץ איהר פנים איז פארפאזשעט, און זי האט זיך ארומגעווישט און מיט איהר מאן אריינגעגאנגען אין מאסטערסקאיע. זיי זיינען ביידע געבליבען שטעהן א ווײלע ווי צוגעשמידט צו זייערע פלעצער. זיי האבען געזעהן ווי ליבקע האלט לאה׳לען ארומגענומען און קושט זיך מיט איהר. זלאטע האט א וואונק געטאן צו איהר מאן און זיי האבען זיך ביידע באלד צוריקגעצויגען.

— אוי, גאט צו דאנקען! — האט זלאטע געווישט איהרע אויגען. — איך קאן זיך ניט פארשטעלען. וואס הייסט, מיר וועלען גאר ווערען מחותנים מיט ר׳ מרדכי סטראשון! ווי גרויס עס זיינען גאט׳ס וואונדער. ליבקע וועט האבען פאר א שוואגער דעם ווילנער באלעבעסעל, יואל דוד׳ן.

— איך ווייס אז ליבקע אליין איז אויך שטארק איבערראשט! — האט ר׳ יהושע זעליג געזאגט, ער האט מיט מיר די לעצטע צייט קיין ווארט וועגען דעם ניט גערעדט. ער האט געשוויגען און איך האב געקאנט מערקען אז ער איז טרויעריג און פארצווייפעלט. ער האט א מאך געטאן מיט זיין האנט, ווי ער וואלט זיך שוין איינגאנצען מיאש געווען.

זיי האבען ווידער געעפענט די טיר דעם מאל מיט א שטיקעל גערויש, און ליבקע און לאה׳לע זיינען זיי אנטקעגען געקומען.

— מאמע! — איז ליבקע איהר געפאלען אויפ׳ן האלז און איהר גענומען קושען. — מאמע, איך בין דאך אזוי גליקליך. גיב אונז אפ מזל טוב.

זלאטע האט איהם ארומגענומען און געקושט און האט זיך גלייך געווארפען אויף לאה׳לען און זי גענומען קושען. — מזל טוב, זאל גאט געבען איהר זאלט ביידע זיין גליקליך אייער גאנצען לעבען... קום אריין א ווײלע לאה׳לע, קום אריין אין סטאלאווע, די שטוב איז נאך ניט אויפגערומט, אבער דו וועסט דאך קיין פאריבעל ניט האבען.

— מיר וועלען טאקע טרינקען לחיים! — האט ר׳ יהושע זעליג געזאגט. — קומט לאמיר א ווײלע אריינגעהן.

זיי זיינען אריין אין סטאלאווע. ליבקע האט אונטערגעטראגען א בענקעל און געבעטען לאה׳לען זיך זעצען. זי האט אויסגעקוקט אזוי שעהן און

רייצענד אז זלאטע האט זיך שוין ניט געקאנט באהערשן און אויסגערו־פן:

— זאל אזוי שיינען אייערע ביידענס מזל ווי דו, לאה׳לע, שיינסט.

ר׳ יהושע זעליג האט אריינגעבראכט א פלעשל בראנפן וואס איז פארבליבן פון סכות, און זלאטע האט געהאט א פאר קיכלעך פון שבת. ער האט אנגעפילט די קעלישעקלעך און ר׳ יהושע זעליג האט אויסגערופן:

— לחיים! — קינדער, מיר זאלן דערלעבן צו טרינקען נאר אויף שמחות.

— לחיים! — האט לאה׳לע געזאגט און צוגעטראגן דאס קעלישע־קעל צו איהרע ליפן. זי האט ניט געטרונקען, בלויז אנגערירט מיט איהרע ליפן.

— איצט זאג אונז לאה׳לע ווי אזוי האט עס פאסירט. איך מיין ווי קומט עס אז דיינע עלטערן...

— מיין שוועסטער חנה׳לע, זאל געזונד זיין און מיין שוואגער יואל דוד האבן מיר געהאלפן. חנה׳לע האט זיך נעכטן ביינאכט מיט זיי דורכגערעדט און זיי האבן צוגעשטימט. איך האב זיך ערשט פריהער דער־וואוסט פון דעם. חנה׳לע האט עס מיר דערצעהלט און איך בין גלייך גע־לאפן אהער אנזאגן לייבקע׳ן.

— אוי, א געזונט אין דיר, לאה׳לע! — האט זלאטע אויסגערופן.

— זאלסט נאר זיין גליקליך.

— מיט לייבעלען וועל איך זיין גליקליך. — האט לאה׳לע אויסגערו־פן און איהרע שיינענדע אויגען האט זי געווענדעט אין דער ריכטונג וואו לייבקע איז געזעסן. חנה׳לע האט מיר אויך דערצעהלט אז מיינע עלטערן פלאנעווען איהם אריינצונעהמען אין געשעפט. אבער איך האב חנה׳לען גע־זאגט, אז איך וועל זיין מעהר צופרידען אז מיין מאן וועט פארבלייבן א בעל מלאכה.

— וואס רעדסטו, לאה׳לע, עס וועט זיין א סך בעסער ווען לייבקע וועט קאנען אויפגעבן סטאליאר. דו זעהסט דאך וואס פאר א גליקען א סטאליאר מאכט. מען איז שטענדיג פארהארעוועט, די הענט פארמאזאליעט, צעשטאכען פון דעם האלץ. אזא יאהר אויף מיר. ווי גוט עס וואלט געווען ווען ער קאן ארבייטען אין געשעפט. לייבקע איז אהן עין הרע פעהיג, ער קען גוט ריידען פויליש און רוסיש. ער קאן אויך חשבונ׳ען, וואס זאגסטו לייבעלע, בין איך ניט גערעכט? — פרעגט איהם זלאטע.

— אין וועל טאן אלעס וואס לאה׳לע וועט מיר הייסען. — האט לייבקע געזאגט. — איך וועל זיך ניט פוילען צו ארבייטען. איך ווייס וואס לאה׳לע טוט פאר מיר. זי האט געקאנט טאן דעם בעסטען שידוך. זי פארלאזט אזא רייכע היים און זי געהט חתונה האבען מיט מיר... האט זי פארדינט איך זאל ערפילען אלע איהרע וואונשען.

— אבער א בעל מלאכה פינסטערט אפ זיין גאנצען לעבען, ארבייט שווער און ביטער און פארדינט קוים זיין ברויט. — האט זלאטע געזאגט. —

דו זעהסט דאך ווי דיין טאטע מאטערט זיך, ארבייט ווי א פערד טאג און נאכט און מיר קאנען קוים דורכקומען. אבער א סוחר, אז גאט וויל פארדינט ער אין איין טאג, דאס וואס א בעל מלאכה דארף אויסארבייטען מיט זיינע הענט א גאנצען חודש.

— איז מיינע אויגען שטעהט א בעל מלאכה א סך העכער פון א סוחר. — האט לאה׳לע זיך אנגערופען. — איך בין זיכער אז מיר וועלען זיך באַנוגענען מיט זיינע פארדינסטען און מיר וועלען ביידע זיין גליקליך.

— איך מוז דיר זאגען זלאטע, אז לאה׳לע איז גערעכט, האט ר׳ יהושע זעליג געזאגט, א מענש, א הארעפאשניק דארף ביי זיך ניט זיין געפאלען. ווי עס שטעהט געשריבען אין קהלת: מתוקה שנת העובד (זיס איז דער שלאף פון ארבייטער), אז עהרליכער בעל מלאכה האט זיך ניט וואס צו שעהמען.

— פון דעסטוועגען האט נאך ניט פאסירט אז א בעל מלאכה זאל ווערען גבאי אין שוהל — האט זלאטע א זאג געטאן. און האסטו געהערט, אז מען זאל א סטאליאר געבען מפטיר סיידען עס פאסירט עפעס אויסער־געוועהנליכעס. פאר וואס זאלען מיר זיין גענארט... פאר א געשעפטסמאן האט מען דרך ארץ און טאקע גיב א קוק ווי אזוי א געשעפטסמאן לעבט און ווי אזוי לעבט א בעל־מלאכה?

— אבער דאס מיינט נאך אלץ ניט אז א געשעפטסמאן איז גליקליכער פון א בעל מלאכה — האט לאה׳לע געזאגט — דער קאפ פון א געשעפטס־מאן איז שטענדיג פארדרעהט. ער איז פארזארגט. ער האט גענוג דאגות. ער שלאפט ניט קיין נעכט. אט דארף ער צאהלען וועקסלען. און אט דארף מען איהם צאהלען. ער זארגט וועגען דעם וואס וועט זיין אז דער טערמין צו צאהלען קומט אן און ער וועט ניט קענען באוויזען צו צאהלען. אדער וואס וועט זיין ווען זיין בעל־חוב וועט איהם אנזעצען אדער ניט קענען צאהלען דעם חוב צו דער באשטימטער צייט. א בעל מלאכה אבער טוט זיין ארבייט און האט קיינע זארגען. ער ארבייט שווער און ביינאכט שלאפט ער געשמאק.

— עס איז זעהר שעהן פון דיר לאה׳לע, אזוי צו רעדען — אבער דו פארגעסט די זארגען פון דעם בעל מלאכה, ווען ער געהט ארום ארבייטסלאז, ווען ער זוכט ארבייט און קען ניט געפינען. וויפיל וואכען אין יאהר געהט א בעל מלאכה ארום פאר׳דאגה׳ט, פארזארגט — ער האט קיין ארבייט ניט און עסען דארף מען, דירה געלד צאהלען מוז מען... זעהסטו ווען א בעל מלאכה וואלט געוועזן בעזארגט מיט ארבייט אזוי לאנג ווי ער איז געזונט און קאן ארבייטען. אבער דאס איז ניט אזוי! — רופט אויס זלאטע.

— א, מאמע, פאר וואס זאלסטו איצט רעדען וועגען דעם. גאט וועט אונז ניט פארלאזען. איך בין אזוי גליקליך...

— איך קען זיך נאך אלץ ניט פארשטעלען — האט זלאטע געזאגט צו לאה׳לען ווי אזוי דיינע עלטערן האבען איינגעשטימט — איך האב גע־מיינט אז...

ר׳ יהושע זעליג האָט א וואונק געטאָן צו זלאטען און זי האָט ניט פארענדיגט.

— איך וועל באלד געהן אָנזאָגען מירעלען — האָט זלאטע אויסגע־רופען — אי וועט זי זיך פרעהען — א קליינינקייט. מירעלע האָט דיך פון אלע מאָל ליעב געהאט. דו ביזט נאָך אלס קינד געווען אזא גוטינקע, אזא צוגעלאָזענע. זאָל גאָט געבען אז איהר זאָלט זיין גליקליך אייער גאנצען לעבען.

לאה׳לע האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ און ווענדענדיג זיך צו לייבקע׳ן האָט זי געזאָגט:

— איך דאַרף שוין געהן. איך וועל דיך היינט זעהן אין יאָכעס שטוב. דאָרט וועל איך דיר איבערגעבען אלץ. איך וועל דיר שוין זאָגען ווען דו זאָלסט צו אונז ארויפקומען.

זי האָט זיך גענעגענט מיט זלאטען און ר׳ יהושע זעליג׳ן. לייבקע האָט זי ארויסבאגלייט ביז׳ן טיר. זי האָט איהם א קוש געטאָן און געזאָגט:

— ווען דו וועסט זיין ביי אונז און דער טאטע וועט מיט דיר רעדען וועגען אריינעהמען דיך אין געשעפט זאָלסטו ניט זאָגען אז איך וויל דו זאָלסט פארבלייבען ביי דיין ארבייט. דאָס וועלען מיר ניט פארזאמען שפּע־טער, נאָך אונזער חתונה. דו פארשטעהסט, מיין טייערער!

— איך פארשטעה, לאה׳לע ליבענקע. איך וועל שוין וויסען וואָס צו זאָגען.

ערשט דאן ווען זי איז שוין ארויס פון שטוב, איז לייבקע צוגעלאָפען צו זיין מאמען און האָט זי ארומגענומען און געקושט.

— מאמע, איך בין דער גליקליכסטער אין דער וועלט... זאָג מיר, מאמע, איז עס א חלום צי איז דאָס אויפ׳ן וואהר, אנו גיב מיר א קניפּ אין האנט און איך וועל זעהן אויב איך פיהל א וועהטאָג.

זלאטע האָט הארציג געלאכט און ר׳ יהושע זעליג האָט זיך צו איהר אנגערופען:

— נו, לאָמיר געהן צוריק צו אונזער ארבייט... ווען לאה׳לע וואָלט גע־וואוסט וואָס פאר א קאליקע א בעל מלאכה דו ביזט, וואָלט זי שוין ניט פארלאנגט דו זאָלסט בלייבען א סטאָליאר...

— פון היינט אָן ווער איך שוין א גוטער בעל מלאכה — האָט לייבקע א זאָג געטאָן און ביידע זיינען צוריק אריין אין מאסטערסקאיע און זיך גענומען צו דער ארבייט.

לאה׳לע איז אריינגעקומען צוריק אין הויז. זי איז צוגעלאָפען צו דער דינסט און זי א קוש געטאָן.

— גיט מיר אַפּ מזל טוב! איך בין דאָך שוין געוואָרען א כלה! — האָט לאה׳לע א גליקליכע געזאָגט.

— מזל טוב, לאה׳לע — האָט די דינסט אויסגערופען — און זאָג מיר, ווער איז דיין חתן?

— איהר ווערט שוין וויסען! — האָט זי געזאָגט און שנעל אריין אין צימער, וואו חנה'לע און יואל דוד זיינען געווען.

— נו, דו ביזט שוין דאָרט געווען! — האָט חנה'לע זי א פרעג געטאָן און זיך ווענדענדיג צו איהר מאַן האָט זי אויסגערופען:

— יואל דוד, פאר וואס גיסטו איהר ניט אָפּ קיין מזל טוב?

יואל דוד, וועלכער איז געווען פארטיפט אין זיינע געדאנקען, האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ער האָט זיך א שטעל געטאָן און דערלאַנגט לאה'לען זיין האַנד.

— איך ווינש דיר גליק, לאה'לע — זאָל גאָט געבען אז דו און לייב זאָלען זיין גליקליך. ער איז גאָר א וואוילער בחור... און דו טוסט זעהר א פיינעם שידוך. ער ווערט וויסען ווי אָפּצושאַצען א מיידעל ווי דו.

— איך וועל איצט אַרונטערלויפען אונטען צו דיין מומען — האָט לאה'לע זיך אָנגערופען — איך ווייס אז זי ווערט זיך שטארק פרעהען.

—אבער לאה'לע, דו האָסט דאָך ניט קיין פריהשטיק ניט געגעסען. דו געה עסען פריהשטיק. און איך וועל בעטען די דינסט זאָל זי אַרויפשיקען אַהער.

— ניין, ניין. איך וועל בעסער אַרונטערגעהן צו איהר. גוט, איך וועל פריהער עפּעס עסען...

לאה'לע האָט געגעסען פריהשטיק און זי איז באַלד אַרונטער צו יאַכען אין שטוב.

— יאַכענקע, טייערינקע! — האָט זי אויסגערופען מיט גרויס פרייד, ווי נאָר זי איז אריינגעקומען אינוועניג — איך בין דאָך שוין א כלה מיט מזל. טאַטע מאַמע האָבען איינגעשטימט. די חתונה ווערט פאַרקומען אין דריי חדשים אַרום.

— וואָס רעדסטו! — זיי האָבען צוגעשטימט! — האָט יאַכע מיט ערשטוינונג אויסגערופען. ווען?

— נעכטען ביינאַכט. חנה'לע האָט זיך דורכגערעדט מיט זיי און זיי האָבען געזאָגט: "זאָל זיין מיט גליק".

— זאָל טאַקע זיין מיט גליק, מיט מזל און מיט הצלחה! — האָט יאַכע זיך מיט איהר צוקושט... איך קען דיר ניט זאָגען ווי גליקליך איך בין דאָס צו הערען. נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט. דו זאָלסט גאָר ניט זאָרגען. אַלעס ווערט זיך אויסלאָזען צום גוטען... איך האָב גלייך געזעהן אז איהר זייט א באַשערטע פּאָר...

— איך האָב אייך א סך דאַנקבאַר צו זיין, יאַכע — האָט לאה'לע געזאָגט — ווען ניט איהר ווייס איך טאַקע ניט וואָס איך וואָלט געטאָן — איהר האָט אונז ביידען א סך געהאָלפען.

— איך האָב געזעהן אז איהר האָט זיך אַזוי ליב... און איך קען דאָך איהם גאַנץ גוט און זיין משפחה, עהרליכע און גוטע מענשען ביז גאָר.. טאַקע אָרימע, אָבער פיינע מענשען... לייבקע איז א וואוילער בחור. איך ווייס אז ער קען לערנען, און איז פרום... ער ווערט ניט וויסען וואָס צו טאָן

מיט דיר... ערשט מיט עטליכע טעג צוריק איז ער געווען דא אין שטוב און געווארט אויף דיר, האט ער אויסגעגאסען זיין הארץ פאר מיר. ער האט מיר געזאגט אז ער ווייסט אז דיינע עלטערען וועלען קיין מאל ניט איינגעהן אויף דעם שידוך און אז אהן דיר איז זיין לעבען גאר ניט ווערט. איך האב איהם געטרייסט און געזאגט אז אזוי לאנג ווי איהר האט זיךביידע אזוי שטארק ליב וועט איהר שוין געפינען א וועג... און ער האט מיר געזאגט אז ער איז ניט ווערט צו האבען אזא טייערע מיידעל ווי דו. אויסער דעם וואס דו שטאמסט פון אזא רייכער און יחוס'דיגער משפחה, ביזטו א שעהן מיידעל און געבילדעט און דו קענסט טאן דעם שעהנסטען שידוך. אבער איך האב איהם געזאגט אז דו האסט איהם ליב און דו וועסט גאר ניט וועלען הערען פון קיין צווייטען. און איצט האט זיך אלעס אויסגעלאזען צום בעסטען. איך קען דיר איצט דערצעהלען לאה'לע, אז נאך מיט א האלב יאהר צוריק, האב איך געהאט א שטיקעל געשפרעד מיט דיין מאמען און איך האב איהר געזאגט אז ווען יונגע קינדער האבען זיך ליב דארפען זיך עלטערען ניט מישען... איך האב איהר נאך דערמאנט דאן אין דער צייט ווען מיין פלימעניק יואל דוד איז געווארען א חתן פאר חנה'לען... נו, האב איך זיך געוואלט אריינמישען און איך האב טאקע געכאפט אן אפשניט. דו געדענקסט עס ניט, דו ביזט דאן געווען א קינד פון א יאהר צעהן־עלף, אבער איך בין זיך מודה אז ביז היינטיגען טאג, ווען איך דערמאן זיך וויפיל יסורים איך האב פארשאפט חנה'לען, בלוטיגט מיר מיין הארץ. איך קען זיך אליין קיין חשבון ניט אפגעבען פאר וואס איך בין געווען געגען דעם שידוך. איך האב אפשר געמיינט אז יואל דוד אלס שטאט חזן וואלט געקענט טאן א בעסערען שידוך. אבער איצט זעה איך אז עס איז ניטא אזא זאך ווי א בעסערער שידוך. אז צוויי יונגע מענשען ליבען זיך, דאס איז דער בעסטער שידוך... איך זעה דאך ווי גליקליך זיי זיינען ביידע, ווי צוויי טייבעלעך לעבען זיי זיך...

יואל דוד האט קיין בעסערען זיווג ניט געקענט קריגען... ער האט זי ליב מיט זיין לייב און לעבען, און חנה'לע קושט דאך זיינע טריט... מיר דוכט זיך אז נאר צוליב זייער גרויסער און שטארקער ליבע, האבען זיי געהאט געננוג כח אריבערצוטראגען אזא גרויסען אומגליק... עפעס א קלייניגקייט אזא שעהן קינד, אזא געראטען און קלוג קינד ווי נחמה'לע איז געווען. מען האט זי דאך פארברענט מיט די אויגען... איך האב געמיינט אז זיי וועלען עס ביידע ניט אריבערטראגען. זאל גאט געבען, אז זיי זאלען מעהר פון קיין צער ניט וויסען. זאל זי איבערקומען בשלום... איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז איך מייד איצט אוים ארויפצוקומען צו אייך אין הויז. ווייל ווען זי איז געווען "אויף דער צייט" מיט נחמה'לען, עליה השלום, פלעג איך זיין מיט איהר טאג און נאכט. איך פלעג איהר געבען עצות און איהר זאגען וואס זי זאל טאן, איך וויים... אפשר בין איך ניט געווען מזל'דיג. מייד איך איהר טאקע אוים... זאל גאט געבען אז איהר קינד וואס זי וועט איצט געבוירען זאל זיין מיט מזל און מיט לאנגע יאהר... איך בין מתפלל

יעדען טאג פאר זייביידען, פאר איהר און פאר מיין יואל דוד'ן... יע, אין דריי חדשים ארום זאגסטו, וועט זיין די חתונה?

—יע, יאכע, אין דריי חדשים ארום — און איהרע אויגען האבען זיך נאך מעהר צעשטראהלט פון גליק.

אוי, טייערע לאה'לע, דו ביזט א גאלדענע קינד, אזא יאהר אויף מיר. איך ווינש אייך ביידען נאך אמאל גליק און מזל — האט יאכע זי ארומגע־נומען און געקושט. עס איז שוין צייט, אז מיר זאלען טאנצען אויף שמחות. שוין מעהר ווי צעהן יאהר זינט איך האב געטאנצט אויף יואל דוד'ס חתונה... אי, איז דאס געווען א חתונה, קיין ערגערע חתונה זאל ניט זיין ביי דיר, לאה'לע, לייבקע איז א וואוילער יונג, אן עהרליכער ביז גאר, ער איז זעהר פרום און יואל דוד האט מיר געזאגט, אז ער קאן אויך לערנען.

אוודאי קאן ער לערנען. ער האט דאך ביז פופצעהן יאהר געלערענט אין חדרים און אין א ישיבה — האט לאה'לע געזאגט. איך בין גליקליך מיט איהם.

— אייער גאנצען לעבען זאלט איהר זיין גליקליך — האט יאכע געזאגט.

ענדע פון ערשטען טייל.

תיקון טעות

אויף זייט 285 אנשטאט קאפיטעל דריי, דארף זיין קאפיטעל 26.